STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 06179

# GOT LEBT NISHT IN VALD

Helen Burko

•

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

*Lloyd E. Cotsen Trust*
*Arie & Ida Crown Memorial*
*The Seymour Grubman Family*
*David and Barbara B. Hirschhorn Foundation*
*Max Palevsky*
*Robert Price*
*Righteous Persons Foundation*
*Leif D. Rosenblatt*
*Sarah and Ben Torchinsky*
*Harry and Jeanette Weinberg Foundation*
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
*National Yiddish Book Center*

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

העלען בורקא

☆

# גאט לעבט נישט אין וואלד

# דער אלטער היים -
# און אנדענק

# אלוהים איננו גר ביער

# GOD DOES NOT DWELL IN THE WOODS

# GOTT LEBT NISHT IN WALD

by *Helen Burko-Perlstein*

אַלע רעכט געזיכערט דער מחברין
כל הזכויות שמורות למחברת
All rights reserved by the Author

נדפס בישראל
Printed in Israel
תל־אביב, 70 - 1969

פאַרלאַג „ניי לעבן״
Publishing House "Ney Lebn"

---

דפוס „א ו ר״ בע״מ, רח׳ לבנדה 36, טלפון 36910

הערשל בורקא

# גאט
# לעבט נישט
# אין וואלד

-ראמאן-



העלען בורקאָ

# צו דיר מיין אומבאקאנטע שוועסטער

טייערע אומבאַקאַנטע שוועסטער מיינע!

איך ווייס ניט ווי דו זעסט אויס, וואָרום איך האָב דיך קיינמאָל ניט געזען, אָבער אין מיינע לאַנגע שלאָפלאָזע נעכט הער איך אַזוי אָפט דיין פילפאַרביקע שטים. דער עכאָ פון דיין שטים באַגלייט מיך שפּעטער לאַנגע טעג אומעטום, באַגלייט און באַפליגלט.

נאָכדעם ווי איך האָב דורכגעמאַכט די טבילה פון פיל פייערן, זע איך אַזוי אָפט דיין שאָטן, וואָס לעבט אין מיר, ווי אַ פאַרבאָרגענער מלאך, ווי אַ ניט־דערזאָגטע תפילה, ווי אַ שכינה... דאַן רוף איך צו דיר און דו באַפעלסט מיר אַרויס פון מיין שווייגן. עס דוכט מיר דאַן, אַז דו ווילסט פאַרנעמען מיינע ווערטער, ווי אַ טויב־בלינדער פידלער, וואָס באַמיט זיך אויפצוכאַפּן די אייגענע טענער פון זיין פידל. איך דערפיל פּלוצים, ווי עס צעקוועלט זיך אין מיין גאַנץ וועזן אַ פאַרבאָרגן קוואַלעכל, וואָס ריזלט בלינד אין מיר אָן אַן אויסגאַנג. איז...

— וואָס וויל איך?

איך ווייס, אַז איך האָב ניט מער וואָס צו פאָדערן, הגם די וועלט קומט מיר אַזויפיל. נאָך מער אָבער קום איך זיך זעלבסט. איך בין דער בעל־חוב פון מיינע אייגענע חובות. דער פראָצענט־נעמער און דער פראָצענט־געבער. דער לווה און מלווה.

אָפט באַפאַלט מיך די צייט, ווי אַ בייזער הונגעריקער הונט, ווי אַ גע־וויטער און עס גלוסט זיך צערייסן די קייט אויף וועלכער מיין ווילן איז צוגעבונדן. עס פאַרגלוסט זיך, כאָטשבי אויף אַ ווייל, אַרונטערצורייסן דעם פאָרהאַנג איבער די פאַרלאָפענע ווינטיקע יאָרן. אַ בליק טאָן אין דאָס געשעענע מיט אויגן פון אַ פרעמדער און אָבסערווירן זיך זעלבסט. זען זיך פון דער זייט און אַרויסטראָגן אויף זיך אַ גערעכטן אורטייל, וואָס איז שוין אגב אַריבער אַזויפיל אינסטאַנצן...

שטעל איך זיך צו צום געריכט מיט אינערלעכן פּראָטעסט. טרעט אויף אַלס עדות און גלייכצייטיק אלס פּראָקוראָר און פאַרטיידיקער אויף מיין אייגענעם משפּט. איך טו עס, וואָרום איך וויל האָפן, ליבע אומבאַקאַנטע שוועסטער מיינע, אַז דו וועסט האָבן מוט און געדולד, אפשר געוויסע פּאַראינטערעסירונג, אויסצוזיצן צוזאַמען מיט מיר אויף דער האַרטער געריכטס־באַנק און אויסהערן מיין פאַרטיידיקונגס־אָנקלאַגע.

בעט איך דיך:

— זיי זשע געדולדיק צו מיר און הער.

נאָך אַלעמען וועסטו זיך דערוויסן אַ סך שטויגענדע זאַכן וועגן שטורם־לעבן פון אַ פרוי, דיין שוועסטער, וועלכע איז — געטריבן דורך איר אומרו — אַראָפּ פון וועג און קען זיך זעלבסט מער קיינמאָל ניט געפונען...

— פאַרנעם!

איך וועל רעדן מיט פּשוט־פאַרשטענדלעכע ווערטער. אָפנהאַרציק, ווי עס רעדט אַ גלויביקע נאָכן אָפּגעבן אין געריכט אַ שבועה צו זאָגן דעם ריינעם אמת און נאָר דעם אמת. איבערינקס, רעדט אזוי אָפט אַ שוועסטער צו אַ שוועסטער נאָך לאַנגע יאָרן פון ניט זען זיך, פון פרישער באַקענונג.

איך פיל, ווי עס ציטערן מיינע ליפּן. אַ פראָסט נעמט אַרום מיינע איבערגערייפטע גלידער. מיין האַנט ציטערט ווען איך נעם אַראָפּרייסן דעם שלייער איבער די נעפּלדיקע טעג. טעג, וואָס פּלאָנטערן זיך אין ניט אויסגעשפּינטע פעדים פון אַ פאַרפּלאָנטערטן קנויל...

זיי מיר מוחל, ליבע שוועסטער, אָדער האַס מיך, נאָר הער מיך אויס. דאָס וועט זיין דאָס גרעסטע, וואָס דו קענסט טאָן פאַר מיר!

## פארוואלקנטע יוגנט

אָט זע איך זיך אַלס צוועלף יאָריק מיידעלע. איך גיי באָרוועס. אַ זומערדיקער טאָג. פרימאָרגן־טוי וואַשט מיינע פיס. מיין נשמה איז באַפליגלט. רייסט מיך פאַרויס אין אומענדלעכע ווייטקייטן. אַרום — שפּרייטן זיך ברייטע גרינע טעפּיך־פעלדער. אויף די האָריזאָנטן — פאַנאַנדערגעוואָרפענע ישובים. כוטאָרעס און דערפער, וואָס טיקן זיך אין צעבליטע סעדלעך, צעגרינטע ווערבעס און ליפּעס. עס שמעקט מיט אַקאַציע־צוויט און בעז. מיט צוגעלעגערטע באָרעלעך און פריש־געבאַקן ברויט, געטריקנטע יאַגאָדעס און געשאַטקעוועטע קרויט; מיט „לאָטאָט" און געקאָשעטע גראָזן.

מיין דאָרף. איינער פון די פיל מערב־אוקראַינישע דערפער. נידעריקע כאַטעס. געדעכלטע מיט קוליעס שטרוי. באַוואָקסן מיט גרין־געלבן מאָך. און פון זיי, פון די דעכער — אַרויסגעוואָקסענע האַלב־צעוואַלגערטע און פאַרקאָפּציעטע קוימענדלעך, וואָס רויכערן אין די פאַרטאָגן, בין השמשותן און פאַרנאַכטן. די רויכן שלענגלען זיך אַרויף צו די בלויע, אָדער גרויע הימלען און צעפליסן זיך אין דינע נעפּלען.

אַ שליאַך. פון ביידע זייטן האַלב־צייטיקע תבואות. לאָנקעס און הרודעס. עס פּאַשען זיך טשערעדעס. אין די טאָלן, ביי צעלייגטע פייערן, זיצן פּאַסטוכער. זיי פלעכטן „פּאָסטאָלעס" פון ליקע, אָדער קאָרבן פון גרינע ריטלעך. פון צייט צו צייט הויבן זיי אויף זייערע אויגן, כדי כאַפּן אַ קוק צי די טשערעדעס זיינען ניט אַרויף אויף די אַראָפּגעקאָשעטע גראָזן און הייען, אָדער פאַרקראָכן אין די תבואות.

איך גיי פאַרטיפט אין מיינע געדאַנקען. זאַפּ איין אין זיך די פרישע פרימאָרגן־לופט. עס איז אַ תענוג צו גיין אין אַזעלכע פרימאָרגנס, איינהערן זיך צום פויגל־געצוויטשער, פאַרנעמען דאָס צווירקען פון די זומער־פערדעלעך און צוקוקן זיך צו די פאַרשיידנקאָלירעדיקע פלאַטערלעך, וואָס פליען פון זאַנג צו זאַנג און קענען, ווי איך, זיך ניט אָנזעטיקן מיט דער טיפער בלויקייט.

איך מוז זיך אָבער איילן. צו דער שטאָט איז פאַראַן בערך זעקס קילאַמעטער. איך טאָר ניט פאַרשפּעטיקן צו דער ערשטער לעקציע אין דער פוילישער „פאָווּשעכנע", ווו איך זעץ פאָר מיינע לימודים, נאָכדעם ווי איך האָב פאַרענדיקט די פיר־קלאַסיקע פאָלקס־שול אין דאָרף.

אָפטמאָל פאַסירט טאַקע, אַז איך פאַרשפּעטיק (ניט צוליב מיין שולד) צו דער ערשטער לעקציע. דאַן מוז איך בלייבן שטיין הינטער דער טיר אַ פאַרשעמטע ביזן גלעקל, וואָס צעשרייט זיך מיט אַלאַרם און רייסט מיך איינגאַנצן אויף. דערצו נאָך באַקום איך אַ שאַרפן פאָרוואורף פון מיין לערער, וואָס וויל בכלל ניט וויסן, ווי שווער עס קומט מיר אָן דאָס לערנען אין שטאָט.

איך האָב אָבער ניט קיין ברירה. מיינע עלטערן האָבן ניט קיין מאַטעריעלע מעגלעכקייטן דינגען פאַר מיר אַ צימער מיט אויסהאַלט אין שטאָט. מיין פאָטער איז אַן אָרעמער שמיד. ער שטייט פון אינדערפרי ביז שפּעט אין אָוונט אין דער קוזשניע, וואָס געפינט זיך אויף אַ בערגל, ניט ווייט פון שטוב. די מאַמע זיצט גאַנצע טעג איינגעבויגן ביי דער ניי־מאַשין און נייט פויערישע קאַפּטאַנעס. דאָס אַלץ קלעקט קוים אויף אַ

באַשיידענער חיונה פאַר דער משפחה, וועלכע באַשטייט אויסער טאַטע־
מאַמע און מיך, פון נאָך צוויי נפשות — אַ ברודערל און שוועסטערל.

ווי אויף צולהכעיס ציט עס מיך אָבער צו די ביכער, ווי מיין טאַטע זאָגט. איך ווייס ניט פון קיין בעסערן פאַרגעניגן, ווי לייענען אַ בוך. לאַנגע נעכט לעב איך מיט די אויסגעלייענטע העלדן און אין מיין פאַנ־טאַזיע פיר איך מיט זיי אינטימע שמועסן. דאָס צעוועקט נאָך מער מיינע בענקשאַפטן צו אומבאַקאַנטע וועלטן, וואָס ליגן ערגעץ אין ווייטע אַנסופן.

תמיד, ווען איך גיי אַזוי פון דאָרף אין שטאָט, דוכט זיך מיר טאַקע אַז איך שוועב צו אָט די ווייטקייטן. ווי נאָר איך פאַרלאָז די גערטנער און הרעבליע הינטערן דאָרף, צי איך גלייך אַרונטער פון מיינע פיס די שיך, בינד זיי צוזאַמען אויף די שנורעוואַדלעס, וואַרף זיי אַרויף איבערן אַקסל און נעם שוועבן, ווי אַ פריי פויגל אין פעלד. איך דערפיל זיך לייכטער פון אַ פלאַטערל. אַ שמעטערלינג צווישן זאַנגען. אַפילו ווינטער, ווען דער גאַנצער וועג איז אויסגעשפרייט מיט אַ ליילעך פון איינגעטראָטענעם שניי און די פעלדער ליגן איינגעהילט אין דרעמל און אומעט, פיל איך ניט די וועג־ווייטקייט. דעמאָלט איז מיר בלויז איבעריק דאָס פעקל שפייז, וואָס מיין מאַמע גיט מיר מיט אויף אַ גאַנצער וואָך, נאָכדעם ווי זי האָט ביי אירער אַ באַקאַנטער באַשטעלט פאַר מיר אַ בעט צום נעכטיקן אין די זאַוויערוכעס־טעג. יאָ, ווינטער און אין די רעגנדיקע האַרבסט־טעג פאַרבלייב איך טאַקע ביי אָט דער פריינדין ביז פרייטיק, און מאָנטיק קער איך זיך צוריק אין שטאָט אַריין.

אָפטמאָל, ווען איך גיי פון דאָרף אין שטאָט מיטן פעקל שפייז אויף די פּלייצעס, אָדער פון שטאָט אַהיים, אין דאָרף — טרעף איך אין מיטן וועג א פורל מיט אַ פויער, וואָס פאָרט אין שטאָט איינצוקויפן נויטיקע לעבנס־מיטלען פאַר זיין ווירטשאַפט. ער דערקענט מיך נאָך פונדערווייטנס און טוט אַ רוף: „היי, דינה, זעץ זיך! אַ שאָד אַזעלכע יונגע פיסעלעך”. זעץ איך זיך אויפן שטרויענעם געזעס און פאָר. דאָס רוב אָבער פירן די פויע־רים געהילצן צום טייך, צו די ספּלאַוון, און קענען מיך ניט אַרויפנעמען. דעמאָלט גיי איך פוסטריט אין די רעדערדיקע זאַמד־איינשניטן ביז עס ווערט מיר נמאס. כאַפּ איך זיך אַרויף אויפן ראַנד פון שטאַמיקן קלאָץ, וואָס ליגט איינגעבונדן אויפן פאַנאַנדערגעלאָזענעם וואָגן. דער פויער באַ־מערקט עס און שרייט אָן אויף מיר: „אַראָפּ! די אָקסן איז אַזוי אויך גענוג שווער!”—טאַנץ איך שנעל אַראָפּ פון געהילץ־ראַנד און נעם שטיפּעריש

אַפּרייניקן דאָס קליידעלע פון סמאַלע, וואָס האָט זיך אָנגעקלעפּט פון סאָסנע־קלאָץ.

אין די שפּעטע פרילינגס־טעג, ווען עס קומט מיר אויס אַזוי נאָכצוגיין אין די זאַמדיקע רעדער־איינשניטן פאַרטראַכט איך זיך אַזוי וועגן די העלדן פון אַן איבערגעלייענטן בוך ביז איך פאַרבלאָנדזשע צום טייך, צו די ספּלאַוון. דאָ איז דער גאַנצער שטח באַלייגט מיט געהילצן און עס שמעקט מיט פרישער סאָסנע. דער טייך איז אַזוי לאָקנדיק, היימיש און געמיטלעך, אַז עס גלוסט זיך ניט אַוועק פון דאַנען. איך בלייב שטיין אַ פאַרכישופטע און קוק מיט פאַרגאַפטע אויגן, ווי די „ספּלאַוושיקעס" קלאַפּן צונויף די קלעצער, בויען דערויף בודקעס, כדי מיטן דאַזיקן געהילץ־געוועב זיך שפּעטער לאָזן לענגאויס דעם שטראָם אין דער גרויסער וועלט אַריין, אַזש ביז גדיניע...

איך בין זיי מקנא אָט די געוואַגטע „שווימער" און וואָלט גערן אַוועק־געשווומען צוזאַמען מיט זיי אין דער אויסגעטרוימטער אָנסופיקייט. איך ווייס אָבער, אַז דאָס איז ניט מער, ווי אַ טרוים און גיי אַוועק אַ רעזיגנירטע לענגאויס דעם טייך־ברעג ביז איך קום צו אַן אָרט, וווּ די וואַסערן זיינען פּליטקע. דאָ, ווייט פון מענטשנס אויג, וואַרף איך אַוועק אין אַ זייט די טעקע מיט די ביכער, טו זיך שנעל אויס און מוטער־נאַקעט לאָז זיך שווימען אין לוילעכן וואַסער, ווי אַ פיש...

דער טייך איז לאַנג, ציט זיך ווער ווייסט וווהין, אָבער ער איז ניט ברייט. אויף דער צווייטער זייט, כמעט ביים סאַמע ברעג, שטייט פאַר־חלומט דער וואַלד, וואָס לאָקט מיט זיין גרינקייט, סאָסנע־גערוך און פויגל־געצוויטשער. דאָס צוויטשעריי פאַרהילכט דעם גאַנצן אַרום און פאַנגט מיין נשמה, ווי אַ ווונדערבאַרע מוזיק. דאַן כאַפּט מיך אַרום אַן אומבאַ־גרענעצטער ווילן אַריבערצושווימען דעם טייך, דאָרט וווּ עס רופן די פרייע פויגל. עס פאַרגלוסט זיך מיר אַרומלויפן צווישן דיביימער, ווי אַ ווילדע חיהלע, אָדער ווערן אליין אַ פויגל און פליען פון בוים צו בוים...

איך קען גוט דעם דאָזיקן געדיכטן וואַלד. ניט איינמאָל גיי איך אַהער זונטיק צוזאַמען מיט די פּויערטעס פון דאָרף קלויבן יאַגעדעס, אָדער שוואָמען. איך קען גוט דעם טעם פון „ברוסניצעס", „אַזשינעס", „זשוראַכ־ווינעס" און „סמאַראָדינעס". איך דערקען פונדערווייטנס דעם אונטערשייד פון אַן עכטן שוואָם ביז אַ „מוכאָמאָרע", אַ „מאַסליאַק", אָדער אַ „קאַזליאַק". די פּויערטעס קענען זיך ניט אָפּוווּנדערן פון מיין געשיקטקייט. „האָספּאָדי — זאָגן זיי מיט אַנטציקונג — ווי אָט די דינה איז עס ווילד!

אַן אמתדיק פויעריש מיידל! ניט אומזיסט האָבן זי אַזוי אַלע „כלאָפּצעס״ פון דאָרף ליב! זיי פּגרן דאָך אַלע נאָך איר, הגם זי איז נאָך אַזוי יונג!״

צוריקקערנדיק אַהיים פיל איך ניט קיין מידקייט. צוזאַמען מיט די פויערטעס זינג איך זייערע פאַרבענקטע אוקראַינישע לידער, וואָס קליני־גען אין אַ ווייטן עכאָ צווישן דיביימער. ווען זיי רייסן איבער דאָס זינ־גען אויף אַ ווײַלע הער איך זיך לאַנג צו צום ווידערקול פון מיין איי־גענער שטים און עס דוכט זיך מיר, ווי עמיץ וואָלט דאָרט, צווישן די בוימער־צווייגן געזעסן און מיך נאָכגעקרומט. נעם איך רופן און שרייען „האָ! האָ!״ און דער וואַלד ענטפערט צוריק: האָ! האָווווו!

עס טוט מיר שטאַרק הנאה און איך צעלאַך זיך מיט אַ ווילדן גע־לעכטער. לאַכן מיט מיר מיט די תמימותדיקע פויערטעס. לאַכט אויך מיט דער גאַנצער וואַלד.

אָפטמאָל, אין אַזאַ שעה, ווען איך באָד זיך אַליין אין טייך, דער־שיינט פּלוצים אַ פאַסטוכל, ווי ער וואָלט פון אונטער דער ערד אַרויס־געוואַקסן. ער דערזעט מיך אַ נאַקעטע אין וואַסער און גאַפיעט מיט זיינע גרינע אויגעלעך. ער בלייבט שטיין ניט ווייט פון ברעג און נעמט כלומרשט שניצן אַ ריטל מיט זיין „קאַלאָדייטשיק״־מעסערל, אָדער צע־שפילט זיך אויף זיין ווערבע־פייפעלע אין אַ בענקענדיקן וואַלעכל. איך נעם אים אָוועקטרייבן, אָבער ער שטייט, ווי ניט אים מיינט מען. ער לאַכט מיט אַ ציניש־אומשולדיקן געלעכטערל און באַטראַכט מיין נאַקעטקייט.

נעם איך פּריסקען אויף אים פון טייך אַרויס מיט וואַסער, אָבער עס העלפט ניט. ער שטייט זיך גלייכגילטיק, ווי אַן איינגעגראָבענער אונטער זיך און צעכאָכאָטשעט זיך פּלוצים מיט זיין שקצישן געלעכטער, וואָס טוט מיך נאָך מער דערצערנען. איך וויל זיך לאָזן שווימען מיטן שטראָם ווייט פון פאַסטוכלס גיריקע אויגעלעך, אָבער איך האָב מורא, אַז ער זאָל ניט אָוועקנעמען מיין קליידעלע, אָדער טעקע מיט ביכער. דעמאָלט וואָלט נאָך ערגער געווען. טוק איך זיך אַרונטער אין וואַסער און וואַרט, ביז ער פאַרשווינדט ווען עס באַווייזט זיך פּלוצים זיין קו, וואָס ער פאַשעט דאָ ניט ווייט.

איך טאַנץ דאַן אַרויס פון טייך, צי שנעל אַרויף אויף זיך דאָס העמד און קליידעלע, וואָס קלעפּט זיך צו מיין פייכטן לייב און לאָז זיך לויפן אַהיים דורך די גרינע לאָנקעס, וואָס נעמען זיך באַדעקן מיט פאַרנאַכטיקע שאָטנס. לויפנדיק אַזוי באַווייז איך נאָך אָנצורייסן אַ בוקעט מיט פעלד־

בלימלעך, וואָס שימערירן מיט אַזויפיל פאַרבן און שמעקן מיט טויזנטער בשמים־ריחות.

ווינטער, ווען איך קער זיך צוריק פון שטאָט, פאַרגעס איך אויך ניט אָפּצוקוקן צום פאַרפרוירענעם טייך, וואָס גלאַנצט איצט ווי אַ שפּיגל־גלאָז אַנטקעגן דער פאַרגייענדיקער זון. איך גליטש זיך דאָ אַזוי לאַנג, ביז איך פּיל, אַז איך בין זאַט פון פאַלן און אויפשטיין. ערשט דאַן לויף איך, מיט אַ ראָזן פּנים, איינגעאָנצן אַ צעפּלאַמטע און צעשוויצטע, אַהיים, צום דאָרף, וואָס רויכערט פונדערווייטנס דורך די האַלב־צעוואַלגערטע קוי־מענדלעך און רופט שעלמיש, מיט אומהיימלעכער היימישקייט.

## „די נעכרישטשאנע״

עס דערמאָנט זיך אַ טאָג. איינער פון פיל טעג, ענלעכע איינס צום אַנדערן, ווי צווילינגען. איך גיי פון דאָרף אין שטאָט. אייל זיך, ווי תמיד, כדי ניט פאַרשפּעטיקן די ערשטע לעקציע. פּלוצים דערהער איך אַ שטאַרקן הינט־געביל. נאָך איידער אָבער איך באַוויז זיך אַרומקוקן, דערזע איך, כמעט ביי מיינע פיס, אַ גרויסן, שוואַרצן הונט, וואָס צעיאָמערט זיך מיט אַ ווילד־הינטישן געיאָמער. גלייכצייטיק דערהער איך געשרייען פון די פּאַסטוכער אין טאָל:

— מורי! מורי! קוסי! בייס די נעכרישטשאַנע! בייס!...

איך נעם זיך אָפּטרייבן פון הונט מיט ביידע הענט. פּאַטש מיט זיי, ווי מיט צעבראָכענע פליגל און שריי מיט קולי־קולות: „מאַמע! מאמע!״, גלייך ווי דאָס רופן צו הילף אין אַזאַ שעה די מאַמע, איז די בעסטע סגולה איינצושטילן דעם צעיושעטן הונט. מיינע געשרייען און צעפּלאָשעטקייט צעבייזערן נאָך מער דעם הונט, וואָס פאַרלויפט מיך פון אַלע זייטן און רייסט זיך אַלץ מער צו מיינע פיס. אָט האָט ער שיער אָנגעכאַפּט דעם ראַנד פון מיין זומערדיק קליידעלע, אָבער דאָס אָפּטרייבן זיך פון אים מיט די הענט דערלאָזט אים פאָרט ניט זיך דערנענטערן צו מיר.

זעענדיק, אַז איך וועל ניט בייקומען דעם הונט, וואָס ווערט נאָך אַלץ געררייצט דורך די פּאַסטוכער און זייער ווילדן געלעכטער, כאַפּ איך שנעל אַרויס פון מיין שפּייז־פּעקעלע אַ שטיק ברויט און טו עס אַ שליידער צו די צעשטשירעטע ציינער פון הונט.

אַ וווּנדערבאַר מיטל. דער הונט טוט זיך גלייך אַ לאָז נאָכן שטיק

ברויט, וואָס פאַלט אַריין דערנעבן אין טאָל, צווישן די גראָזן. איך נוץ אויס די „גליקלעכע געלעגנהייט" און נעם לויפן פארויס מיט אַלע כוחות.

— כאַפּ זי! מורי, דער נעכרישטשאַנער, דער ניט געצלימטער! קוסי! קוסי! — העצן די פּאַסטוכער ווייטער דעם הונט, ביי ווענען דאָס שטיק ברויט איז אָבער איצט ווייזט אויס בילכער פון דער „נעכרישטשאַנער". מורי טוט זיך אַ הויב אויף אַ רגע מיט אַ דערשטיקטן געביל און קערט זיך גלייך צוריק צו מיין שוחד.

איך הער ניט אויף לויפן. איך האָב מורא זיך אפילו אומקוקן. אפשר יאָגן מיך נאָך די פּאַסטוכער. איך הער דאָך אזוי באָענט זייער הפקרדיק־ווילדן געלעכטער. און אַז דער דאָזיקער געלעכטער ווערט שוואַכער, פאַרשטיי איך, אַז איך בין שוין געגנוג ווייט פון זיי און נעם גיין לאַנגזאַמער. איך אָטעם אָפּ פרייער, וויש זיך אָפּ דעם שווייס פון צעפלאַמטן פנים און באַטראַכט מיינע פיס און קליידעלע.

לאַנגזאַם קום איך צו זיך. האָב איך גאָרניט פאַרלוירן? ווו איז מיין טעקע מיט די ביכער? דאָס שפּייז־פּעקעלע? — איך פיל ניט, אַז איך האַלט עס אינסטינקטיוו געקרעמפּט אין די הענט. און ווען איך באַמערק עס, כאַפּט מיך אַרום אַ וויסטע חרפּה פאַר זיך זעלבסט. פאַרוואָס בין איך אַנטלאָפן? פאַרוואָס האָב איך געשריגן „מאַמע"? קרומען דאָך איבער די שקצים אַזוי אָפט די יידישע קינדער און לאַכן זיי אויס הלמאי זיי שרייען „מאַמע" בעת מען רייצט אויף זיי אַ הונט.

ניין, איך האָב ניט געפילט קיין פאַרדרוס צום הונט. דערויף איז ער אַ הונט, אַז ער זאָל בילן און איבערפאַלן ווען מען רייצט אים אָן, בפרט ווען דו גייסט פאַרביי „זיינע" פעלדער. איך האָב אַפילו ניט געהאַט קיין פאַר־דרוס אויף די פּאַסטוכער. דערויף זיינען זיי דאָך קריסטלעכע פּאַסטוכער און איך... איך בין דאָך אַ ניט געצלימטע, אַ „נעכרישטשאַנע", ווי זיי זאָגן, אַ יידישקע.

דערפאַר בין איך געווען צופרידן, אַפילו גליקלעך, וואָס עס איז מיר געלונגען פאַלן אויף דער המצאה מיטן שטיק ברויט. מילא, וועל איך צו־הונגערן אַביסל. ערגער בלויז איז מיט דער ערשטער לעקציע צו וועלכער איך האָב פאַרשפּעטיקט.

יענעם טאָג האָב איך באַשלאָסן: וואָס דאָס זאָל ניט געשען מיט מיר — איך וועל מער פון קיין הונט ניט אַנטלויפן. אויך ניט פאַר פּאַסטוכער אין פעלד. עס איז אויך אויסגעשלאָסן, אַז איך זאָל שרייען „מאַמע". ניין,

איך וועל זיי מער ניט צוליב טאָן צו מאַכן פון מיין אומבאַהאָלפנקייט אַ ספּעקטאַקל...

דעם אמת געזאָגט, האָבן די שקצים פון דאָרף מיך קיינמאָל ניט פאַר־פאַלגט אַלס יידישקע. דוכט זיך, אַז זיי האָבן בכלל זיך ניט אָפּגעגעבן קיין רעכענונג וואָס זיי טוען. איך האָב געהאַט דעם איינדרוק, אַז זיי טוען עס גיכער צוליב דעם, כדי דערמיט צו דעמאָנסטרירן זייער אויבערמאַכט, זייער גבורה לגבי דעם שוואַכן מין.

אין אַלגעמיין האָב איך געהאַט דעם איינדרוק, אַז די פּויערים פון דאָרף האָבן אפילו אָפּשיי פאַר די יידן. זיי האַנדלען דאָך מיט זיי. טוישן זייער לאַנדווירטשאַפטלעכע פּראָדוקציע אויף אַנדערע לעבנסוויכטיקע אַר־טיקלען מיט וועלכע עס האַנדלען די דאָרפס־יידן. איך פּערזענלעך האָב ניט איבעריק ליב געהאַט די יידישע הענדלער און זיי אויסגעמיטן. זיי, די הענדלער האַלטן זיך יחוסדיק לגבי מיין טאַטן, דעם שמיד — האָב איך זיך אויך געהאַלטן יחוסדיק אין מיין יחוסלאָזיקייט...

אַנדערש זיינען די פּויערים און נאָך מער די שקצים. אַ ייד איז אַ ייד. זיי ליבן אים און האַסן גלייכצייטיק. ווען מער און ווען ווייניקער. אַנבאַלאַנגט פון די קעגנזייטיקע באַציאונגען. איך ווייס עס. איך האָב עס געוווסט אַלס גאָר קליין מיידעלע און עס געפּילט אַלס מיידל־שילערין. די פּויערים פון דאָרף האָבן פיינט שלימזלען. האָבן הנאה צו מאַכן חוזק איבער שוואַכערע פון זיך. פּויערישע נאַטור אַזאַ.

און דעריבער — ווען איך בין אַ צווייט מאָל אַזוי איבערגעפאַלן גע־וואָרן דורך אַ גרופּע פאַסטוכער, בין איך געבליבן שטיין און זיך ניט גערירט פון אָרט.

— וואָס ווילט איר?

זיי האָבן געלאַכט. געשטשירעט זייערע בלאַנקענדיקע ציין און מיך באַטראַכט מיט גאָרניטזאָגנדיקע, אָדער פילזאָגנדיקע בליקן. אַפילו זייערע הינט, האָבן דערזעענדיק, אַז איך אַנטלויף ניט, מיך בלויז באַשמעקט פון אַלע זייטן, אונטערגעבראָמט שטיל און אפילו ניט געוואָגט צו בילן...

— וווהין גייסטו, דינה? — האָט איינער פון זיי, אַ באַקאַנטער פאַסטוך פון דאָרף, מיך אַ פרעג געטון היימישלעך, אַזוי, כלאחר היד.

— איך גיי אין שטאָט זיך לערנען.

— וואָס לערנסטו דאָרט אין שטאָט, הע?

— ווי אַזוי צו זיין אַ מענטש!...

— אַ וואָזשנע זאך!...

זיי האָבן אויסגעשאָסן אין אַ הילכיקן געלעכטער. אויף זייערע אָפּגעסמאָליעטע פון די זונען־שטראַלן און ווינט פּנימער האָט זיך צעגאָסן אַ סאָרט חוזק־אויסדרוק, וואָס איז שווער צו שילדערן מיט ווערטער. פאַרוווּנדערונג? ביטול?

— זעט וועלכע שיינע צעפּ אָט די יידישקע פאַרמאָגט! — האָט אַ צווייטער באַרירט מיינע האָר — גאָרניט ענליך צו קיין נעכרישטשאַנער...

— טשעפּע זי ניט, איוואַנקאַ, זי איז פון מיין דאָרף. — האָט דער ערשטער געשטשירעט זיינע ווייסע ציין.

— און אַז פון דיין דאָרף איז וואָס? איז זי אַ הייליקע?

— זאָג וואָס דו טראָגסט דאָרט אין דיין פּעקל? — האָט אַ געלבהאָריקער פאַסטוך, מיט ברייטע נעזלעכער און באַשפּרינקלטן פּנים, אַ פרעג געטון. ער האָט דערביי דרייסט אַ טאַפּ געטון דאָס פּעקלע שפּייז אויף מיינע פּלייצעס.

— וואָס גייט עס דיר אָן? — האָב איך שאַרף אָפּגעענטפערט, ניט אָפּרוקנדיק זיך פון אים.

— מסתמא ציקערקעס! — האָבן עטלעכע פון זיי געפּרוווט אָפּצוטרעפן.

— יאָ, ציקערקעס!

— זיי אונדז מכבד מיט אַ פּאָר.

— אַז איר וועט בעטן שיין.

— גוט, וועלן מיר בעטן שיין: גיב! גיב! גיב!

— אַטאַזוי.

ברודיקע הענט האָבן זיך אַ שטרעק געטון צו מיר פון אַלע זייטן. מיילער האָבן זיך צעעפנט מיט גיריקייט און אויגן האָבן געשמייכלט מיט אומגלויבלעכן חוזק־שמייכל און אומגעדולד.

ניט טראַכטנדיק לאַנג האָב איך שנעל פונאַנגערגעבונדן דאָס פּעקלע שפּייז, אַרויסגענומען עטלעכע „קאַרמעלקעס”, וואָס מיין מוטער האָט מיר מיטגעגעבן, און געצונדן פאַרטיילן. די פּנימער פון די פאַסטוכער האָבן זיך נאָך מער צעשטראַלט.

איך האָב מיט אַ פאַרלעגנהייטס־שמייכל געקוקט, ווי די פאַסטוכער וויקלען שנעל פונאַנדער פון די קאָלירטע פּאַפּירלעך די צוקערלעך, וועלכע זיי וואַרפן גלייך אַריין אין די צעעפנטע מיילער. די צוקערלעך כראָמטשען אונטער זייערע ציינער, ווי געטריקנטע קערנער אונטער זשאָרנע־שטיינער.

— האָ, ווי זיס דאָס איז, אַ כאָליערע אין דעם! — רופט זיך אָפּ דער

געלבהאַריקער און שטרעקט גלייך אויס זיין אָפּגעבריטעטע האַנט — גיב! גיב! גיב נאָך!

— נאָך! נאָך! נאָך! — האָט זיך דערהערט פון אַלע זייטן. זיי האָבן מיך אַרומגעשטעלט, ווי אַ זיסוואַרג־קיאָסק און ניט אָפּגעלאָזט פון מיר. די זשעדנעקייט האָט אַרומגעכאַפּט זייער גאַנץ וועזן. די גיריקייט האָט נאָך מער זיך צעגליט אין זייערע אויגן און זיי האָבן ניט אויפגעהערט בעטן מיט אַ פאָדערנדיקן געבעט:

— גיב! גיב! גיב!

— מיר וועלן דערפאַר קיינמאָל ניט רייצן אויף דיר די הינט! זאָל אונדז דער כריסטוס באַשטראָפן, אויב...

— ביסט דאָך אַזאַ גוטע זשידוווקעלע, יעי באָהו!...

— האָט געדולד, זי וועט געבן! זי וועט געבן! — האָט דער געלב־האַריקער געפּרוווט כלומרשט באַרויקן די איבעריקע פּאַסטוכער און דער־ביי געמיינט באַקומען אַ גרעסערע פּאָרציע. ער האָט זיך דערנענטערט צו מיר אַזוי נאָענט, אַז איך האָב אַזש דערפילט די היץ פון זיין צעפלאַמטן פּנים, וואָס האָט איצט אויסגעדריקט איין פאַרלאַנג: נאָך צוקערלעך!

איך האָב געקוקט אויף די צעהיצטע פּנימער פון די פּאַסטוכער, אויפ־געכאַפּט די תמימותדיקע ווילדקייט פון זייערע גרינע, בלויע און מאַנדל־אויגן און דערפילט ניט נאָר מיין הילפסלאָזיקייט לגבי זיי, נאָר מיט־לייד. אָן שיער מיטלייד...

איך האָב אַרויסגענומען די לעצטע צוקערלעך פון זעקעלע און זיי פאַרטיילט.

— נאָט! נעמט! נעמט! אָבער מיינט ניט, אַז איך טו עס, ווייל איך האָב מורא פאַר אייערע הינט!...

— ניין, דו ביסט אַ גוטע יידישקע. מיר ווייסן עס...

יענעם טאָג האָב איך מיט מער שטאָלץ אויפגענומען דעם פאָרוואורף פון פּוילישן לערער הלמאי איך פאַרשפּעטיק אַזוי אָפט צו דער ערשטער לעק־ציע. ער האָט עס מיר אָבער תמיד מוחל געווען, זעענדיק, אַז מיין פאַר־שפּעטיקונג ווירקט זיך ניט אויס נעגאַטיוו אויף מיינע לימודים. ניט נאָר, וואָס איך שטיי ניט אָפּ פון די איבעריקע שילער, נאָר גאַנץ אָפט העלף איך נאָך אַרויס אייניקע פון זיי אין זייער פאַרלעגנהייט בעת די לעקציעס.

# פאַוועל

גאָר אַן אַנדערער פון זיי, פון אַט די פּאַסטוכער, וואָס האָבן ניט איינ־מאָל צעשטערט די פרייד פון מיין גאַנג אין שטאָט, אָדער פון שטאָט אין דאָרף, איז געווען ער, פּאַוועל. גאַנצע פיר יאָר בין איך פון קינדווייז אָן געזעסן מיט אים אין דער שקאָלע אויף איין שול־באַנק. ניט איינמאָל האָב איך אים אַרויסגעהאָלפן בעת די לעקציעס. אַז ער האָט ניט געוווסט צו ענטפערן אויף די פראַגעס פון לערער, האָב איך בגניבה, ווי נאָר דער לערער האָט זיך אָפּגעקערעוועט, אים אַריינגעשושקעט אין אויער די ריכ־טיקע לייזונג און תשובה. אָפטמאָל האָב איך עס געטון דורך צוגרייטן פאַר אים אַ צעטעלע, וויסנדיק פון פאָרויס, אַז ער איז ניט פון די פלייסיקע שילער און גרייט כמעט קיינמאָל ניט צו דאָס וואָס עס ווערט פאַרגעבן דורכן לערער אַהיים.

פּאַוועל איז מיר געווען שטאַרק דאַנקבאַר פאַר דעם. אויפריכטיק דאַנק־באַר און מיר האָט עס הנאה געטון, וואָס איך קען אים אַרויסהעלפן אין זיין פאַרלעגנהייט. און ניט נאָר אים, נאָר אויך אַנדערע שילער און שילע־רינס פון זעלבן קלאַס האָב איך זיך באַמיט אַרויסצוהעלפן, אויב נאָר איך האָב דערצו געהאַט די מעגלעכקייט און אומשטענדן.

איך ווייס עד היום ניט פאַרוואָס עס איז מיך ניט באַפאַלן קיין גע־לעכטער, ווי אַלע איבעריקע שילער און שילערינס, בעת איינער פון קלאַס האָט אָנשטאָט צו ענטפערן אויף די פראַגן פון לערער, גענומען שטאַמ־לען אין אומבאַהאָלפנקייט. איך האָב געוואָלט, אַז קיינער זאָל ניט דורכ־פאַלן. אַלע אין מיין קלאַס און שול זאָלן זיין גוטע שילער. ניט איינמאָל האָב איך אויסגעמיטן צו געבן די ריכטיקע תשובה, הגם איך האָב זי גע־וווסט, אין פאַל ווען דאָס רוב שילער האָבן ניט צוגעגרייט די לעקציעס. דער גאַנצער קלאַס האָט מיין סאָלידאַריטעט אויפגענומען מיט אנערקענונג און געזען אין מיר אַ גוטע חברטע.

— דו ביסט ניט קיין באַרימערקע, ווי אַנדערע. — האָט פּאַוועל מיך געלויבט אין די אויגן — אָבער אַלע ווייסן סייווי, אַז דו בינסט די בעסטע שילערין.

וואָלט עמיץ אַנדערש מיר געזאָגט אָט דעם קאָמפּלימענט, וואָלט איך עס אויפגענומען גלייכגילטיק, ווי אַ געוויינלעכע זאַך, אָבער אַז ער, פּאַוועל האָט עס מיר געזאָגט, בין איך געווען אין זיבעטן הימל. פאַרוואָס? — איך האָב עס דעמאָלט ניט באַגריפן.

בלויז איין זאַך האָב איך ניט געקענט פאַרטראָגן, הגם טיף אין האַרצן, האָט עס מיר פאַרשאַפט אַ געוויסן פאַרגעניגן. דאָס איז געווען דעמאָלט ווען סיי פּאַוועל און סײַ די פּויערים האָבן מיך פאַרגליכן צו אַ קריסטלעך מיידל, צו אַ שיקסל. מיט וואָס דאַרף איך דען, אַלס יידישקע, זיך אונטערשיידן פון זיי פון די שיקסעס? זיינען דאָך פאַראַן צווישן זיי פאַרשיידענע. שיינע און מיאוסע. גוטע און שלעכטע. גענוי אַזוי ווי צווישן די פאַסטוכער זיינען פאַראַן גוטע און שלעכטע שקצים, אַזעלכע, וואָס רייצן די הינט סתם אַזוי, פאַר גאָרניט און אַזעלכע, וואָס מען קען איבערקויפן מיט אַ צוקערל...

דערויף האָב איך קיין ענטפער ניט געפונען און די סיבות דערפון ערשט געוויר געוואָרן — פאַר אַ זייער טייערן פּרייז — אין די שפּעטערדיקע יאָרן, אָדער אפשר בכלל קיין ענטפער ניט געפונען ביזן הײַנטיקן טאָג...

צוליב מיין פריינטלעכער באַציאונג צו פּאַוועלן, און נאָך מער צוליב זיין תמימותדיקער האַלטונג, איז ער אָפט אַריינגעקומען צו אונדז אין הויז. איינמאָל — כדי מאַכן די לעקציעס צוזאַמען און אַ צווייטן מאָל — כלומרשט נאָך אַ ביכל, וואָס פעלט אים אויס. און קיינמאָל איז ער ניט געקומען מיט ליידיקע הענט. זיינע טאַשן זיינען פול געווען מיט צוגעלעגערטע וואַלד־באַרעלעך און עפּעלעך, וואָס איך האָב ניט גערן גענומען ביי אים.

אַז מיין מוטער האָט איין טאָג זיך געכאַפּט, אַז פּאַוועל איז געוואָרן אַ צו־אָפטער אַריינגייער צו אונדז, האָט זי מאַמיש אַ זאָג געטון צו מיר:

— דינהלע, צו וואָס קומט ער אַזוי אָפט צו דיר?

— מיר מאַכן די לעקציעס צוזאַמען, מאַמע. — האָב איך געענטפערט, פילנדיק, אַז איך רויטל זיך. געווען איז עס מסתמא מיין ערשטער יונג־מיידלשער, האַלב־קינדערישער רויטלען זיך, געמישט מיט האַרץ־קלאַפּעניש און פאַרלוירנקייט. אָבער אַזוי איז עס געווען און איך געדענק עס ביזן הײַנטיקן טאָג. גוט, וואָס די מאַמע האָט עס ניט באַמערקט און אפשר אויך ניט אָפּגעפּילט, אָבער זי האָט ניט אויפגעהערט וואָרענען מיך.

— לייטישע צינגער, טאָכטערל, ניט כדאי!...

—גוט, מאַמע, וועל איך אים זאָגן, אַז ער זאָל מער ניט קומען צו אונדז.

אין דער אמתן האָב איך אים אָבער עס קיינמאָל ניט געזאָגט. איך האָב עס אים ניט געקענט זאָגן. ער וואָלט זיך זיכער ניט באַליידיקט. צו דרייסט און תמימותדיק־שקציש איז ער געווען, כדי זיך באַליידיקן. אַנשטאָט עס אים צו זאָגן האָב איך אים גענומען אויסמיידן. אַ געפיל פון דערוואַקסנ־

קייט איז ווי מיטאַמאָל געבוירן אין מיין האַרצן און נשמה. בעסער אַזוי, אויסמיידן אים... אויסמיידן און שוין!...

עס רעדט זיך בלויז אזוי. פּאַוועל האָט שנעל ארויסגעפּילט מיין קאַלט־געמאַכטע באַציאונג צו אים, אָבער ער האָט זיך גאָרניט געמאַכט דערפון און פאַרגעזעצט זיינע באַזוכן ביי אונדז. אַפילו נאָכדעם ווי מיר האָבן שוין פאַרענדיקט די פאָלקס־שול. תמיד האָט ער געפונען אַן אויסרייד, כדי אַריינקומען. דער בעסטער אויסרייד ביי אים איז געווען צו ברענגען לעבעדיקע פיש צו פאַרקויפן. איבערהויפּט פרייטיק. אַז ער איז אַריינגע־קומען איז ער געבליבן שטיין ביים שוועל, זוכנדיק מיט פאַרלוירענע בליקן צי איך בין אין שטוב. אַז איך האָב אים דערזען בין איך אַריין אין מיין אַלקירל, גלייך ער וואָלט מיר ניט אָנגעגאַנגען. איך האָב מיט אַ פּלאַ־טערדיקן האַרץ זיך צוגעהערט, ווי ער רעדט צו דער מאַמע:

— איך האָב אייך געבראַכט פיש. נאַרוואַס פון טייך. פאַר אייך ביליק...

— אַ דאַנק, פּאַוועל, איך האָב שוין געקויפט פיש אויף שבת ביי אַמעלקען. ניט נויטיק, אַ דאַנק.

— אפשר האָט איר ניט קיין געלט וועל איך קומען אַ צווייט מאָל...

— אַ דאַנק, אַ דאַנק, ניט נויטיק.

— ניט איז ניט...

ער איז נאָך געשטאַנען אַ ווײַלע און אָפּגעוואַרט אפשר וועט די מאַמע מיינע זיך דאָך איבערלייגן און נעמען ביי אים די לעבעדיקע פיש, אָדער אפשר וועל איך צופעליק אַרויסקומען. זעענדיק, אָבער, אַז די מאַמע נעמט נייען אויף דער ניי־מאַשין און לייגט מער קיין אַכט ניט אויף אים און אויך איך קום ניט אַרויס, האָט ער אָן חשק אויפגעמאַכט די טיר און איז אַוועק. אַ דערלייכטערטע האָב איך געהערט פאַרן פענסטער זיינע יינגלשע טריט, וואָס זיינען שנעל פאַרטויבט געוואָרן אין דער שטילער גאַס.

ווען פּאַוועלן האָבן פאַרפעלט אויסריידן אַריינצוקומען צו אונדז, האָט ער מיך געגנומען אָפּשטאָטן אין וועג, בעת מיין גיין אין שטאָט, אָדער בעת מיין צוריקקערן זיך פון שטאָט. ער איז דערשינען פאַר מיר אומגעריכט. צופעליק כלומרשט, אַרויסקומענדיק פון טאָל ביים שליאַך.

— אָ, פּאַוועל, ווי קומסטו אַהער? — האָב איך זיך אויפריכטיק דער־פרייט מיט אים און אינסטינקטיוו זיך אַרומגעקוקט צי קיינער באַמערקט אונדז ניט.

— אָט, איך פּאַשע דאָ אונדזער קו אין טאָל... — האָט ער געענטפערט דרייסט.

מיר האָבן זיך אָנגעקוקט און געשוויגן מיט פילזאָגנדיקן שווייגן. ער איז מער ניט געווען יענס אומשולדיק ייִנגל פון דער שקאָלע. פאַר דער צייט איז ער מענערישער געוואָרן. זיך צעוואַקסן. ברייטפּלייציק. בלויז זיין פּאַריסענע נאָז האָט זיך דוכט זיך ניט געענדערט. אויך די זעלבע אויגן־בלויקייט, וואָס האָט געגליט מיט גרינע פייערלעך און זיך אָפּגעשאָטנט אין גראַזיקן טאָל. די פלאַקסענע טשופּרינע האָט אים איצט צוגעגעבן מער האַפּערדיקייט און שקצישע זעלבסטזיכערקייט.

— אַ פּרעכטיקער פרימאָרגן — האָב איך איבערגעריסן דאָס שווייגן — נו, איך מוז גיין.

— גייסט נאָך אַלץ אין שטאָט זיך לערנען, הע?

— יאָ, איך גיי. וואָס דען...

— צו וואָס טויג דיר אַזויפיל לערנען, דינה, האַ?

— וואָלסט זיך נאָך אויך געמעגט לערנען, פּאַוועל.

— איך???

— פאַרוואָס ניט?

— און ווער וועט אויפהאַלטן די כאַזייסטווע? באַארבעטן די פעלדער, הע?

— דיין טאַטע.

— הע, ביי אונדז איז ניט ווי ביי אייך. מען דאַרף העלפן אין דער ווירטשאַפט. — נו, און דו... וועסט שוין בקרוב פאַרענדיקן?...

— מעגלעך... נו, זיי געזונט, פּאַוועל...

— גיי געזונט, דינה...

כמעט ביי יעדער באַגעגעניש דאָס זעלבע שווייגן, אָדער די זעלבע רייד און נאָכן „זיי געזונט" הייסע בליקן, וואָס האָבן מיך באַגלייט ביז איך בין פאַרשווונדן געוואָרן פון זיין אויג. מיט יעדער באַגעגעניש איז מיר אַלץ קלאָרער געוואָרן, אַז ער וואַרט מיך אָפּ. און אַז איך האָב אים ניט געטראָפן האָב איך געפילט, אַז ער פעלט מיר אויס. דוכט זיך, באַלד וועט זיין געשטאַלט זיך אויפהויבן פון טאָל אַרויס און מיר אַנטקעגן קו־מען מיט שמייכלענדיקע אויגן און פאַרשאַרטער טשופּרינע אויף אַ זייט. ער וועט זיך שטעלן ביים ראַנד פון שליאַך און ווי זיין שטייגער אויסרופן פריילעך: „היי, וווהין? אַזוי פרי?..." גלייך נאָכדעם וועט ער אַרויסנעמען אַ בלעטעלע ביבולע און נעמען פאַרדרייען אַ פּאַפּיראָס פון היימישן טיטיון. ער וועט לאַנג באַנעצן דעם ראַנד פון דער ביבולע מיט דער צונג און ערשט נאָך דעם ווי ער וועט צורויכערן פון שנעל־אויסגעריבענעם שוועבעלע,

וועט ער אויפהויבן זיינע בלויע אויגן אויף מיר און קוקן מיט אַזויפיל דערוואַרטונג און פאַרחלומטער בענקשאַפט...

לאַנג, נאָכן צעשיידן זיך, ביי יעדער טרעפונג, איז זיין געשטאַלט ניט אָפּגעטראָטן פון מיינע אויגן. דעם גאַנצן וועג האָב איך געזען נאָר אים. אַ שלאַנקער אַזאַ. אַ הויכער. ווי אַ יונגע סאָסנע אין וואַלד. ער שטייט מיט אַריינגעלייגטע הענט אין די טיפע קעשענעס פון זיינע גאָלף־הויזן און קוקט אויף מיר. זיינע בליקן זיינען הייס. גליען מיין יונג־מיידלשן לייב.

— גיי געזונט דינה...

איך גיי אַוועק, נאָר ער גייט מיט מיר אומעטום. פוסטריט. אויף יעדער שריט. אין דער פּאָושעכבנע, אין קלאַס. אין אַלקירל אויפן בעט. ביים לייענען אַ בוך. ביים אויסטון זיך, כדי זיך לייגן שלאָפן. ביים פאַרמאַכן די אויגן. אין חלום און ווו ניט?...

# ליבע איז בלינד

ליבע, זאָגט מען, איז בלינד און דעריבער גייען פאַרליבטע פאַרלעך געאַרעמט. מיין צוגעבונדנקייט צו פאַוועלן איז נאָך שטאַרקער געוואָרן, ווען איינמאָל — דאָס איז געווען אין אַ האַרבסטיקן פאַרנאַכט, פרייטיק, — האָט ער מיר אַרויסגעראַטעוועט פון זייער אַ פּיינלעכער לאַגע. געראַ־טעוועט מיין מיידלשע ערע, פאַרוואָס איך האָב ניט געקענט אים פאַר־בלייבן אומדאַנקבאַר.

אָ, יענעם פאַרנאַכט וועל איך קיינמאָל ניט פאַרגעסן. מיין צעבליטער אויסזען און מיידלשע רייפקייט האָט געלאָקט ניט נאָר פאַוועלן, נאָר אויך אַנדערע שקצים פון דאָרף. באַזונדערס די דערוואַקסענע פאַסטוכער, וואָס האָבן געהאַט די בעסטע געלעגנהייט, איצט, ניט נאָר אָנרייצן דעם הונט, אָדער כדי אַרויסבאַקומען פון מיר עטלעכע צוקערלעך, נאָר גאָר צוליב עפּעס אַנדערש...

— ביסט אַ שיינע דיווקע! — זיינען זיי גלייך צוגעשטאַנען צו מיר, אַרויסקומענדיק פון טאַל און מיר פאַרשטעלט דעם וועג — קודי? (וווּ־הין?), אייל זיך ניט אַזוי, דינה. זיץ מיט אונדז אַביסל...

— אָט מיט אַזאַ וואָלט איך גלייך חתונה געהאַט, יעי באָהו. — האָט איינער פון זיי זיך אָפּגערופן, געגומען מיך צופן ביי די צעפּ און זיך באַגיין מיט מיר, ווי זיי זיינען עס געוווינט מיט זייערע דאָרפס־מיידלעך,

מיט די שיקסעס. וואָס ווייטער אַלץ פרעכער זיינען זיי צוגעשטאַנען צו מיר.

— לאָמיר זי אַריינשלעפּן אָט־דאָ אין טאָל, אויב זי וויל ניט גיין מיט גוטנס! — האָט אַ צווייטער פאַרגעלייגט און אַ דריטער האָט געלאַכט:

— גיי גלויב, אַז אַזאַ איינע, מיט אַזעלכע בלויע אויגן און בלאָנדע צעפּ איז גאָר בכלל אַ זשידוווקע!

— אַ גוטע כאַליערע אין איר, ווי שיין זי איז!...

איך בין געשטאַנען הילפלאָז און געשוויגן. איך האָב זיי אָנגעקוקט מיט ערנסטע בליקן און זיך ניט אָפּגערופן מיט קיין וואָרט, זייענדיק זיכער, אַז מיין ערנסטקייט וועט זיי אָנטוואָפענען, אָפּהאַלטן זיי פון זייער פרעכהייט.

זיי זיינען געווען אַ גאַנצע כאָפּטע. אפשר אַ טוץ. הויכע, אַרויסגעוואַקסענע פון זייער עלטער. דאָס רוב אומבאַקאַנטע פּנימער. פון אַ שכנותדיקן דאָרף. איבריקנס, האָב איך אויסער פאַוועלן, ניט פאַרגעדענקט זייער אויסזען. אפילו פון אייגענעם דאָרף האָב איך ניט אַלע געקענט. מיך דאַקעגן האָבן אַלע גוט געקענט און ניט איינמאָל פאַרטשעפּעט בעת איך פלעג פאַרבייגיין די גאַס. איך בין געווען געוווינט דערצו און געווען זיכער, אַז אויך דאָ מיינען זיי צו טרייבן איבער מיר אַ שפּאַס לויט זייער שקצישן שטייגער. דאָך איז עס מיר ניט געווען צום האַרצן, ווי תמיד. אַז איך האָב געזען, אַז זיי טרעטן ניט אָפּ פון מיר, נאָר זייער פרעכהייט וואַקסט אָן, האָב איך שטרענג אַ זאָג געטון צו זיי:

— טראָגט זיך שנעל אָפּ פונדאַנען! וואָס ווילט איר?

— העהע, וואָס מיר ווילן! ווייסט גוט וואָס מיר ווילן!... — האָבן זיי געלאַכט.

מיין שטרענגער טאָן פון רעדן האָט זיי נאָך האָפערדיקער געמאַכט. ווי בייזע הינט האָבן זיי מיך אַרומגערינגלט און ניט געלאָזט זיך קערווען. ביי מיין יעדן פרווו גיין ווייטער האָב איך זיך אָנגעשטויסן אויף אייגעם פון זיי, וואָס האָט מיר גלייך פאַרשטעלט דעם וועג.

— קודי? קודי? וועסט ניט גיין!!!

באַמערקנדיק אַ שטעקן אויף דער ערד, ווי עמיץ וואָלט מיר בכוונה אונטערגערוקט, כדי אַרויסרופן אַ פּראָוואָקאַציע, האָב איך אים אַ כאַפּ געטון און געזאָגט מיט רעזיגנאַציע:

— אויב איר מיינט, אַז איך וועל זיך לאָזן אָנחוזקן פון אייך האָט איר אַ ביטערן טעות!

— זעט וועלכע שטאָלצע זי איז, אָט די נעכרישטשאַנע — האָבן זיי זיך נאָך מער צעלאַכט — אַנו לאָמיר זען וואָס דו קענסט!

איינער פון זיי, אַ הויך־וווקסיקער פעסט־געבויטער פאַסטוך, מיט אַ ווויליונגעריש אויסזען, האָט זיך אַ לאָז געטון צו מיר, אַרויסגעריסן דעם שטעקן פון מיין האַנט און אים אַ שליידער געטון אין אַ זייט. דאַן האָט ער פעסט אָנגעכאַפּט מיינע צעפּ און זיך צעכאָכעט מיט אַ ווילדן געלעכטער. זיין נאָענטקייט האָט מיך געעקלט. איך האָב דערפילט די צע־היצטקייט פון זיין פּנים.

דאָס געלעכטער פון די איבעריקע שקצים האָט זיך הפקרדיק צעלייגט איבערן פעלד, ווו אויסער זיי און זייערע סטאַדעס, האָט מען איצט ניט געזען מער קיין לעבעדיקן נפש אין דער נאָענט. דאָס האָט זיי וואַרשיינלעך געגעבן מער מוט צו טרייבן זייער פּרעכן שפּאַס איבער מיר.

זעענדיק, אַז דער פאַסטוך לאָזט ניט אָפּ מיינע צעפּ און ער פּרוווט מיך איצט שלעפּן אין טאָל אַריין, האָב איך ראַפּטום אים געגעבן אַזאַ פעסטן זעץ מיט דער פויסט איך פּנים, אַז ער האָט זיך אַ וואַקל געטון און אָפּגע־לאָזט מיינע האָר. איך האָב זיך געוואָרפן אויף אים און אים גענומען שלאָגן ווו איך האָב געטראָפן. איך בין אַריינגעפאַלן אין אַזאַ פאַסיע, אַז איך האָב אַליין זיך ניט אָפּגעגעבן קיין רעכענונג וואָס איך טו און וואָס דערפון קען אַרויסקומען. אַלץ אין מיר האָט געקאָכט און געברויזט.

אויף אַזעלכעס האָט קיינער פון די פאַסטוכער זיך ניט געריכט. דער אָנגרייפנדיקער פאַסטוך — געוויס ניט. ער האָט אינסטינקטיוו זיך אַ וויש געטון זיין קאַרפּאַטע נאָז און אַלע האָבן באַמערקט בלוט, וואָס איז גערינען פון זיינע ברייטע נאָזלעכער.

דערזעענדיק בלוט האָב איך זיך שטאַרק דערשראָקן, אָבער איך האָב באַשלאָסן ניט אַנטלויפן. במילא האָט עס ניט קיין זין. זיי וועלן מיך גלייך כאַפּן. איינע קעגן אַזויפיל.

— אָ, סעמיאָן — האָבן די איבעריקע פאַסטוכער גענומען לאַכן פון זייער צעבלוטיקטן חבר — שעמסט זיך גאָרניט, אַז אַ זשידוווקע זאָל דיך אַזוי צעכראַטען? כאַ־כאַ־כאַ!

איך האָב זיך געמאַכט, ווי איך וואָלט זייערע ווערטער ניט געהערט און גענומען לאַנגזאַם גיין. סעמיאָן, וואָס האָט זיך געפילט געטראָפן — ניט אַזוי פון מיינע קלעפּ, ווי פון דעם אומאויפהערלעכן חוזק־געלעכטער פון זיינע חברים, האָט מיר פאַרשטעלט דעם וועג און ווידער געפּרוווט אָנכאַפּן ביי די צעפּ.

איך האָב געמאַכט אַ פּאָר שריט אַרונטער און אים ניט צוגעלאָזט צו זיך. ער האָט זיך אָבער אַלץ מער דערנענטערט צו מיר. צוויי פעסטע הענט האָבן מיך איצט געשלעפּט אין טאָל. איך האָב געקאָפּיעט מיט די פיס, געשפּיגן אים אין פּנים און געריסן זיך מיט אַלע כוחות. — אומזיסט. ער איז געווען צעיושעט און ווילד, ווי אַ חיה. ער האָט ניט אויפגעהערט ברומען:

— איצט וועל איך דיר ווייזן וויאַזוי זיך דראַפּען!...

דאָס געלעכטער פון די פּאַסטוכער איז איצט געווען נצחונדיק און פול מיט האַפערדיקייט. זיי זענען מיט לאַנגזאַמע טריט נאָכגעגאַנגען נאָך סעמיאָנען, וואָס האָט ניט אָפּגעלאָזט פון מיר אויף קיין מינוט, און ניט אויפגעהערט אים העצן מיט פרייד און הנאה:

— אַטאַזוי! נעם זי... נעם זי... האַכאַכאַ...

איך האָב זיך געראַנגלט מיט אַלע כוחות. איך בין געוואָרן דערשעפּט. איצט האָב איך געפּרוווט שרייען, אָבער סעמיאָנס פעסטע לאַפּע האָט מיר שנעל פאַרשטאָפּט דאָס מויל. עס איז מיר געלונגען זיך באַפרייען פון אים אויף אַ ווײַלע, אָבער סעמיאָנס ברוטאַליטעט איז אָנגעוואַקסן מיט יעדער מינוט. ער האָט מיט זיין גאַנצן קערפּער מיך געפּרעסט צו דער ערד. איך האָב זיך געוואָרפן אויף ווײַל איך האָב געהאַט כוח און ניט אויפגעהערט אים קנייפּן, דראַפּען און שפּייען אין פּנים, וואָס איז איצט געווען אינגאַנצן פאַרבלוטיקט.

ווער ווייס מיט וואָס דאָס וואָלט זיך פאַרענדיקט ווען ניט... ווען איך דערהער ניט פּלוצים פּאַוועלס שטים. ווי אין חלום. ווי אַ ווײַטער עכאָ אין וואַלד.

— היי, כלאָפּצי! כלאָפּצי! אַך, דאָס איז דאָך... דאָס איז דאָך... דו... דינה!?

איך האָב ניט געגלויבט מיינע אויערן. צי דוכט זיך מיר עס? איז עס ער? איז עס זיין שטים? ערשט ווען ער האָט זיך שנעל אַראָפּגעלאָזט אין טאָל און דערלאַנגט אַ פעסטן זעץ איבער סעמיאָנס צעהיצטן קאָפּ, האָב איך אַרויסגעלאָזט אַן אומגלויבלעכן פריידיקן געשריי:

— פּאַוועל... פּאַ... פּאַוו...

פון מיינע אויגן האָבן אַ שפּריץ געטון טרערן. טרערן פון אמתער פרייד. וועלכער כוח האָט אים איצט אַראָפּגעשיקט אַהער, כדי מיך אַרויסראַטעווען פון סעמיאָנס ברוטאַלע הענט?

— זי איז דאָך אַ יידישקע... — האָט סעמיאָן געזאָגט אַ צעיאַכמערטער

פון זיין ראַנגלען זיך מיט מיר און געשטויננט הלמאי פּאַוועל פאַרטיידיקט מיך.

— און אַז אַ יידישקע איז וואָס? — האָט פּאַוועל געזאָגט אַנטשלאָסן — איצט ווּעסטו האָבן צו טון מיט מיר! פאַרשטייסט?

איך האָב געזען, ווי פּאַוועל האָט זיך אויסגעגלייכט אין זיין גאַנצער הויך, געוואָרפן אויף סעמיאָנען אַ קרומען בליק און זיך געלאָזט צו מיר. אַלע פּאַסטוכער האָבן אויסגעגלאָצט זייערע אויגן. ניט פאַרשטאַנען וואָס דאָ קומט פאָר. פאַרוואָס פאַרטיידיקט מיך פּאַוועל? מסתמא אַ באַקאַנטע, אָדער אַ שכנה...

איך בין געשטאַנען אַ צופרידענע און געקוקט אויף פּאַוועלן, ווי אויף אַ נס. איך האָב זיך צערעכט געמאַכט די האָר און גענומען אויפצוזאַמלען די פונאַנדערגעוואָרפענע ביכער און פּעקעלע. פּאַוועל האָט מיר געהאָלפן דעריין. די פּאַסטוכער האָבן זיך צוגעקוקט מיט פאַרפרוירענע גרימאַסע־שמייכלען אויף די ליפן און געשוויגן תמימותדיק. בלויז סעמיאָן האָט זיך נאָך אַלץ ניט געקענט באַרואיקן און יעדע ווײַלע זיך אַ וויש געטון די נאָז, צי עס רינט ניט קיין בלוט.

אַז איך האָב זיך געלאָזט גיין מיט פּאַוועלן און איך האָב געוואָרפן אַ בליק אויף סעמיאָנען, ווייס איך ניט פאַרוואָס עס האָט מיך אַרומגעכאַפּט אַ געלעכטער. דוכט זיך, ווי איך וואָלט אַלץ פאַרגעסן וואָס דאָ איז נאָר וואָס געשען מיט מיר. איך האָב געהאָט אַ דערהויבענעם געפיל פון נקמה און טיפע דאַנקבאַרקייט צו פּאַוועלן.

אַלע פּאַסטוכער האָבן אונדז לאַנג נאָכגעקוקט ביז מיר זענען ביידע פאַרשוווּנדן פון טאָל. זייערע בליקן זענען געווען אַפּהענטיקע, אַפּגעקילטע, ווי זיי וואָלטן עפּעס פאַרלוירן...

— ער האָט מזל, וואָס ער האָט זיך ניט קעגנגעשטעלט — האָט פּאַוועל געזאָגט צו מיר האַפּעדיק — אָבער עס מאַכט ניט, איך וועל אים נאָך אַנלערנען.

— פונוואַנען האָסטו זיך גענומען אַהער, פּאַוועל? — האָב איך געפרעגט, פילנדיק ווי ער איז מיטאַמאָל מיר נאָך נאָענטער און היימישער געוואָרן.

— איך האָב דיך אָפּגעוואַרט, ווי תמיד — האָט ער ניט געלייקנט — און ווען איך האָב געזען, אַז דו קומסט ניט אָן, האָב איך גענומען דיר גיין אַנטקעגן. דערווייל האָב איך דערהערט אַ געטומל אין טאָל און זיך געלאָזט אַ קוק טון, וואָס דאָרט קומט פאָר. אַז איך האָב דיך דערזען, בין איך

גריט געווען זיך שלאָגן פאַר דיר ביז צום טויט, דינה. שטראָף מיך גאָט, אויב איך זאָג ליגן!

— איך דאַנק דיר זייער, פּאַוועל. איך וועל עס דיר קיינמאָל ניט פאַרגעסן...

מיינע ווערטער האָבן אים צוגעגעבן נאָך מער מוט און האַפּערדיקייט. ער האָט זיך איצט געפילט ניט נאָר שטאָלץ, נאָר דער גליקלעכסטער אין דער וועלט, וואָס אים איז צוגעשיקט געוואָרן אַזאַ געלעגנהייט אַרויסווייזן זיין ליבשאַפט צו מיר. ער האָט גענומען רעדן צו מיר דרייסט — דרייסטער, ווי תמיד:

— בינסט זיכער פאַרמאַטערט, דינה. לאָמיר אָפּרוען אַביסל.

— אַדאַנק, פּאַוועל, איך בין ניט פאַרמאַטערט. — האָב איך געזאָגט ערנסט.

— האָסט פאַרדרוס? וואָס? — האָט ער אַ קוק געטון אויף מיר מיט אַ פילזאָגנדיקן בליק.

— אויף זיי, מיינסטו? אָ, ניין, איך בין זיי מוחל. זיי זענען ניט קיין גראַמאַטנע, אַביסל ווילד...

— קיין ווונדער. — האָט ער געזאָגט מיט אַ שמייכל — זיי האָבן דערזען אַ שיין מיידל. ביסט זיי געפעלן.

— אָבער מיר זענען זיי ניט געפעלן און וועלן אַלס אַזעלכע מיר קיינמאָל ניט געפעלן.

— נו, אַזוי איז עס ביי אונדז פּויערים. יאָ געפעלן ניט געפעלן, אָבער מענערישע גבורה דאַרף מען דאָך ווייזן. דו ווייסט דאָך ווי ביי אונדז איז. דיר דאַרף איך עס ניט דערציילן, דו ווייסט עס גוט. פאַרשטייסט עס...

— ניטאָ וואָס צו וויסן און פאַרשטיין. אַטאַזעלכע זיינען זיי און שוין!

— ריכטיק — האָט ער איינגעשטימט מיט מיר — ניטאָ וואָס צו פאַר־שטיין. ניט כדאי אויך רעדן איבער זיי. איך וועל ביי אַ געלעגנהייט, אפשר נאָך מאָרגן, זיי אַזוי אָנברעכן די ביינער, באַזונדערס אָט דעם סעמיאָנען דעם באַרימער, אַז זיי וועלן ניט וואָגן מער צו באַרירן דיך.

— איך האָב פאַר זיי ניט קיין מורא.

—ביסט אַ דרייסט מיידל, דינה, ערן וואָרט. ביסט אינגאַנצן צעפלאָמט. וועסט דאָך ניט קומען אַזוי, אין אַזאַ צושטאַנד אַהיים. לאָמיר זיך זעצן אַביסל. אָט דאָ, ביים שליאַך, אויפן בערגל. אפשר וועט אָנפאָרן אַ פורל וועסטו גיכער קומען אַהיים.

— ניין, איך מוז גיין. עס איז פריייטיק פאַרנאַכט. איך מוז אָנקומען

ביזן ליכט־צינדן. מיינע עלטערן וועלן איבערקלערן פאַרוואָס איך שפּעטיק זיך.

— אָ, די זון איז נאָך הויך — האָט ער מיך געפּרוווט איבערצייגן — דער בעסטער סימן, אַז אפילו די פאַשענדיקע חזירים האָבן זיך נאָך ניט געלאָזט צום דאָרף.

באַמערקנדיק אַ גראָזיקן בערגל ביים שליאַך האָט ער זיך אַראָפּגעלאָזט און גענומען פאַרויכערן. אין פעלד איז געווען שטיל. פאַרנאַכטיקע שאָטנס האָבן זיך צעשפּרייט פון אַ דערבייאיק־וואַקסנדיקן דאָמב. אַ קליין פאַסטוכל האָט אויפן האָריזאָנט נאָכגעיאָגט אַ סטאַדע חזירים און קי. דער שליאַך איז געווען ליידיק פון פאַרבייפאָרער, אָדער פאַרבייגייער. איך האָב זיך ווירקלעך געפילט אַביסל מיד. ערשט איצט, בלייבנדיק שטיין נעבן פּאָוועלן, האָט די דאָזיקע מידקייט זיך צעשפּרייט איבער מיינע פיס. איך האָב דער־פילט אַ ווייטיק אין די הענט. געהאַט דאָס געפיל, אַז ראַנגלענדיק זיך מיט סעמיאָנען האָב איך אויסגעוויכנעט אַ פינגער. איך האָב אים גענומען אויס־גלייכן און ציען.

— וואָס איז מיטן פינגער? — האָט ער געפרעגט אויפהויבנדיק זיך צו מיר. ער האָט אָנגענומען מיין האַנט אויף וועלכער עס האָבן זיך גע־מערקט רויטע פלעקן און זי פעסט און וואַרעם צוזאַמענגעדריקט אין זיינער.

— גאָרניט. ס'איז גאָרניט געשען. — האָב איך גענזאָגט אַרויסציענדיק מיין האַנט פון זיינער. ער איז געוואָרן ערנסט. געקוקט אויף מיר מיט זיינע בלויע אויגן, אין וועלכע עס האָט זיך געפילט ליבע־געבעט און הייסע פאַר־לאַנגען. איך בין געשטאַנען און ניט געוווּסט, וואָס צו טון. טיף אין האַרצן האָב איך אַזוי געוואָלט בלייבן מיט אים אייניקע מינוטן. אָפּדאַנקען אים פאַר זיין העלדישן טאַט. אויך דער פעלד־אַרום האָט פאַרשיכורט. לעצטע זונען־שטראַלן האָבן זיך געלאָשן און געצונדן פאַרן געדיכטן וואַלד. די פריי־האַרבסטיקע פעלד־שטילקייט האָט אָנגעווייעט אַ סך בענקשאַפט און גע־מיטלעכקייט.

ווי תמיד, אין אַזעלכע רגעים, בין איך אינסטינקטיוו פאַרכאַפּט גע־וואָרן פון דעם דאָזיקן פאַרנאַכט. ניט ווילנדיק בין איך פאַרכישופט געוואָרן פון צווירקעריי פון די זומער־פערדעלעך צווישן די האַלב־צייטיקע תבואות, וואָס זענען געוואַקסן פוןביידע זייטן שליאַך. מיין אויג איז פאַרכאַפּט גע־ווען פון די פילקאָלירעדיקע קאָרן־בלימלעך און פלאַטערלעך, וואָס זענען געפלויגן פון איין זאַנג צום אַנדערן און פאַרלוירן געגאַנגען אין דער זאַנגען־צעכוואַליעטקייט. אַ שטיל ווינטל האָט געשפּילט איבער די זאַנגען, ווי אויף

האַרפּעס. אַ פויגל האָט זיך ראַפּטום אַ ריס געטון פון אַ פעלד־באַהעלטעניש און אַוועקגעפלאַטערט אין דער פאַרנאַכטיקייט אַריין.

אידילישער פאַרנאַכט, וואָס איך האָב אַזוי ליב געהאַט מיט מיין גאַנצער נשמה. אַלע מיינע אברים צעזינגען זיך אין מיר אין אַזעלכע רגעים. יעדער ווייטיק ווערט פאַרטויבט אין מיין האַרץ ביים גאָלדיקן זון־פאַרגאַנג און דערהויבט מיך אויף פליגל פון בענקשאַפטן און טרוימען.

אָ, צי האָב איך אין אַזאַ כישופדיק רייצנדיקן, פּרעכטיקן פאַרנאַכט געקענט ביישטיין מיין אינערלעכן אומרו און אומבאַגריפענע פאַרלאַנגען, וואָס האָבן געזוכט אַ לייזונג? ניט צוזעצן זיך כאָטשבי אויף אַ רגע ביי דער זייט פון דעמיעניקן, וואָס האָט צוריק מיט עטלעכע מינוט אַרויסגעוויזן אַזויפיל גרייטקייט פאַר מיר? — ניין! איך האָב עס ניט געקענט!

ווען איך האָב זיך אַראָפּגעלאָזט אויפן בערגל ביי זיין זייט איז ער געווען גליקלעך. זיין פּנים האָט זיך צעשטראַלט. די ערנסטקייט איז פאַרשוווּנדן געוואָרן. ער האָט פאַר גרויס גליק ניט געוווּסט וואָס צו טון מיט מיר. ניט געקענט רעדן. איך האָב געפילט, אַז ער איז מסוגל פאַר גרויס גליק אַוועקצוטראָגן מיך צוזאַמען מיטן בערגל, אויף וועלכן מיר זיצן איצט ביידע, אין די בלויע הויכקייטן אַריין...

ער האָט שנעל צעעפנט זיין טאָרבע, וואָס ער האָט געהאַט אָנגעהאָנגען איבער זיין פּלייצע, אַרויסגענומען פון דאָרט אַ שטיק קאָרן־ברויט מיט חזיר־פעטס און מיר געבומען מכבד זיין:

— עס, דינה, עס. בינסט זיכער הונגעריק. ביי אונדז איז פאַראַן איצט געבוג חזיר־פעטס. ערשט נעכטן געשטאָכן אַ פּאָראָסיאַנאָק (חזירל). צען שטיק הויפישע פּאָראָסיאַטעס פאַראַן ביי אונדז, יעי באָהו. איך האָב זיי אַליין אויסגעהאָדעוועט. איצט, צו די זשניוועס האָבן מיר איינעם אַוועקגעלייגט. די מאַטי (מוטער) האָט אָנגעלייגט אַ פולע דייזשע, יעי באָהו. עס!

— אַדאַנק, פּאַוועל, אַדאַנק. איך בין באמת ניט הונגעריק. — האָב איך זיך אָפּגעזאָגט פון זיין גוטהאַרציקייט.

— אָ, — האָט ער זיך פלוצים געכאַפּט — גאָר פאַרגעסן, אַז יידן עסן ניט קיין חזיר־פעטס, אָבער דו... דו בינסט דאָך שוין אַן אַנדערע... המ... איך ווייס באמת ניט פאַרוואָס טאָרן יידן ניט עסן קיין חזיר־פעטס. דאָס איז דאָך דאָס בעסטע פעטס. אָן דעם איז ביי מיר פאָסט (א תענית). האַ? וואָס זאָגסטו?

— איך זאָג גאָרניט — האָב איך געענטפערט מיט אַ שמייכל — אָבער דעם אמת געזאָגט פאַרשטיי איך אויך ניט פאַרוואָס מען טאָר ביי אונדז

יידן ניט עסן קיין חזיר־פעטס. מיר איז עס אָבער אַלצאיינס...

— אַט, ביסטו טאַקע בראַוו! — האָט ער אויסגערופן מיט פרייד און גענומען ווידער צורעדן מיך צום עסן — אַ נאַרישקייט, באמת אַ נאַרישקייט. אַט פאַר־וואָס די יידן זענען טאַקע אַזעלכע שוואַכע און מיר... מיר פויערים, זענען אַזעלכע שטאַרקע! אַלץ צוליבן חזיר־פעטס! אין דעם ליגט, זאָג איך דיר, דינה, דאָס גאַנצע געזונט!

— קען זיין. — האָב איך געלאַכט — אָבער איך וויל איצט באמת ניט עסן.

— ניט איז ניט! — האָט ער זיך מער ניט פאַרעקשנט און אַריינגעלייגט צוריק אין זיין טאַרבע דעם שטיק ברויט און חזיר־פעטס. איצט זענען מיר ביידע געזעסן שווייגנדיקע און זיך איינגעהערט צום זאַנגען־געזאַנג פון די הויכע תבואות. איך האָב געפילט, אַז ער וויל מיר נאָך עפעס זאָגן, אָבער ער וואַגט ניט. איז איבערליך אומרואיק.. אויס אומרו האָט ער אַראָפּגעריסן אַ זאַנג, וואָס איז געוואַקסן פון אַ ווינט־פאַרוואָרפענעם קערנדל צווישן די גראָזן און עס געקנאָדערט אינסטינקטיוו אין זיין האַנט, ביז פון די אומצייטיקע קערנער איז אַרויס אַ ווייסער זאַפט. אויך איך האָב זיך געפילט מאָדנע אומבאַקוועם און געצופט אַרום זיך די הויכע גראָזן. ער האָט אויך אַראָפּגעריסן אַ גרעזעלע און עס אַריינגעלייגט אין מויל, ניט אָפּגעבנדיק זיך קיין רע־כענונג וואָס ווייטער צו טון. איך האָב זיך שוין געוואָלט אויפהויבן, ווי ער האָט פלוצים אַרויסגעפּראַלט:

— וואָס וועט זיין, דינה?...

— וואָס דאַרף דען זיין, פּאַוועל?

— איך מיין... ענדיקסט דאָך שוין מסתמא דאָס לערנען אין שטאָט, ניט אַזוי, וואָס?

— יאָ, פּאַוועל — האָב איך געזאָגט מיט באַדויערן — ליידער מוז איך איבעררייסן דאָס לערנען. מיינע עלטערן קענען מיך מער ניט אויסהאַלטן אין שטאָט.

ער האָט אָנגענומען מיין האַנט און אריינקוקנדיק מיר ליבלעך אין די אויגן, ארויסגערעדט שטיל, מיט ייִנגלשער זשעניִרונג:

— גענוג געלערנט, דינה. ביסט שוין אַ דערוואַקסן מיידל. איך... איך וואָלט מיט דיר חתונה געהאַט, יעי באָהו! מיין טאַטע וואָלט מיר אָפּגעטיילט אַ שטיק פעלד, מיר וואָלטן זיך אויסגעבויט אַן אייגן הויז, פאַרפירט אַ כאַזייסטווע (ווירטשאַפט) און געווען גליקלעך. וואָלסט ביי מיר געלעבט, ווי א פריצטע, ווי אַ גרעפין, ערן וואָרט!

איך האָב זיך צעלאַכט. האָב באַפרייט מיין האַנט פון זיינער און אינס־טינקטיוו זיך אָפּגערוקט פון אים. מיין האַרץ האָט אַ ציטער געטון. אַ שרעק האָט מיך אַרומגעכאַפּט פון די דאָזיקע דרייסטע ווערטער זיינע, אָבער אויסער מיט אַ שמייכל האָב איך אַנדערש ניט געקענט רעאַגירן. זיי־נע בליקן זיינען אָבער געווען אַזעלכע הייסע און געמאָנט אַן ענטפער. איך האָב דאַן געזאָגט מיט פאַרוואורף און ביטול:

— צי גיסטו זיך אָפּ אַ רעכענונג, פּאַוועל, וואָס דו האָסט געזאָגט, האָ? ווי וואַגסטו אַזעלכעס אַרויסברענגען פון מויל?

— וואָס איז דען, האָ? — האָט ער גערעדט מיט אַראָפּגעלאָזענע אויגן צו דער ערד — איך האָב דיך ליב, דינה! פּאַנימאַיעש? פאַרשטייסט? איך האָב דיך ליב! זאָל איך קראַפּירן אויב איך זאָג ליגן! אַ דונער זאָל מיך טרעפן אינמיטן העלן טאָג, אויב איך מיין עס ניט ערנסט! איך... איך... — ער האָט זיך אַביסל פאַרלוירן און נישט אויפגעהערט רייסן גרעזעלעך און לייגן אין מויל אריין.

— גענוג, פּאַוועל, גענוג! — האָב איך געזאָגט ערנסט — צי ווייסטו כאָטשבי, וואָס עס וואָלט געשען מיט מיר? צי ווייסטו, אז מיינע עלטערן וואָלטן מיך נישט נאָר ארויסגעיאָגט פון שטוב, נאָר אלע יידן וואָלטן מיך פארחרמט. זיי וואָלטן מיך אפשר אפילו דערהרגעט!...

איך בין געווען זיכער, אז מיינע ווערטער וועלן אים אָפּשרעקן. אז ער וועט מער ניט וואַגן פאַרזעצן דעם דאָזיקן געשפּרעך, וואָס האָט מיר אגב געשמייכלט צו הערן עס פון זיין מויל. אַנשטאָט זיך צוריקציען פון זיינע ווערטער איז ער אריין אין קוראַזש און גענומען רעדן מיט פרעטענזיע:

— יאָ, איך ווייס. איך בין א קריסט. אַ פּראַוואָסלאַוונער. אַ זון פון אַ פּויער, אָבער... אָבער ווען איך וואָלט זיי, אָט די עלטערן דיינע און אלע יידן געקענט דערציילן, ווי ליב איך האָב דיך! ווי...

— איך בעט דיר, רעד נישט מער אזוי! — האָב איך געזאָגט מיט אַ באַפעלערישן טאָן — אויב דו ווילסט, אז איך זאָל גלייך ניט אַוועק פון דיר דאָ!

איך האָב עס ערנסט ניט געמיינט. עס איז מיר אַזוי גוט געווען צו זיצן מיט אים דאָ אין שאָטנדיקן פאַרנאַכט און פארגעסן פון אלץ אין דער וועלט...

— איך בעט דיר: גיי ניט אַוועק! גוט, וועל איך ניט רעדן אזוי, אויב...

ער האָט ניט דערזאָגט און איך האָב געפילט, ווי טיף אין זיין נשמה איז ער באַליידיקט געוואָרן, געפילט זיך געפאַלן כלפּי מיר, דער יידישקע,

וואָס טאָר ניט חתונה האָבן מיט אים, ניט מער דערפאַר, ווייל... ער איז אַ קריסט און די יידישע רעליגיע פאַרבאָט עס. איך האָב אים געוואָלט זאָגן אַ פּאָר טרייסט־ווערטער און האָב זיך ווידער אָפּגערופן:

— זאָג, פּאַוועל, פעלן דיר דען שיינע שיקסעס אין דאָרף, וואָס דו רעדסט צו מיר אַזוי?...

— האָך — האָט ער אָפּגעזיפצט שטיל — באַזשע (גאָט), וועלכער פאַרגלייך! ניטאָ דאָך אין גאַנצן דאָרף און אפשר אין ערגעץ ניט נאָך אזא ווי דו! אין דער גאַנצער וועלט ניט! ניין, אין דער גאַנצער וועלט ניט! יעי באָהו!...

זיינע ווערטער האָבן ווידער ארויסגערופן א שמייכל אויף מיינע ליפּן. זיין תמימותדיקער רעדן און דערקלערן זיך מיר אין ליבע, ווען מענס באַ־דייט איך האָב בלויז געוווסט פון די פיל ראָמאַנען, וואָס איך האָב איינגע־שלונגען אין מיינע שלאָפלאָזע נעכט, האָבן מיך דאָך באַצויבערט און גע־וועקט אין מיר זעלבסטצופרידנהייט, געגרענעצט מיט געוויסן מיידלשן עגאָאיזם. איך האָב זיך געוואָלט אָפּטרייסלען פון מיינע הייסע געפילן צו דעם דאָזיקן קרעפּטיקן שגץ, וואָס האָט מיך פאַרגעטערט און איך האָב ניט געקענט. איך בין זיך מודה: ניט געקענט! — — —

איך האָב זיך ראַפּטום אויפגעהויבן צום אַוועקגיין. ער האָט מיך אָנגע־כאַפּט ביי דער האַנט און ווידער געבעטן:

— גיי ניט אוועק, דינה! גיי ניט אוועק!

— איך מוז! פאַרשטייסט, פּאַוועל, איך מוז!

— דו מוזט ניט!

— מיינע עלטערן!...

— אוי, באַזשע, דיינע עלטערן! דיינע עלטערן! וועסט דען אייביק לעבן מיט זיי?

— איך בעט דיר נאָכאמאָל: לאָמיר ניט רעדן איבער דעם. איך מוז גיין.

און נאָך איידער איך האָב באַפרייט מיין האַנט פון זיינער, האָט ער מיך פּלוצים ארומגעכאַפּט מיטביידע הענט און ניט אָפּגעלאָזט. אז איך האָב אים געפרוווט אָפּשטויסן פון זיך, זיינען מיר אומגערן ביידע אַראָפּגעקווי־לערט געוואָרן פון בערגל אין דער נידער און אריינגעפאַלן צווישן די גראָזן. ער האָט געלאַכט און איך האָב זיך געריסן פון זיינע אָרעמס.

— לאָז מיך אָפּ, פּאַוועל! לאָז מיך!...

— און אז ניט?...

— ביסטו ניט בעסער פון סעמיאָנען און דאָס איז דאָס לעצטע מאָל, וואָס מיר טרעפן זיך, הערסט?

— זיי מיר מוחל, דינה. גלויב מיר, איך וועל דיך ניט טשעפּען. קענסט גיין, אויב דו ווילסט. איך האָב זיך ניט געקענט באַהערשן... האָסט מיר אָנגעטאָן א כישוף צי וואָס... די כאָלעריע ווייס עס!...

איך בין געלעגן בײַ זיין זייט און זיך געוואָלט אויפהויבן, אָבער ניט געקענט... איך האָב דערפילט זיין הייסן אָטעם אזוי נאָענט אויף מיין פּנים. איך געדענק ניט, ווי אזוי אונדזערע ליפּן האָבן זיך צוזאמענגעגאָסן. איך האָב געציטערט. ערשטער ציטער פון א מיידל, ווען זי געפינט זיך אין די אָרעמס פון איר אויסגעטרוימטן. איך האָב געהאַט דאָס געפיל, ווי איך ליג אויף הייסע קוילן. זיין שטאַמיקע געזונטקייט האָט מיט א פלאַם פייער זיך איבערגעגאָסן אין מיין יעדן אבר. איך בין געוועזן דערשראָקן און געמוזט אויפזאמלען מיינע אַלע חושים, כדי זיך באַהערשן און באַדענקען.

א געטראַסק פון רעדער האָט אונדז ביידן געבראַכט צום באַוווסטזיין. איך האָב זיך האַסטיק אויפגעריסן פון זיינע אָרעמס און גענומען שנעל גיין אין דער ריכטונג צום דאָרף. פונדערווייטנס, אויפן שליאַך, האָב איך געזען אַן אָנפאָרנדיק פויעריש פורל. איך האָב געהאַט דאָס געפיל, ווי די ערד וואַקלט זיך אונטער מיר, אָבער איך בין געגאַנגען מיט צוגעאיילטע טריט. איך בין געוועזן צופרידן, וואָס פאַוועל איז געבליבן ליגן אין גראָז, כדי ניט באַמערקט ווערן דורכן אָנפאָרנדיקן פויער. איך בין אים דאַנקבאַר געוועזן אין הארצן פאַר דעם.

— היי דינה, זעץ דיך! — האָב איך דערהערט דעם רוף פון פויער, וואָס האָט מיך אָנגעיאָגט מיט זיין פערד, געשפּאַנט אין א וואָגן מיט אַ דוע.

איך האָב זיך אומגעקוקט, ווי איך וואָלט אים כלומרשט ניט געזען ביז איצט.

— אָ, אַנדריי! — האָב איך אויסגערופן דערקענענדיק אין פויער אונ־דזער שכן — גוט וואָס דו ביסט אָנגעפאָרן. שוין באַלד שבת...

— שאַבאַש נע שאַבאַש — זאָגט אַנדריי — אָבער ווי נעמט מען עס ניט ארויף שמוליק דעם קאַוואַלס טאָכטער, הע? ער וואָלט דאָך מיך אין קוזשניע ניט אַריינלאָזן, טראַסציא וו'יעהאָ מאַטרו, הע? ניט אַזוי?

אַנדריי פאַרהאַלט ראַפּטום דאָס פערד און איך גראַבל זיך ארויף אויף די הויכע דראַבינעס און פאַל אריין גלייך אויפן היי־געזעס, ווו איך דערזע איינגעגנורעט אין זיך שמעון דעם סטאָליאַרס טאָכטער פון דאָרף, צירלען. איך דערפריי זיך שטאַרק מיט איר.

— אַ, צירל, פּונוואַנען פאַרסטו?

— זעסט דאָך — פון שטאָט. און דו?

צירלס „און דו?" האָט דרעוועקט ביי מיר א חשד, אז זי האָט פונ־דערוויטנס געזען, ווי איך בין ארויס פון טאָל. מעגלעך, אז זי האָט אויך באַמערקט פּאַוועלן. מער וואָלט מיר ניט געפעלט. איך קוק איר אין פּנים אריין. אין די אויגן. ניט איר פּנים און ניט אירע אויגן זאָגן עפּעס, וואָס זאָל באַרעכטיקן מיין פאַרדאַכט. דאָך קאָן איך זיך ניט באַפרייען פון שווערן געפיל.

צירל איז א מיידל אין מיין עלטער. מיט פולע באַקן, רויטלעך, ווי „פּאַפּרוווקעס"־עפּל. אָנגעבלאָזענע ליפּן. פולבלוטיק. רויטע ווי קאַרשן. שוואַרצע אויגן און עטוואָס א פאַריסענע נאָז מיט ברייטלעכע נעזלעכער. עס אָטעמט פון איר מיט פּראָסטקייט און גלייכגילטיקייט. א פאַרשלאָסענע וועלט. איך בין איר מקנא, ווייל עס דוכט זיך מיר, אז זי שטרעבט צו גאָרניט, בענקט ניט, ווי איך צו אויסגעטרוימטע וועלטן און עס איז איר גוט אזא ווי זי איז.

אָפּט פאָרט צירל אין שטאָט איינקויפן פאַרשידענע אַרטיקלען, וואָס איר מאַמע האַלט אין „אומאָפּיציעלן" קלייטל צום פאַרקויפן, אָדער טוישן מיט די פּויערים אויף תבואה. און הגם איר פאָטער איז איבעראַל באַקאַנט אונטערן נאָמען שמעון דער סטאָליאַר, אַרבעט ער אָבער שוין לאַנג ניט ביי סטאָלעריי. אַמאָל, אין די יונגע יאָרן, האָט ער זיך געלערנט דעם דאָ־זיקן פאַך, וואָס צאָלט זיך ניט אָפּ אין דאָרף. האַנדלט ער דעריבער גלייך מיט אַלע אַנדערע יידן פון דאָרף מיט חזיר־האָר, „שציעצינע", ווי זיי רופן עס, און איז אויך א מבין אויף געענדז, א פעט קעלבל, א פעלעכל, וואָס ער קויפט און פאַרקויפט אין שטאָט צו די הורט־סוחרים.

זיץ איך אויפן וואָגן מיט צירלען און טראַכט וועמען פון אונדז ביידן איז בעסער. איך וואָלט געוואָלט, זי זאָל עפּעס רעדן, אָבער זי איז א שוויי־געוודיקע אזא און עס איז שווער צו ציען איר ביי דער צונג. איבעריקנס, האָבן מיר ניט ביידע וועגן וואָס צו רעדן. זי באַטראַכט מיך אָפּט אביסל פון אויבן אַראָפּ. א קאָוואַלס א טאָכטער און זיך אריינגענומען אין קאָפּ צו זיין אן אינטעליגענטקע. לויפט זיך לערנען אין שטאָט און לייענט טאָג און נאַכט ביכער. ווייל יווייזן, אז זי איז אַנדערש פון אַלע...

אז צירל זעט, ווי אַנדריי פאָרט לאַנגזאַם און די זון האָט זיך שוין אַ רויטע אַראָפּגעזעצט פאַרן דאָרף, ווענדעט זי זיך פלוצים צו אים:

— אנדריי, איך בעט דיך: פאַר שנעלער. עס איז שוין באלד שבת. די מאמע וועט מיך דערהרגענען...

אנדריי זיצט זיך אָבער רואיק אויף זיין שטרויענעם געזעס אויבנאָן און פּאַמפּקעט זיין פּאַרקאָפּציעטע הילצערנע ליולקע. דוכט זיך ער שמייכלט אונטער און לאָזט בכוונה דעם פערדל צו גיין לאנגזאם, כדי אריינפירן אין שבת. אַז צירל חזרט אָבער איבער איר געבעט, טוט ער זיך אַ ריר אויף זיין געזעס, א צי פאר די לייצעס און רופט אויס האָפּערדיק:

— וויאָ, גניאדער! פארשטייסט דען ניט, אז עס איז שוין באַלד שאבאס, שאבאס?...

דאָס פערדל טוט זיך א צי אויס אין זיין גאנצער לענג, טוט א וואָרף זיין הינטערחלק און נעמט לויפן אין גאלאָפּ, אָבער אָפּלויפנדיק א פּאָר הונדערט מעטער נעמט ער ווידער שטעלן זיינע פערדישע קאָפּיטעס טראָט ביי טראָט אויפן זאמדיקן שליאך.

און אָט זעגען שוין די גערטנער פון דאָרף. מיטן דערנענטערן זיך צו די גערטנער טיילן זיך אלץ מער אויס די שייערן און שטאַלן אויף וועלכע עס שטייען באָטשאָנעס אין זייערע גרויסע נעסטן, צוזאמענגעלייגטע פון טרוקענע צווייגלעך און באַדעליעס. נאָך פונדערווייטנס זעען זיך די רויכע־רנדיקע קוימענדלעך אויף די נידעריקע כאטעס און צו די אויערן דער־טראָגט זיך דאָס געביל פון הינט, מוקעריי פון בהמות, מעקעריי פון שאָף און דאָס הירזשען פון פערד, וואָס מישט זיך צונויף אין איין דאָרפס־סימפאָניע, וואָס איך האָב אָפּטמאָל אזוי ליב.

הינטערן סאמע דאָרף, ביי א ראָוו, ליגט איבערגעקערט א פורל מיט היי און עטלעכע פויערים העלפן ארויסצוהויבן פאר די רעדער דאָס אי־בערגעקערטע פורל.

— טפּררררו!

אנדריי פארהאלט זיין פערדל. טוט א רוק אויף זיין שטערן דאָס אָפּ־געטראָגענע האָזן־קוטשמע, וואָס זיצט פעסט אויף זיין קאָפּ סיי ווינטער און זומער און טוט א זאָג פריינטלעך צו מיר און צו צירלען:

— נו, יידישקעלעך, איצט וועט איר מוזן גיין אהיים צופוס. מען דארף העלפן ארויסשלעפן דעם וואָגן פון ראָוו.

— אדאנק, אנדריי. — רוף איך אויס פריילעך און שפרונג גלייך ארונטער פון פורל. צירל טוט דאָס זעלבע. זי הויבט זיך אויף, ווי א קוואָטשקע פון איר איינגעזעסענעם קובלאָ־געזעס. זי קלויבט צוזאַמען אירע פעקלעך און מיר לאָזן זיך גיין ביידע צופוס אהיים. צירל איז אין גאַלע פחד, הלמאי

זי איז אריינגעפאָרן אין שבת. „די מאמע וועט מיך דערהרגענען" — האלט זי אין איין איבער־חזרן און שטעלט שנעל אירע קלעצערדיק־קיילעכדיקע פיס. איך בין צופרידן, וואָס איך בין מיט איר געקומען צוזאמען. ערשט ווען איך צעשייד זיך מיט איר און דערגענטער זיך צום שוועל פון מיין היים, דערזע איך דורך די שויבן די ברענענדיקע ליכט אויפן ראָג פון טיש און מיין הארץ טוט א זעץ אין מיר. איך ווייס אליין ניט פארוואָס...

## דער שבת־גוי

ווי לעבעדיק שטייט אויף פאר די אויגן אזא פרייטיק־צונאכטס. אייבער פון די פיל פרייטיק־צונאכטסן און שבתים אין שטוב פון טאטע־מאמע, וואָס האָט זיך איינגעקריצט אין זכרון, ווי אן אויסטאטואירטער געמעל אויפן ברוסט פון ארעסטאנט...

דאָס שטוב, וואָס באשטייט פון צוויי צימערן מיט אן אלקירל, קיך און קעמערל, איז נאָך ביזן זון־אונטערגאנג שוין לאנג אויפגערוימט. דער מאַ־מעס ניי־מאַשין מיט די אָפּגעריבענע „זינגער"־אותיות. שטייט איצט אי־בערגעדעקט מיטן צעלעכערטן פון אלטקייט פאַרניר־דעקל, אין אַ ווינקל און רוט. דער דעמבענער אלטיאַריקער טיש, וואָס דינט דער מאמע א גאנצע וואָך אלס צושנייד־געשטעל פאר די פויערישע קאפטאנעס, איז איצט אי־בערגעדעקט מיט א ווייסער טישטוך. אויף איין עק טיש שטייען דריי מע־שענע לייכטער מיט ברענענדיקע חלב־ליכט. אויפן צווייטן עק, אונטער א טישטוכל מיט אויסגענייטע „גוט שבת"־אותיות, ליגן צוויי חלות און דער־נעבן שטייט א פלאַש מיט אביסל ווייַן. פון קיך זעצט ארויס א גערוך פון געפילטע פיש, וואָס רייצט די נעזלעכער.

מיין מאמע איז גאַרניט די זעלבע מאמע פון א גאנצער וואָך. זי איז אויסגעפּוצט אין איר ציכטיקן פּיניאַר, וואָס זי האָט אויפגענייט נאָך צו־ריק מיט יאָרן, אפשר צו איר חתונה, אָבער וועלכער איז תמיד ניי, ווייל זי טוט אים אָן בלויז אין די שבתים און יום־טובים. אויף איר קאָפּ — אַ ווייס־מערלענער שאַרף, פון אונטער וועלכן עס זעען זיך ארויס אירע גרווילעכע האָר, וואָס גיבן צו איצט איר רונדיק־געקנייטשטן פנים באזונדערע חשי־בות און מאַמישן חן. דעם דאָזיקן שאַרף טוט זי אָן כסדר צו ליכט־בענטשן, עטוואָס אַנגערוקט אויף די אויגן און פארבלייבט אין אים ביז נאָך דער שבת־וועטשערע.

אויך מיין טאַטע זעט איצט אויס אינגאַנצן אנדערש. קוקנדיק אויף זיין

קאַפּאָטע, זיידענעם גאַרטל און זויבעריק־ווייסן העמד, געשפּיליעט אויף מוטער־פּערלנע קנעפּעלעך, האָב איך דעם איינדרוק, ווי דאָס וואָלט אים גאַרנישט געפּאַסט. איך בין געוווינט אים זען אין משך פון א גאַנצער וואָך אין אויסגעראַצטע קליידער און יוכטאָווע גרויסע שטיוול, וואָס גיט צו נאָך מער קרעפטיקייט זיין הויכער, עטוואָס איינגעבויגענער פיגור.

יעדן פרייטיק פאַרנאַכט, נאָך איידער די זון פאַרגייט, פּאַרשליסט ער די קוזשניע און ווי נאָר ער קומט אריין אין שטוב, נעמט ער זיך גלייך ארומוואַשן. לאַנג־לאַנג וואַשט ער אָפּ די סאַזשע, וואָס ליגט איינגע־פרעסן אין הויט פון זיין פּנים, בעזלעכער און מאָזאָלירטע הענט. זיינע אויגן זיינען פאַרלאָפן מיט רויטקייט פון דעם גליענדיקן זשאַר ביים צעבלאָזן די קוילן מיטן בלאַזאַק, ווי אויך פון די פייער־פונקען, וואָס שפּריצן ארויס פון אָנגעגליטן אייזן בעתן האַמערן אויף דער קאָוואַדלע. איצט, נאָכדעם ווי ער וואַשט זיך ארום, לייטערן זיך אויס זיינע אויגן און מען קאָן דערקענען, אז זיי האָבן א בלויען קאָליר. אויך זיין געלבלעכע באָרד ווערט אָפּגעצוואָ־גענער, ציכטיקער. די ערנסטקייט, וואָס ליגט אין משך פון דער וואָך איינ־געפּאַלדעוועט אין זיינע געזיכטס־שטריכן, צערינט אין אָנבליק פון שבת־אָנקום, ווי אַ שטיק אייז אין די שטראַלן פון פרילינגס־זון.

ווען וואָס טראַכט מיין טאַטע? — קלער איך אָפטמאָל, ווען איך זע מיין טאַטן איינגעבויגן איבער דער קאָוואַדלע און זעצן אָן אויפהער מיטן האַמער. אָדער אפשר טראַכט ער בכלל קיינמאָל גאָרניט, וואָרום זיין גאַנצער וועזן איז דאָך אריינגעטון אין דעם צעגליטן שטיק אייזן, וואָס ער פאָרמט אויס אין ווידלעס, רעדער־שינעס, וואָגן־אַקסן און אַנדערע מכשירים אין וועלכע די פויערים נויטיקן זיך.

איך האָב ליב צו זען דעם טאַטן ביים האַמער און קאָוואַדלע, הגם איך באַדויער אים אַביסל, וואָס ער האָרעוועט אזוי שווער. לאַנג־לאַנג שטייט ער אזוי מיטן האַמער אין די הענט און קלאַפּט איבערן אייזן אויף דער קאָ־וואַדלע ביז שפּעט אין אָוונט. א פאָנאַר מיט א בייכיקן גלעזל איינגערעמט אין דראָטן, ווי א הענג־לאָמפּ, באַלייכט אים זיין ארבעט אין די דאָזיקע אָוונט־שעהן. דאָס קלאַפּן, וואָס דערטראָגט זיך ביז צום שטוב מיט א מאָ־נאָטאָנעם געקלימפּערײ, גיט צו אַזויפיל הייטערקייט מיין טאָג־טעגלעכקייט, און אז די קאָוואַדלע ווערט פאַרשטומט, ווערט מיר נאָך אומעטיקער אויפן האַרצן...

נאָכדעם ווי מיין טאַטע און ברודערל הערשעלע, גייען אוועק צום „מנין”, וואָס קלויבט זיך אייף יעדן פרייטיק פאַרנאַכט און שבת פרי אין איינעם

פון די גרעסטע יידישע הייזער פון דאָרף, הערשט אריין אין שטוב א לאנגווייליקע שטילקייט. אויך איבערן גאנצן דאָרף לאָזט זיך אַראָפּ אזא מאָדנע אומעטיקייט, וואָס איך פיל אָפּ מער פון אלע. איך געפין זיך דאַן קיין אָרט ניט. איך גיי אריין אין מיין אלקירל, וואָס דינט פאר מיר און פאר מיין שוועסטערל, גיטעלע, אלס שלאָף־צימער, טו זיך איבער אין מיין שבתדיק קליידעלע און נעם לייענען א בוך, וואָס איך האָב שוין איבער־געלייענט צום וויפלסטן מאָל. ווען מיין אינטערעס צום בוך ווערט שוואכער, קום איך ארויס צוריק אין „זאַל", זעץ זיך קעגנאיבער די ברענענדיקע ליכטלעך און קוק, ווי זיי מערצן און טריפן מיט חלבנע טרערן.

איך זיץ און קוק און מיין האַרץ ווערט, ווי תמיד, אין אזעלכע רגעים פול מיט אומבאקאנטער בענקשאפט צו עפּעס אזעלכעס, וואָס איך ווייס ניט זיין באדייט. אין שטוב איז שטיל און צו די אויערן מיינע דערטראָגט זיך דאָס געקלימפּעריי פון רעדער, וואָס קוילערן זיך שווער איבער דער גאַס. מסתמא א פויער פארשפּעטיקט פון פעלד און איילט זיך צו דער כאטע זיי־נער. פון צייט צו צייט ווערט אויך די שטילקייט איבערגעריסן דורך אן אָפּגעהאקטן הינט־געבילעריי, אָדער דורכן געשריי פון א פויערטע, וואָס רופט אירע קינדער פון דער נאכטיקער גאַס, ווו זיי האָבן זיך אזוי פאר־שפּילט, אז זיי האָבן אפילו פארגעסן פון דער וועטשערע.

און ווידער שא־שטיל. שכינהדיק־שטיל. קעגנאיבער מיר, ביי די ליכט־לעך, זיצט איצט די מאמע און קוקט אריין אין דער „תחינה" מיט די צעשאָ־טענע געלע בלעטער, וואָס האלטן זיך קוים צוזאמען אין אירע הענט (אַ טייערער חפץ פון דער באָבעס ירושה). אירע ליפּן מורמלען גאָטספאָרכטיק־שטיל, די הייליקע טייטש־ווערטער, וואָס קוועטשן ארויס פון אירע שווארצע אויגן א הארציקע טרער. איך האָב נישט קיין גוטן געפיל צו דער „תחינה", וואָס מאכט טרויעריק די מאמע. איך באוווּנדער בלויז, וואָס די מאַמע האָט געדולד יעדן פרייטיק־צונאכטס איבערחזרן פון איר די זעלבע געבעטן און ביי יעדעס מאָל ווירקן די דאָזיקע געבעטן אויף איר מיט טרערן.

איך האָב ליב צו קוקן, ווי גיטעלע זיצט פארטיפט איבערן „עולם הילדים" און חזרט אויף אויסנווייניק א ליד פון חיים נחמן ביאליק, וואָס דער געדונגענער לערער פון דאָרף האָט איר פארגעבן אויף שבת. יעדע ווײַלע פארדעקט זי מיט דער האנט די פערזן און מורמלט זיי קוקנדיק פאר זיך. און אז זי פארגעסט עפּעס א פערז, ווערט זי אויפגערעגט אויף זיך און האקט איבער דאָס מורמלען מיט אן „אוי", נעמט דאַן ווידער אריינקוקן אינעווייניק. אזוי כסדר.

גיטעלע איז יינגער פון מיר מיט צוויי יאָר און הערשעלע איז יינגער פון גיטעלען מיט העכער צוויי יאָר. איך בין די עלטסטע, אָבער פאַר מיר איז דאָס ערשטע קינד, אַ ברודערל, געשטאָרבן פון דיפטעריט, וואָס האָט דאַן געבושעוועט אין דאָרף. מיר זענען אַלע דריי ביי דער מאַמע „די אויגן פון איר קאָפּ", ווי זי זאָגט. זי ציטערט איבער אונדז מער, ווי איבער זיך. אפשר בעט זי עס טאַקע איצט ביים רבונו של עולם פאַר אונדזער לעבן און געזונט...

זינט איך האָב זיך צוריקגעקערט פון שטאָט אין דאָרף, געפין איך ניט קיין רו און ניט קיין שפּראַך מיט מיינע עלטערן. איך בין ברוגז אויף דער גאַנצער וועלט, הלמאי מיינע עלטערן האָבן ניט קיין מעגלעכקייטן און אפשר אויך ניט קיין איבעריק גרויסן ווילן, אַז איך זאָל פאָרזעצן מיינע לי־מודים. איך וואָלט געוואָלט זיין אַ לערערין. פאָרן קיין ווילנע אין אַ סע־מינאַר, ווי אייניקע טעכטער פון רייכע עלטערן אין שטאָט, אָבער דאָס זיי־נען אַלץ פּוסטע פאַנטאַזיעס. איך ווייס עס און דעריבער בין איך אַזוי אָפּט אויפגערעגט.

דאָך גיב איך ניט אויף מיינע האָפענונגען, הגם איך ווייס ניט, ווי אַזוי מיינע שטרעבונגען קאָנען פאַרווירקלעכט ווערן. דערווייל העלף איך דער מאַמע ביים נייען די פּויערישע קאַפּטאַנעס — אַ זאַך, וואָס קריכט מיר בכלל ניט אין קאָפּ אַריין. איך פרעג זיך ניט איינמאָל, וואָס עס וועט זיין פון מיר. די זעלבע פראַגע פרעגן זיך אויך אָפט טאַטע־מאַמע. קיין גרויסע זאָרג האָבן זיי ניט מיט מיר, ווייל אַלע האַלטן מיך פאַר אַ שיין מיידל און דערצו נאָך אַ געלערנטע. איך האָב דאָך פאַרענדיקט אַ פאָוושעכנע... דאָך... איך בין אַ שמידס טאָכטער און צו קיין לייטישן שידוך קען איך ניט אָנ־קומען, בפרט, אַז מיינע עלטערן האָבן ניט קיין נדן פאַר מיר. יעדער „באַ־לעבאַטישער" בחור וויל נדן.

מיין טאַטע האַלט ניט פון געבן נדן. אויך ער האָט חתונה געהאַט מיט דער מאַמע כמעט אָן נדן. ער זאָגט ניט איינמאָל, אַז די בחורים וועלן אים נאָך אָנקלאַפּן אין פענצטער צי ער האָט ניט מער אַזעלכע טעכטער, ווי איך און גיטעלע, אָבער אבי אַ „פאַר הויזן" וויל ער ניט. איך בין נאָך גע־נוג יונג און מיין באַשערטער זיווג איז נאָך ערגעץ אין וועג...

דערווייל גייען די טעג. טאַטע־מאַמע פאַרשטייען ניט מיין אומרו און אומעט. באַזונדערס אין אַזעלכע פרייטיק־צונאַכטסן. ווי אַ בייזער הונט באַ־פאַלט מיך די אומעט און איך געפין ניט קיין רו. קיינער ווייס ניט וועגן

דעם. איך טראַכט אָפּט איבער מיין תכלית און איך זע זיך, ווי א שווימענדיק שיפל אין טייך אין א נעפּל־טאָג.

אז דער טאַטע מיט הערשעלען קערן זיך צוריק פון „שול", נעמט דער טאַטע מאַכן „קידוש" איבער וויין, אָדער חלות. ער מאַכט דעם „קי־דוש" מיט אַ בענקענדיק־מליצישן ניגון. דאָס שטוב ווערט ווידער אויפגעלעבט. איידער דער טאַטע מאַכט „קידוש" און וואַשט די הענט, דערציילט ער אזוי, אגב אורחא, וואָס ער האָט געהערט ביים דאַווענען און וועלכע וועלט־נייעס יידן גיבן זיך איבער. שפּעטער זעצן זיך אלע צום טיש, צו דער פרייטיק־צונאַכטס־וועטשערע. פון איין מאכל צום אנדערן זאָגן דער טאַטע און הערשעלע מתיקותדיקע „זמירות". דאָס ברענגט אַריין אַביסל הייטערקייט און צעזייט די מאָנאָטאָנקייט. אמאָל, אז איך בין גוט אויפ־געלייגט און דער טאַטע טוט א ווונק צו מיר און צו גיטעלען מיט פריי־לעכע אויגן, העלפן מיר אים אין די „זמירות". איך טו עס ניט גערן, וואָרום אָפּט הערן הינטער די פענצטער שקצים און קרומען איבער די יידישע געזאַנגען, זיי לאַכן שטאַרק און דאָס וויל איך ניט. אויסער דעם האָב איך ניט ליב איבערחזרן תמיד איינעם און דעם זעלבן פזמון.

איין פרייטיק־צונאַכטס אזא האָט זיך באַזונדערס איינגעקריצט אין מיין זכרון און באַגלייט מיך ביזן היינטיקן טאָג. דאָס איז געווען, ווען נאָכן אָפּזאָגן די „זמירות" האָבן מיר אינמיטן עסן באַמערקט, ווי די ליכטלעך האָבן זיך שטאַרק איינגעבויגן און פאַרפלייצט מיט חלב די לייכטער און טישטוך. אָט, נאָך א ביסל און זיי וועלן אינגאַנצן אויס־געטריפט ווערן און די ברענענדיקע קנייטלעך זיינען עלול אראָפּצופאַלן און אָנצינדן דאָס טישטוך.

— עס קען נאָך ווערן א שריפה, חלילה — האָט די מאַמע זיך אָפּ־געגעבן — מען וואָלט געדאַרפט אריינרופן עמיצן (געמיינט א פויער, א פויערטע, אָדער עמיצן פון זייערע קינדער), כדי אויסגלייכן די ליכט.

הערשעלע און גיטעלע קוקן מיט שרעק אויף די שמעלצנדיקע ליכט־לעך, הגם דאָס איז ניט דאָס ערשטע מאָל, וואָס אזעלכעס פּאַסירט מיט די שבת־ליכט. אלץ צוליבן אָנגעהייצטן אויוון, ווו עס שטייט דער טשאָ־לנט און די שבתדיקע ציקאָריע. די אויוון־עפענונג איז פאַרשטעלט מיט אַ בלעכענער „זאַסלאָנקע" און די מאַמע פאַרקלעפּט די „זאַסלאָנקע" (טירל) מיט ליים. די דושנעקייט אין שטוב איז דעריבער גרויס און די חלב־ליכטלעך פאַר־טראָגן ניט אזא היץ...

דער שליח אריינצורופן „עמיצן" בין איך, ווי תמיד. איך האָב זיך

שנעל אויפגעהויבן פון פארן טיש און ארויס אין גאס. אפשר וועל איך עמיצן טרעפן.

אין גאס איז שטיל. מען זעט ניט קיין לעבעדיקן נפש. אַ זילבערנע לבנה בלאָנדזשעט איבער די נאַכטיקע הימלען, שפּאַנט ווי אַ פּאַווע פון איין וואָלקנדל צום אנדערן, באהאלט זיך און אַט באַווייזט זיך ווידער, ווי זי וואָלט זיך גערייצט מיט מיר, גערופן, געלאָקט און געווונקען מיט טויזנטער כישוף־סודות...

איך גיי אַפּ עטלעכע טריט און בלייב שטיין. דורך די נידעריקע פענצטערלעך פון די פּויערישע כאַטעס זע איך זיצן די פּויערים ארום די לאַנגע טישן און זיי זיינען פארטיפט אין זייערע הייסע וועטשערעס. עס זעצט מיט א גערוך פון געקאָכטע קרויט־באַרשטשן, געבאַקענע קארטאָפל און געפּרעגלט חזיר־פעטס. אין די בלעכענע קאַמינען און אין די אָנגע־הייצטע אויוונס קנאַקט דאָס ברענענדיקע טרוקענע האָלץ און לוטשינע.

די פּיל־קינדערדיקע משפּחות זיצן שטארק פארטון אין די הייסע געקעכצן און עסן מיט גרויס אַפּעטיט. זייערע טשופּרינעס זייַנען אראָפּ־געלאָזן איבער זייערע פארשוויצטע שטערנס. די פּאַזוכעס פון די פּויער־טעס זיינען נאַכלעסיק פאַנאַנדערגעקנעפּלט. איך האָב דאָס געפּיל, אַז קיינער און גאָרניט, אויסער די הייסע געקעכצן, וואָס זיי עסן, גייט זיי ניט אָן אין דער דאָזיקער געמיטלעכער שעה.

וואָס וועט אלזאָ זיין מיט די ליכטלעך דאָרט? — ווער איך אומ־רואיק — ווי אזוי שטערט מען אָט די רואיקע פּויערים, וואָס זיינען אַזוי פארטיפט אין דער אכילה־מלאכה, צוליב א פּאָר ליכטלעך דאָרט, וואָס טריפן אויס און קיינער פון די יידן טאָר זיך ניט צורירן צו זיי אום שבת? איך... איך וואָלט עס יאָ געטון, אָבער מער וואָלט מיר שוין ניט געפעלט!...

איך גיי און קוק אַריין דורך די פאַרשוויצטע שייבלעך און זוך מיט די בליקן אזא איינעם, וואָס האָט שוין פארענדיקט דאָס עסן, אָבער עס איז סאַמע אינמיטן, גלייך ווי אלע וואָלטן זיך אָפּגערעדט. איך באַשליס ניט וואַרטן לענגער און אָנקלאַפּן אין פענצטער פון אונדזער שכן אנדריי. אפשר וועט עמיץ פון זיין גרויסער משפּחה באַוויליקן איבערצורייסן דאָס עסן אויף א ווײַלע, פאַרדינען די „מצווה" פון אויסגלייכן די ליכטלעך. איך בין אָבער נאָך אלץ ניט דרייסט דאָס צו טון, וויסנדיק די גרויסע „סכנה" פון איבעררייסן אַ פּויערישע וועטשערע. פּאַסירט אַ מאָל, אַז עס ברעכט אויס א שריפה אין א צווייטן עק דאָרף און דער פּויער פון אנ־

דערן עק דאַרף וועט דאָך ניט איבערייסן דאָס עסן, ביז ער וועט ניט פאַרענדיקן. אזוי איז עס. פּויערישע טבע אַזאַ.

לאָזנדיק זיך צום פענצטער פון אנדרייס כאַטע באַמערק איך פלוצים פון פאַר א שטוב זיך ארויסשארן א מענטשלעך געשטאלט.

— דו — ניאַ!? — דערהער איך פלוצים א באַקאַנטע שטים און טו איבסטינקטיוו א שוידער אויף. א ווארעמע האנט כאַפּט ארום מיין אקסל.

— דונקאַ, וווהין?

— אוי, פּאַ—וועל!? דו???

— האָסט זיך דערשראָקן, הע? — לאַכט ער אויפן פולן מויל — פאַרוואָס?

— ווו קומסטו אַהער?

— איך בין געשטאַנען ביי אייך הינטערן פענצטער.

— הינטערן פענצטער? ווו? ווען?

— איך האָב דערהערט עמיצן ארויסקומען פון אייער שטוב און זיך באַהאַלטן דאָ אין הויף. שפּעטער האָב איך דערקענט, אז דאָס ביסטו. לויט די צעפּ האָב איך דיך דערקענט, יעי באָהו, דונקאַ!...

ער האָט ארויסגעזיפּצט א הייסן שמייכל דורך זיינע בלאַנקענדיקע ציין און אין שיין פון דער לבנה האָב איך באמערקט דעם גלי פון זיינע אויגן. ער איז אין ־ער רגע געווען אזוי שקציש־שיין און לאַקנדיק.

— אוי, פּאַוועל, טאָרסט עס ניט טון! — האָב איך געזאָגט מיט א קלאַפּעדיקן הארץ — אז מיינע עלטערן וועלן עס באַמערקן וועלן זיי מיך...

— וועל איך ־יך אורעקנעמען צו זיך, יעי באָהו! — האָט ער גע־לאַכט — אפילו די מינוט, דונקאַ!

— רעד ניט קיין נארישקייטן, פּאַוועל.

— זאָל מיך א דונער טרעפן, אויב איך זאָג ליגן!

— גוט! גוט! שוין געהערט אזעלכעס! קום בעסער שנעלער מיט מיר צו אונדז. די ליכטלעך דאָרט... עס קען ווערן א שריפה... זיי האָבן זיך אינגאַנצן צעשמאָלצן.

— פאַר דיינעטוועגן, דונקאַ, בין איך גרייט אויף אלץ! אפילו א באַרג אויפהויבן, ערן וואָרט. די וועלט פאַרברענען. איין וואָרט דיינס איז מיר גענוג, אַז איך זאָל אפילו שפּרינגען אין וואַסער און פייער!...

ער האָט גערעדט ערנסט. זיין שטים איז געווען טיף און ציטערדיק. ער האָט ניט געוווסט ווי אזוי בעסער אויסצודריקן זיינע געפילן, איבער־צייגן מיך. איך האָב זיך ניט געקענט באהערשן ניט אויסצושיסן אין א

געלעכטער. באַלד האָב איך זיך אָבער געכאַפּט, אַז מײַן געלעכטער קאָן אים באַליידיקן און איך האָב אַ זאָג געטון ערנסטער:

— גענוג, גענוג, פּאַוועל. תּמיד חזרסטו איבער דאָס זעלבע.

— גלויב מיר, דוניעטשקאַ — האָט ער פאַרצויגן מײַן נאָמען אויף פאַרשידענע פּויערישע וואַריאַציעס — גלויב עס מיר! איך זאָג אמת! איך האָב דיך ליב! איך...

— גוט, גוט, קום שוין! די ליכטלעך דאַרט אין שטוב, אוי ווײ...

— האָב ניט מורא, דונקאַ. — האָט ער אָנגעכאַפּט מײַן האַנט, וואָס האָט מיך אײַנגאַנצן עלעקטריזירט — האָב ניט מורא. כ׳וועל אַלץ צע־רעכט מאַכן, כ׳וועל אַלץ טון, וואָס דו וועסט מיר הייסן... אַלץ!...

— נאָר גאָט זאָל דיך אָפּהיטן, פּאַוועל, אַז דו וועסט אין שטוב בײַ אונדז וואָגן רעדן צו מיר. אַפילו ניט שמייכלען צו מיר, פאַרשטייסט? — האָב איך אים געוואָרנט.

— גוט, וועל איך ניט שמייכלען צו דיר!

— ניט קוקן אַפילו אין מײַן זײַט, הערסט?

— קוקן אויך ניט?

— ניין!!!

— האַך!...

ער האָט טיף אַ זיפץ געטון. די טיר פון שטוב האָב איך אויפגעע־פּראַלט האַסטיק אַרײַנקומענדיק די ערשטע. אין די נאָזלעכער האָט אַ זעץ געטון דער טשאַד פון חלב. די ליכטלעך זײַנען איצט כמעט אײַנ־גאַנצן געהאָנגען אויף די אַראָפּגעלאָזן־אויסגעשמאָלצענע קנײַטלעך. די מאַמע, דער טאַטע, הערשעלע און גיטעלע זײַנען געזעסן אומבאַהאָלפן און זיך מורא געהאַט צורירן צו זיי, חלילה ניט מחלל שבת זײַן. דער־זעענדיק פּאַוועלן האָט זיך הערשעלע שטאַרק דערפרייט:

— אָ, פּאַוועל! גוט, וואָס זי האָט דיך געפּאַקט! זעסט, די ליכטלעך!...

— נעם פּאַוועל און טראָג אַוועק די לײַכטער מיט די ליכטלעך אין קיך — האָט געזאָגט די מאַמע — האָב קיין פאַראיבל ניט... ביסט דאָך אַ גוטער שגץ... אפנים צו הייס אין שטוב. די ליכט אײַנגאַנצן צעשמאָלצן געוואָרן. נאָר זע, אַז זיי זאָלן זיך ניט אויסלעשן אײַנגאַנצן. מען טאָר ניט, פאַרשטייסט?

— כ׳פאַרשטיי... פאַרשטיי... — האָט פּאַוועל געזאָגט מיט אַ שמייכל אויף די ליפּן. ער האָט פאַרזיכטיק אָנגענומען די פאַרטריפטע לײַכטער מיט די אויסגעשמאָלצענע ליכטלעך און פאַרשטעלנדיק מיט איין האַנט, אַז

זיי זאָלן זיך ניט אויסלעשן, אריינגעטראָגן זיי אין קיך. די מאַמע איז אים נאָכגעגאַנגען פוס־טריט, מיט גאָטספּאָרכטיקע פאַרשנורעוועטע ליפּן, ווי זי וואָלט נאָכגעגאַנגען אַ הייליקייט־פּראָצעסיע...

ווען פאוועל איז ארויסגעקומען פון קיך, נאָכדעם ווי ער האָט דאָרט צערעכט געמאַכט, לויט דער מאַמעס אָנווייזונגען, די ליכטלעך, האָב איך געהאַט דעם איינדרוק, אַז ער איז שטאַרק גליקלעך, ווי ער וואָלט דערמיט אָפּגעטון די גרעסטע זאַך אין דער וועלט. זיין גאַנץ וועזן האָט אויסגעדריקט אינערלעכע שטאָלץ. ער האָט זיך געשטעלט אינמיטן שטוב און נאָך אַלץ ניט אָוועק האָבנדיק דאָס געפּיל, אַז דאָס וואָס ער האָט געטון גיט אים איצט מער רעכט צו פארבלייבן דאָ אַ פּאָר איבעריקע רגעים, כדי קענען אָנזעטיקן זיך מיט זיינע בליקן אין מיין זייט. אַז ער האָט באַמערקט, ווי איך מייד אויס צו קוקן אויף אים, האָט ער זיך געכאַפּט, וואָס איך האָב אים אָנגעזאָגט און ער האָט זיך געלאָזט צו דער טיר.

— וואַרט, פּאַוועל, וואַרט — האָט אים די מאַמע פאַרהאַלטן — איך וויל דו זאָלסט פארזוכן פון אונדזערע געפילטע פיש.

ער איז געבליבן שטיין און געוואָרפן צו מיר אַ הייסן בליק. איצט איז ער ניט שולדיק. די מאַמע מיינע אַליין האָט דאָך אים פאַרהאַלטן, געוואָלט אָפּדאַנקען פאַר דער טובה, וואָס ער האָט געטון. אַזאַ געלעגנהייט צו פאַר־בלייבן נאָך אייניקע מינוטן ביי אונדז און קוקן פריי אויף מיר, איז אַ זעלטנהייט און אויך מיר איז באַקוועמער געוואָרן דערפון...

דערווייל האָט די מאַמע אָפּגעשניטן אַ שטיק ווייסע חלה, ארויפגע־לייגט אויף דעם אַ שטיק פיש און אים דערלאַנגט:

— נעם, פּאַוועל, עס. גאָט אַליין האָט דיך צוגעשיקט איצט צורעכט מאַכן די ליכטלעך. עס האָט דאָך געקענט חלילה ווערן אַ שריפה.

— עס וואָלט זיכער געוואָרן אַ שריפה, ווען עס כאַפּט אַרום דאָס טיש־טוך... — האָט פּאַוועל געשמייכלט צווידייטיק. ער האָט גענומען דאָס שטיק חלה מיט די פיש, זיך געזעצט דרייסט אויפן ראַנד פון באַנק, כמעט נעבן טיש, וווּ עס איז געזעסן דער טאַטע, און גענומען עסן. ער האָט געקייט לאַנגזאַם, ווי בכוונה, כדי געווינען מער צייט און פון זיין פּנים איז ניט אַראָפּ זיין דרייסטער שמייכל.

איצט האָבן מיר אַלע רואיק פאַרגעזעצט דאָס עסן. דער טאַטע און הערשעלע האָבן ווידער געזאָגט „זמירות” און פּאַוועל האָט זיך איינגע־הערט מיט אָפּשיי צו די אומפאַרשטענדלעכע ווערטער און ניגון. ערשט

ווען דער טאַטע און הערשעלע האָבן פאַרענדיקט די „זמירות" און גע־בענטשט נאָכן עסן, האָט זיך פּאווועל דרייסט אָפּגערופן:

— א שווערע רעליגיע ביי אייך, יעי באָהו. אַפילו קיין ברענענדיק ליכטל טאָר מען ביי אייך ניט אויסגלייכן אום שבת. נו, דאָס קאָן איך ניט פאַרשטיין. בשום אופן ניט...

— אזוי איז עס, פּאַוועל. — האָט הערשעלע זיך אָפּגערופן דער ער־שטער — קיינער פון די פעלקער האָט ניט געוואָלט אָננעמען אָט די רע־ליגיע. בלויז מיר, די יידן, און טראָגן זי אויס באהבה ביזן היינטיקן טאָג.

— אבי מען זאָגט, אז יידן זיינען קלוגע... — האָט פּאווועל זיך פאַר־מאָסטן אויף א וויכוח מיט הערשעלען — אָבער הרגע מיך, פאַרשטיי איך פאָרט ניט, פאַרוואָס מען טאָר ניט באַרירן אום שבת א ברענענדיק ליכטל.

— אפילו ניט קיין ברענענדיק. — האָט הערשעלע אויסגעבעסערט מיט שטאָלץ.

— זאָג, יעי באָהו, הערשקאָ, פאַרוואָס? — האָט פּאווועל געפרעגט מיט נייגיר. — פאַרוואָס?

— ווייל... ווייל מען דאַרף דאנקען גאָט, וואָס ער האָט געגעבן די ליכטיקייט. ווי עס שטייט געשריבן אין דער תורה און דערפאַר טאָר מען ניט אויסלעשן די ברענענדיקע ליכט אין טאָג פון רו...

— אויך ביי אונדז זיינען דאָך פאַראַן צייטן, ווען מען צינדט ליכט — האָט פּאווועל ניט געקענט באַגרייפן — אָבער ביי אונדז מעג מען זיי אָנ־צינדן און אויסלעשן ווען מען וויל. ניט אַזוי, שמוליק? — האָט ער זיך געווענדעט צו מיין טאַטן, וועלכער איז געזעסן אויבנאָן, זיך א גלעט געטון יעדע ווילע די באָרד און זיך צוגעהערט מיט א שמייכל צום וויכוח צווישן הערשעלען און פּאַוועלן.

— ביי אייך, פּאווועל, מעג מען א סך זאכן, וואָס ביי אונדז טאָר מען ניט. — האָט דער טאַטע זיך אָפּגערופן האלב־ערנסט אויף פּאווועלס דרייסטער ווענדונג צו אים — דער שבת איז דאָך געגעבן געוואָרן פאַר די יידן צום רוען. און אז מען רוט טאָר מען גאָרניט טון.

— אָבער באַרירן א ליכטל? — האָט פּאווועל געשטויגט, הגם דאָס איז ביי אים ניט געווען קיין נייעס, אַז יידן טאָרן ניט פאַנאַנדערפירן פייער אום שבת.

— פאַרשטייסט, פּאַוועל, — האָט דער טאַטע געזאָגט געלאַסן — ביסט דאָך עפּעס נישט קיין נארישער שגץ און איך וועל דיר אויפקלערן. פאַר־שטייסט, פריער צינדט מען, נאָכדעם לעשט מען אויס. איין עבירה שלעפּט

די אנדערע. אַז מען דערלויבט זיך טון איין זאַך טוט מען שוין אויך אַ צווייטע זאַך און דאָן הייסט עס ניט געדוּט. גאָט שטראָפט פאַר אַזעלכעס. אין אונדזער תורה שטייט געשריבן, אַז מען טאָר ניט אויסלעשן קיין ליכט אום שבת. אַז ניט ־ האַלט איך דאָך געמעגט אויך אַרבעטן אין דער קוזשניע. ניט אַזוי?

— אָבער איך מיין אויך, אַז עס איז אַ נאַרישקייט צו באַרירן אום שבת אַ ברענענדיק ליכטל — האָב איך ניט ווילנדיק זיך אַריינגעצויגן אין וויכוח. — אָט האָב איך געלייענט, אַז אַמאָל איז דאָס אַרויסבאַקומען פייער געווען אַ שווערע אַרבעט. די מענטשן האָבן געמוזט קלאַפּן איין שטיין אין אַנדערן, אָבער היינט, ווען עס זיינען פאַראַן שוועבעלעך און עלעקטרע...

— דינה איז גערעכט, יעי באָהו! — האָט פּאַוועל אויסגערופן אַ גליקלעכער, וואָס איך האָב געוואַגט אים אונטערצוהאַלטן. הערשעלע און גיטעלע האָבן אָפּגעווענדעט צו מיר זייערע שטויבענדיקע בליקן. דער טאַטע האָט אַ קוק געטון אויף מיר בייז. ער האָט זיך אַ גלעט געטון אומ־רואיק איבער דער באָרד און אָנקוקנדיק מיך מיט פאַרוווּנדערונג, אַ פרעג געטון:

— ווו האָסטו עס געלייענט אַזעלכעס, מיין קלוגע טאָכטער? האַ?

— איך וועל דיר ווייזן דאָס ביכל, טאַטע. איך האָב אַפילו געלערנט וועגן דעם אין דער „פּאָווּשעכנע".

דער טאַטע האָט געשוויגן אַ ווײַלע מיט אַ פילזאָגנדיקן שווייגן, ווי ער וואָלט זיך איבערגעלייגט אין עפּעס, דאַן זיך אָפּגערופן גאָר ערנסט:

— איך האָב געוווּסט, אַז די „פּאָווּשעכנע" וועט ניט ברענגען צו קיין גוטס. אַלץ די מאַמע דיינע. אַלע משוגעתן גיט זי אייך נאָך. האָסט געהערט, גאָלדע? — האָט ער זיך געווענדעט צו דער מאַמע, וועלכע איז איצט געשטאַנען אין קיך — האָסט געהערט, וואָס דיין קלוגע טאָכטער זאָגט?

— נו, וואָס זאָגט זי דען אַזעלכעס? — האָט די מאַמע געפרעגט, אַרויסקומענדיק פון קיך מיט אַ ווישבדיקער טעלער אין די הענט.

— זי זאָגט, אַז מען מעג אום שבת אויסלעשן די ליכט. דאָס איז ביי איר אַ נאַרישקייט. אָט האָסטו דיר אַ שבת־גויע אין שטוב! איז ווי באַלד אַזוי צו וואָס נאָך גיין זוכן עמיצן?...

— נו שוין, האָט זי געזאָגט. גענוג שוין מיט אָט די גערייִדערייען. צייט גיין שלאָפן...

פּאַוועל האָט פאַרשטאַנען די אָנצוהערעניש און זיך אויפגעהויבן צום אַוועקגיין. עס האָט מיר באַנק געטון, הלמאי איך האָב זיך אַרויסגעכאַפּט

מיט מיין באַהויפּטונג וועגן באַרירן ברענענדיקע ליכט אום שבת. איך האָב דאָך שוין אַמאָל געכאַפּט אַ פּסק פון טאַטן, נאָכדעם ווי גיטעלע האָט מיך פאַרמסרט, אַז איך האָב איין שפּעטן פרייטיקצונאַכטס, בעת אַלע זיינען געשלאָפן און איך האָב געלייענט אַ בוך, אויסגעלאָשן אַ צאַנקענדיק ליכטל.

—אַ גאַנצער חכם געוואָרן אַלעקסיי דעם סאַלטוסעס זונדל! — האָט גיי־טעלע זיך אָפּגערופן, ווי נאָר פאַוועל איז אַרויס פון שטוב. — אַ גאַנצער אינטעליגענט!...

— אויסגעוואַקסן ווי אויף הייוון — האָט די מאַמע באַמערקט — אַ שיינער שייגאַצניק, אַ יידישע כפרה. אינגאַנצן אין זיין מאַמע מאַריען אַריינגעראָטן...

איך האָב זיך ו׳עמאַכט, ווי איך וואָלט ניט געהערט וואָס מען רעדט און גענומען אָפּרוימען פון טיש, אויסמיידנדיק דעם טאַטנס בליקן. אין שטוב האָט אַריינגעהערשט אַ שטילקייט. אַז איך האָב געוואָרפן אַ זייטיקן בליק אויפן טאַטן, וועלכער איז נאָך אַלץ געזעסן ביים טיש, האָב איך באַמערקט, ווי ער דרעמלט מיד פון דער שווערער אַרבעטס־וואָך. איך האָב דערפילט צו אים אַן אומבאַגרייפלעכע מיטלייד.

# אַ לבנהדיקע נאַכט

יענע נאַכט האָב איך ביישט געקענט צומאַכן מיט קיין אויג. ווי נאָר אַלע אין שטוב האָבן זיך געלייגט שלאָפן, האָב איך זיך אַוועקגעשטעלט ביים פענצטער און אַרויסגעקוקט אינרדויסן צו דער זילבערנער נאַכט. איך האָב געקוקט, ווי די לבנה שפּאַצירט איבער די שטרויענע דעכער, טיקט זיך אין די קלאָטשעדיקע וואָלקנס און שווימט באַלד ווידער אַרויס. וואַרפט אירע קרומע שטראַלן צו מיר דורך די צווייגן פון די ווערבעס און ליפּעס, וואָס וואַקסן נעבן אונדזער שטוב.

מיין האַרץ איז מער ווי אַן אַנדערש מאָל איבערפולט געווען מיט בענק־שאַפטן און אין מוח האָבן געווירבלט שווערע מחשבות. די פרייטיקצונאַכטס־שטימונג, דאָרפישע נאַכט־שטילקייט איבער דער דרעמלענדיקער גאַס, האָט מיך אומרואיק געמאַכט, געלאָקט נאָך מער צו אָט די אומבאַקאַנטע וועלטן צו וועלכע איך האָב געטרוימט און קיינמאָל ניט געקענט קומען. איך בין אין דער דאָזיקער שעה מקנא געווען די פויגלען, וואָס דרעמלען זיך רואיק אין זייערע נעסטן און די זשאַבעס אין נאָענטן סטאַוו, וואָס קענען אַרויסקוואַקען זייערע בענקשאַפטן הויך אויף אַ קול...

די דאָזיקע נאַכט־אידיליע איז בלויז געשטערט געוואָרן דורכן גריל אין א ווינקל פון שטוב, וואָס האָט ווי אקאָמפּאנירט דאָס כראָפּען פון מיין טאַטן. אויך דער וואנט־זייגער האָט יעדע שעה באגלייט זיין מאָנאָטאָנעם טיק־טאַק מיט א בים־באָם, וואָס איז ארויסגעקומען הייזעריק מחמת אלטקייט...

איך געדענק נישט ווי לאנג איך בין אַזוי געשטאַנען פארטראַכט, פאר־קלעמט אין מיין בענקשאפט. איך בין געקומען צו זיך, ווען איך האָב פּלוצים דערהערט די שטים פון גיטעלען, וועלכע האָט זיך דורכגעוועקט פון שלאָף:

— שטייסט נאָך אלץ ביים פענצטער? הא? פארוואָס גייסטו נישט שלאָפן?

אז איך האָב איר נישט געענטפערט, האָט זי א פרעג געטון מיט אומשול־דיקן שפּאָט:

— ווען זוכסטו דאָרט אויף דער לבנה, הא? חיימען?...

— נישט דיינע א זאך, שלאָף! שלאָף!

גיטעלע האָט א שמייכל געטון, זיך אָפּגעקערעוועט צו דער וואנט און גאנץ שנעל האָט זיך ווידער דערהערט איר קינדעריש־געשמאקער שלאָף.

מיין אומרו איז אָנגעוואַקסן. וואָס טוט מען מיט זיך? קיין שום ניי בוך צום לייענען נישטאָ. נישטאָ אויך קיין חשק איצט צו דעם. דאָס קליינע אלקירל איז אזוי ענג. איך וואָלט צעשפּאַרט די ווענט און אוועקגעפלויגן ערגעץ ווייט־ווייט פונדאנען, פון זיך גופא.

איך בין צו צום פענצטער, אים שטיל אויפגעפראלט און ארויסגעשטעקט דעם קאָפּ צום לבנה־ליכטיקן דרויסן. פון עק דאָרף האָט זיך דערטראָגן דאָס געזאנג פון די שקצ־ים און שיקסעס, וואָס זענען, ווי געוויינלעך אין אַזעלכע נעכט ארויס אין גאס, זיך פונאנדערגעזעצט אויף די פריזבעס און זיך פאר־צויגן אין בענקענדיקע לידער.

א טופּעריי פון פערד, וואָס זענען געפירט געוואָרן אויף נאָצלעג, צום פּאַ־שען אויף די לאָנקעס, האָט מיר געשטערט צו פארנעמען די בענקענדיקע לי־דער, ווע‌מע:ס אינהאלט איך האָב אזוי גוט געקענט און האָט אָנגעפולט מיין הארץ איבער די ברעגעס.

אינגיכן האָב איך דערזען אויף די לאָנקעס פונאנדערגעלייגטע פייערן. איך האָב ליב געהאַט די דאָזיקע נאָצלעג־פייערן, וואָס די פאסטוכער האָבן צע־פירט ביינאכט, כדי פארטרייבן די קאָמארעס און וועלף. אָפטמאָל איז מיר אויסגעקומען צו זיין אזוי נאָענט נעבן די דאָזיקע קאָסטיאָרן און צוקוקן זיך, ווי עס טראסקען די דאָרע צווייגלעך, וואָס ווערן צוגעוואָרפן יעדע ווײַלע צום שייטער. די איבעריקע פאסטוכער ליגן ארום די פלאקערנדיקע שייטערס, אייג־

געהילט אין זייערע שעפסענע קאָזשוכעס און שלאָפן געשמאק ביים פייער אויף דער פרישער לופט.

דאָס פלעגט מיר אויסקומען צו זען, ווען אין די שפעטע הארבסט־טעג פלעג איך זיך צוריקקערן פון שטאָט אהיים מיט א פארשפעטיקט פויעריש פורל. דער פויער פלעגט פארבייפאָרנדיק דעם שייטער מיט די פאסטוכער אָפּהאלטן דאָס פערד, כדי צ־רויכערן אַ פאַפּיראָס, אָדער נעמען אַביסל היי פון די דערבייאיקע אַראָפּגעקאָשעטע סיענאָקאָסן.

איצט האָבן אָט די נאָצלעג־שייטערס געמאכט דעם איינדרוק פון פאר־געסענע פייערן, וואָס זענען פארלאָזט געוואָרן דורך וואנדערנדיקע ציגיינער. די דאָזיקע בלענצלענדיקע שייטערס האָבן נאָך מער צעהיצט מיין געמיט און בענקשאפט. גוואלד, וואָס טוט מען מיט אזויפיל בענקשאפט!?

פון פאר א כאטע ביי א סעדל האָט זיך מיטאמאָל ארויסגעשארט א גע־שטאלט און זיך דערנענטערט צו מייןּ פענצטער. זייענדיק ארומגעכאפּט דורך מיינע געדאנקען האָב איך אינסטינקטיוו אויפגעציטערט. איך האָב געוואָלט צומאכן דעם פענצטער, אָבער פלוצים האָב איך דערהערט א שטילן רוף, וואָס האָט מיך נאָך מער אויפגעשוידערט:

— דו—ניא!?

איך האָב פאָרגעפילט, אז ער וועט קומען. איך האָב עס אפשר געוואָלט. איך ווייס נישט. איך בין געווען דערשראָקן, אָבער גלייכצייטיק האָט מיך ארומגעכאפּט אן אינערלעכע פרייד. אַ ווארעמער שטראָם איז אדורך איבער מיינע מיידלשע גלידער.

— פּאַ־ויעל? ווידער דו!??

— איך!!!

זיין קאָפּ האָט זיך ארייַנגערוקט אין פענצטער און זיינע ביידע הענט האָבן פעסט ארומגענומען מיינע אקסל. אונדזערע פנימער האָבן זיך צוגעטוליעט. איך האָב דערפילט זיין הייסן אָטעם און אין שיין פון דער לבנה האָבן אַ פינקל געטון זיינע איצט בלוי־גרינע אויגן, ווי ביי א פארצוקנדיקער חיה...

— דוניא, קום ארויס אביסל. זע, וועלכע פרעכטיקע נאכט אינדרויסן! קום!

— ששש... וועסט אַדורכוועקן... גיי אַוועק... באַלד... גיי!...

ער האָט פארשטאנען מיינע אומבינדיקע ווערטער און איז שטיל אָפּגע־טראָטן פון פענצטער, געבליבן שטיין ביי דער וואנט פון שטוב. איך האָב א ווונק געטון צו אים מיטן פינגער ער זאָל אָפּגיין פון שטוב. ער איז געווען געהאָרכזאם, איז אָפּגעגאנגען א פּאָר טריט און געבליבן ווארטן אין שאָטן פון דערנעבנדיקן בוים. אַן אומבאַקאַנטער כוח האָט מיך אַ צי־געטאָן אין גאַס אַרויס

און... מיט א שטיל־קעציש שפרונג בין איך ארויס דורכן פענצטער, פֿאַרמאַכנ־דיק אים נאָך זיך אַזוי שטיל, ווי מעגלעך.

איצט בין איך געשטאַנען נעבן אים אין שאָטן פֿון בוים, נישטוויסנדיק וואָס צו טאָן מיט זיך. מיין האַרץ האָט האַסטיק געזעצט. איך האָב זיך אומגעקוקט אין אלע זייטן, ווי איך וואָלט זיך געגרייט אויספירן א גניבה, אָדער אַן אַנדער פֿאַרברעכן. איך האָב זיך געפילט, ווי א פֿאַרברעכערין, געטריבן דורך אַן אומבאַקאַנטן כוח. קלעפּטאָמאַניע!...

— ציטער נישט אזוי, דונקא. — האָט ער געזאָגט צערטליך און אַנטשלאָסן אָננעמענדיק מיך ביי די הענט — כ׳לעבן, ווען דו ביסט מיט מיר דאַרפסטו פאר קיינעם נישט מורא האָבן. פֿאַר קיינעם!

— איך האָב... איך האָב נישט מורא! באמת נישט!... פאר וועמען דען דאַרף איך מורא האָבן?... הערסט ווי די זשאַבעס קוואַקען אין סטאוו?...

— מסתמא וועט מאָרגן גיין א רעגן... — האָט ער געשמייכלט — תמיד ווען די זשאַבעס צעקוואַקען זיך וועט מאָרגן זיין א רעגן. זיי פילן עס אָפּ. אויך די לבנה באַהאַלט זיך יעדע ווייל פאַר די וואָלקנס און אַ בעפלדיקע ראָד נעמט זי אַרום. דאָס איז דער בעסטער באַווייז. אַ שאָד די סיגנאַקאָסן, די הייען.

איך האָב זיינע אויפקלערונגען וועגן מאָרגנדיקן רעגן נישט געהערט. איך האָב פארנומען יעדע שאַרך אַרום זיך. עס האָט זיך מיר יעדע ווייל אויסגעדוכט, אז עמיץ גייט, אז עמיץ קוקט ארויס דורכן פענסטער פון שטוב. אפשר די מאַמע, אָדער גיטעלע, וואָס האָט זיך ווידער איבערגעוועקט און דערזען, אז איך בין נישטאָ.

— אוי, פּאַוועל, פארוואָס קומסטו אהער? — האָב איך געפרעגט מיט אומצופרידענער צערודערונג — ציי ווייסטו וואָס עס קען ארויסקומען דערפון?

ער האָט געשוויגן.

— פארוואָס שלאָפסטו נאָך נישט, פּאַוועל? הא? — האָב איך ווידער געשטעלט א סתמיקע פראַגע.

— אלע מיינע חברים גייען שלאָפן צו מיידלעך, אָבער איך... מיך נעמט נישט קיין שלאָף. איך וואָלט מיט דיר געשטאַנען אזוי א גאַנצע נאַכט, יעי באָהו.

— צו וואָס? — האָב איך געקינצלט א שמייכל געטאָן.

— כ׳וואָלט אזוי געקוקט אויף דיר און שווין!

— כ׳וועל דיר געבן אַן אינטערעסאַנטן ביכל — וועסטו אזוי לאַנג אריינקוקן אין אים ביז דו וועסט איינשלאָפן... דאַרפסט דאָך אויפשטיין מיט באַגינען צו דער ארבעט אין פעלד....

ער האָט נישט געענטפערט. אָנשטאָט ענטפערן האָט ער ארויסגענומען פון זיין בלעכערנעם פושקעלע אַ „וואַנדאַ״־פּאַפּיראָס און פאַררויכערט, פארציִענדיק זיך טיף מיטן רויך.

— לעש אויס דעם פּאַפּיראָס! — האָב איך געבעטן — עמיץ קען אונדז באַמערקן.

ער האָט שנעל אריינגענומען אין זיין זשמעניע דעם ברענענדיקן פּאַפּיראָס, אַ צי־געטאָן דעם רויך א פּאָר מאָל, ווי ס'וואָלט אים באנק געטאָן זיך שיידן מיט דעם, דאַן אים צעקנאָדערט און אוועקוואַרפנדיק צוגעדריקט מיטן פוס. ער האָט אַריינגערוקט אין די טיפע טאַשן פון זיינע גאָלף־הויזן די הענט, האָט אָפּגעשטעלט דעם לינקן פוס און שטיל געזאָגט:

— אלץ וואָס דו ווערסט מיר באַפעלן, דונקא, וועל איך טאָן. אלץ, אבי גיי נישט אוועק. קום לאָמיר זיך זעצן אַ־דאָ אויף אַ פּריזבע. דאָרט וועט אונדז קיינער נישט באמערקן.

— ניין, פּאַוועל. איך טאָר עס נישט טאָן. איך טאָר נישט, פארשטייסט?

ער האָט פאַרשטאַנען. אין בוים־שאָטן, שטייענדיק אַזוי נאָענט צו אים, האָב איך גוט געקענט באַמערקן די בלוי־גריבע פייערלעך, וואָס האָבן זיך צעצונדן אין זיינע אויגן. מיינע בליקן זענען געפאַלן אויפן צלימל, וואָס איז אויף א דין קייטעלע געהאנגען אויף זיין פעסטער ברוסט. די רובאכע, ווי תמיד צעכראסטעט. די בלאָנדע טשופרינע שקציש אין א זייט, איבערן לינקן אויג. פון זיין געזונטן קערפּער האָט, ווי געוויינלעך, געאָטעמט מיט וואלד און פעלד. ער האָט אין מיינע אויגן אויסגעזען ריטעריש־שיין.

— איך מוז גיין. — האָב איך געזאָגט ערנסט און זיך ווידער ארומגעקוקט. ניין, עס האָט זיך מיר נישט געגלוסט אוועק פון אים. איך האָב אליין דאַן נישט באַגריפן וואָס עס האָלט מיך צוגעשמידט און ציט מיך צו אָט דעם דאָזיקן פּשוטן שגץ. צי שוין זשע דאָס וואָס מיר זענען ביידע פון קינדערוויז אָן געזעסן אויף איין שול־באַנק? אָדער... איז עס געווען אַן אילוזיע צו באַפרידיקן מיינע בענקשאַפטן; א לייזונג צו מיינע טרוימען און מיידלשע פארלאַנגען — פארלאַנגען פון א יונג, נישט רייף מיידל, וואָס טראָגט זיך ארום מיט אומבאַגרייפלעכע בענקשאַפטן און חלומות, וואָס זענען געבוירן אין רעזולטאַט פון אָנגעלייענטע ראָמאַנען און ראָמאַנטישע העלדן?

איך ווייס ביט, איך האָב נאָר געפילט, אַז ער, פּאַוועל, לעבט אין מיין האַרץ, אין מיין גאַנצן וועזן. אַז איך זע אים נישט, וויל איך אים זען און אַז איך זע אים וויל איך אוועק פון אים, ווייל... ווייל איך האָב מורא. עס שרעקט מיר עפּעס. עס שרעקט מיר צו זיין מיט אים און עס איז מיר טרויערדיק ווען איך

טראַכט וועגן אים בעת ער איז נישט מיט מיר. וואָס ווייטער אַלץ מער אַזוי. אָפּט גלויב איך, אַז דאָס איז דערפאַר, וואָס איך בין עלנט און מיין אייגענעם אומעט און בענקשאַפטן. עס דוכט זיך מיר, אַז קיינער פאַרשטייט מיך נישט. אויך ער פאַרשטייט מיך נישט. ער אָבער פילט מיך, האָט מיך ליב און איך... איך פיל אים... איך וויל זיין מיט אים... איך האָב ליב זיין פּשוטקייט. זיין גרייטקייט צו טאָן פאַר מיר אַלץ אין דער וועלט.

אַז איך האָב געזאָגט, אַז איך מוז גיין, האָט ער עס פאַרשטאַנען, אָבער ער האָט פאַר קיינעם נישט מורא געהאַט. ער איז געווען גליקלעך פון יעדער מינוט, וואָס איך שענק אים און שטיי מיט אים. ער האָט מיך אָנגענומען מיט זיין שאַרסטקער האַנט און מיטגעצויגן אין סעדל. ער האָט שטיל אַריינגעמורמלט אין מיר, אַז עס איז נאָך פרי, אַז איך זאָל זיך נישט שרעקן, אַז מיר וועט גאָרנישט געשען. מיר וועלן בלויז ביידע זיצן אַביסל. אַז... אַז עס איז אַזאַ שיינע נאַכט. ווי אַזוי שלאָפט מען איין אין אַזאַ נאַכט, ווען אין הימל טויכט אויף יעדע ווײלע די לבנה, וואָס וווּנקט מיט ליבע־שטראַלן, מיט בענקשאַפטן... ווען אַרום קוואַקען די זשאַבעס, עס גרילצן די גרילן און פון די נאָענטע לאָנקעס שמעקט מיט סיגנאַקאָסן, מיט נאַכט...

יאָ, ווי שלאָפט מען טאַקע איין אין אַזאַ נאַכט?

פּלוצים האָב איך דערהערט טריט און האָב שנעל אַרויסגעריסן מיין האַנט פון זיינער. מיר זענען ביידע געבליבן שטיין איינגעהאַלטנדיק דעם אָטעם, זיך באַהאַלטן אין בוים־שאָטן. כ'האָב דערזען אַ מענערישע געשטאַלט, וואָס איז געבליבן שטיין ביי אַ כאָטע. די געשטאַלט האָט געוואַרט אַ ווײלע און איז שנעל אַריין אין הויף. באַלד האָט זיך דערהערט אַ שטילער קלאַפּ אין אַ טיר און גלייך נאָכדעם די שטים פון אַ יונגן מאַנספּאַרשוין:

— מאַטראָנאַ! האַ, מאַטראָנאַ? עפן! דאָס בין איך... גריגאָרי, ריהור!...

אַ סקריפּ פון טיר. אַ שטילער פרויען־געלעכטער. אַ שעפּטש און גלייך האָט די טיר זיך פאַרהאַקט מיט אַ געהיימענישפולן פאַרמאַך. אַ ריגל האָט זיך אַ רוק געטאָן און ווידער שאַ־שטיל.

— קענסט דאָך גריגאָרן — זאָגט פּאַוועל שטיל — דאָס איז ער שוין אַוועק שלאָפן צו זיין מיידל, צו מאַטראָנען. שוין אַ יאָר צייט, ווי ער גייט צו איר אין „קליט" (נאַכט־קעמערל צום שלאָפן). זיי וועלן שוין מסתמא אינגיכן חתונה האָבן.

— אַ גליקלעך פּאָרל... — כאַפּט זיך אַרויס פון מיין מויל און איך בין ווירקלעך מקנא די פרייע אויפפירונג פון די שקצים מיט די שיקסעס. די עלטערן זייערע ווייסן וועגן דער פרייער אויפפירונג פון זייערע טעכטער און

זין. אָפּט פּאַסירט, אַז די מוטער פון מיידל דעקט נאָך צו דעם בחור, וואָס שלאָפט מיט דער טאָכטער, אַז עס זאָל זיי נישט זיין קאַלט...

אָפּט קלייבן זיך צונויף די שקצים מיט די שיקסעס אין איינער פון די גרעסטע כאַטעס אין דאָרף, זינגען דאָרט און טאַנצן אַזוי לאַנג, ביז עס ווערט שפּעט. דאַן שפּרייטן זיי אויס אויף דעם ליימענעם טיק שטרוי־געפלאָכטענע סיעניקעס, וואָס זיי רופן „מאַטעס" און לייגן זיך אַלע צוזאַמען שלאָפן. יעדער בחור מיט זיין מיידל. פּאָרלעכווייז.

אויך איצט, אין דער דאָזיקער לבנהדיקער נאַכט האָבן זיי זיך געפּאָרט, געליובקעט זיך פריי אין אָפענער ליבע, וואָס האָט געהיצט מיין געמיט, אָנגעפולט מיך מיט מיידלשער אומרו־מחשבה און בענקשאַפט. פאַרוואָס? פאַרוואָס — האָב איך נישט איינמאָל געטראַכט, באַזונדערס אין אַזעלכע רגעים — מעגן זיי זיך אַזוי פריי אויפפירן און איך דאַרף מורא האָבן אפילו שטיין צוזאַמען מיט דעם, וואָס מיין האַרץ גאַרט צו אים? פאַרוואָס און נאָכאַמאָל פאַרוואָס? מיט וואָס איז פאַרוועל אַנדערש פון די יידישע יינגלעך פון דאָרף, וועלכע איך פאַרטראַג נישט צוליב אַסך טעמים און מייד אויס זיך טרעפן מיט זיי?

איך האָב געוווסט: אויך זיי, די יידישע בחורים און מיידלעך ציט אַרויס אין אַזאַ לבנהדיקער נאַכט, באַזונדערס פרייטיקצונאַכטס, אָדער מוצאי־שבת, אין דעם ליכטיק־נאַכטיקן דרויסן. אויך זיי לאָקט אַרויס דער צע־זייטער זילבער איבער די דעכער און גאַס, אָבער זייער שפּאַציר זעט מיר אויס אַזאַ אומעטיקער, אַזאַ צוריקגעהאַלטענער. אָפּטמאָל הער איך אפילו, ווי אַ בחור דערקלערט זיך אַ מיידל אין ליבע עפּנטלעך, אָבער אין די דאָזיקע ליבע־דערקלערונגען ליגט אַזויפיל איבערגעשפּיצטקייט און קלינגט, ווי חוזק. אפשר דוכט זיך עס מיר אַזוי. איך ווייס נישט. איך ווייס נאָר, אַז סיי־ווי וועט זין אויסלאָזן פון דער ליבע אַ „בוידעם", אויב... אויב דאָס מיידל האָט נישט קיין נדן. בלויז אין זעלטענע פאַלן טרעפט, אַז „צוויי יידישע מתים גייען טאַנצן"...

און נאָך: געוועזן צווישן די יינגלעך, איך מיין צווישן די יידישע יינגלעך פון דאָרף, בלויז איינער, צו וועמען איך האָב געפילט מיינע פולע סימפּאַטיעס. חיים! דער זון פון נחום דעם אָקסן־הענדלער, וועלכער איז באַטראַכט געוואָרן אַלס דער רייכסטער ייד פון דאָרף. חיימס טאַטע האָט געהאַנדלט מיט גרויסע קאָשאַרעס אָקסן. געהאַט פאַרבינדונג מיט וואַרשע־ווער סוחרים און אַלע האָבן געהאַט אָפּשיי פאַר זיין גבירישקייט. חיימען האָב איך סימפּאַטיזירט — נישט, ווייל ער איז געווען דער זון פונעם רייכ־

סטן ייד פון דאָרף, נאָר ווייל ער האָט געלערנט אין דער גרויסער שטאָט, אין וואַרשע. ער פלעגט קומען אין דאָרף בלויז אויף אַ פּאָר מאָנאַט אין פעריען־צייט.

אז ער פלעגט אראָפּקומען אַנגעטון אין זיין גראַנאַטענעם אַנצוג און גימנאַזיסטן־היטעלע מיטן גלאַנציקן דאַשעק, האָבן אלע געקוקט אויף אים פון אונטן אַרויף און ער אויף אַלע פון אויבן אַראָפּ. ווייסנדיק וועגן דעם האָב איך אויסגעמיטן זיך וואַרפן אים אין די אויגן, ווי דאָס האָבן געטון אַנדערע מיידעלעך אין מיין עלטער. און אז מיר האָבן זיך „צופעליק" געטראָפן האָבן מיר זיך צוזאַמענגערעדט מיט די בליקן. איך האָב געפילט, אז איך געפעל אים.

ווייסנדיק, אַז איך האָב דאָך פאַרענדיקט אַ „פּאָווּשעכנע", האָט חיים געהאַט צו מיר גאָר אַן אַנדער באַציאונג. ער האָט גערעדט אָפט מיט מיר איבער מיצקיעוויטשן און סיענקיעוויטשן, דערציילט אינטערע־סאַנטע געשעענישן פון דער גרויסער שטאָט, נישט אויסגעמיטן דערביי אַביסל באַרימעריי און דערמיט האָט זיך עס פאַרענדיקט. ער איז ווידער אָוועקגעפאָרן און איך בין ווידער געבליבן מיט מיין קנאה אין הארצן און אומגעלאָשענער בענקשאַפט. אַפילו די צייט, וואָס ער איז שוין יאָ געווען אין דאָרף, האָט ער אויך מער פאַרבראַכט אין שטאָט, זיך געחברט מיט דער אַזוי גערופענער „גאָלדענער יוגנט", וועלכע איך האָב נישט פאַר־טראָגן, ווייל אין תוך גענומען איז עס געווען אַ פּוסטע יוגנט און דער סנאָביזם איז געווען זייער איינציקער געווער. אַזוי די זונדעלעך און אַזוי די גבירישע טעכטערלעך.

יאָ. אַזוי איז עס געווען. און אז איך דערמאָן זיך וועגן דעם — דער־וועקט זיך אין מיר ביזן היינטיקן טאָג יענער פאַרדרוס, וואָס איז אפשר געווען נישט קיין קליינער גורם פאַרוואָס איך בין אַראָפּ פון „גלייכן וועג", ווי די דאָרפישע יידן האָבן עס באַצייכנט. און נישט נאָר די יידן פון דאָרף, נאָר אויך די שטאָטישע יידן. אַלע.

עס גייט מיר נישט אַרויס פון זכרון יענע נאַכט, ווען איך האָב שטייענדיק מיט פאָוועלן אזוי אין שאָטן פון בוים, פּלוצים באַמערקט אַנ־קומען די יידישע מיידלעך און בחורים. אין דער ערשטער רגע האָב איך געוואָלט פאַרבלייבן. נישט רירן זיך פון אָרט. אַלס פּראָטעסט. גלייך אָבער האָב איך באַטראַכט די רעזולטאַטן, וואָס קענען ארויסקומען דערפון און דער עיקר דער גרויסער צער, וואָס איך קען דערמיט פאַרשאַפן מיינע על־

טערן און איך בין שנעל אַוועק צום שטוב, איבערלאָזנדיק פּאַוועלן אליין. איך האָב בלויז באַוויזן אים צוזוואַרפן:

— א גוטע נאכט, פּאַוועל, איך מוז גיין!

און איך בין מיט איבערגעאיילטע טריט אַוועק. עס איז שוין אָבער געווען שפּעט. עמיץ פון די אונטערגעקומענע בחורים און מיידלעך האָט מיך באַמערקט און איך האָב שטייענדיק אין הויף ביי דער טיר, דערהערט:

— זעט, ווי זי איז אנטלאָפן פון אים?!

—א שיינער שגץ!...

— זי האָט נעבעך געמיינט, אז חיים וועט זיך פארליבן אין איר!...

— אנדערש שטייט איר נישט אָן!...

זיי האָבן געלאכט. מער האָב איך גאָרנישט געהערט. זייער געלעכטער האָט מיך אויפגערודערט. זייערע ווערטער — דערצערנט. איך געדענק נישט, ווי אזוי איך האָב געעפנט די טיר. איך בין געקומען צו זיך, ווען איך האָב זיך דערזען שטיין אינמיטן קיך און זיך צוגעקוקט אויף א גוססדיק ליכטל, וואָס האָט זיך נאָך אלץ געקלאַמערט ביים לעבן. דאָס אויסגעברענטע קנייטל האָט בשום אופן נישט געוואָלט זיך אונטערגעבן. געלאָשן זיך אין טייכעלע צעלאָזענעם חלב פון לייכטער־שיסעלע, געטיקט זיך, געבלענ־צלט, פארגאנגען און ווידער אויפגעטויכט מיט א ציטערדיק פלעמל.

ערשט נאָכדעם, ווי דאָס קנייטל האָט אויסגעהויכט זיין לעצטן פונק און איז איינגאנצן פארגאנגען, האָב איך זיך געלאָזט צו זיך אין אלקירל, ווו גיטעלע איז געשלאָפן איר געשמאַקן שלאָף ניט פילנדיק מיין אַריינקומען. לאנג־לאנג האָב איך זיך אויסגעטון, פארטיפט אין מיינע אומרואיקע מח־שבות. אַז איך בין געבליבן שטיין אין דער בלויזער העמד האָב איך גע־פילט, ווי מיין לייב שרייט. דוכט זיך ווי איך וואָלט די נאכט נאָך ריי־פער געוואָרן. רייף, ווי אַן עפל, וואָס וואַרט אראָפּגעריסן צו ווערן דורך א צערטלעכער האַנט...

ווי אזוי און ווען איך האָב זיך געלייגט אין בעט און ענדלעך איינגע־שלאָפן — געדענק איך ניט. איז עס וויכטיק?...

## פארשטערטע פרייד

מיינע באַגעגענישן מיט פּאַוועלן זיינען טראָץ אלעמען געוואָרן אָפּ־טערע. אַז עס איז פארביי א טאָג און איך האָב אים נישט געזען, האָב איך זיך נישט געפונען קיין אָרט. עס האָט מיר געפעלט דער גלאנץ פון זיינע

שמייכלדיקע אויגן. דער קלאַנג פון זיין טיפער שטים. זיין פּשטות און אויפריכטיקייט, זיין שקצישע תמימות און זעלבסטזיכערקייט, וואָס האָט געוויילט פון זיין געמיט.

ביינאַכט, אויף מיין געלעגער, האָב איך געפילט זיין אָנוועזנהייט און לאַנגע שעהן זיך געדרייט פון איין זייט אויף דער אַנדערער, ביז איך האָב קוים באַוויזן איינצושלאָפן. אויך אין שלאָף האָב איך אים געפילט, ווי אויף דער וואָר. געזען זיין הויך־געזונטע פיגור, פון וועלכער עס האָט גע־שלאָגן מיט אַזויפיל ענערגיע און יינגלש־בחורישן חן.

איך האָב אין די חלומות מיינע שפּאַצירט מיט אים איבער פעלדער, געשיפט זיך אין ברייטן טייך, זאַלבעצווייט אַרומגעלאָפן מיט אים צווישן די בוימער אין וואַלד, געשטיפט, ווי צוויי אומשולדיקע קינדער, דאַן גע־זעצט זיך צווישן די הויכע גראָזן און געריסן „פּאַרגעס מיך נישט״־בלימעלעך, „פּאַנקעס״, „סיטעניק״, אָדער „אוסאַטשקעס״, וואָס זיינען גע־וואַקסן ביים טייך־ברעג און געווען אַזוי זיס צום עסן.

נאָך אַזעלכע חלומות, האָב איך זיך אויפגעכאַפּט א צעטומלטע. איך בין געווען זיכער, אַז ער שטייט ערגעץ און וואַרט מיך אָפּ. אָנגעטון אין דער נאַכט־העמד, האָב איך מיטביידע הענט זיך פאַרשטעלט דעם בוזעם, ווי איך וואָלט געווען זיכער, אַז ער קוקט מיך נאָך, נעמט דורך מיט זיינע בליקן מיין נאַקעטקייט. דאַן בין איך אויף די שפּיץ־פינגער צו צום פענצ־טער און אַרויסגעקוקט דורכן שויב אין דער שפּעטער, אָדער פאַרטאָגיקער נאַכט־אַריין. אז איך האָב זיך אַנטוישט אין מיין טרוים, בין איך אַוועק צוריק אויף מיין בעטל, צוגעמאַכט די אויגן און זיך באַמיט מיט אַלע כו־חות ווידער אויפלעבן דעם זיסן חלום, אָבער אומזיסט!

איין פאַרנאַכט, שבת, ווען איך בין געלעגן אויף מיין בעטל, פאַרטיפט אין לייענען א ביכל, האָב איך נישט געפילט, ווי א זיסער דרעמל האָט אַרומגעכאַפּט מיינע גלידער, דאָס ביכל איז אַרויסגעפאַלן פון די הענט און איך בין איינגעשלאָפן.

און געווען איז עס אין חלום:

...איך בין געלעגן אויף די הייסע זאַמדן פון ברעג און געלאָזט זיך קושן פון די מילדע זונען־שטראַלן. ער האָט זיך פאַרגנבעט צו מיר פון פאַר א גראָזיקן בערגל און אַרומגעכאַפּט פאַר די אויגן. איך האָב גלייך דערפילט זיינע געזונטע הענט. א וואַרעמער שטראָם האָט זיך צעגאָסן איבער מיינע מיידלשע גלידער.

— „אָ, טייערע... ענדלעך ביסטו מיט מיר... אַזאַ, ווי איך זע דיך תמיד אין

מיינע שלאָפלאָזע נעכט אויף מיין געלעגער, בעת די נאָצלעגס, ביי דער ארבעט אין פעלד, בעת די זשניוועס, בעתן שניידן די גראָזן און ארומגיין איבערן וואלד. וועלכן שיינעם קערפער דו פארמאָגסט, דוניא! כ׳לעבן, בישטאָ נאָך אזא איינע אין גאנצן דאָרף, ווי דו! איך האָב דיך ליב, דו־ניעטשקאָ! איך קראַפיר נאָך דיר! כרעסט מענע פּאָבעי! זאָל מיך דער צלם...׳

— „אוי, פּאוועל! דו??? גיי אוועק! איך שעם זיך! זעסט דאָך, איך בין... נאַקעט״...

— „נישט שעם זיך! איך ווייס, אז דו ביסט מיידלש־פּרעכטיק! אַז דיין לייב שמעקט מיט טויזנטער בלומען־ריחות, מיט צוויט...! איך ווייס! נישט שעם זיך!...״

— „גיי אַוועק! איך בעט דיך: גיי אוועק! עמיץ קאָן נאָך אָנקומען! זעסט, אָט דאָרט קוקט מיין מאַמע, דער טאטע! אַלע! די גאַנצע וועלט!...״

— „זאָל מען קוקן, וואָס גייט מיר אָן די וועלט, דיין מאַמע, דיין טאטע?״...

— „איך וויל נישט! גיי אוועק!״...

— „גוט, אויב דו פארלאנגסט איך זאָל אַוועקגיין... ווייסט דאָך — פאַר דיר, דוניעטשקאַ, בין איך גרייט אַלץ אין דער וועלט צו טאָן, אַפילו פאַרברענען זי, יעי באָהו!״...

...אַז ער האָט גענומען אַוועקגיין, האָב איך זיך אויפגעריסן פון די זאמדן און אים נאָכגעלאָפן. איך האָב א שטמעוודיקע געכאפּט זיינע הענט. „גיי נישט אַוועק! איך האָב עס נישט געמיינט ערנסט! גלויב מיר!״.

ער האָט מיך ארומגעכאפּט, גענומען אויף זיינע אָרעמס און ארומגע־לאָפן מיט מיר, ווי מיט א קינד, איבער די ברייטע פעלדער. ער האָט מיך געקושט אין ווידעו אַוועקגעלייגט אויפן ברעג, געצערטלט מיך און גע־רעדט צו מיר אזעלכע שיינע רייד, וואָס האָבן מיך דערהויבן, ווי איך וואָלט מיט אים זיך געטראָגן אין בלויע הימלען. שפּעטער זיינען מיר ווידער... ווידער געלעגן צוזאמענגעפּרעסטע אין א לאנגן קוש. מיין הארץ האָט אזוי האסטיק געזעצט, אָבער איך בין געווען גליקלעך. מוראדיק גליקלעך... פּלוצים...

פון אונטער א קוסט אויפן טייך־ברעג איז ארויסגעקראָכן א שלאנג. אַ שלאנג מיט אזעלכע גרינע אויגן... ער האָט געפּויזעט גלייך צו מיר. איך וויל שרייען, נאָר איך קען נישט. און דער שלאנג איז אזוי נאָענט. אָט־אָט... אזא, ווי איך האָב אמאָל געטראָפן בעת איך בין מיט די פויערטעס געווען

אין וואַלד נאָך גריבעס. אַ ציטער נעמט מיך ארום. ענדלעך קלויב איך צו־נויף מיינע לעצטע כוחות און לאָז ארויס א געשריי: „פּאַוועל!... פּאוו...״

— וואָס שרייסטו אזוי? ס'האָט זיך דיר עפּעס געחלומט?

איך האָב אויפגעעפנט מיינע אויגן. ביי מיין בעט איז געשטאַנען גיטעלע מיט א שמייכל אויף אירע קינדערישע ליפּלעך.

— הערסט נישט אויף צו שרייען. — האָט גיטעלע איבערגעחזרט, איצט אַביסל ערנסטער — שלאָפסט שוין גענוג לאַנג. שטיי אויף!

איך האָב זיך ארומגעקוקט מיט שרעק. גיטעלע איז ארויס פון אלקירל. פון צווייטן צימער האָט זיך צו מיר דערטראָגן די פעסטע שטים פון מיין טאַטן. ער האָט געמאַכט „הבדלה״. אויך דער מאַמעס שטים האָט, ווי דורך א נעפּל, געריזשט אין מיינע אויערן. זי זאָגט דוכט זיך „גאָט פון אברהמען״.

ערשט איצט האָב איך זיך באַדענקט וועלכער טאָג עס איז היינט. דער שלאַנג מיט די גרינע אויגן איז אָבער נאָך אלץ נישט אָפּגעטראָטן פון מיין דמיון, ווי ער וואָלט זיך געפונען אונטער מיין בעט. מייַן האַרץ האָט נישט אויפגעהערט קלאַפּן מיט שרעק און ציטער. נאָך גוט, וואָס די מאַמע, אָדער דער טאַטע האָבן נישט געהערט מיין שרייען פון שלאָף „פּאַוועל״. אפשר האָט גיטעלע געהערט...

פאַרן פענצטער פון מיין אלקירל האָט געטונקלט די נאַכט. אָפּגעהאַקטע קלאַנגען פון די קלויסטער־גלאָקן האָבן שאַרף זיך ארייַנגעריסן אין מיין געהיר. עס האָט זיך נישט געגלוסט אויפשטיין פון בעטל. פאַרוואָס קלינגען אַזוי די גלאָקן פון קלויסטער? אַהאַ, מאָרגן איז זונטיק...

— האָסט זיך היינט אזוי פאַרשלאָפן, ווי קיינמאָל אזוי. — האָט געזאָגט מיין מאַמע אריינקומענדיק אין אלקירל — וואָס וועסטו שוין טון ביינאַכט, אז דו ביסט ביז איצט אזויפיל געשלאָפן?

— איך וועל ווידער שלאָפן...

— גענוג. שטיי אויף עסן אָוונט־ברויט.

— באַלד, מאמע, באַלד וועל איך אויפשטיין. עס איז אזוי גוט צו דרעמלען...

— נו... נו... דרעמל!...

ווי נאָר די מאמע איז ארויס, האָב איך זיך אויפגעריסן פון בעטל און ארויס אין צווייטן צימער, אין „זאַל״, וווּ דער טאַטע האָט שוין פאַרענדיקט דאָס מאַכן „הבדלה״. ער איז געזעסן ביים טיש א פאַרטראַכטער.

— א גוטע וואָך, טאַטע. איך האָב זיך היינט פאַרשלאָפן אַביסל... — האָב

איך שטיל געזאָגט אין פאַרלעגנהייט און געזוכט דעם טאַטנס אַ בליק, זייענדיק אומרואיק צוליב מיין חלום וועגן פּאַוועלען.

— האָסט גאָרנישט פאַרשפּעטיקט — האָט ער געזאָגט קוקנדיק פאר זיך — ווידער הויבט זיך אָן די וואָך. מען דאַרף ווידער גיין אין קוזשניע.. אַ סך ארבעט נישט אויסגעפּאַרטיקט.

— וועסט זי קיינמאָל נישט אויספּערטיקן, טאַטע.

— קיינמאָל נישט. — האָט ער געזאָגט טראַכטנדיק אַ ווײַלע, ווי ער וואָלט ערשט איצט צעקייט מיינע ווערטער — יאָ, ביסט גערעכט טאָכטערל, קיינמאָל נישט. אַ לעבעדיקער מענטש דאַרף אָבער ארבעטן.

— אַנדערע ארבעטן נישט און האָבן אַלץ...

— איך בין קיינעם נישט מקנא. קיינער האָט ביי מיר גאָרנישט צוגענומען.

— אפשר יאָ... ווער ווייסט!...

ער האָט נישט געענטפערט, ווי ער וואָלט מיינע ווערטער נישט געהערט, אָדער נישט אויפגעכאַפּט זייער זין. די מאַמע האָט זיך געזעצט צו דער ניי־מאַשין, הערשעלע האָט זיך פאַרטיפט אין אַ ספר און גיטעלע האָט זיך געזעצט צום „עולם הילדים”. איך האָב נישט אָפּגענומען מיינע אויגן פון איר קיילעכדיק שיין פּנימל מיט די שוואַרצע אויגעלעך. זי האָט, ווי תמיד, בעתן לערנען אויף אויסנווייניק אַ „שיר” יעדע ווײַלע פאַרשטעלט, אָדער צוגעמאַכט דאָס ביכל און שטיל געמורמלט די פערזן, איבערגעחזרט פאַר זיך צי זי געדענקט זיי. זי איז געווען אזוי פאַרטון אין דעם, אז אפילו ווען זי האָט מיר צוגעשענקט אַ בליק איז עס געווען אַ גאָרנישטזאָגנדיקער בליק. דאָך האָב איך אין אירע בליקן ארויסגעלייענט, אז זי ווייס און מאַכט זיך נישטוויסנדיק וועגן מיין נישט דערחלומטן חלום...

אז דער טאַטע איז אַוועק שלאָפן און אין שטוב האָט ארייַנגעהערשט אַ מוצאי־שבתדיקע שטילקייט, וואָס איז מיר אזוי געווען דערווידער, האָט די מאַמע זיך אָפּגערופן צו מיר:

— גיי טאָכטערל זיך אַדורך צו די מיידלעך.

— איך וועל דיר אפשר בעסער העלפן נייען.

— נישט נויטיק. — האָט זי אָפּגעוואָרפן מיין פאָרשלאַג, וויסנדיק, אז איך האָב ווייניק חשק צו דעם.

— גוט, וועל איך גיין.

— גיי, גיי. — האָט זי געזאָגט, הגם זי האָט גוט געוווסט, אז איך באַגעגן זיך זייער ווייניק מיט די יידישע יינגלעך און מיידלעך פון דאָרף. און אז איך קום צווישן זיי בין איך דאָרט, ווי אַ פרעמדע, ווייל איך געפין נישט קיין

שפּראַך מיט זיי. נישט איינמאָל האָט עס די מאַמע געוואָלט דערגרונטעווען און נישט געקאָנט, ווארום אויך איך אַליין האָב עס נישט געקענט. די מאַמע איז געווען זיכער, אַז ווען איך וועל לערנען, פאַרענדיקן די „פּאָוושעכנע" וועט לייכטער אָנקומען צו געפונען פאַר מיר אַ לייטישן זיווג, אפילו אָן נדן. דאָס וועט זיין מיין נדן. די פּאָוושעכנע. זי האָט נעבעך נישט געוווסט, אַז גראָד דאָס וועט ווערן אַ וואַנט צווישן מיר און זיי, די יידישע ייִנגלעך און מיידלעך, און זי האָט אזוי געוואָלט איצט אָט די וואַנט צעברעכן, אָבער אומזיסט!

אָרעמע מאַמע! שטאַמענדיק אליין פון אַ גוטן יחוס און בלייבנדיק אַלס יתומה, איז זי געווען געצוווּנגען צו חתונה האָבן מיט אַ „קאָוואַל־ייִנג", אַ שמיד און האָט, ווי זי פלעגט זיך באַקלאָגן, פאַרפינצטערט איר לעבן, הגם דער טאַטע האָט זי שטאַרק ליב געהאַט און זי געגומען אָן אַ גראָשן געלט. איר יחוס איז געווען דער נדן אירער און ער, דער שפּעטערדיקער טאַטע מיינער איז געווען גליקלעך, וואָס אלס שמיד־טשעליאַדניק איז אין זיין גורל אַריינגעפאַלן אַזאַ יחוסדיק און שיין מיידל. מיין מאַמע האָט דעריבער שטאַרק נישט געוואָלט, אַז אירע טעכטער זאָלן האָבן דעם זעלבן גורל, חלילה...

אַז איך בין יענעם מוצאי שבת ארויס אין גאַס, בין איך געבליבן שטיין און נישט געוווּסט וווהין זאָל איך זיך קערן. אפשר גיין צו מנשה דעם מילנער, ווו עס קלייבן זיך צונויף אין אזא אָונט די יידישע ייִנגלעך און מיידלעך, ווייל ער האָט א גרויסע שטוב?

איך האָב געוווּסט וואָס עס דערוואַרט מיך דאָרט. דאָס רוב זענען דאָרט נישטאָ קיין גלייכן אין מיין עלטער. רייזל, מנשה דעם מילנערס טאָכטער, איז שוין אַן עלטערע מיידל, און הגם מנשה האָט פאַר איר צוגעגרייט אַ שיינעם נדן, האָט זי נאָך אַלץ נישט צוגעקליבן זיך קיין חתן. זי שטייט שוין פון לאַנג אין שידוכים, אָבער ווער עס וויל איר — וויל זי נישט און וועמען זי וויל, וויל ער נישט. זי האָט מיט וואָס שטאַלצירן. איר טאַטע האָט אויך אַ וואַסער־מיל אין אַ צווייטן דאָרף, אָבער זי אַליין איז ווייט נישט קיין שיינע און די יאָרן גייען דערווייל, שנירלען זיך ווי קרעלן, קרעל צו קרעל. אויך דער נדן ווערט גרעסער.ביידע זאַכן אינאיינעם איז אָבער נישטאָ ביי קיינעם, זאָגן די ווייבער און באַרעדן דעם און יענעם, באַזונדערס די מיידלעך, אויף זייער ווייבערישן שטייגער און רכילות־לשון.

פאַרטיפט אין די געדאַנקען בין איך צוגעקומען ביזן שטוב פון מנשה דעם מילנער. פון די פענסטער האָט ארויסגעזעצט דאָס ליכט פון שטייענדיקן הויכן לאָמפּ אויפן טיש. מנשה און זיין ווייב, בריינדל, זענען ווייזט אויס שוין

געלעגן אין די בעטן אין זייער שלאָף־צימער. אין שטוב זענען שוין געווען פאַרזאַמלט אַלע ייִנגלעך און מיידלעך פון דאָרף. און אַז איך זאָג ייִנגלעך און מיידלעך, מיין איך נישט ייִנגלעך אין עלטער פון זיבעצן, אָדער אַכצן יאָר, אָדער מיידלעך אין עלטער פון מיינע יאָרן, נאָר דאָס זענען שוין געווען ייִנגלעך, בחורים אויסגעדינטע אין פּוילישן מיליטער און מיידלעך ווייט אַריבער די „נאַסציע", ווי מען פלעגט זאָגן, דאָס הייסט ווייט נאָך די צוואַנציקער.

זיי זענען דאָ אַלע געזעסן אויף פונאַנדערגעשטעלטע בענק ביי די ווענט. אויסגעפּוצטע אין די שבתדיקע קליידער, צוריקגעהאַלטענע, אַנגעצויגענע. איך וואָלט אפילו געזאָגט מיט אומעטיקע בליקן און געוואַרט, אַז עמיץ פון די מער צוואַנגנע (דרייסטע) בחורים זאָל איבערנעמען די איניציאַטיוו און פאָרלייגן צו שפּילן עפּעס אַ שפּיל, אָדער אַרויס אין אַ טאַנץ, צי גאָר דערציילן עפּעס אַ שיינעם וויץ.

דערווייל האָט זיך עמיץ פון די בחורים געוויצלט אויפן חשבון פון רייזלען, מנשה דעם מילנערס טאָכטער, מיט די געקרייזלטע האָר, וועלכע האָט געהאַלטן אין דערלאַנגען „אוגאָשטשעניע" (כיבוד), צוקערלעך און יאָדערן. אַן אַנדערער ווידער האָט אַריינגעזאָגט אין דער זיבעטער ריפּ מלכהן דער „עגאָאיסטקע" בעת ער האָט זי אַ טשעפּע געטאָן. זי, מלכה די „עגאָאיסטקע" האָט אים אויסגעזידלט מיט „ניע איזוויניייטיעס אי ניע טאָלקאַיטיעס" (שטויס זיך נישט און אַנטשולדיקט זיך נישט), נאָכדעם ווי דער בחור, מאיר, האָט דריי מאָל געזאָגט „פּשעפּראַשאַם" (אַנטשולדיק) און זיך פאַרנויגט פאַר איר מיט אַ חוזק־שמייכעלע אויף די פולע ליפּן.

ביסלעכווייז איז דער טומל אָנגעוואַקסן. די מער דרייסטערע בחורים האָבן נישט אויפגעהערט זיך וויצלען און די מיידלעך זיך זשעבירן. עמיץ האָט פאָרגעלייגט שפּילן אין פאַנטעס. „פאַנטעס! פאַנטעס!" — האָבן אַלע בחורים איינגעשטימט, אָבער אייניקע מיידלעך האָבן פּראָטעסטירט, וויסנדיק, אַז אויב זיי וועלן פאַרשפּילן די „פאַנטע" וועט מען זיי צופּסקענען זיך צעקושן מיט אַ ייִנגל, וואָס געפעלט זיי גראָד נישט. די ייִנגלעך זענען דווקא באַשטאַנען אויף „פאַנטעס". דאָס רוב זענען עס געווען די ייִנגלעך, וואָס האָבן געוווסט, אַז דערמיט וועלן זיי דערצערנען די מיידלעך, וועלכע פאַרייסן די נעזער. אַנדערע ווידער כדי באמת כאַפּן אַ קוש פון אַ מיידל און אייבצלנע פון זיי, כדי האָבן די געלעגנהייט זיך איבערבעטן נאָך אַ לענגערן ברוגז.

לסוף האָט געזיגט דער „שיינער", אָדער „שוואַכער" מין. איינע פון די מיידלעך האָט גענומען זינגען אַ ליד און באַלד איז איר זינגען אונטער־געכאַפּט געוואָרן דורך נאָך אַ פּאָר מיידלעך. מען האָט גענומען פּאַטשן אין

די דלאָניעס און ניט־ווילנדיק האָט עס אָנגערעגט צום טאַנץ. האָט מען גענומען טאַנצן אַ „שיר", אַ „קאַדרעל", אַן אָטביאַנע" און אַ „לאָמיר זיך איבערבעטן". דער פריילעכסטער טאַנץ איז געווען דער „שיר"־טאַנץ. באַלד האָבן די יינגלעך גענומען צוזינגען: „אַ מיידעלע — גיט זשע מיר אַהער; אַ מיידעלע — דאָס איז מיין באַגער. זאָל זי זיין אַ קרומע, אַ שטימע, אַבי אין אַמעריקע האָט זי אַ מומע... אַ מיידעלע — דאָס איז מיין באַגער... טראַיילייללאַ". אַזוי אָן אויפהער. ביז מען איז פאַרמאַטערט געוואָרן און זיך ווידער פונאַנדערגעזעצט אויף די בענק פאָכענדיק מיט די הענט אויף די צעשוויצטע פנימער.

איך בין געשטאַנען ביי דער זייט פון פענסטער, געקוקט אויף די מיידלעך און יינגלעך און זיי זענען מיר אויסגעקומען אומעטיקע אַזעלכע, אפילו אין זייער טאַנצן און זינגען. מאָדנע פאַרחלומטע אויגן פאַרמאָגן זיי אַלע, פול מיט בענקשאַפט און נישט אויסגעלעבטער פרייד; פאַריאושטער שטרעבן, איבערצייטיקייט און איבעררייפקייט. די נייע קליידער אויף די מיידלעך איבערמאָדיש. די באַפּודערטע געזיכטער — צערפול, מיט פאַרבאַרגענעם נישט ארויסגערעדטן יאוש, וואָס גרענעצט זיך — ווי איך בין דאַן געווען זיכער — מיט אָפּגעלעבטקייט.

ווען עמיץ פון זיי האָט גענומען פלוצים אונטערברומען דעם ניגון פון עפּעס אַ סענטימענטאַלן „טאַנגאָ", אָדער „אויגן שוואַרצע", „בובליטשקי", האָב איך זיך גענומען אומגעדולדיקן און אָפּגעטראָטן פון מנשה דעם מילנערס פענסטער, ווו עס איז מיר געוואָרן דערווידער דאָס שטיין. שוין גייענדיק האָב איך נאָך געהערט די סענטימענטאַלע ווערטער „אויגן שוואַרצע דיינע, איך האָב צו דיר אַ טענה; פאַרוואָס האָב איך זיך אין דיר אזוי פארליבט ?..." און ווידער: „איך ניי בייטאָג און ניי ביינאַכט און קיין חופה־קלייד נאָך נישט געמאַכט, וואָס קומט מיר ארויס, וואָס איך ניי ?..."

— יאַ, וואָס קומט מיר ארויס ?! — — —

איך גיי, און צו מיינע אויערן דערטראָגן זיך נאָך אַלץ די סענטימענטאַלע מעלאָדיעס און ווערטער, וואָס ווייען אָן אויף מיר אַ שווער געמיט. פון צווייטן עק דאָרף דערטראָגן זיך די געזינגערייען און שפּילערייען פון די שקצים און שיקסעס. אויך זיי זינגען סענטימענטאַלע לידער און טאַנצן פאַרשידענע טענץ, אָבער ווי אַנדערש עס קלינגען אין מיינע אויערן זייערע לידער און ווי פאַרשידן עס זענען זייערע טענץ. זאָרגלאָזיקייט און לוסט ווייעט פון זייער יעדעס ליד און יעדן טאַנץ.

ביזן היינטיקן טאָג שטייען פאַר מיינע אויגן זייערע טענץ און עס קלינגען

אין מיינע אויערן זייערע פאַרבענקטע לידער, וואָס זענען אַריינגעדרינגען אין די טיפענישן פון מיין נשמה. „ווזשע וועטשאָר בליזענקאָ — ווזשע סאָנצע ניזענקאָ; פריבוואַי דאָ מענע כלאָפּטשינאָ, סערדענקאָ״ (שוין נאָענט די נאַכט, די זון האַלט ביים פאַרגיין — אָט וועט קומען באַלד מיין ייִנגל, קום שוין קום צוגיין״). אָדער: „וו׳גאַראָדי יאָ בולאָ, קאַנאָפּעלקי טערלאָ — זאַבאָטשילאָ דזשיגונאָ דאַי זאַטאָב נע וומערלאָ״ (אין גאָרטן בין איך געווען און קאַנאָפּליעס געריבן — איך האָב אַ בחור דאָרט דערזען און שיער טויט געבליבן...״)

איך קום צו דער כאַטע ווו עס קומען פאָר די טאַנצולקעס פונוואַנען עס דערטראָגן זיך די לידער, טענץ און געשפּילעריי. אין דער כאַטע, סאַמע אויבנאָן זיצט יאָווכים, אַ שגץ פון אַ יאָר נייִנצן. זיין רובאַכע איז צעכראַס־טעט. די אָנגעלאָזענע טשופּרינע פּאַרשוויצט. ער זיצט האָפּערדיק און שפּילט אויף זיין האַרמאָניע. ער צעציט זי אין דער גאַנצער לענג, אַזש זיינע הענט דערגרייכן די זיצנדיקע שקצים און שיקסעס אַרום אים.

ביי זיין רעכטער זייט זיצט וואַסילקאָ, אַ שייגעצל פון אַ יאָר צוועלף. אין זיינע הענט האַלט ער אַ קיילעכדיקע פּויק, געמאַכט פון אַ שטיק רויע פעל איינגערעמט אין אַ פאַרנירענעם רייף, באַהאַנגען מיט בלעכענע טעצלעך, וואָס מאַכן אַן אַ געטומל ביי יעדן טרייסל און קלאַפּ מיטן שטעקעלע, מיט דער „באַמבאַליטאַ״. דאָס קלאַפּן מיט דער „באַמבאַליטאַ״, וואָס פאַרמאַגט אַן אויסגעטאָקט „קעפּעלע״ אין סאַמע שפּיץ, ברענגט אַרויס אַ שטומפּיקן קלאַנג, ווי פון אַ ליידיקער פאַס אַרויס. וואַסילקאָ איז אַ מומחה אין זיין „מלאכה״. ער האַקט אין פּויק מיט דער „באַמבאַליטאַ״ אַזוי פעסט און טרייסלט די פּויק אַזוי גיך־גיך, אַז די טעצלעך מאַכן אַזאַ גערויש, ווי אַ גאַנצער אָרקעסטער פון פּויקן וואָלט דאָ געפּויקט.

— באָמטשי! באָמטשי! באָמטשיטשיטשי!

— באָמטשי! באָמטשי! באָמטשיטשיטשי!

אַזוי אָן אויפהער. די פיס הויבן זיך אליין צום טאַנץ. אַלע אברים צעפּלאָקערן זיך פון אַזאַ שפּילן. רייסט מיט. דערהויבט ביז פאַרגעסונג. אַלע אָן אויסנאַם טאַנצן. אָן אונטערשייד ווער מיט וועמען. אָן יחוס. אַלע זענען דאָ די זעלבע מיוחסים. די שקצישע פּנימער זענען צעפּלאַמט. זייערע טשופּרינעס הוידען זיך אַרויף און אַראָפּ, ווי גריוועס ביי יונג־צעווילדעוועטע לאָשאַקעס. זיי מאַכן „פּריסיאַדן״ צו דער ערד. קלאַפּן צו יעדע ווײַלע מיט די פּעסטע הענט איבער די אויסגעגלאַנצטע שטיוול און לאָזן אַרויס דערביי פריידיקע הו־הא־אויסגעשרייען. זייערע אויגן גליען און די שטערנס שוויצן. „שפּיל

יאָווכימקאָ, שפּיל! פּעסטער, ברודערל, פּעסטער! באַמטשי־באַמטשי! באַמטשי־טשיטשי! באַם!"

ניט אומזיסט פלאַקערן די פּנימער ביי די שיקסעס. די אויגן זייערע לאַכן מיט גלי. אַזויפיל זאַרגלאָזיקייט אין זיי. אַזויפיל אַרויסרופערישער געלעכטער און נאַטירלעכער רייץ. די „פּריזורן" געצוואָגן אין נאַפט. צעקעמט אין אַ שרינט און צוגעפּאַטשטע לאָקן אויף די הויכע שטערנס. אויף די פּעסטע פּלייצעס באַמבלען זיך שיקסיש לאַנגע צעפּ אין וועלכע עס זענען איינגעפלאָכטן רויטע, אָדער בלויע סטענגעס. און איבער די צעפּ, אויפן סאַמע פּאָטילניק — אַ ביינערנער ברייטער קאַם.

כמעט אַלע טראָגן זיי לייוונט־געווייסטע העמדער. די אַרבל אויסגענייט מיט פאַרשידן־קאָלירטע פאָדים אין צלם־שטאָך, באַמבלען זיך אַרויס פון אונטערן גלאַנציקן ענגן קאַפטאַן, גענייט פון סאַטין־שטאָף און געשפּיליעט אויף אַסך שאַרף־קאָלירטע קנעפּעלעך, וואָס האַלטן פעסט אונטער זייערע הויכע בוזעמס. ניט ווייניק רייץ און פויערישער חן ליגט אין זייערע געמאַרשטע ראָקן, אויסגענייטע ביי די ראַנדן מיט קאָלירעדיקע טאַשמעלעך און איינגעפאַסט אין דער טאַליע מיט אַן שיער פעלדעלעך.

אויף די פיס טראָגן זיי הויכע שיך מיט כאַליוועקעס, וואָס זיי רופן „סאַפּאָזשקי". די כאַליעוועקעס זענען מיט קולקעס (געבלעכלטע לעכעלעך), געשנורעוועט מיט לאַנגע בענדלעך. ניט אַלע שיקסעס פאַרמאָגן אַזעלכע „סאַפּאָזשקעס". דאָס רוב פון זיי טראָגן פּאָסטאָלעס, געפלאָכטן פון ליקע, אָדער זיי גייען בכלל באָרועס. קיינעם גייט עס ניט אָן און דאָס שטערט זיי בכלל ניט צו האַפּקען אויפן איינגעקלאַפּטן ליימענעם טיק מיט אומגעווייגלעכער לוסט און כוח. עס טרעפט כמעט ניט, אַז בעתן טאַנצן זאָל עמיץ פון די שקצים אַנטרעטן אויף די באָרוועסע פיס. אַזוי פעסט און לייכט טאַנצן זיי. און אַז עס טרעפט אַזעלכעס איז אויך קיין אומגליק. זיי ווערן ניט ברוגז, — מילא!

דאָס רוב פון זיי טראָגן אויך אויף די העלדזער פּילצאָליקע שנירלעך פאַציערקעס (קרעלן) און מעשענע צלימלעך. ביי יעדער האָפּקע טרייסלען זיך די שנירלעך פאַציערקעס אויף די הויכע בוזעמס און שעמערירן אין שיין פון הויך־אויפגעהאַנגענעם לאָמפּ אינמיטן סופיט, אויף אַ באַלקן.

נאָך יעדער איבערייס פון געווירבל־טאַנץ לויפן אַלע אינדרויסן זיך אָפּקילן. קיינער האָט ניט מורא פאַר אַ צוקיל. אין דער טונקל פון די שטוב־ראָגן און אויף די פּריזבעס דערהערן זיך פלירט־אויסגעשרייען פון די שיקסעס, וואָס טרייבן אָפּ פון זיך די שטיפעריש־צעהוליעטע כלאָפּצעס, וועלכע דערלויבן זיך אויף פרעכהייטן און אויף דרייסטן פלירט. עס צעלייגן זיך שטאַרקע

געלעכטערס פון די כלאַפּצעס. זייער כאַכאַטשען ווערט גלייך פאַרטױבט דורכן כישוף פון דער האַרמאָניע, וואָס צעשפּילט זיך ווידער און דאָס פעסטע פּויקן פון דער פּויק: „באַמטשי! באַמטשי! באַמטשיטשיטשי!". און ווידער לאָזן זיך אַלע שבעל אינווייניק און דער לוסטיקער „הור־האָ"־געטאַנץ פאַרציט זיך אַזוי ביז שפּעט אין דער נאַכט אַריין.

שפּעטער גייען זיך אַלע פונאַנדער. ווער פאַרלעכווייז אין די „קליטן", (קעמערלעך); ווער עס בלייבט נאָך שטיין אין שאָטן פון אַ שטוב; ווער אויף אַ פּריזבע און ווער עס לאָזט זיך אין די בידעריקע כאַטעס אַריין. דעם דאָרף כאַפּט דאַן אַרום אַ ראַפּטאָוונע שטילקייט, איבערלאָזנדיק נאָך זיך אַן עכאָ און נאַכווײי פון אומגעצוימטער פרייד. איצט — שפּעט — נאַכטיקער דאָרף.

פון קינדווייז אויף, ווען איך בין נאָך געווען גאָר אַ קליין מיידעלע, האָט עס מיך געצויגן צו אָט די דאָזיקע לוסטיקע טאַנצולקעס. צוזאַמען מיט די קליינע שיקסלעך בין איך געלאָפן כאַפּן אַ קוק היינטערן פענסטער פון אַ כאַטע, וווּ די זאָרגלאָזע פאַרווײלונג איז פאָרגעקומען.

קומענדיק צו דער כאַטע בין איך געבליבן שטיין און זיך צוגעקוקט מיט נייגיר, געהויבן זיך אויף די שפּיץ־פינגער און געשטופּט צום פענסטער, כדי בעסער זען און הערן יאַווכימקען און זיין שפּילן. מיין גאָט, וועלכע לוסטיקע טענער עס לאָזט אַרויס זיין האַרמאָניע! עס הויבן זיך די פיס, ממש פון זיך אַליין און טראָגן מיך אין די הויכע הימלען אַריין. און ניט נאָר מיך, נאָר אויך אָט די אַלע, וואָס קענען זיך ניט אַריינבאַקומען אין דער איבערפולט־אָנגעפּראָפּטער כאַטע פונוואַנען עס יאָגט מיט דושנער היץ און שווייס.

ווען איך בין אַביסל אונטערגעוואַקסן און אָפּט באַמערקט געוואָרן דורך די שקצים הינטערן פענסטער, האָבן זיי מיך געפּרווּט פאַרנאַרן אינווייניק.

— קום אַריין, דינה, קום אַ טאַנץ!

— איך וויל ניט!...

— פאַרוואָס ווילסטו ניט, הע? האָסט מורא?

— איך האָב ניט מורא!...

— אַזא שיין מיידל, ווי דו! קום! כאַדי!

— עס פעלן דאָ ניט קיין שייגעצ!

— ניט אַזא ווי דו!... קום!!!

— איך וויל ניט!...

— ניט איז ניט!

אָבער אַז די מוזיק האָט מיך ווידער געגומען טראָגן אין דער לופטן, האָב איך ניט געקענט איינמאָל ביישטיין דעם יצר הרע און צוזאַמען מיט אַנדרייס

טאַכטערל, אַ שיקסל אין מיין עלטער, מאַלאַשקאַ, זיך אריינבאַקומען אינווייניק. איך האָב געוואָלט זיין נאָענטער צו די מוזיקאַנטן, קוקן ווי זיי הויבן ממש מיט די אַקסל ביים שפּילן און גיבן צו לוסט די טאַנצנדיקע.

מאַלאַשקאַ רייסט מיך מיט און ביידע געפינען מיר זיך צווישן די טאַנצנדיקע. דאָס געשעט אַזוי אומגעריכט, אַז איך באַדענק זיך אליין נישט. איצט טאַנצן מיר ביידע. מיידל מיט מיידל, ביז... ביז מיר ווערן פונאַנדער־געשיידט דורך שקציש־פעסטע הענט און איך ווער איינע פון אַלע.

איך דערפיל, אַז איך ברען אינגאַנצן. אַלץ דרייט זיך פאַר די אויגן. דאָס האַרץ צאַפּלט פאַר פרייד. די פיס זענען מער נישט מיינע. איך ווער געטראָגן אין דער לופטן און אין קאָפּ רוישט אַן אויפהער. די אויערן זענען פול מיט די מוזיק־קלאַנגען:

און... איך פאַרגעס פון אַלץ אין דער וועלט. פון אַלץ... פון אַלץ!...

ווי גוט עס וואָלט געווען אַזוי צו פאַרגעסן אויף שטענדיק אין אַלץ, לעבן אין פאַרגעסונג, ווען נישט... ווען נישט באַר די עלטערן מיינע, וואָס דערמאָנען מיר אַזוי אָפּט, הלמאי, אַלס יידיש מיידל, דערלויב איך זיך אויף אַזעלכעס.

— דינה, געדענק וואָס דו טוסט! — האָבן זיי מיר געגומען וואָרענען — מען טייטלט אויף דיר מיט די פינגער!...

אַז איך האָב גענומען לערנען אין שטאָט האָב איך זיך אַביסל אָפּגעוווינט דערפון. מען קען זאָגן, זיך אפילו דערווייטערט.

מיטן צוריקקערן זיך אָבער אין דאָרף, בין איך ווידער אריינגעצויגן געוואָרן אין דעם דאָזיקן כישוף־קרייז, בפרט, אַז איך האָב געהאַט אַזאַ פאַרערער, ווי דאָס איז געווען ער, פאַוועל, וואָס איז מיך נאָכגעגאַנגען, ווי אַ שאָטן...

איך האָב זיך פשוט צוגעוווינט ער זאָל מיך זוכן, ער זאָל מיך פאַרלאַנגען און פאַרפאָלגן. ווי גוט עס איז, אַז עמיץ זוכט דיך, אַז דו האָסט דאָס געפיל, אַז עמיץ גאַרט דיך מיט זיין גאַנצן וועזן, איז גרייט פאַר דיר גיין אין פייער.

אָט אַזוי האָב איך ווידער גענומען גיין צו די „טאַנצולקעס”. איך בין געגאַנגען מיט ציטער און שרעק אין האַרצן, אָבער געגאַנגען. איך בין ניט אימשטאַנד געווען צו האַמעווען דאָס געשריי פון מיין יונגער נשמה, ניט אימשטאַנד געווען צו שטילן דעם רוף פון מיינע אומגעלאַשענע בענקשאַפטן.

אין די באַדינגונגען פון לעבן אין דאָרף איז עס דאָך געווען מיין איינציקע אַטראַקציע, וואָס האָט אפילו אָפּגערוקט אין אַ זייט דאָס פאַרגעניגן פון לייענען אַ בוך.

ניט איינמאָל האָב איך אויך אונטערגעהערט, ווי מיינע עלטערן רעדן וועגן מיין תכלית:

— וואָס וועט זיין פון אונדזער דינהן? וואָלט געווען נדן וואָלט שוין גאָט צוגעשיקט דעם געהעריקן זיווג — האָט גערעדט די מאַמע צום שווייגעוודיק פאַרטראַכטן טאַטן — בעלנים פעלן, ברוך השם, ניט אויף איר, אָבער ערגער פון אַלץ איז, וואָס זי אליין ווייס באַך אַלץ ניט וואָס און וועמען זי וויל.

דער טאַטע האָט געשוויגן פארעקשנט, אָדער געזופט פון זיין הייסער גלאָז טיי און די מאַמע האָט פאַרגעזעצט, זייענדיק זיכער, אז איך שלאָף אין מיין אלקירל.

— קיין אָרעמען וועט זי ניט נעמען און אַ רייכער וועט איר ניט וועלן. פון דער ארבעט אין קוזשניע און פון מיין נייען די קאַפּטאַנעס קען מען קיין געלט ניט אָפּשפּאָרן. קיין קרובים אין אמעריקע, וואָס וואָלטן געשיקט דאָלאַרן האָבן מיר ניט, איז טאַקע ביטער און פינסטער, מיינע שונאים!

די מאַמע רייסט איבער אירע רייד מיט אַ טיפן זיפץ. דער טאַטע שווייגט. שווייגט אַ ווײַלע, ביז ער פאַרענדיקט דאָס טרינקען די טיי און דאַן רופט ער זיך אָפּ, ווי ער וואָלט גערעדט צו זיך אליין:

— נו, פאַרשטייט זיך, צוויי מתים קענען דאָך ניט גיין טאַנצן. קיין שלימזלען פעלן ניט, ברוך השם, ביי יידן און אויך די שלימזלען ווילן נדן. פאַרקערט — וואָס מער שלימזל אַלץ מער געלט דאַרף ער דאָך נעבעך. ווי זאָגט דאָס ווערטל: „וואָס מער קבצן מער הוליאַקע, וואָס מער נגיד מער סאָבאַקע"...

ער טוט אַ שמייכל און זעצט פאָר מיט מער מוט:

— און איך זאָג דיר, גאָלדע, אז מען וואָלט נאָך אונדז געדאַרפט צוצאָלן צו אונדזער דינהן. וואָס פעלט אַזאַ מיידל, וואָס? נדן, זאָגסטו? נו, נו, מען האָט שוין געזען וואָס עס ווערט פון נדן...

— אז ניט קיין יחוס און ניט קיין נדן, איז וואָס דען? — שלאָגט אים די מאַמע איבער ערנסט. דער טאַטע ווערט אויפגערעגט:

— נדן? יחוס? יחוס, זאָגסטו, גאָלדע? — וואָס איז אַזעלכעס יחוס, הא?— טוט ער כמעט אַ לאָז ארויס אַ געשריי — איך ווייס ניט וואָס איז דאָ פאַראַן זיך צו שעמען, וואָס איך בין אַ שמיד, הא? אַ גנב בין איך? אַ ווײַדל־דרייער, ווי אָט די סוחרימלעך די געגנאַרניקעס? וואָס בין איך וואָס, וויל איך וויסן! וואָס???

די מאַמע ענטפערט ניט מער. אפשר טראַכט זי אין דער רגע וועגן איר יחוסדיקן אָפּשטאַם, וואָס האָט איר אלס יתומה געצוואונגען צו חתונה האָבן

פאר אַ שמיד און פארפינסטערן דאָס לעבן, ווי זי באַקלאָגט זיך אַלע יאָרן. איך ווייס ניט. איך דעק זיך איבער מיטן צודעק, כדי ניט הערן אָט די רייד. זיי שטעכן אַדורך מיין האַרץ. איך וויל זיי ניט הערן. איך קען זיי גלייכגילטיק ניט פארטראָגן. איך ווייס נאָר, אז איך וואָלט אַנטלאָפן פון זיי, פון זיך און פון אַלעמען אין עק וועלט אריין. אַנטלאָפן דאָרט וו קיין יחוס און קיין נדן זענען ניטאָ...

ווען איך הער זיי,מיינע עלטערן רעדן אזוי צווישן זיך, דערוועקט זיך אָפט אין מיין האַרצן מיטלייד צו זיי. איך ווייס זייער הייסן שטרעבן צו דערלעבן אַביסל נחת אין מיר, זייער עלטסטע טאָכטער, דינה. זיי קענען עס אָבער ניט מאַכן מיט גוואַלד און ניט קעגן מיין ווילן און גורל.

איך און מיינע עלטערן זענען צוויי באַזונדערע וועלטן. מיר פאַרשטייען זיך ניט. מיר וועלן זיך אפשר קיינמאָל ניט פאַרשטיין. ווארום אַלץ וואָס ביי מיר אין די אויגן זעט אויס גלייך — זעט עס אויס ביי זיי אין די אויגן קרום.

צי קענען זיי, למשל, באַגרייפן, אַז דאָס גיין צו די יידישע ייִנגלעך און מיידלעך, וו מען זינגט „זאָל זי זיין אַ קרומע אַ שטימע אבי אין אמעריקע האָט זי אַ מומע" איז מיר דערווידער? אז מיך ציט גראָד אַהין וו מען רעדט ניט וועגן נדן און יחוס; אז מיך לאָקט אַהין וו די פרייד איז ניט קיין געקינצלטע, ניט קיין אָנגעצויגענע, נאָר אַ פרייע, און דער עיקר... דער עיקר, אז דאָרט... דאָרט וו איך וויל גיין קען איך טרעפן דעמיעניקן וועלכער איז שטאָלץ דערמיט, וואָס איך שענק אים אַ שמייכל; דעמיעניקן וועמען עס גייט ניט אָן צי איך בין שמוליק דעם קאוואלס טאָכטער, אָדער איך האָב ניט קיין נדן. אין זיינע אויגן בין איך אַ פרינצעסין פאר וועלכער ער איז גרייט זיך מקריב זיין אָן שהיות, אפילו אַ באַרג אויפהויבן!

## קלעפ פון טאַטן

אז איך טראַכט וועגן יענע צייטן דערמאָנט זיך נישטווילנדיק דאָס יידישע לעבן אין דאָרף. פאַרבלאָז, אומעטיק און גרוי. אויך דאָס יידישע לעבן אין קליינעם שטעטל — אָרעם, פול מיט קנאה און רכילות פון איינעם צום אַנדערן. אויסנאַמען זענען תמיד און אומעטום געווען, אָבער אין אלגעמיין איז דער עלטערער ייד געווען פאַריאָגט און פארשמייעט נאָך דער טאָג־טעגלעכער חיונה, די ווייבער — געקינדלט און פארנומען אויפן מארק, אָדער אין קליינעם „ספאָזשיווטשי"־קרעמל, די יוגנט האָט ניט געוווסט וואָס צו טון מיט זיך און איז פול געווען מיט בענקשאַפט צו דער גרויסער וועלט. ווער עס האָט

געהאַט די מעגלעכקייט האָט זיך אַרויסגעריסן פון שטעטל און אַוועק איבער אַלע ימען. די פאַרבליבענע האָבן געבלאָנדזשעט אין כלערליי עולמות פון אידייען און ראָמאַנטישקייט, געוועבט ניט אויסגעלעבטע חלומות, וואָס האָבן געזוכט אַ לייזונג.

און אויב אין קליינעם שטעטל אַזוי — איז אין דאָרף צען־פאַכיק טרויערדיקער און מאָנאָטאָנער. די אָרעמקייט האָט געטריבן צו קנאה און אומזיסטער שנאה. איינער ביים אַנדערן האָט געמוזט וויסן וואָס אין טאָפּ קאָכט זיך. באַזונדערס די ווייבער, וואָס האָבן ביי יעדער געלעגנהייט גערעדט און בארעדט...

אָפּט, גאַנץ אָפּט האָסטו געקענט טרעפן הינטערן פענסטער אַ ייִנגנמאַן פון דאָרף, אָדער אַ בחור, אַ ייִנגל צי אַ מיידל, וואָס אַזוי, פאַרבייגייענדיק אַ ייִדיש הויז, האָט זיך „צוגעשטעלט”, כדי הערן וואָס דאָ טוט זיך. אַמאָל איז עס געווען פאַרבונדן מיט פּרנסה־קאָנקורענץ און אַמאָל אויס ריינער נייגעריקייט. הינטערן פענסטער קען מען כסדר אונטערכאַפּן עפּעס „נוצלעכעס”: חיים גרייט זיך בייטן אַ פּאָר אָקסן מיט גאַווריִלען און שמערל פאַרהאַנדלט ביי איוואַנען אַביסל תבואה. נו, דאַרף מען עס אויסכאַפּן, פאַרלויפן דעם וועג. אגב אורחא, הערט מען אויך אונטער פאַרשידענע פאַמיליע־ענינים. אַ קריגערײַ, אָדער אַ פלאַפּלערײַ.

דאָס אַלץ איז אויף מאָרגן צעלייגט געוואָרן אויף טעלערלעך, באַזונדערס ביים „מניין”. פון אויער צו אויער און פון מויל צו מויל. אַזוי ביי ייִדן און אַזוי אויך ביי די פּויערים. ווי עס קריסטלט זיך אַזוי ייִדלט זיך און פאַרקערט. קיין סודות אין קליינעם שטעטל און אין דאָרף זענען ניטאָ. וועגט האָבן אויערן. פריער צי שפּעטער — אַלץ האָט מען געוווסט און זיך דערוווּסט.

אַזוי איז געשען, אַז איין שבת, ווען מיין טאַטע האָט צוזאַמען מיט הערשעלען זיך צוריקגעקערט פון דאַווענען, האָב איך באַמערקט, אַז ער איז אינערליך שטאַרק אויפגערעגט און טרויעריק. דער פאַרבאַרגענער אומעט און טרויער ליגט אויסגעגאָסן איבער זיין געזיכט און פאַרטייעטע פייערלעך קוקן מיט בייז פון זיינע אויגן. וואָס איז היינט אַזוי אומעטיק דער טאַטע? — האָב איך זיך געבראָכן דעם קאָפּ, נישטוויסנדיק אַליין פאַרוואָס דאָס איז מיר אַזוי שטאַרק אָנגעגאַנגען איצט.

איך האָב געוווסט. און ניט נאָר איך, נאָר אַלע אין שטוב, אַז דער טאַטע איז פון דער נאַטור אַ גרויסער שווייגער. אָפּטמאָל מיין איך, אַז די דאָזיקע שווייגעוודיקייט זיינע האָט ער איינגעזאַפּט אין זיך פון דער קוזשניע, פון זיין בעל־מלאכהשקייט. ווען ער ווערט אָבער חלילה אויפגערעגט — איז עס ווידער

דער אויפברויז פון די פונקען, וואָס שפּריצן ארויס פון אָנגעגליטן שטיק אייזן אונטערן האַמער און קאָוואַדלע...

עס איז ניט געווען קיין סוד אין שטוב, אז זייענדיק פון דער נאַטור אַ פאַרגינער, האָט דער טאַטע אָנגענומען אַלץ באהבה. זיך קיינמאָל ניט באַקלאָגט אויף זיין גורל. ער האָט ליב געהאַט די מאַמע, ליב געהאַט די קינדער, ליב געהאַט די מענטשן, באַזונדערס די פּויערים פון דאָרף, וועמען מער און וועמען ווייניקער, אָבער צו קיינעם קיינמאָל ניט ארויסגעוויזן קיין כעס און ניט געקומען מיט טענות. אַ סאָרט באַנטשע־שוויג־קאָוואַל, וואָס ווייסט קיינמאָל ניט צי איז ער צופרידן, אָדער אומצופרידן פון עפּעס. באַזונדערס האָט ער ליב געהאַט דאָס גיין צום „מנין״, ווו יידן האָבן פון איין תפילה צו דער אנדערער, בעת דער הפסקה פון קריאת־התורה, געכאַפּט אַ שמועס איבער פּאָליטיק. די קלוגערע, וואָס האָבן געלייענט אַ צייטונג, האָבן איבערדערציילט נייעס פון דער וועלט און ער, מיין טאַטע, צוזאַמען מיט אַנדערע, האָבן זיך צוגעהערט מיט נייגיר.

טראָץ זיין ערנסטקייט האָט ער דאָך ליב געהאַט צו הערן אַ גוטן וויץ, באַזונדערס וועגן הערשעלע אסטראָפּאָליער, אָדער וועגן די „כעלמער בעק״ און האָט אויך מיטגעלאַכט ווען יונגוואַרג האָבן אויפגעבונדן די ציצית פון טליתים ביי צוויי מתפללים בעתן שטיין „שמונה עשרה״, אָדער זיך דערלאַנגט מיט אַן אויפגעדרייטן שול־האַנטוך איבערן קאָפּ.

דאָס איז געווען די „אַטראַקציע״ פון די יידן ביים „מנין״ און אַז דער טאַטע איז געקומען אַהיים, האָט ער ליב געהאַט איבערדערציילן אַלץ, וואָס ער האָט געהערט אין „שול״. ער איז דאַן געוואָרן באַרעדעוודיקער און דערציילנדיק שטיל, אריינגעלאַכט אין זיין געלבלעכער באָרד.

דאָסמאָל איז ער אָבער געווען אַזוי ערנסט און די אומעט איז בישט אָפּגעטראָטן פון זיין פּנים. אַפילו דאָס זאָגן „גוט שבת״ איז אַרויסגעקומען ביי אים, ווי ער וואָלט עס געזאָגט געצוואונגענערהייט און נישט מיט האַר־פּערדיקייט, ווי תמיד. אויך הערשעלע האָט אויסגעזען צו זיין ערנסט און האָט קענטיק געטייעט עפּעס אַ סוד, וואָס האָט מיך אומרואיק געמאַכט. פאַרוואָס גראָד מיך — איך ווייס נישט. דאָס האַרץ האָט עפּעס פאַרגעפילט...

— זאָג מיר, שמואל, וואָס ביסטו עפּעס היינט אַזוי אומעטיק? — האָט די מאַמע, וועלכע האָט אויך באַמערקט דעם טאַטנס אומעט, אַ פרעג גע־טאָן בעתן מיטאָג. דער טאַטע האָט נישט געענטפערט. די מאַמע איז נישט אָפּגעטראָטן און זיך געווענדעט צו הערשעלען:

— הערשעלע, איז עפעס געשען ביים דאווענען? האָט עמיץ אפשר באַליידיקט דעם טאַטן?...

— גאָרנישט, גאָרנישט... — האָט הערשעלע געענטפערט צוריקגעהאַלטן און געוואָרפן אַן אומגערנדיקן בליק צו מיר. גיטעלע האָט באַמערקט הערשעלעס בליקן און אויך געוואָרפן אויף מיר אַ פאַרדעכטיקטן בליק, ווי זי וואָלט זיך אָנגעשטויסן, אַז איך מוז זיין די שולדיקע הלמאי דער טאַטע איז געקומען פון דאַווענען אין אַ שלעכטער שטימונג. איך האָב זיך געפילט געטראָפן, באַזונדערס פון גיטעלעס בליקן און איך האָב זיך אַרויסגעכאַפּט אינסטינקטיוו:

— טפשה איינע! וואָס קוקסטו אַזוי אויף מיר?

— וואָסי, מען טאָן שוין אויף דיר נישט קוקן אויך? — האָט גיטעלע געענטפערט, אָנכמורענדיק די ברעמען — דו האַלטסט זיך זייער אין גרויסן... דו מיינסט, אַז עס איז גאָר נישטאָ קיין גלייכן צו דיר!...

— קאַלב! בהמה! גאַנדז! — האָב איך נישט פאַרשוויגן. געווען איז עס אַן אויסדרוק פון ספּאָנטאַנישן פּראָטעסט איבער וואָס איך האָב אין דער רגע נישט געהאַט קיין שליטה, נישט ווייסנדיק אַליין קעגן וואָס און וועמען דער דאָזיקער פּראָטעסט מיינער איז געווענדעט איצט. דאָס איז אָבער געווען גענוג אויפצולייזן דעם טאַטנס שווייגן. ער האָט פּלוצים אַ זעץ געטון מיט דער פויסט אין טיש, אַז די טעלער האָבן זיך אַזש צעטאַנצט און די יויך פון זיי איז צעגאָסן געוואָרן.

— פאַרמאַך דיין מויל, חצופה איינע! — האָט ער זיך צעשריגן — אַז נישט וועל איך דיר אים באַלד פאַרמאַכן! דו הערסט, אויסוווּרף דו?!!!

— שאַ, וואָס האָסטו זיך אַזוי אויפגערעגט? — האָט די מאַמע אים געוווּמען באַרואיקן, אָבער דער טאַטע האָט זיך נישט באַרואיקט. זיין פּנים איז געוואָרן רויט פאַר איינגעהאַלטענעם כעס. איך האָב אים אין זעלטענע פאַלן, אָדער כמעט קיינמאָל נישט, געזען אין אַזאַ אויפגערעגטקייט. דוכט זיך, אַז די ליפּן האָבן ביי אים געציטערט. ער האָט אָבער מיט אַלע כוחות זיך באַמיט צו באַהערשן און נערוועז פאַרגעזעצט דאָס עסן.

— אַלץ צוליב דיר! — האָט די מאַמע פאַרגעוואָרפן גיטעלען — איך פאַרשטיי נישט. פאַרוואָס דו האָסט זיך צוגעטשעפּעט צו איר.

— וואָס האָב איך איר דען געזאָגט אַזעלכעס? — האָט גיטעלע זיך פאַרטיידיקט — זי האָט דאָך אָנגעהויבן און נישט איך. איך האָב בלויז אַ קוק געטון אויף איר.

— וואָס דאַרפסטו קוקן אויף איר?... — האָט די מאַמע געוואָרנט גיטע־לען — קוק נישט!...

— און אויך דער טאַטע קוקט אויף מיר אַזוי בייז — האָב איך געזאָגט כמעט מיט טרערן אין די אויגן, זעענדיק, אַז די מאַמע איז, ווי תמיד, אויף מיין זייט — זינט איך האָב אויפגעהערט לערנען אין שטאָט, פיל איך, ווי איך וואָלט געווען אַן איבעריקע אין שטוב. עס איז מיר שוין נמאס געוואָרן דאָס לעבן!...

איך האָב זיך אויפגעהויבן פון פאַרן טיש און אויסגעבראָכן אין אַ געוויין. איך האָב געוואָלט, אַז אַלץ, וואָס עס דאַרף געשען, זאָל געשען איצט, די מינוט. איך האָב מער נישט געקענט פאַרטראָגן די אָפטע קרומע בליקן פון טאַטן, באַזונדערס אויפצומאָרגנס, נאָכדעם ווי איך האָב זיך ביינאַכט צוריקגעקערט שפּעט אַהיים, זייענדיק זיכער, אַז קיינער הערט נישט מיין אַריינקומען. שפּעטער האָב איך זיך איבערציייגט, אַז דער טאַטע, אָדער די מאַמע האָבן עס גוט געהערט, נאָר זיך געמאַכט נישט וויסנדיק.

אָפט האָב איך אונטערגעהערט, ווי זיי קריגן זיך אַרום צוליב דעם. כמעט תמיד האָט דער טאַטע פאַרגעוואָרפן דער מאַמען, אַז זי איז שולדיק אין מיין אויפפירונג און די מאַמע מיינע האָט מיך ווידער פאַרטיידיקט, אַז אַזוי זענען די היינטיקע קינדער. עס זענען נישט מער אַמאָליקע יאָרן. מען טאָר אַ קינד נישט צוימען צופיל, וואָרום דאָס איז נאָך ערגער, דאָס קינד גייט אַרויס פון דער „העזה"...

איך איצט, ווען דער טאַטע האָט זיך צעשריגן אויף מיר און די מאַמע האָט דערזען, אַז איך האָב אויסגעבראָכן אין אַ געוויין, האָט זי זיך געשטעלט אויף מיין זייט.

— איך ווייס נישט, פאַרוואָס מען דאַרף זיך אויפרעגן — האָט זי געזאָגט מיט ישוב הדעת — אייגנטלעך פאַרשטיי איך בכלל נישט, וואָס דאָ איז געשען.

— דאָ איז שוין גענוג געשען! — האָט דער טאַטע ווידער גענומען זיך אויפברויזן — דו האָסט דאָך געהערט, אַז איר איז נמאָס געוואָרן דאָס לעבן, אַז זי האַלט זיך אַלס איבעריקע אין שטוב. אַלץ איז איר נמאס, אַלץ, אויסער...

— אוודאי איז מיר נמאס! — האָב איך אויסגעשריגן דורך טרערן — נמאס! נמאס! נמאס! — — — —

— קענסט תיכף גיין פון שטוב, דו הצופה דו!!! — האָט דער טאַטע זיך אויפגעריסן פון פאַרן טיש — איך קען מער נישט פאַרטראָגן די

גערײדערײען װעגן דיר, װאָס דערגײען צו מײנע אויערן! איך האָב געמײנט, אַז איך װער פֿאַרברענט פֿאַר בושה הײנט בײם דאַװונען! איך האָב נישט געגלויבט מײנע אײגענע אויערן, האָב איך נישט געגלויבט! איצט פֿאַרשטײ איך שױן גוט, אַז דאָס װאָס מען האָט מיר דערצײלט אין קוזשניע װעגן דיר איז טאַקע אמת!...

איך בין געװאָרן בלײך, הגם איך האָב זיך נאָך פֿריער אָנגעשטױסן װאָס עס קװעלט דעם טאַטן. איך האָב זיך בלױז ניט געקענט פֿאָרשטעלן, אַז עמיץ װעט װאַגן אָפֿן רעדן מיטן טאַטן װעגן מיר בײם „מנין". אַ יאָמערדיקע בין איך אַרײנגעלאָפֿן אין מײן אַלקירל און מיט אַ פֿעסטן זעץ פֿאַרהאַקט נאָך זיך די טיר. איך האָב זיך אַ װאָרף געטון אויפֿן בעטל און אַרײנגעכליפּעט מיט אַ דערשטיקטן געװײן אין קישן אַרײן.

מיטאַמאָל אָבער האָט זיך אויפֿגעפּראַלט די טיר און אין צימער איז אַרײנגעלאָפֿן דער טאַטע. ער איז געװען שרעקלעך צעקאָכט. איך האָב זײן פּנים נישט געזען, אָבער איך האָב געפֿילט זײן האָמעטנעם אַרײנקומען. באַלד האָב איך דערהערט זײן פֿאַרװונדעטן געשרײ:

— איך װעל זי הײנט ממיתן װעל איך זי, אָט דער חצופֿה!

גלײך נאָך אים איז אַרײנגעלאָפֿן די מאַמע, מײן שטענדיקע פֿאַרטײדיקערין. זי האָט אָנגעכאַפּט דעם טאַטן בײ די הענט און נישט געלאָזט מיך שלאָגן.

— באַהערש זיך, שמואל, באַהערש זיך! — האָט זי אים געבעטן — מאַך נישט קײן לײטיש געלעכטער!

איך האָב דערפֿילט דער מאַמעס באַענטקײט בײ מײן בעטל. זי האָט מיך געשיצט מיט איר קערפּער. דער טאַטע איז געבליבן שטײן אַן אָפּגעענטיקער. פֿון זײן ברײטער ברוסט האָט זיך אַרױסגעריסן אַ טיפֿער קרעכץ. איך בין געלעגן אײנגעגראָבן מיטן פּנים אין קישן און זיך נישט גערירט פֿון אָרט. זאָל פֿאַרקומען װאָס עס װעט פֿאַרקומען. מיר איז אַלצאײנס!...

אין אַ װײלע אַרום האָב איך װידער דערהערט זײן ברום־ציטערדיקע שטים:

— װײ ז'מיר! דערלעבט אַ שײנעם נחת פֿון איר! נישט אומזיסט האָט מאַרקאָ דער קרומער געלאַכט פֿון מיר אין קוזשניע, אַז אינגיכן װעט אַלעקסײ דער סאָלטוס װערן מײן מחותן...

די מאַמע האָט נישט געענטפֿערט. זי האָט אים נישט אויפֿגעהערט בעטן, אַז ער זאָל אַרױס פֿון צימער, געשטופּט אים פֿאַרױס פֿון אַלקירל,

אָבער ער איז נישט אַוועק. ער האָט זיך צערעדט, ווי קיינמאָל ביז איצט. זיין שטים האָט געציטערט מיט איינגעהאַלטענעם צאָרן און פאַרביטערונג:

— איך האָב געמיינט, אַז ער שפּאַסט פון מיר, מאַרקאָ, איצט אָבער, אַז מען רעדט שוין אַפילו ביים „מנין" וועגן דעם, איז עס דאָך אמת. און שולדיק אין אַלעמען ביסטו — האָט ער געדעדט צו דער מאַמע מיט כעס — דו און מער קיינער! אַז איך דערצייל דיר אַמאָל וואָס מען רעדט וועגן איר, ווילסטו אַפילו נישט הערן. בייזע צינגער — ווילסטו מיך איינרעדן!

— איך זאָג איצט אויך דאָס זעלבע! — האָט מיין מאַמע גענומען איינטענהן מיטן טאַטן — איך זאָג דיר נאָכאַמאָל, שמואל, אז דאָס איז קנאה, הלמאי דינה איז אַ שיין מיידל און וויל זיך נישט באַגעגענען מיט **אַבי וועמען!...**

— פאַרוואָס ווילסטו מיך איינרעדן אָט די נאַרישקייטן דיינע, פאַר־וואָס? — האָט דער טאַטע זיך ווידער אויפגערעגט — פאַרוואָס פרעגסטו איר נישט, בעסער ווו זי שלעפּט זיך אַרום גאַנצע נעכט מיט אַלעקסיי דעם סאַלטוסעס שגץ? פאַרוואָס גייט זי אויף די גויאישע חתונות און טאַנצט מיט שקצים ביז האַלב נעכט?!

איך האָב מער נישט געקענט פאַרטראָגן דעם טאַטנס רייד. זיי האָבן מיך געשניטן, ווי מיט שאַרפע מעסערס. איך האָב זיך געגעבן אַ ריס אויף פון בעטל און אויסגעשריגן צו להכעיס:

— כ'וועל גיין! כ'וועל גיין! אַז כ'וועל וועלן וועל איך גיין!!!

מיינע ווערטער האָבן נאָך מער דערוועקט דעם טאַטנס אויפברויז. ער האָט שנעל אַראָפּגעכאַפּט פון זיינע הויזן דעם פּאַסעק און מיך גענומען שלאָגן מיט אויסגעלאַדענעם כעס, נישט אויפהערנדיק דערביי שרייען:

— איך וועל דיך דערהרגענען! מיט מיינע אייגענע הענט וועל איך דיך אומברענגען!!! שמואלס טאָכטער וועט נישט זיין קיין משומדתטע! ניין! ניין! ניין!

— הרגע מיך! ממית מיך דאָ אויפן אָרט! וואָס ווילסטו פון מיר, וואָס? זאָג, וואָס ווילסטו? — האָב איך געשריגן, נישט אַזוי פון ווייטאָק פון די קלעפּ, ווי אויס אינערלעכן פּראָטעסט־געשריי און צאָרן. — שלאָג! שלאָג! מיר איז אַלצאיינס! איך האָב במילא גאָרנישט פון מיין לעבן! גאָרנישט! גאָרנישט!!! — — —

עס איז געוואָרן אַ געטומל. הערשעלע און גיטעלע, וואָס זענען אַריינ־געלאָפן אין צימער אויף די געשרייען און טאַטנס קלעפּ, זענען געשטאַנען

מיט טרערן אין די אויגן און זיך נישט אָפּגערופן מיט קיין וואָרט. בלויז די מאַמע האָט ווידער מיט איר קערפּער מיך געשיצט און אומגערן אַריינגעכאַפּט אַ פּאָר פּאַסקעס איבער דער פּלייצע. זי האָט אַרויסגעלאָזט אַ געשריי:

— ביסט משוגע געוואָרן, שמואל צי וואָס? — האָט זי געשריגן שטופּנדיק דעם טאַטן פון אַלקירל מיט אירע אַלע כוחות — באַדענק זיך!!!

— לאָז מיך! לאָז מיך! — האָט דער טאַטע זיך געריסן צו מיר אַריינ־פאַלנדיק נאָך אין אַ גרעסערער פּאַסיע — איך וועל מאַכן אַ סוף צו איר! איך וויל נישט קיין חרפּת־פּנים! גענוג! גענוג!...

מיין מאַמע האָט באַוויזן אָנצוכאַפּן מיט די הענט דעם פּאַסעק. הער־שעלע און גיטעלע האָבן זיך געבעטן מיט געוויין: „טאַטע, טאַטע, שלאָג זי נישט! שלאָג זי נישט! מענטשן לויפן זיך צונויף!"

— זאָלן זיי זיך צונויפלויפן אויף מיין בייז־ווונדער! זאָלן זיי! זאָלן אַלע וויסן, אַז איך האָב אַ טאָכטער אַ משומדתטע! זיי ווייסן עס במילא! — האָט ער געשריגן, גאַרנישט לויט זיין טבע, און יעדע ווײַלע אַראָפּגעלאָזן דעם פּאַסעק איבער מיר, ווו נאָר ער האָט געטראָפן. איך האָב זיך גענומען ווערן, פאַרשטעלט מיט די הענט, געוויינט, געשריגן און איינגאַנצן געפּי־בערט פּאַר ווייטאָק און צאָרן. דאָס ערשטע מאָל, אַז איך כאַפּ אַזעלכע קלעפּ פון טאַטן. דאָס האָט אים שוין געמוזט אַרויסברענגען זייער שטאַרק פון זיין רואיקער נאַטור און פאַרשלאָסנקייט. איך האָב זיך בלויז געקענט פאָרשטעלן וואָס אַזעלכעס מען האָט אים דאָרט ביים „מנין" אָנגערעדט וועגן מיר.

אַ צעיוירטע פאַר ווייטאָק און געוויין, בין איך אַרויסגעלאָפן פון שטוב. אינדרויסן, ביי די פענסטער, זענען געשטאַנען פאַרזאַמלט יידן און פּויע־רים, ווי אויך קליינע קינדער. מיין טאַטנס געשרייען און מיין געוויין האָבן אַלאַרמירט אַלע שכנים און פאַרבייגייער.

— דינה, וואָס איז געשען? פאַרוואָס שלאָגט דיך אַזוי דער טאַטע? — האָבן אייניקע באַקאַנטע פּויערטעס מיך געפרעגט מיט באַדויערונג. איך האָב זיי נישט געענטפערט און זיך געלאָזט לויפן אויסער דעם דאָרף, איבער די גערטנער־פּלויטן. איך בין געווען צעטומלט. בלויז איין געדאַנק האָט געעקבערט אין מוח: אַנטלויפן! וואָס ווייטער אַנטלויפן פון דער היים. ניין, איך האָב דאָ נישט מער קיין אָרט פאַר זיך! מיינע עלטערן וועלן מיך במילא קיינמאָל נישט פאַרשטיין. קיינמאָל! קיינמאָל! — — — —

אַז איך בין שוין געווען גענוג ווייט פון דאָרף, בין איך ערשט געקומען

צו זיך פון מיין צעטומלטקייט. דער טאָג איז געווען אַ זוניקער. שפּעטער זומער. פויגל־געזאַנג און גלעטנדיקער ווינטל האָבן געהערשט אין פעלד. אויף די לאַנקעס האָבן געקלינגען די קאָסעס פון די שניטערס. היי־פּאַקאָסן זענען געלעגן אין גלייכע לענגען און פאַרשפּרייט זאַפטיק־שמעקעדיקע גראָז־ריחות. נישט ווייט, אויף די פעלדער, האָבן פויערטעס געגראָבן קאַרטאָפל. און אַביסל ווייטער — דער טייך, וואָס האָט זיך געהנדלט צופוסנס פון גע־דיכטן סאָסנע־וואַלד.

איך האָב זיך געלאָזט אין דער ריכטונג פון טייך און וואַלד. כ׳וועל זיך לייגן הינטער אַ בוים און באַטראַכטן וואָס איך זאָל טאָן. מיין לייב האָט געפיבערט פון די קלעפּ. ערשט איצט האָב איך דערפילט די ווייטיקן און באַקומען רחמנות צו זיך זעלבסט. איך האָב זיך געזען אַלס אַן אַרויסגע־טריבענע יתומה, וואָס בלאָנדזשעט אין פעלד אָן אַ ציל און וואַרט אויף אַ וואַרעמער האַנט...

— דינה! די־נה!!! — האָב איך פּלוצים דערהערט אַ באַקאַנטע שטים און זיך אומגעקוקט. מיין מוטער! זי איז כמעט נאָכגעלאָפן נאָך מיר. איך בין געגאַנגען ווייטער נישט לייגנדיק קיין אַכט אויף איר רוף, אָבער אָפּ־גייענדיק אַ שטיקל וועג און זעענדיק, אַז זי גייט מיך אַלץ נאָך און הערט נישט אויף צו רופן — בין איך געבליבן שטיין און אָפּגעוואַרט ביז זי וועט זיך דערנענטערן צו מיר.

איך האָב דערפילט אַ מיטלייד צו איר. איך האָב זי פון תמיד באַדויערט. איך האָב געהאַט דאָס געפיל, אַז זי און דער טאַטע זענען צוויי נישט גלייכע וועלטן. זיי האָבן דאָך חתונה געהאַט נישט אויס ליבע, נאָר ווייל זי איז געווען אַן אָרעמע יתומה און גוטע מענטשן האָבן זיך אַריינגעלייגט חתונה מאַכן אַ יידישע טאָכטער אויס מצווה. טאָ ווי קען מען זיין גליקלעך ווען מען האָט נישט חתונה אויס ליבע, הגם דער טאַטע איז געווען געבוג מע־נעריש און שיין.

ערשט אין די שפּעטערדיקע יאָרן האָב איך פאַרשטאַנען, אַז אויך די ליבע צווישן מוטער און קינד איז נישט קיין גלייכע. אַלע ליבעס פאַרגייען אויסער דער ליבע פון מוטער צו קינד. אַנדערש איז קינדערישע ליבן צו מוטער, בכלל צו עלטערן...

אַז מיין מאַמע האָט זיך דערנענטערט צו מיר, אַ פאַרסאָפּעטע פון שנעלן נאָכגיין נאָך מיר, האָב איך אויפגעהויבן מיינע אויגן אויף איר, ווי איך וואָלט זי נאָר וואָס דערזען. איך ווייס נישט פאַרוואָס עס האָבן זיך געוואָרפן אין מיינע אויגן אירע גרוי־באַזילבערטע האָר, וואָס זענען איצט געווען

אַרויסגעשויבערט פון אונטער איר גרוילעכער פאַטשיילע. איר פיגור איז מיר אויסגעקומען עטוואָס איינגעבויגן, ווי איך פלעג זי זען זיצן געבראָכן ביי דער ניי־מאַשין איינקוקנדיק זיך אין די נאָדל־שטעפּ ביים נייען די קאַפּ־טאַנעס. דאָס געזיכט צעאַקערט מיט דינע קנייטשעלעך. עס האָט מיך אַרומ־געכאַפּט אַ ווייטיק פאַר איר. איך האָב זיך איינגעקוקט אין אירע בלויע אויגן, אין וועלכע עס זענען געשטאַנען טרערן און אַ פרעג געטון נאָכ־גיביק:

— וואָס ביסטו מיך נאָכגעגאַנגען, מאַמע?

זי האָט געשוויגן. אָפּגעאָטעמט פון צו שנעלן גאַנג. פאַרגעסנדיק אויף אַ ווײַלע די אייגענע ווייטיקן, האָב איך ווידער געפרעגט:

— טוט דיר ווי דעם טאַטנס קלאַפּ, מאַמע?... דו ווייסנט, מאַמע? מען דאַרף נישט וויינען. גענוג. עס טוט מיר נישט ווי, וואָס דער טאַטע האָט מיך געשלאָגן. איך האָב בלויז פאַרדרוס.

די מאַמע האָט זיך אויסגעווישט מיטן ראַנד פון טיכל די טרערן און נאָך אַ ווײַלע פון שטילן וויינען, האָט זי אָנגעהויבן, לויט איר מוטערישן שטייגער, אַריינרעדן אין מיר:

— טאָכטער מיינע, פאַרוואָס פאַרשאַפסטו אונדז אַזוי פיל שמערצן און צרות? פאַרוואָס?...

מער האָט זי נישט געקענט רעדן. די טרערן האָבן איר פאַרשלונגען די ווערטער אין האַלדז. איך האָב זיך נישט געקענט באַהערשן און אויך אויס־געבראָכן אין אַ געוויין. ביידע זענען מיר איצט געשטאַנען אינמיטן פעלד און געוויינט. דאָס מילדע ווינטל האָט שנעל אויסגעטריקנט אונדזערע טרערן, אָבער פרישע טרערן זענען ווידער באַלד אַרויסגעטראָטן. ווי לאַנג דאָס האָט אַזוי געדויערט — איך געדענק נישט. איך האָב דערוואַכט ווען איך האָב פּלוצים ווידער דערהערט מיין מאַמעס געבראָכענע שטים:

— גענוג, דינה. קום אַהיים!

— איך וועל נישט גיין מער אַהיים!

— וווּ דען וועסטו גיין?

— וווּ די פיס וועלן מיך טראָגן.

— ווי ז'מיר.

— יאָ, איך בין מער נישט קיין קליין מיידעלע, וואָס מען קען שלאָגן מיט אַ פאַסעק. איך וועל אַוועק אין עק וועלט!

— טאָכטער מיינע, — האָט מיין מאַמע גענומען אייַנטענהן מיט מיר —

דאַרפסט נישט באַשולדיקן דעם טאַטן. מענטשן קומען און דערטראַגן פאַר־שידענע רכילותן וועגן דיר...

— וואָס גייען מיר אָן די מענטשן! — האָב איך אויסגערופן ערנסט — איך טו דאָס, וואָס מיר געפעלט, וואָס מיין שכל דיקטירט מיר און וועל עס טון אויך אויף ווייטער. איך האַלט נישט, אַז די רכילות־טרייבער זענען קלוגער פון מיר. זיי זענען אָפּגעשטאַנענע מענטשן...

— טאָכטער מיינע — האָט די מאַמע ווידער גערעדט צו מיר מיט גוטנס — אָבער... אָבער איך ווייס נישט אויף וויפל דאָס איז אמת. איך וואָלט נאָר געוואָלט וויסן מיט וואָס איז פּאַוועל, אַלעקסיי דעם סאָלטוסעס שגץ, בעסער פון אַ יידישן בחור...

— ער איז נישט אַנדערש...

— ער איז אַ שגץ!... אַ קריסט!...

— אַ קריסט, אָבער נישט קיין שגץ!...

— וויי ז׳מיר!...

— אַז איך פאַרשטיי בכלל נישט פאַרוואָס איר האָט זיך אַזוי אָנגע־זעצט אויף מיר... און אַז איך רעד מיט אים איז וואָס? איז וואָס? איז וואָס?...

— דו רעדסט מיט אים... יאָ... אָט דאָס איז דאָך, וואָס מען רעדט... אַלע רעדן...

— זאָל מען רעדן!..

— קום אַהיים, דינה. מען דאַרף זען עפּעס אַ תכלית פאַר דיר... ביסט שוין נישט קיין קליין מיידעלע... אפשר וועסטו פאָרן אין שטאָט, זיך איינאָרדענען ביי עפּעס אַן אַרבעט.

— איך וויל ביי קיינעם נישט אַרבעטן!

— איז וואָס דען ווילסטו?

— איך ווייס אַליין נישט וואָס איך וויל... איך ווייס נישט!... איך ווייס נישט... איך ווייס נישט!...

און איך האָב זיך ווידער צעוויינט. פאַרוואָס איך האָב ווידער גע־וויינט און וואָס איך האָב געוואָלט, האָב איך אין די דאָזיקע רגעים נישט געוווסט. איך האָב נאָר געפילט, אַז עס איז מיר שווער אויפן האַרצן. מיין יעדער אבר טוט וויי. איך וויל וויינען. דאָס געוויין מאַכט מיר לייכ־טער אויפן האַרצן. וואָס וויל איך? — עס איז פשוט גוט אַזוי צו שטיין אין פעלד און וויינען און פילן, אַז עס איז דאָ אַ מאַמע, וואָס שטייט נעבן

דיר און וויל דיר העלפן, נאָר זי ווייס נישט מיט וואָס. און אפשר ווייס זי, נאָר קען נישט...

— קום אַהיים, דינה. דער טאַטע וועט דיך מער נישט שלאָגן. — האָט די מאַמע איבערגעחזרט קוקנדיק מיט צער, ווי עס פאַלן די טרערן פון מיינע אויגן אויפן גראָז — גענוג! קום!

— איך האָב נישט קיין מורא פאַר זיינע קלעפּ! זאָל ער! זאָל ער מיך שלאָגן! זאָל ער! איך וויל נישט קיין פאַרווורפן! איך וויל נישט, אַז מען זאָל מיר זאָגן צופיל דעות! איך וויל נישט! איך בין מקנא די פייגעלעך פון פעלד וואָס קענען פליען אַזוי פריי... די פלאַטערלעך... אַפילו די ווערימלעך, וואָס פויזען ווו זיי ווילן און איך... איך מוז אַלץ טון וואָס דער טאַטע וויל... וואָס דו ווילסט און וואָס די יידן פון דאָרף ווילן... פאַרוואָס דאַרף איך טון אַלץ, וואָס עמיץ וויל און נישט וואָס איך וויל, פאַרוואָס? פאַרוואָס? פאַרוואָס?

מיין מעלאָדראַמאַטישער רעדן האָט מיין מאמע געמאַכט נאָך טרויע־ריקער. זי איז געשטאַנען און נישט געוווּסט וואָס צו טון. וואָס זי זאָל מיר מער זאָגן. מיין עקשנות האָט איר אַפילו נישט איבעראַשט. איך ווייס נישט, צי זי האָט מיך פאַרשטאַנען, אָבער זי האָט געפילט, אַז איך לעב עפּעס איבער. עפּעס אַזעלכעס, וואָס איך קען איר נישט דערציילן, איבער וואָס זי קען מיט מיר נישט רעדן און נישט איך מיט איר. דאָס האָט דאָך איר געשראָקן אַזוי. איך האָב עס דערקענט אין אירע שטויבענדיקע בליקן, אין אירע פאַרשנורעוועטע דינע ליפּן. אירע אַקסל האָבן אַ צוק־געטון מיט אומבאַהאָלפנקייט. זי האָט זיך פאַריכט מעכאַניש די האָר, וואָס דאָס ווינטל האָט יעדע ווײַלע אַרויסגעשויבערט פון אונטער איר טיכל. ענדלעך האָט זי זיך ווידער אָנגענומען מיט מוט און געפרעגט אַנטשלאָסן:

— וועסטו נישט גיין אַהיים?

— איך וועל נישט!

— וועסט נעכטיקן אין פעלד?

— כ׳וועל נעכטיקן.

— גוט, טו ווי דו פאַרשטייסט, אָבער געדענק, דינה, וואָס דו טוסט... באַדענק זיך דינה, באַדענק זיך...

— נישטאָ זיך וואָס צו באַדענקען! — האָב איך געענטפערט פאַר־עקשנט און געגומען גיין פאַרויס אין פעלד.

די מאַמע איז נאָך געשטאַנען אַ ווײַלע און מיך נאָכגעקוקט. דאַן האָט

זי געגומען גיין צוריק צום דאָרף. אָפּגייענדיק אָבער אַ פּאָר טריט האָט זי זיך פאַרהאַלטן און גענומען ווידער מיך נאָכרופן:

— דינה, קער זיך אום! דינה באַדענק זיך, דינה! דינננננ...

איר קול איז פאַרגאַנגען אין ווינט. איך האָב זיך אומגעקוקט. מיין האַרץ איז פאַרקלעמט געוואָרן. אָפּגייענדיק אַ שטיק וועג האָב איך אָפּגע־קערעוועט אין אַ טאָל, צוגעפאַלן מיטן פּנים צו די אַראָפּגעקאָשעטע פרישע גראָזן, און זיך צעוויינט הויך, אויף אַ קול...

## צוגאַסט ביי פּאַוועלס עלטערן

איך געדענק נישט ווי לאַנג איך בין אַזוי געלעגן, אָבער ווען איך האָב זיך אויפגעהויבן איז שוין מיין מאַמע נישט געווען. עס האָט מיר באַנק געטון פאַרוואָס זי האָט מיך מער נישט געבעטן, אַז איך זאָל זיך צוריקקערן. עס איז אַזוי גוט געווען זיך שפּילן מיט אירע געפילן... „דינה, באדענק זיך... קער זיך אום...“

איך האָב גענומען גיין צוריק אין דער ריכטונג צום דאָרף און ווי גליקלעך איך בין געווען, ווען איך האָב פּלוצים דערזען מיין מאַמע שטיין ביי אַ גאָרטן. זי האָט מיך קענטיק אָפּגעוואַרט. געווען זיכער, אַז איך וועל זיך אומקערן.

אַז זי האָט זיך אומגעקוקט און דערזען פונדערוויטנס, אַז איך גיי צוריק, האָט זי גראָד גענומען גיין פאָרויס. דאָס האָט מיר פאַרדראָסן און איך האָב זיך גלייך פארקערעוועט צוריק אין פעלד, צום טייך און וואַלד.

איצט בין איך געגאַנגען לאַנגזאַם, געציילט די אייגענע טריט. דער קאָפּ איז געווען ליידיק פון געדאַנקען. דאָס פרישע ווינטל האָט געשויבערט מיינע האָר און געקילט מיין צעפלאַמטן פּנים. עס איז געוואָרן לייכטער אויפן האַרצן. די זשומענדיקע בינען אויף די פעלד־בלימלעך און די פאַר־שידנקאָלירטע פלאַטערלעך, וואָס זענען געפלויגן פון בלום צו בלום האָבן נאָך לייכטער געמאַכט מיין געמיט.

איך האָב אָנגעריסן עטלעכע שטשאַוויילעך און גענומען עסן. די זויערקייט פון שטשאַוו האָט דערפרישט מיין פאַרטריקנטן גומען. איך בין געגאַנגען אָן אַ ציל. יעדע ווייַלע האָב איך זיך צוגעזעצט און ארויסגענו־מען אַ שטעכעלקע פון פוס, וואָס איז אריינגעשטאָכן געוואָרן פון די אַראָפּ־געקאָשעטע סטעבליעס־גראָזן. אַז איך בין מיד געוואָרן פון זיצן, האָב איך זיך ווידער אויפגעהויבן און בין געגאַנגען אַזוי לאַנג, ביז איך בין געקומען צום טייך.

אַ רעזיגנירטע האָב איך זיך אַראָפּגעלאָזט אויפן ברעג, זיך צוגע־

קוקט, ווי די פישעלעך פליעסקען זיך אין די שטילע וואסערן און אויך פארנומען דעם געהיימנישפולן געוויש פון וואלד, וואָס האָט זיך געשפיגלט אין טייך. דאן האָב איך זיך אויפגעהויבן און גענומען שווענקען מיינע באָרוועסע פיס אין לוילעכן וואסער. אז דאָס איז מיר נמאס געוואָרן, האָב איך זיך געלאָזט גיין לענגאויס דעם טייך־ברעג. לאנגע שאָטנס פון פאר־נאַכטיקן זון־פארגיי האָבן זיך געשפרייט ארום. איך האָב זיך דערשראָקן פאר מיין איינזאמקייט און זיך צוריקגעקערט צום פריערדיקן אָרט. איך האָב זיך ווידער אראָפּגעלאָזט אויפן ברעג און זיך פארטיפט אין די אייגענע מחשבות. וואָס וועט זיין? ווו גייט מען? ווו טוט מען זיך אהין? ביין, אהיים וועל איך איצט נישט גיין. צו וואָס? כדי ווידער הערן דעם טאטנס געשרייען און פילן אלעמענס קרומע בליקן?

מיינע געדאנקען זענען איבערגעריסן געוואָרן, ווען איך האָב דערהערט א געוויש צווישן די בוימער פון וואלד אויף יענער זייט טייך. גלייך האָב איך דערזען א קליין פאסטוכל, וואָס האָט זיך נאָכגעיאָגט נאָך א קי. איך האָב אינסטינקטיוו אויפגעשווידערט. דאָס פאסטוכל און קי זענען אָבער גלייך פארשוווּנדן געוואָרן אין די וואלד־טיפענישן. די שטילקייט ארום מיר איז פארטיפט געוואָרן. איך האָב זיך אויפגעהויבן צום אוועקגיין, נישט וויסנדיק גענוי וווהין איך זאָל גיין.

— העי, דוניא!!! — האָב איך פלוצים דערהערט א געשריי פון דער צווייטער זייט טייך און אויפגעהויבן די אויגן. איך בין א רגע עלעקטרי־זירט געוואָרן. זיך נישט געקענט רירן פון אָרט. דאָס הארץ האָט א זעץ געטון מיט אזויפיל אומגלויבלעכער פרייד און ציטער. אלץ האָט זיך א צעשפיל געטון פאר די אויגן. דאָס פויגל־געזאנג, וואָס האָט זיך געטראָגן פון וואלד האָט פארפולט מיין גאנץ וועזן...

— פאוועל! — האָב איך אויסגעשריגן מיט א פרעמד קול און דער עכאָ פון וואלד האָט איבערגעחזרט מיין פריידיקן אויסגעשריי:

— פאַוועוועוו... פאַוועוווו — — —

— העי, דוניא, ווו קומסטו אהער? — האָט ער אריבערגעשריגן צו מיר, בלייבנדיק שטיין אויף זיין גאלאָפּירנדיקן פערד, הארט ביים ברעג. מיין הארץ האָט אזוי געזעצט, אז איך בין נישט אימשטאנד געווען צו ענט־פערן.

ער האָט אויסגעזען אַזוי ריטעריש רייטנדיק אויפן פערד. דאָס איז דאָך ער, דובראָווסקי... פון פושקינס ראָמאן, וואָס איך האָב אי־בערגעלייענט עטלעכע מאָל... דאָס האָט ער זיך טאקע באוויזן, כדי ארויס־

גנבענען זיין געליבט מיידל, ווען עמעצער עלטערן ווילן נישט זי זאָל זיך ליבן מיט א רויבער...

— אוי... פּאוועל! פּאוועל! — האָב איך גערופן שטיל. מיין שטים האָט נאָך אלץ געציטערט מיט טויזנטער וויבראַציעס. איך בין געווען דערשראָקן פון מיין אייגענער שטים. מיינע אויגן האָבן נישט געגלויבט. אַ לעצטע טרער האָט זיך פארהאַלטן אין זיי.

— וואָרט, דונקא, איך שווים גלייך אַריבער צו דיר. — האָט ער ווידער אַריבערגעשריגן צו מיר און נישט טראַכטנדיק לאַנג אַריינגעשפּרונגען מיטן פערד אין וואַסער.

— פּאוועל!!! פּאוו! — האָב איך געשריגן צו אים — וועסט זיך, חלילה, דערטרינקען! דאָ איז דער טייך טיף! וואָס טוסטו? פּאווווו...

— העי, האָב נישט מורא, דונקא! — האָט ער געשמייכלט, האַלטנדיק זיך פעסט פאַר דער גריווע פון פערד, וואָס איז איצט געשווומען אין דער ברייט פון טייך צו מיין ברעג. פּאַוועל האָט מיטביידע פיס זיך אַרומגעקלאַמערט אַרום בויך פון שווימענדיקן פערד, ווען עמעצער רוקן און קאָפּ האָבן זיך בלויז אויסגעזען. דאָס פערד האָט געגנודרעט און געשווומען אלץ פאָרויס. פּאוועלס פּנים איז געווען צעשמייכלט. ער איז ביז העלפט געווען אין וואַסער. איך האָב געציטערט פאַר זיין לעבן. ער איז איצט געווען דער טייערסטער מענטש אין דער וועלט. איך האָב יעדע ווײַלע זיך פאָרשטעלט מיט די הענט דאָס פּנים. און ווען איך האָב זיי אָפּגענומען פון מיין געזיכט, האָב איך דערזען דעם נאַסן פערד אַרויסגראַבלען זיך פון טייך אויפן ברעג. פּאוועל איז געווען אינגאַנצן נאַס. דאָס פּנים באַשפּריצט מיט טראָפּנס און פון די פאַרקאַשערטע קאַלאָשוועס האָט גערונען דאָס וואַסער עמערווייז. אז ער איז ווויליוונגעריש אַראָפּגעשפּרונגען פון פערד, האָט דאָס פערד געבומען זיך גלייך קוילערן איבערן זאַמדיקן ברעג און ער, פּאַוועל, איז צוגעלאָפן צו מיר אַן איבעראַשטער, אַ צעשטראַלטער, אַ גליקלעכער.

— אוי, דונקא, — האָט ער אַרויסגעפּראַלט גליקלעך — ווי איך האָב זיך דערפרייט, ווען איך האָב דיך דאָ דערזען! ווי קומסטו אַהער אין דער דאָזיקער שעה?

— איך ווייס אליין נישט!... — האָב איך געענטפערט מיט אַראָפּגעלאָזענע אויגן.

— האָסט מסתמא געוווּסט, אז איך פּאַשע דאָ אונדזער פערד, האַ?

— דווקא נישט.

ער האָט אריינגעקוקט אין מיינע אויגן און דערפילט מיין אומעט. ער איז געוואָרן ערנסט, זיך פארשארט די פּייכטע טשופּרינע און גע־פרעגט אָפּנהארציק:

— איז עפּעס געשען? דוניא, וואָס? דערצייל!

— איך האָב נישט וואָס דערציילן...

— דאָך?... מסתמא ווידער דיין טאטע... האַ?

— יאָ, דער טאטע האָט מיך געשלאָגן.

— גע־שלאָ־גן??? האַ האַ!!

— פאַרוואָס?

— איך ווייס נישט!...

— צוליב מיר?

— יאָ, צוליב דיר.

ער האָט זיך פארטראכט. אין זיינע אויגן האָבן זיך צעצונדן פייערלעך. ער האָט אראָפּגעלאָזן די נאסע קאלאָשוועס פון די הויזן און בערוועז זיך א שאר געטון איבער זיין שעלמיש ־ אראָפּגעהאָנגענער טשופּרינע.

— וואַרט אָ ווײַלע. איך וועל פּענטען דאָס פערד און מיר וועלן זיצן אַביסל. וועסט מיר אַלץ דערציילן. איך פארשטיי באמת נישט דיין טאטן. דוכט זיך א גוטער ייד און דאָך אַזוי פארנארישט. אָט, א פּראָקליאטער אַזאַ, אַ פאַרשאָלטענער!...

— זאָלסט נישט וואַגן רעדן אַזוי, הערסט? ער איז מיין טאטע!

— און אז דיין טאטע איז וואָס? טשאָרט פּאָבערי! פארוואָס האָט ער דיך געשלאָגן, פארוואָס? האַ? עך!...

— מענטשן האָבן לאַנגע צינגער!

— אין זייערע הינטישע מאַמעס אַריין! איך וועל זיי אָט די צינגער אָפּשניידן, צום טייוול! — זיינע פויסטן האָבן זיך פארביילט. פון די אויגן האָט ארויסגעגליט איינגעהאלטענער כעס. ער וואָלט איצט גרייט געווען זיך ווארפן אויף יעדן איינעם, וואָס וואָלט אים אונטערגעקומען, אויב ער וואָלט געוווּסט, אז אָט דער עמעץ האָט מיך באַליידיקט, באַרירט.

זאלבערצווייט זענען מיר איצט געזעסן אויפן טייך־ברעג. מיר האָבן ווייניק גערעדט צווישן זיך. די טונקעלע שאָטנס האָבן אַלץ מער זיך צעשפּרייט ארום אונדז. עס איז מיר אַזוי גוט געווען צו זיצן ביי זיין זייט, ווייט פון בייזע אויגן און צינגער. זיצן און קוקן אין די שטיל־שטראָמיקע וואסערן, וואָס זענען געפלאָסן, ערגעץ ווייט־ווייט און פארנעמען דעם פאַר־נאכטיקן געצוויטשער פון די פויגל.

איך האָב זיך נישט געווערט, ווען ער האָט מיך פּלוצים ארומגענומען און געקושט. עס איז מיר געווען אלצאיינס. איך האָב דאָך געבענקט נאָך זיין נאָענטקייט, געגאַרט צו זייך זאַלבערצווייט מיט אים, אַז קיינער זאָל אונדז נישט שטערן. דער צופאַל אַליין האָט געוואָלט, אַז איך זאָל כאַפּן קלעפּ, פאַרבלאָנדזשען אַהער און אים דאָ טרעפן. כדאי געווען די קלעפּ. אַלץ כדאי געווען!... פריער וואָלט איך נישט געוואַגט ארויסקומען אַהער אויף זיין רוף. אויך ער האָט זיך נישט געריכט אויף אזא גליקלעכן צופאל.

אַז ער איז געוואָרן צודרינגלעכער און מיך גענומען שטאַרקער קושן, האָב איך דערוואַכט, ווי פון אַ קאָשמאַר...

— פּאַ־וועל?

— דונקא! טייערע!...

— איך מוז גיין!...

— וואַרט... זיץ אַביסל...

— גענוג!...

— וווהין וועסטו גיין איצט, דונקאַ?

— אַהיים!...

— דער פאַרנאַרישטער טאַטע דיינער וועט דיך ווידער שלאָגן.

— וועט ער!...

— זאָל ער פּרובירן דיך אָנרירן מער! איך וועל אים סיי ווי שפּאַלטן דעם קאָפּ!...

— רעדסט נארישקייטן, פּאַוועל!

איך האָב אים פאַרמאַכט דאָס מויל מיט מיין האַנט. ער האָט אָנגעכאַפּט די האַנט און צוגעפּאַלן צו איר מיט זיינע פייכטע ליפּן. איך האָב אינסטינקטיוו זיך אומגעקוקט, אַרויסגעצויגן די האַנט און אָפּגעטראָטן פון אים א פּאָר טריט.

— האָב נישט מורא, דונקא, האָב נישט מורא! איך בין גרייט אלע מענטשן אויסהרגענען, אויב נאָר עמעץ וועט דיך באַרירן, ווי טון, יעי באָהו!...

איך האָב נישט ווילנדיק א שמייכל געטון, אָבער עס איז מיר געווען גוט. איך האָב נישט ווילנדיק א טראכט געטון: אוי, ווען מיין טאַטע, אָדער מאַמע וואָלטן געהערט אָט די רייד, ווען זיי וואָלטן געזען, ווי איך לאָז זיך קושן פון דעם „שייגעץ"!

— קום צו אונדז, דונקאַ. — האָט ער פאַרגעלייגט. — מיינע עלטערן זענען נישט אזעלכע פאַרנארישטע ווי דיינע.

— מען קאָן נישט העלפֿן. אַזעלכע זענען זיי. דאָך זענען זיי מײַנע על־טערן. אַז זיי װעלן זען, אַז איך קער זיך נישט אַהיים װעלן זיי איבערקלערן, װאָס מיט מיר איז געשען. באַזונדערס די מאַמע.

— אַלצאיינס !...

יאָ, ער איז געװען גערעכט. אין די דאָזיקע רגעים איז מיר געװען אַלצ־איינס. איך האָב נישט חשק געהאַט גיין אַהיים, אָבער איך האָב מורא געהאַט בלײַבן אין פֿעלד און נאָך מער גיין צו אים אַהיים, צו זײַנע עלטערן. עס האָט זיך מיר שטאַרק געגלוסט אַנצולערנען מײַן טאַטן און פֿאַרזאַמען זיך װאָס לענגער ערגעץ, כדי נישט קומען אַזוי שנעל אַהיים. װוּהין זשע גייט מען ? װוּהין, כדי אויספֿירן דעם דאָזיקן קאַפּריז, דעם צו להכעיס ? און דעריי־בער : װען פּאַװעל האָט איבערגעחזרט עטלעכע מאָל זײַן פֿאָרשלאַג, אַז איך זאָל גיין מיט אים צו זײַנע עלטערן, װוּ עס דערװאַרט מיך אַ פֿרײַנט־לעכע אויפֿנאַמע, אין װאָס איך האָב נישט געצװייפֿלט, — האָב איך זיך אַרויסגעכאַפּט :

— גוט, כ׳װעל גיין. כ׳װעל זיצן ביי אײַך אַביסל און דאַן גיין אַהיים.

— אָך, דונקאַ, װי בראַװ דו ביסט ! — האָט ער מיך אַרומגעכאַפּט און צוגעדריקט צו זיך — װען דו װייסט... װען דו װייסט, װי איך האָב דיך ליב ! װי... װי... איך דיך.. גאַנצע נעכט שלאָף איך נישט און טראַכט נאָר װעגן דיר... איך זע נאָר דיך... אַ דונער זאָל מיך טרעפֿן אינמיטן העלן טאָג אויב... אויב איך זאָג ליגן ! כ׳רעסט מענע פּאָבעי (אַ קריין זאָל מען נאָך מיר שטעלן...).

— פּאַװעל... אַז דו װעסט אַזוי רעדן, װעל איך באַלד אַװעק. דו הערסט?

— האָב איך אים אָפּגעשטויסן פֿון זיך — איך האַלט דיך פֿאַר אַ פֿרײַנט, אָבער... נישט מער ! רעד זיך נישט אײַן קיין נאַרישקייטן לגבי מיר. איך בין נישט פֿאַר דיר. דו װייסט עס.

איך האָב גערעדט מיט האַרץ. געגלויבט אין דעם, װאָס איך זאָג. איך בין נישט פֿאַר אים. כאָטש איך ליב אים, אויפֿריכטיק ליב, קען אָבער פֿון דער דאָזיקער ליבע במילא גאָרנישט װערן. דאָס װאָלט געהייסן ברענגען אַן אומגליק אויף מײַן היים, אויף מײַנע עלטערן. צי מעג איך עס טאָן ?

דעם גאַנצן װעג, ביז צו פּאַװעלס שטוב, האָבן מיר ביידע מער גאָר־נישט גערעדט צװישן זיך. ער איז געגאַנגען אַ פֿאַרטראַכטער. ער האָט אויסגעזען צו זײַן אומבאַהאָלפֿן. מײַנע װערטער האָבן אים אַנטװאָפֿנט און ער האָט קענטיק עפּעס פּלאַנירט. אויך איך בין געװען פֿאַרטיפֿט אין מײַנע געדאַנקען, אָבער איך האָב גאָרנישט פּלאַנירט. איך בין געװען אומבאַהאָל־

פענער פון אים. אין די אויערן האָבן נאָך אלץ געקלונגען זיינע ליבע־ווערטער, ווי א פונדערווייטנס ־ אויפגעכאַפּטער ניגון, וואָס דו ווילסט הע־רן, וואָס דרינגט אריין אין דיינע טיפענישן און דו ווייסט נישט פון וואנען דער דאָזיקער ניגון קומט און וואָס דו זאָלסט טון, כדי... כדי ער זאָל נישט פארגיין.

דאָס דאָרף איז שוין געלעגן אין א דעמערונג, ווען מיר זענעןביידע ארויף אויפן הויף פון פּאַוועלס עלטערן. ביי א וואָגן, וועלכער איז אָנגע־הויפט געווען מיט פריש ־ געקאָשעטן גראָז, איז געשטאַנען אן אויסגע־שפּאַנטער פערד און געמיטלעך געגעסן דאָס גראָז פון די הויכע דראַבינעס. אַלע שטאַלן זענען געווען צעעפנט און איבערן פרייען הויף־שטח האָבן זיך ארומגעדרייט צעהוליעטע קעלבער, שאָף און חזירים. ביי אַ קאַריטע, נעבן הילצערנעם ברונעם, וואָס האָט זיך געפונען אינמיטן הויף, האָבן קאַטשקעס און גענדז זיך געפּליוסקעט אָן אויפהער און געגאָגערט אויף פולע העלדזער. הינטער אַ וואַנט פון גרויסן שייער, זענען געלעגן אָנ־געלייגט, כמעט ביז דער סטריכע, שייטנס האָלץ, וואָס איז אָנגעגרייט געוואָרן אויף ווינטער אין משך פון זומער.

מיינע בליקן זענען געפאלן אויף א ברייטן סענקעוואַטן קלאָץ אין וועלכן עס איז אריינגעהאַקט געווען א גרויסע האַק, וואָס האָט אין דעמע־רונג געמאַכט דעם איינדרוק פון אן אויפגעהויבענעם אָדלער־פליגל אָדער הילצערנער האַנט. מענטשלעכע שאָטנס האָבן זיך ארומגעדרייט איבער די צעעפנטע שטאַלן און הויף. עמעץ האָט געשעפּט וואַסער פון ברונעם. לויטן גרילץ פון „קריוק" (ברונעם־דראָנג), האָט זיך געפילט, אז דער עמער מיט וואַסער איז שוין אויבן און איז איבערפולט.

מיר זענען ביידע געבליבן שטיין און זיך איינגעקוקט.

— מיר האָבן געסט. — האָט פּאַוועל געזאָגט אַביסל צעטומלט —

מיין שוועסטער סטעפּא מיט איר מאַן קאַראָל זענען געקומען אויף באַ־זוך. דו ווייסט דאָך מסתמא, אז מיין שוואָגער קאַראָל איז א גאַיאָווער, א וואַלד־שומר.

— איך ווייס.

— איך האָב גלייך דערקענט, אז ער איז געקומען. — האָט פּאַוועל געזאָגט אַביסל האָפערדיקער — לויטן גניאַדן פערד זיינעם האָב איך עס דערקענט. איך זאָג דיר: אַן אמתדיק פריציש פערד. אַ בולאַן!

איך האָב געשוויגן. זיך געפילט אַביסל אין פאַרלעגנהייט. אנטקעגן

איז אונדז אָנגעקומען פּאַוועלס מוטער, מאַריאַ. זי האָט געטראָגן אַ גרויסן „שעפּל" מיט מילך.

צוקומענדיק צו אונדז, האָט זי זיך איינגעקוקט אין מיר און א זאָג געטון:

— דוכט זיך גאָלדעס טאָכטער... דינה...

נישט וואַרטנדיק אויף קיין ענטפער, האָט זי זיך געלאָזט מיטן פולן „שעפל" מילך, וואָס זי האָט זיך באַמיט פאַרשטעלן מיט איר לייוונטענער ספּודניצע קעגן עין הרע וואַרשיינלעך, גלייך אין דער באַסציעזש־צעעפנ־טער טיר אריין.

— קום אריין. — האָט פּאַוועל מיך איינגעלאַדן דרייסט. ער איז אַריין דער ערשטער און איך נאָך אים. מיין שלעכטע שטימונג איז נישט אָפּגעטראָטן פון מיר. איך האָב זיך פּלוצים דערפילט איבעריק דאָ, אַן אומגעבעטענער גאַסט, הגם איך האָב געוווּסט, אַז די פויערים זענען גאַסט־פריינטלעכע און קענסט אריינקומען צו זיי, ווען דו ווילסט. דאַרפסט נישט אַנקלאַפּן אין טיר און זיך נישט זשעניִרן.

אַז איך בין שוין געווען אינעווייניק, האָט דאָס אומבאַקוועמע געפיל זיך נאָך מער פאַרשטאַרקט אין מיר. איך האָב אָבער שוין נישט געקענט אַוועק צוריק, נאָכדעם ווי איך בין איבערגעטראָטן דעם שוועל. אין מיינע נאָזלעכער האָט א זעץ־געטון דער דומפּיקער ריח פון פריש־געבאַקענעם ברויט אויף קרויט־בלעטער, געטריקנטע יאַגעדעס און גריבעס. אין אויוון האָבן געפּלאַקערט שטיקער געטריקנטע בעריאָזע־שייטנס און ביי די פּלאַ־מען זענען געווען ארומגעשטעלט הויכע טשוהון־טעפּ מיט פאַרשידענע געקעכצן.

דערוויל האָט פּאַוועלס מוטער אַוועקגעשטעלט דאָס „שעפּל" מילך אויף דער הילצערנער באַנק, ווו עס זענען אָנגעשטעלט געווען ליידיקע ערדענע לאַדישקעס און נישט לייגנדיק קיין אכט — נישט אויף מיר און נישט אויף פּאַוועלן, — גענומען איבערצעדיען דורך א ציכטיק שטיקל לייוונט די מילך אין די לאַדישקעס. דאַן האָט זי די לאַדישקעס מיט מילך ארויסגעטראָגן אין קעמערל און זיך געשטעלט צום אויוון.

אין אַ ווינקל ביים אויוון, זענען געשטאַנען אָנגעשטעלט פאַרשידענע קאָטשערעס, ווידלעס און לאָפּאַטעס. זי האָט מיט א קאָטשערע מעכאַניש פונאַנדערגעשאַרט דעם זשאַר פון די אויסגעברענטע שייטנס האָלץ און אויסקלויבנדיק פון א קאַרב קאַרטאָפל פון גלייכער גרויס, אריינגעוואָרפן אין אויוון, אויפן אָנגעברענטן „טשירין" צום באַקן. מאַריאַ איז געווען

אַזוי פאַרטיפט אין איר מלאכה, אז זי האָט אַפילו קיין צייט נישט געהאַט צו שענקען מיר אַביסל אויפמערקזאַמקייט, גלייך ווי קיינער אויסער איר וואָלט איצט נישט געווען אין שטוב, אָדער ווי קיינער וואָלט איר נישט אָנגעגאַנגען.

פאַוועל האָט אָנגעצונדן דעם נאַפט־לאָמפּ, וואָס איז געהאָנגען איבער מיטן סופיט אויף א לאַנגן דרעטל, באַצירט מיט קאָלירטע פּאַפּירלעך. מיינע בליקן זענען געפאַלן אויף די פיל צעהאָנגענע איקאָנעס אויף די ווענט און אין די ווינקלען. די איקאָנעס זענען געווען אַרומגעצירט מיט לייוונטענע „נאַמיטקעס" (געוועבן) און פאָרגעשטעלט יעזוסן אין א געקרייציקטער פּאָזע, ווי אויך די „באָזשאַ מאַטי". די „הייליקע מוטער", מיטן ביי־געבוירענעם „אויסלייזער" אויף די הענט.

די „באָזשאַ מאַטי" האָט געהאַט אַזאַ פאַרטראַכטן בליק און הגם איך האָב נישט צום ערשטן מאָל געזען די דאָזיקע איקאָנעס אין די פויערישע כאַטעס, האָט עס אָבער איצט געמאַכט אויף מיר אַן אויסטערלישן איינדרוק. איך האָב אליין נישט געוווּסט פאַרוואָס...

מיין אויפמערקזאַמקייט האָט אויך צוגעצויגן א ברייטע הילצערנע בעט, אָנגעהויכט מיט אַ סך בעטגעוואַנט, וואָס איז געווען איבערגעשפּרייט מיט א גרוי־לייוונטענער ליילעך.

כמעט ביזן סופיט, פון וואַנט צו וואַנט, זענען אויף א הילצערנעם שטאַנג געהאָנגען פאַרשידן־קאָלירטע קליידער און געבלומטע פאַטשיילעס.

ביים סאַמע פענצטער, צו דעם פראָנט פון דער גאַס, איז געשטאַנען א דעמבענער טיש אַרומגעשטעלט מיט שמאָלע הילצערנע בענק. פון אונטער די פונאַנדערגערוקטע פאָרהענגלעך האָבן געגרויט קליינע שייבלעך, אויף וועלכע דער קיט האָט זיך קוים געהאַלטן. אייניקע שייבלעך זענען געווען צעשפּאָלטן און זיך געהאַלטן מיט דער הילף פון רונדע העלצלעך, דין ווי שוועבעלעך, צוגעבונדן פון ביידע זייטן מיט פעסטע גרוי־פלאַקסענע פעדים.

די פּאָדלאָגע פון שטוב איז באַשטאַנען פון געקאַלכטן איינגעקלאַפּטן ליים, פון „טיק", וואָס האָט איצט געהאַט א קאָלירלאָזן אויסזען. כמעט דעם זעלבן אויסזען האָבן געהאַט די דילן פון אַלע פּויערישע כאַטעס און זיך אונטערשיידט פון די יידישע הייזער דערמיט, וואָס די פּאָדלאָגע אין דאָס רוב יידישע הייזער איז באַשטאַנען פון ברעטער און די דעכער געדעכלט נישט מיט קוליעס שטרוי, נאָר מיט שינדלען, אָדער טשערעפּיצע. אין די אָרעמע יידישע הייזער איז די דאָזיקע ברעטער־פּאָדלאָגע געווען גאַנץ

אָפּט פֿאַרפּוילט, געלאַטעט מיט שטיקער ברעטער און די קיילעכדיקע געהילצן, פֿון וועלכע דאָס שטוב איז געבויט געווען, זענען אַרויסגערוקט געוואָרן פֿון אָרט. אַפֿילו דאָס פֿאַרשטאָפּן יעדעס יאָר מיט מאָך אָט די שפּאַלטן האָט נישט געהאָלפֿן. אויך די שינדלען־דעכער — געלאַטעט שטי־קער אויף שטיקער, צעפּוילט פֿון די רעגנס און ווינטער פֿאַרקאָוועט מיט אייז־ליכט און „בלומען"...

דאָס הויז פֿון פּאַוועלס עלטערן האָט אין א געוויסער מאָס זיך אונ־טערשיידט פֿון די איבעריקע פּויערישע כאַטעס דערמיט, וואָס עס איז געווען גרעסער, באַשטאַנען פֿון מער צימערן און געדעקט מיט בייע קוליעס שטרוי, וואָס האָט וואַרשיינלעך געגעבן אַלקעסייען די פּריווילעגיע צו זיין דער סאָלטיס פֿון דאָרף. זעלטן ווען אַן אָרעמער פּויער האָט געקענט ווערן סאָלטיס, דער עלטסטער פֿון דאָרף. אַז א פּויער איז געווען רייכער פֿון אַנדערע האָט עס באַדייט, אַז ער איז אויך קליגער פֿון אַנדערע און עס קומט אים אָט דער כבוד צו זיין דער עלטסטער פֿון דאָרף. אַזאַ איז אויך געשטיצט געווען דורך דעם פּוילישן לערער פֿון דער איינציקער דאָרפֿס־שול, ווי אויך דורך די פּוילישע מאַכט־אָרגאַנען.

נישט קיין וווּנדער, וואָס סיי פּאַוועל, אַלס זונדל פֿון אַלעקסייען דעם סאָלטיס און סיי מאַריאַ, פּאַוועלס מוטער, אָדער סטעפּאַ, פּאַוועלס שוועס־טער, אָפּגערעדט שוין פֿון קאַראָלן, סטעפּעס מאַן, אַן אָפּשטאַמיקער פֿון א פּויליש־מאַזורישער משפּחה, האָבן זיך געפֿילט שטאָלץ.

איך האָב געקענט אַלעקסייען, פּאַוועלס פֿאָטער. פֿון אים איז דאָך געווען אָפּהענגיק נישט איינמאָל, אַז מיין טאַטע זאָל נישט גיין אויף „אָפּכאָד", נאַכט־שמירה פֿון דאָרף, ווי דאָס איז געווען אָנגענומען אין די דערפֿער.

יעדע נאַכט, לויט דער ריי פֿון די הייזער, פֿלעגן צוויי איינוווינער (על פּי הרוב איז עס אויסגעפֿירט געוואָרן דורך אַלטע לייט) אַרויסגיין אויף אָט דער שמירה לויט דער באַשטימונג פֿון סאָלטיס מיט דער הילף פֿון זיינע געהילפֿן, די „דעסיאַטניקעס".

אַז ער, דער סאָלטיס האָט געוואָלט, האָט ער געקענט פֿאַראָרדענען איבערהיפּערן א יידיש הויז, באַזונדערס פֿון יענע יידן צו וועמען ער האָט געדאַרפֿט אָנקומען מיט א גלעזל בראָנפֿן, א „טשאַרקע", אָדער נאָך אַ פּעקל טיטיון. דאַן איז די „בולאַווע" (אַזאַ דיקער שטעקן מיט א געטאָקטן „קעפּל") איבערגעגעבן געוואָרן צו אַן אַנדערן.

דאָס איבערגעבן די בולאַווע איז געווען דער זיכערסטער „עדות", ווער

עס האָט דיזשורירט הייַנטיקע נאַכט און געהיט דאָס דאָרף פון א שריפה, אָדער גניבה. און אַז אַזעלכעס איז נישט איינמאָל במילא געשען, זענען די וועכטער, דער „אָפּכאָד״ געפּאָרשט געוואָרן דורך די מאַכט־אָרגאַנען. זיי, די „אָפּכאָדטשיקעס״ זענען אין א געוויסער מאָס פאַראַנטוואָרטלעך געווען פאַר דעם, וואָס עס איז געשען אין דאָרף בייַנאַכט. אפשר זענען זיי גאָר געשלאָפן, זיצנדיק איינגעהילט אין זייערע קאָזשוכעס אויף א פּריזבע, אָדער ווייסן אפילו ווער עס האָט אויסגעפירט די שריפה, אָדער גניבה. אַזעלכעס האָט פּאַסירט נישט זעלטן.

טראָץ דעם, וואָס אלעקסיי האָט פאַרנומען אזא חשובן אמט, האָט ער זיך נישט פאַריסן און איז געווען א קלוגער פויער, וואָס האָט מיט א גע־וויסער דיסטאַנץ געוווּסט ווי צו זיין א „פּאַן בראַט״ (גוטער ברודער) מיט וועמען ער האָט געפונען פאַר נויטיק. זיין הויכע פיגור, צוריקגעצויגענע האַלטונג, די געדיכטע ברעמען און נאָך געדיכטערע בעזעמער־וואָנסעס, האָבן געוועקט אָפּשיי צו אים און אים צוגעגעבן ווירדע און אָנזען אלס דאָרפס־עלטסטער.

אז ער איז אַרייַנגעקומען אין שטוב האָט עס זיך געלאָזט פילן אין זיין האַמעטנעם גאַנג און אָפּגעוויגענער האַלטונג. איצט איז ער געווען אָנגעטון אין לייַוונטענע הויזן, אַרייַנגעלאָזענע אין א פּאָר שווערע יוכט־שטיוול און איבער די הויזן, א ברייטע לייַוונטענע רובאַכע, אַרומגעבונדן אין דער טאַליע מיט א רויט־געפלאָכטענעם גאַרטל, אויף וועלכן עס איז ביי־דער זייט אָנגעהאַנגען געווען א לעדערנע טאָרבע מיט א צוגעבונדענעם מע־סערל. אין דער דאָזיקער טאָרבע מיט וועלכער ער האָט זיך זעלטן גע־שיידט, אפילו אויסער דער ארבעט, האָט זיך געפונען זיין גרויסע היל־צערנע ליולקע און אלע איבעריקע צינד־מכשירים צום רויכערן. די דאָזיקע צינד־מכשירים זענען באַשטאַנען פון אַן „אָגניוואָ״, אָדער „קרעסעוואָ״, ווי די פויערים האָבן גערופן דעם שטאָלענעם געצייג, וואָס האָט פון א שאַרף שטיינדל אויסגעהאַקט פייער־פונקען און אָנגעצונדן דעם געטריקנטן בוים־אָנוווּקס, די „גובקע״.

אין דער טאָרבע האָט זיך אויך געפונען דאָס קליין זעקעלע מיט טי־טיון, וואָס איז דאָס רוב באַשטאַנען פון מאַכאָרקע, אָדער געטריקנטע בלע־טער, וועלכע האָבן בעתן רויכערן פאַרשפּרייט א דומפּיקן גערוך.

אין שייַן פון לאָמפּ איז נישט שווער געווען פעסטצושטעלן, אז פּאַוועל איז מיט דער פיגור ענלעך צו זיין פאָטער, אָבער מיטן פּנים איז ער אַרייַנ־געראָטן אין זיין מוטער מאַריא, וועלכע פאַרמאָגט א הויכן שטערן, קורצע

נאָז, בלויע אויגן, בליענדיקע באַקן און געפאָרמט־רייצנדיקע ליפּן. אירע געטאָקטע יאָדערדיקע הענט און שלאנקע פיגור האָבן באשטעטיקט, אז נישט נאָר זי איז געווען א שיין מיידל, נאָר זי איז אויך איצט שיין אלס מיטליאָריקע פרוי. די געבלומטע פאטשיילע, געבונדן ארונטער אויף אירע טונקל־בלאָנדע האָר. צעקעמט אין אַ שרינט, האָבן איר צוגעגעבן נאָך מער פויעריש־ווייבלעכן חן און געמאכט זי פיל יינגער, ווי איר אמתע עלטער.

סטעפא, פאוועלס עלטסטע שוועסטער, וועלכע איז איינגאנצן אריינ־געראָטן געווען אין מאריען, ווי זי וואָלט געווען איר יינגסטע שוועסטער, האָט זיך אונטערשיידט פון איר מוטער מיט די פיל שנירלעך קרעלן, וואָס זי האָט איצט געטראָגן אויפן האַלדז, ווי אויך מיט איר שטאָטישער קליי־דונג — אין קעגנזאץ צו די איבעריקע פויערטעס פון דאָרף, וואָס קליידן זיך אויף אזא אופן בלויז אין די חגאות.

סטעפעס שטאָלץ איז באשטאנען נישט נאָר אין דעם, וואָס זי איז געווען די טאָכטער פון סאָלטיס, נאָר קודם כל, וואָס איר מאן, קאַראָל, וועלכער, האָט ווי געזאָגט, געשטאמט פון מאזורן און זיך פארליבט אין איר בעת א זאבאווע, איז געווען א גאיאָווער, א וועכטער אין א וואלד־רעוויר פון די גרויסע וועלדער, וואָס האָבן זיך געצויגן הונדערטער קילאָ־מעטער און געהערט טיילווייז צום גראַף פלאַטער און טיילווייז צו דער רעגירונג אָדער אַנדערע פריצים.

קאַראָל האָט נישט ווייניק זיך געגרויסט דערמיט, גלייך ווי אָט די וועל־דער וואָלטן געהערט אים און געווען זיין אייגנטום. נישט ווייניק שטאָלץ האָט אים צוגעגעבן זיין ספּעציפישער אָנטון פון א וואלד־היטער. זיינע כאקי־הויזן, גלאנציקע שטיוול, גרינער מונדיר מיטן הויכן קאָלנער אונ־טערן האלדז, די גלאנציקע קנעפּלעך מיט די אָזשעלקעס (אָדלערלעך־עמבלעם) און אָפּצייכענונגען, וואָס זענען באשטאנען פון א גרין צווייגל אויף די קאָלנער־קלאפּן, האָבן אים צוגעגעבן אן אויסזען פון אן אָפיציר.

גאַר א באזונדערע באדייטונג האָט נאָך געהאט דערצו זיין היטל, וועלכע ער האָט מיט אונטערגעשטראָכענער ווירדע אויפגעהאָנגען אויפן האַק באלד ביים אריינקומען אין שטוב. פאר דעם דאָזיקן גרינעם היטל האָט דאָך געציטערט נישט איין פויער, וואָס איז געקומען נאָך אַביסל האָלץ אין וואלד, ווי אויך די פויערטעס, וואָס זענען אָן א „קוויטל” פון דער וואלד־פארוואלטונג געקומען קלויבן יאגעדעס און שוואָמען. אַז קאַראָל האָט געוואָלט האָט ער גאָרנישט געזען, אָבער אז אים האָט זיך פאַרגלוסט האָט

דער פויער מיטן געגנבעטן האָלץ געהאט אַ משפט און די פויערטעס זע־נען געקומען אהיים מיט ליידיקע קאָרבן.

אַלע אריינגעקומענע האָבן מיט מיר זיך באַגריסט זייער העפלעך. געבעטן מיך זיצן און סטעפאַ האָט אַפילו נישט געזשאַלעוועט מיר זאָגן אויפן אָרט אַ קאָמפּלימענט:

— ביסט אויסגעוואַקסן אַ פּרעכטיק מיידל, דינה, גאָרנישט צו דער־קענען...

— לאַדנאַ פּאַניענקאַ (אַ שיין מיידל) — האָט אויך קאַראָל באַמערקט מיט אַ שמייכל, נישט אָפּנעמענדיק זיינע גרינע אויגן פון מיר — גאָרנישט ענלעך צו קיין יידישקע, יאַק באַגאַ קאָכאַם! (ווי גאָט איז מיר ליב!). נו, נישט קיין וואונדער — האָט ער צוגעגעבן מיט ווירדע — דאָך געלערנט אין אַ פּוילישער פּאָווּשעכנע...

איך האָב זיך געפילט אומבאַקוועם פון אָט די קאָמפּלימענטן און נישט רעאַגירט. איך בין געווען צופרידן, ווען פּאַוועלס מוטער האָט אויפגע־פּראַלט די טיר און געגומען רופן די פּראָסיאַטעס (חזירימלעך) צום „פּוילאַ״, וואָס זי האָט צוגעגרייט פון געקאָכטע קאַרטאָפל מיט קלייען. אויף איר רוף „צע־צע״, זענען די פּראָסיאַטעס זיך אָנגעלאָפן מיט אַ געפּילדער אין שטוב אַריין דורך דער צעפּראַלטער טיר און געגומען ווילד פרעסן פון מולטער, פונאַנדערוואַרפנדיק אַרום זיך דאָס פּאַרעדיקע שפּייז, וואָס האָט פאַרשפּרייט אַ דומפּיקן ריח איבערן גאַנצן שטוב.

אינצווישן האָט מאַריאַ אויך אַראָפּגעלאָזן דעם הונט פון דער קייט, וועלכער איז מיט נישט קיין קלענערן פּאַלאַש אריינגעלאָפן אין דער צע־עפנטער טיר. ער האָט באַמערקט אַ פרעמדן אין שטוב און מיט אַ היב־טישן מרוקעריי באַשמעקט מיך אַ ווייַלע און דאַן זיך געלאָזט צום שטיק ברויט, וואָס פּאַוועל האָט אים אריינגערוקט אין מויל אַריין, גלעטנדיק אים איבערן קאָפּ און רעדנדיק צו אים מיט ליבשאַפט, ווי צו אַ גוטן פריינט:

— ביסט הונגעריק, האַ?... זייער הונגעריק... נעם, פרעס! פרעס!...

אַלע האָבן זיך געזעצט אַרום טיש און מאַריאַ האָט געגומען דערלאַנ־גען וועטשערע. איך בין געזעסן ביים עק, אויפן ראַנד פון דער באַנק און נישט געוווּסט, וואָס צו טאָן מיט זיך. עס איז מיר געווען אומבאַקוועם און אומהיימלעך. איך האָב זיך געפילט, ווי אַ געפּענטעטער פויגל, וואָס איז אומגערן אריינגעפאַלן אין אַ נעץ. עס איז מיר געווען אומאָנגענעם צו זיצן דאָ און איך האָב אויך נישט געוואָלט אוועקגיין. יעדער פויער צי פויערטע, וואָס איז פאַרבייגעגאַנגען די נידעריקע פענצטער פון כאַטע

האָט זיך מיר אויסגעוויזן, אז דאָס גייט מיין טאַטע, אָדער די מאַמע, צי סתם עמעץ פון די יידן, וואָס באַמערקט מיך דאָ. איך האָב געפילט אז מיין פנים פלאַמט ביז איבער די אויערן. איך האָב געכאַפּט די קאַץ, וואָס איז דערפילנדיק די הייסע שפּייזן ארויפגעשפּרונגען אויף דער באַנק און האָב גענומען גלעטן און צערטלען זי, כדי מאַסקירן מיין אומבאַהאָלפנקייט. דאָס האָט דוכט זיך לייכטער געמאַכט מיין פאַרלעגנהייט, אָבער איך האָב געהאַט דאָס געפיל, אז אלע באַמערקן במילא מיין צעשטרייטקייט. וואָס טו איך דאָ? — האָב איך זיך געפרעגט און קיין ענטפער נישט געפונען.

מאַריא האָט ארויפגעשטעלט אויפן טיש א ריזיקע ערדענע שיסל מיט הייסן באַרשטש פון געזויערט קרויט, געקאָכט מיט חזיר־פלייש און ביי־נער. פון דער „מיסקע" (גרויסן שיסל) האָט געזעצט א געדיכטע דעמפּיקע פּאַרע, ווי אַ נעפּל, וואָס פּאַרעט אויס פון פייכטן באָדן מיטן זון־אויפגאַנג. סטעפאַ האָט דערלאַנגט די הילצערנע לעפל, די פּאַלאַניקעס און אויך אוועקגעלייגט א פּאָר קאַרענע פּאַלניצעס (ברויט־פּיראָגעס), וואָס זענען געווען געבאַקן אויף טרוקענע קרויט־בלעטער, באַשמירט מיט „סאַלאָ" (חזיר־פעטס). אַלעקסיי האָט דער ערשטער, גאָטספּאָרכטיק זיך איבערגע־צלימט און נאָך אים האָבן נאָכגעטאָן דאָס זעלבע אַלע איבעריקע משפחה־מענטשן. דאַן האָט ער זיך געווענדעט צו מיר ערנסט און פריינטלעך:

— קום מיט עסן, דינה.

—אַ דאַנק. מיט אַ גוטן אַפּעטיט.

איך האָב גוט געקענט די פויערישע מנהגים פון גאַסט־פריינטלעכקייט. יעדער גאַסט, וואָס קומט אריין אין שטוב צו אַ פּויער בעתן עסן, ווערט איינגעלאַדן זיך זעצן צום טיש און מיטעסן. מעג דער גאַסט נישט זיין הונגעריק, אָבער איינגעלאַדן ווערט ער. וויל ער — עסט ער. וויל ער נישט באַדאַנקט ער און ווינטשט אַ גוטן אַפּעטיט. איך האָב געטאָן דאָס זעלבע און אלע האָבן עס אָנגענומען אלס נאַטירלעכן אָפּזאָג. מסתמא בין איך ווירקלעך נישט הונגעריק. בלויז ער, פּאַוועל האָט פאַרשטאַנען מיין לאַגע און באַמערקט מיין אומבאַהאָלפנקייט און פאַרלעגנהייט. ער האָט נישט אויפגעהערט וואַרפן צו מיר זיינע הייסע בליקן, וואָס האָבן אויף שטום־לשון מיך איינגעלאַדן צום עסן און געפאָדערט מער דרייסטקייט.

ער איז געזעסן ביי דער לינקער זייט פון אלעקסייען און אויס פאַר־לעגנהייט, וואָס אויך ער האָט געפילט, האָט ער נישט אויפגעהערט זיך גלעטן יעדע ווילע די אראָפּגעהאָנגענע איבערן שטערן טשופּרינע. זיין שטערן איז געווען באַדעקט מיט קוים־מערקבאַרע שווייס־טראָפּן אין דער

צײַט, װען אַלע איבעריקע האָבן געשװיצט צוליב די הײסע געקעכצן און דושנעקײט, װאָס האָט געהערשט אין דער כאַטע.
בײַ מאַריען איז די פּאַזוכע געװען איצט אײנגאַנצן צעקנעפּלט און אירע פֿול־יאַדערדיקע ברוסטן האָבן זיך אױסגעזען בײַ יעדער ריר און באַװעגונג. דאָס טיכל האָט זי נאָך מער, נאָך שטײַפֿער פֿאַרבונדן אַרונטער און נישט אױפֿגעהערט טראָגן און דערלאַנגען צום טיש די פֿאַרשידענע געקעכצן, באָרטשן און קאַשעס. צום סוף האָט זי דערלאַנגט אַ קאָרב מיט געבאַקענע קאַרטאָפֿל, װאָס זענען געװען איבערגעדעקט מיט אַ גראָבן טישטוך, כּדי די שאָלעכץ פֿון די קאַרטאָפֿל זאָל אָפּשטײן. װען זי האָט אױפֿגעהױבן דעם טישטוך, האָט זי עטלעכע מאָל אַ טרײסל געטאָן דעם קאָרב און די קאַרטאָפֿל זענען געװאָרן, װי אָפּגעשײלט — די גאַנצע שאָלעכץ איז פֿון זײ כּמעט אָפּגעשטאַנען. די געבראָטענע קאַרטאָפֿל, האָבן געררייצט דעם אַפּעטיט בלױז בײַם אָנקוקן זײער מעליקן אױסזען און גוטן ריח, װאָס זײ האָבן פֿאַרשפּרײט. דערצו האָט מאַריא נאָך דערלאַנגט אַ דרײַפּיסיקע „סקאָראָװאָדע" מיט אָנגעפּרעגלטן חזיר־פֿעטס און דאָס עסן האָט דוכט זיך ערשט איצט זיך אָנגעהױבן. אַלע האָבן געריסן שטיקער פּאַלניצע־ברױט, געטונקט אין דעם זױדיקן פֿעטס און געגעסן מיט אױסער־געװײנלעכן אַפּעטיט.
— אפשר װעסטו דאָך עסן אַ געבראָטענע קאַרטאָפֿל. — האָט מאַריא מיך װידער אײַנגעלאַדן צום עסן, זעענדיק װי איך זיץ בײַ דער זײַט און אַלס אױסרײד הער נישט אױף צו צערטלען די קאַץ.
— זי װעט נישט עסן, מאמאַ. — האָט סטעפּאַ געזאָגט מיט אַן אירא־נישן שמײכל — דו װײסט דאָך, אַז די ייִדן עסן נישט קײן טרעפֿנע (טריפהס).
— מיר די גוטע יאָר, װיפֿל ייִדישע בחורים עסן חזיר־פֿעטס און פֿאַרברענגען מיט אונדזערע דיװוקעס (מײז'לעך). — האָט מאַריא געזאָגט מיט װײבלעך־פֿױערישער קאָקעטעריע — די יונגע ייִדן זענען שױן גאַנץ אַנדערש...
— איך פֿאַרשטײ נאָך אַלץ נישט — האָט אױך קאַראָל זיך אָפּגערופֿן אַ גלעט טוענדיק זיך בײַ די קורץ־געשװירענע טשאַפּלין־װאָנסעלעך — װאָס פֿאַרא פֿאַרברעכן זעען דערין די ייִדן, אפֿילו פֿון רעליגיעזן שטאַנד־פּונקט. איך, כאָלערא יאַסנאַ, װאָלט אָן דעם קײן טאָג נישט אױסגעקומען.
— אַזאַ איז זײער רעליגיע. — האָט אַלעקסײ פֿאַרטײטשט אָפּװישנדיק פֿון זײַנע ניקאָטין־פֿאַרגעלבטע בעזעמער־װאָנסעס די אָנגעקלעפּטע פֿון

עסן פייכטע הירזש־גרייפּעלעך. — איך האַלט — האָט ער גלייך צוגע־געבן — אַז עס איז דווקא ריכטיק אָפּצוהיטן די אייגענע רעליגיע, אַזוי צו זאָגן.

— לאָמיר הערן וואָס דינה אליין וועט זאָגן וועגן דעם. — האָט סטעפאַ מיך פּראָוואָצירט — זי איז דאָך אַ גראַמאַטנע.

— איך זאָג גאָרנישט. — האָב איך געענטפערט קאַלט.

— גאָרנישט איז גאָרנישט. דאָך... — האָט סטעפאַ ווייטער צוגעשטאַ־נען. איך האָב נישט געוואָלט רעדן וועגן דעם. מיר איז נישט געווען צו אָט דער דיסקוסיע איבער אַזעלכע ענינים, וועלכע איך האָב טיף אין האַרצן געהאַלטן פאַר נאַריש, אַפילו צו קריטיקירן איבער דעם. איך בין שוין פון לאַנג געווען אויסגעטון פון אַזעלכע זאַכן. איך האָב בכלל נישט גע־ווּוסט אויף וועלכער וועלט איך געפין זיך. וואָס טו איך דאָ איצט אין דער פויערישער כאַטע? וואָס בינדט מיך דאָ?

און הגם די אויפמערקזאַמקייט פון אָט דער פויערישער משפחה האָט מיך אַביסל היימלעכער געמאַכט, בין איך דאָ נאָך אַלץ געזעסן אין שרעק און נישט געקענט זיך באַפרייען פון געפיל, אַז איך טאָר דאָ נישט זיצן. איך האָב דאָ נישט מיין גלייכן. פאַרוואָס גיי איך נישט אַוועק? אַפילו פּאַוועל איז מיר נישט אָנגעגאַנגען אין די דאָזיקע מינוטן. ער איז געזעסן און געשוויגן, ווי ער וואָלט זיך געפילט מיטשולדיק אין מיין אומבאַהאָל־פנקייט. אפשר איז עס טאַקע געווען זיין שווייגן, וואָס האָט מיך דאָ אַהער נישט געבראַכט, נאָר צוגעשמידט. איך האָב איצט צו גאָרנישט חשק געהאַט. איך האָב זיך געפילט צעבראָכן און זיך באַמיט, אַז קיינער זאָל עס נישט באַמערקן.

ווען סטעפאַ און אויך קאַראָל זענען צוגעשטאַנען ווידער, איך זאָל זיך אַרויסזאָגן וועגן דעם, פאַרוואָס יידן טאָרן נישט עסן קיין חזיר־פלייש און פעטס, האָבנדיק דערביי אפשר אַ געוויסע כוונה, האָב איך געזאָגט מיט צוריקגעהאַלטנקייט:

— אַז איך האָב אַמאָל געפרעגט מיין טאַטן וועגן דעם, האָט ער מיר געענטפערט, אַז מען טאָר נישט און שוין. אין דער יידישער ביבליע שטייט געשריבן, אַז מען טאָר נישט — איז דער בעסטער סימן, אַז מען טאָר נישט. אָבער אויף וויפל איך האָב געהערט פון אַנדערע, איז עס צוליב דעם, וואָס בעת די יידן זענען אַרויס פון מצרים האָבן זיי זיך אָנגעטראָפן אויף ווילדע חזירים. זיי, די יידן, זענען געווען הונגעריק, האָבן זיי גע־קוילעט אָט די ווילדע חזירים און געגעסן. דאָס האָט זיי פאַרשאַדט. אַ סך

זענען צעשטאָרבן דערפון. אָט דאָן... דאַן האָט משה רבינו פאַרבאָטן עסן חזיר־פלייש און חזיר־פעטס. דאַקעגן האָט מיר מיין ברודערל הערשעלע אויסגעטייטשט, אַז דערפאַר ווייל חזירים האָבן נישט קיין צעשפּאָלטענע טלאָען... איר פאַרשטייט? דערצו עסט אַ חזיר כּלערליי אומריינעם עסן...

מיין ענטפער האָט אַרויסגערופן אַ שטאַרקן געלעכטער ביי אַלע. בלויז פּאוועל האָט לייכט אַ שמייכל געטון און איז ווידער געבליבן ערנסט. ער האָט דוכט זיך אויסגעמיטן איצט קוקן אויף מיר און דאָס געלעכטער פון זיין משפּחה האָט אַרויסגערופן ביי אים אומצופרידנקייט. טאָמער פיל איך זיך חלילה באַליידיקט.

איך האָב זיך גראָד נישט געפילט באַליידיקט פון זייער געלעכטער. מיינע אויפקלערונגען זענען געווען פאַר זיי אויסער יעדער פויערישן באַגריף און אויך איך בין דאַך נישט געווען איבערצייגט אין דעם צי עס איז ריכטיק, וואָס איך זאָג. איך האָב נאָר דערציילט וואָס איך האָב געהערט.

— זעסט — האָט סטעפּאַ זיך אָפּגערופן ווידער, איצט מיט אַ לייכטן שמייכל — איך האָב גאָר נישט געוווּסט, וועלכע טלאָען אונדזערע פּראָסיאַטעס האָבן. הלוואי פאַרמאָג איך אַ פּאָר צענדליק אַזעלכע. נו־נו. אָט, הייסט עס טאַקע צוליב דעם? כאַ־כאַ־כאַ!

— אפשר יאָ און אפשר נישט. — האָב איך קורץ אָפּגעענטפערט.

— אָט דאָס איז ריכטיק געזאָגט! — האָט אַלעקסיי געפּסקנט — ביסט אַ קלוגינקע מיידל, יעזי באָהו. פּאַרט אַ גראַמאָטנע, אַ געלערנטע אַזוי צו זאָגן, אָבער גיי ווייס ווו דער אמת איז! עכע! — — —

זאָגנדיק עס האָט ער זיך אויפגעהויבן, צונויפגעשאַרט די קרישקעלעך ברויט, וואָס זענען געווען צעקרישלט איבערן טישטוך, אַריינגעלייגט זיי אין מויל מיט גרויס גאָטספּאָרכטיקייט און ערע פאַרן „סוויאַטי כליבעץ״ (הייליקן ברויט), ווי דאָס איז אָנגענומען ביי די פויערים, דאַן זיך איבערגעצלמט און זיך אַרויסגעשאַרט פון פאַרן טיש. ער איז צוגעגאַנגען צום הילצערנעם עמער, וואָס איז געשטאַנען נישט ווייט פון אויוון אויף אַ הויכן קלאָץ, אָנגעשעפּט אַ פולע קוואָרט וואַסער און גענומען טרינקען. נאָכן אוועקשטעלן די בלעכענע קוואָרט האָט ער אַרויסגעלאָזט אַ שטאַרקן גרעפּץ און גענומען פאַררויכערן. מיט געוויינלעכער פויערישער געלאַסנקייט האָט ער אַרויסגעצויגן פון זיין טאָרבע די ליולקע און „אָגביוואַ״־געצייג, אויסגעקרעשעט פייער אויף דער „גובקע״ און עס אַרונטערגעלייגט אונטערן בלעכענעם דעקעלע פון דער ליולקע, וועלכע ער האָט פריער פעסט אָנגעשטאָפּט מיט טיטיון. דאַן האָט ער גענומען פּאַמפּקען פון לאַנגן ציבוק, דריקנדיק

דערביי מיטן נאָגל פון זיין פאַרגעלבטן גראָבן פינגער אויפן געלעכערטן דעקעלע, ביז א קלאַמב רויך האָט ארויסגעפּראַלט פון זיין מויל־ווינקל. ערשט דאַן האָט ער זיך אויסגעצויגן אין זיין גאַנצער לענג אויף דער „פּולקע״ (הילצערנעם בעט־געשטעל) און נישט אויפגעהערט זויגן דעם רויך פון ציבוק, ווי קיינער וואָלט אים מער נישט אָנגעגאַנגען איצט.

אין שטוב איז נאָך דושנער געוואָרן. עס איז מיר גראָד איצט אָנגענע־מער געווען דאָס זיצן. איך האָב זיך דערפילט פאַרהיימישט אין דער דאָ־זיקער פּויערישער פּשוטקייט, אָן קונציקייט. איינדרויסן איז געווען שטיל. דאָרפיש שטיל. איך האָב געוווסט: אלע פּויערים זענען איצט פאַרנומען מיט זייערע וועטשערעס. קיין ביל פון הינט. ערב טיפער נאַכט־רו. א משונהדי־קער חשק האָט מיך ארומגעכאַפּט: איך וואָלט דאָ אזוי געזעסן ביז פאַר־טאָג. קיינער זאָל מיך נישט טשעפּען. לאָזן מיך צו רו. איך וואָלט גערן זיך געלייגט ערגעץ דאָ אין א ווינקל אויף דער הארטער באַנק, אויף אזא פּולקע און וואָלט איינגעשלאָפן מיט א טיפן שלאָף, אז איך זאָל זיך קיינמאָל מער נישט איבערוועקן...

מאַריא האָט דערלאַנגט נאָך עטלעכע קאַרטאָפל, וואָס האָבן זיך דער־באַקן אין אויוון און ווידער א זאָג געטאָן, איצט כלאחר יד:

— פּרוביר, דינה. דו זיצסט דאָך שוין גענוג צייט, עס, שעם זיך נישט.

— גוט, כ׳וועל עסן. — האָב איך איינגעשטימט נישט קענענדיק ביי־שטיין דעם אויפסניי־שמעקעדיקן ריח פון די געבאַקענע קאַרטאָפל. איך האָב לאַנגזאַם גענומען אָפּשיילן א הייסע קאַרטאָפל. מאַריא האָט געזען, אז איך בין גרייט עסן, האָט זי מיר אויך דערלאַנגט א קוואַרט זויערמילך און געזייערטע קרויט מיט אוגערקעס, ברויט. „עס, עס!״ — האָט זי מיר צו־גערעדט. און איך האָב געגעסן. געגעסן איצט מיט געצוימטן אַפּעטיט. וועלכע געשמאַקע קאַרטאָפל דאָס זענען געווען! — — —

## אומרו און פאַרדרוס

עס איז שוין געווען שפּעטער אָוונט, ווען איך האָב זיך אויפגעהויבן צום אוועקגיין. קיינער האָט מיך נישט געפרעגט נאָך וואָס איך בין גע־קומען און קיינער האָט מיך נישט געפרעגט, פאַרוואָס איך גיי אַוועק. קאַראָל האָט מיט זיין העפלעכער פאַרהאַלטונג און געקינצלטע — אויף ווייפל מיר האָט זיך אויסגעוויזן — מאַניערן פון א פּוילישן שליאַכטשיץ בלויז געפרוווט מיך נאָך פאַרהאַלטן א ביסל און מאַכן באַרעדעוודיק.

איִם האָט אינטערעסירט צו וויסן אויף ווי ווייט איך בין בקי אין דער געשיכטע פון פוילישן פאָלק. וועלכער קרול עס געפעלט מיר אממערסטן — מיעשקאָ דער ערשטער צי מיעשקאָ דער צווייטער. און וואָס האָב איך עפּעס צו זאָגן צו דעם גרויסן סטעפאַן באַטאָרי, פאַר וועמענס צייטן עס איז די יידן געווען זייער גוט. ער האָט דערביי נישט געמיינערט די גרויסקייט פון בערעק יאָסעלעוויטש, וואָס האָט זיך אזוי אויסגעצייכנט אין די קאמפן פאַר א גרויס אומאָפּהענגיק פוילן. וואָס, ווידער, איך האָב צו זאָגן וועגן דעם גרויסן דיכטער אַדאַם מיצקיעוויטש. צי קען איך אויף אויסנווייניק ציטירן שטיקער פון „פאַן טאדעאוש", צי האָב איך געלייענט סיענקיעוויטשן. ווי געפעלט מיר זשעראָמסקיס „פשעדוויאָסניע" („ערב פרילינג") און נאָך און נאָך.

קאַראָל האָט אינעררדעראמתן נישט אזוי געוואָלט וויסן אויף ווי ווייט איך בין באהאוונט אין דעם, ווי אויף ווי ווייט ער קען זיך אויס אין דער פוילישער געשיכטע, הגם, ווי איך בין שפּעטער געוווּיר געוואָרן, האָט ער גאנץ ווייניק געלערנט, נישט חשק געהאַט צום לערנען, ווייל... ווייל ער איז געווען א יעגער נאָכן שיינעם מין. רעדנדיק מיט מיר האָט ער יעדע ווייַלע געוואָרפן א בליק אויף סטעפען, וועלכע האָט אראָפּגעראַמט צוזאַמען מיט מאַריען פון טיש. סטעפאַ האָט זיך אָבער געמאַכט נישט הערנדיק און אַז זי האָט אונטערגעכאַפּט עפּעס פון אונדזער געשפּרעך האָט עס איר, אויף וויפל מיר האָט זיך געדוכט, הנאה געטון. איר מאַן איז דאָך א גראַמאָטנער מענטש. נישט אומזיסט איז ער א גאַיאָווי און אויב ער האָט אויסגעוויילט דווקא איר, א פּראַוואָסלאַווגע מיידל, דעם סאָלטיסעס טאָכטער פון דאָרף רעטשיצע אלס ווייב, איז עס דאָך דער בעסטער באַווייז, אַז זי האָט די ווירדע אזא מאַן און זי קען זיך גרויסן דערמיט.

אַלעקסיי איז, נישט אַרויסלאָזנדיק די ליולקע פון זיין מויל, געלעגן נאָך מער אויסגעצויגן און שוין לאַנג געדרעמלט. בלויז פון צייט צו צייט האָט ער אַזוי אינמיטן דרעמל אינסטינקטיוו א צמאָקע געטון פון ציבוק און ווייטער אונטערגעכראָפּעט. מאַריא האָט אַראָפּגעגאָסן די סמעטענע פון עט־לעכע איינגעשטעלטע לאַדישקעס מילך, אין א הילצערן קליין בייכיק פּעסעלע, די „מאַסליאַניצע" און געזעצט זיך אויף א קליין בענקעלע, גענומען דאָס פּעסעלע צווישןביידע קני און „געשלאָגן" פּוטער. נאָכן אַראָפּראַמען פון טיש האָט סטעפאַ זיך ווידער געזעצט נעבן קאַראָלן און מיך באַטראַכט מיט היימישע בליקן. זי האָט זיך איינגעהערט אין אונדזער געשפּרעך, לייכט געשמייכלט און געשוויגן.

— זעסט, סטעפּאַ, וועלכן פּוילישן אַקצענט אָט די דינה פאַרמאָגט — האָט קאַראָל מיך געלויבט פאַר סטעפען — איך זאָג דיר: אַן אמתע פּאַ־ניענקע, אַ פּריציש מיידל און שוין! זי פּאַסט זיך גאַרנישט אַריין אין אָט דער סביבה... יאַק באַגאַ קאַכאַם! (ווי גאָט איז מיר ליב!).

— וואָס דען — האָט סטעפּאַ געזאָגט פריינטלעך — אַז מען לערנט קען מען...

זי האָט דערביי געוואָרפן אַ זייטיקן בליק צו פּאַוועלן, וועלכער איז געזעסן שווייגעוודיק, ווי פריער, און זיך נישט אָפּגערופן מיט קיין וואָרט. אויף זיין פּנים האָט זיך נישט געמערקט קיין שום פאַרלעגנהייט צוליב דעם, וואָס קאַראָל ווייזט אַרויס אַזויפיל קענטשאַפט. דוכט זיך, אַז דאָס איז אים בכלל נישט אָנגעגאַנגען, גלייך ווי אָט דאָס אויסקענען זיך גוט אין די ביכער וואָלט געווען אַן איבעריקע, אָדער זייטיקע זאַך, וואָס האָט נישט קיין שייכות צו זיינע געפילן צו מיר.

אַז איך בין שוין געשטאַנען ביי דער טיר זאָגנדיק אַ גוטע נאַכט, איז ער שנעל אַרויס פון פאַרן טיש און זיך געלאָזט גיין נאָך מיר. קאַראָל און סטעפּאַ האָבן זיך איבערגעוואָרפן מיט זייערע בליקן. ווען איך בין שוין געווען אויף דער צווייטער זייט טיר האָב איך דוכט זיך נאָך געפילט אָט די דאָזיקע פילזאָגנדיקע בליקן.

— ווייסט, איך האָב שרעקלעך נישט ליב אָט די פּלאַפּלערייען — האָט פּאַוועל געזאָגט אויסגלייכנדיק זיך מיט מיר. ערשט איצט איז ער געוואָרן באַרעדעוודיק און צוגעגעבן: — קאַראָל איז טאַקע אַ גראַמאַטנער מענטש. סטעפּאַ האָט מיט אים גוט געטראָפן, אָבער ער איז דאָך געבליבן אַביסל אַנדערש...

— איך פאַרשטיי, האָסט נישט ליב קיין פּריציב... — האָב איך געזאָגט היימיש — ביסט אפשר גערעכט, פּאַוועל. נישט אַלץ איז שוין טאַקע די געלערנטקייט. מען דאַרף זיין אַ מענטש...

— אַ מענטש... אַ מענטש... — האָט ער איבערגעחזרט מיט געוויסער איראָניע, נישט אונטערכאַפּנדיק מיין כוונה, ווי איינער, וואָס זאָגט „ווער ווייס, וואָס דאָס איז בכלל אַ מענטש"...

מיר זענען געגאַנגען שווייגעוודיקע. דער געדאַנק, אַז איך קען ערגעץ אַנדערש נישט גיין, ווי נאָר צו זיך אַהיים, צו מיינע עלטערן, האָט גע־פּרעסט אויף מיין געמיט, ווי אַ שווערער שטיין. איך האָב געוואָלט אַוועק פון זיך. זיין מיט זיך אַליין און גלייכצייטיק איז מיר אַזוי גוט געווען,

וואָס פּאַוועל גייט מיט מיר, באַגלייט מיך. איך וויל אָבער נישט, אַז ער זאָל מיך באַגלייטן ביז צום שוועל פון שטוב.

— גענוג, פּאַוועל. קער זיך אום — האָב איך זיך אָפּגערופן.

— איך וועל דיך באַגלייטן נאָך א שטיקל וועג.

— נישט נויטיק, פּאַוועל. קער זיך אום! עמעץ קען אונדז נאָך אָנ־טרעפן. פאַרשטייסט ?...

— יאָ. איך פאַרשטיי. לאָמיר זיך זעצן ערגעץ אויף א פריזבע. אלצ־איינס...

— לאָמיר זיך זעצן... — האָב איך איינגעשטימט, זייענדיק זיכער, אַז אין שאָטן וועט אונדז קיינער נישט באַמערקן.

ער איז געווען גליקלעך. מיר האָבן זיך געזעצט אויף א פריזבע הינטער א שלאָפנדיקער כאַטע. אין שאָטן פון אנטקעגן־וואַקסנדיקע קליאָן־ביימער, הינטער א סך כאַטעס זיצן אַזוי פאַרליבטע פויערישע פּאָרלעך. קיינער וואָגט זיי נישט שטערן. איך וועל דאָ אויך אַזוי זיצן ביז ס'וועט ווערן טאָג... איך וועל נישט גיין אַהיים. זאָל מען מיך ארומזוכן!...

איינדרויסן איז געווען שטיל און סומנע. באַלד אָבער האָבן זיך צע־קלונגען די גלאָקן פון קלויסטער און אָנגעזאָגט, אַז מאָרגן איז חגא, זונטיק. איך האָב זיך איינגעהערט אין מאָנאָטאָנעם גלאָקן־געקלאַנג און אויפן הארצן איז נאָך אומעטיקער געוואָרן. דער חשק צו אנטלויפן פון זיך איז נאָך שטאַרקער געוואָרן. עס האָט געגאָגט ביים הארצן. אנטלויפן פון אלץ. פון אלץ און פון אלעמען. אין עק וועלט. ווו אָבער איז אָט דער עק וועלט? ווו? אפשר דאָ, אויף דער זאַמדיקער פריזבע, געפלאָכטן פון ריטלעך?...

— קאָמיש — האָב איך זיך אָפּגערופן, כדי אנטלויפן פון די אייגענע געדאנקען — ווי מאָדנע די קלויסטער־גלעקער קלינגען! ווי זיי וואָלטן גערופן, געמאַכט אַן אליאַרם, געשראָקן...

— געשראָקן גאָר? — האָט זיך פּאַוועל געוווּנדערט — און מיר ווערט אַזוי פריילעך אויפן הארצן, אַז איך הער שוין קלינגען די גלאָקן. מאָרגן איז זונטיק. מען וועט זיך אָפּרוען, זיך א ביסל פאַרווײַלן. עך!...

— אָט אַזוי איז עס — האָב איך גערעדט מער צו זיך, ווי צו אים — אַז ביי אונדז גייט אוועק דער שבת, קומט אייער זונטיק אָן.

— ביסט גערעכט, יעי באָהו, דינה — האָט ער געזאָגט ערנסט — וואָס וואָלט עס א שטייגער עמעצן געאַרט, ווען אויך די יידן וואָלטן גע־פּייערט אונדזער רו־טאָג, האָ? כ'מיין דעם זונטיק? הא?...

— אָדער גאָר איר זאָלט פּייערן אונדזער שבת? וואָס?...

— מיר איז עס אלצאיינס, יעי באַהו! — האָט ער מיר אַריינגעקוקט אין די אויגן — אלצאיינס און פטור! נישט אזוי?...

ער האָט אַנגענומען מיין האַנט. איך האָב אויפגעשוידערט.

— איז דיר קאַלט, דוניא? — האָט ער געפרעגט דערפילנדיק מיין ציטער.

— יאָ... עס איז מיר קאַלט אויף דער נשמה...

— עך, טשאָרט פאָבערי — האָט ער מיך צוגעטוליעט צו זיך — ביסט אַן איבערגעקלערט מיידל און האָסט צופיל מורא פאַר אַלץ און פאַר אַלע־מען. געדענקסט, ווי איך האָב דיך אמאָל אַרויסגעראַטעוועט פון די פאַס־טוכער, יאָ? געדענקסט?

— איך וויל נישט געדענקען — האָב איך געזאָגט שאַרף און זיך אויפגעהויבן. — איך מוז גיין. אַ גוטע נאַכט! זאָלסט נישט וואגן נאָכגיין נאָך מיר. הערסט?...

— נישט נאָכגיין?

— ניין!!!

איך האָב אים געלאָזט זיצן און אליין זיך געלאָזט גיין מיט איילִיקע טריט לענגאויס דער גאַס. אַז איך האָב זיך אומגעקוקט, האָב איך באַ־מערקט נאָך מיר זיין הויכן פיגור־שאָטן. איך האָב נאָך מער צוגעאיילט מיינע טריט, ביז זיין שאָטן איז פאַרשוווּנדן געוואָרן פון מיינע אויגן. ערשט איצט האָב איך גענומען גיין לאַנגזאַמער. אָפּגעשטעלט זיך ביי יעדער כאַטע און אַריינגעקוקט אינעווייניק. דאָ און דאָרט אין די פויערישע כאַטעס, אין די אויוונס און אויף די בלעכענע קאַמינען, האָט נאָך געטראַסקעט די לו־טשינע. ביי די קאַמינען, וועלכע זענען באַשטאַנען פון בלעכענע געשטעלן אינמיטן שטוב, מיט טרובעס צום דאַך אַרויס — זענען געשטאַנען פויערטעס און זיך איבערגעטון וועש. נעבן זיי — זייערע האַלב־נאַקעטע קינדערלעך.

ווו־נישט־ווו האָט נאָך אַ פויערטע צוגעענדיקט דאָס שפּינען די פלאַקסענע קודעליע, וואָס האָט אויפן „פּאַטאַס" געמאַכט דעם איינדרוק פון אַן אַרומ־געבונדענער באָרד אויף אַ טשוטשאַלע. באַלד וועט דער לעצטער פּאַטאַס (געשפּין־געשטעל) אָפּגעשטעלט ווערן אין אַ ווינקל און עס וועט אַריינ־הערשן חגא. ערב זונטיק.

בלייבנדיק שטיין אין שאָטן פון אַ כאַטע, האָב איך נישט געקענט אָפּרייסן זיך פון אַ בילד, וואָס האָט מיך איינגאַנצן פאַרכאַפּט און געמאַכט פאַרגעסן אויף אַ ווײַלע מיין איצטיקע לאַגע. ביי אַזאַ פּאַטאַס איז געזעסן אַ יונגע פויערטע און דערשפּינענדיק שנעל די קודעליע, זיך פאַרצויגן אין

אַן אומעטיק ליד. זי האָט געזונגען וועגן אַן אומגליקלעכער ליבע פון אַן אָרעמער יתומה צו אַ קאָזאַק, וואָס האָט זיך נישט צוריקגעקערט פון קריג. יעדע ווײַלע האָט זי אַ בעץ־געטון אירע פינגער אין די צערויטלטע ליפּן, כדי לײַכטער מאַכן דאָס דרייען דעם שפּיץ פון דער בייכיקער ווערע־טענע, וואָס האָט, דוכט זיך, מיטגעזונגען אין אירע הענט. איר לייוונטענע העמד איז געווען צעקנעפּלט און בולט געמאַכט אירע יאַדערדיקע פולע בּרוסטן.

אין אַ וויגל, וואָס איז באַשטאַנען פון אַ גראָבער רעדנע און געווען אָנגעהאָנגען אויף אַ האָק אינמיטן סופיט, איז געלעגן איר קינד, אײַנגאַנצן נאַקעט און געשלאָפן. די יונגע פויערטע האָט דאָס וויגל געוויגט מיטן רעכטן פוס אַרײַנגעשטעקט אין שטריקל, וואָס איז אַראָפּגעהאָנגען כמעט ביז דעם ליימענעם דיל. דאָס האָט איר בכלל נישט געשטערט צו שפּינען און גלײַכצײַטיק זינגען דאָס ליד, וואָס האָט ווי אַקאָמפּאַנירט דעם ווע־רעטענע־געזאַנג.

אויף דער „פּולקע" איז געלעגן איר מאַן, אַ יונגער פויער, אויסגע־צויגן אין זײַן גאַנצער לענג און געשלאָפן. ביי אַ צווייטער וואַנט, אויף אַן ענלעכער הילצערנער בעט, זענען געשלאָפן נאָך דריי, אָדער פיר קינדער אירע אין פאַרשידענעם עלטער. זיי זענען כמעט געלעגן איינס אויף ס׳אַנ־דערע, וואָס האָט זיי נישט געשטערט צום געשמאַקן קינדערישן שלאָף.

נישט ווײַט פון דער שפּינענדיק־זינגענדיקער פויערטע איז געזעסן אַן אַלטע פויערטע, איר מוטער, אָדער שוויגער און מיט אַ גרויסן היל־צערנעם קאַם, אַ „הרעבליונקע", זיך פונאַנדערגעקעמט די גרויע האָר. אַ מיידעלע פון אַ יאָר דרײַצן, אָדער צוועלף, וואָס איז געזעסן נעבן דער אַלטער האָט אוועקגעלייגט איר קאָפּ אויף דער אַלטערס פּאָלעס און די זקנה האָט מיט דער הרעבליונקע גענומען זוכן אין מיידעלעס בלאָנד־צע־לאָזענע האָר, לעבעדיקע באַשעפענישן...

איך האָב געקוקט, ווי די זקנה האָט זיך פאַרטיפט אין קעמען דעם מיידעלעס האָר און האָב געהאַט דעם אײַנדרוק, אַז זי האָט אַ שטאַרקע הנאה פון איר „מלאכה". אָט זע איך, ווי זי לייגט אָפּ אין אַ זײַט די הילצערנע „הרעבליונקע" און נעמט דעם געדיכטן ביינערנעם קאַם און נאָך מיט מער חשקות דריבלט זיך אין מיידעלעס האָר.

קוקנדיק אויף דעם, האָב איך — איך ווייס אַליין נישט פאַרוואָס — זיך פּלוצים דערמאָנט אין זלמן דעם „שמאַטיאַר" ביי וועמען די פויערטעס

פלעגן קויפן פאַרשידענע שמאַכטעס, דערונטער אויך אָט די ביינערנע קעמעלעך.

אַ פויערטע, אַז זי האָט געקויפט ביי זלמן שמאַטיאַר אַזאַ ביינערנעם קאַם האָט זי אים מערערע מאָל אויספּרובירט אויפן אָרט. ארייננעשטעקט אין די האָר, געפּרוווט די ציינער, געשפּילט איבער זיי, ווי אַ גוטער פּיאַניסט דריבלט איבער קלאַווישן. און אַז עס האָט זיך ארויסגעוויזן, אַז דער קאַם איז גוט, האָט זי ערשט גענומען דינגען, שטיין אויף דער פּרייז און פאַר אַ פּאָר אייער, אָדער אַ בינטל שמאַטעס נאָך אויסגעהאַנדלט אַלס צולאָג אַ שפּילקעלע, אַ נאָדל, אַ פינגערהוט, אָדער אַ מעשענעם פינגערל, וואָס האָט געגלאַנצט, ווי אמתער גין־גאָלד...

איך האָב נישט ווילנדיק אַ שמייכל געטאָן, דערמאָנענדיק זיך אין דער רגע, ווי זלמן שמאַטיאַר שרייט: „באַבי, קליאַטשי! קלאַטשי! אַנוטשי! אַנו־טשי!" בעת ער פאָרט מיט זיין פערד און וועגעלע איבערן דאָרף. שוין באַלד ביים אַריינפאָר אין דאָרף, נאָך ביי די „מאַיאַלקעס" (פויערישער בית עלמין) הערט זיך זיין געשריי, וואָס רופט די פויערים און פויערטעס צו קויפן זיינע שמאַכטעס פאַר אַ ביסל שמאַטעס און קליאַטשע.

פון אַלע כאַטעס נעמען לויפן קינדער און פויערטעס צו זלמנס וואָגן ווו עס שטייט דאָס קעסטעלע מיט די „טייערע סחורות" אויף וועלכע די פויערטעס קוקן זיך אויס די אויגן. כסדר פעלט זיי עפּעס: אַ קעמעלע, אַ נאָדל און טאָקע אַביסל „צירונג", ווי גלאַנציקע בראַשן, פּאַציערקעס און שפּיגעלעך פון יעדער גרויס, איינגערעמט אין בלעכענע רויט־געפאַרבטע רעמעלעך מיט אַ דרע־טעלע פון הינטן צום אַוועקשטעלן אַנגעלענטערהייט אויפן טיש, אָדער צום אויפהענגען אויף דער וואַנט.

פּאָר מיינע אויגן וואַקסט אויס זלמן שמאַטיאַרס הויכע פיגור מיט די לאַנגע פּיס, אַריינגעשטעקט אין יוכטאָווע שטיוואַלעס, און נאָך לענגערע הענט, וואָס האָבן נישט איינמאָל, בעתן אָפּנעמען די שמאַטעס ביי די פויער־טעס, זיך דערלויבט בינו לבינו אַ קנייפּ טאָן זיי ביים בוזעם. כלומרשט אַזוי אין אַ שפּאַס, פון וואָס די פויערטעס זענען געווען שטאַרק צופרידן און זיכער, אַז זיי נעמען דערמיט אויס אין די אויגן פון יידישן שמאַטעס־הענדלער. ניש־קשה, זיי וועלן שוין דערפאַר אויסדינגען עפּעס אַ צולאָג, אַ שפּילקעלע, אָדער אַ „גאָלדענע" בראַש...

ווייניקער גליק האָט זלמן שמאַטיאַר געהאַט, ווען ער איז אַריינגעפאַלן אין אַ טאָג בעת עס איז אָנגעקומען גלייכצייטיק דער האָרשניק, דער טעפּער, וואָס האָט געבראַכט אַ פולן וואָגן מיט „פּאַליוואַנע" טעפּ צום פאַרקויפן.

אין דאָרף איז דאַן געוואָרן לעבעדיק. דאָס געלויפעריי פון די קינדערלעך און פויערטעס איז געווען אין לשער. טויערן און טירן האָבן זיך געעפנט און פאַרמאַכט. סקריפּ־געשפּיל און האַרמידער. קוויטשעריי און חזירים־געשרייען. עמעץ האָט אויסגעפּרוווט אַ האַרמאָשקע ביי זלמן שמאַטיאַר פון קעסטעלע און די שמחה איז געווען גרויס.

אַפילו די יידישע מיידלעך, קינדער און איבערהויפּט די ווייבער זענען אַרויס און געדונגען זיך מיטן האַרשניק פאַר אַ פּאַליוואַנעם טאָפּ, געקלאַפּט אין אים, ווי אין אַ פּויק, זיך צוגעהערט צי ער איז נישט צעבראָכן, וואָס איז מעגלעך פעסטצושטעלן בלויז לויטן אָפּקלאַנג. א טאָפּ, אַז ער איז צעבראָכן איז גענוג איין קלאַפּ מיט די פינגער, אַז דאָס זאָל גלייך פעסטגעשטעלט ווערן. אַז נישט וועט מען אים שפּעטער מוזן אָנדראַטעווען. אַזאַ אָנגעדראָטעוועטער טאָפּ האַלט לאַנג, קאָכט זיך אויס, אָבער אַן אָנגעשפּאָלטענעם טאָפּ דאַרף מען דערפאַר קויפן ביליק, גאָר ביליק.

שטייען דער האַרשניק און שמאַטעס־הענדלער אינמיטן דאָרף מיט זייערע וועגעלעך און פּרווון זיך איבערשרייען איינס ס'אַנדערע: האַרשקי! האַרשקי! פּאַליוואַ! פּאַליוואַ! שמאַטי! שמאַטי! אַנוטשי! אַנוטשי! באַבי, ווו זענט איר? קויפּט! קויפּט! נאָר היינט!".

שטייען די פערד מיט אריינגעשטעקטע קעפּ אין די טאָרבעס און קייען האָבער, אָדער דאָס ביסל היי אונטערגעוואָרפן אונטער דער מאָרדע. פאַרן אָפּ עטלעכע טריט און בלייבן ווידער שטיין, איבערלאָזנדיק נאָך זיך דאָס נישט דערגעסענע היי און פונאַנגעוואָרפענע שטיקלעך קליאַטשע, אָדער אַ פאַר־לוירענע שמאַטע.

אז איך דערמאָן זיך נאָך היינט יענעם האנדל־וואנדל־לעבן פון אָט די הענדלער, ווערט מיר סומנע אויפן האַרצן און איך פרעג זיך נישט איינמאָל, ווי אַזוי האָבן מענטשן מיט פאַרשטאַנד געקאָנט פירן אַזאַ לעבן? דעמאָלט... דעמאָלט אָבער האָב איך עס אַליין אויך נישט פאַרשטאַנען. איך בין געווען געוווינט דערצו. אָט, א טאָג־טעגלעכע זאַך! אנדערש קאָן עס דאָך נישט זיין. טיף אין האַרצן האָב איך עס אָבער נישט פאַרטראָגן און דאָס האָט נישט איינמאָל אַרויסגערופן אויף מיינע ליפּן אַ שמייכל...

אזא שמייכל, טרויעריקער שמייכל, איז ארויף אויף מיינע ליפּן בעת איך בין געשטאַנען און דורכן נידעריקן פענצטערל פון דער פויערישער כאַטע געקוקט, ווי די אלטע איז בודק מיטן ביינערנעם קאַם די האָר פון מיידעלעס קאָפּ. א קנאה האָט מיך דאַך ארומגעכאַפּט צו דער זאָרגלאָזיקייט פון דער דאָזיקער פויערישער משפּחה. איך בין מקנא געווען דער פויערטע,

וואָס זיצט מיט דער וואַרעטענע אין האַנט ביים פּאָטאָס און פאַרציט זיך אזוי מעלאַדיש אין איר בענקענדיק ליד.

אין דער דאָזיקער אָרעמקייט איז דאָך געלעגן אַזויפיל רייכקייט און גע־זונטקייט. גאָט, ווי גוט אָט דער פויערטע איז! — האָב איך געטראַכט אין יענע רגעים — זי שטרעבט צו גאָרנישט. אירע אַלע פאַרלאַנגען זענען קלאָר, ווי דער הימל אין זומערדיקן טאָג, ווי דאָס וואַסער פון טייך, ווי די פּנימלעך פון אירע „דיטיאַטעס", די קינדערלעך, וואָס שלאָפן כמעט איינס אויף ס'אַנ־דערע און כראָפּען צוזאַמען מיט זייער טאַטן א זאַרגלאָזן שלאָף פון נאָך דער וועטשערע.

מיט א נאָגנדיקן הארצן בין איך ענדלעך אָפּגעטראָטן פון דער כאַטע. מיינע טריט האָבן נישט געאיילט. נישט געוועזן ווו צו איילן. אהיים האָט זיך נישט געגלוסט גיין נאָך אזא טאָג פון טאַטנס קלעפּ און געשרייען. נאָך דעם אומבאַשטימטן ציל פון מיין אַוועק. נאָך דער גאָרנישט־זאָגנדיקער גאַסט־פריינטלעכקייט פון פּאוועלס עלטערן און נאָך פּאוועלס אנטוישונג הלמאי איך בין נישט פאַרבליבן מיט אים לענגער אין דער דאָזיקער ערב זונטיק־נאַכט, ווען מאָרגן קען מען שלאָפן לענגער.

די נאָגונג אין מיין הארצן איז נאָך שטאַרקער געוואָרן, ווען אָפּגייענדיק עטלעכע טריט האָב איך אָנגעטראָפן אויף א כאָפּטע שקצים מיט שיקסעס, וואָס זענען געזעסן אויף א פּריזבע, געלאַכט און געוויצלט זיך און געפירט אַן אָפּענעם שקציש־שיקסע־פלירט. יעדע ווײַלע האָט א שיקסע אַרויסגעלאָזט א קוויטש און געשריי־קללה: „זאָל דיך די ניכפּה כאַפּן!..."

דאָס האָט אַזוי די שיקסע אָפּגעטריבן פון זיך דעם חוצפּהדיקן שגץ, וואָס האָט זיך צופּיל דערלויבט מיט איר.

א שטאַרקער געלעכטער, שקציש געלעכטער האָט פאַרטויבט אירע כלו־מרשט קללה־ווערטער. און ווידער געזאַנג. געזאַנג און געלעכטער.

דערזעענדיק מיך אָנגיין האָט איינער פון די שקצים מיך פאַרשטעלט דעם וועג, נישט וויסנדיק ווער עס גייט. אַ מיידלש געשטאַלט און דאָס איז געגנוג. ער האָט מיר אַריינגעקוקט אין פּנים און אויסגערופן לעבנסלוסטיק:

— געמיינט מאַטראַנאַ, ערן וואָרט. אך, דאָס איז דאָך... דו... דוניאַ! פּאַוועלס...

איך האָב זיך אָפּגעקערעוועט פון אים מיט פאַראַכטונג.

א שאָד... פאַרוואָס בין איך כאָטש נישט מאַטראָנאַ, פאַרוואָס? פאַרוואָס? פאַרוואָס? — — —

צוק־מענדיק צום שטוב פון מיינע עלטערן, בין איך געבליבן שטיין און נישט געוווּסט, וואָס איך זאָל ווייטער טאָן. פון די פענצטער האָט נאָך אַרויס־געזעצט די שיין פון לאָמפּ. דאָ האָט נאָך אויסגעזען צו זיין תחילת אָוונט.

מען ווארט זיכער אויף מיר — האָב איך א טראכט געטאָן. — וואָס דען, ווו וועל איך זיך אַהינטון?...

איך בין פאַרביי דאָס הויז און זיך געלאָזט צו דער קוזשניע. כ'וועל דאָ איבערשטיין די נאכט. ביז פאַרטאָג. איך בין פול געווען מיט פאַרדרוס אויף מיינע עלטערן, אויף דער גאנצער וועלט און אויף זיך. ווהין זאָל איך גיין? וואָס זאָל איך טון מיט זיך? איך וואָלט זיך צוגעטוליעט צו א שטיין. גרייט געווען זיך ווארפן אין די אָרעמס יעדן, וואָס וואָלט מיר ארויסגעוויזן וואַרעמקייט — אזא ווארעמקייט, וואָס איך זוך און ציטער פאַר איר גלייכציי־טיק. אלץ אין מיר האָט געשריגן.

מיין מיידלשע רייפקייט, וואָס האָט נישט געפונען קיין לייזונג, ווייל איך האָב זיך געשראָקן פאַר דעם, האָט מיך אינגאנצן צערודערט. עס האָט מיר באנג געטון, הלמאי איך האָב נישט דערלויבט פּאַוועלן גיין מיט מיר. ווי גוט וואָלט געווען צו שטיין מיט אים דאָ, נעבן דער פאַר־סאַדזשעטער קוזשניע. אומאַרעמען אים און זיך אויסוויינען אין זיין שויס.

טרערן זענען מיר ארויסגעטראָטן אין די אויגן. דורך דער פאַרטרערקייט האָבן זיך סילואירט פאַרשידענע געשטאלטן. שאָטנס זענען געקראָכן צו מיר פון די זאמדיקע בערגלעך. דאָס זענען געווען די שאָטנס פון די דריי־ענדיקע מיל־לאָפּאַטעס אנטקעגנאיבער דער קוזשניע.

אין דער נאַכטיקייט האָט די ווינטמיל, וואָס האָט זיך געפונען דער־נעבן, געמאכט דעם איינדרוק פון א ריזיקן פויגל־געשפּענסט. פון אָפענעם טירל האָט נאָך ארויסגעזעצט די שיין פון דעם פאַרקאָפּטשעטן מיל־לאמטערן.

פלוצים האָט זיך דערהערט א שטילער וואָלעכל־געשפּיל. דאָס האָט אָמעלקאָ דער מילנער, וואָס אלע רופן אים אמעלקא „דער בלינדער”, ווייל ער איז בלינד אויף איין אויג, געשפּילט אויף זיין ווערבע־פייפעלע. זיין מעלאָדיע האָט נאָך מער ארייגעגאָסן אומעט אין מיין האַרצן.

איך האָב געוואָלט גיין צו דער מיל, זיך אַרויפגראַבלען אויף די האַלב־צעבראָכענע טרעפּ און דאָרט איבערזיצן מיט אמעלקען די נאכט. איך האָב ליב געהאט אָט דעם אלטן מילנער, וואָס טראָגט תמיד זיין גרויע סיערגע בעת ער איז אין מיל. זיין פּנים איז שטענדיק באשאָטן מיט מעל, אפילו די ברעמען, די ריסן. אַדאַנק דעם איז שווער צו מערקן זיין בלינד אויג. ער האָט א פריינטלעכן פּנים־אויסדרוק און איך וואָלט מיר נישט געקענט פאָרשטעלן, ווי אזוי אָמעלקא וואָלט אויסגעזען אָן דעם בלינדן אויג. אפשר וואָלט ער גאָרנישט געווען אזוי פריינטלעך. אַזוי ווי זיין באַלעבאָס, מנשה,

דער אייגנטימער פון מיל, וואָס פאַרמאָגט אַ בייזן בליק, ווי ער וואָלט ברוגז געווען אויף דער גאַנצער וועלט.

אַלס קליין מיידעלע פלעג איך אָפּט פון דער קוזשניע לויפן צו דער מיל, בלייבן שטיין פונדערווייטנס, זיך צוגעקוקט, ווי עס דרייען זיך די לאָפּעטעס, ווי פליגל פון אַ פאַרוווּנדעטן ריזיקן פויגל. זיי מאַשען, מאַ־שען אזוי אָן אויפהער. איינמאָל לאַנגזאַמער און אָט ווידער שנעלער.

נאָך מער האָב איך ליב געהאַט, ווען אַמעלקאַ האָט מיט דער הילף פון אַן אייזערנער קייט, אָדער גראָבער שטריק און קאָזלע, אויסגעדרייט די מאַכיניע־מיל מיט די פליגל צום ווינט. דאָס האָט ביי מיר אַרויסגערופן פיל שטוינונג, ווי אַזוי איז עס מעגלעך? אָט זעענען די פליגל אין איין ריכטונג און אָט ווידער אויף מאָרגן אין אַ צווייטער ריכטונג.

נישט געווען קיין גרעסערער פאַרגעניגן פאַר מיר, ווי דעמאָלט ווען איך בין שוין געזעסן אין מיל און נישט געפילט ווי די מיל־מאַכיניע האָט צוזאַמען מיט מיר זיך אויסגעדרייט אין אַ צווייטער ריכטונג. איך פלעג שטיין און קוקן דורכן אָפענעם טירל, ווי אַמעלקע דרייט מיט אַ דרענגל — אַריינגעשטעקט אין די קאָזלעס — און אָט איז שוין די קוזשניע פאַר־שווונדן געוואָרן פון מיינע אויגן. דאָס גאַנצע דאָרף. איצט שפּרייטן זיך ברייטע לאָנקעס. דער טייך, דער וואַלד, טשערעדעס פאַשען זיך. גאָר אַן אַנדער וועלט. און אַלץ ווערט עס געמאַכט, ווי דורך אַ כישוף, דורך אַמעלקען מיטן בלינד־מעליקן אויג.

איינמאָל, ווען איך בין געזעסן אַזוי אין מיל וווּהין איך האָב גע־בראַכט צום איבערמאָלן אַביסל הרעטשקע אויף לאַטקעס און אַמעלקע איז געווען פאַרנומען ביים קויש, ווו ער איז געשטאַנען און געטאַפּט מיט די פינגער די דינקייט פון מעל, איז פּלוצים געוואָרן אַ שטורעם־ווינט. די לאָפּאַטעס האָבן אַזוי שנעל גענומען זיך דרייען, אַז עטלעכע פּלאַכטעס זענען אַזש אַרויסגעפלויגן פון זיי און גלייך האָט זיך דערהערט אַ קראַך. פון קויש האָבן אָנשטאָט דין מעל, גענומען פאַלן האַלב־צעמאָלענע קער־נער. הייסע ווי פייער. איך האָב זיך שטאַרק איבערגעשראָקן, אָבער דער שווייגעוודיקער אַמעלקאַ האָט, ווי קיינמאָל גאַרנישט, אַראָפּגעלאָזן די שטיינער איינס אויף אַנדערן, כדי אָפּשטעלן די מיל. עס האָט אָבער נישט געהאָלפן. די שטיינער האָבן זיך געריבן, געשפּריצט מיט פייער־פונקען און אַרויסגעוואָרפן גאַנצע, אָדער צעברעקלטע קאָרן־קערנער. די גאַנצע מאַ־כיניע האָט גענומען קרעכצן און קראַכן, זיך געטרייסלט, ווי אין פיבער.

אַמעלקאַ איז שנעל אַרונטערגעלאָפן איבער די פיבערדיקע טרעפּ

און גענומען אָפּקערעווען די מאַכיניע אין אַן אַנדער ריכטונג פון ווינט. איך האָב אפילו מורא געהאַט שטיין ביים טירל און קוקן, וואָס ער טוט. איך האָב אויפגעציטערט, ווען איך האָב פּלוצים דערהערט אַ שטאַרקן קראַך. איך בין געווען זיכער, אַז איך פלי צוזאַמען מיט דער מיל, אָבער דאָס מאַלן האָט זיך גלייך אָפּגעשטעלט. איך בין געשטאַנען מיט צע־שראָקענע אויגן און זיך צוגעהערט, ווי דער שטורעם רייסט די מאַכיניע אַלץ מער און מער. איך האָב קוים דערלעבט צו דערזען אַמעלקען ווידער זיך אויפהויבן פון לעצטן טרעפּל אין מיל־טירל.

— אַ שטיק פליגל אָפּגעריסן — האָט ער געזאָגט מיט אויסערגע־ווייגלעכער געלאַסנקייט און רואיקייט — די מיל וואָלט געקענט אַוועק מיטן פייער. אַ שטורעמל, זאָג איך דיר מיידל, ווי טויזנטער רוחות וואָלטן פון וואַלד אַנגעפלויגן, עכע...

ער האָט אַ שמייכל געטון, אַ בלענץ געטון מיטן געזונטן אויג און זיך אַ קראַץ געטון אין פּאַטילניק אַרויפרוקנדיק העכער פון שטערן דאָס פּאָר מעלטע היטל, וואָס האָט אויף זיין קאָפּ געמאַכט דעם איינדרוק פון אַ פּאַרקנאָטענעם שטיק טייג אין אַ „מידניצע". (שיסל).

נישט זעלטן האָט טאַקע פּאַסירט, אַז אין אַזאַ שטורעם איז די מיל־מאַכיניע אָפּגעקומען מיט איבערקערן זיך, אַראָפּ פון יסוד, וואָס איז באַ־שטאַנען פון דיקע (אפשר די דיקסטע) קלעצער און געבליבן ליגן אויף אַ זייט. קינד און קייט זענען דאַן אויפצומאַרגנס, נאָכן שטורעם, זיך צוזאַ־מענגעלאָפן, כדי באַטראַכטן די איבערגעקערטע מיל, וואָס איז געלעגן אויף דער זייט אַ צעשמעטערטע, ווי אַ קראַנקע, אָדער געפּגרטע קו. עס איז געווען אַ צער צו קוקן. פּויערים האָבן זיך געצלמט. „נישט קיין גוטע" האָ־בן אין וואַלד געפּראַוועט אַ חתונה און זיך אַ שפּיל געטון מיט דער מיל. איצט וועלן די פּויערים מוזן פירן די תבואות אין דעם נאָענטסטן דאָרף צו דער וואַסער־מיל, אָדער אין שטאָט צו דער „פּאַראָווער" מיל, וווּ עס קאָסט טייערער דאָס מאַלן און מען מוז אָפּשטיין אַ גאַנצן טאָג ביז מען קומט אין דער ריי.

מנשה האָט אָבער לאַנג נישט געלאָזט די מיל אין אַזאַ צושטאַנד און אין אַ פּאָר וואָכן אַרום איז די מאַכיניע שוין ווידער געשטאַנען אויפן יסוד מיט געלאַטעטע נייע פליגל און שטיקער נייע ברעטער, ביז דער ווינט און רעגן האָט די לאַטעס אויסגעגלייכט מיט די אַלטע, קוים צו דערקענען.

נישט איינמאָל האָב איך אויך בייגעוווינט, ווי אַזוי אַמעלקאַ שאַרפט

די שטיינער פון מיל, וואָס האָט אַרויסגערופן מיין גרעסטע פאַראינטערע־סירונג. דער אויבערשטער שטיין ליגט געבונדן אין שטריק אויפגעהויבן אין שיפּוע און אמעלקא זיצט מיט אַ „קירקע״ אין האַנט, אָדער א דלאָטע און האַקט ראָווקעלעך אין פעסט־געגאָסענעם שטיין, וואָס איז געבראַכט געוואָרן ערגעץ פון א שטיין־האַקעריי. נישט יעדער האָט געקענט די דאָ־זיקע מלאכה. מען האָט געדאַרפט וויסן, ווי אזוי צו ריצן דעם שטיין, אז עס זאָל ארויס גוטע און דינע מעל. אמעלקא מיט זיין אייך אויג איז געווען אַ ספּעציאַליסט דערויף און מנשה, דער אייגנטימער פון מיל, האָט אמעל־קען באַלוינט פאַר דעם מיט א באַזונדערן טרונק בראָנפן. אַז אמעלקא האָט געשאַרפט די שטיינער האָט ער נישט אויפגעהערט רעדן פאַר זיך:

— אראפּגעגעסן זיך איגאַנצן, צום טייוול! גלאַט געוואָרן ווי ברעט. נו, נישט קיין וווּנדער. שוין לאַנג זיי נישט געריכטעט.

איצט, בעת איך בין געשטאַנען הינטער דער קוזשניע און זיך צוגע־קוקט אין דעם לבנהדיקן אָוונט אין דער ריכטונג צו דער מיל פונוואַנען עס האָט זיך געטראָגן אמעלקעס וואָלעכל־געשפּיל, האָבן די לאַפּאַטעס זיך געדרייט לאַנגזאַם און פויל. נישט געווען קיין ווינט און הגם עס איז שוין ערב זונטיק האָט אָבער אַמעלקא וואַרשיינלעך דערמאָלן אַביסל הרעטשקע, אָדער גערשטן אויף פּיראָגעס און צוליבן שוואַכן ווינט נישט געקענט פאַר־מאַכן די מיל. טרעפט דאָך נישט איינמאָל, אַז אין קויש פאַרבלייבט אַביסל נישט דערמאָלן תבואה. אַז עס איז נישטאָ קיין ווינט איז ערגער, ווי אַ שטורעם. איצט — די לאַפּאַטעס וואַרפן זיך קוים איבער. „רררררר״ און בלייבן שטיין. טוען זיך אלע ווילע ווידער א קער איבער און קיין ריר מער. קיין מעל פאַלט במילא נישט פון קויש, זופט קוים.

זיצט אמעלקא אין טירל, פייפט אויס זיינע וואָלעכלעך אויפן ווערבע־פייפעלע און וואַרט אויף א פאַרשטאַרקטן ווינט. דאָס שלאַבעריקע געדריי פון די לאַפּאַטעס פאַרדרעמלעך, פאַרוויגן, ווי אין א פאָרנדיקער באַן. איך פיל אָט דעם דרעמל פונדערווייטנס. אַ מידקייט צעגיסט זיך איבער מיינע גלידער און איך הויב אָן, אזוי אַנגעלעגנטערהייט אין וואַנט פון קוזשניע צו דרעמלען.

ערשט ווען איך כאַפּ זיך, אַז די לאַפּאַטעס האָבן אָפּגעשטעלט זייער געדריי און אמעלקא פאַרמאַכט דאָס טירל צום אַוועקגיין, קום איך צו זיך און לאָז זיך גיין צום שטוב פון מיינע עלטערן. איך בין דאָך נייגעריק צו וויסן, וואָס דאָרט קומט איצט פאָר. זוכן זיי מיך דען נישט ארום? — דאָס וואָלט געווען נאָך פאַרדראָסיקער!...

איך שטיי הינטערן פענצטער און הער זיך איין, וואָס עס קומט פאַר אין שטוב. האַ, האַ, דער טאַטע מאַכט ערשט „הבדלה“. הייסט עס, אַז עס איז נאָך גאָרנישט אַזוי שפּעט. איך בין געווען זיכער, אַז עס איז שוין האַלבע נאַכט און איך בין שוין אַזוי לאַנג־לאַנג פון דער היים. איך קוק אַריין פון דער זייט אין פענצטער און זע דעם טאַטנס ערנסטן פּנים. גיטע־לע האַלט די וועקסענע „הבדלה“ און דער טאַטע מאַכט די ברכות הויך אויף אַ קול. הערשעלע שטייט ביי דער זייט. די מאַמע זעט מען נישט.

אָט זע איך, ווי דער טאַטע נעמט די אָנגעצונדענע „הבדלה“, וואָס איז געפלאָכטן פון אויסגעוועקסענע קנייטלעך, גיסט אויס פון בעכער אַביסל בראָנפן אויפן טיש־דעק, צינדט עס אָן פון דער „הבדלה“ און נעמט „כאַפּן“ די פלאַמען פון ברענענדיקן אַלקאָהאָל און „לייגן“ אין די טאַשן אַריין. ער באַטראַכט דערביי זיינע פינגער־נעגל צי עס זענען חלילה נישטאָ אונטער זיי קיין עבירות...

„אַ מענטש דאַרף תמיד קוקן צי ער האָט ריינע פינגער — פלעגט זאָגן דער פאָטער — און דאָס איז דער טעם פון באַטראַכטן די נעגל ביים שיין פון דער „הבדלה“. דאָס מאַכן „הבדלה“ האָט לויט מיין טאַטנס רייד נאָך אַ טעם: מען שיידט זיך אָפּ פון שבת צוריק צו די וואָכעדיקע טעג. דעריבער זאָגט מען המבדיל בין קודש לחול... און דאָס „כאַפּן“ די פלאַמען אין טאַש אַריין איז אַ געבעט אויף פּרנסה... ריינע און געלייטערטע פּרנסה, ווי פייער.

מיין טאַטנס פּרנסות, משטיינסגעזאָגט! — האָב איך געטראַכט שטייענ־דיק הינטערן פענסטער און זיך צוגעקוקט, ווי דער טאַטע טוט איצט דאָס זעלבע. זינט יאָרן און די פּרנסה זיינע האָט זיך דאָך מיט גאָרנישט גע־ענדערט. די זעלבע פאַרקאָפּטשעטע קרושניע, די זעלבע קאָוואַדלע און האַמער, סיידן דאָס הילצערנע האַמער־הענטל אפשר געענדערט... זיך איבערגע־בראָכן פאַר אַלטקייט און שווערע זעצן...

איך שטיי און פיל דורכן פענצטער דעם ריח פון בינען־וואַקס, וואָס קומט פון דער ברענענדיקער „הבדלה“. דאָך האָב איך זי נישט איינמאָל אויך געהאַלטן מיט אָפּשיי און מיט פיל ערנסט זיך צוגעהערט צו דער מאַ־מעס „גאָט פון אברהם, יצחק און יעקב“, וואָס דאַרף טאַקע צושיקן מזל און ברכה און דער עיקר אַ גוטע פּרנסה, אַ נייע געזונטע וואָך.

וויפל ציטער עס איז דאַן געווען אין מיינע הענט האַלטנדיק די „הב־דלה“. וויפל דערהויבנקייט, צוליב דעם וואָס מיר, אַלס עלטסטע טאָכטער, איז צוגעטיילט געוואָרן דער דאָזיקער זכות. די דאָזיקע דערהויבנקייט איז

אפשר געווען דער גורם צו מיין אנטוויקלטער פאנטאזיע און שפּעטערדיקע בענקשאפטן צו אנדערע וועלטן. מיין אומרו און שטרעבונג.

אָט איז דעם טאַטנס „מאַכן הבדלה" פאַרענדיקט געוואָרן. די ערנסט קייט פון טאַטנס פּנים טרעט אָבער נאָך אַלץ נישט אָפּ. אַמאָל פלעגט ער נאָך דער „הבדלה" ארומשפּרייזן איבערן שטוב און געזונגען תפילהדיקע ניגונים, דעם „המבדיל", וואָס איך האָב אזוי ליב געהאט. איצט האָט ער אויפגעהאָנגען די „הבדלה" אויפן טשוואָק, וואָס געפינט זיך אויפן אושאַק פון טיר און ער האָט זיך געזעצט פאַרן טיש. ער האָט גענומען א ספר אין האַנט, נישט לויט זיין טבע, און אַריינגעקוקט אין אים. די מאמע האָט ארויסקומענדיק פון קיך, אים דערלאַנגט אַ גלאָז טיי מיט אַ שטיקל קוכן, הערשעלע און גיטעלע זענען ארויס אין צווייטן צימער.

איך קוק ווייטער, טוליענדיק זיך צו דער וואַנט, דורכן פענצטער־זייט און זע ווי די מאמע נעמט איר געקעסטלט שאַל און לאָזט זיך צו דער גאַס־טיר. איך שפּרונג אָפּ פון פענצטער. איצט שטיי איך אין דעם שכנס גאָרטן און הער זיך איין וווהין די מאמע גייט. איך זע ווי זי גייט ארויס צום פראָנט פון שטוב און בלייבט שטיין. זי קוקט זיך אום אין אלע זייטן, ווי זי וואָלט ארומגעזוכט עמיצן. זיכער מיך. איך צווייפל נישט דערין. עס גייט פאַרביי א פויערטע. די מאמע קוקט זיך איין אין איר פּנים און פרעגט:

— נאַטאַקלאַ, אפשר האָסטו ערגעץ געזען מיין דינהן?

— ניין, טייערינקע, נישט געזען.

די פויערטע גייט ווייטער. עס כאַפּט מיך ארום א רחמנות־געפיל צו מיין מאַמע. אַרעמע, גוטע מאַמע! וואָס איז זי שולדיק, אַז איר עלטסטע טאָכטער האָט ליב אַ שייגעץ?...

— „מאַמע — רוף איך — מאַמע!" — ווען איך זע, אַז זי נעמט גיין ווייטער. זי בלייבט שטיין און קוקט זיך אום מיט צופרידענער שרעק, אָדער צעשראָקענער פרייד.

— דינה! — רופט זי זוכנדיק מיך מיט די אויגן — דינה!

אין איר קול הער איך מאַמעשן ציטער און גיי איר אנטקעגן. איך מאַך אַ פּאָר טריט און בלייב ווידער שטיין. זי דערנענטערט זיך צו מיר און פרעגט מיט איבערלעכער אויפרעגונג, געמישט מיט מיטגעפיל:

— שטייסט דאָ די גאנצע צייט?

איך שווייג.

— ווי ז'מיר! וואָס טראכסטו זיך, דינה? וואָס וועט זיין פון דיר?

— גאָרנישט...

— וואָס גאַרנישט?
— איך ווייס אליין נישט...
— קום אין שטוב!
— איך וועל נישט גיין.
— וועסט נישט גיין?
— ניין.
— נו גוט, וועסט דאָ אַזוי שטיין אַ גאַנצע נאכט?
— בעסער איידער כאַפּן קלעפּ פון טאַטן...
— קיין שום אַנדער טאַטע וואָלט בעסער נישט געוועזן אויף זיין אָרט.
דערויף איז ער אַ טאַטע! קום אין שטוב!
— איך וועל נישט גיין!
זי האָט מער נישט געפּרוווט מיך איבערצייגן און איז אוועק. איך בין איר שטיל נאָכגעגאַנגען ביז צו דער טיר, וואָס איז געווען אָפן. די גוטע מאַמע! זי האָט דאָך גוט געוווסט, אַז איך וועל איצט אין ערגעץ נישט גיין און געלאָזט אָפן די טיר פאַר מיר. ביי דער טיר האָב איך דערהערט דעם טאַטנס קול:
— נו, האָסט זי געפונען?
די מאַמע האָט נישט געענטפערט.
— וואָס זאָרגסטו אַזוי, גאָלדע? — האָט דער טאַטע ווייטער גערעדט פון בעט אַרויס — דער טייוול וועט זי נישט כאַפּן. זי וועט קומען, וווּ דען וועט זי גיין, די חצופה?
די מאַמע האָט ווידער נישט געענטפערט, האָט זיך נאָך אַביסל אַרומגעדרייט איבערן שטוב, דאַן אַריינגעדרייט דעם קנויט אין נאַפט־לעמפּל, וואָס איז געשטאַנען אויפן טיש אין קיך און איז צוריק אַריין אין שלאָף־צימער, זיך געגומען אויסטאָן צום שלאָפן. אין שטוב איז געוואָרן טונקל. איך האָב געהערט, ווי די מאַמע האָט אַ שווייגעוודיקע זיך אַריינגעלייגט אין בעט. די אַלטע בעט האָט אַ סקריפּע געטון מיט אַ הילצערנעם קרעכץ און זיך פאַרטייעט. איך האָב געהאַט דאָס געפיל, אַז דער טאַטע שלאָפט נאָך נישט. עס טוט אים מסתמא באַנג הלמאי ער האָט מיך געשלאָגן. טאַקע אַ חצופה, אָבער פאַרט אַ טאָכטער. אַלנפאַלס האָב איך געוואָלט, אַז ער זאָל טראַכטן אַזוי.
אינגיכן האָט זיך דערהערט זיין שטילער כראָפּ, וואָס האָט זיך פאַרשטאַרקט מיט יעדער מינוט. אויף דער וואַנט האָט דער אַלטער זייגער אויסגעקלאַפּט צען. אין דאָרף האָט עס שוין געהייסן שפּעט. אַלע גייען שלאָפן

מיט די „הינער צוגלייך", ווי די מאַמע פּלעגט זיך אָפּט אויסדריקן. אַפילו די געזאַנגען פון די שקצים און שיקסעס זענען שוין פאַרשטומט געוואָרן. אַ טויטע שטילקייט האָט אַריינגעהערשט אין גאַס און אויך ביי אונדז אין שטוב.

איך בין געשטאַנען אין קיך און געוואַרט אויף דער דאָזיקער שטיל־קייט. דאַן בין איך אויף די שפּיץ פינגער אריינגעקומען אינעווייניק נישט צומאַכנדיק אַפילו נאָך זיך די טיר. אויפן טיש איז געווען צוגעגרייט פאַר מיר דאָס עסן. פאַרנאַרישטע מאַמעשע מאַמע! עס האָט איר געאַרט, וואָס איך בין הונגעריק. אוי, ווען זי וואָלט געוווסט ווי איך האָב פאַרבראַכט דעם אָוונט!...

איך האָב צום עסן זיך במילא נישט צוגערירט. שטייענדיק אַזוי, ווי אַן איינגעגראָבענע אונטער זיך בין איך מיט קעצישע טריט, כדי נישט אוי־בערוועקן קיינעם, אריין צו זיך אין אלקערל. גיטעלע איז נאָך נישט גע־שלאָפן, אָבער זי האָט זיך געמאַכט כלומרשט שלעפערדיק. ביי מיין אריינ־קומען האָט זי גניביש א בלענץ געטון אויף מיר מיט אירע שווארצע אויגן און באמערקנדיק, אַז איך זע, ווי זי שלאָפט נישט, האָט זי זיך ראפּטום אָפּגעקערעוועט צו דער וואַנט. נישט אָפּגערופן זיך אַפילו מיט קיין וואָרט, גלייך ווי אין צימערל וואָלט אריינגעקומען א חברטע מיט וועלכער זי איז ברוגז, אָדער ווי איך וואָלט איר עפּעס שולדיק געווען...

אַ גאַנצע נאַכט האָב איך זיך געדרייט אויף מיין געלעגער און נישט געקענט צומאַכן מיט קיין אויג. איך בין געווען פול מיט פאַרדרוס און אומרו. איך האָב געפּרווט טראַכטן, אָדער בעסער געזאָגט צוטראַכטן עפּעס אַ לאָגישע זאַך פאַר מיין צוקונפט, מיין תכלית, און נישט געקענט. די מחשבות אין מוח האָבן, ווי שטורמישע כוואַליעס, זיך געשלאָגן אָן א טאָלק. יעדער פּלאַן, וואָס איך זאָל טון מיט זיך איז שנעל צערונען אין שוימיקע זייפן־בלאָזן. עס האָט זיך מיר געגלוסט וויינען, אָבער איך האָב נישט געקענט. די טרערן האָבן געוואָרגן ביים האַלדז. איך האָב איינגע־נורעט דעם קאָפּ אין קישן, געזוכט דעם שלאָף, וואָס האָט נישט געוואָלט קומען. יעדע שעה איז די נאַכט־שטילקייט איבערגעהאַקט געוואָרן דורכן אויסשלאָגן פון וואַנט־זייגער: בים־באָם! בים! שוין צוועלף. שוין איינס. מיין גאָט, עס וועט שוין באַלד טאָגן. אוי, ווי איך וואָלט נישט געוואָלט, אַז עס זאָל אָנהויבן טאָגן! הלוואי וואָלט אייביק געווען נאַכט. אייביק!...

און אז איך בין געלעגן אזוי מיט צוגעמאַכטע אויגן, האָט יעדע ווילע, אין סאַמע מיטן פון דרעמל, פּלוצים אויפגעטויכט זייך געשטאַלט.

ער, פּאַוועל. ער איז אויסגעוואַקסן אין מיין דמיון, ווי ער וואָלט זיך אַרויס־געריסן פלוצים ערגעץ פון אַ נעפּלדיקן וואַלד. ער האָט געלאַכט צו מיר. זיינע בלוי־גרינע אויגן האָבן מיך דורכגענומען און אויפגערייצט, מיין לייב האָט געברענט מיט מיידלשן פיבער. מיט צייטיקייט, ווי אַ רייפע פרוכט, וואָס צייטיקט נאָך געזונטע ציינער, זיי זאָלן זיך איינבייסן אין איר...

איך האָב זיך באַמיט אָפּצוטרייבן אים, אַנטרינען פון זיין געשטאַלט צו אַן אַנדער ברעג. צו וואָס זיך פּייניקן מיט אילוזיעס? מיין באַגעגעניש מיט אים, צוליב וואָס איך האָב היינט געכאַפּט קלעפּ און ליג איצט אַ צעיוירטע אין בעט, האָט דאָך במילא קיין זין נישט. אומזיסט פאַרשאַף איך צרות מיינע אָרעמע טאַטע־מאַמע. אומזיסט דאָס גערעדעריי פון „לייטישע צינגער", ווי די מאַמע רופט אָט די רכילות־טרייבער. צו וואָס האָב איך געלערנט? אַזויפיל טעג געגאַנגען אין דונערן און רעגנס, שניייען און זאַווערוכעס, אין שטאָט אַריין? אויסגעשטאַנען נישט איין הונגעריקן טאָג, אַז איך זאָל... אַז איך זאָל צום סוף זיך פאַרבונדן מיט דעם סאָלטיסעס ווייניק־גראַמאַטנעם זונדל? אויסער ליבן — ליבן מיט אַ פּשוטער (זאָל זיין אפילו אויפריכטיקער) ליבע קען ער דאָך מער גאָרנישט... צי שטרעב איך צו דעם? וויל איך עס? ניין! אומזיסטע ליידן! אומזיסטע!

מיטן גרויען פאַרטאָג בין איך ווייזט אויס איינגעשלאָפן און געדענק נישט ווי לאַנג איך בין געשלאָפן. אויפגעוועקט האָט מיך דעם טאַטנס פעסטע שטים.

— ברוך אתה ה' אלוהינו מלך העולם שלא עשני גוי...

— ברוך אתה ה' אלוהינו מלך העולם שלא עשני אישה...

— ברוך אתה...

מער האָב איך נישט געהערט. נישט געוואָלט הערן. איך האָב געהאַט דאָס געפיל, ווי די ווערטער וואָלטן געווען געווענדעט צו מיר און פּאַוועלן. דאָס איז נישט דאָס ערשטע מאָל, ווען איך הער דעם טאַטן אין פרימאָרגן זאָגן די דאָזיקע ברכות, איידער ער שטעלט זיך דאַווענען, אָבער קיינמאָל ווי איצט זענען זיי מיר אַזוי נישט אָנגעגאַנגען. איך האָב זיך קיינמאָל נישט געפרעגט, פאַרוואָס דער טאַטע לויבט אַזוי דעם באַשעפער, הלמאי ער האָט אים נישט באַשאַפן אַלס גוי און נישט אַלס פרוי. מיט וואָס זענען אָט די ביידע אַזוי זינדיק און שלעכט?...

איך בין געלעגן מיט אָפענע אויגן. געהאַט דאָס געפיל, ווי איך וואָלט געווען אַ געבונדענע הון, וואָס דאַרף באַלד געפירט ווערן צום שוחט. דעם

טאטנס ברכות האָבן זיך איינגעשניטן אין מיין געהיר ווי שארפע מעסער. זאָל ער שוין אויפהערן דערמיט!

דער טאטע האָט אָבער נישט אויפגעהערט. וואָס ווייטער איז זיין שטים אַלץ פעסטער געוואָרן. אַזוי האָט זיך מיר לכל הפחות אויסגעדוכט. ער האָט ארומגעשפרייזט איבערן שטוב און אויף אויסנווייניק, ווי יעדן פרימאָרגן, געזאָגט אָט די ברכות מיט אַן אויסגעצויגענעם ביגון.

אָט האָט ער פארענדיקט זאָגן די ברכות און איך האָב דערהערט טריט, וואָס זענען געבליבן שטיין ביי דער טיר פון מיין אַלקערל. די טיר איז געווען עטוואָס געעפנט. נעכטן האָב איך זי שטיל פארמאכט נאָך זיך און איך האָב פארשטאַנען, אַז די מאַמע האָט געמוזט אינדערפרי אריינקוקן צו איך בין אין בעט.

דערפילנדיק עמיצן ביי דער טיר האָב איך צוגעשלאָסן די אויגן און דורך די קוים אויפגעמאַכטע ריסן באַמערקט דעם טאַטן. ער האָט געטון אַ בליק אַריין אין אַלקערל און גלייך אַוועק צוריק, נישט צומאַכנדיק נאָך זיך די טיר אויס מורא וואָרשיינלעך, אַז איך און גיטעלע זאָלן זיך נישט איבערוועקן.

טאַטע און מאַמע האָבן יענעם פרימאָרגן צווישן זיך נישט גערעדט. דורך דער טיר־שפּאַרע האָב איך געזען דער מאַמעס פארטראַכטן געשטאַלט. זי האָט ווי אַ שאָטן, אַ שווייגעוודיקע, איינגעשלאָסענע אין זיך, ארומגע־דרייט זיך איבערן שטוב. עס האָט זיך דערהערט אַ טשאַד פון איבערגעלאָפע־נער מילך. יעדן פרימאָרגן איידער דער טאַטע גייט אַוועק אין קוזשניע, גרייט די מאַמע פאַר אים אַ גלאָז געבריטע מילך. די מילך איז ווייזט אויס, איבערגעלאָפן און פארשפרייט איבערן גאַנצן שטוב אַ טשאַד, וואָס האָט זיך דערטראָגן ביזן אַלקערל.

דאַן האָב איך באַמערקט, ווי דער טאַטע לייגט טלית און תפילין. וויקלט זיך איין אין טלית, זאָגט אַ ברכה און ציילט די רצועות אויף דער לינקער האַנט, קושנדיק דערביי דעם „של ראש" און „של יד". שפּעטער נעמט ער זאָגן די תפילות פון סידור. ער דאַוונט אייליק, אויסלאָזנדיק בלויז דעם לעצטן פסוק פון יעדער תפילה. דאַן שטייט ער „שמונה עשרה". שטייט לאַנג אין שווייגעוודיקן שאָקלען זיך אין ריכטונג צו דער מזרח־וואַנט. ווי תמיד. צום סוף זאָגט ער „עלינו לשבח". ער שפּייט אויס אַ פּאָר מאָל און נעמט זיך באַפרייען פון די תשמישי קדושה, וואָס ער לייגט אויף מיט גרויס גאָטספאָרכטיקייט.

איבער מיין מוח גייט נישט ווילנדיק אריבער אַ געדאַנק וועגן טאַטנס

גלויביקייט. איך בין מיטן געדאנק ווייט דערפון. תמיד דאָס זעלבע. די זעלבע תפילות. זעלבער טלית און תפילין. ווערט נישט גאָט מיד אויפצו־נעמען די זעלבע געבעטן יעדן טאָג? איך, אז איך לייען איבער א ראָמאַן אַפילו דעם אינטערעסאנטסטן א פּאָר מאָל, ווערט ער מיר נמאס. גענוג. ניין, דעם טאַטן ווערט אָבער נישט נמאס איבערחזרן תמיד דאָס זעלבע. די זעלבע ווערטער, פסוקים און געבעטן. וויפל איז דער שיער?... אויך גאָט ווערט עס נישט נמאס צו הערן!...

ביי די דאָזיקע געדאנקען דערהער איך דעם טאטנס פעסטע שטיוולדיקע טריט פארן פענצטער און גלייך נאָך דעם דאָס מאָנאָטאָנע קלאפּן פון האַ־מער און קאָוואדלע אין קוזשניע. עס ווערט מיר לייכטער אויפן הארצן און איך שלאָף איין צום צווייטן מאָל. איצט מיט א טיפן און מידן שלאָף, וואָס אפילו דאָס געטראַסקעריי פון דער מאַמעס אלטער ניי־מאשין איז נישט מסוגל מיך איבערצוּוועקן...

## מיין לעצטער טאָג אין עלטערנס היים

נאָך יענעם ברוגז־שבת ביך איך געווען זיכער, אז מיין טאטע האָט ענדלעך באגריפן, אז איך בין נישט מער קיין קליין מיידעלע, אויף וועל־כער מען קען אָנשרייען, אָדער געבן א פּאָר „פעטשלעך", כדי אונטערטעניק מאכן, ווי דאָס האָט זיך געפירט ביי די פויערים.

אַ פּויער, וואָס האָט נישט געשלאָגן זיינע קינדער, האָט עס געהייסן, אז ער „לערנט" זיי נישט. ער איז אַ שוואַכער „באַטקאָ". אַ פּויער מוז שלאָגן די קינדער, אויב ער וויל זיי זאָלן אויסוואקסן לייט, „מענטשן". ער דארף אויך געבן קלעפּ דעם אייגענעם ווייב, אויב ער וויל, אז זי זאָל אים זיין געטריי, אונטערטעניק און א גוטע ווירטין. אַזאַ פּויעריש־דאָרפי־שער מנהג! מען דאַרף שלאָגן דאָס ווייב!... די קינדער!...

איך וועל קיינמאָל נישט פארגעסן אונדזערע א שכנה, נאַסציא האָט מען זי גערופן, וואָס אַז זי האָט נישט געכאפּט קיין קלעפּ פון איר דאַ־נילען, איז זי ארומגעגאנגען א פארזאָרגטע, ממש געהאט צרות, אַז ער, איר מאַן דאנילא, אָדער ווי זי האָט אים גערופן דער „ראָזלעך" (מערדער) האָט זי שוין ווייזט אויס נישט ליב — דער בעסטער סימן, אז עס איז שוין פארביי אַ שטיק צייט און ער האָט זי נישט געשלאָגן.

ווי אויסטערליש דאָס זאָל נישט קלינגען, ווי אומגלויבלעך, אָבער איך

האָב מיט מײַנע אײגענע אויערן נישט אײנמאָל געהערט, ווי נאַסציאַ פּלעגט זיך באַקלאָגן פאַר מײַן מוטער: „ווײסט גאָלדיטשקאַ, אַז מײַן „ראָז־לעך״ (רוצח) שלאָגט מיך אָן, ווער איך דוכט זיך געזונטער... ווער ווײס צי ער האָט נישט קײן אַנדערע, וואָס ער איז אַזוי גוט צו מיר לעצטנס...״

הערנדיק עס, האָב איך אויסגעשעסן אין אַ געלעכטער און די מאַמע האָט אַ קוק געטון אויף מיר בײַז דערפאַר, אָבער נאַסציען איז עס נישט אָנגעגאַנגען. זי האָט בלויז צוגעגעבן וועגנדיק זיך אויך צו מיר: „זאָל איך ברעכן הענט און פיס, אויב איך זאָג ליגן, דוניעטשקאַ. עס איז נישט צום לאַכן. בײַ אײַך, יידן, איז עס נישט אַזוי, אָבער בײַ אונדז מוזשיקעס איז אַנדערש...״

איך האָב זיך נאָך מער צעלאַכט און לאַכנדיק אַזוי אַרײַן צו זיך אין אַלקערל, ווו איך האָב זיך נישט געקענט באַרואיקן פאַר געלעכטער.

נאָך אַ גרעסערן געלעכטער האָט אַרויסגערופן בײַ מיר, הגם געמישט מיט געוויסן מיטגעפיל, ווען נאַסציאַ, אַגב זײער אָן אַרבעטסזאַמע און פּרוכטבאַרע צו געבוירן קינדער, איז נישט אײנמאָל אַרײַנגעקומען צו דער מאַמע מיט אונטערגעהאַקטע אויגן.

על פּי הרוב האָט עס פּאַסירט, ווען איר „ראָזלעך״, דאַנילאָ, האָט זיך אָנגעשיכורט. און אָנשיכורן האָט ער זיך כמעט יעדן זונטיק בעת ער האָט זיך צוזאַמענגעקומען מיט די „סוואַטעס״ און „קומעס״. אָט אַזוי איז אויס־געקומען, אַז נאַסציאַ איז יעדן זונטיק געשלאָגן געוואָרן. „פּאָ נאַסטאַיאַש־טשעמו״, ווי די פּויערים האָבן עס באַצײכנט, ס׳הײסט געזעצלעך און רעכט־צײַטיק !...

און אַז דאַנילאַ האָט גענומען שיטן מיט קלעפּ האָבן נאַסציעס געשרײען זיך דערטראָגן בײַז צו אונדזער שטוב און נאָך ווײַטער. קײנער פון די שכנים האָט נישט געוואָגט זיך אַרײַנצומישן, אַפילו די אײגענע קינדער נישט, וואָס האָבן געציטערט פאַר זײער באַטקאָ דאַנילאַ אימת מוות. מײַן מאַמע פּלעגט בלויז זאָגן מיט מיטלײד: „דער ראָזלעך ממיתט שוין ווידער זײַן נאַסציען, נעבעך. נישט געדאַכט זאָל עס ווערן. אַ רוצח און שוין״.

שווער געווען צו פאַרשטײן ווי אַזוי די דאָזיקע פּויערטע האָט אויסגעהאַלטן אַזויפיל קלעפּ פון אײן זונטיק בײַזן אַנדערן. זי איז געווינט געווען צו אָט די קלעפּ, ווי צו באַנקעס בעת יעדער קראַנקהײט; ווי צום פּראַטשען וועש אין די ווינטער־פּראָסטיקע טעג; ווי צום קלאָפּן „ליאָן״ (פלאַקס פון קאַנאָפּ־ליעס) אין די פּאַרטאָגן; גראָבן קאַרטאָפליעס אויף די פעלדער אַ באָרוועסע אין די האַרבסטיקע טעג און אויספירן נאָך פאַרשידענע אַרבעטן נישט געקוקט

דערויף, וואָס די פּלייצעס טוען איר ווײ. זי פּלעגט זיך אָפּט פאַרקלאָגן פאַר מיין מאַמע: „האָך, גאָלדאָשקאַ, ספּינאַ באָליט, ווזשע פּאַמרו״ (די פּלייצעס טוען ווײ — כ׳וועל שטאַרבן...)

ניין, זי איז אָבער נישט געשטאַרבן. גייענדיק פון פעלד האָט זי געזונגען די בענקענדיקע אוקראַינישע לידער צובאַגלייך מיט אַלע פויערטעס, ווי קיינמאָל גאָרנישט. זי איז דאָך נישט איינע אזא געשלאָגענע צווישן אַט די זינגענדיקע פויערטעס.

דער גרעסטער וווּנדער, וואָס ביי מיר האָט ארויסגערופן, איז געווען דאָס וואָס נאסציא האָט אזוי, בינו לבינו, פון איין פאַרציע קלעפּ צו דער אנדערער, אויסגעהאָט פון איר „ראזלעך״ אזש אַכט קינדער. „האָלאָפּופּצעס״, ווי דאנילא, אַ נידריק, געזעצט פויערל מיט אַ פלאַטשיקן פּנים און קורץ־גוזדרעדיקער, נאָז, האָט זיי אָנגערופן. איין קינד געזונטער פון אַנדערן. ווי די פּראָסיאַטעס. גאַנצע טעג זיך ארומגעדרייט האָלב־נאַקעטע. נישט מורא געהאַט פאַר קיין קעלט און נישט פאַר קיין היצן. אין גרעסטן פראָסט האָבן זיי געקענט איבער־לויפן פון איין כאַטע צו דער אַנדערער מיט באָרוועסע פיס. קיינער האָט זיך נישט געקימערט איבער זיי. גוזדרעוואטע אַלע, מיט פאַריסענע נעזלעך, גרוי־אויגיקע, מיט גיריקע ליפּן און אָפּגעסמאַליעטע פון דער זון און ווינט הענט און פיס, ביז די אנטבלויזטע בייכלעך. פאַרברודיקטע, אָבער... געזונטע, פאַר־האַרטעוועטע, פול מיט אויסדויער. אָפּט נישט דערגעסן צו דער זעט צוליב דאנילעס אָרעמקייט, וואָס איז אים אריבער בירושה, ווייל דאָס שטיקל פעלד, וואָס זיין באַטקאָ, גאוורילא, האָט איבערגעלאָזט פאַר זיינע פיר זין און פיר טעכטער, איז צעפּיצלט געוואָרן אזוי, אז אים, דאנילען, האָט זיך דערפון גאָר ווייניק אָנגענומען. די הויפּט־חיונה האָט דאנילא דעריבער געצויגן, וואָס נאסציא פלעגט אויך ארבעטן ביי יענעם. ער, דאנילא, איז נישט געווען קיין גרויסער בעלן צו ארבעטן ביי יענעם און זיך באגנוגנט מיט דעם וואָס נאסציא האָט צופאַרדינט אַביסל תבואה פאַר דער אַרבעט. וואָס דאַנילא האָט יאָ געזאָרגט איז דער עיקר עס זאָל נישט פעלן קיין ביסל „האָרילקע״ (בראָנפן) אויף זונטיק און צו די תגאות.

און הגם עס האָט געמאַכט דעם איינדרוק, אז דאנילא איז צופרידן מיט זיין דאָליע, האָט אָבער געטייעט אין אים א טיפער פאַרדרוס צו די זאַטע. אינסטיקטיווער כעס, ווי ביי אַ חיה, וואָס ער האָט וואַרשיינלעך אויסגעלאָזן צו זיין נאַסציען, ווענעמס האָרעוואַניע ער האָט פאַרשיכורט.

ביי די יידן האָט אַזעלכעס נישט פּאַסירט. יידן האָבן זיך געשלאָגן פאַר

גאָטס תורה. פאר „עליות", פאר אַ פעטן מפטיר... פארן „עמוד",אויס קנאה צום פאַרמעגן פון רבונו של עולם...

ווי פון אַ נעפל שטייט אויף פאַר מיינע אויגן אַ ייד — אַ „שלעגער". ער וויל נישט אָפטרעטן פון מיין מחשבה. ווי ער וואָלט געמאָנט עפעס אַ חוב פון מיר: האָסט מיך פארגעסן דינה? וואָס? געדענקסט נישט ראובנען דעם אָקסן־הענדלער? ראובן, וועמען אלע האָבן גערופן „רובל", אָדער רוול", אזוי אָפגעקירצט דעם נאָמען? הא? — — —

פארגעס מיך נישט בעתן שרייבן די דאָזיקע ווייטאָגדיקע זכרונות דיינע!

אָ, נייך, איך האָב דיך נישט פארגעסן! נישט פארגעסן דיך רוול! ווי קען מען אזא ייד פארגעסן? אַ ייד — וועמעס גאַנצער אינהאַלט פון לעבן איז אויסער מאַכן אויף חיונה — געווען אויך זיך אָננעמען די קריוודע פון גאָטס תורה? — — —

אָט שטייט ער פאר מיר אין זיין גאַנצער הויך. אַ נידריק יידל געווען. מיט אַן איינגעפאלן מוסקולירט פנים, אַ ציגן־בערדל, צעטיילט אויף צווייען, ווי ער וואָלט געהאַט נישט איינע נאָר צווי בערדלעך. איינס אַביסל קורצער פון דער אנדערער. דורכגעפלאָכטן מיט גרוילעכע האָר. שיטער. איין טייל שאַטען, די צווייטע טייל קאָלירלאָז, פארגרוילעכט.

אַממערסטן זענען בולט געווען די אויגן זיינע. ביר־אויגן. האַלב־צעשראָקן. ראָפטאוונער קוק, ווי פלוצים־אָנגעצונדענע צווי טאַשן־לאמטערנדלעך. פול מיט גאַרנישטזאָגנדיקער שטוינונג.

אז רוול איז געקומען צום דאַוונען האָבן אַלע געוווסט, אז מען דאַרף אים אָפטרעטן דעם וועג, באַזונדערס אין די ימים־נוראים.

אלס קליין מיידעלע פלעג איך אָפט לויפן צום מנין, כדי אָנצוקוקן די מחלוקות לשם שמים. רוול וויל דאַוונען „מוסף" נאָר אנדערע מתפללים דערלאָזן אים נישט. וואָס? זיי טענהן, אַז רוול איז אַ קליינער ידען, אַ קנאַפער קענער אין די קליינע אותיות.

רוול, האָט אָבער געהאַלטן אנדערש. ער האָט זיך געריסן צום „עמוד", ווי אַ פלאַטערל צו ליכט. ער האָט נישט געקענט פארדייען ווען עמיץ אויסער אים דאַוונט ביים „עמוד". אויף גאָרנישט האָט ער נישט מקנא געווען נאָר אויפן „עמוד". דאָס איז געווען דער אינהאַלט פון זיין גאַנץ לעבן. קענענדיק די עברי אפשר מיט גרייזן, איז ביי אים מסתמא אויסגעקומען, אַז דער דאַוונער זאָגט גרייזן. ער האָט אזוי לאַנג געדולדעט יענעמס דאַוונען ביז ער איז ארויס פון די „כלים" און געגומען שרייען אויפן דאַוונער ביים „עמוד", אז ער, דער דאַוונער איז אַ „גראָבער יונג". מען טאָר אים נישט צולאָזן צום „עמוד".

רוולס ווערטער פלעגן גלייך אַרויסרופן אַ סומאַטאָכע. יונגוואַרג האָבן גענומען קייכן פאַר געלעכטער און רוול האָט זיך נאָך מער צעלאָזן אויף זיינע אַלע סענטימענטאַלע כלים. כמעט תמיד האָט זיך עס פאַרענדיקט מיט שרעק־לעכע געשרייען און „יום־טובדיקע" סקאַנדאַלן.

איך געדענק, איינמאָל יום טוב, איז עס געווען, האָט מיך די מאַמע גענומען אין „שול" אַריין דאַוונען. דוכט זיך אַז דאָס איז געווען ראש השנה. די פרויען זענען געזעסן אין צווייטן צימער אָפּגעצוימט מיט אַ ליילעך און זיך צוגעהערט צום דאַוונען פון חזן. אַן אייבוווינער פון רעטשיצע, וואָס האָט זייער שיין געדאַוונט. ער האָט געהאַט אַ זעלטן־מתיקותדיקע שטימע. ער איז באַוווסט געווען אַלס גרויסער קענער אין גמרא און משניות אין דער גאַנצער סביבה. דערפאַר אויך אַלס קבצן אין זיבן פאַלעס, וואָס ציט זיין חיונה פון אַן אָרעם קרעמל, ווייל ער טויג זיך נישט אויס צום האַנדלען מיט די פויערים. גאַנצע טעג זיצט און לערנט און אויך זיינע קינדער לערנען אין די ישיבות.

פלוצים האָט זיך דערהערט אַ שטאַרקער געלעכטער און גלייך נאָכדעם די געשרייען פון רוול: „גראָבע יונגען! גראָבע יונגען!". דאָס געלעכטער איז נאָך שטאַרקער געוואָרן און דער טומל איז אָנגעוואַקסן פון מינוט צו מינוט.

איך האָב געכאַפּט אַ קוק און דערזען רוולען שטיין ביים „עמוד", איינגאַנצן אָן אויפגערעגטער. איין ווינקל־מויל ביי אים האָט נאָך געשוימט פאַר אויפרע־גונג פון „צו־מתיקותדיקן" דאַוונען. זיינע אויגן האָבן געפינקלט, די אָפּגעשטאַ־נענע אויערן האָבן געפלאַמט און דער טלית איז אים אַראָפּגעהאַנגען אויף איין זייט. ער האָט יעדע ווילע אַ צי אַרויף געטון דעם טלית אויף זיינע נידריקע אַקסלען, אויף וועלכע עס האָט זיך נישט געוואָלט האַלטן.

שלמה דער „קוצער", וואָס איז אויך באַקאַנט געווען אַלס נישט קיין קליי־נער קנאי צו גאָטס תפילות איז רוולען ממש געשפּריגגען אין די אויגן אַריין מיט די פויסטן פאַרוואָרפנדיק אים אַז ער שלמה, קען שוין מער נישט פאַר־טראָגן די גרייזן, וואָס ער, רוול בראַקט, וואָרום דאָס איז אַ חילול השם.

מער ווי דאָס האָב איך טאַקע נישט געקענט אויפכאַפּן. חילול השם! חילול השם! — האָט שלמה „קוצער" געשריגן — איידער אַזאַ דאַוונען איז שוין גלייכער איגאַנצן נישט קיין מנין!.

און ווידער האָט זיך דערהערט רוולס געשריי „גראָבער יונג" און ווידער הילכיקע געלעכטערס. באַלד האָבן די מתפללים זיך צעטיילט אויף דריי לאַגערן. איין לאַגער, וואָס האָט געהאַלטן מיט שלמהלען „קוצער" אַ צווייטער לאַגער, וואָס האָט געהעצט רוולען, אָדער שלמהלען און אַ דריטער לאַגער, די מער

ערנסטע, וואָס האָבן געפּרוווט באַרואיקן די געמיטער, אבי קענען פאַרזעצן דאָס דאַווענען.

אז איך האָב אַ קוק געטון אויף רוולען און שלמהלען, וואָס האָבן בינו לבינו נישט אויפגעהערט זיך פאַריכטן יעדע ווײַלע די טליתים אויף זייערע אַקסלען, האָב איך זיך נישט געקענט אײַנהאַלטן פאַר געלעכטער. גלײַך נאָכדעם האָבן זיך א שאָט־געטון האַנטוכער... עמיץ האָט אויפגעדרייט דעם שול־האַנטוך און מיט אים דערלאַנגט רוולען אין קאָפּ. די געלעכטערס האָבן זיך פאַר־שטאַרקט.

שפּעטער בין איך געוווּיר געוואָרן, אז די מחלוקת איז אויסגעבראָכן צוליב דעם, וואָס רוול פאַרגרייזט אַ פּסוק פון דאַווענען ווו עס שטייט געשריבן „ועינינו תחזינה". אַנשטאָט צו זאָגן „ועינינו" זאָגט ער „ואיננו", וואָס אויב מען וואָלט עס פאַרטײַטשט אויף מאַמע־לשון וואָלט עס באַדײַט, אז אנשטאט „אונדזערע אויגן זאָלן זען" קומט אויס, אז „מיר זאָלן נישט זען..."

יאָ, עס איז דאָן געווען וואָס צו זען...

אַביסל אַנדערש האָבן פאַרשטייט זיך, געשלאָגן זיך די פּויערים. איבערהויפּט זונטיק. דער דאָזיקער טאָג איז ווי באַשטימט געווען פאַר שלאָגן זיך צווישן די גויאישע שיכורים.

אז די פּויערים האָבן ביי שמעון שענקער זיך אָנגעשיכורט און זיך גענומען שלאָגן איז דאָס גאַנצע דאָרף געגאַנגען אויף רעדלעך. קינד און קייט זענען ארויסגעלאָפן פון די הייזער און זיך צוגעקוקט, ווי די פויערים וואלגערן זיך שיכורע און צעבלוטיקטע אין גאַס, ווערגן זיך פאר די העלדזער און האַקן זיך אײַנאנדער מיט פלעשער, אָדער פלעקער איבער די קעפּ. עס איז געווען פארוויילעריש...

ווי לעבעדיק שטייט אויף פאַר מײַנע אויגן שמעון שענקערס שטוב, וואָס איז אריבער צו אים אַלס ירושה פון זײַן טאַטן, אָדער זיידן. פיר גרויסע צימערן. אין איין צימער, אויף פּאָליצעס, זענען געשטאַנען אָנגע־שטעלט פאַרשידענע פלעשער מיט בראָנפן און אין אַ באַזונדער שאַפקעלע זענען געלעגן פּעקלעך טיטיון מיט „ביכעלעך" פּאַפּיראָסן־פּאַפּיר און שווע־בעלעך.

שמעונס ווײַב, חיה־לאה, אַ נידריק־דיקלעכע יידענע, וואָס איז תמיד געשטאַנען ביים אויוון און געבאַקן גרויסע בלעכן מיט ווייסע בילקעלעך און געקאָכט אין קופּערנע פאַנען געפילטע פיש, האָט געזאָרגט, אַז די פויע־רים, וואָס זיצן ברייט פונאַנדערגעזעצט ביי די טישן אין די איבעריקע

צימערן, זאָלן האָבן מיט וואָס צו פאַרבייסן, וואָרום, די פּויערים האָבן שטאַרק ליב די יידישע געפילטע פיש און די ווייסע בילקעלעך.

די פּויערים האָבן שטאַרק פאַרערט חיה־לאהן, וואָס האָט פאַר יעדן איינעם פון זיי געהאַט אַ גוט וואָרט און אַ שמייכל. אויך שמעון דאָס זעלבע. ער האָט געוווסט ווי אַזוי זיך באַגיין מיט די פּויערים, געקענט יעדן איי־נעם פון זיי לויט די כאַראַקטערן און כעס. ער האָט געקענט פיל מוותר זיין. אַז ער האָט אָנגעגאָסן דאָס גלעזל משקה דעם פּויער, האָט ער געזאָרגט, אַז דאָס בראָנפן זאָל אַריבער די ברעגעס, כדי דער פּויער זאָל נישט זאָגן, אַז דאָס גלעזל איז נישט פול. און טאָמער איז געבליבן נאָך אַביסל בראָנפן אין פלאַש האָט ער אויך נישט געזשאַלעוועט און געזאָגט צום טרינ־קער:

— נעם, ניקיטאַ, טרינק, זאָל דיר זיין צום געזונט! זאָלסט נישט זאָגן, אַז איך בין אַ שלעכטער זשיד...

ניקיטאַ קערט איבער דאָס פלאַש אין ברייט־צעעפנטן מויל און טוט דערביי אַ קוק אַריין צי עס איז חלילה נישט פאַרבליבן אַ טראָפּעלע איב־ווייניק. טוט דערביי לויבן שמעונען:

— ביסט אַ גוטער זשידאָק, שימעל, יעי באָהו! נישטאָ נאָך אַזאַ ווי דו!...

שמעון איז געווען אַ הויכער ייד, מיט אַ בלאַסן פּנים, אויסגעלאָשענע אויגן, געליטן פון אַסטמע און כסדר אונטערגעהוסט. זיין ווייב חיה־לאה פלעגט אים דעריבער תמיד באַזייטיקן פון באַדינען די פּויערים.

— גיי שמעון, גיין אַריין אין צווייטן צימער. איך וועל שוין אַליין אַלץ דערליידיקן. אויך בלומע וועט צוהעלפן.

שמעון איז אָבער נישט אָפּגעטראָטן. באַזונדערס זונטיק. בלומע, זייער עלטסטע טאָכטער, האָט פון קינדווייז אָן געהאָלפן דעם טאַטן און מאַמע אין שענק. און טאָמער איך בין געקומען און זי גערופן אַרויסגיין אַביסל, האָט זי מיר תמיד געענטפערט: „איך קען נישט, דינה. איך מוז העלפן. זעסט אַליין וואָס עס טוט זיך."

בלומע איז געווען צוגעבונדן, ממש פאַרקויפט צו דעם שענק. און אַז זי האָט יאָ אַמאָל געוואָלט זיך באַפרייען אויף אַ ווייל, איז באַלד אָנגעקומען אַ צווייטער פּויער און אַ דריטער און זי האָט נישט געקענט אַוועקגיין. בלומען איז אויסגעקומען פיל אויסצושטיין פון די פּויערים. נישט איינמאָל צו הערן אַ זידל־וואָרט, אָדער אַ ניבול־פּה פון די אַלטע צי יונגע פּויערים, וואָס פלעגן קומען שיכורן אין שענק. בלומע — אַ שיין שוואַרץ־חנוודיק

מיידל, מיט געדיכטע שוואַרצע האָר, טיף־שוואַרצע אויגן און בליענדיק־מאַטן פּנימל, תמימותדיקן בליק און ווייס־פּערלדיקע ציין — האָט אַראָפּ־געשלונגען די פֿויערישע ניבול־פּה, פּלעגט רויט ווערן ביז איבער די אויערן און געשוויגן. אויס פֿאַרלעגנהייט פּלעגט זי אַריבערוואַרפֿן איר לאַנגן שוואַרצן צאָפּ פֿון איין זייט אָקסל איבערן צווייטן און נישט רע־אַגירט. זי האָט געוווּסט, אַז טאָמער וועט זי רעאַגירן, ווי זי האָט עס נישט איינמאָל געפּרוּווט טון, איז דער פֿויער אַוועק אַ צעבייזטער און זי פּלעגט פֿאַר דעם כאַפּן פֿאַרוווּרפֿן פֿון די עלטערן, אַז זי טרייבט דורך די פֿויערים פֿון וועלכע מען לעבט.

שמעון שענקערס שטוב האָט געדינט אַלס אַ טרעף־פּונקט פֿאַר די פֿויערים. נאָך תּחילת אָוונט, באַלד נאָך דער וועטשערע, באַזונדערס אין די שפּעטע האַרבסט־נעכט, אָדער ווינטער אין די לאַנגע אָוונטן פּלעגן זיי אַרייַנ־קומען האַמעטנע אַזעלכע, מיט באַפּאַסטאַלעסטע פֿיס און פֿאַרבלאָטיקטע שטיוול, זיך פֿאַנאַנדערגעזעצט איבער די דעמבענע קאַנאַפּעס און אויב עס איז נישט געווען קיין פּלאַץ, געבליבן אָנגעשפּאַרט אין די ווענט, אָדער זיך צעזעצט אויף דער פּאָדלאָגע. יעדער האָט אַרויסגענומען זיין ליולקע, אָדער אויפגעדרייט די גראָבע מאַכאָרקע־פּאַפּיראָסן און גענומען רויכערן — רויכערן אָן אַ סוף. דאָס שטוב איז גלייך פֿול געוואָרן מיט געדיכטן רויך און געשטאַנק פֿון די טיטיונען, וואָס זענען באַשטאַנען פֿון געטריקנטע ווייַנשל־בלעטער, אָדער פֿון מאַכאָרקע.

זיי זענען געזעסן אָדער געלעגן אין זייערע סיערגעס און גראָבע קאָזשוכעס. איבער די שטערנס אַרויפגערוקט די הויכע האָזענע קוטשמעס, די פֿיס אויסגעשטרעקט, געגרויכערט און געשפּיגן און זיך גענומען דער־ציילן פֿאַרשידענע מעשׂיות. ווען איינער האָט אָנגעהויבן עפּעס דערציילן האָבן די איבעריקע זיך איינגעהערט מיט אינטערעס, ביז אייניקע פֿון זיי, די עלטערע, זענען איינגעדרימלט געוואָרן אַזוי אָנגעלענטערהייט ביי די ווענט, אָדער ביים טיש.

זיצט אַזוי אַן אַלטער פֿויער און דערציילט זיך וויאַזוי ער האָט אַלס ניקאָלאַיעווסקער סאָלדאַט מלחמה־געהאַלטן און עמיץ האַלט אים אונ־טער, אָדער בעסערט אויס, אַז עס איז נישט געווען גענוי אַזוי, ווי ער דערציילט. „ניעט, בראַט, נישט אַזוי איז עס געווען".

דאָס געטומל און גערודער וואַקסט דאַן ביסלעכווייז אָן און די אַמ־פּערנישן טוען זיך כמעט תּמיד פֿאַרענדיקן מיט אַ קריגערייַ און געשרייען. די געשרייען פֿאַרהילכן די גאַנצע שטוב. דער קעגנער שרייט, די אַמפּער־

ניישן הערן נישט אויף. שמעון גייט אַרום אין דער צייט אַ צעטומלטער איבערן שטוב פון איין צימער אין אַנדערן און הערט נישט אויף קייכן און הוסטן, האַלט זיך ביים ברוסט־קאַסטן און... שווייגט.

חיה־ליה און בלומע, ווי אויך די איבעריקע קינדער, זענען דאַן אַרומגעגאַנגען ווי אויף אַן עולם־התוהו, נישט געוווסט וואָס צו טון און ווו זיך אַהינטאָן. בלומע איז אַרומגעגאַנגען איבערן שטוב נערוועז, גע־ווישט און געריייניקט די פאַרשפּיגענע פאַדלאָגע, געמורמלט שטיל צו זיך און געקוקט אויף די פויערים מיט פאַרדרוס.

ווען די פויערים פלעגן באַמערקן, ווי בלומע דרייט זיך אַרום נערוועז, פלעגט עמיץ פון זיי זיך אָפּרופן: „בלומאַ, זיי נאָר נישט קיין שלעכט מיידל. טאָמער וועסטו זיין אַ שלעכטע וועלן מיר דיר קיין חתן נישט געבן און דו וועסט פאַרבלייבן זיצן אַן אַלטע מויד".

בלומע פלעגט זיך אינערלעך נאָך מער אויפרעגן, אָבער זי האָט זיך באַמיט אַ שמייכל טון מיט אַ געקינצלטן שמייכל, זאָגנדיק צו איר פאָטער: „וואָס טוט מען, ווו אַנטלויפט מען? כ'וואָלט אַנטלאָפן אין עק וועלט, טאַטע".

שמעון האָט קוקנדיק אויף בלומעס פאַרזויערט־צאָרנדיקן פנים, זיך אָפּגערופן שטיל צו איר: „בלומע מיין קינד, זאָלסט נישט וואָגן צו זאָגן קיין שלעכט וואָרט, הערסט? מאָרגן וועלן זיי אַוועקגיין און נישט קומען מער. זיי וועלן זאָגן, אַז מען טרייבט זיי פון שטוב. נישטאָ קיין ברירה, מיין טאָכטער, דאָס איז אונדזער פרנסה. מען מוז צולייַדן אַביסל".

נישט איינמאָל, ווען איך האָב עס בייגעווינט פלעגט בלומע זאָגן צו מיר:

— איך בין דיר מקנא, דינה. דיר איז בעסער פון מיר. וואָס וועט זיין, דינה, וואָס וועט זיין?

אין אירע אויגן האָט זיך באַוויזן אַ נישט־אויסגעוויינטע, פאַרגליווערטע טרער. מיר זיינען געבליבן שווייגן. איך האָב זי אפילו נישט געפּרוווט טרייסטן און בין שנעל אַוועק אַהיים.

אָפּטמאָל, ווען איך בין נאָך געשטאַנען מיט איר אַביסל און אַזוי גע־רעדט, האָט זיך פלוצים דערהערט איר מאַמעס רוף:

— בלומע! בלומע! ווו ביסטו ערגעץ פאַרשוווּנדן געוואָרן? וואָס שטייסטו דאָרט! האַ? די שטוב איז פול מיט קונים!

און נאָך איידער בלומע איז אַריין אינעווייניק, איז חיה־לאה, איר

מוטער, אַרויסגעלאָפן אויפן גאַניקל און אַ שלעפּ געטון זי פאַר דער האַנט, זאָגנדיק צו מיר:

— דינה, גיי אַהיים, גיי! גיי! בלומע האָט קיין צייט נישט צו קיין נאַרישקייטן! גיי געזונטערהייט! וועסט קומען אַ צווייט מאָל!...

דער טומל אינעווייניק האָט נישט אויפגעהערט. דאָס טרינקען, שפּייען און רויכערן איז אָנגעשוואָלן. און אַז די פּויערים זענען געוואָרן שיכור, איז די לאַגע אין שמעון שענקערס שטוב אָנגעהיצטער געוואָרן, ביז עס איז דערגאַנגען צו אַ געשלעג. חיה־לאה איז אַריין אין אַ פּאַרמיטלונג:

— איוואַן, סטעפּאַן, יאַקים, גאַוורילאַ, טוט מיר אַ טובה און גייט אַהיים! גייט! גענוג אויף היינט! גענוג! גייט! איר וועט קומען ווידער מאָרגן... איך בעט אייך!...

אָט אַזוי האָט זי ביידע צדדים אַרויסגעפּטרט פון שטוב אין דער גאַס אַרויס, ווו דער אמתער געשלעג איז צעפלאַקערט געוואָרן. ערשט איצט האָט חיה־לאה אָפּגעאָטעמט און גענומען מאַכן אָרדענונג אין שטוב. בלומע האָט זיך אַראָפּגערעדט פאַר טאַטע־מאַמע דאָס האַרץ און גענומען מיט אַ בעזים, אָדער דערקאַטש צו שאַריען און אויפרוימען די באַשפּיגענע פּאָד־לאָגע, לויפנדיק יעדע ווײַלע צום פענסטער און אַרויסקוקנדיק וואָס עס טוט זיך אין גאַס. איר טאַטע שמעון האָט דערבײַ נישט אויפגעהערט הוסטן און חיה־לאה האָט זיך נישט אויפגעהערט אַרומפּאָרען רעדנדיק איצט הויך אויף אַ קול:

— זאָלן זיי זיך דאָרט, די ערלים, אַראָפּדרייען אַפילו די קעפּ איינער דעם אַנדערן אין גאַס! זיך אָנגעשיכורט, ווי די דבר אחרים!...

איך האָב שרעקלעך פיינט געהאַט, אַז מען האָט זיך געשלאָגן און נאָך מער נישט פאַרטראָגן קיין שיכורים. אַז די יידן האָבן געשיכורט איז עס געווען בעת אַ חתונה, אָדער שמחת תורה. איבערהויפּט שמחת תורה. מער נאָך, ווי בעת אַ חתונה. דעמאָלט האָבן די יידן געטאַנצט לענגאויס דער גאַס, מיט דער תורה אין די הענט, ווי מיט אַ בת־מלכה. געזונגען און געטאַנצט ווי קיינער און גאָרנישט וואָלט זיי נישט אָנגעגאַנגען אויסער דער שמחה מיט דער הייליקער תורה.

די פּויערים זענען דאָן געשטאַנען פון דער זייט, זיך צוגעקוקט און געש־פּאַסט. אַנדערע האָבן געשריען צו מיין טאַנצנדיקן טאַטן: „זעט, זעט, ווי שמוליק דער קאָוואַל טאַנצט!”. „אַ גוטער ייד אָט דער שמוליק. אַן אָרנטלעכער!, און וועלכן גוטן האַרץ זיין גאָלדע פאַרמאָגט. נישטאָ נאָך אַזא זשידוווקע אין

דאַרף! דעם לעצטן שטיקל ברויט קענען זיי אוועקגעבן! מיטן לעצטן ביסן זיך צעטיילן!

דערפאַר אפשר, צוליב די אויבנדערמאָנטע סיבות, האָב איך נישט געקענט מוחל זיין דעם טאַטן מיינעם, וואָס ער האָט מיך אַלס דערוואַקסן מיידל געשלאָגן. גראָד אַלס קליין מיידעלע האָב איך קיינמאָל פון אים נישט געכאַפּט קיין קלעפּ.

פאַרוואָס קומט מיר שלאָגן? — איך ליב אים! נישט דעם טאַטן... אים! פּאַוועלן! נו, וואָס קען איך העלפן? איך האָב קיין שליטה נישט איבער מיינע געפילן. אַז עס גייט פאַרביי אַ טאָג און איך זע אים נישט בענקט זיך מיר צו אים. וויל איך אים זען. איך שרעק זיך אליין פאַר אָט דער דאָזיקער בענקשאַפט מיינער, אָבער א זיסע שרעק איז עס. דער טאַטע וועט עס קיינמאָל נישט פאַרשטיין און די וואָס טרייבן רכילות וועגן מיר און דערטראָגן צו מיינע עלטערן וועגן מיין באַגעגעניש מיט פּאַוועלן — אוודאי נישט. אַ פאַרפאַלענע זאַך!...

נישט איינמאָל, ליגנדיק אויף מיין בעטל מיט פאַרמאַכטע אויגן פרעג איך זיך: דינה האָסט אים טאַקע ליב? איז עס אפשר בלויז געוווינהייט? יאָ, ליבע, זאָגט מען, איז געוווינהייט. דאַרף איך זיך הייסט עס בלויז אָפּגעוווינען. נו, גיי און געוווין זיך אָבער אָפּ, אַז איך טרעף זיך כמעט יעדן טאָג מיט אים. וואָלט איך געהאַט די מעגלעכקייט אַוועקפאָרן פון דער היים וואָלט איך אפשר פאַרגעסן פון אים. ווהין זשע פאָרט מען? און פאַרוואָס זאָל איך טאַקע אַוועקפאָרן, אַז עס איז מיר אזוי גוט בלויז ביים געדאַנק וועגן אים.

ביים נייען די קאַפּטאַנעס זיצנדיק מיט דער מאַמע ביי דער ניי־מאַשין, גייענדיק זונטיק מיט די פּויערטעס נאָך יאגדעס און גריבעס אין וואַלד; ארויסגייענדיק אין די שפּעטע אָוונטן אין גאַס ארויס אנטלויפנדיק פון מיין בענקשאַפט אין מיין ענגן אלקירל און איבערהויפּט אין מיינע שלאָפלאָזע נעכט — אומעטום, אויף שריט און טריט, זע איך נאָר אים, נאָר אים, פּאַוועלן. דעם שייגעץ פּאַוועל, ווי די עלטערן רופן אים. זיין יינג־הויכע פיגור, בלאָנדע ווויליונגעריש־אַראָפּגעהאַנגענע טשופּרינע און זיינע שמייכלדיקע בלויע אויגן באַגלייטן מיך אומעטום און רויבן אַוועק מיין רו.

אפילו ווען ער שטייט נישט הינטערן פענסטער האָב איך תמיד דאָס געפיל, אַז ער שטייט דאָך יאָ, באַהאַלט זיך פאַר דער וואַנט און פון דער זייט קוקט אריין צו מיר, זעט ווי איך טו זיך אויס צום שלאָפן. איך פּיעשטשע זיך פאַר אים אין די געדאַנקען מיינע, טו זיך אויס שעמעוודיק, פּאַוואָליע, פאַרשטע־לנדיק זיך מיט די הענט די אַנטבלויזטע מיידלש־רייפנדע ברוסטן. ער זעט

דאָך מיך... ער קוקט דאָך אויף מיר... איך ווייס, איך בין זיכער, אז ער וואַרט אויף מיר אינדרויסן. אפשר טאַקע זיך ארויסכאַפּן צו אים אויף א רגע? טאַקע נישט מער, ווי אויף א רגע.

עפּן איך שטיל די טיר, אָדער אין בעסטן פאַל קוק ארויס פריער דורכן פענסטער און אז איך באַמערק אים נישט ווייס איך, אז ער שטייט מסתמא הינטערן קליאָן, וואָס וואַקסט אַנטקעגן אונדזער שטוב, און שטיל ווי אַ קאַץ, שאר איך זיך ארויס אינדרויסן, בלייב שטיין אין ציטערדיקער דערוואַרטונג. באַלד וועט ער זיך ארויסשארן פון א הויף, אָדער פון הינטערן בוים...

און אז איך שטיי אזוי לענגערע מינוטן און ער באַווייזט זיך דאָך נישט, טוט מיר אַזוי באַנק, וואָס איך האָב זיך גענאַרט אין מיינע פאַרגעפילן און אַנשטאָט אריינגיין צוריק אין צימער, זיך אריינוואַרפן אין בעט און אריינבענקען אין קישן, לאָז איז זיך לאַנגזאַם אין דער ריכטונג פון וואַנען עס קומען די קלאַנגען פון יאַווכימקעס האַרמאָניע. איך גיי אַזוי לאַנג ביז איך קום, געצויגן ווי דורך כישוף־שטריק, צו דער כאַטע, וווּ עס איז אזוי טומלדיק און עס קומען פאַר די שקציש־שיקסישע טאַנצולקעס. איך וויל זיך גלייך צוריקקערן. אַ ציטער כאַפּט מיך אַרום ווען איך דערזע אים דורכן פענסטער אינווייניק. ער דערפילט ווייזט אויס, אז איך בין אינדרויסן און ער קומט שנעל ארויס צו מיר, כאַפּט מיך אָן ביי די הענט, רופט מיך צום טאַנצן, רעכנט זיך נישט וואָס מען קוקט. אים גייט גאָרנישט אָן. ער האָט פאַר קיינעם נישט קיין מורא.

איך שטויס אים כלומרשט אָפּ פון זיך. איך ווייס, אז ער וועט שוין במילא נישט אוועק פון מיר. אַך, וועלכע פּרעכטיקע נאַכט דאָס איז! ווי עס בליען די ביימער! וויפל רחבותדיקייט און פאַרגעסונג!...

★

הימל און ערד האָבן געשווירן, אז אמתע ליבע זאָל אָבער נישט בלייבן פאַרבאָרגן. אומדערוואַרט און אומגעריכט האָט דאָך אונדז עמיץ באַמערקט זאַלבעצווייט און אין דער ערשטער ריי דערטראָגן וועגן דעם צום טאַטן אין קוזשניע. פון שושקעריי און שטילע רכילותן האָבן די יידן גענומען רעדן אָפן וועגן מיין אויפפירונג.

— דינה! אוי, אַזאַ שיין מיידל און זיך פאַרפירט מיט שקצים!

— וואָס אַזעלכעס האָט זי דערזען אין דעם סאַלטוסעס זונדל?

— מען טאָר דעם ענין נישט אריינלאָזן אין דער ווייטער באַנק אריין!

— מען מוז זי וואָס שנעלער חתונה מאַכן, אָבער קיינער אויסער דעם שגץ געפעלט איר נישט! זי איז אַ פארלוירענע!

— זי וועט נאָך געבוירן פון אים אַ ממזר! איר'ט זען!

איך בין געוואָרן גלייכגילטיק צו אַט די אלע גערײדערייען. עס האָט מיר אויפגעהערט אָנגיין אפילו דאָס וואָס די יידישע בחורים און מיידלעך רעדן וועגן מיר, מיידן מיך אַפילו אויס, אָדער ווען זיי טרעפן מיך באַגעגנען זיי מיך מיט אַן איראָנישן שמייכעלע אויף די ליפּן. מילא, זאָלן זיי לאַכן. פארקערט, איך לאַך פון זיי. איך פארטראָג זיי נישט. באַזונדערס די בחורים.

מיין האַס צו זיי איז טיף אין מיין האַרצן נאָך גרעסער געוואָרן. זיי האָבן דאָך נישט די ווערדע דעם מינדסטן שטויבעלע, וואָס פאלט אַראָפּ פון פאַוועלס פיס... ווייל אַט די שמענדריקעס ווילן אַ שטומע אַ קרומע, אבי אין אמעריקע זאָל זי האָבן אַ מומע...

נישט קיין וואונדער, וואָס מיין טאַטנס געדולד האָט געפּלאַצט ווען איך האָב נישט געוואָלט הערן פון קיין שום שידוך מיט אַ יידישן בחור, אין וואָס די „גוטע יידן" האָבן זיך אריינגעלייגט. ער, מיין טאַטע איז נאָך מער פאַרשלאָסענער געוואָרן אין זיך. שווייגעוודיקער און בלויז ווען איך בין צוזאַמען מיט אלע געזעסןביים טיש, האָט ער אומגערן מיר צוגעוואָרפן אַ קרומען בליק. די זעלבע בליקן האָבן מיר צוגעשענקט אויך הערשעלע און גיטעלע. בלויז דער מאַמעס בליקן זענען געוועזן ווייך, ווי תמיד. פול מיט מיטלייד און רחמנות, גלייך זי וואָלט אָפּגעפילט וואָס עס קומט פאָר אין מיין האַרצן. טייערע מאַמע! וויפל צער עס האָבן מיר דאַן פארשאַפט אַט די מאַמישע בליקן, וועלכע באַגלייטן מיך ביז היינטיקן טאָג! קיינמאָל קיינמאָל וועל איך זיי נישט פארגעסן! — — —

אָפּטמאָל האָב איך געהאַט דאָס געפיל, אז דער טאַטע האָט זיך מתיאש געוועזן פון מיר. זיין שווייגן האָט מיך געפּייניקט מער ווי ווען ער וואָלט גערעדט, אָדער אַפילו געשריגן צי מיך געשאָלגן. זאָל ער מיך טויטן אַבי ער זאָל נישט שווייגן אזויפיל און מיך נישט פּייניקן מיט זיינע אויסגעלאָשענע קוזשניע־אויגן. זאָל ער! — — —

ביז...

איין טאָג...

ערב זונטיק איז עס געווען. אַט דעם זונטיק וועל איך אייביק געדענקען. איך בין געווען פארשיכורט פון פרייד און פארגעסונג. צוזאַמען מיט פאַוועלן האָב איך אונטער די זיסע קלאַנגען פון יאַווכימקעס האַרמאָניע און „באַמבאַ־ליטע" נישט אויפגעהערט צו טאַנצן. די פּויערישע כאַטע, ווו די טאַנצולקע

איז פֿאַרגעקומען איז געווען איבערפֿולט מיט טאַנצנדיקע שקצים און שיקסעס — און איך צווישן זיי. און מיט מיר די גאַנצע וועלט, וואָס האָט זיך געדרייט אין אַ קאַראַהאַד פֿון פֿאַרגעסונג, פֿון אומבאַשרייבלעכער פֿרייד. נעבן מיר איז געווען ער, פּאַוועל. מיר זענען ביידע געווען גליקלעך. ער — גליקלעכער פֿון מיר, ווייל אים איז געלונגען מיך איבערצורעדן און אריינציִען אין געטאַנץ. איבעריקנס, האָט ער לאַנג נישט געדאַרפֿט איינטענהן מיט מיר. שטייענדיק הינטערן פֿענסטער פֿון דער הודזשעדיקער כאַטע, האָב איך פֿאַרלוירן יעדע הערשאַפֿט איבער מיינע פֿיס, וואָס האָבן זיך געהויבן פֿון זיך אליין צום טאַנץ. בייך. איך בין נישט מער געווען בכוח צו צוימען מיינע געפֿילן און ווילן, מיין גלייכגעוויכט און דענקען.

די מוזיק־קלאַנגען האָבן געריסן שטיקער פֿון מיין האַרץ און נשמה. איך האָב קיינעם און גאָרנישט געזען אויסער אים. אין טאַנץ בין איך געווען איינע פֿון אַלע. אַלץ אין מיר האָט געזינגען. מיין קערפּער האָט געשוועבט אין דער לופֿטן, אריבער פֿון הענט צו הענט. יעדער שגץ האָט געוואָלט מיט מיר אַ טאַנץ טון.

— עך, דוניא, ווי דו טאַנצסט! די בעסטע טענצערקע ביסטו דאָך, יעי באהו!... פּאַוועל האָט נישט געקאָנט פּראָטעסטירן. אזוי איז אָנגענומען אויף די פֿאַרווייִלונגען. אַלע געהערן צו אַלעמען. אַ קאַלייסדאָסקאָפּ פֿון מוזיק און טאַנץ. ווער עס כאַפּט דיך אויס מיט דעם מוזט גיין. פֿאַרוואָס דען נישט?...

און... אין מינוט ווען איך בין געווען אויפֿן סאַמע העכסטן שטאַפּל פֿון גליק און פֿאַרגעסונג, האָב איך פּלוצים דערפֿילט, ווי עמיץ האָט מיך פֿעסט אַ צי־געטון פֿאַרן קלייד. גיטעלע!? — עס איז מיר פֿינסטער געוואָרן פֿאַר די אויגן. „וואָס טוסטו דאָ, גיטעלע, האַ? אויך געקומען?...״ — איך לאַך אין פֿאַרלעגנהייט.

— דער טאַטע האָט געזאָגט, אז דו זאָלסט תּיכּף גיין אהיים!!! — האָט גיטעלע שאַרף אַ זאָג געטון און אין דער רגע פֿאַרשוווּנדן פֿון דער אָנגעגליטער כאַטע.

איך האָב זיך ארויסגעדרייט פֿון די הענט פֿון שגץ מיט וועלכן איך האָב געטאַנצט און ארויסגעלאָפֿן נאָך גיטעלען. פּאַוועל האָט אין דער רגע געטאַנצט מיט אַ צווייטער און עס נישט באַמערקט. איך בין געווען צעשוויצט און צעיאָכמערט, אָבער דערזעענדיק אינדרויסן מיין טאַטן, בין איך שנעל אָפּגעקילט געוואָרן. דאָס האַרץ האָט אַ זעץ געטון.

— זאָלסט תּיכּף גיין אהיים, חצופֿה, האָסט געהערט???...

ווי אַן אָפּגעשמיסענע האָב איך גענומען גיין פֿאָרויס און דער טאַטע מיט

גיטעלען נאָך מיר. איך האָב פאַרשטאַנען וואָס עס דערוואַרט מיך אין דער היים און האַסטיק גענומען פּלאַנירן וואָס איך זאָל זאָגן דעם טאַטן אויף זיינע פאַרוואורפן און געשרייען. זאָל ער מיר באַר פּרובירן שלאָגן — וועל איך שוין וויסן וואָס איך האָב צו טון!...

איך בין אין שטוב אַריינגעפּראַלט. און נאָך איידער איך האָב באַוויזן זיך אָפּשליסן אין מיין צימער, איז גלייך אַריינגעפאַלן נאָך מיר דער טאַטע און, נישט רעדנדיק קיין וואָרט, גענומען מיך באַשיטן מיט אַזעלכע פלוצימדיקע קלעפּ, אַז עס איז מיר גלייך פינסטער געוואָרן פאַר די אויגן. ער האָט גאָרנישט געפרעגט און נישט גערעדט. זיינע אויגן זענען אָנגעגאָסן געוואָרן מיט ווילדער רויטקייט.

—היינט וועט שוין זיין דיין סוף! — האָט ער געברומט, נישט אויפהע־רנדיק מיך שלאָגן — מער וועל איך עס שוין נישט דולדן! ניין! ניין!!!

עס האָט נישט געהאָלפן דער מאַמעס אַריינמישונג, ווי איר שטייגער. ער האָט זי ברוטאַל אָפּגעשטופּט פון זיך, אָנגעכאַפּט מיך ביי די האָר און נישט אויפגעהערט שלאָגן אָן רחמנות, ווי ער וואָלט באמת געוואָלט מיך ממיתן.

— שמואל! שמואל! — האָט די מאַמע געשריגן מיט אַלע כוחות — ביסט היינט באמת אַראָפּ פון זינען! גוואַלד, באַדענק זיך וואָס דו טוסט! וועסט זי דאָך דערהרגענען!

— איך וועל זי דערהרגענען און א סוף! — האָט ער זיך נאָך מער צעברומט און געקרעכצט, ווי ער וואָלט אַליין געווען א פאַרוווּנדעטער — ניין! ניין! זי וועט שטאַרבן און קיין משומדתטע וועט זי נישט ווערן! מיר דער טויט, אָדער איר!!!

די גאַנצע הויט האָט געברענט אויף מיין לייב. צום אָנהויב האָב איך געהאַט דעם געפיל, ווי עמיץ וואָלט פלוצים אַרויפגעגאָסן אויף מיר אַ טאָפּ זודיקע וואַסער. אַ קעסל אָקריפּ. איך האָב געשריגן, זיך געריסן פון זיינע הענט, אָבער ביסלעכווייז האָב איך בכלל אויפגעהערט פילן די קלעפּ. איך האָב פאַרקריצט די ציין און נישט געקענט מער שרייען. באַלד וועט ווירקלעך קומען מיין סוף...

איצט האָבן אויך געשריגן גיטעלע און הערשעלע. זיי האָבן צוזאַמען מיט דער מאַמע גענומען אָפּשלעפּן דעם טאַטן פון מיר. איך בין געלעגן אויפן בעט און זיך געוועדט מיט די הענט און פיס. נישט דערלאָזן אים צו זיך. עס האָט נישט געהאָלפן.

די מאַמע האָט זיך גענומען ראַנגלען מיט אים. איך האָב אינסטינקטיוו אים

געגעבן אַ פעסטן שטויס פון זיך מיטן פוס אין בויך און זיך אַרויסגעדרייט פון זיינע הענט.

א צעווילדעוועטע און צעיאכמערטע בין איך ארויסגעלאָפן אין צווייטן צימער און פון דאָרט אין גאַס ארויס. ער איז מיך נאָכגעלאָפן, אָבער די מאַמע האָט אים ווידער פארשטעלט דעם וועג, פארשלאָסן די טיר. איינדרויסן, פאַרן שטוב, האָבן ווי דאָס ערשטע מאָל, זיך פארזאַמלט אַ שיער מענטשן, פויערים און אויך יידן פון דאָרף. איך האָב געהערט געלעכטערס.

— שמוליק שלאָגט שוין ווידער זיין דינהן!

— עך, ווען דאָס טרעפט אויף מיר!...

— ווען איך בין אויף פּאוועלס אָרט וואָלט איך אים גוט אָנגעבראָכן די ביינער, אָט דעם שמוליקן, ווי גאָט איז מיר ליב!...

מער האָב איך גאָרנישט געהערט. איך בין געלאָפן, ווי אַן אונטערגע־שאָסענע חיהלע. איך האָב זיך נישט אָפּגעגעבן קיין רעכענונג וווהין איך לויף, אָבער אַ פעסטער באַשלוס איז געבוירן אין מיין האַרצן: וואָס מיט מיר זאָל נישט פּאַסירן — דאָס מאָל וועל איך אַהיים זיך מער נישט צוריקקערן!...

אין יענער גורלדיקער נאַכט, האָב איך אַפילו נישט געאַנט, ביי וועלכע אויסטערלישע אומשטענדן מיר וועט נאָך אויסקומען צו טרעפן זיך מיט מיינע עלטערן און באַזונדערס מיט מיין טאַטן...

# אין שוץ פון צלם

די נאַכט איז געווען אַ קילע. אַ האַרבסטיקע נאַכט. מיר איז אָבער געווען הייס. אַלץ האָט געפינצטערט פאַר מיינע אויגן. די פייערלעך פון די פּויערישע כאַטעס. די פאַרבייגייענדיקע פויערים און פורערטעס, וואָס האָבן מיך נישט דערקענט אַדאַנק דער נאַכט־טונקלקייט. מיינע פּלייצעס האָבן ווייי געטון. דאָס פּנים געפלאַמט. איך האָב געוווסט, אַז אין אַזאַ צושטאַנד קען איך אין ערגעץ נישט אַריינקומען, הגם איך בין געווען זיכער, אַז יעדער פויער וואָלט מיך אַריינגעלאָזן איבערצונעכטיקן ביי אים אין דער כאַטע, וויסנדיק וואָס מיט מיר האָט פּאַסירט.

קומענדיק אַביסל צו זיך, האָב איך באַשלאָסן ווידער אַוועק אין פעלד אַריין. כ׳וועל איבערשלאָפן אונטער אַ סטאָג היי און מאָרגן וועל איך זען וואָס איך האָב צו טון. כ׳וועל אַוועק אין דער וועלט. ווו די אויגן וועלן טראָגן. כ׳וועל ווערן אַ דינסט־מיידל. כ׳וועל טון די שווערסטע אַרבעט, אַבי

מער נישט אָנקוקן דעם דאָרף און טאַטנס שטוב, וואָס איז מיר געוואָרן דער־ווידער, ענג.

פון פעלד האָט געווייעט אַ קאַלטער ווינט און די פינצטערניש האָט געשראָקן. אַפילו די גערטנער הינטער די כאַטעס האָבן איצט אויסגעזען מוראדיק, ווי... רוחות וואָלטן זיך באַהאַלטן צווישן די „טיטשקעס" און מעזשעס; ווי טויזנטער שדים וואָלטן מיך אָפּגעוואַרט, כדי אָוועקטראָגן אין וויסטן טשערעט, דאָרט ביים לאַנגן טייך...

— וואָס זאָל איך טון? וווהין זאָל איך גיין? ווו זאָל איך זיך אַהינ־טון? ווו?

און ווידער איז מיר אַרויף אויפן געדאַנק:

— פּאַוועל! צו אים!!!...

ער איז נאָך זיכער פאַרבליבן אויף דער טאַנצולקע. מסתמא מיינט ער, אַז איך האָב פאַרלאָזן די פאַרוויילונג אויס מורא פאַרן טאַטן. אים אַפילו נישט געזאָגט וועגן דעם...

איך האָב זיך געלאָזט אין דער ריכטונג צו אַלעקסייס כאַטע, אָבער גייענדיק בין איך געבליבן שטיין. וואָס טו איך? ער קען נאָך, חלילה, אויסנוצן מיין הילפסלאָזיקייט. אינדערצאמתן מיין איך דאָך נישט מיט אים פאַרבונדן מיין לעבן אויף אייביק. דאָס איז נאַריש. מעג איך אים טאָקע ליב האָבן ביז משוגעת. אַזאַ זאַך אָבער קומט מיר גאָר קיינמאָל נישט אַרויף אַפילו אויפן זינען. דאָס איז לעכערלעך. איך וויל נאָר ער זאָל זיין מיט מיר און איך מיט אים. איך זאָל אים זען יעדן טאָג. יעדע ווייל, אָבער חתונה האָבן מיט אים?...

צו מיין אומגליק האָט נאָך גענומען טריפן אַ קליין רעגנדל. דאָס רעגנדל האָט זיך פאַרשטאַרקט מיט יעדער מינוט. מיינע צעפּלאָשעטע האָר זענען שנעל נאַס געוואָרן. דאָס צעריסענע קליידעלע אין אייניקע ערטער — פייכט. וואָס מער איך גיי אַלץ נאַסער ווער איך. עס נעמט מיך אַרום אַ קעלט. אַלץ און אַלע האָבן זיך באַהאַלטן אין די כאַטעס. די גאַס איז פּוסט. די הימלען שוואַרץ. צי איז מיר אַזוי וואָלקנדיק אין די אויגן, אָדער האָט זיך עס באמת אָנגערוקט אַ גרויסע כמאַרע?

גאָר שנעל האָט אַ בליץ דורכגעריסן דעם הימל און גלייך האָט אַ פּלייץ געטון אַ בייסיקער רעגן. איך בין צוגעלאָפן צו אַ כאַטע און זיך געשטעלט אונטערן שטרויענעם דאַך. אין דער כאַטע האָבן די פויערים שוין געשלאָפן, אויסער דעם הונט אין הויף, וואָס האָט מיך דערשנאַפּט און זיך גענומען רייסן צו מיר.

איך בין שנעל אַריבערגעלאָפן צו אַ צווייטער כאַטע און זיך ווידער געגומען שיצן פון רעגן, וועלכער האָט מיט איבערייסן זיך פאַרשטאַרקט און אָט ווידער קלענער געוואָרן. איך בין געשטאַנען געטוליעט צו דער וואַנט און זיך איינגעהערט אין גיסנדיקן רעגן. אַז דער רעגן האָט זיך איינגעשטילט זענען צו מיינע אויערן דערגאַנגען אָפּגעהאַקטע קלאַנגען פון צווייטן עק דאָרף.

קיינער און גאָרנישט איז מיר איצט נישט אָנגעגאַנגען. איך האָב געפילט אַ שרעקלעכן פאַרדרוס צו אַלץ און צו אַלעמען, צו דער גאַנצער וועלט, צו די שקצים און שיקסעס. זיי איז דאָרט גוט זיך צו פאַרווײַלן אין דער צייט ווען איך שטיי אַ צעשלאָגענע און נאַסע, אַ ציטערדיקע פון ווייטיק און האַס. וואָס וועט זיין? וואָס וועט זיין מיט מיר?

איך האָב זיך געגוויטיקט אין אַ מענטש — אַ מענטש, וואָס זאָל נעמען אַן אָנטייל אין מיין ווייטיק און פאַרדרוס. מיר זאָגן וואָס איך זאָל טון. ווו נעמט מען אָבער אַזאַ איינעם, וואָס וואָלט פאַרשטאַנען מיין גורל, אין דער דאָזיקער פינצטערער און רעגנדיקער נאַכט?

די מוזיק־קלאַנגען, וואָס האָבן זיך נאָך דערטראָגן צו מיר, זענען ראַפּ־טום אָפּגעהאַקט געוואָרן. די פייערן אין די כאַטעס זענען לאַנג אויסגעלאָשן געוואָרן, אָבער דער רעגן הערט נאָך אַלץ נישט אויף. עס טוט אַ בליץ אין הימל און באַלד אַ קנאַל פון אַ דונער — אַ צושפּיל צו מיין עלנטקייט.

בלית ברירה האָב איך זיך אַוועקגעלאָזט צו אַלעקסייס שייער. איך וועל זיך דאָרט איינגראָבן אין היי און איבערשלאָפן. קיינער וועט נישט וויסן וועגן דעם. אַפילו נישט פּאַוועל. און מאָרגן פרי, וועל איך צופוס זיך אַוועקלאָזן אין שטאָט.

צו מיין גרויסער אַנטוישונג איז דער שייער געווען געשלאָסן אויף אַ גרויסן שלאָס. אויך די שטאַלן, צוליב די אָפטע גניבות אין דאָרף. מיין לאַגע איז געווען אַ פאַרצווייפלטע, אָבער אַ שטיקל גליק האָב איך גע־האַט, וואָס דער הונט איז געווען צוגעבונדן אויפן קייט. טאָמער וואָלט ער געווען איצט פריי, וואָלט מיין לאַגע געווען נאָך ערגער.

נישט געווען כמעט קיין כאַטע אין דאָרף, ווו עס איז נישט געווען קיין הונט צו היטן די „כאַזייסטווע". אַז די הינט האָבן זיך ביינאַכט צעבילט איז געווען אַ פּחד אַרויסצוגיין אויף דער גאַס און גאַנץ אָפּט האָבן זיי געשטערט דעם שלאָף.

באַזונדערס האָבן זיי געיאָמערט ווען עס איז אויסגעבראָכן אַ שריפה, אָדער ווען זיי האָבן דערפילט וועלף זיך דערנענטערן צו די שטאַלן,

וואָס האָט נישט איינמאָל פּאַסירט, איבערהויפּט אין שפּעטן האַרבסט, אָדער אין די ווינטערדיקע נעכט, ווען זיי זענען געווען הונגעריק. דעמאָלט זענען זיי, די וועלף, געקומען אין גאַנצע סטייען צום דאָרף און נישט איינמאָל פאַרצוקט אַ פאַרבלאָנדזשעטע קו, אָדער יונג לאָשאָקל.

פּלוצים האָט אַ סקריפּע געטון די טיר און פון אַלעקסייס שטוב איז עמיץ אַרויסגעקומען. איך האָב אין דער נאַכט־טונקלקייט דערקענט אַלעקסייס הויכע פיגור. ער איז צוגעגאַנגען צו דער בודע, ווו דער הונט איז געווען צוגעבונדן און זיך געריסן פון קייט. ער האָט גענומען רעדן צו אים:

— וואָס בילסטו אַזוי שטאַרק, בורי? וועמען האָסטו דאָרט דער־זען? — גנבים צי וועלף?

דער הונט האָט איינגעהאַלטן זיין יאָמער און אין דער נאַכט־שטיל־קייט האָב איך געפילט זיין חניפה און היבטישע קאָקעטעריע צו זיין באַלעבאָס. איך בין געווען זיכער, אַז אַלעקסיי וועט אַראָפּלאָזן דעם הונט פון דער קייט און איך בין מיט שטילע טריט אַרונטערגעלאָפן אין גאָרטן, וואָס האָט זיך געצויגן ביז די הרודעס.

צו מיין גליק האָט אַלעקסיי נישט אַראָפּגעלאָזט דעם הונט פון דער קייט. ער איז בלויז געשטאַנען אַ ווײַלע. זיך איינגעהערט אין דער נאַכט־שטילקייט און טריפנדיקן רעגנדל. דאַן איז ער צוגעגאַנגען צו די שטאַלן און שייערן, אַ פּרווו געטון די שלעסער צי זיי זענען אין אָרדענונג און איז גלייך אַריין אין שטוב. ערשט איצט בין איך מיט שטילע טריט ווידער אַרויף אויפן הויף און זיך געשטעלט אונטערן דאַך פון שייער. דאָ האָט דער ווינט נישט געהאַט קיין שליטה אויף מיין דורכגעווייטיקטן און דורכגענעצטן לייב. עס איז מיר געווען היימלעכער און איך האָב ווידער גענומען זוכן אַ שוץ ווי אַזוי איבערצוקומען די נאַכט.

שטיל בין איך געשטאַנען הינטערן שייער און זיך געטוליעט צו זיינע הילצערנע ווענט נישט ווויסנדיק, אויף וואָס איך האָב צו האָפן אין דער דאָזיקער שעה. איך בין געווען זיכער, אַז פּאַוועל שלאָפט שוין, אָדער איז אַוועקגעפאָרן אויף „באַצלעג”. אין בעסטן פאַל איז ער אַוועק צו איינער פון די שיקסעס, מיט וועלכע ער האָט געטאַנצט, כדי איבערשלאָפן די נאַכט, ווי דאָס זענען זיך נוהג דאָס רוב שקצים. מסתמא איז ער געווען בייז אויף מיר, מיינענדיק, אַז איך האָב אים פאַרלאָזן אינמיטן דער פאַר־ווײַלונג.

פּלוצים האָב איך דערהערט פעסטע טריט, וואָס האָבן זיך דערנענ־

טערט צו דער טיר פון שטוב. דער הונט, וואָס האָט זיך איינגעשטילט מיט געביל־איבעררייסן, האָט היימיש זיך גענומען חנפהנען און איך האָב דער־הערט פּאַוועלס שטים:

— בו־רי? בורעק!

— פּאַ־וועל!!! — האָב איך כמעט אויסגעשריגן, לויפנדיק אים אַנט־קעגן — פּאַ־וועל, גוט, וואָס איך האָב דיך געטראָפן! פּאַ־וועל!!!

— דוניאַ!? — ער איז מיר געלאָפן אַנטקעגן. נישט געגלויבט זיינע אויגן. איך בין אים אַריינגעפאַלן אין די אָרעמס און דוכט זיך צום ערשטן מאָל אין מיין לעבן זיך צעוויינט אַזוי שטאַרק.

— באַרואיק זיך, דוניאַ. — האָט ער געזאָגט שטיל. — דו ביסט דאָך אינגאַנצן נאַס. קום אַריין אין שייער. איך ווייס וועגן אַלץ. דיין באַרישער באַטקאַ האָט דיך ווידער געשלאָגן. איך בין געווען ביי אייער שטוב. פּיל שכנים האָבן נאָך געשטאַנען און גערעדט וועגן דעם, ווי אַזוי ער האָט דיך געקאַטעוועט. איך האָב דיך אַרומגעזוכט.

ער האָט מיך אַוועקגעפירט צום שייער, אַרויסגענומען פון אונטער דער סטריכע, פון באַהעלטעניש, דעם שליסל און אויפגעמאַכט דעם טויער. אַ ציטערדיקע פאַר קעלט בין איך אַריין אינעווייניק. דאָ איז געווען פּיל היי און תבואות. עס איז מיר געוואָרן וואַרעם און היימלעך.

— וואַרט, טייערע, — האָט ער געזאָגט צו מיר אַנטשלאָסן — איך וועל דיר ברענגען אַ רעדנע פון שטוב און דו וועסט דאָ אין היי איבער־שלאָפן. מאָרגן פרי וועלן מיר זען, וואָס עס וועט זיין...

נישט וואַרטנדיק אויף מיין ענטפער, איז ער שטיל אַרויס פון שייער און גאַנץ שנעל זיך צוריקגעקערט מיט דער רעדנע. ער האָט מיך איינ־געהילט אין איר און געהאָלפן אַרויפגראַבלען זיך אויך אויפן היי. ער איז גלייך אַרויף נאָך מיר און מיך צוגעדעקט, אַז איך זאָל זיך דער־וואַרעמען.

— אַ דאַנק, פּאַוועל. דו ביסט ווירקלעך גוט צו מיר. איצט לאָז מיך איבער און גיי שלאָפן. איך וועל דאָ איבערנעכטיקן אין שייער און מאָרגן פרי...

— איך וועל דיך נישט לאָזן אַליין. שרעק זיך נישט, דונקאַ, איך וועל דיר נישט טון קיין שלעכטס. — האָט ער געמורמלט שטיל מיך הייס אַרומגענומען און צוגעטוליעט צו זיך — אַזוי וועט דיר זיין וואַרעמער...

עס איז מיר ווירקלעך געווען וואַרעם נעבן אים. פון זיין געזונטן קערפּער האָט אַריבערגעשטראָמט אַ מאָדנע וואַרעמקייט אין מיינע צעוויי־

טיקטע אברים, ווי דעמאָלט, ווען מיר זענען ביידע געווען אין פעלד און פיל מער ווי ביי אַלע אַנדערע געלעגנהייטן, בעת מיר זענען געווען זאַלבע־צווייט. איך האָב געפּרוווט פאַרגעסן מיין ווייטיק. איך האָב געוואָלט פון אַלץ פאַרגעסן. געוואָלט, אָבער נישט געקענט.

ווען איך האָב צוגעמאַכט מיינע אויגן איז אויסגעוואַקסן דעם טאַטנס צעבייזערט געשטאַלט און עס איז מיר באַפאַלן אַן אומהיימלעכקייט און שרעק.

אינדרויסן האָט נישט אויפגעהערט רעגנען און דונערן. פאַר יעדער דונער האָט זיך ערגעץ אויפגעשפּאָלטן אַ שטיק הימל און דורך די שפּאַרעס האָט אַריינגעבליצט אַ בליאַסק ליכט, וואָס האָט זיך גלייך אויסגעלאָשן און נאָך מער פאַרטיפט די נאַכט־פינצטערניש. פאַוועל האָט אַוועקגעלייגט מיין קאָפּ אויף זיין ברייטער ברוסט און צוגעטוליעט זיך צו מיר נאָך מער.

עס איז מיר נאָך קיינמאָל אַזוי גוט נישט געווען, ווי אין די דאָזיקע מינוטן. לאַנגע יאָרן שפּעטער האָב איך געלעבט מיט די זכרונות פון אָט די רגעים, וועלכע זיינען דוכט זיך געווען די שענסטע און גליקלעכסטע אין מיין לעבן, טראָץ די קלעפּ, וואָס איך האָב אַריינגעכאַפּט און טראָץ די מורא־געפילן, וואָס האָבן מיך געהאַלטן אין קלעם...

איך געדענק נישט אַ נאַכט אין מיין לעבן, אויסער אפשר אין די גאַר יונגע קינדער־יאָרן, אַז איך זאָל האָבן אַזוי שטאַרק געשלאָפן. די מידקייט און פאַוועלס וואַרעמקייט האָבן מיך איינגעוויגט, אָבער אַז איך האָב מיט פאַרטאָג זיך אַדורכגעוועקט, האָט צוזאַמען מיט מיר זיך אויך דורכגעוועקט צוריק מיין פאַרצווייפלונג. וואָס זאָל איך טון? מיין חלום זיך אַוועקלאָזן אין דער וועלט איז ביי פאַוועלס זייט, ליגנדיק אין זיינע אָרעמס, צערינען געוואָרן.

— איך וועל דיך אָפּפירן צו מיין שוועסטער, צו סטעפען — האָט פאַוועל געזאָגט צו מיר מיט מענערישער אַנטשלאָסנקייט, פאַרשטייענדיק מיין לאַגע — דו וועסט דאָרט פאַרבלייבן אַ געוויסע צייט. זיי וועלן דיך גוט אויפנעמען. סטעפאַ און קאַראָל זענען קינדערלאָז, וווינען אין אַ גאַיוווקע, אין וואַלד. ביי זיי איז שטיל און זיי האָבן מכל טוב. עס וועט דיר דאָרט גאָרנישט פעלן. פאָלג מיר.

איך האָב אים געפאָלגט. איך וועל איר דאָרט העלפן אין דער ווירטשאַפט, נייען איר קליידער אויף וויפל איך קען עס און זי וועט טאַקע זיין צופרידן פון מיר.

שטיל האָבן מיר זיך אַרויסגעשאַרט פון שייער און אַוועק אין פעלד,

ווי עס האָט זיך געפּאַשעט אַלעקסייס פערד. פּאַוועל האָט אים געכאַפּט פאַר דער גריווע, פונאַנדערגעפּענטעט, אַרויפגעזעצט מיך אויף אים און אויך אַליין זיך געזעצט. אינגיכן זענען מיר געווען אויפן וועג צו דער גאַיוווקע, וואָס האָט זיך געפונען אַרום דרייסיק קילאָמעטער פון מיין דאָרף רע־טשיצע.

דער פרימאָרגן איז געווען אַ נעפּלדיקער, אַ פייכטער. דאָ און דאָרט זענען געשטאַנען קאָפּעס היי און תבואה צוגעקלאַפּט פון נעכטיקן שלאַקס־רעגן. דער וועג איז געווען אַ בלאָטיקער, אַ שווערער, וואָרום מיר זענען געפאָרן דורך פעלדער און אומוועגן, כדי קיינעם נישט אָנטרעפן פון די פּאַסטוכער, וואָס האָבן מיטן שאַריען אויף טאָג אַרויסגעטריבן זייערע טשע־רעדעס אויף דער אָטאַווע. (צווייטער גראָז־אָנוווקס, נאָכן אַראָפּשניידן די ערשטע גראָזן).

איך בין געזעסן הינטן און מיט ביידע הענט אַרומגעקלאָמערט פּאַוועלס טאַליע. צולייגנדיק מיין קאָפּ צו זיין פּלייצע און פאַרמאַכנדיק די אויגן האָב איך געהאַט דאָס געפיל, ווי איך וואָלט זיך געטראָגן אין יענע אויס־געבענקטע ווייטקייטן, וואָס האָבן זיך מיר איצט געמאָלן אין גרויע פאַרבן.

אין די ראָוועס,ביים ברעג שליאַך, אויף וועלכן מיר זענען שפּעטער אַרויפגעפאָרן, האָבן זיך געוואַלגערט פייכט־געלבע בלעטער און אָן אַ שיער איבערצייטיקע פעלד־באַרעלעך, וואָס דער ווינט האָט אַראָפּגעריסן נעכטן ביינאַכט. פּאַוועל האָט פאַרהאַלטן דאָס פערד נעבן אַזאַ באַרל־בוים און שנעל אַראָפּגעשפּרונגען פון פערד. ער האָט מיט געשווינדקייט אָנגעהויפט אַ ביסל באַרעלעך און מיר דערלאַנגט.

— עס, דונקאַ, ביסט הונגעריק און צו דער גאַיוווקע איז נאָך ווייט.

— נישט נויטיק, פּאַוועל. — האָב איך אים געדאַנקט מיט פאַרליבטע בליקן. — עס גלוסט זיך מיר איצט גאָרנישט. איך וואָלט נאָר געוואָלט, אַז קיינער זאָל אונדז נישט אָנטרעפן.

— איצט איז נישטאָ וואָס מורא צו האָבן. באַלד וועלן מיר דערגרייכן דאָס דאָרף דעמידאָווקע. און פון דאָרט איז שוין גאָרנישט אַזוי ווייט. איז דיר דען שלעכט צו זיצן?

— עס איז מיר גוט, זייער גוט, פּאַוועל...

ער האָט זיך שנעל אַרויפגעכאַפּט אויפן פערד און מיר זענען געפאָרן ווייטער. דורך דעם גרויען הימל האָבן זיך גענומען אַדורכרייסן די ערשטע שטראַלן פון דער פאַרשפּעטיקט־אויפשטייענדיקער זון. פונדערווייטנס האָט זיך סילואירט דאָס דאָרף דעמידאָווקע. וואָס מער מיר האָבן זיך דער־

נעבעטערט צום דאָרף, אַלץ מער האָט גענומען זעצן אין מיר מיין האַרץ. איך האָב לאַנג נישט געדאַרפט זוכן די סיבה דערפון. סוף כל סוף האָב איך פאַרלאָזן מיין היים. זיך אַפילו נישט געזעגנט מיט מיין גוטער מאַמע און נישט מיט גיטעלען און הערשעלען. זיי וועלן מיך זיכער אַרומזוכן. ניין, איך האָב נישט געוואָלט מער טראַכטן וועגן דעם. נישט געוואָלט טראַכטן וועגן נעכטיקן אָוונט.

צוקומענדיק צו אַ קרייץ־וועג האָט פאַוועל אָפּגעקערעוועט אַנטרינקען דאָס פערד פון אַ קרעניצע, וואָס האָט זיך געפונען נישט ווייט פון שליאַך. נעבן סאַמע שליאַך איז געשטאַנען אַ הילצערנער הויכער צלם, שוואַרץ פון אַלטקייט און רעגן. אויפן צלם איז, אין אַ געקרייציקטער פּאָזע, צוגענאָגלט צום צלם, געהאָנגען דער קריסטלעכער משיח, גאָטס זון, יעזוס. ער איז געווען אַרומגענומען מיט אַ קראַנץ יאָדלע־צווייגלעך און זיינע צוזאַמענגענומענע פיס זענען געווען אַרומגעהילט מיט אַן אויסגעבייטן לייוונטענעם פאַרטוך, וואָס האָט איצט אַ פייכטער זיך געווייעט אין פעלד־ווינט.

איך ווייס נישט פאַרוואָס עס איז איבער מיינע ביינער אַדורך אַ פאַרבאַרגערנער ציטער. נישט איינמאָל איז מיר אויסגעקומען, אויף מיין וועג אין שטאָט, צו זען אַזאַ צלם מיטן געקרייציקטן. פאַרבייפאָרנדיקע פויערים און פויערטעס האָבן זיך געצלמט און איך, אַז איך בין פאַרבייגעפאָרן, האָב איך מורא געהאַט זיך אָפּשטעלן נעבן צלם. איך פלעג אים כמעט פאַרביילויפן פונקט ווי איך פלעג פאַרביילויפן די „מאָיאַלקעס" (קריסטלעכן בית עלמין), וואָס עס איז מיר אויסגעקומען פאַרבייגיין, אָדער פאַרבייפאָרן פון דאָרף אין שטאָט.

אַז איך האָב זיך שפּעטער איינגעוווינט צום צלם, האָב איך אַפילו נישט איינמאָל זיך אָפּגעשטעלט און איינגעקוקט זיך אין געקרייציקטנס פּנים, וואָס האָט אויסגעזען בלייך און יסורימדיק. איך האָב געהאַט פיל מיטלייד מיט אָט דעם קריסטלעכן גאָט און באַדויערט הלמאי ער הענגט אַזוי אין רעגן און שטורעם און קעלט, אַפילו די ערלעכסטע פויערים, גייט עס נישט אָן. ווי קען מען עס אַזוי?...

איך בין געווען צופרידן, ווען פאַוועל האָט אָנגעטרינקען דאָס פערד און מיר זענען צוריק אַרויפגעפאָרן אויפן שליאַך. איך האָב זיך ווידער געקלאַמערט אין פאַוועלס פיגור און געזעסן מיט צוגעמאַכטע אויגן, אָנגעלענט מיין קאָפּ צו זיין וואַרעמער פּלייצע, אין וועלכער איך האָב געפילט שוץ און זעלבסטזיכערקייט.

מינוטנווייז האָט זיך מיר אויסגעדוכט, אַז עמיץ יאָגט מיך נאָך. אפשר

די מאַמע. אפשר דער טאַטע, אָדער עמיץ אַנדערש פון די יידן אין דאָרף. אין מיינע אויערן האָבן נישט אויפגעהערט קלינגען דער מאַמעס אַמאָליקע ווערטער: „דינה, באַדענק זיך! באַדענק זיך! קער זיך אום!". נאָר... איך האָב זיך נישט אומגעקערט.

ביי די געדאַנקען וועגן מיין היים האָב איך יעדע ווילע אויפגעשוי־דערט און שיער פאַרלירן דאָס גלייכגעוויכט. פאַוועל האָט עס דערפילט און מיך אַ פרעג געטון:

— איז דיר נישט באַקוועם, דונקא?

— עס איז מיר זייער באַקוועם, פאַוועל. פאַר שנעלער, איך בעט דיך!...

ער האָט מיטביידע פיס אַ שטויס געטון דעם פערד אונטערן בויך און איך בין שטאַרק געווען צופרידן ווען דאָס פערד האָט גענומען לויפן אין גאַלאָפּ. אַזוי איז מיר בעסער געווען. דאָס גאַלאָפּירן פון פערד האָט מיר פאַרטושט די געדאַנקען.

— און אָט איז שוין דעמידאָווקע! — האָט פאַוועל איבערגעריסן מיינע געדאַנקען — נאָך עטלעכע קילאָמעטער און מיר זענען אין דער גאַיוווקע.

פונדערווייטנס האָב איך דערהערט קלינגען די גלעקער. עס איז געווען זונטיק און גערופן די פויערים אין צערקווע אַריין. אַך, אָט די גלעקער!! זיי האָבן מיך ווידער געמאַכט אויפציטערן. דאָס מאָל מער ווי תמיד. נישט ווילנדיק האָב איך אויפגעהויבן מיינע אויגן צום שפּיץ קלויסטער, אויף וועלכן עס האָט זיך געהויכט דער צלם. אין קופּאָל, ביי אַן אָפענער טירל, איז געשטאַנען דער קאָסציעלנער און געצויגן פאַר אַ דין שטריקל. ביי יעדער צי — אַ בים־באַם פון ריזיקן גלאָק, וואָס איז צוגעבונדן צום שטריקל. יעדער קלאַנג — אַ מוראדיקער זעץ איבער מיין צערווישטן קאָפּ.

איך בין צופרידן, וואָס אַדאַנק די פרימאָרגן־שעהן זענען נאָך ווייניק פויערים אינדרויסן. בלויז עטלעכע פויערטעס שטייען אינמיטן גאַס, ביים הילצערנעם ברונעם, און איינע פון זיי שעפּט וואַסער צום פרימאָרגן־פריש־טיק. די איבעריקע פויערטעס שטייען און וואַרטן אין דער ריי און דערווייל כאַפּן זיי אַ שמועס, אַ רכילותל, צווישן זיך. זיי זענען איצט געפוצט יום־טובדיק. גרייט צו גיין נאָכן פרישטיק אין דער צערקווע. הינטער אייניקע כאַטעס, אויף די פּריזבעס, זיצן שוין די עלטערע פויערים און רויכערן זייערע לאַנגע ליולקעס און אויך זיי זענען געקליידעט אין זייערע זונטיקדיקע סיער־געס, וואָס גיט זיי צו אַ האַמעטנעם אויסזען.

איך בין צופרידן ווען מיר פאַרלאָזן ענדלעך דאָס דאָרף דעמידאָווקע, איבער וועלכן מיר גאַלאָפּירן אַדורך שנעל, אויסמיידנדיק די בליקן פון די

פּויערים און די פּויערטעס, וואָס קענען זיך אָנשטויסן ווער איך בין. אַלנ־פאַלס דוכט זיך מיר אַזוי.

איצט פאָרן מיר ווידער אויף אַ שליאַך. דער שליאַך איז שמאָל און זאַמדיק. אַדאַנק דעם נעכטיקן רעגן איז דאָס זאַמד איינגעקלאַפּט און מיר פאָרן שנעל. פונדערווייטנס זעט זיך שוין דער וואַלד און לענגאויס — דער טייך האָרין, וואָס ציט זיך וויטע קילאָמעטערס, פאַרביי וועלדער, פעלדער און דאָרפישע ישובים. און אָט זענען מיר שוין אינעווייניק, אין וואַלד. אויף דער ערד וואַלגערן זיך אַראָפּגעשליידערטע אַלטע שישקעס און געלע בלעטער. עס וואַקסן יאַגעדעס, די זשוראַכווינעס, אָזשינעס און סמאָראָדינע שמעקן מיט אַ פאַרשיכורנדיקן ריח. איך פיל זיך גוט צווישן די ביימער. הלוואי וואָלט איך זיך געפילט אַזוי גוט צווישן מענטשן. זיי שטייען, די הויכע סאָסנעס, און שווייגן. פאַרשפּרייטן אַ באַלזאַמירנדיקן ריח און זייערע שפּיצן רוישן מיט באַרואיקנדיקן געמיט.

ווי פון אונטער דער ערד וואַקסט פּלוצים אויס אַ גרויסע שטוב, געדעקט מיט רויט־קאָלירעדיקע טשערעפּיצע. די לאָדנדלעך געפּאַרבט אויף גרין און דער שטאַכעטן־פּלויט — אויף בלוי. אַ געמיטלעכע שטילקייט הערשט דאָ אַרום דער געביידע. אַ גרויסער גאָרטן מיט שיין־געפּאָרמטע בייטלעך, באַזעצט מיט פאַרשידענע גרינצייגן. פיל פון די זומער־גרינצייגן איז שוין אויסגעריסן. עס וואַקסן דאָ אויך אַ סך ביימער פון עפּל, באַרנעס, אַגרעסן און אָזשינעס. די ריחות זענען דאָ שטאַרקער ווי ערגעץ אַנדערשוווּ אין וואַלד. עס דערקוויקט און באַרואיקט.

אַ געביל פון אַ הונט באַגריסט אונדזער אָנקומען און באַלד זענען מיר אין הויף, ווו עס שטייען סטאָגעס היי און הורבעס געמלייצעטע שטרוי. ריזיקע שייערן און שטאַלן. אָן שיער הויפישע הינער. קאַטשקעס און גענדז. עס מאַכט דעם איינדרוק, ווי מיר וואָלטן זיך געפונען אין אַ פּאָלוואַרק, אַ פּריצישן גוט.

אין טיר באַווייזט זיך סטעפאַ. דערזעענדיק אונדז קומט זי אונדז אָן אַנטקעגן מיט גאַסטפרײנדלעכקייט:

— אָ, וועלכע געסט! זיך גאָרנישט געריכט! איך האָב זיך שוין געקליבן גיין קיין דעמידאָווקע אין קלויסטער. קאַראָל איז אין וואַלד. ער וועט מסתמא אויך באַלד קומען.

סטעפאַ כאַפּט אַ בליק אויף מיר און פרעגט נישט גאָרנישט, אָבער מיר דוכט זיך, אַז אין אירע מויל־ווינקלען באַהאַלט זיך אַ פאַרשייטער שמייכל. דאָס שמייכל גיט צו נאָך מער שיינקייט איר קיילעכדיקן פּנים,

וואָס שײַנט אַרויס פֿון איר סאַליסאָווער געבלומטער פּאַטשיילע, וועלכע קליידט איר אַזוי שטאַרק.

פּאַוועל שפּרינגט אַרונטער פֿון פֿערד און נעמט מיך אַראָפּ אויף זײַנע אָרעמס, ווי אַ קינד. ער שמייכלט גליקלעך און איך באַמערק זײַן ווונק צו סטעפֿען, וועלכע נעמט מיך כמעט אונטערן אָרעם און פֿירט אין שטוב אַרײַן. זי פֿרעגט מיך גאָרנישט און איך בין שטאַרק צופֿרידן, וואָס זי איז אַזוי קלוג און פֿרעגט גאָרנישט.

— איך וועל באַלד מאַכן פֿרישטיק — זאָגט סטעפֿאַ און מײַדט אויס קוקן אויף מיר, כדי איך זאָל זיך נישט פֿילן שלעכט. איך ווייס נישט צי זי שטויסט זיך אָן נאָך וואָס איך בין געקומען אַהער, אָבער איר פֿאַרהאַל־טונג גיט מיר אַ גוט געפֿיל. איך באַטראַכט כלומרשט איר שטוב און אַנטציק זיך פֿון דער גרויסער אָרדענונג, וואָס דאָ הערשט. עס פֿיכלט פֿון יעדעס ווינקעלע. מײַנע בליקן פֿאַלן נישט ווילנדיק אויפֿן גרויסן צלם, וואָס הענגט אויף דער וואַנט, ווי אויך אויף די אָן שיער באַפּוצטע איקאָנעס.

ווען סטעפֿאַ גייט אַרײַן אין קיך צוגרייטן פֿאַר אונדז פֿרישטיק, גייט גלייך אַרײַן נאָך איר פּאַוועל. ברודער און שוועסטער שושקען זיך דאָרט לענ־גערע מינוטן. נאָכדעם קומט ער אַרויס אַ צופֿרידענער. זײַן פּנים שטראַלט און ער טוט אַ זאָג צו מיר:

— דאָ וועסטו קענען פֿאַרבלײַבן אַזוי לאַנג ווי דו וועסט וועלן. סטעפֿאַ איז זייער אַ קלוגע און איז שטאַרק צופֿרידן. עס איז איר אומעטיק דאָ אַליין אין דעם גרויסן מלוכהשן הויז, וואָס איז געגעבן געוואָרן קאַראָלן אַלס גאַיאָווי. איך וועל דיך דאָ קענען אָפּט באַזוכן און...

ער האָט נישט פֿאַרענדיקט. איך האָב נישט געוואָלט, אַז ער זאָל פֿאַרענדיקן זײַנע ווערטער. איך האָב פֿאַרשטאַנען וואָס ער וויל זאָגן, אָדער טראַכט און עס איז מיר באַפֿאַלן אַ שרעק.

פּלוצים איז מיר באַפֿאַלן אַ רעזיגנאַציע־געפֿיל, וואָס האָט פֿאַרנומען דאָס אָרט פֿון פּחד. עס איז מיר אַלצאיינס. כ׳וועל במילא דאָ לאַנג נישט זײַן. כ׳וועל אַוועק אין דער וועלט אַרײַן... אפֿשר אַפֿילו מיט אים, מיט פּאַוועלן...

# אַזוי האָט געוואָלט מיין גורל

אַזוי האָב איך געטראַכט. מיין גורל האָט אָבער געוואָלט אַנדערש. איך בין פאַרבליבן אין דער גאַיוווקע ביי סטעפען און קאַראָלן. זיי זענען געווען צו מיר אויסערגעוויינלעך גוט און פריינדלעך, בפרט נאָכדעם, ווי זיי האָבן זיך דערוווּסט וואָס און צוליב וואָס מיט מיר איז געשען. זיי האָבן שוין אויך געוווּסט, אַז איך ווער אַרומגעזוכט דורך מיינע עלטערן און דאָ, אין דער וואַלד־שטילקייט איז די סכנה קלענער, אַז מען זאָל מיך געפונען.

פּאַוועל האָט מיך באַזוכט יעדן טאָג און איבערגעגעבן, וואָס עס טוט זיך ביי מיר אין דער היים. דער גאַנצער דאָרף גייט כּאָדראָם. אַלע זאָגן, אַז איך בין אַוועק אין דער וועלט, אָדער אַז פּאַוועל באַהאַלט מיך אויס, נאָכדעם ווי ער האָט מיט מיר חתונה געהאַט אין דער שטיל. איך געדענק נישט צי איך בין געווען באַזאָרגט פון אָט די ידיעות, אָדער נישט. פאַר מיר איז אָבער געווען קלאָר, אַז איך טאָר זיך נישט ווייזן מער אין דאָרף. מיין פּלאַץ איז מער נישט ביי מיינע עלטערן. איך בין פאַראַכטעט דורך די יידן פון דאָרף און ביי מיינע עלטערן וועל איך סייווי מער נישט האָבן קיין תקומה. נישטאָ קיין כּוח, וואָס זאָל מיך צעשיידן מיט פּאַוועלן, וועלכער איז פאַר דער צייט אויסגעוואַקסן אין מיינע אויגן נאָך אין אַ גרעסערן העלד און מיין ליבע צו אים איז נאָך שטאַרקער געוואָרן.

מיין ליבע מיט פּאַוועלן איז מער נישט געווען פאַרבאָרגן פאַר סטעפען, קאַראָלן, אָדער אַפילו פאַר פּאַוועלס עלטערן. פאַרקערט, ווען פּאַוועל איז געקומען צו מיר, האָט ער מיר געבראַכט פאַרשידענע מתנות. ער האָט זיך מיט מיר אָפּגעשלאָסן אין אַ באַזונדערן צימער און סטעפאַ מיט קאַראָלן האָבן זיך באַמיט נישט שטערן אונדזער ליבע. אָפטמאָל איז ער געבליבן נעכטיקן ביי סטעפען און פאַרשטייט זיך געשלאָפן צוזאַמען מיט מיר. נישט סטעפאַ און נישט קאַראָל האָבן געזען אין דעם וועלכן עס איז פאַרברעכן. סטעפאַ האָט מיר געגעבן צום אָנטון אירע קליידער און שיך ביז פּאַוועל האָט געקויפט פאַר מיר נייע. אַז איך האָב זיך דערזען אין שפּיגל, ווי איך זע אויס אין די קליידער פון אַ שיקסע, האָב איך טרויעריק געשמייכלט

צו זיך זעלבסט. סטעפאַ און קאַראָל האָבן נישט אויפגעהערט מיך לויבן:

— דוניאַ, דו זעסט דאָך אויס ווי אַן אמתע פויערטע, אַן אונדזעריקע אויף גאַנצע הונדערט פּראָצענט!

— איך בין זיכער, — האָט קאַראָל זיך געוויצלט, — אַז דו שטאַמסט נישט פון קיין יידישן טאַטן. נישט אַנדערש, אַז דיין מאַמע האָט געמוזט זינדיקן מיט אַ שיינעם פויער פון דאָרף, אָדער זיך פּאַרקוקט אויף עמיצן. זע סאַרע בלויע אויגן דו האָסט! בלאָנדע האָר און שלאַנקע פיגור!

— נישט אומזיסט קען פּאַווליוק מיינער נישט לעבן אָן דיר קיין שעה, דוניאַ — האָט סטעפאַ גערעדט צו מיר ליבלעך — איר וואָלט שוין ביידע געדאַרפט חתונה האָבן און שוין. האָסט נישט וואָס צו טון ביי דיינע יידן דאָרט. קאַראָל וועט זיך אויסטאַרען פאַר פּאַוועלן אַ רעוויר, וווּ ער וועט זיין גאַיאָווער און איר וועט ביידע לעבן גליקלעך. פאָלג מיר!

די ערשטע צייט האָבן סטעפעס רייד מיך געשראָקן, אָבער שפּעטער האָב איך זיך אַזוי איינגעוווינט צו זיי, אַז איך האָב זיי בלויז אויפגענומען מיט אַ שמייכל. אויך פּאַוועל האָט נישט אויפגעהערט רעדן מיט מיר וועגן דעם און געמאָלן פאַר מיר אַ גליקלעכע צוקונפט. „וועסט לעבן ביי מיר, ווי אַ גרעפין" — האָט ער נישט אויפגעהערט מיך איינרעדן.

— זי וועט זיך אויסלערנען די קריסטלעכע תורה גיכער ווי עמיץ אַנדערש — האָט קאַראָל גערעדט ווויליונגעריש — נישקשה, זי האָט אַ יידישן קאָפּ און וועט אַלץ שנעל איבערנעמען. איבעריקנס, איז די קריסטלעכע רעליגיע נישט אַזאַ שווערע, ווי די יידישע. עס וועט זיין גע־נוג, אַז דער „באַטיושקאַ", דער קסיאָנדז פּראָבאָשטש, וועט איר סוויעב־ציען מיט הייליק וואַסער און אויפקלערן אַ ביסל וועגן קאַטעכיזם, די קריסטלעכע חגאות. דאָס אַלץ.

אָפט מאָל האָבן זייערע רייד אַרויסגערופן אַ געלעכטער ביי מיר. דעם אמת געזאָגט, האָט עס מיר שוין פיל נישט אויסגעמאַכט. איך האָב זיך צוגעוווינט צום שטייגער לעבן ביי סטעפען, וועלכע האָט מיר נישט איינמאָל צוגערעדט, אַז איך זאָל גיין מיט איר אין קלויסטער אויס נייגעריקייט, כדי כאַפּן אַ קוק, ווי לייכט עס איז צו זיין אַ קריסטין, ווי אַזוי מען גייט צום ספּאָוויעדז און וועלכע מאַדליטוועס מען דאַרף קענען. עס איז גענוג צו קענען אויף אויסנווייניק „אָטשע נאַש", קניען פאַר דער הייליקער מוטער און די אַנדערע קרוצעפיקסן, אָדער קושן דעם גלח אין האַנט. דאָס זענען אַלץ לייכטע זאַכן, וואָס איך וועל זיך צוגעוווינען מיט דער צייט.

איין טאָג איז געקומען אַלעקסיי מיט מאַריען צו סטעפען. דאָס איז

געוועזן אין אַ זונטיקדיקן טאָג. איך האָב פאַרשטאַנען, אַז דאָס האָט פּאַוועל זיי געוואָלט צוגרייטן צו זיין באַשלוס חתונה האָבן מיט מיר. דערזעענדיק מיך אין די קליידער פון אַ פּויערטע, האָבן זיי זיך געוואָלדיק אַנטציקט מיט מיין אויסזען. „אַן אמתע אונדזעריקע" — האָבן זיי אויך באַשטעטיקט. „זעט, ווי שיין זי איז! פּאַווליוק אונדזערער האָט אַ ריכטיקן געשמאַק, יעי באָהו!".

— זוכן מיך נאָך אַרום מיינע עלטערן? —— האָב איך געפרעגט אַלעק־סייען און מאַריען מיט פאַרביטערונג און מורא אין האַרצן.

— פאַרשטייט זיך, אַז זיי זוכן. — האָט אַלעקסיי געזאָגט אַרויספּרוקנדיק זיין האָזענע קוטשמע אויפן שטערן און פאַרריכערט זיין לאַנגע ליולקע — וואָס דען, זיי זוכן אַרום. עך, נישטאָ וואָס צו רעדן!...

ער האָט אַ מאַך געטון מיט דער האַנט און איך האָב פאַרשטאַנען, אַז ער האָט מיר עפּעס צו דערציילן וועגן דעם. איבעריקנס, בין איך אַליין געווען שטאַרק נייגעריק צו וויסן, וואָס עס טוט זיך ביי מיינע עלטערן אין שטוב און ווו זיי זוכן מיך אַרום. ביינאַכט, אויף מיין געלעגער ביי סטעפּען, ווו איך האָב זיך געפילט אַזוי גוט, האָט מיך דאָך אַרומגענומען אַ ציטער, ווי נאָר איך האָב אַ טראַכט געטאָן וועגן מיין היים. מיין נייגיר צו וויסן וואָס דאָרט קומט פאָר איז געווען אומגעהויער גרויס. איך בין געווען זיכער, אַז אַלעקסיי און מאַריאַ ווייסן וועגן אַלץ, בפרט, אַז זיי זענען אַ נוגע אין דער זאַך.

— דערציילט מיר, איך בעט אייך, וואָס טוט זיך ביי מיינע עלטערן? — האָב איך געבעטן.

— עך, נישטאָ וואָס דערציילן. — האָט אַלעקסיי נאָך אַ רגע שטיל־שווייגן זיך אָפּגערופן — איך פאַרשטיי זיי נישט, כאָטש דיין באַטקאָ איז נישט קיין שלעכטער זשיד און דיין מאַמע איז אַ גוטע זשידוווקע, אַזוי צו זאָגן.

— האָט איר זיי געזען די לעצטע צייט?

— געזען, פאַרשטייט זיך געזען. — האָט אַלעקסיי רואיק געענטפערט און געהאַלטן אין איין פּיפקען זיין ליולקע, געזויגן דעם ציבוק און יעדע ווילע צוגעדריקט מיטן פאַרגעלבטן נאָגל דאָס בלעכענע דעקעלע פון זיין ליולקע.

מאַריאַ איז די גאַנצע צייט געזעסן און געשוויגן. זי האָט זיך בלויז איבערגעקוקט מיט אַלעקסייען און איך האָב אין זייערע בליקן אַרויסגעפילט

אַ זייטיקע כוונה. איך האָב געהאַט דעם איינדרוק, אַז זיי באַהאַלטן עפּעס אויס פון מיר. דאָס האָט נאָך פאַרגרעסערט מיין נייגיר און איך בין צוגעשטאַנען צו זיי, אַז זיי זאָלן מיר דערציילן ווען און ווו זיי האָבן געזען מיינע עלטערן און וואָס מען רעדט וועגן מיר אין דאָרף. ווען אַלעקסיי האָט געזען, אַז ער קען זיך נישט אָפּפּטרן פון מיר מיט אָפּגעהאַקטע ווערטער, האָט ער גענומען דערציילן אויספירלעך ווען און ווי אַזוי ער האָט זיך געטראָפן מיט מיין מאַמע.

— דאָס איז געווען צוריק מיט אַ פּאָר טעג. — האָט ער אָנגעהויבן דערציילן, רעדנדיק געלאַסן און מיושבדיק.

איך האָב אָנגעשפּיצט מיין געהער, כדי אויפכאַפּן זיין יעדעס וואָרט און ער האָט פאַרגעזעצט:

— יאָ, דאָס איז געווען מיטאָג־צייט. פּאַוועל איז אין שטוב נישט געווען. פּלוצים הער איך ווי בורי מיינער רייסט זיך, ווי ער וואָלט דערזען אַ וואָלף, אָדער אַ טייוול, אַזוי צו זאָגן. ער איז געווען אַראָפּגעלאָזן פון קייט. מאַריאַ האָט זיך אַרומגעפּאָרעט אין קיך, ביים אויוון. זי האָט געכאַפּט אַ קוק אין פענצטער, פאַרוואָס רייסט זיך אַזוי דער הונט? „ווייסט, — זאָגט זי צו מיר, — גאָלדאַ, שמוליק דעם שמידס זשינקע גייט". „נו, זאָל זי גיין — זאָג איך, — וועסט זי נישט אַדורכטרייבן". איך כאַפּ אַ קוק אין פענצטער, עכע, ריכטיק, איך זע דיין מאַמע שטיין אינמיטן הויף און דער הונט לאָזט זי נישט גיין. ער רייסט זיך צו אירע פיס, אָט־אָט צערייסט ער זי. איר שאַל איז אַראָפּגעפאַלן פון אירע אַקסלען און דער הונט האָט עס אָנגעכאַפּט מיט די ציינער, פליקט אויף וואָס די וועלט שטייט, אַזוי צו זאָגן.

— און איר? — האָב איך איבערגעהאַקט אַלעקסייס דערציילונג — פאַרוואָס האָט איר נישט צוגעבונדן דעם הונט?

— וואַרט, הער אויס ביזן סוף — האָט אַלעקסיי געזאָגט אַ שפּיי־טועבדיק פּעסט אויף דער פּאָדלאָגע — פאַרשטייסט... איך האָב דאָך געהאַלטן פּונקט אינמיטן עסן. איך הער זי שרייט: „אַלעקסיי! אַלעקסיי! האָב רחמנות! ער וועט מיך צערייסן!" נו, איז טאַקע מאַריאַ גלייך אַרויסגעלאָפן און צוגעבונדן דעם הונט. ערשט איצט איז זי אַריינגעקומען אינעווייניק, אין שטוב אַריין. אַריינגעקומען איז אַריינגעקומען. איך האָב זי געבעטן זיצן: „זיץ, גאָלדאַ!", אָבער זי — ווי נישט איר מיינט מען. שטייט אינמיטן שטוב, מיטן שאַל אין די הענט און וויינט, אַזוי צו זאָגן. פרעג איך זי: „גאָלדאַ, וואָס וויינסטו? הע? האָט דיר עמיץ שלעכטס געטון אין דאָרף, הע?" און

יל... זי האָט זיך אויסגעווישט די אויגן און גענומען שיטן פּעך און שוועבל, אַזוי צו זאָגן.

— איך זיץ און עס און זי שטייט און רעדט. „פּאַניע סאַלטוס, — זאָגט זי צו מיר מיט אַ וויינענדיקער שטימע — זאָגט מיר ווו איז מיין דינה. ווו באַהאַלט זי זיך אויס?" „פּונוואַנען זאָל איך וויסן, ווו איז דינה? — ענטפער איך און זעץ פאַר דאָס עסן. וואָס דען זאָל מען טון מיט אַ נאַרישער זשי־דווקע, האַ? גלייך, ווי איך וואָלט באַהאַלטן איר דינהן ביי זיך אין טאַש, טראַסציא וו'יעהאָ מאַטערי!

— זי איז צוגעשטאַנען, ווי אַ קלעק, זאָג איך דיר. — האָט אויך מאַריאַ גענומען דערציילן — צום אָנהויב האָבן מיר איר בכלל נישט געוואָלט ענטפערן, אָבער וועסט זיך נישט אָפּטשעפּען פון אַזאַ איינער. אַן אמתע סליאַטאַ, זאָג איך דיר.

— פּאַרשטייסט — האָט אַלעקסיי איבערגעשלאָגן מאַריעס רייד און ווי־דער גענומען דערציילן, צערעדט זיך לויט זיין פריערישן שטייגער — זי האָט אונדז ממש אַרויסגעבראַכט פון געדולד, זאָג איך דיר. „גוטע מענטשן — האָט זי געהאַלטן אין איין איבערחזרן — איך בין זיכער, אַז איר ווייסט ווו מיין דינה איז. איך האָב שוין אָפּגעפרעגט שטיין אוןביין. אַלע לאַכן פון מיר. די פּאַסטוכער מאַכן חוזק און זאָגן, אַז זיי האָבן אַליין געזען, ווי זי האָט זיך דערטרינקען. די עלטערע פויערים טענהן, אַז זיי וויסן נישט. וועמען איך פרעג, ענטפערט מען מיר בלויז איין ענטפער: „נע טשווו אי נע באַטשיוו" (נישט געהערט און נישט געזען). אָבער דו ביסט אַ סאַלטוס און דיין פּאַוועל ליבט זיך מיט איר, מיט מיין דינהן, איז דיין חוב מיר זאָגן, ווו מיין דינה געפינט זיך."

— נו, גיי רעדט מיט אַזאַ איינער — האָט אַלעקסיי זיך אַ קראַץ געטון אין דער פּאַטילניצע — גיי גיב איר צו פאַרשטיין, אַז אויך איך האָב דאָך אין דער אמתן צום אָנהויב נישט געוווסט, ווו דו ביסט. ערשט איצט, אַז פּאַווליוק אונדזערער האָט אונדז דערציילט ווו דו ביסט און אַז ער גרייט זיך מיט דיר חתונה האָבן אויף אַן אמת, בין איך אַלץ געוווירע געוואָרן. דעם אמת געזאָגט איז עס מיר אַלצאיינס. זאָל ער חתונה האָבן מיט וועמען ער וויל. מען דאַרף גיין אין צערקווע, צום באַטיושקאַ און דיך פריער אויס־צלמען, אַנדערש גייט נישט, אַזוי צו זאָגן. אַז אונדזער סטעפּאַ האָט חתונה געהאַט מיט קאַראַלן, האָט עס מיר אויך נישט אויסגעמאַכט. קאַראַל איז אַ קאַטאָליק און מיר זענען פּראַוואָסלאַוונע, אָבער ביידע גלויבן אין יעזוסן. אַנדערש איז דאָך מיט דיר. נישט אַזוי? הע?

איך האָב געשוויגן. דאָס האַרץ מיינס איז געווען פאַרקלעמט. עס איז מיר געווען אומעטיק אויפן האַרצן פון אַלעקסייס רייד. איך האָב געוואָלט וויסן עפּעס מער וועגן מיינע עלטערן. אומזעבאַרע פעדים האָבן מיך נאָך געהאַלטן צוגעבונדן צו זיי, אָבער קיין צוריקוועגס צו זיי האָב איך שוין נישט געזען. מיין ליבע צו פּאַוועלן האָט איבערגעוויגן אַלץ אין דער וועלט. איך האָב זיך געפונען אין אַזאַ לאַגע, אַז איך האָב מער גאָרנישט געזען. איך וועל חתונה האָבן מיט פּאַוועלן, אָדער איך וועל שטאַרבן!

און שטאַרבן האָב איך נישט געוואָלט. איך האָב געוואָלט לעבן. איך האָב אים געליבט און בין געווען געליבט. מיר איז געווען אַלצאיינס צי איך וועל לעבן מיט פּאַוועלן אַלס יידישקע צי אַלס קריסטין. קיין אָנהענגערין פון רעליגיעס ביז איך נישט. „יעדער מענטש איז אַ מענטש, אויב ער איז נאָר אַ מענטש" — האָב איך באַרעכטיקט מיין ליבע מיט פּאַוועלן — „אַלדאָס איבעריקע איז נישט מער ווי צוגעטראַכט דורך די מענטשן. די געטער און די טראַדיציעס. עס איז מיר אַלצאיינס צי מען בעט גאָט אין יידיש, פּויליש, אָדער אין אַן אַנדער שפּראַך. אויב גאָט איז איינער פאַרשטייט ער מסתמא אַלע שפּראַכן, וואָרום ער האָט דאָך באַשאַפן אָט די אַלע מענטשן מיט אַזוי פיל שפּראַכן..."

אָט אַזוי האָב איך געטראַכט ליגנדיק אַליין אויפן בעטל ביי סטעפען אין די שלאָפלאָזע נעכט, ווען פּאַוועל איז נישט געווען מיט מיר. איך האָב אָט די געדאַנקען איינמאָל אַרויסגעזאָגט הויך, אויף אַ קול, פאַר קאַראָלן און סטעפען. קאַראָל האָט מיך שטאַרק געלויבט פאַר דעם און געהאַלטן, אַז איך בין זייער פאַרגעשריטן. אין אַ סך פּרטים האָט ער איינגעשטימט מיט מיר. דאַקעגן זענען פּאַוועלס עלטערן נישט אַזוי געווען צופרידן, וואָס זייער פּאַווליוק גייט חתונה האָבן מיט אַ יידישקע, הגם זיי האָבן עס געהאַלטן פאַר אַ גרויסן כבוד, וואָס דינה, וועלכע האָט פאַרענדיקט אַ „פּאָוו־שעכנע" און איז אַזוי גראַמאָטנע, האָט זיך גראָד אַזוי שטאַרק פאַרליבט אין זייער זון. זיי האָבן אָבער דורכאויס געוואָלט, אַז איך זאָל אָננעמען דעם פּראַוואָסלאַוונעם גלויבן, זיך אויסצלמען און דאַן איז עס בכלל פון די גרויסע זאַכן צו „ראַטעווען אַ זינדיקע יידישע נשמה"...

ווען פּאַוועל פלעגט קומען צו מיר, האָב איך אויך געהאַלטן אין איין פרעגן זיך ביי אים אויף מיינע עלטערן. איך האָב געפילט פאַרדרוס צו מיין טאַטן, אָבער איך האָב געהאַט מיטגעפיל צו מיין גוטער מאַמע. איך בין גרייט געווען אַלץ טון, כדי אויפקלערן מיין מוטער און אַפילו דעם טאַטן,

אַז איך האַלט נישט מיין ליבע מיט פּאַוועלן אַלס פאַרברעכן. מיר ליבן זיך דאָך ביידע. ער איז גוט צו מיר. גרייט אויף אַלץ, טאָ פאַרוואָס זאָלן זיי אונדז שטערן?...

איך האָב אָבער געוווּסט, אַז דאָס זענען פּוסטע חלומות. מיינע עלטערן וועלן קיינמאָל נישט איינשטימען, אַז אַלעקסיי דער סאָלטוס זאָל ווערן זייער מחותן און מאַריאַ זייער מחותנתטע.

אַז אין דאָרף, אָדער אין שטעטל איז פאָרגעקומען אַ יידישע חתונה האָבן די מחותנים געשפּילט אַ גרויסע ראָל. די מחותניסטעס האָבן זיך אָנגעקליידעט אין זייערע אַלטע זשופּיצעס, וואָס זיי האָבן זיך אויפגעגבייט נאָך צו זייערע אייגענע חתונות. כלי־זמרים האָבן געשפּילט „פריילעכס" און מען האָט געטרינקען „לחיים". שפּעטער האָט מען געטאַנצט חסידישע טענץ און מען האָט געגעסן „גאָלדענע" יאַיכלעך און געטיילט זיך מיט לעקעך און טאָרט. אַזוי פאַרשידנאַרטיק פון די חתונות ביי די פּויערים! אַ קלייניקייט מחותנים! יחוס!...

אַזוי האָב איך געטראַכט, אָבער טיף אין האַרצן האָט מיר וויי־געטון און געשראָקן, וואָס איך האָב זיך אַזוי דערווייטערט פון מיינע עלטערן.

פּאַוועל האָט געוווּסט, אַז עס טוט מיר וויי, וואָס איך האָב זיך דער־ווייטערט פון מיין משפּחה און אויף מיין יעדע פראַגע צי ער האָט זיך געטראָפן מיט זיי, מיט מיינע עלטערן, האָט ער געלייקנט, כדי מיר נישט פאַרשאַפן קיין שמערץ.

— לאָז צו רו מיט זיי. — האָט ער געזאָגט ערנסט — ווייסט זיי במילא נישט איבערצייגן, דונקאַ. זיי זענען אַלטגלויביקע. ווייסט מיט זיי גאָרנישט מאַכן.

ער האָט מיך דערביי אַרומגענומען און הייס געקושט און אין זיינע אָרעמס האָב איך ווידער פאַרגעסן אַלץ אין דער וועלט.

איינמאָל, דאָס איז געווען ערב אונדזער שליוב, ווען ער איז שוין געווען זיכער, אַז איך וועל פון אים קיינמאָל נישט אַוועק, האָט ער מיר דערציילט ווי אַזוי ער האָט זיך געטראָפן מיט מיין מאַמע. דאָס איז געווען אין אַ יאַריד־טאָג. ער איז געפאָרן איינקויפן פאַרשידענע קליידער פאַר מיר און מתנות. צוזאַמען מיט אים איז אויך געפאָרן סטעפאַ. איך האָב מורא געהאַט זיך באַווייזן צווישן יידן.

— ווען איך האָב זי דערזען — האָט פּאַוועל מיר דערציילט — האָב איך געפּרוווט זי אויסמיידן, אָבער זי האָט מיך דערזען און מיך פאַרהאַלטן.

סטעפּאַ איז פּונקט אַריין אין אַ קראָם, כדי איינצוקויפן נאָך אייניקע זאַכן און איך בין געגאַנגען צום וואָגן, כדי אָוועקלייגן די פּלעשער בראָנפן, וואָס איך האָב איינגעקויפט. ווען זי איז געבליבן שטיין נעבן מיר, האָב איך זי פּשוט נישט דערקענט — אַזוי אויסגעבלייכט איז זי געווען. מיינע באַקאַנטע און חברים האָבן מיר נאָך פריער דערציילט, אַז זי גייט אַרום איבער וועגן און זוכט דיך אַרום. אָפּטמאָל זעט מען זי אינגאַנצן אַן אויס־געוויקטע פון רעגן. זי דרייט זיך אַרום ביים טייך. מיינט ווייזט אויס, אַז דו האָסט זיך טאַקע דערטרינקען. שפּעטער, ווען פּויערים האָבן איר אויפגעקלערט, אַז ווען דו וואָלסט זיך דערטרינקען, וואָלט דער טייך דאָך אַרויס־געוואָרפן דיין טויטן קערפּער, האָט זי גענומען גלויבן, אַז איך באַהאַלט דיך אויס ערגעץ. צום גליק שטויסט זי זיך נישט אָן, אַז דו געפינסט זיך דאָ, ביי סטעפּען, אין דער גאַיוווקע.

— און וואָס האָט זי דיר געזאָגט? — בין איך געווען אומגעדולדיק.

— פּאַוועל, — איז זי צוגעשטאַנען צו מיר, — דו און נאָר דו ווייסט ווו דינה געפינט זיך. זאָג מיר כאָטש צי זי לעבט? — האָט זי זיך געבעטן, אָבער איך האָב מורא געהאַט איר זאָגן אַ וואָרט וועגן דעם, וואָרום זי וואָלט זיך גלייך אָנגעשטויסן וועגן אַלעם. איך האָב איר דעריבער געענט־פערט, ווי אַלע: „נע טשווו אי נע באַטשיוו". נישט געהערט און נישט געזען...

— און זי? — האָב איך געפרעגט מיט ווייטיק.

— זי האָט מיר געדראָט, אַז זי וועט מעלדן אין דער פּאָליציי, אַז איך האָב דיך דערטרינקען, אָדער דערהרגעט. „מעלדע — האָב איך געזאָגט מיט כעס — מיין טאַטע איז אַ סאָלטוס און די פּאָליציי ווייס גוט, אַז איך בין נישט קיין פאַרברעכער".

— און זי?

— גאָרנישט. זי איז געשטאַנען נעבן מיר, ווי זי וואָלט זיך געוואָלט אויף מיר וואַרפן און שלאָגן. „מיין נישט, אַז דיין טאַטע איז אַ סאָלטוס האָב איך מורא פאַר אים! — האָט זי געזאָגט מיט כעס — אָבער איך בעט דיר מיט גוטן. זאָג מיר ווו מיין דינה איז. זי איז אַ יידישקע! דו טאָרסט נישט חתונה האָבן מיט איר..."

— און דו?

— איך האָב מער גאָרנישט געענטפערט. איך האָב זיך אָפּגעקערעוועט פון איר און בין אַוועק, אָבער איך בין זיכער, אַז דיינע עלטערן וועלן

נישט וואָגן מעלדן אין דער פּאָליציי. ערשטנס האָבן זיי מורא פאַר מיין טאַטן און צווייטנס וועט שוין זיין נאָך אַלעמען. מיר מוזן בלויז צואיילן מיט דער חתונה און דעמאָלט וועלן זיי אויך פאַרשטיין, אַז איך בין נישט קיין פאַרברעכער צוליב דעם, וואָס איך ליב זייער טאָכטער און זי ליבט מיך. איבריקנס, וועלן זיי זיך איבערצייגן וועגן דעם...

איך בין געשטאַנען מיט פאַרטרערטע אויגן און מער גאָרנישט גע־פרעגט. און ער:

— איך שווער דיר, דונקא! איך שווער דיר! האָב נישט מורא! איך בין גרייט מיין לעבן אַוועקגעבן פאַר דיר! זאָל מיך אַ דונער טרעפן אינמיטן העלן טאָג, אויב איך זאָג ליגן! גלויב עס מיר! וועסט זען! וועסט לעבן ווי אַ גרעפין!...

יאָ, איך האָב אים געגלויבט! איך האָב געגלויבט, אַז אונדזער ליבע איז אַזוי שטאַרק, אַז עס איז נישטאָ קיין קראַפט אין דער וועלט, וואָס וואָלט זי געקענט שטערן. נישטאָ קיין קראַפט, וואָס זאָל אונדז קענען פונאַנדער־שיידן... איך בין שוין פון לאַנג גרייט אויף אַלץ! אויף אַלץ! אויף אַלץ! —

## מיין חתונה מיט פּאַוועלן

עד היום קלינגען אין מיינע אויערן די גלאָקן פון קלויסטער, בעת איך בין געגאַנגען מיט פּאַוועלן צום שליוב: „גלין־גלאָן! גלין־גלאָן! גלין־גלאָן!!!". איך בין אויסגעפּוצט אין אַ סאַטין־ווייסן קלייד, וואָס פּאַוועל האָט צוגעקליבן פאַר מיר, לויט סטעפּעס געשמאַק. אויפן קאָפּ טראָג איך אַ קרענצל געפלאָכטן פון פאַרשידענע בלומען. פון אונטערן קרענצל הענגען צעשאָטן מיינע לאַנגע, בלאָנדע צעפּ, אויף וועלכע עס פלאַטערן קאָלירטע, זיידענע סטענגעס. מיין האַלדז איז באַצירט מיט פיל שנירלעך פּאַציערקעס (קרעלן), וואָס גיט מיר צו דעם אויסזען פון אַן עכט פּויעריש מיידל. די „טופליעס" מיט די הויכע קנאַפּלען מאַכן מיך נאָך שלאַנקער און שטעטישער.

אַלע באַוווּנדערן מיך. קענען זיך נישט אָנקוקן אין מיין בליענדיקער שיינקייט, געפונען נישט גענוג ווערטער צו לויבן מיך. איך כאַפּ אומגערן אַ בליק אין שפּיגל, באַטראַכט זיך אין אים מיט מורא און אינערלעכן ציטער. מיין האַרץ קלאַפּט אָן אויפהער. מיין פּנים איז בלייך און פאַרטראַכט. פון

מײנע אויגן קוקט אַרויס פֿאַרבאַרגענער טרויער. בלויז דער ווײַסער וועלאָן, וואָס דעקט איבער מײַן קאָפּ, גיט צו מײדלשן רייץ מײַנע נאַטירלעך־רויטע ליפּן.

איך האָב דעם אײַנדרוק, אַז אַלע באַמערקן מײַן צעררודערונג, באַזונ־דערס פֿאַוועל. ער איז איצט אויסגעפּוצט אין אַ שוואַרצן קאָרטענעם אנצוג, מיט אַ בלימל אין רעכטן לאַץ. זײַן פֿריזור איז הויך־געשווירן און דאָס ביי־געניייטע העמד, וואָס שפּיליעט זיך אין אַ זייט, איז עטוואָס צעכראַסטעט. אויף זײַן ברוסט גלאַנצט אַראָפּ דאָס צלימל, אָנגעהאָנגען אויף אַ דין קייטעלע, וואָס גיט אים צו נאָך מער ווויליונגערישע מענערישקייט.

אַלעקסיי און מאַריאַ זענען געפּוצט אין זייערע זונטיקדיקע קליידער. סטעפֿאַ און קאַראָל זענען אַ ביסל צעשמייעט און אָרדענען די „וועסעליע", אַז זי זאָל פֿאָרקומען מיט געהעריקן טראַסק, לויטן ווונטש פֿון אַלעקסייען, וואָס דרייט זיך אַרום איבערן שטוב מיט שטאָלץ פֿון אַ סאָלטוס. ער טראָגט איצט אַ ווייסע העמד, אַרויסגעלאָזט איבער די הויזן און אַ רויט־וואָלענער גאַרטל בינדט אַרום זײַן טאַליע, וואָס מאַכט אים נאָך האַמעטנער, ווי תמיד. מאַריאַ טראָגט אַ געבלומטע פֿאַטשיילע אויפֿן קאָפּ, מיט שרייענ־דיקע קאָלירן. זי מאַכט דעם אײַנדרוק, ווי זי וואָלט ערשט געקומען פֿון אַ פֿרעמדער חתונה.

אַרום מיר דרייען זיך אַרום קאַראָלס צוויי יונגע קוזינקעס, פֿעליציאַ און יאַדוויגאַ, וועלכע זאָרגן, אַז איך זאָל אויסזען, ווי אַן אמתע כּלה. זיי זענען מײַנע „דרוזשקעס" און לייגן אַכט, אַז איך זאָל זיך „גוט האַלטן".

ביידע האָבן זיי אונטערגעפֿאַרבטע באַקן. אויך זיי טראָגן קרענצלעך אויף די קעפּ, טרעטן נישט אָפּ פֿון מיר. זיי זענען נישט קיין איבריק שיינע, אָבער האַרציקע און פֿריינטלעכע. זיי הערן נישט אויף מיך דערמוטיקן, פֿילנדיק מײַן צעשטרייטקייט.

עס זענען אויך געקומען אַ פּאָר חבֿרטעס פֿון סטעפֿען, וואָס ווייסן אַלס שטרענג־געהיימען סוד וועגן מײַן חתונה מיט פֿאַוועלן. אין קעגנשטאַנד צו פֿעליציען און יאַדוויגען, קאַראָלס קוזינעס, זענען זיי עכט־פּויעריש געקליידעט און פֿון זייערע פֿולע ליפּן גייט נישט אַראָפּ אַ באַהאַלטענער שמייכל.

איך מאַך זיך, ווי איך וואָלט גאָרנישט געזען און נישט געהערט. איך האָב בלויז איין פֿאַרלאַנג: די צערעמאָניע פֿון שליוב זאָל וואָס שנעלער פֿאַריבער. איך פֿיל, ווי איך וואָלט זיך אַראָפּגעקייקלט אין אַ תּהום, פֿון

ווערכן איך ווער מער קיינמאָל נישט אַרויס. איך טו תפילה צו גאָט (איך ווייס נישט צו וועלכן), אַז עמיץ פון מיין היים, די מאַמע, אָדער דער טאַטע, זאָל זיך פּלוצים נישט דערוויסן און אָנקומען פּונקט צום שליוב. דאָס וואָלט געווען מיין גרעסטע טראַגעדיע.

צוריק מיט אַ פּאָר טעג בין איך מיט סטעפען געגאַנגען צום באַטיושקא אין דעמידאָוווקע און ער האָט מיך אויסגעפרעגט פאַרשידענע זאַכן, געלערנט מיך די קריסטלעכע רעליגיע און געגעבן פאַרשידענע אָנווייזונגען. ער האָט מיך אַפילו באַשפּריצט מיט „הייליק וואַסער" און געפאָדערט, אַז איך זאָל זיין אַ גוטע קריסטין, גיין יעדן זונטיק צום ספּאָוויעדז און אין צערקווע אַריין. שפּעטער האָט ער מיר אָנגעטון אַ צלימל אויפן האַלדז, לאַנג געצלמט און געזאָגט אומפאַרשטענדלעכע פּאָר מיר תפילות....

איך האָב עס אַלץ אויפגענומען, ווי איך וואָלט זיך געפונען אין אַ טראַנס. איך האָב זיך באַמיט נישט אָפּגעבן קיין רעכנונג, וואָס מיט מיר קומט פּאָר. איך האָב געהאַט דאָס געפיל, אַז נישט איך, נאָר מיינע עפּעס דאָרט אַ באַקאַנטע, אַ גוטע חברטע מיטן נאָמען דינה, טוט אָפּ אַ שרעקלעכע זאַך. זי טוט עס, ווייל זי קען זיך נישט קעגנשטעלן דאָס נישט צו טון.

פּאָר די לעצטע טעג, פון זינט ביי סטעפען אין שטוב האָט מען זיך גענומען גרייטן צו מיין שליוב, בין איך נאָך בלייכער געוואָרן און מיין אַפּעטיט איז אינגאַנצן פאַרלוירן געגאַנגען. אין קאָפּ האָט גערוישט, ווי איך וואָלט געווען שיכור, אָדער ווי אַ גאַנצער וואַלד וואָלט דאָרט געוואַקסן...

— ביסט ווי יעדע כלה ערב איר שליוב. — האָט מיך סטעפאַ גע־טרייסט — דערפאַר וועסטו זיין צופרידן נאָכן שליוב... — האָט זי צוגעגעבן מיט אַ שמייכל.

— נעמסט אַ גוטן בחור. — האָבן פעליציאַ און יאַדוויגאַ מיך געמו־טיקט — ער וועט דיך היטן, נישט שלאָגן, ווי אַנדערע מוזשיקעס פון דאָרף...

בלויז אַלעקסיי און מאַריאַ זענען אַרומגעגאַנגען שווייגעוודיקע. איך האָב געהאַט דעם איינדרוק, אַז זיי זענען נישט איבעריק צופרידן פון דעם שידוך, אָבער זיי האָבן זיך נישט קעגנגעשטעלט פּאַוועלס אויסוואַל, בפרט, אַז איך האָב זיך נישט אָפּגעזאָגט אָנצונעמען דעם פּראַוואָסלאַוונעם גלויבן און ווערן אַ קריסטין.

איך בין געווען צופרידן, אַז מען האָט מיך געלאָזט אַ רגע צו רו. ביז וואָס ווען האָט אַלעקסיי מיט קאַראָלן פאַרזוכט פון אַ פּלעשל בראָנפן

און פאַרביסן מיט אַ שטיק חזיר־שינקע, וואָס סטעפּאַ מיט מאַריען האָבן אָנגעוועגדזלט נאָך צוריק מיט אַ וואָך, נאָכדעם ווי עס איז באַשטימט געוואָרן דער טערמין פון שליוב. שפּעטער האָבן זיי געטרונקען פון רויטן יאַגעדעס־קוואַס, וואָס מאַריאַ האָט צוגעגרייט אַ גאַנצע פּאַס. אַלעקסיי האָט זיך געווישט די לאַנגע וואָנסעס און געזאָגט גוטע מבינות אויף דער היימישער פּראָדוקציע. נאָכדעם האָט ער געזאָגט נבואות, אַז זייער פּאַווליוק האָט חתונה אין אַ גוטער צייט. נאָך זשניוועס, ווען די שייערן זענען פול מיט תבואות און דעריבער וועט ער לעבן רייך און דעריבער דאַרף מען טאַקע פּראַווען אַ וועסעליע ווי יעזוס אַליין האָט געבאָטן. אונטערגעהאַלטן אין דעם האָט אים, פאַרשטייט זיך, קאַראַל, וועלכער האָט איצט אויסגעזען, ווי אַ יעגער, וואָס האָט זיך נאָר־וואָס צוריקגעקערט פון אַ געלונגענעם יאַגד. ער האָט ווירקלעך אין די לעצטע טעג געבראַכט עטלעכע ווילדע קאַטשקעס און געגנדז, וואָס ער האָט געשאָסן אין וואַלד.

נישט געקוקט אויף דער וואַרעמער אַטמאָספער אַרום מיר, איז מיין צעשטרייטקייט אָנגעוואַקסן מיט יעדער שעה, באַזונדערס, בעת איך האָב זיך אַרויפגעזעצט אויפן וואָגן, כדי פאָרן צום שליוב. פון ביידע זייטן זענען געזעסן מיינע דרוזשקעס, בראש מיט סטעפען, אויסגעפּוצטע אין האָניק און עסיק. אויפן צווייטן וואָגן, הויך געבעט, ווי מיינער, אויפן היי־געזעס, איז געזעסן מיין חתן, פּאַוועל, און אַרום אים קאַראַל, זיין פאָטער אַלעקסיי, מאַריאַ, אַ פּאָר קומעס און אויבן־אָן די מוזיקאַנטן. זיי די מוזיקאַנטן, זענען געווען אונטערגעשיכורט און נישט אויפגעהערט שפּילן פריילעכע קורץ־קלאַנגענדיקע מעלאָדיעס.

די געשפּאַנטע פערד, זענען אויך געווען יום־טובדיק געפּוצט. זיי האָבן געהאַט פאַרבונדענע ווידלען אין אַ „קוקו". אין זייערע גריוועס זענען איינ־געפלאָכטן געוואָרן קאָלירטע סטענגעס, איבערהויפּט אין רויטער פאַרב. אַפילו די בייטשן פון די פויערים־קוטשערס, זענען געווען באַפלאָכטן מיט קאָלירטע סטענגעס און ביי יעדער קניאַק אין דער לופט האָבן די בייטשן געלאָזט הערן אַן אויסגעצויגענעם פייף. ביי יעדער שמייס האָבן די אויס־געפּאַשעטע פערד, געצוואַלעט מיט אַלע כוחות. איך בין געווען זיכער, אַז אָט־אָט וועלן מיר אַלע אַרויסגעשליידערט ווערן פון די וועגענער. יעדער פויער־קוטשער האָט געוואָלט איבעריאָגן דעם צווייטן און אָנקומען דער ערשטער צו דער צערקווע.

די דרוזשקעס אַרום מיר האָבן, טראָץ די הויכע מוזיק־קלאַנגען, זיך

באַמיט זיי אַריבערצוזינגען אין פאַרצויגענע פאַדגאַלאַסניקעס. די ווערטער האָבן זיך קוים געקלעפּט איינער צום אַנדערן, אָבער איך האָב אָט די ווער־טער גוט געקענט הערנדיק נישט איינמאָל אין דאָרף זיי זינגען דורך די פּויערטעס, בעת אַ וועסעליע. זיי האָבן געזונגען: „וויקאַטשאַלי באַטשקו אי זאַבראַלי דאַטשקו; טוואָיאַ מאַטי סטאָיט וו׳פּאַראָזי אי זאַליוואַיע סליאָזי״, וואָס האָט ווערטלעך באַדייט: „מען האָט אַרויסגעקאַטשעט דאָס פּעסל און צוגענומען די טאָכטער; די מאַמע שטייט ביי דער שוועל און פאַרגיסט טרערן״.

יעדעס פּויערים־מיידל, אַז זי האָט חתונה געהאַט, האָט מען זי אַרויס־באַגלייט מיט אַ פּעסל, אַ „באַדניע״, ווי די פּויערים האָבן גערופן. אין דער „באַדניע״ האָט דאָס מיידל געהאַלטן אירע קליידער. דאָס איז אויך געווען ד׳ער סימבאָל פון איר חתונה — אַוועקגענומען די פּאַס, איז אויך אַוועק דאָס מיידל. אַזאַ מנהג איז געווען ביי די אוקראַאינישע פּויערים.

אַנדערש אָבער איז געווען בעת מיין חתונה איצט. קיינער האָט נישט אַרויסגעקאַטשעט מיין „פּאַס״ און קיינער האָט נישט געוויינט. אפשר האָט מיין מאַמע יאָ געוויינט, אָבער זי האָט נישט געוווּסט, אַז איר טאָכטער ווערט געפירט צום שמד, צום שליוב מיט פּאַוועלן, אַלעקסיי דעם סאָל־טוסעס זונדל.

איך בין געזעסן אויפן וואָגן און געהאַט דאָס געפיל, אַז די פערד טראָגן מיך אין אַן אָפּגרונט אַריין. איך בין געווען צעטומלט. דאָס געקינצלטע שמייכל, וואָס איך האָב אַרויפגעצויגן אויף מיינע ליפּן איז פאַרפרוירן געוואָרן, ווי דאָס וואַסער אין אַ ברונעם ביים ערשטן פראָסט. עס איז מיר געווען שווער אַרויסצוברענגען אַ וואָרט פון מויל. איך האָב געהאַט דאָס געפיל, אַז דאָס אַלץ קומט פאָר אין אַ חלום, פון וועלכן איך וויל זיך אויפ־וועקן און קען נישט, ווייל איך האָב נישט מער קיין שליטה איבער זיך...

ווען מיר זענען אַריינגעפאָרן אין דעמידאָווקע און פּויערים האָבן דערזען די צוואַלנדיקע פערד און דערהערט די מוזיק, האָבן זיי מיט אַן אויסגעשריי „וועסעליע״, „וועסעליע״ זיך אַ לאָז געטון גלייך נאָך אונדז. איבערהויפּט די קינדערלעך. זיי זענען אונדז נאָכגעלאָפן ביז צו דער צערקווע, ווו די פערד האָבן זיך ראַפּטום אָפּגעשטעלט.

אַז די פערד זענען געבליבן שטיין, האָב איך דערפילט, ווי אויך מיין האַרץ וואָלט זיך אָפּגעשטעלט. גאָט, ווי ווערט עס שוין אַלץ פאַרענדיקט! איך געדענק נישט, ווי אַזוי איך בין אַריינגעפירט געוואָרן דורך די

דרויזשקעס אין צערקווע. איך געדענק נישט ווי אַזוי איך בין פּלוצים געבליבן שטיין נעבן אַלטאַר און ביי מיין זייט פּאַוועל. איך געדענק נאָר, ווי איך האָב פּלוצים דערזען פאַר מיינע אויגן דעם גלח אין זיין גרויסער טאָגע, אויסגענייטער מיט גאָלד־פאַרביקע פעדים און אויף זיין ברוסט אַ ריזיקער צלם, וואָס האָט נישט נאָר אָנגעוואָרפן אויף מיר אַ פּחד, נאָר אויך אַרויסגערופן איצט ביי מיר אַ טיפן אָפּשיי.

איך וויל דערביי באַמערקן, אַז אַלס קליין מיידעלע, האָב איך זיך שטאַרק געשראָקן פאַר אַ קלויסטער. איך האָב מורא געהאַט פאַר אַ גלח, ווייל מען האָט געהאַלטן, אַז ווען ער גייט דיר אַדורך דעם וועג, איז עס אַ שלעכטער סימן...

אַז מען האָט געפירט צום שליוב אַ שייגעץ מיט אַ שיקסע און אַלע פּויערים זענען געלאָפן צו דער צערקווע, בין איך אויך געלאָפן מיט זיי, אָבער נישט מער, ווי אויס נייגיר, און בלויז ביזן שוועל. אינעווייניק, אין צערקווע, האָב איך מורא געהאַט אַריינגיין. איך האָב זיך געשראָקן פאַר די קריסטלעך־הייליקע בילדער. בעת מען האָט אָט די בילדער געטראָגן איבערן דאָרף ווען עמיץ איז געשטאָרבן, אָדער כדי בעטן גאָט אויף אַ רעגן אין אַ יאָר פון טרוקעניש, בין איך אַנטלאָפן אין שטוב אַריין.

די שקצימלעך פון דאָרף האָבן זיך גערייצט מיט די יידישע קינדער און צו־להכעיס איבערגעצלמט זיי, שרייענדיק מיט פריידן: „פּערעכרעסטילי! פּערעכריסטילי!”. אַז זיי האָבן עס מיר געטון, בין איך געלאָפן אַהיים אַ דערשראָקענע און זיך פאַרקלאָגט פאַר דער מאַמע: איוואַנקאָ, אָדער וואַ־סילקאָ האָט מיך איבערגעצלמט. איך האָב געוויינט און שטאַרק מורא געהאַט, אַז מיר זאָל צוליב דעם נישט געשען עפּעס, ביז די מאַמע האָט מיך גע־טרייסט, אַז דאָס איז געטון געוואָרן קעגן מיין ווילן און דעריבער, וועט מיר גאָרנישט געשען. אַ שיינע ריינע כפּרה זאָלן זיי זיין פאַר דיר! — האָט זי צוגעגעבן.

איצט... איצט בין איך געשטאַנען פון מיין אייגענעם ווילן אין דער צערקווע, קעגנאיבער דעם גלח. אין זיינע הענט אַן עוואַנגעליע, אַ „קאַ־דילאָ” מיט ווייַרויך. ער האַלט מיך און פּאַוועלן אין איין צלמען. ער האַלט אין איין פרעפּלען. איך פאַרשטיי נישט וואָס. פּאַוועל טוט אָן אַ פינגערל אויף מיין פינגער. מיר האָבן זיך צעקושט. איך קוש אויך דעם גלחס האַנט. ער פרעגט מיך עפּעס און איך ענטפער אַלץ אויף יאָ... יאָ... יאָ...

מינוטנווייז כאַפּט מיך אַרום אַ חרטה געפיל. דינה, וואָס טוסטו? און

אין די אויערן קלינגען דער מאַמעס ווערטער: „באַדענק זיך! דינה, באַדענק זיך!״ די ווערטער שניידן זיך איין אין מיין געהיר און עס דוכט זיך מיר, אַז איך זע מיין שטוב. איך הער מיין טאַטנס טיפע שטים „שלא עשני אישה!״ און „שלא עשני גוי״. וואָס וויל פון מיר דער טאַטע? פאַרוואָס שלאָגט ער מיך אַזוי שטאַרק? דאָס גאַנצע לייב טוט מיר ווי. איך פיל דעם ווייטיק אין די שפּיץ פינגער. אפשר פיבער איך, אָדער איז עס פאַרט נישט מער ווי אַ חלום, פון וועלכן איך וועל באַלד דערוואַכן?!

און דערוואַכט האָב איך ערשט ווען איך בין ווידער געזעסן אויפן וואָגן און דאָס מאָל איז נעבן מיר געזעסן פּאַוועל. איצט מיין מאַן פּאַוועל. די פערד האָבן ווידער געצוואַליעט און די מוזיקאַנטן האָבן ווידער געשפּילט, און די „באַמבאַליטאַ״ האָט ווידער געהאַקט: „באַמטשי! באַמטשי! בים־באַם!״ און די דרוזשקעס האָבן ווידער געזונגען. איצט נאָך שטאַרקער ווי פריער. מען פירט אַ ניי־געבוירענע קריסטין אין דער גאַיוווקע. נאָך אַ געראַטעוועטע נשמה, וואָס האָט פריער נישט געגלויבט אין אויסלייזער, ווייל זי איז גע־בוירן געוואָרן ביים פאַרשאָלטענעם פאָלק...

די גאַנצע שטוב ביי קאַראָלן איז פול מיט געבעטענע און אומגעבעטענע געסט. נישט איך און נישט פּאַוועל האָבן עס געוואָלט, אָבער אַלץ איז געשען, ווי אין אַ צעשטורעמטן ים. די כוואַליעס זענען פון זיך זעלבסט אָנגעלאָפן צו דער וועסעליע. קיינער האָט נישט געוווסט ווער איך בין אינדערעמתן. קאַראָל און זיינע צוויי קוזינעס פּעליציאַ און יאַדוויגאַ האָבן יעדן איי־נעם געזאָגט, אַז איך בין אַ ווייטע קרובה זייערע, אַ יתומה, אין וועלכער סטעפּעס ברודער האָט זיך פאַרליבט.

איך בין דאָך טאַקע געוועזן אַ יתומה. אַ לעבעדיקע יתומה, וואָס האָט איבערגעגעבן איר גורל אויפן באַראַט פון גאָט. דער איינציקער גאָט, אין וועלכן איך האָב געגלויבט מיט מיין גאַנצן וועזן, דער גאָט, וועלכער איז איצט געזעסן פאַרעטש נעבן מיר, פאַרן טיש, און זיך צוגעקוקט און צוגע־הערט צום טומל, וואָס טוט זיך אַרום אונדז. אַלץ צוליב מיר און צוליב אים. אין נאָמען פון אונדזער הייסער ליבע. פון אונדזער גליק — פּאַוועל!!!

ביז שפּעט אין דער נאַכט איז ביי קאַראָלן אין שטוב געוועזן טומלדיק און פריילעך. בראָנפן און קוואַס האָבן זיך געגאָסן ווי וואַסער. פּנימער האָבן געשוויצט. די טישן באַשטעלט מיט פאַרשידענע געקעכצן, פון וועלכע עס זעצט אַ פעטער ריח, וואָס פאַרהאַקט דעם אָטעם. נעבן מיר און פּאַוועלן,

אין סאַמע מיטן טיש, ליגט אַ גרויסער „קאַראַוואַי", וואָס איז אָפּגעבאַקן געוואָרן דורך מאַריען און סטעפּען לכבוד דעם יונגן פּאָר.

ביי מיין רעכטער זייט זיצט אַלעקסיי, איינגאַנצן אַ צעשיכורטער. ער האָט שוין באַוויזן געגנוג אַריינגיסן אין זיך. שיכורע פּויערים און אַ פּאָר מאַזורן פון קאַראָלס משפּחה קושן זיך מיט אים אין די וואָנסעס אַריין. מאַריאַ זעט אויס, ווי זי וואָלט נאָר וואָס אַרויס פון אַ הייסער וואַנע. אויך אירע אויגן זענען פאַרגאָסן פון בראָנפן. די איבעריקע, מער יונגערע, טאַנצן. ווער באָרוועס און ווער מיט באַפּאַסטאַלעסטע פיס. עס הערן זיך פריידיקע אויסגעשרייען לכבוד דעם יונגן פּאָר. „סטאָ ליאַט! סטאָ ליאַט, ניעך זשיע נאַם!" זינגען די מאַזורן און די פּראַוואָסלאַוונע, מצד אַלעקסייס משפּחה, פאַרציען אין אוקראַיִנישע לידער. אַן אמתע דאָרפס־סימפאָניע!

אַלעקסיי רעדט מיט אַ פּויער, וואָס זיצט נעבן אים מיט אַ צעכראַסטעטן אויבערהעמד. זיי רופן זיך אייגאַנדער „קומע" (מחותן). דער „קום" זיצט האָפּערדיק, פונאַנדערגעשפּרייט און מאַריאַ ביי אַלעקסייס לינקער זייט. אַלעקסייס צונג איז איצט אויפגעבונדן. ער פּלוידערט אומבינדיקע ווערטער, וואָס דערגייען צו מיינע אויערן:

— ווייסט — זאָגט אַלעקסיי מיט גאווה, דרייענדיק זיך פּאָר זיינע בעזעמער־וואָנסעס — אַ דאַנק גאָט אַן איידעם אַ פּאַליאַק און אַ שנור אַ זש...

ער באַווייזט נאָך נישט פאַרענדיקן, ווי מאַריאַ פאַרמאַכט אים דאָס מויל מיט דער דלאָניע. „ביסט פון זינען אַראָפּ? אַלעקסיי! ביסט שוין צופיל אונטערגעקלאַפּט. האָסט זיך היינט צופיל צערעדט!" זי שושקעט אים עפּעס אין אויער אַריין. איך פאַרשטיי וואָס און פיל זיך אומבאַקוועם. דער „קום" מיט דער צעכראַסטעטער רובאַכע טוט אַ שמייכל. ער האָט ווייזט אויס, דערהערט מאַריעס סוד און געוואָרפן אויף מיר אַ פרעגנדיקן בליק. איך זע, אַז ער נעמט נישט אַראָפּ זיינע אויגן פון מיר, אָבער אָנשטאָט עפּעס פרעגן, טוט ער אַ קער איבער נאָך אַ גלעזל בראָנפן אין האַלדז אַריין און אַלעקסיי טוט נאָך זיין ביישפּיל.

— וואָס דען — זאָגט ווייטער אַלעקסיי האָפּערדיק — אַן איידעם אַ פּאַליאַק, אַזוי צו זאָגן, און אַ שנור אַ... אַ קראַסאַוויצע, יעי באָהו. נישטאָ נאָך אַזוינע אין דער גאַנצער סביבה. אַ שאָד נאָר, וואָס זי איז אַ יתומה... עך! קומע — ווענדעט ער זיך צו יענעם — לאָמיר אויסטרינקען צו ביסלעך. נאָך היינט צו די ליפּן נישט גענומען, המ?...

— נעבעך, — זאָגט מאַריאַ — טאַקע נאָך גאָרנישט געטרינקען. עס

וועט זיין געגנוג! — רייסט זי דאָס גלעזל פון זיין האַנט, אָבער אַלעקסיי טוט אויף איר אַ בייזן בליק און זי לאָזט אים איבערקערן דאָס גלעזל בראָנפן גלייך צווישן די בעזעמער־וואָנסעס, אין מויל אַריין.

דער טומל, די שיכרות און די האָפקערייען אונטער די מוזיק־קלאַנגען ווערן גרעסער מיט יעדער מינוט. אויפן טיש ליגט נאָך דער קאַראַוואַי און סטעפאַ מיט מאַריען הערן נישט אויף ווידער דערלאַנגען פעטע שפייזן. זיי טיילן שטיקער קאַראַוואַי און זעגען זיך אויך אַליין משמח. די דרוזשקעס מיינע זענען שיכור. אַלץ איז שיכור. אַפילו די איקאָנעס אויף דער וואַנט, וואָס דרייען זיך פאַר מיינע אויגן אין אַ געדיכטן נעפּל. איך פיל, אַז איך קען נישט אַריבערטראָגן די היץ און דושנעקייט אין שטוב. איך וואָלט גערן אַרויס אַביסל אין וואַלד, ווו עס צעלייגט זיך דער טומל און קויקלט זיך אַוועק ערגעץ ווייט, ווייט...

איך שאַר זיך אַרויס פון פאַרן טיש, אָבער פאַוועל גייט מיך נאָך און נעמט מיך צום טאַנצן. די מוזיק שפּילט איצט לכבוד אונדז אַ פריילעכן טאַנץ. פאַוועל האַלט מיך פעסט געאַרעמט אוןביידע דרייען מיר זיך, הויבן די פיס, שוויצן צוזאַמען מיט אַלע. אַלץ דרייט זיך פאַר די אויגן אין אַ קאַ־ראַהאָד. אַ קאַליידאָסקאָפּ. מיין געפיל, אַז איך געפין זיך אויף אַ פרעמדער חתונה האַלט אָן, ביז עס נעמט שאַריען אויף טאָג און חתן־כלה בלייבן אַליין, זאַלבעצווייט. אין איינעם פון סטעפעס צימערן, וואָס איז באַשטימט פאַר אונדז נאָך דער חתונה.

# אַ נ י י  ל ע ב ן

אָט אַזוי האָט זיך אָנגעהויבן פאַר מיר אַ ניי לעבן אַלס קריסטין. אַ געוויסע צייט האָבן מיר געוווינט ביי סטעפען אין דער גאַיוווקע. איך האָב געהאָלפן סטעפען אין דער פעלד־אַרבעט און ווירטשאַפט, באַמיט זיך איינצוגלידערן אין דער נייער משפחה אין נאָמען פון מיין שטאַרקער ליבע צו פאַוועלן און נאָך מער אין נאָמען פון פאַוועלס גליק און אויסערגעוויינ־לעך־שטאַרקער ליבע צו מיר.

אַ דאַנק קאַראָלס קאַנטשאַפט אין דער פאַרוואַלטונג פון די פריצישע וועלדער, איז פאַוועלן צוגעטיילט געוואָרן אַ וואַלד־רעוויר, אייניקע קילאָ־מעטער פון קאַראָלס גאַיוווקע און ער איז אויך געוואָרן אַ גאַיאָוועך. מען

האָט אונדז צוגעטיילט אויך אַ שטיקל באַדן פאַר אייגענעם געברויך, ווי דאָס איז געווען דער מנהג פאַר גאַיאָווע, וואַלד־וועכטער, און פּאַוועל האָט צוזאַמען מיט מיר באַאַרבעט אָט דאָס שטיקל פעלד, וואָס האָט זיך גערעכנט אַלס אונדזער אייגנס אַזוי לאַנג ווי פּאַוועל איז אין דינסט אַלס גאַיאָווער.

איצט אונטערשייד איך זיך מיט גאָרנישט פון יעדער אַנדער פויערטע, אויסער מיט מיין אַרט דענקען און ספּעציפישער פילבאַרקייט, וואָס נעסטעט אין די טיפענישן פון מיין נשמה. איך בין פאַרשיכורט פון דער וואַלד־שטילקייט, פון פויגל־צוויטשעריי, וואָס פאַרפולט גאַנצע טעג מיין באַשיידענע וווינונג דורך די צעפּראַלטע פענצטער.

איך בין פאַרליבט אין די אַקאַציע־בוימער, וואָס בליען אַריין אין די שויבן; אין שמעקעדיקן בעז און סאָסנע־ריחות, וואָס צעשפּאַרן מיין ברוסט. איך לעב מיט יעדעס ויפבלי און ווער נישט פאַרמאַטערט צו הערן לאַנגע שעהן, ווי די קוקוס רופן זיך איבער, ווי די זשאַבעס קוואַקען אין נאָענטן סטאַוו. איך האָב ליב מיט מיינע אַלע חושים דאָס שנאַבלען פון פּיפּערנאָטער אין קאָרע פון בוים. איך ליב מיינע אויפגעהאָדעוועטע הינער, געגנדז, קאַטש־קעס און חזירימלעך, וואָס פּליוסקען זיך אין די קאָריטאָס ביים ברונעם, וועלכער געפינט זיך אינמיטן הויף.

פון אַלץ בין איך צופרידן. אַלץ טוט מיר הנאה און נאָך מער טוט עס הנאה פּאַוועלן, וואָס זעט אין מיר אַ גוטע ווירטן, בפרט, אַז איך האָב נאָכ־געגעבן דעם ווונטש פון זיין מוטער מאַריאַ און צעהאָנגען איבער די ווענט איקאָנעס און אויך אַליין אָנגעטון אַ צלימל אויפן האַלדז.

אַז פּאַוועל קומט פון וואַלד, ווערט מיין געפיל נאָך בעסער. איך ווער נאָך שטאָלצער. פּאַוועל ווייס, אַז איך וואַרט אים אָפּ מיט אומגעדולד. ווי נאָר ער קומט אַריין כאַפּט ער מיך אַרום און דריקט מיך לאַנג צו זיין ברייטער ברוסט. ער קושט מיך און לאַכט גליקלעך. זיין פּנים שטראַלט. ביי זיין יעדער אַריינקום, גלייך ווי ער וואָלט מיך נאָר וואָס דעראָבערט. מיט אומגעדולד עסט ער אָפּ דעם אָוונט־ברויט און מיר גייען גלייך שלאָפן. ווען ער לייגט זיך אין בעט און איך פאָרע זיך נאָך אַרום אין שטוב, נעמט ער מיך רופן:

— דונקע, טייערע, קראַסאַוויצע מיינע, גענוג געאַרבעט, קום שלאָפן!

— באַלד, טייערער, איך מוז נאָך אָנהאָדעווען די חזירימלעך און צו־גרייטן אַ „פּאָילאָ" פאַר דער מעלקעדיקער קו, פאַר „ליסען".

ער גייט אַראָפּ פון בעט, שטעלט אָפּ אין אַ זייט די כלים פון מיינע

הענט, אָדער העלפֿט מיר פֿאַרענדיקן די שטוב־אַרבעט און טראָגט מיך אַוועק אויף זײַנע אָרעמס אין בעט אַרײַן. איך פֿאַרמאַך די אויגן און לאָז זיך טראָגן דורך אים, ווי אַ קינד...

אַז איך בלײַב אַליין אין שטוב, נאָכדעם ווי ער גייט אַוועק אין וואַלד מיט דער ביקס אויף די אַקסל, מיטנעמענדיק מיט זיך אויך דעם הונט ראַבטשיק, וואָס איך האָב אַזוי ליב, שטיי איך נאָך לאַנג ביים פֿענצטער ביז זיי פֿאַרשווינדן פֿון מײַנע אויגן צווישן די בוימער. דעמאָלט קומען מיר פּלוצים אַרויף פֿאַרשידענע מחשבות וועגן מײַן נײַעם שטייגער לעבן. צי האָב איך געשטרעבט צו אַזאַ לעבן? אַ לעבן פֿון רו און שטילקייט? צי האָב איך גוט געטון, וואָס איך האָב פֿאַרלאָזן מײַנע עלטערן, אָפּגעזאָגט זיך פֿון פֿאָלק און שטאַם?

דערפֿילנדיק פּלוצים אַ טיפֿן אומרו אין מײַן נשמה, גיי איך צו צו דער איקאָנע פֿון דער הייליקער מוטער און לאָז זיך אַראָפּ אויף די קני. איך פֿיל אַ שטאַרקן דראַנג זיך אַראָפּצורעדן און מורמל אַ שטילן געבעט צו איר, צו דער „באָזשאַ מאַטי", צו גאָטס מוטער, ביז מײַנע אויגן ווערן פֿײַכט און איך פֿאַרשעם זיך פֿאַר זיך זעלבסט; פֿאַר דער שטילקייט אין שטוב; פֿאַר די ווענט. אָפֿט, אין אַזאַ מאָמענט, דוכט זיך מיר גאָר, אַז עפּעס אַ געהיימער כּוח האָט מיך באַהערשט און גיסט אַרײַן אין מײַן נשמה אַן אומפֿאַרשטענדלעכע רואיקייט, אָדער באַרואיקונג.

אַז איך הויב זיך אויף און גיי ווידער צו צום פֿענצטער, אָדער נעם זיך אַרומפֿאָרען אין שטוב אַ דערלײַכטערטע, שטעל איך פֿעסט, צו מײַן גרעס־טער שטוינונג, אַז די קריסטלעכע רעליגיע פֿאַרמאָגט מער טרייסט־מאָטיוון ווי די יידישע. זי איז אויך פֿיל לײַכטער, צוגענגלעכער. ווי אַ כוואַליע, וואָס ברענגט צום ברעג אָנגעזאַמלטע פּלעסניע, אַזוי שווימט פּלוצים אויף אין מײַן מוח מײַן אַלטע היים און איך פֿרעג זיך זעלבסט: פֿאַרוואָס האָב איך דאָך נישט געקענט אַזוי פֿאַרטראָגן דעם טאַטנס שטוב?

און איך ענטפֿער זיך אין אַזעלכע רגעים: ווי פֿאַנאַטיש זענען מײַנע עלטערן אין פֿאַרגלײַך מיט אַלעקסייען און מאַריען, סטעפּען און קאַראָלן, אָדער אַנדערע קריסטן. ווי לעכערלעך עס זעט אויס אַט דאָס נישט טאָרן באַרירן, אָדער פֿאַרלעשן אַ ברענענדיק ליכטל אום שבת, אָדער אַפֿילו, למשל, דאָס פּײַניקן זיך גאַנצע אַכט טעג פֿון פּסח מיט עסן דאַרע מצות.

באמת, ווי גוט מיר איז אַלס קריסטין! וויפֿל צרות און יסורים עס מוז אויסשטיין אַ ייד און ווי לײַכט עס איז צו זײַן אַ קריסט. צי פֿאַלט אַמאָל

איין אַ פּויער זיך פילן געטראָפן, אויב דו וועסט אים אַפילו הונדערט מאָל אָנרופן „קריסט״? און וויפל באַליידיקונגען עס קלינגט אין וואָרט „זשיד״? אַ, יעזוס, עס איז דאָך גאָרנישט קיין פאַרגלייך!...

למשל דאָס דאַוונען ביי יידן אין פאַרגלייך צום מאָדליען זיך ביי קריסטן? קיינער שרייט נישט אין קלויסטער, שלאָגט זיך נישט אין ברוסט־קאַסטן קיין „ועל חטא״. מען מוז כמעט נישט קענען די געבעטן. מען מוז נישט וויסן וואָס עס שטייט געשריבן אין אַלטן, אָדער נייעם טעסטאַמענט. דער באַטיושקאַ, דער קסיאָנדז פּראָבאָשטש, מאָדליעט זיך שוין פאַר אַלע. עס איז געגנוג צו קניען און זיך איבערצלמען און דאָס איז דאָך גאָרנישט אַזוי שווער, אין דער צייט ווען ביי די יידן מוז מען גאַנצע שעהן שטיין און זיך מאַטערן אין תפילות.

און ווידער: וויפל מאָל אין יאָר מען דאַרף פאַסטן ביי די יידן, נישט עסן אַ גאַנצן טאָג, אין דער צייט ווען ביי די קריסטן, אַפילו אין „גרויסן פאַסט״, ווען מען טאָר נישט כלומרשט עסן קיין פליישׁ, עסט מען אויך ווער נאָר עס וויל.

אַז עס איז אַמאָל חרוב געוואָרן דער בית המקדש — דאַרף מען פאַסטן! אַז עס איז געשען אַ נס און מען האָט נישט אויסגעקוילעט אַלע יידן — איז ווידער אַ פאַסט־טאָג! נאָר מען פאַסט און מען טרויערט, און דאָס הייסט נאָך אַלץ יום־טוב, כ׳לומרשט אַ גוטער טאָג!...

הייגט ווידער, וויפל אויסטערלישע דינים עס זענען פאַראַן ביי יידן! אָנהויבנדיק פון כשרות און ענדיקנדיק מיט ספּעציעלע שווערע דינים פאַר פרויען. ביי יעדער קלייניקייט דאַרף מען פרעגן ביים רב אַ שאלה. אַז עס טוט חלילה אַ שפּריץ אַ טראָפּן מילך אין אַ פליישיקן געקעכץ ווערט ביי מיין מאַמע טריף דאָס גאַנצע געקעכץ מיטן טאָפּ אינאיינעם. הייגט, וויפל איבריקע כלים מען דאַרף עס האָבן צוליב אָט דעם פליישיקס און מילכיקס און חמצדיקס און פסחדיקס! אַ ים מיט כלים!

אַפילו אַזאַ נאַרישקייט: צי האָט אַמאָל מיין מאַמע חלילה פאַרמיטן נישט ווייקן פלייש, זאַלצן עס און ווידער ווייקן, איידער זי גייט עס קאָכן? פאַרוואָס? — אַז עס זאָל חלילה נישט זיין דערין קיין טראָפּן בלוט! אין דער צייט, ווען קיין שום פּויער איז נאָך נישט קראַנק געוואָרן צוליב דעם, וואָס ער טרינקט דאָס בלוט פון געקוילעטן, אָדער בעסער געזאָגט, דער־שטאָכענעם חזירל!

אָ, וויפל פאָרווורפן איך האָב אָרייגעכאַפּט פון דער מאַמע, ווען איך

האָב אַמאָל, אַזוי אומגערן, געכאַפּט אַ פליישיקע לעפל און דערמיט געגעסן מילכיקס. איך האָב געמוזט שווענקען דאָס מויל און הערשעלע האָט מיך אָנגערופן „גויע" און נאָר געפּאָדערט, אַז איך זאָל צוליב דעם פאַסטן אַ גאַנצן טאָג, גלייך ווי מיין מאָגן וואָלט צוליב דעם פּסול געוואָרן. אָ, יעזו קאָכאַני! אַפילו אַ בליץ־טראָפּן אין אַן איי מאַכט דאָך טריף דאָס איי! אָפּגערעדט שוין פון אַנדערע זאַכן, וואָס אמת־רעליגיעזע יידן היטן אָפּ!

וואָלט, למשל, פּאַוועל געוואָלט ווערן אַ ייד — האָב איך נישט אויפ־געהערט טראַכטן אין יענע רגעים, גלייך ווי איך וואָלט געוואָלט זיך זעלבסט איבערצייגן אין מיין טאַט, אָדער ווי איך וואָלט געשטאַנען פאַר אַ געריכט ווו איך גופא בין דער באַשולדיקטער און גלייכצייטיק דער ריכטער — יאָ, ווייל וואָלט ער עס געדאַרפט אויסשטיין פּיין און יסורים. ער וואָלט דאָך קודם כל געמוזט דורכגיין אַן אָפּעראַציע, זיך מל זיין. דערצו נאָך וואָלט ער געמוזט נעמען אויף זיך אָט די אַלע יאָכן און יסורים און באַליידיקונגען, וואָס עס האָט אויסצושטיין דער ייד און איך צוזאַמען מיט אים.

וואָס וואָלט עס אַשטייגער געאַרט די יידן, ווען זיי וואָלטן טאַקע אַלע געווען קריסטן? — האָב איך זיך געפרעגט באַדויערנדיק מיינע עלטערן — דאָס לעבן וואָלט זיי געווען פיל לייכטער און זיי וואָלטן געווען געליבט דורך אַלעמען. עס איז דאָך פאָרט פאַראַן אַזוי פיל פּשטות און עלאַסטישקייט אין דער קריסטלעכער רעליגיע אין דער צייט ווען עס איז באמת אַזוי שווער צו זיין אַ ייד. אָ, יעזו, פאַרוואָס? פאַרוואָס? וועלכער אונטערשייד איז עס אין וועלכן גאָט מען גלויבט! דער עיקר איז דאָך צו זיין אַ מענטש! דער עיקר איז דאָך צו ליבן זיך איינאַנדער ליבן!... ליבן!... ליבן!...

אָט אַזוי האָב איך אָפּט געטראַכט, די ערשטע טעג נאָך מיין חתונה, שטייענדיק ביים פענצטער און אַרויסקוקנדיק אין גערדיכטן וואַלד אַריין, בעת איך בין געבליבן אַליין מיט זיך אין שטוב.

אין די זונטיקס בין איך געגאַנגען מיט סטעפען אין צערקווע און אַפילו צום „ספּאָוויעדז". איך האָב שוין גוט געקענט אַלע חגאות, אַלע מאָדליטוועס און קריסטלעכע מנהגים, מיט זייערע אַלע „זאַבאַבאָנעס" (אַבערגלויבנס), וואָס האָבן אָפּט מאָל אַרויסגערופן אַ שמייכל אויף מיינע ליפּן. פאַר מיר האָט נאָר עקזיסטירט איין מענטש, וועמענס פרוכט איך האָב איצט געטראָגן אונטער מיין האַרצן. עס איז מיר אַפילו נישט אָנגעגאַנגען די לויב־געזאַנגען פון סטעפען, קאַראָלן, מאַריען און דער עיקר פון אַלעקסייען, וועלכע האָבן בעת זייערע באַזוכן ביי אונדז, געלויבט מיך אין הימל אַריין.

— נישט אַנדערש — האָט אַלעקסיי איבערגעחזרט צום צוועלפטן מאָל,

נישט אַרויסלאָזנדיק דערביי די ליולקע פון מויל — אַז אין דיינע אָדערן פליסט טאַקע קריסטלעך בלוט.

— ביסט אַן אייזערנע באַלעבאָסטע, דוניאַ! — האָט מיך געלויבט מאַריאַ — האָסט פאַרפירט אַ גוטע ווירטשאַפט. נישט איין פויערטע פון אונדזער דאָרף רעטשיצע וואָלט זיך געוווּנטשן צו האָבן אַזאַ ווירטשאַפט!!

— אונדזער פאַווליוק האָט נישט געטעותט, וואָס ער האָט זיך פאַרליבט אַזוי שטאַרק אין דיר! — האָט סטעפאַ געשמייכלט, און קאַראָל... קאַראָל האָט בכלל מיר געשענקט פיל אויפמערקזאַמקייט. ווען ער האָט זיך אונטערגע־שיכורט, האָט ער נישט אויסגעמיטן צו כאַפּן מיט מיר אַ פלירט, געבראַכט מיר כלערליי מתנות, וואָס האָט אַרויסגערופן אַ געוויסע אייפערזוכט ביי סטעפען.

# מיין מאַמעס באַזוך

אַזוי איז אַוועקגעפלאָסן אַ קורצע שטיקל צייט. טעג פון גליק און ליבע. איך האָב אין די טעג אויסגעמיטן צו טראַכטן וועגן מיין אַלטער היים, פון וועלכער איך בין אַנטלאָפן, אָבער די געדאַנקען וועגן מיין יידישער משפּחה זענען פון זיך זעלבסט געקומען. אפשר האָט גורם געווען דערצו די שטיל־קייט פון וואַלד און אפשר די אָפטע באַזוכן פון אַלעקסייען און נאָך מער פון מאַריען, פאַוועלס מוטער.

אַז אַלעקסיי, אָדער מאַריאַ איז געקומען פון רעטשיצע, האָט זיך מיר אויסגעוויזן, אַז אין זייערע פאַרשנורעוועטע ליפּן טייעט עפּעס אַ סוד. זיי ווייסן זיכער עפּעס וועגן מיינע עלטערן, אפשר זענען זיי קראַנק? אפשר חלילה איז די מאַמע געשטאָרבן פאַר ווייטיק, ווער ווייס!

דאָס לעצטע מאָל, אַז מאַריאַ איז זונטיק געקומען צו מיר, האָב איך זיך נישט באַהערשט און געפרעגט:

— זאָג, מאַמאַ, זעט איר לעצטנס מיינע עלטערן? וואָס מאַכן זיי?

אַ מינוט פון שטילשווייגן און נאָכדעם, מיט ישוב הדעת:

— מיר טרעפן זיך נישט מיט זיי, דוניאַ. נישט כדאי.

— וואָס רעדט מען נאָך אַלץ אין דאָרף וועגן מיר? — בין איך ווייטער געווען נייגעריק.

— מאַלע אַלץ וואָס מען רעדט. נישט כדאי זיך צוהער'ן, זאָג איך דיר און שוין.

מער האָב איך מאַריען נישט געפּרעגט וועגן דעם. עס איז נישט שווער געווען זיך אָנצושטויסן וואָס מען רעדט, אָבער שפּעטער בין איך געוווּיר געוואָרן וואָס עס איז פאָרגעקומען אין מיין אַלטער היים, נאָכדעם, ווי דער טאַטע און מאַמע האָבן זיך דערוווּסט, אַז איך האָב זיך געשמדט.

זיי האָבן וועגן דעם נישט געוווּסט אַ שטיק צייט און זיך נישט געקענט פאַרשטעלן, אַז איך באַהאַלט זיך ביי סטעפּען, ווו מען גרייט מיך צום שמד און צו דער חתונה מיט פּאַוועלן. אַז זיי האָבן זיך דערוווּסט וועגן דעם — און דאָס איז שוין געווען, ווען איך מיט פּאַוועלן האָבן געוווינט אין אונדזער אייגענער גאַיוווקע — זענען זיי געזעסן „שבעה" נאָך מיר, ווי נאָך אַ געשטאָרבענער. דער טאַטע האָט איבערגעקערט אַ טאַבורעטקע, אַראָפּגעוואָרפן, לויטן יידישן מנהג, די שיך פון פיס און נאָך אים אַלע איבעריקע פון שטוב און זיי האָבן מיך באַוויינט.

— נישטאָ מער דינה! אויס!! פאַר אונדז איז זי טויט! געשטאָרבן! — האָט דער טאַטע געזאָגט מיט איינגעהאַלטענעם צאָרן — איך האָב געוווּסט, אַז דאָס וועט פּאַסירן, אָבער...

— אַ פינצטערע עין הרע איז צוגעשטאַנען צו איר! — האָט מיין מאַמע געמורמלט פאַר זיך. — ווער האָט זיך געקענט ריכטן!

גאַנצע זיבן טעג איז די קרושניע געשטאַנען געשלאָסן און דער מאַמעס אָפּגעבליאַקעוועטע אַלטע „זינגער"־מאַשין איז געשטאַנען אין ווינקל איבערגעדעקט מיטן פאַרנירענעם געלעכערטן דעקל און געשטומט. נישט דער טאַטע און נישט די מאַמע האָבן אָנגענומען וועלכע עס איז אַרבעט. אַז זיי זענען געקומען אַ ביסל צו זיך, האָבן זיי גענומען גיין צום אָרטיקן גלח, ווי אויך צו אַלעקסייען און געפּאָרן זיך שואל עצה זיין מיטן רבין פון דער שטאָט ב., אָבער אָט די אַלע מיטלען האָבן נישט געבראַכט די געוווּנטשענע רעזולטאַטן, ביז...

איין טאָג, ווען איך בין, ווי געוויינלעך, געווען פאַרטון אין מיין שטוב־אַרבעט, נאָכדעם, ווי פּאַוועל איז מיטן הונט אַוועק אין וואַלד, האָב איך פלוצים דערהערט שלאָבערדיקע טריט צווישן די בוימער. איך בין געווען זיכער, אַז פּאַוועל האָט זיך צוריקגעקערט, אָדער עמיץ פון מיין נייער משפחה קומט מיך באַזוכן. דאָך, אין אַזאַ רעגן? — האָב איך זיך געוווּנדערט.

אינדרויסן איז פון פרימאָרגן געשטאַנען אַ האַרבסטיק־רעגנדיקער טאָג. דער רעגן איז מיט איבעררייסן געפאַלן און זיך ווידער אָפּגעשטעלט. איך האָב ליב געהאַט אַזעלכע טעג, הגם זיי זענען געווען וואָלקנדיקע. דער וואַלד

איז מיר דאַן אויסגעקומען, ווי ער וואָלט געווען פּאָרטראַכט און די בוימער, ווי זיי וואָלטן געוויינט אויס בענקשאַפט נאָך דער זון. נישט איינמאָל בין איך שעהענלאַנג געשטאַנען ביי די צעפּראַלטע פענצטער און געקוקט, ווי די טראָפּנס טריפן אַראָפּ פון איין צווייגל אויפן אַנדערן: טריפּ־טראָפּ; טריפּ־טראָפּ, ביז זיי פאַלן אויף דער ערד, וואָס איז באַשאָטן מיט געלבע בלעטער און פאַרטריקנטע שישקעס.

דערהערנדיק אַ גערויש פון די בלעטער אונטער עמיצנס פיס בין איך גלייך צוגעפאַלן צו דער שויב, אָבער איך האָב קיינעם נישט באַמערקט. אין דעם האָט זיך געעפנט די טיר און... איך בין געווען זיכער, אַז דער מענטש, וואָס איך האָב דערזען איז נישט מער, ווי אַ שאָטן פון מיינע געדאַנקען, ווארום ווי קען עס דען זיין? — אומגלויבלעך!

— מיין מוטער!???

איך בין דערציטערט געוואָרן. זי איז געווען אינגאַנצן דורכגעווייקט פון רעגן, אירע שיך — פאַרבלאָטיקט און דאָס פנים — פאַרבלייכט און פאַרענ־דערט, נישט צום דערקענען. בלויז די שוואַרצע אויגן אירע האָבן פאַרטרער־טע, אָדער פייכטע פון רעגן, אַרויסגעקוקט פון דעם געקעסטלטן אַלטן שאַל, וואָס איז מיר אַזוי גוט געווען באַקאַנט. דער מאַמעס גרויסער אַלטער שאַל איז קיינמאָל נישט אָפּגעטראָטן פון מיין זכרון. ער האָט געהאַט אַ באַזונדערן חן און קאָלירלאָזיקייט. איך וואָלט עס דערקענט צווישן מיליאָן־מיליאָסן שאַלן — אַזוי ספּעציפיש איז עס געווען.

— מאַמע!!! — האָב איך אויסגעשריגן און גרייט געווען איר פאַלן אין די אָרעמס, אָבער... זי האָט זיך אָפּגערוקט פון מיר צו דער טיר און איז געבליבן שטיין, ווי זי וואָלט פאַראַליזירט געוואָרן. אַ לעבעדיקער מת...

— מאַמע! — האָב איך איבערגעחזרט — אין אַזאַ רעגן? צופוס?...

מאַ — מע!?

אויף אַ ווײַלע האָב איך פאַרלוירן מיין גלייכגעוויכט. דאָס וואָרט מאַמע האָט אַזוי פרעמד אַ קלונג־געטון אין מיין אויער. דוכט זיך, ערשט נעכטן גערופן מאַמע און דאָך — אַזאַ לאַנגע צייט. היינט רוף איך פאַוועלס מוטער אַזוי און איך קני פאַר אַן אַנדער מוטער, אַ „הייליקער”, אַ שטומער, וועמענס בילד הענגט איבער מיין בעט, קוקט אַראָפּ צו מיר מיט יסורים. אַלע מאַמעס טראָגן אין האַרצן און פנים, און אין זייערע אויגן — די זעלבע יסורים!...

— זעץ זיך, מאַמע! — גיי איך צו נענטער צו איר — וואַרף אַראָפּ דעם נאַסן שאַל... ביסט זיכער הונגעריק... מאַ...מע!!!

נאָר די מאַמע שטייט ביי דער טיר און ענטפערט נישט: ערשט איצט דערזע

איך, אַז פון אירע אויגן רינען טרערן. גרויסע טרערן, ווי רעגן־טראָפּנס, וואָס פאַלן פון האַרבסטיקן בוים. איך קען מער נישט באַהערשן מיינע געפילן און נישט ווילנדיק טרעטן אַרויס אויך טרערן אין מיינע אויגן. איצט שווייגן מיר ביידע. מינוטן פון פּיינלעכן שווייגן. אייביקייטן גאַנצע. פּלוצים רופט זיך אָפּ די מאַמע צו מיר, נאָכדעם, ווי זי ווישט אויס אירע טרערן מיטן ראַנד פון פייכטן שאַל:

— ווײ ז׳מיר, טאָכטער מיינע! וואָס פון דיר איז געוואָרן!!!...

איך בין געשטאַנען אינמיטן שטוב און געשוויגן. מיין האַרץ איז פאַר־שטיינערט געוואָרן. איך האָב באַשלאָסן איר לאָזן רעדן. שפּעטער... שפּעטער וועט מיר אפשר געלונגען אויפקלערן איר, אַז אייגנטלעך בין איך די זעלבע, וואָס איך בין געווען. אַלדאָס איבעריקע איז נישט מער, ווי אַ מיטל, אַן אָנ־שטעל, אַ וועג צו מיין גליק, צו מיין ליבע מיט דעם מענטש, וואָס איך האָב זיך פאַרבונדן, אָבער מיין מאַמע האָט אַנדערש געדענקט און אַנדערש באַ־נומען די זעלבע געשיכטע. זי האָט צום אָנהויב שטיל און דאַן אַלץ העכער און העכער, גענומען רעדן צו מיר:

— טאָכטער מיינע, האָסט אונדז פאַרשאַפט אַזוי פיל צרות און יסורים. האָסט אונדז פאַרשאַפט אַזוי פיל ליידן און פּיין. מיר שעמען זיך ווייזן אונ־דזערע אויגן אין גאַס .וואָס וועט זיין? וואָס וועט זיין?

— עס וועט גאָרנישט זיין, מאַמע. — האָב איך זיך אָפּגערופן, אָנגעמען־דיק זיך מיט מוט — אויב די מענטשן זענען פאַרנאַרישט צי פאַנאַטיש דאַרפט איר לייגן אַכט דערויף?

זי האָט אָבער נישט געהערט מיינע ווערטער און פאַרגעזעצט מיט אַ שמערץ־פולער שטימע:

— אין אונדזער משפחה איז זיך אַזעלכעס נישט פאַרלאָפן. דיין זיידע, ר׳ הערש, עליו השלום, איז געווען אַ גאָטספאָרכטיקער ייד. אַ למדן. און דיין באָבע, גיטעלע, עליה השלום, האָט געשטאַמט פון אַ גרויסן יחוס. און דו... או דו.... דו טראַגסט דאָך דעם נאָמען פון מיין מאַמע דינה, זאָל רוען אין גן־עדן. ווען זי וואָלט געוווסט וואָס עס איז געוואָרן פון איר אייניקל, וואָלט זי דאָרט אין קבר נישט איינגערוט, ווײ ז׳מיר!

— אין קבר רוען אַלע... — האָב איך געזאָגט מיט געמאַכטער שטימונג — געבונג, מאַמע וועגן דעם. ביסט מיד פון ווייטן וועג. וועסט עפּעס עסן.

זי האָט ווידער נישט געהערט מיינע ווערטער און פאַרגעזעצט, גלייך זי וואָלט גערעדט צו זיך זעלבסט:

— ווען דו זעסט דעם טאַטן, גיטעלען און הערשעלען, וואָלסטו זיי נישט

דערקענט. זיי שעמען זיך ווייזן זייערע פנימער פאַר לייטן. איך האָב אין מיין לעבן קיין ביסל נחת נישט געהאַט. אַליין בין איך געבליבן אַן אָרעמע יתומה און פאַרפינצטערט מיינע יאָרן ביי דער ניי־מאַשין. נאָך קיין גוטן טאָג נישט געהאַט. איך האָב דיך געוואָלט לערנען, כדי כאָטש דערלעבן אין דיר אַ ביסל פרייד און נחת און דו... און דו...

זי האָט נישט פאַרענדיקט. איר קעל איז פאַרגאָסן געוואָרן מיט טרערן און זי האָט זיך צעכליפּעט אויף אַ קול. כליפּענדיק האָט זי געפּרוווט אַרויס־ברענגען אירע נישט דערזאָגטע ווערטער:

— פאַרוואָס קומט עס אונדז? פאַרוואָס פאַרוואָאָאָאָס? פאַררר...

דער מאַמעס געוויין האָט מיך דערצערנט. איך פאַרשטיי ביז היינטיקן טאָג נישט פאַרוואָס. איר יעדעס וואָרט איז געפאַלן אויף מיין קאָפּ, ווי אַ שטיין. איך האָב נישט געקענט פאַרטראָגן אירע מוסר־רייד און האָב איר געני־מען בעטן:

— גענוג! מאַמע, גענוג! וואָס קענען איצט העלפן דיינע רייד? פאַרשטיי מיך, מאַמע, זיי קענען גאָרנישט געבן קיין נוצן. איך בין נישט באַגאַנגען קיין שום פאַרברעכן. איך האָב קיינעם נישט געהרגעט און נישט באַגנבעט...

— האָסט צוגענומען אונדזער רו און אונדז פאַרשוואַרצט דאָס פּנים. אַלע טייטלען אויף אונדז מיט די פינגער! דינה איז אַ משומדתטע! אַ געשמדטע! זיך פאַרליבט אין אַ שייגעץ!

— און אַז אַ שייגעץ, איז וואָס?! — האָב איך זיך מער נישט געקענט באַהערשן — איז וואָס? איז וואָס? איז וואָס? ער איז בעסער פון אָט די אַלע יידישע שמענדריקעס פון דאָרף, וואָס לאַכן כלומרשט פון מיר, אָדער פון אייך און זענען אַליין גאָרנישט ווערט מיט זייערע נאַרישע חלומות אויף גרויסע נדנס פון פאַרזעסענע מיידן! מיט זייערע כיטרעקייטן און ווינט־פּרנסות! איך האָב זיי נישט פאַרטראָגן און פאַרטראָג זיי נישט ביז היינטיקן טאָג!

— ווײ ז׳מיר! ביסט דאָך אַן אמתע חצופה געוואָרן! — האָט די מאַמע גענומען רעדן מיט אַ צעצאָרנטער שטים — נישט אומזיסט זאָגט דער טאַטע, אַז דו ביסט נאָך געווען געשמדט אין מיין בויך. הלוואי וואָלט בעסער אַ שטיין געבוירן אויף דיין אָרט, וואָלט איך אַזוי פיל חרפּות פּנים נישט געליטן!

— וואָס ווילסטו פון מיר, וואָס? — בין איך געוואָרן אומגעדולדיקער.

— פרעגסט נאָך וואָס איך וויל פון דיר, פרעגסטו? — איך וויל דו זאָלסט אַוועק מיט מיר פונדאַנען! אַלע וועלן דיר מוחל זיין!! קום אַוועק!!!

— איך וועל נישט גיין פון דאַנען! דאָ איז מיין היים! — האָב איך זיך כמעט צעשריגן — איך האָב ליב פאַוועלן און עס איז נישטאָ קיין שום כוח

אין דער וועלט, וואָס זאָל אונדז צעשיידן! מיר מאַכט בכלל נישט אויס, וואָס עמיץ רעדט דאָרט וועגן מיר! זאָלן זיי רעדן וויפל זיי ווילן!! אַפילו צעפּלאַצט ווערן רעדנדיק!

— דינה, באַדענק זיך! — האָט די מאַמע ווידער גענומען רעדן צו מיר מיט גוטנס — געדענק, אַז דו ביסט אַ יידיש קינד! קום אַהיים!!!

— דאָ איז מיין היים!!! — האָב איך ווידער געזאָגט מיט עקשנות — און וועל פון דאַנען נישט גיין! אויב דיר געפעלט דאָ נישט, קענסטו גיין... קענסטו גיין! גיי! גיי! גיי! גייייייי! — — —

מיין אומגעלומפּערטער געשריי האָט זיך אָפּגעשלאָגן אין די בוימער פון וואַלד. בלויז דער עכאָ האָט אַריינגעפּראַלט דורך די אָפענע פענצטער:

— גייייייייייגייייייייי — — —

מיין מאַמע איז אָבער נישט אַוועק. זי איז נאָך אַלץ געשטאַנען, ווי אַ צו־געשמידטע צו איר אָרט. אירע פאַרטרערטע אויגן האָבן אַ בליץ געטון און זיך אַרומגעקוקט איבער דער שטוב. איר בליק האָט אַ ברוכטייל מינוט זיך אָפּגע־שטעלט אויף די איקאָנעס, דאַן אויף מיין צלימל אויפן האַלדז. איך האָב געזען, ווי זי האָט אויפגעשוידערט. די פינגער פון אירע הענט האָבן אינסטינק־טיוו זיך פאַרבראָכן.

— ניין! איך וועל נישט אַוועק פון דאַנען, ביז דו וועסט נישט אַראָפּנעמען אָט דאָס צלימל פון דיין האַלדז, סיידן... סיידן דו וועסט מיך דאָ טויטן אויפן אָרט!!! טויט מיך! נעם און טויט מיך, אָבער אָט דאָס צלימל נעם אַראָפּ! נעם אַראָפּ און קום מיט מיר!!! קום! קום! קום!!!

זי האָט אויסגעשטרעקט איר האַלדז צו מיר, ווי צום קוילענען און דאַן האָב איך געהאַט דעם איינדרוק, אַז זי איז גרייט זיך וואַרפן אויף מיר און אַראָפּרייסן דאָס צלימל פון מיין האַלדז. איך האָב עס אַליין אויסגעטון און מיט אַ ביטערן שמייכל געזאָגט:

— אָט האָסטו! איז עס גענוג? איך גלויב נישט, אַז דאָס האָט אַ גרעסערע ווערדע, ווי יעדער אנדער צירונג, געמאַכט פון אַן איידעלן מעטאַל, אָט ווי אָט די פּאַציערקעס אויף מיין האַלדז!... פאַרשטיי מיך, מאַמע, פאַרשטיי מיך — האָב איך גענומען ווידער רעדן ווייכער צו איר פאַרשטאַנד — נישט אין דעם גייט עס, צי איך רעכן זיך אין די אויגן פון די יידן אַ געשמדטע, אָדער נישט, פונקט ווי מיר גייט איבריקנס נישט אָן, צי איך רעכן זיך איצט אין די אויגן פון אַלעקסייען, אָדער מאַריען אַלס קריסטין. איך האָב ליב פּאַוועלן און דאָס איז פאַר מיר אַלץ. דאָס שטייט ביי מיר העכער פון יעדער צערעמאָניע. איך האָב אויסגעוויילט דעם דאָזיקן וועג, ווייל אָט דער וועג

איז געווען דער לייכטסטער, כדי מיין טרוים חתונה האָבן מיט פּאַוועלן זאָל פאַרווירקלעכט ווערן. דו, דער טאַטע, וואָלטן קיינמאָל נישט צוגעשטימט דערצו. איך ווייס עס! איך האָב עס געוווּסט!!

איך האָב געערעדט מיט האַרץ. מיט מיינע אַלע חושים, האָפנדיק, אַז עפּעס פון מיינע ווערטער וועלן זיך צוקלעפּן צו מיין מאַמעס פאַרשטאַנד, אָבער אומזיסט. זי האָט טיף אָפּגעזיפצט און ווידער גענומען מיך מוסרן און איבערצייגן:

— יאָ, איך ווייס, דו ביסט פאַרבלענדעט. איך בין אָבער זיכער, אַז דו וועסט זיך אויסניכטערן פון אָט דער פאַרבלענדקייט דיינער. געדענק, וואָס איך זאָג דיר: עס וועט שוין אָבער זיין צו־שפּעט!! געדענק! געדענק! געדענק!!!

— ניין, מאַמע! איך וועל קיינמאָל נישט חרטה האָבן! קיינמאָל נישט! פּאַוועל ליבט מיך מיט דער הייסטער ליבע, וואָס עס קען נאָר זיין און אויך איך — אים!

די מאַמע איז אַנטשוויגן געוואָרן. אירע ליפּן האָבן געטריקנט פון צופּיל אָטעם אין האַלדז. זי האָט מיטן ראַנד פון איר שאַל זיי אַלעמאָל אַ וויש געטון און האָט ווייטער געשוויגן. אויך איך האָב איצט געשוויגן. מיר האָבן אויס־געמיטן צו קוקן אײנע אויף דער אַנדערער. אַ טויטע שטילקייט האָט אַריינ־געהערשט אין גאַנצן הויז. בלויז דאָס טראָפּען פון די שיטער־פאַלנדיקע רעגן־טראָפּנס, האָבן אַנגעריִרט אָט די פּיינלעכע שטילקייט. איך ווייס נישט צי דער הימל איז געווען אַזוי פאַרוואָלקנט, אָדער איז שוין באמת צוגעפאַלן די נאַכט, וואָס קומט אַהער אין וואַלד פריער ווי אין פרייען שטח, אָבער איך האָב פּלוצים דערפילט אַ טונקלקייט אין שטוב. עס האָט געדעמערט. די גע־פליגל און חיהלעך פון וואַלד, האָבן זיך באַהאַלטן. עס האָט אויסגעזען, ווי ערב אַן אָנקומענדיקן שטורעם.

דער דאָזיקער שטורעם איז טאַקע גלייך אָנגעקומען, אָבער נישט פון וואַלד, נאָר פון מיין מאַמע. זי האָט פּלוצים דערוואַכט פון איר פאַרגליווערט־קייט און כמעט אויסגעשריגן אויף אַ קול:

— פאַרשאָלטן זאָלסטו זיין און קיינמאָל צו קיין תקומה נישט קומען! זאָלסט קיינמאָל נישט געפונען קיי רו, פּונקט ווי מיר געפונען נישט קיין רו! אַ דאָרן זאָל ווערן דיין ליבע מיט פּאַוועלן! אַ דאָרן! אַ דאָרן! אַ דאָרן!!! —

זי האָט שנעל פאַרהאַקט די טיר נאָך זיך און איז אַוועק, איבערלאָזנדיק מיך אינמיטן צימער אַ פאַרגליווערטע. איך בין געווען געפּלעפּט. נישט געוווּסט אין דער ערשטער מינוט, וואָס זאָל איך טון. נאָכלויפן נאָך איר? רופן זי צוריק? זאָגן איר עפּעס? אָבער איך האָב מער נישט געקענט אַרויס־

ברענגען קיין וואָרט פון מיין קעל. איך בין געקומען צו זיך ערשט דאַן, ווען איך האָב געהערט אירע שווערע טריט שאָרשען אין די פאַרדאַרטע בלעטער און שישקעס אין וואַלד.

ווען איך בין צוגעלאָפן צום פענצטער, האָב איך בלויז דערזען איר טונקעלן שאָטן צווישן די בוימער און דעם שאַל, וואָס איז געהאָנגען אַראָפּ־געררוקט פון אירע פּלייצעס. מער האָב איך גאָרנישט געזען. איך בין אַ פאַל געטון אויף מיין בעט און זיך ביטער צעוויינט. אין מיינע אויערן האָבן נישט אויפגעהערט קלינגען אירע שניידנדיקע ווערטער:

— פאַרשאָלטן זאָלסטו זיין און קיינמאָל צו קיין תקומה נישט קומען! זאָלסט קיינמאָל נישט געפונען קיין רו פונקט ווי מיר געפונען נישט קיין רו! אַ דאַרן זאָל ווערן דיין ליבע מיט פּאַוועלן! אַ דאַרן! אַ דאַרן! אַ דאַרן!!! —

# אַ זאַק אויפן קאָפּ

אַז פּאַוועל האָט זיך צוריקגעקערט פון וואַלד, האָט ער מיך נאָך אַלץ געטראָפן ליגן אויפן בעט איינגעגראָבן מיטן קאָפּ אין קישן. ער איז געווען זיכער, אַז איך דרעמל צוליבן רעגנדיקן וועטער נאָך אַ טאָג פון אַרומפּאָרען זיך אין דער ווירטשאַשפט. איך האָב געהערט, ווי ער שטעלט אַוועק די ביקס אין ווינקל און טרייסלט זיך אָפּ פון רעגן, הענגט אויף זיין איבערשטן וואַלד־מאַנטל און הוט אויפן האַק. ער האָט געזאָגט שטיל, פאַר זיך:

— צום טייוול, גראָד אין אַזאַ טאָג האָט „אונדזער ברודער” (געמיינט די פּויערים), זיך פאַרגלוסט גיין גנבענען האָלץ אין וואַלד זיי מיינען, אוודאי, אַז פּאַוועל דער גאַיאָוועך שלאָפט איצט פאַרן אויוון, טשאָרט פּאַבערי!

זעענדיק, אַז איך רעאַגיר נישט אויף זיין אַריינקומען און זייענדיק זיכער, אַז איך שלאָף מסתמא שטאַרק, איז ער צוגעגאַנגען שטיל צו מיין בעט, זיך אַריבערגעבויגן צו מיר און נאָך שטילער געפרעגט:

— שלאָפסט, דונקאַ?

איך האָב זיך אויסגעקערעוועט צו אים און גאָרנישט געזאָגט.

זעענדיק, אַז איך שווייג, הגם מיינע אויגן זענען אָפן, האָט ער ליבלעך נאָכגעפרעגט:

— פילסט זיך מסתמא נישט גוט, וואָס? — האָט ער באַרירט מיט זיינע פּייכטע ליפּן מיין צעפלאַמט פּנים.

באַמערקנדיק טרערן אין מיינע אויגן האָט ער אויסגערופן מיט שטוינונג:

— האָסט געוויינט, אָדער וואָס? האַ? זאָג שוין! וואָס האָסטו געוויינט?

איך האָב אים אַרויפגעפאַלן אויפן האַלדז, לאַנג געוויינט און דאַן אַרויס־געמורמלט דורך טרערן:

— מיין מאַמע איז דאָ געווען.

— דיין מאַ־מע??? נו???

— יאָ, זי איז צוריק מיט קורצע מינוטן אַוועק.

— איך האָב זי נישט אָנגעטראָפן. וואָס האָט זי געוואָלט? ענדלעך זיך איבערבעטן, וואָס?

— ניין. זי האָט געפאָדערט, איך זאָל דיך פאַרלאָזן און אַוועק מיט איר צוריק צו מיין אַלטער היים. — האָב איך זיך אַראָפגערעדט פאַר אים, ווי אַ קינד, וואָס האָט זיך געפילט באַעוולהט.

ער איז אַ ווײַלע אַנטשוויגן געוואָרן. האָט אַ שאַר געטון נערוועז זיינע פייכטע האָר און אַ זאָג געטון האַרט:

— דאָס איז אַ חוצפה! אַ שאָד וואָס איך בין פריער נישט געקומען, ערן וואָרט. איך וואָלט שוין מיט איר דאָ אַ רעד געטון... אָט די מענטשן ווילן נאָך אַלץ נישט פאַרשטיין, אַז דו האָסט מיט זיי מער קיין שום שייכות נישט!

— איך בין דאָך זייער טאָכטער — וואָס דאָס זאָל נישט זיין!...

— יאָרן האָב איך געלעבט מיט זיי, טשאָרט פאָבערי — האָט ער זיך צעכעסט — און איך האָב זיי אויף אַזוי פיל נישט געקענט, ערן וואָרט. וואָס בין איך — אַ פאַרברעכער? מיט געוואַלד האָב איך דיך צוגערויבט ביי זיי? איך האָב עמיצין פון זיי דערמאָרדעט צוליב דיך? מיר האָבן זיך ליב און דאָס איז אַלץ! פאַרוואָס זאָלן זיי עס נישט פאַרשטיין? כ׳וועל, זאָג איך דיר, איין טאָג אַוועק צו זיי און וואָרענען, אַז זיי זאָלן מער נישט קומען אַהער און פאַרטיק! זאָלן זיי דיר נישט פאַרשאַפן קיין אומזיסטע צרות, אָט די אַלטגלויביקע!...

— וועסט עס נישט טון, פאַוועל. נישט איך און נישט דו וועסט זיי איבערצייגן דערמיט. דיר איז עס שווער צו פאַרשטיין, הגם דו האָסט געוויינט צווישן יידן. איך האָב געוווסט, אַז איך וועל זיי פאַרשאַפן ליידן, אָבער צו שטאַרק האָב איך דיך ליב, אַז איך זאָל זיך קענען רעכענען מיט זייער צער און ליידן. איצט מוז איך באַצאָלן אַוועלכן עס איז פרייז פאַר דעם.

— ניין, דוניאַ, איך וועל יאָ גיין צו זיי! פאַרוואָס זענען מיינע עלטערן אַנדערש פון זיי און באַציען זיך צו דיר, ווי צו אַן אייגענער טאָכטער, און זיי?... עך... עך... עך!...

— דיינע עלטערן האָבן נישט קיין גרונט צו זיין אומצופרידן. איך האָב

דאָך אַנגענומען דעם קריסטלעכן גלויבן.

— טאָ זאָלן זיי אויך ווערן קריסטן, ווער לאָזט זיי נישט, ווער? אָבער זאָלן זיי דיר געבן רו און פאַרטיק! אָט די פאַרשאָלטענע אַזעלעכע!...

— טאַרסט נישט רעדן אַזוי, פּאַוועל!! דו הערסט? זיי זענען דאָך מיינע עלטערן, אַפילו אויב איך בין אַ קריסטין איצט.

ער איז אַנטשוויגן געוואָרן און פאַררויכערט אַ פּאַפּיראָס. אין שטוב איז געוואָרן טונקל. עס האָט געדעמערט. צייט געווען איינהייצן אין אויוון, צו־גרייטן וועטשערע. איך האָב נישט געוואָלט, אַז ער זאָל רעדן איצט מער וועגן דעם. אומזיסטע רייד. נישט איך, און נאָך מער נישט ער, זענען אימ־שטאַנד איבערצוצייגן מיינע עלטערן, און באַזונדערס מיין טאַטן, אַז צוליב ליבע מעג מען טוישן דעם יידישן גלויבן אויפן קריסטלעכן. איך האָב אַפילו נישט געוואָלט, אַז פּאַוועל זאָל זיך בכלל ווען עס איז מער טרעפן מיט מיינע עלטערן און אויך איך אַליין האָב באַשלאָסן זיך מער קיינמאָל נישט טרעפן מיט זיי. צו וואָס זיי פאַרשאַפן ליידן און אויך זיך און פּאַוועלן איבעריקע אויפרעגונג? דאָך האָב איך עס נישט געקענט פאַרמיידן. איך האָב זיך אַפילו נישט געקענט פאַרשטעלן, וואָס עס דערוואַרט מיך אין די נאָענטסטע טעג.

דאָס איז געווען אַ קורצע צייט, נאָך מיין מאַמעס באַזוך, וואָס האָט איבערגעלאָזט אויף מיר אַ פּיינלעכן רושם. נישט ווילנדיק האָט זיך פאַר־נעסטעט אַן אומעט אין מיין האַרצן, וואָס איז צעזייט און פאַרטושט געוואָרן דורך פּאַוועלס הייסער ליבע צו מיר. אין זיינע אָרעמס האָב איך ווידער פאַרגעסן אַלץ אין דער וועלט. עס איז מיר גוט געווען איינצודרעמלען אין זיין וואַרעמער שויס נאָך אַ נאַכט פון צערטלעכקייט און זיסע טרייסט־ווערטער: „קראַסאַוויצע מיינע, זאָרג נישט. עס וועט זיין גוט. נישטאָ קיין כוח, וואָס זאָל אונדזער ליבע קענען צעשטערן. דו וועסט געבוירן אַ קינד, ביין, אַ סך קינדער. געראָטן איר דיר. ניין, אַ מיידל אין דיר און אַ זון אין מיר... האָך, געליבטע מיינע, טייבעלע מיין, ווען דו ווייסט ווי איך האָב דיך ליב! ווען דו ווייסט! דוכט זיך, אַז דער גאַנצער וואַלד ווייסט וועגן מיין הייסער ליבע צו דיר. דער וואַלד, אַלע פויגל און חיות. אַלץ איז דאָך פאַר אונדז. אַפילו די פויגל זינגען זייערע לידער פאַר אונדז, ערן וואָרט".

אָט אַזוי האָט ער גערעדט צו מיר און מיך באַשאָטן מיט הייסע קושן. נאָך זיין אוועקגיין, מיטן פרימאָרגן, אין וואַלד אַריין, בין איך געווען פול, ווי אַ צייטיקע פרוכט. איך בין געווען באַפליגלט מיט זעלבסטזיכערקייט און גליק.

פאַרנאַכט האָב איך אים אויסגעקוקט דורך די פענצטער און אָפט אַרויס

אים אַנטקעגן, וויסנדיק, מיט וועלכער סטעזשקע ער קומט אָן. כמעט תּמיד האָב איך אים באַגעגנט מיט אַ טאָרבע פרישע גריבעס, אָדער יאַגעדעס, וואָס ער האָט מיט זיך געבראַכט. אַפילו אַ בינטל שמעקעדיקע קאַלינעס, אַזשינעס, אָדער אַנדערע וואַלד־יאַגעדעס, אַבי נישט קומען מיט ליידיקע הענט אַהיים.

אַז איך האָב אים דערזען צווישן די בוימער איז מיר ליכטיק געוואָרן דער גאַנצער וואַלד. איך האָב צוגענומען פון זיינע הענט די גריבעס, אָדער יאַגעדעס און צעפריידיקטע זענען מיר אַריין אין שטוב, בשותפות געהייצט אין אויוון, לאַנגע מינוטן געשטאַנען ביים צעפלאַקערטן האָלץ, געהאַלדזט זיך, געקושט און צו אונדזער גליק איז נישט געווען קיין שיער, ביז...

איין פאַרנאַכט, ווען איך בין אַרויס, ווי געוויינלעך, פּאַוועלן אַנטקעגן, האָב איך דערהערט אַ שטילן געוויש אין וואַלד. איך האָב זיך אומגעקוקט און קיינעם נישט געזען. איך בין געווען זיכער, אַז פּאַוועל באַהאַלט זיך צווישן די בוימער, ווי דאָס פלעגט טרעפן אָפט, כדי מיך רייצן, פאַראינ־טריגירן.

אַז ער פלעגט זיך וועלן אַ רייץ טון מיט מיר, אַ שטיף טון, פלעגט ער זיך באַהאַלטן פאַר אַ בוים, כדי איך זאָל אים אַרומזוכן. און אַז איך האָב אים אויסגעמיטן, האָט ער מיך פון הינטן אַרום אַרומגעכאַפּט פאַר די אויגן, דאַן גענומען אויף די אָרעמס און אַזוי אַריינגעטראָגן אין שטוב מיט אַ קלינגענ־דיקן געלעכטער.

איך האָב נאָך נישט באַוויזן אָפּצוגיין עטלעכע טריט, ווי איך האָב פּלוצים דערפילט, אַז עמיץ האָט מיך אַרויפגעוואָרפן אַ זאַק אויפן קאָפּ און עטלעכע פעסטע הענט האָבן מיך געכאַפּט און גענומען טראָגן, כמעט מיט אַ געלויף, צווישן די בוימער.

איך האָב אַפילו נישט באַוויזן קיין געשריי טון. מיין מויל איז געווען פאַרשטאָפּט דורכן זאַק. איך האָב געפילט, אַז איך ווער דערשטיקט און בין אַפילו נישט אימשטאַנד זיך ראַנגלען.

אין איין אויגנבליק בין איך געלעגן אויף אַ וואָגן געשפּאַנט אין אַ פערד, וואָס האָט גענומען שנעל פאָרן צווישן די בוימער. איך האָב נישט געהערט קיין שום געשפרעך. איך האָב נאָר געפילט, אַז צוויי, אָדער דריי מענטשן זיצן אויפן וואָגן און פעסטע הענט האַלטן מיינע פיס, וואָס זענען געבונדן געוואָרן מיט שטריק. עמיץ האָט אַרויפגעשאַרט אויף מיר אַ ביסל היי און געהיטן, אַז איך זאָל ליגן רואיק.

איך האָב געפילט, אַז איך ווער דערשטיקט, אָבער אַ דאַנק דעם שיטערן

געוועב פון זאַק, האָב איך געהאַט אַ ביסל לופט צום אָטעמען. מיין יעדער פרווו צו שרייען איז גלייך דערשטיקט געוואָרן דורך עטלעכע הענט.

איך ווייס נישט ווי לאַנג איב בין געפירט געוואָרן אַזוי. איך בין געווען ביי מיין פולן באַוווסטזיין און זיך גלייך אָנגעשטויסן וואָס מיט מיר געשעט.

אַז דאָס פערד איז געבליבן שטיין אַרויפפאַרנדיק אויף אַ הויף, האָבן מיך ווידער אָנגענומען פעסטע הענט און איך בין אַריינגעטראָגן געוואָרן אין אַ שטוב. די טיר האָט זיך האַסטיק געעפנט און פאַרהאַקט נאָך מיר. דאָן האָב איך געהערט שטימען, וואָס זענען מיר אויסגעקומען באַקאַנט, אָבער ווי איך וואָלט זיי געהערט דורך אַ ווייטן חלום.

ענדלעך איז דער זאַק אויפגעבונדן געוואָרן און איך בין באַפרייט געוואָרן. פאַר מיינע צעטומלטע אויגן האָב איך דערזען נישט קיין אַנדערן, ווי מיין טאַטן און נאָך דריי אומבאַקאַנטע יידן. אַז איך האָב זיך אַרומגעקוקט, איז מיר די שטוב אויסגעקומען באַקאַנט. מיר איז אָבער שווער געווען זיך אַריענטירן, ווו געפין איך זיך?

— שרה!???

אַ נידעריקע, אויסגעמאָגערטע יידענע פון אַ יאָר פופציק. מיין מאַמעס פריינדין, ביי וועלכער איך האָב זיך אויפגעהאַלטן אין די טעג פון זאַוויערו־כעס, בעת איך האָב געלערנט אין שטאָט. זי איז געווען בלאַס. איך האָב געהאַט דעם איינדרוק, אַז זי ציטערט. איר מאַן זעליק, אַ ייד מיט אַ קורץ־שפּיציק בערדל און שוואַרצע אויגעלעך, האָט מיך אָנגעקוקט מיט אַ שמייכל, וואָס איז ענלעך געווען צו אַ גרימאַסע.

— אָט האָסטו דיר די משומדתטע! אַ רוח אין דיינע ביינער אַריין! — האָט מיין טאַטע זיך אָפּגערופן צו מיר, זעענדיק ווי איך שטיי אַ צעטומלטע — קוקט אָן די גויע! אַ שיינעם נחת דערלעבט! כדאי געווען האָרעווען אַלע יאָרן און נאָך שיקן זי לערנען אין שטאָט! סיידן מיין קאָפּ וועט נישט זיין אויף מיר, אָבער דו... דו וועסט זיך מער צו אים נישט אומקערן! אויב דו וועסט מיט גוטנס נישט רעזיגנירן פון אים, וועסטו קיין לעבעדיקע פון דאַנען נישט אַרויס!!!

ער האָט שווער געאָטעמט און אויפגעדרייט אַ פּאַפּיראָס. זיינע הענט האָבן געציטערט פאַר כעס. לאַנגע מינוטן האָט ער געלייגט דעם טיטיון אין דער ביבולע און דער פּאַפּיראָס איז נאָך אַלץ נישט געווען אויפגעדרייט צום פאַררויכערן. ענדלעך האָט ער אים פאַרקלעפּט מיט דער צונג און צוגערוי־כערט פון שפּיץ הייסן גלעזל, וואָס אויפן נאַפט־לאָמפּ.

עס האָט געמוזט זיין אַרום צען אָדער עלף אַזייגער ביינאַכט. אַרום איז

געווען שטיל. דאָס שטעטל איז געשלאָפן, פאַרטייעט זיך אין מידער רו נאָכן האַרבסטיקן יאַריד־טאָג. עס איז געווען דאָנערשטיק. די לאָדן פון צימער, ווו איך האָב זיך געפונען, זענען געווען פאַרהאַקט און בלויז דער דרויסנ־דיקער ווינט האָט לייכט געשפּילט מיט זיי.

די דריי יידן און זעליק מיט שרהן, מיינע אַמאָליקע גאַסט־געבער, האָבן געשוויגן. זיי האָבן געקוקט אויף מיר מיט פאַראַכטונג און צעשראָקענע בליקן. זעליק און שרה זענען געווען קינדערלאָזע און געפירט אַ פּאַריאושט לעבן. זיי האָבן פאַרמאָגט אַ קליינעם סטראַגאַן פון זיסוואַרג און פרוכט אינמיטן ברייטן מאַרק פון שטעטל. זיי האָבן גוט געקענט דאָס לעבן פון די גויים און נישט איינמאָל אויסגעשטאַנען באַליידיקונגען פון שיכורע פּויערים, וואָס פלעגן קומען אויפן יאַריד.

אַז זיי האָבן זיך דערוווּסט, אַז איך האָב זיך געשמדט, האָבן זיי זיך גאָרנישט געוווּנדערט, וואָרום זיי האָבן מיר נישט איינמאָל פאָרגעוואָרפן, אַז איך חבר זיך צופיל מיט די פּוילישע שיקסעס פון דער „פּאָוושעכנע”. זיי האָבן עס גאַנץ אָפט דערטראָגן צו מיין מאַמע, וועלכע האָט עס נישט גענומען ערנסט. אָט, ווייבערישע רכילות אויף איר שיינער טאָכטער און שוין. איצט זענען זיי געשטאַנען און אויסגעמיטן צו קוקן אויף מיר, אָבער אין זייער האַלטונג האָט זיך געפילט טריאומף, ווי איינער זאָגט: „נו, וואָס האָב איך געזאָגט?...”.

— וואָס דענקט איר טון מיט מיך? — האָב איך זיך געווענדעט צו די אַנווועזנדיקע מיט אַ סאַרקאַסטישן שמייכל — צי מיינט איר מיך צווינגען פאַרלאָזן מיין היים? מיין מאַן? מיינט איר, אַז דאָס וועט אייך נישט קאָסטן טייער, ווען פּאָוועל וועט זיך דערוויסן, וואָס איר האָט געטון מיט מיר? אַפילו אויב איר וועט מיך טויטן, וועט איר אָבער אויך אַלע נישט אַרויס קיין לעבעדיקע פון זיינע הענט! געדענקט עס! איך האָס אייך אַלע! איך האָס אייך! — האָב איך זיך צערעדט מיט אויפברויז — איך האָס אייך, ווייל איר זענט ווילדע באַשעפענישן! דזשונגל־מענטשן!

— שטיל זאָל זיין, משומדתטע!!! — האָט מיין פאָטער זיך פלוצים צע־שריגן אויף מיר — פאַרמאַך דיין מויל, דו גויע... דו!... הערסט?...

איך האָב אָבער מער נים געהערט וואָס ער רעדט צו מיר און האָב פאַרגעזעצט נאָך מיט מער צאָרן:

— דו האָסט נישט קיין רעכט שרייען אויף מיר! דו ביסט נישט מיין טאַטע און איך בין נישט דיין טאָכטער! איך קער זיך מער גאָרנישט אָן מיט דיר!!! אַ טאַטע, וואָס קען אַזוי אומברחמנותדיק שלאָגן זיין אייגענע טאָכטער,

ווייל זי ליבט נישט קיין יידישן שמענדריק, איז מיר מער קיין טאַטע נישט!

— איר הערט דיבורים! — האָט מיין טאַטע זיך ווידער צעשריגן און זיך אַ לאָז געטון צו מיר, ווי ער וואָלט מיך געוואָלט שלאָגן. די איבעריקע יידן האָבן אים אָפּגעהאַלטן דערפון.

— וואַרט, ר׳ שמואל, לאָמיר נאָר רעדן מיט איר צום שכל. זי איז דאָך עפּעס אַ געלערנטע און ווייס פאַרשטיין וואָס מען רעדט צו איר. זי איז פאַרפירט געוואָרן און איך האַלט נישט, אַז זי איז גאָר אַזוי פיל שולדיק. — האָט געזאָגט איינער פון זיי, אַ ייד מיט אַ הדרתדיקער באָרד, וואָס האָט געשיינט צו זיין מיושבדיקער פון די איבעריקע צוויי, וועלכע זענען געווען פיל יונגער פון אים און געשיינט צו זיין פון אַ יאָר פערציק, אָער ווייניקער.

— אוודאי, נאָר צום שכל! — האָט זיך ערשט איצט אַריינגעמישט זעליק, צוקומענדיק נענטער צו מיר — זעץ דיך, דינה — האָט ער מיך איינגעלאַדן — ווייסט דאָך, ווי גוט מיר האָבן זיך באַציגן צו דיר, ווען דו האָסט זיך אויפגעהאַלטן ביי אונדז. מיר האָבן דיך געהאַלטן, ווי אַן אייגן קינד. מיין נישט, אַז אַלע יידישע יינגלעך זענען שמענדריקעס. עס זענען פאַראַן צווישן זיי גענוג אָרנטלעכע און פיינע בחורים, וואָס וועלן האָבן די ווערדע דיין ליבע. מיר וועלן אויסזוכן פאַר דיר אַ גוטן בחור. אַ רייכן און פון אַ יחוס. איר וועט ביידע חתונה האָבן און לעבן גליקלעך.

— איך האָב שוין איינמאָל חתונה געהאַט און בין גליקלעך! — האָב איך אויסגעשריגן מיט צאָרן — איר וועט מיך נישט צווינגען צו לעבן מיט אַ מענטש, נאָר דערפאַר ווייל ער איז אַ ייד, אָבער וועלכן איך וועל נישט ליבן.

— רעדט נישט מיט דער משומדתטע!!! — האָט מיין פאָטער ווידער אויסגעשריגן מיט כעס — אָט דאָ וועט זי פאַרבלייבן אַזוי לאַנג, ביז זי וועט קומען צום שכל! קומט!!! איך וועל שוין רעדן מיט איר!!!

אַלע זענען אַרויס פון צימער און פאַרהאַקט נאָך זיך די טיר. איך בין געבליבן אַליין. ערשט איצט האָב איך זיך באַזינט, וואָס מיט מיר איז פאַרגעקומען. הייסט עס, אַז זיי האָבן מיך געקידנעפּט און ווילן מיך צווינגען צו פאַרלאָזן פּאַוועלן. אויב מיין מאַמע איז עס נישט געלונגען מיט גוטן, וויל מיין פאָטער מיך צווינגען עס מיט בייזן. דאָס וועט אָבער קיינמאָל נישט זיין! — האָב איך טעמפּ באַשלאָסן אין האַרצן און אַפילו ביטער אַ שמייכל געטון צו זיך, ווויסנדיק אויף וואָס מיין עקשנותדיק־גלויביקער פאָטער איז פעאיק. וואָס דאַרף איך אַלזאָ טון איצט!

איך האָב זיך אַוועקגעזעצט אויפן בעטל. דאָס זעלבע בעטל, ווו איך בין

אַמאָל געשלאָפֿן, און פֿאַרזונקען אין מיינע געדאַנקען. אין קאָפּ האָט גערוישט. וואָס טוט איצט פּאַוועל? — איז אַדורכגעלאָפֿן אַ געדאַנק איבער מיין מוח — צי וועט ער פֿאַרשטיין, אַז איך בין געקידנעפּט געוואָרן? מעגלעך, ער וועט מיינען, אַז איך בין פֿון אים אַנטלאָפֿן, נאָכדעם, ווי איך האָב זיך איבערצייגט אין דער מאַמעס רייד. אָדער... אפשר וועט ער טראַכטן, אַז איך האָב פֿאַר־בלאָנדזשעט אין וואַלד און וועט מיך אַרומזוכן. אויב ער וועט מעלדן אין דער פּאָליציי, קען דערפֿון אַרויסקומען זייער אַן אומאַנגענעמע לאַגע. מען וועט מיך נעמען אַרומזוכן און די ליידן פֿון מיינע עלטערן, וועלן נאָך גרעסער ווערן. דאָס האָב איך נישט געוואָלט...

וואָס מער איך האָב געטראַכט וועגן מיין לאַגע, אַלץ מער בין איך געקומען צו דער איבערצייגונג, אַז דאָס איינציקע וואָס מיר איז געבליבן איז — פּרוּוון איבערצוצייגן מיינע עלטערן און זייערע יידישע פריינט, אַז מיין באַשלוס נישט צעשיידן זיך מיט פּאַוועלן, איז אַ פעסטער. פריער צי שפּעטער וועל איך אַנטלויפֿן פֿון זיי, אָדער פֿון וועלכן יידישן מאַן דאָס זאָל נישט זיין, אויב זיי ווילן מיך דורך דעם „ראַטעווען" פֿון שמד, ווי זיי מיינען.

איך בין צו צו דער טיר און זי שטיל אַ פּרוּוו געטון. די טיר איז געווען פֿאַרשלאָסן. די פענצטער־לאָדן פֿונדרויסן — פֿאַרהאַקט. נישטאָ קיין רייד, אַז איך זאָל נאָך היינטיקע נאַכט קענען אַנטלויפֿן. אַזאַ געלעגנהייט וועט זיך נאָך אָבער מאַכן. איך בין געווען זיכער דערין. זיי וועלן מיך אייביק נישט האַלטן פֿאַרשפּאַרט. אונטערן אויסרייד פֿון גיין אין דער אוביקאַציע, וואָס געפֿינט זיך אין הויף, וועל איך דאָך פּרוּוון אַנטלויפֿן!

אַ מידע פֿון צופֿיל געדאַנקען און פּלענער, בין איך אַ פאַל געטון אויפֿן בעטל און איינגעדרעמלט. אויפגעוועקט האָט מיך אַ גערויש הינטער דער טיר. עמיץ האָט זיך געשושקעט צווישן זיך. איך האָב נישט געקענט אויפכאַפּן קיין וואָרט. דורך די לאָדן־שפּאַרעס האָט אַריינגעדרינגען די שיין פֿון אויפ־שטייענדיקן טאָג.

דאָס געסל, ווו זעליק און שרה האָבן געוווינט, האָט זיך געפֿונען כמעט הינטער דער שטאָט. אַ טויב־בלינד געסל. ווייניק פֿאַרבייגייער. דאָס רוב באַ־וווינער פֿון געסל זענען בעלי־מלכות. שניידער און שוסטער. אַלע הייזקעס האָבן דאָ אַ נעבעכדיק אויסזען. דער מלך־דלות פּייפט פֿון יעדעס ווינקעלע.

איך האָב געוואָלט רופֿן, שרייען, אָבער איך האָב זיך גלייך געכאַפּט, אַז דאָס איז אַן איבעריקע זאַך. מסתמא ווייס שוין דאָס גאַנצע געסל, אַז ביי זעליקן און שרהן איז פֿאַרשפּאַרט געוואָרן שמואל דעם קאַוואַלס טאָכטער,

די משומדתטע, וואָס האָט זיך דאָ אַמאָל געלערנט אין דער „פּאָוושעכנע" און זיך אָנגעשטעקט מיט גויאישקייט.

מיטאַמאָל האָט זיך געעפנט די טיר. עס איז אַריינגעקומען שרה מיט אַ שיסעלע הייס געקעכץ. רייז מיט מילך. עמיץ האָט גלייך פאַרהאַקט נאָך איר די טיר. הייסט עס, אַז מען היט מיך ווי געהעריק.

— אַ גוט מאָרגן, דינה. — האָט זיך דערהערט איר הייזעריק־ציטערדיקע שטים — זיי מיר מוחל, אָבער עסן מוז מען דאָך. נישט אַזוי? אוי, רבונו של עולם, אַז אָפּגעהיט זאָל מען ווערן פון שלעכטס. — האָט זי גערעדט מער צו זיך, ווי צו מיר — פאַרשטייסט, עס איז מיר נישט אָנגענעם דער גאַנצער ענין. איך האָב זיך אָבער נישט געקענט קעגנשטעלן דעם טאַטן און די שול־גבאים בראש מיטן רב. אַלץ גייט כאַדאָראַם. ס'האָט עס מיר נישט געפעלט, אָבער... אָבער איך האָב נישט געקענט אָפּזאָגן. דיין מאַמע, נעבעך, איז טויט־קראַנק. דער טאַטע איינגעבראָכן... וויי ז'מיר!...

זי האָט אַוועקגעשטעלט דאָס שיסעלע מיט געקעכץ אויפן טיש און נישט וואַרטנדיק אויף מיין ענטפער פאַרגעזעצט:

— דער רב אַליין קלויבט זיך טאַקע קומען צו דיר. ער וויל אַליין רעדן מיט דיר... ער...

— נאָך וואָס וויל ער קומען צו מיר, נאָך וואָס? — האָב איך איר איבער־געשלאָגן די רייד. — זאָלן זיי אַלע גיין צום טייוול!

— עס איז מיר אַ ווונדער, אַז דו, דינה, אַזאַ קלוג און שיין מיידל, זאָל גאָר רעדן אַזעלכעס, האַ? ביסט דאָך פאָרט אַ יידישע טאָכטער. צי דאַרף איך דיר אויפקלערן, וואָס דו האָסט אָפּגעטון, האַ? אַז גאָט זאָל מיר נישט שטראָפן פאַר די רייד! דאָס איז דאָך אפשר ערגער ווי הרגענען, חלילה, אַ מענטש.

איך האָב זיך נישט געקענט באַהערשן און אויסגעבראָכן אין אַ געלעכטער.

— זיך ליבן הייסט ערגער ווי הרגענען?...

— הייסט עס דען ליבע, אַז איך זאָל נישט זינדיקן מיט די רייד?

איך האָב נישט אויפגעהערט לאַכן און זי האָט מיך אָנגעקוקט דערשטוינט. אַז מען זאָגט אַן אויסוווּרף זאָלסטו גלויבן. לאַכט זיך אויס פון אַלץ און פון אַלעמען און שוין.

— איך ווייס נישט פאַרוואָס דו לאַכסט, דינהלע — האָט זי ווידער גענו־מען רעדן ווייך — דו ביסט טאַקע געלערנטער און קליגער פון מיר, אָבער פונדעסטוועגן... פונדעסטוועגן דאַרפסטו פאַרשטיין, אַז דו ביסט דאָך אַ יידי־שע טאָכטער. מיר דאַרפן גיין אין די וועגן פון אונדזערע אבות און אמהות. די וועגן פון אברהם, יצחק און יעקב; שרה, רבקה, רחל און לאה...

זי האָט געגומען אויסרעכענען אַלע זכותן, אַבי מיך איבערצייגן, אַז איך דאַרף פאַרלאָזן פאַוועלן און זיך צוריקקערן צום יידישן שטאַם. און איך — איך ווייס נישט פאַרוואָס עס האָט זיך מיר געגלוסט לאַכן, שפּאָטן פון שרהס רייד, נישט געקוקט אויף דער ערנסטקייט, מיט וועלכער זי האָט גערעדט.

— איר ווייסט, שרה, — האָב איך זיך אָפּגערופן ציניש — אַז איר ווילט ווּיסן, איז אויך אברהם אבינו נישט געווען קיין ייד. אויך נישט יצחק, און יעקב אבינו געוויס נישט, ווארום ער האָט דאָך גענומען גאַנצע פיר ווייבער. וואָס וואָלט אַשטייגער געווען, ווען היינט וואָלט אַ ייד חתונה געהאַט מיט גאַנצע פיר ווייבער, האַ? זאָגט, שרה, אדרבא!

זי האָט געשוויגן אַ ווײַלע און זיך ווידער אָפּגערופן:

— אַז נישט זינדיקן זאָל איך מיט די רייד. פאַרגיסט מיר אַזעלכע קלאָץ־קשיות. אַז איך ווייס באמת דיר נישט וואָס צו ענטפערן. איך בין נישט מער ווי אַ פּראָסטע יידענע. וועסט רעדן מיטן רב, וועט ער דיר ענטפערן צו דער זאַך. מיין מיינונג אָבער איז, אַז דו דאַרפסט פאַרלאָזן פאַוועלן אָן שום חכמות. פאַר דיין טובה־וועגן. ער איז אַ גוי. דו וועסט פאַר אים פאַרלוירן ווערן....

— מיר האָבן זיך ליב, שרה, איר פאַרשטייט?

— מיר האָבן שוין געזען אַזעלכע ליבעס. דער סוף איז געווען, אַז די ליבע איז אויסגערינען און די צרות זענען געבליבן. דו קענסט חתונה האָבן מיט אַ יידישן בחור. דער רב אַליין וועט זאָרגן פאַר דיר. אַלע יידן. וועסט קענען אָוועקפאָרן אין אַ צווייטער שטאָט. מען וועט שאַפן נדן...

— שרה, — האָב איך איר איבערגעשלאָגן די רייד — נישטאָ וועגן וואָס צו רעדן. דאָס קען נישט געשען. איך בין שוואַנגער...

— שמע ישראל! — האָט שרה אויסגעשריגן — שוואַנ־גערד? אוי, ווי ז'מיר!... אַ ממזר! וועסט געבוירן אַ ממזר, נישט זינדיקן זאָל איך מיט די רייד! דיין מאַמע וועט עס דאָך נישט איבערטראָגן!

זי האָט פאַרבראָכן מיט די הענט און שנעל אַרויס פון צימער. איך בין ווידער געבליבן אַליין. איך בין געווען זיכער, אַז באַלד נאָך איר אַרויסגיין, וועט אַריינקומען דער טאַטע, אַ מנין יידן, וואָס היטן מיך מסתמא בראש מיטן רב. זיי וועלן מיך נעמען אויספרעגן, צי איז עס אמת און זיך ישובן וואָס עס איז געבליבן איצט צו טון מיט מיר.

קיינער איז אָבער נישט אַריינגעקומען. איך האָב בלויז געהערט ווי עמיץ האָט איבערגעדרייט דעם שליסל פון טיר, פון צימער, ווו איך האָב זיך געפונען. אַ שטיל שעפּטשעריי און ווידער שאַ־שטיל.

ווען עס זענען פאַריבער אַ פּאָר שעה און דער הונגער האָט מיך גענומען פּייניקן, האָב איך אויפגעגעסן פון שיסעלע ס׳קאַלטע געקעכץ, געלייגט זיך ווידער אויפן בעטל, און פאַרזונקען אין געדאַנקען. איך האָב מיט מיין גאַנצן וועזן זיך איבערגעטראָגן צו דער גאַיווקע, צו פּאַוועלן. וואָס טוט ער איצט? צי שוין־זשע זוכט ער מיך נישט אַרום? אַך, ווען ער ווייס ווו איך געפין זיך. ער וואָלט מיך מיט כוח אַרויסגענומען פון דאַנען.

מיינע געדאַנקען זענען איבערגעריסן געוואָרן דורך אַ סקריפּ פון דער טיר. איך האָב זיך ראַפּטום אויפגעזעצט און דערזען פאַר זיך אַ ייד מיט אַ ווייסער הדרתדיקער באָרד. נאָך אים זענען אַריינגעקומען די צוויי יידן, וואָס האָבן מיך געבראַכט אַהער און היִנטער זיי, ווי ער וואָלט זיך באַהאַלטן, כדי איך זאָל אים נישט באַמרקן, זעליק, שרהס מאַן. זייערע פּנימער זענען געווען בלייך און דערשראָקן. איך בין געווען גלייכגילטיק. וואָס גייען זיי טון מיט מיר? ווי אַזוי מיינען זיי עס מיך צווינגען צו פאַרבלייבן, אָדער חתונה האָבן מיט אַ ייד, נאָכדעם ווי זיי ווייסן שוין, אַז איך שוואַנגער פון פּאַוועלן.

אַלע זענען זיי געשטאַנען ביי דער טיר אַ ווײַלע און זיך נישט גערירט פון אָרט. דאַן איז דער ייד מיט דער ווייסער באָרד צוגעקומען נעענטער צו מיר און זיך געזעצט אויף אַ שטול, וואָס איינער פון די אַריינגעקומענע מיט אים, האָבן אים אונטערגערוקט. ער האָט אַ ווונק געטון צו זיי און זיי האָבן אַלע גלייך פאַרלאָזן דאָס צימער.

— ווייסט מסתמא ווער איך בין. — האָט ער אָנגעהויבן ערנסט — און ווייסט אויך מסתמא נאָך וואָס איך בין געקומען אַהער. דאָס איז מיין חוב און איך האָף, אַז דו וועסט פאַרשטיין וואָס איך וועל דיר זאָגן.

— יאָ, איך ווייס. איר זענט דער רב. איך ווייס... איך ווייס נאָך וואָס איר זענט געקומען אַהער. איך ווייס אויך וואָס איר ווילט מיר זאָגן. איך ווייס, אַז איך דאַרף אייך נישט וואָס צו ענטפערן דערויף וואָס איר וועט מיר זאָגן, ווייל אויף אַלץ וואָס איך וועל אייך זאָגן, וועט איר געפונען אַ קעגן־תירוץ און מיך נישט ווילן פאַרשטיין.

— וואָס איז דען דיין מיינונג, דינה? אדרבא, לאָמיר הערן מיט וואָס מען קען דיר העלפן.

— מיך לאָזן פריי. דאָס אַלץ. מיין מיינונג איז, אַז יעדער מענטש איז אַ מענטש. אויב נאָר ער איז אַ מענטש. אָן אונטערשייד צי ער איז אַ ייד, אָדער אַ גוי. פאַר מיר איז פּאַוועל אַלץ. מיר האָבן זיך ליב!

— ליב, רחמנא ליצלן...

— יאָ, ליב. — האָב איך געענטפערט אַנטשלאָסן — אָבער אויב איר

זענט באמת בכוח מיך ראַטעווען פון דער דאָזיקער ליבע, בעט איך אייך: פירט מיך וואָס שנעלער אַוועק אין אַ פרעמדער שטאָט. מעגלעך, אַז איך וועל זיך אָפּגעוויינען פון אים זייענדיק פון אים ווייט. איר פאַרשטייט... מען זאָגט, אַז ליבע איז געוווינהייט. אפשר האָב איך זיך צופיל צוגעוווינט צו אים. מעגלעך. איך וויל אייך איינשפּאָרן רייד. איך וויל נישט הערן קיין מוסר. איך האָב גענוג געהאַט די מוסר־רייד פון מיין טאַטן. איך וואָלט געהאַט נאָך פיל צו זאָגן וועגן דעם, אָבער פונקט ווי איר פאַרשטייט מיך נישט, אַזוי וועט איר צען מאָל מער מיך נישט פאַרשטיין...

די ווערטער זענען געפאַלן פון מיין מויל, ווי האָגל פון הימל. ווי קערנער אויף אַ דאָרנדיקן שטח. דער רב איז געזעסן אומבאַוועגלעך און מיך אויס־געהערט מיט אויפמערקזאַמקייט. און אַז איך בין געבליבן שווייגן, האָט ער געזאָגט מיט ישוב־הדעת:

— יאָ, טאָכטערל, איך פאַרשטיי. דו ביסט פאַרפירט געוואָרן. דו שאַצט אָפּ דיין לאַגע און ווילסט זיך ראַטעווען. נאָר עס קומט דיר אָן שווער. אַזוי איז מיט דער סטרא אחרא, מיטן שטן, רחמנא ליצלן. זיי האָבן אַ שטאַרקע שליטה איבערן מענטש. אָבער לאָמיר האָפן, אַז מיטן פעסטן ווילן וועסטו בייקומען דאָס שלעכטס. מאָרגן פרי וועסטו פאָרן אין דער שטאָט ר., ווו דו וועסט געפינען דיין אמתן זיווג. דיינע עלטערן וועלן זיך שטאַרק פרייען. זיי זענען אָרנטלעכע מענטשן און אינגאַנצן איינגעבראָכן. איך האַלט פאַר אַ גרויסן זכות. ווען אַ מענטש קען תשובה טון. תשובה איז גבורה, כי איזה הוא גבור — הכובש את יצרו. אַ גבור איז דער, וואָס קען בייקומען דעם יצר הרע, טאָכטערל.

דאָ האָט דער רב גענומען רעדן וועגן דעם כוח פון יידישער רעליגיע און אויסגעדריקט זיין שטאַרקע צופרידנקייט, וואָס איך האָב זיך באַזינט. נאָך מאָרגן פרי וועט מען מיר ברענגען אַ בילעט און אַ ביסל געלט אויף הוצאות. אויב איך וויל, וועט עמיץ פון זיינע באַקאַנטע מיטפאָרן מיט מיר אין דער שטאָט ר., ווו איך וועל פאַרבלייבן ביים דאָרטיקן רב, ביז איך וועל חתונה האָבן מיט מיין באַשערטן, וואָס איז פאַר מיר אָנגעצייכנט געוואָרן פון הימל...

אַז ער איז אַרויס, איז מיר אַראָפּ אַ שטיין פון האַרצן. איצט וועט די שמירה אַרום מיר שוואַכער ווערן. איך וועל זיך קענען באַוועגן פרייער. איך וואָלט בלויז נישט געוואָלט, אַז עס זאָל מער קומען צו מיר דער טאַטע. ער וואָלט מסתמא געוואָרן זייער גוט צו מיר. ניין, איך וויל מער נישט אָנקוקן

זיין ליידנדיקן פּנים. אויך נישט דער מאַמע. זי איז קראַנק. איך וויל נישט זען זייערעליידן, אָדער אומזיסטע פריידן...

ביינאַכט, ווען אַלע ביי זעליקן אין שטוב זענען איינגעשלאָפן, איז אַריינגעקומען צו מיר שרה און מיר ווידער געבראַכט אַ ביסל שפּייז. זי איז געווען נאָך בעסער צו מיר. איר פּנים האָט געשטראַלט. זי האָט געמאַכט הכנות צו מיין אָפּפאָר. מאָרגן פרי וועט מען מיר ברענגען אַ בילעט און דעם רבינס טאַכטער, ברײַנדעלע, וועט מיטפאָרן מיט מיר אין שטאָט ר., ווו עס וווינט איר טאַטנס ברודער, דער רב, ביי וועמען איך וועל צייטווייליק איינשטיין.

איך בין געווען אומגעדולדיק און זיך באַמיט איינצוהאַלטן מיין נערווען־זיטעט.

— גוט, שרה. אַ דאַנק אייך. גייט שלאָפן. איך וויל זיך אויסרוען ערב מיין אָפּפאָר...

— אַ גוטע נאַכט, דינהלע.

אַ פריידיקע איז זי אַרויס פון צימער און פאַרשלאָסן נאָך זיך די טיר. עס איז געווען אַרום צוויי ביינאַכט, ווען איך האָב זיך שטיל אַרויסגעשאַרט דורכן פענצטער פון מיין אַלקירל.

מיט פאָרזיכטיקע טריט בין איך איבערגעשפּרונגען דעם פּלויט און זיך געלאָזט גיין פאָראויס. מיין האַרץ האָט געזעצט, ווי מיט אַ האַמער. מען זאָל עס נאָר נישט באַמערקן און מיך נאָכיאָגן. שנעל האָב איך זיך דערווייטערט פון שרהס שטוב.

איצט האָב איך געשפּרייזט געסל איין געסל אויס. די נאַכט איז געווען אַ לבנהדיקע, אָדער צוליב דער שפּעטקייט, איז שוין אַרויס אַ לבנה־סערפּ, וואָס האָט מיך פאַרפאָלגט מיט אַ לאַנג־אויסגעצויגענעם שאָטן. עס האָט זיך מיר אויסגעוויזן, אַז אויגן קוקן מיך נאָך, לויערן פון פאַר די יידישע הייזקעס, פון וועלכע עס שרייט אַרויס אַ געוואַלדיקע אָרעמקייט. דוכט זיך, עמיץ קומט מיר אַן אַנטקעגן. אָט איז די יידישע שול. דער אַלטער בית הכנסת און בית מדרש־שטובל, דער ברייטער מאַרק. ערגעץ פון אַן אַלקירל בלענצט אַרויס אַ פייערל. געוויין פון אַ קינד, אפשר איז דאָרט עמיץ קראַנק...

מער האָב איך גאָרנישט געהערט און נישט געזען. איך בין געלאָפן דורך פעלדער און לאָנקעס. געוואַלט גיכער דערגרייכן דעם וואַלד. דער וועג איז נאָך אַזאַ ווייטער. אַן אומגעלומפּערטער כוח טראָגט מיך פאָרויס און נאָך מיר דער לבנה־סערפּ. עס זאָל שוין טאָגן! אין הימל לעשן זיך די שטערן. אַ שטערן פאַלט. אפשר מיין מזל?...

ענדלעך בלייב איך שטיין אַ ווײַלע, כדי איבערכאַפּן דעם אָטעם. איך בין אינגאַנצן פאַרשוויצט פון שנעלן גאַנג. וואָס מער איך דערווייטער זיך פון שטעטל, אַלץ זיכערער פיל איך זיך. איך זאָל נאָר נישט פאַרבלאָנדזשען. נאָך גוט, וואָס די לבנה־שיין. איצט בין איך צופרידן פון לבנה־סערפּ. עס איז בעסער און לייכטער אַרויסקומען אויפן שליאַך.

הינטער מיר ליגט שוין ווייט דאָס שטעטל. אַרום מיר — קוסטעס. אייג־זאַמע פעלד־בוימלעך, וואָס באַוועגן זיך, ווי לעבעדיקע באַשעפענישן אין דער נאַכט־טונקלקייט. די פעלד־ריחות פון די פאַרשידענע גראָזן דערפרישן מיין פנים. די מידקייט טרעט לאַנגזאַם אָפּ, טראָץ מיין שנעלן גאַנג.

איצט גיי איך לאַנגזאַם מיט אַ זאַמדיקן שליאַך. דער שליאַך איז מיר גוט באַקאַנט און פונדערווייטנס שפּיגלען זיך די וואַסערן פון לאַנגן טייך. און אָט איז אויך דער וואַלד. איך שפּרייז אַריין צווישן די בוימער. שטילער געדויש און געמיטלעכקייט. איך זאָל נאָר נישט אָנטרעפן קיין וועלף, וואָס לאָזן זיך אַרויס מיט פאַרטאָג אויף יאָגד.

אַז איך האָב דערגרייכט די גאַיוווקע בין איך געווען אַזוי איבעראַשט, אַז איך האָב אַ פאַל געטון אויפן פלויט און זיך צעוויינט. ערשט איצט האָב איך דערפילט, אַז איך בין מיד. עס האָט געשאַריעט אויף טאָג. אויף די בוימער־שפּיצן האָבן זיך שוין דורכגעוועקט די פויגל, פאַרגאַנגען זיך אין אַ הילכיקן טרילעריי.

נישט ווילנדיק, האָב איך אַ טראַכט געטון וואָס דאָרט וועט פאָרקומען, ביי זעליקן און שרהן אין שטוב, ווען זיי וועלן זיך אַרומקוקן, אַז איך בין פאַרשוווּנדן. איך האָב נישט געוואָלט טראַכטן וועגן דעם איצט. זאָלן זיי מיר נאָר לאָזן צו רו! וועלן זיי נאָכאַמאָל קומען אַהער מיך אַוועקכאַפּן?

אַז איך האָב אָנגעקלאַפּט אין פענצטער, ווו פּאַוועל איז געשלאָפן, האָב איך דערפילט אַ פריידיקן ציטער אין האַרצן. באַלד וועט ער אַרויסקומען און איך וועל אים פאַלן אויפן האַלדז. אַך, ווי מיר וועלן זיך עס ביידע פרייען.

אויף מיין קלאַפּן האָט זיך אָבער קיינער נישט אָפּגערופן. וואָס איז גע־שען מיט פּאַוועלן? צי איז ער אַוועק מיך זוכן, נאָך איידער עס איז גע־וואָרן טאָג?

איך האָב נאָכאַמאָל אָנגעקלאַפּט און ווען איך האָב דערזען, אַז קיינער ענטפערט מיר נישט, האָב איך אויפגעמאַכט אַ הינטערשטן פענצטער און אַריין אינעווייניק. אויפן בעט איז געלעגן פּאַוועל און געשלאָפן מיט אַ האַרטן שלאָף. איך בין געווען דערשטוינט. אַ שאַרפער ריח פון בראָנפן האָט זיך צעטראָגן איבער דער גאַנצער שטוב.

— פאַוועל! פאַוועל! — האָב איך אים גענומען וועקן. אַ שווידערלעכער געדאַנק איז מיר אַדורכגעלאָפן איבערן מוח: אפשר איז ער פאַרסמט געוואָרן? — פאַוועל! פאַ־וועל!!!

ער האָט ענדלעך דורכגעריסן זיינע אויגן. ער איז געווען טויט־שיכור.

— דו... דוניאַ! ווו ביסטו געווען? האַ? ווו? — האָט ער אַרויסגעשטאַמלט.

איך האָב צעפּראַלט די פענצטער. אַ שאַרפע פאַרטאָגיקע וואַלד־לופט האָט אַריינגעזעצט אין צימער.

— פאַוועל, ביסט גאָר שיכור?

— עך, האָט ער זיך צעטשוכעט — פאַר צרות, דונקאַ... פאַר צרות!...

איך האָב נישט געוווּסט צי זאָל איך זיין בייז אויף אים, אָדער לאַכן. איך האָב אים אַרומגענומען און ער האָט מיך צוגעדריקט צו זיך.

אַז ער איז געקומען צו זיך, האָט ער מיר דערציילט וואָס ער האָט אַלץ איבערגעקלערט און ווי אַזוי ער האָט מיך אַרומגעזוכט.

ווען ער איז געקומען אַהיים פון וואַלד און מיך נישט געטראָפן אין שטוב און נישט אין די שטאַלן, איז ער געווען זיכער, אַז איך בין אים געגאַנגען אַנטקעגן אין וואַלד. ער האָט אָפּגעוואַרט אַ ווײַלע און זעענדיק, אַז איך קום דאָך נישט צוריק, האָט ער מיך גענומען אַרומזוכן.

עס איז שוין געווען שטאָק פינצטער. ער האָט נישט געוווּסט וואָס איבערצוקלערן. וואָס איז געשען מיט מיר? ער האָט מיך גערופן איבערן גאַנצן וואַלד, אָבער אומזיסט. צי שוין־זשע בין איך אַנטלאָפן פון אים? — איז אים פּלוצים אַרויף אויפן מוח אַ בייזער געדאַנק — ווער ווייס וואָס איך האָב זיך אָנגעטראַכט... אפשר האָט מיין מאַמעס באַזוך טאַקע איבערגעלאָזט אַ רושם אויף מיר...

ער האָט זיך אַוועקגעזעצט אויפן פערד און איז גלייך אַוועקגעפאָרן קיין רעטשיצע. ער איז געווען שרעקלעך אויפגעבראַכט אויף מיר. אַפילו קיין „זיי געזונט” נישט געזאָגט! אינמיטן וועג, האָט ער זיך באַדענקט, עס קען נישט זיין, אַז איך האָב אים פאַרלאָזן. מיר האָבן זיך דאָך אַזוי ליב. ער האָט זיך צוריקגעקערט אין דער גאַיוווקע און מיך ווידער גענומען אַרומזוכן. אַזוי אַ גאַנצע נאַכט. ערשט איצט, נאָכדעם ווי ער האָט זיך טאַקע איבערצייגט, אַז איך האָב זיך נישט צוריקגעקערט, האָט ער זיך ווידער אַוועקגעלאָזן גלייך צו מיינע עלטערן אין שטוב.

עס איז געווען נאָך פריאיקער טאָג, ווען ער איז אַהין אָנגעקומען. מיין פאָטער איז נאָך געשטאַנען אין די „באָגאָמאָליעס” (טלית און תפילין) און

געדאַוונט. די מאַמע איז געלעגן אין בעט. איר קרעכצעריי האָט זיך דער־טראָגן צו אים פון אַלקירל צוזאַמען מיטן ריח פון מעדיקאַמענטן. נאָכדעם ווי דער טאַטע האָט פאַרענדיקט דאָס דאַווענען, האָט ער זיך געווענדעט צו אים:

— שמואליק, ווו איז דוניאַ? איך פאַרשטיי, אַז איר האָט זי איבערגע־רעדט אַנטלויפן פון מיר.

— יאָ. זי איז אַנטלאָפן פון דיר און וויל דיך מער נישט קענען! — האָט מיין פאָטער אים געענטפערט שטרענג.

— זי איז מיין געזעצלעכע פרוי. איך האָב מיט איר גענומען שליוב אין צערקווע.

— דאָס איז גאָרנישט ווערט לויטן יידישן דין. זי איז מיין טאָכטער. דו ביסט אַ גוי, זי טאָר נישט לעבן מיט דיר.

— הייסט עס, אַז איר האָט זי טאַקע איבערגערעדט.

— זי איז אַליין אַוועק פון דיר.

— איך וויל רעדן מיט איר, ווו איז זי?

— זי וויל מער נישט רעדן מיט דיר!

— זאָל זי עס מיר זאָגן אין די אויגן.

די גאַנצע צייט האָט פאַוועל זיך באַמיט צו רעדן מיט גוטנס. געפרווווט איבערצייגן די עלטערן מיינע, אַז ער איז נישט קיין גזלן און נישט קיין רוצח. מיר איז גוט פאַר אים, אָבער דער טאַטע האָט נישט געוואָלט הערן. ער האָט אַפילו אויסגעמיטן קוקן אויף אים. דאַן איז פאַוועל אַריין אין רציחה. ער האָט אַ זעץ געטון אין טיש און געזאָגט אַנטשלאָסן:

— אַ לעבעדיקע, אָדער אַ טויטע וועט זי סיידוי זיין מיינע!

אַלע אין שטוב האָבן זיך צעשראָקן. מיין מאַמע איז מיט די לעצטע כוחות אַראָפּ פון בעט און גענומען אים בעטן מיט פאַרוואורף:

— וואָס ווילסטו פון אונדז? האָסט אונדז גענוג צרות פאַרשאַפן. גיי דיר געזונטערהייט.

— איך וועל נישט אַוועקגיין, ביז איר וועט מיר נישט זאָגן ווו זי איז.

— רעד נישט מיט אים! — איז דער טאַטע אַריין אין כעס — ער מיינט, אַז ער איז דעם סאַלטוסעס זונדל, האָב איך זיך דערשראָקן פאַר אים!

— איך וועל נישט אַרויס, ביז איר וועט מיר נישט זאָגן ווו דוניאַ איז! — איז פאַוועל געשטאַנען אויף זיינס און נישט געוואָלט אַרויס פון שטוב. ער האָט זיך געזעצט פאַרן טיש און געוואַרט. ער איז געווען שרעקלעך אויפ־געברויזט.

— וויי ז׳מיר! וואָס וויל ער פון אונדז? — האָט מיין מאַמע זיך

צעווינט — וואָס זענען מיר אים שולדיק, וואָס?

— אויב איר וועט מיר נישט צוריקגעבן מיין ווייב מיט גוטן, וועט איר זי צוריקגעבן מיט בייזן! — האָט ער געזאָגט פאַרעקשנט. — אַפילו קיין „זיי געזונט” האָט זי נישט געזאָגט. איך מוז רעדן מיט איר!

מיין מאַמע האָט דערזען, אַז ער טרעט נישט אָפּ, האָט זי אים גענומען בעטן און איינרעדן:

— פּאַוועל, דו ביסט דאָך נישט קיין נאַרישער. איך ווייס נישט וואָס דו ווילסט פון אונדז. פעלן דיר שענערע און בעסערע פון אונדזער דינהן? לאָז אונדז צו רו!

— מיר ווייסן נישט, ווו דינה איז! — האָט אויך גיטעלע און הערשעלע זיך אָפּגערופן — זעסט דאָך, אַז די מאַמע איז שוין קראַנק געוואָרן!

ער האָט געשוויגן. דער טאַטע מיינער האָט זיך אויפגעהויבן און איז אַוועק אין קוזניע, נישט רעדנדיק מיט אים מער קיין וואָרט. ערשט איצט האָט זיך פּאַוועל אויפגעהויבן און געזאָגט מיט כעס:

— גוט! איך וועל זי שוין געפונען! איך וועל זיך מיט איר צערעכענען!...

און ער איז אַ צעהיצטער אַרויס פון שטוב. זיך געזעצט אויפן פערד און אַוועקגעצוואַלעט אין וואַלד. ער האָט אַרויסגענומען אַ פלאַש פינף און ביינציקער און זי אויסגעטרינקען ביזן דנאָ. ער איז גלייך שיכור געוואָרן און אַריינגעפאַלן אין בעט, ווי אַ טויטער.

אַז איך האָב אים דערציילט, וואָס מיט מיר איז געשען און ווי אַזוי איך בין אַוועקגעכאַפּט געוואָרן, האָט ער נישט געגלויבט זיינע אויערן.

— סוואָלאָטשעס אַזעלכע! — האָט ער אַרויסגעצישעט צווישן די ציין — גיי ריכט זיך, אַז נאָך אַזוי פיל צייט, וועלן זיי דאָך אַלץ נישט רעזיגנירן פון דיר! ווי אַזוי, קראַסאַוויצע מיינע, איז דיר דאָך געלונגען צו אַנט־לויפן, האַ?

— איך האָב זיי געלאָזט פילן, אַז זיי האָבן מיך איבערצייגט דיך פאַר־לאָזן.

— האָך, וועלכע כיטרע דו ביסט! — האָט ער מיך צוגעדריקט צו זיין צעכראַסטערטער ברוסט — דו ביסט באמת ווערט, אַז איך זאָל די גאַנצע וועלט אומברענגען פאַר דיר!

— מען דאַרף נישט אומברענגען די וועלט, פּאַוועל — האָב איך געזאָגט מיט געוויסן אומעט אין האַרצן — מען דאַרף זיך ליבן... פאַרשטיין זיך איינ־אַנדער. אָט וואָס!

לאַנג האָבן מירביידע גערעדט, זיך געקושט און ווידער גערעדט. דאָס

זענען געווען גליקלעכע מינוטן, הגם אין האַרצן ביי מיר האָט ווי אַ פּאַר־צוקנדיק פויגל געשנאָבלט אָן אויפהער.

— נו, איצט וועט עס זיי שוין מער קיינמאָל נישט געלונגען. טייערע! — האָט ער נישט אויפגעהערט מיך דריקן צו זיך.

— קיינמאָל! קיינמאָל, טייערער!!!

# ליבע און צוזאַמענלעבן

זינט דעם דאָזיקן פאַל, זענען פאַרלאָפן אַ פּאָר יאָר. מיינע עלטערן האָבן ווירקלעך מסכים געווען מיט זייער גורל און רעזיגנירט פון דער מחשבה מיך צוריקקערן צו זייער שטאָט. מיינע אַלע פאַרזיכטס־מיטלען, טאָמער קומען ווידער מיינע עלטערן מיך „צוגנבענען" זענען געווען אומזיסטע. מעגלעך, אַז זיי האָבן איצט מורא געהאַט פאַר פּאַוועלן, אַז ער איז גרייט זיי אַפילו דערשיסן, אויב זיי וועלן עס טון צום צווייטן מאָל, אָדער זיי האָבן זיך איי־בערצייגט, אַז עס וועט שוין דאָ גאָרנישט העלפן. איך בין אַ פאַרפאַלענע פאַר זיי.

אַז מיין טאַטע, אָדער מאַמע זענען געקומען אין שטאָט און אים אַמאָל באַמערקט, האָבן זיי אויסגעמיטן זיך טרעפן מיט אים פּנים אל פּנים. זיי האָבן אויך אויסגעמיטן זיך טרעפן מיט אַלעקסייען און מאַריען און האָבן זיכער געמוזט זיין צופרידן, ווען אַלעקסיי איז געוואָרן אויס סאָלטוס פון דאָרף און זיך אַריבערגעצויגן אויף אַ כוטאָר, נישט ווייט פון אונדזער גאַ־יוווקע. דעם דאָזיקן שריט איז אַלעקסיי באַגאַנגען, נאָכדעם ווי אין דאָרף רעטשיצע איז אויסגעבראָכן אַ שריפה און זייער שטוב איז צוזאַמען מיט נאָך עטלעכע הייזער אָפּגעבערענט געוואָרן. לויט פּאַוועלס עצה האָט אַלעקסיי פאַרקויפט זיין באָדן און אָנשטאָט דעם געקויפט עטלעכע „דיעסיאַטין" פעטן באָדן נישט ווייט פון דעמידאָווקע, ווו ער האָט זיך אויסגעבויט אַ ניי הויז און פאַרפירט אַ רייכע ווירטשאַפט.

אַלעקסיי און מאַריאַ זענען געווען שטאַרק צופרידן, וואָס זיי געפינען זיך נאָענט צו זייער זון, דעם גאַיאָוון און אויך נישט ווייט פון זייער איידעם, דעם צווייטן גאַיאָוון. קיין האָלץ האָט זיי אַדאַנק דעם נישט געפעלט און קיין פעטע פּאַשע פאַר די קי, געוויס נישט.

דערפאַר זענען זיי געוואָרן אָפטע געסט ביי מיר. כמעט יעדן זונטיק זענען זיי געקומען צוזאַמען מיט סעריאָזשען — אַ יונגן פּויער אין פּאַוועלס

עלטער, וואָס האָט געוווינט אויף אַ כוטאָר, נישט ווייט פון מיינע שווער און שוויגער. נאָך זיי איז אויך געקומען קאַראָל און סטעפאַ. אַלע האָבן זיך אַרומגעזעצט אַרום טיש, מען האָט גענומען אַ ביסל בראָנפן, געטרינקען און געגעסן פון דעם וואָס איך האָב דערלאַנגט. און עס איז געווען פריילעך.

די גרעסטע לויב־געזאַנגען האָב איך באַקומען פון מיין שווער, דעם געוועזענעם סאָלטוס אַלעקסיי, וועלכער האָט שטאַרק ליב געהאַט, אַז מען גיט אים נאָך אַלץ אָפּ דעם געהעריקן כבוד. איך האָב אים עס פאַרשאַפן, גערופן „באַטע", אָדער „טאַטאַ", דאָס הייסט — פאָטער, ווי דאָס איז אָנגע־נומען ביי די פויערים און ער האָט מיך אַנדערש נישט גערופן ווי „דאָטשקאַ" (טאָכטער).

— דאָטשקאַ, דערלאַנג עפּעס זיך פאַקרעפּען, האַ! — זענען געווען זיינע ערשטע ווערטער, אַז ער איז אַריינגעקומען אין שטוב. ער האָט זיך גלייך געזעצט אויבנאָן, פאַרן טיש, אַ דריי געטון זיך די וואָנצעס, אַ שאַר געטון די גרווילעכע האָר און געקוקט ווי איך גרייט צום טיש, שלינגענדיק מיין יעדע באַוועגונג.

— עך, איז עס ביי מיר אַ שנור, אַזוי צו זאָגן — האָבן געשמייכלט זיינע אויגן, ווי נאָר איך האָב גענומען אַרויפשטעלן אויפן טיש מכל טוב — ווער האָט זיך געריכט, אַז זי וועט זיך אַרויסווייזן אַלס אַזעלכע!

— אַלס אַוועלכע? — האָב איך געזאָגט כלומרשט אַ באַליידיקטע. — וואָס מיינט איר, באַטע?...

— נו, כ'מיין... דעם בעסטן ברויט באַקסטו, ערן וואָרט, די געשמאַקסטע געקעכצן קאָכסטו און אויך אין פעלד שטייסטו נישט אָפּ פון אַנדערע, ווי גאָט איז מיר ליב!

— פאַרוואָס דען זאָל איך אָפּשטיין?

— איך מיין... אַזוי צו זאָגן... פאַרט אַ דעליקאַטע אַזאַ... אַ גראַמאָטנע... ג'שט געוווינט צו אַזאַ שווערער אַרבעט...

— נישטאָ קיין שווערע אַרבעט, ווען מען האָט זי ליב.

— אָט דאָס איז טאַקע ריכטיק, ערן וואָרט! ריכטיק, ווי דער טאָג!

אַלע איבעריקע, מאַריאַ, סטעפאַ, קאַראָל, סעריאָזשאַ און אַפילו זיין ווייב אדארקאַ, אַ פויערטע מיט טיף־איינגעגראָבענע אויגן און נאַרישעוואַטן שמייכל, האָבן איינגעשטימט מיט אַלעקסייס באַהויפּטונגען. עס האָבן זיך אַ שאָט געטון אויף מיין חשבון לויב־געזאַנגען, פון וועלכע עס איז מיר נישט איבעריק געווען אָנגענעם. בלויז פּאַוועל איז געזעסן האַפּעדיק און זיך געפילט שטאָלץ, וואָס ער האָט טאַקע נישט געטעותט אין מיר.

איך געדענק, ווען איינמאָל האָב איך אַלס מתנה געגעבן אַלעקסייען אַ גוט־געהאָדעוועטן ראַסאָוון חזירל, האָט ער און מאַריאַ ממש נישט געוווּסט וואָס צו טון מיט מיר. זייער פרייד איז געווען אין לשער.

— זעסט, אַלעקסיי — האָט מאַריאַ געזאָגט צו אַלעקסייען מיט אַ שטראַלנ־דיקן פּנים — וועלכע מתנה האַ?!

— איך האָב דיר שוין לאַנג געזאָגט, אַז אונדזער דאָטשקאַ האָט גאָלדענע הענט, אַזוי צו זאָגן. אַבי דו האָסט, מאַריאַ, מורא געהאַט, אַז זי וועט נישט קענען האָדעווען קיין פּראָסיאַטעס (חזירים); וועט נישט וויסן צו פירן קיין פּויערישע ווירטשאַפט. זעסט שוין סאַרא באַלעבאָסטע זי איז, האַ? היינט וועלכע בהמות זי האָט פאַרפירט, אַזוי צו זאָגן! אמתע האַלענדערקעס!

נאָכן אַריינלייגן דאָס חזירל אין אַ זאַק, וועלכן ער האָט אַרונטערגערוקט אונטער דער באַנק, האָט ער, ווי זיין שטייגער, זיך פונאַנדערגעזעצט פאַרן טיש און נעבן אים מאַריאַ. דאַן האָט ער גענומען פאַררויכערן זיין ליולקע דורכרייניקנדיק פריער מיט אַ דינעם דרעטעלע דעם קרומען ציבוק פון ניקאָטין, וואָס האָט זיך דאָרט אָנגעזאַמלט, ווי אין אַ קוימען. ער איז נישט אַוועק, ביז די „דאָטשקאַ” האָט נישט דערלאַנגט אַ ביסל בראָנפן מיט פאַר־בייסעכץ. דאַן האָט ער צוגעזאָגט ווידער קומען זונטיק, כדי פאַרזוכן פון מיינע מטעמים.

מיט אַלע כוחות האָב איך זיך באַמיט נישט נאָר נישט אָפּשטיין פון אַ פּויערטע, אויף אַלע געביטן, נאָר נאָך איבערשטייגן זי, כדי זיי זאָלן, חלילה, נישט זאָגן, אַז איך דריי זיך אַרויס פון אַרבעט, טויג נישט, אָדער האַלט זיך אַלס אַנדערש פון זיי. און הגם מיר איז קודם כל אָנגעגאַנגען מיין ליבע מיט פּאַוועלן, איז אָבער מיין צוזאַמענלעבן געווען ענג פאַרבונדן אויך דערמיט.

דאָס ערשטע מאָל, אַז איך בין אַרויס אין פעלד מיט מאַריען צו זשני־ווען, האָט מאַריאַ מיך געלערנט ווי אַזוי האַלטן דעם סערפּ אין האַנט און יעדע ווײַלע געוואָרפן אַ בליק צו מיר, צי איך שטיי נישט אָפּ פון אַלע איבע־ריקע תבואה־שניידערינס. פאָרט געווען ערשט נעכטן אַ יידישקע, וואָס איז נישט געוווינט מיט פעלד־אַרבעט!

— אָט אַזוי, דוניאַ. דעם סערפּ דאַרף מען האַלטן פון רעכטס אויף לינקס און נישט פון לינקס אויף רעכטס... יעדער סנאָפּ דאַרף זיין גלייך געבונדן... שנייד נישט אַזוי הויך די זאַנגען... אַ שאָד... מאַכסט קאַליע די סנאָפּעס... זע, טרעט נישט איבער די תבואות... עס איז גאָטס ברויט...

טאָמער האָב איך בעתן עסן מזלזל געווען מיט אַ קרישקע ברויט, וואָס

איז אַראָפּגעפאַלן פון מיינע הענט און האָב עס נישט אויפגעהויבן, האָט זי מיך שיער דורס געווען.

— עס איז אַן עבירה, דוניאַ. הייליקער ברויט!...

זי האָט זיך שנעל אַנגעבויגן אויף דער ערד, צוזאַמענגעקליבן די קריש־קעלעך און זיי אַריינגעלייגט אין מויל, אָדער געהאַלטן אין האַנט, אַזוי לאַנג, ביז זי האָט עס געגעבן דעם ריכטיקן פּלאַץ.

דאָס לערנען מיך האָט מיט יעדן טאָג אָנגענומען אַ שאַרפערן כאַראַקטער, ביז איך האָב איר איינמאָל געזאָגט, אַז... איך נויטיק זיך נישט אין קיין אָנווייזונגען. איך פיר אויס יעדע אַרבעט נישט ערגער, ווי אַלע, אַפילו ווי זי זעלבסט. פּאַוועל איז נישט איינמאָל געווע געצוווּנגען זיך אַנצונעמען מיין קריוודע. ער האָט געבעטן זיין מוטער, אַז זי זאָל זיך ווייניקער אַריינמישן אין אונדזער לעבן. דאָס האָט אָבער ווייניק געהאָלפן. אַז עס איז אַמאָל פאַרלוירן געגאַנגען אַ קאַלב אין וואַלד און וועלף האָבן עס פאַרצוקט, האָט מאַריאַ נישט אויפגעהערט מיך שטראָפן, כמעט זידלען: „האַ, ווי דערלאָזט מען עס צו אַזאַ זאַך? דאָס איז דאָך ממש פאַרנאַכלעסיקונג. נישט באַלע־באַטיש, נישט פּויעריש...”

מאַריעס אַריינמישונג האָט דערגרייכט דעם העכסטן פּונקט, ווען מיין ערשט קינד, אַ מיידעלע, וואָס מיר האָבן אויף מיין ווונטש, אַ נאָמען געגעבן ליובאַ (ליבע), איז געשטאָרבן אַ פּאָר מאָנאַט נאָכן געבורט. מאַריאַ איז געוועזן אויסער זיך. טאָג און נאַכט האָט זי מיר אַריינגעשושקעט אין אויער אַריין, אַז... איך זאָל וואָס שנעלער ווידער פאַרשוואַנגערן.

— פאַרשטייסט, — האָט זי מיר אויפגעקלערט, פאַרשנורענדיק דערביי פּרום די ליפּן — אַ פּויער אָן קינדער איז — ווי אַ וואַלד אָן בוימער. קינדער זענען נויטיק אין דער „כאַזייסטוועָ” (ווירטשאַפט), עס זאָלן חלילה נישט פעלן קיין אַרבעטס־הענט. ווי נאָר די קינדער שטעלן זיך אויף די פיס, איז שוין דאָ ווער עס זאָל פּאַשען די גענדז, חזירים און די „כודאָבע” (סטאַדעס). נישטאָ קיין גרעסערע מצווה, ווי האָבן אַ סך קינדער...

— טאָ פאַרוואָס האָט איר (ביי די פּויערים זאָגן נישט די קינדער דער מוטער, אָדער פאָטער „דו”, נאָר בלשון הרבים „איר”, מחמת כבוד פאַר עלטערן), געהאַט בלויז צוויי קינדער? — האָב איך זי געפרעגט איינמאָל בעת אַזאַ שמועס.

— פאַרשטייסט — האָט זי אויפגעקלערט, — ביי מיר האָבן, נישט פאַר דיר געדאַכט, זיך נישט געהאַלטן קיין קינדער. גאַנצע פיר שטיק זענען אַוועק־געשטאָרבן, און ביז איך בין נישט אַוועק צו אַ זנאַכערקע, האָט טאַקע גאָרנישט

געהאָלפֿן. זי האָט דעריבער, אַז אויך איך זאָל גיין מיט איר צו אַזאַ זנאַ־כערקע, כדי באַצייטנס „זיך פֿאַרזיכערן", אַז עס זאָלן זיך האַלטן ביי מיר די געבוירענע קינדער.

— איך האַלט נישט פֿון קיין זנאַכערקעס, מאַמאַ. — האָב איך געזאָגט מיט אַ געלעכטער. מער האָט מיר נישט געפֿעלט.

— דו ביסט נאָך פֿאָרט נישט קיין הונדערט פּראָצענטיקע קריסטין! — האָט זי מיר פֿאַרגעוואָרפֿן — פֿאַרשטייסט? פֿאַראַן שלעכטע אויגן, בייזע גייסטער, וועלכע טוען שלעכטס און וועלכע מען קען אָפּווענדן נאָר מיט דער הילף פֿון כישוף.

— פֿון וואַנען קומען דאָ אין וואַלד, בייזע אויגן? — האָב איך נישט אויפֿגעהערט לאַכן.

— אַ בייז אויג איז שולט איבער פֿעלדער און וועלדער, דוניאַ — האָט זי אַריינגערעדט אין מיר שטיל — אפֿשר שעלטן דיך דיינע עלטערן, ווער ווייס!...

— און וואָס איז מיט סטעפֿען? פֿאַרוואָס האָט זי נישט קיין קינדער? — האָב איך געפֿרעגט מיט געוויסן טרויער צוליבן דערמאָנען מיינע עלטערן.

— סטעפֿאַ איז נאָך יונג — האָט זי פֿאַרטייטשט — זי וועט נאָך האָבן. קיין קינדער זענען דערווייל ביי איר נישט געשטאָרבן חלילה, ווי ביי דיר. דאָס איז פֿון גאָט. אויך מיין אַלעקסיי האָט די ערשט צייט נאָך אונדזער חתונה געמיינט, אַז איך וועל שוין חלילה פֿאַרבלייבן אַ קינדערלאָזע. ער האָט צוליב דעם מיך געוואָלט פֿאַרלאָזן, פּראָסירען, אָבער נאָכדעם האָב איך אַ שאָט געטון מיט קינדער, ווי מיט באָב. הלוואי אויף דיר און אויף סטעפֿען געזאָגט געוואָרן. אַ שאָד נאָר, וואָס צוליב די שלעכטע אויגן זענען גאַנצע פֿיר שטיק אומגעקומען. ווען זיי וואָלטן היינט געלעבט, וואָלטן זיי געווען ווי די דעמ־בעס, זאָג איך דיר. איינס און איינס.

— זאָגט מיר, מאַמאַ — האָט זיך מיר פֿאַרגלוסט ווידער אַ וויצל טון — צי איז דער כישוף פֿון גאָט, ווער האָט באַשאַפֿן די כישוף־מאַכער און דעם כישוף?

— דער טייוול ווייס עס — האָט זי געזאָגט פֿאַרטראַכט — פֿאַרשטייט זיך, אַלץ איז פֿון גאָט. אַפֿילו די סאַטאַנאַ, וואָס גאָט האָט באַשאַפֿן, איך מיין דער שטן.

— צו וואָס מאַמאַ? צו וואָס האָט גאָט באַשאַפֿן די סאַטאַנאַ?

— נו, וואָס פֿאַרשטייסטו נישט, וואָס — כדי שלעכטס טון דעם מענטש, אָבער אויך קעגן אים, קעגן דעם טייוול איז פֿאַראַן אַן עצה און דאָס איז —

דער כישוף! פאַרשטייסט, דאַטשקאַ, דער כישוף! אַהאַ, וויפל מען קען אויפ־טון מיט כישוף!...

— זאַבאַבאָנעס, מאַמאַ, אַבערגלויבנס און נישט מער! ביי אַלע פעלקער זענען פאַראַן אַבערגלויבנס. אַפילו ביי יידן. אָט, למשל, טאָר מען ביי יידן נישט אָנרופן קיין געבוירן קינד מיטן זעלבן נאָמען, וואָס די מוטער, אָדער די שוויגער, אויב זי לעבט. מען האַלט, אַז אַזאַ קינד קען שטאַרבן פאַר דער צייט, אָבער איך ווייס, אַז אַ סך קריסטלעכע קינדער טראָגן דעם זעלבן נאָמען, וואָס די עלטערן, אַפילו בעת זיי לעבן נאָך און עס געשעט זיי גאָרנישט. אָדער למשל, אַזאַ זאַך: אַז איך פלעג אַמאָל ביינאַכט דערהערן וואָיען אַ הונט, פלעגט מיר די מאַמע הייסן גיכער איבערקערן אַ שוך, כדי דערמיט אָפּוועגדן דעם שלעכטן גייסט, אָדער דעם מלאך המוות. נו, זאָגט אַליין, מאַמאַ, זענען עס נישט קיין אַבערגלויבנס און נישט מער?

איך האָב געשמייכלט און מאַריאַ האָט געשוויגן. זי האָט זיך אַ וויש געטון פרום איבערן מויל און זיך אָפּגערופן:

— איך ווייס נישט ווי אַזוי עס איז דאָרט ביי די יידן. איך ווייס נאָר ווי אַזוי עס איז ביי אונדז, ביי די קריסטן.

— זאַבאַבאָנעס בלייבן זאַבאַבאָנעס אָן אונטערשייד ביי יידן צי ביי קריסטן.

— טפוי, טפוי, זאָל דיך די הייליקע מוטער און דער הייליקער יעזוס היטן פון אַזעלכע רייד — האָט מיין שוויגער מאַריאַ זיך צעבייזערט בישט אויף קיין קאַטאָוועס — דו ביסט טאַקע אַ גראַמאָטנע, אָבער דו ביסט פאָרט נישט... דאָס... איך מיין, נישט ווי עס דאַרף צו זיין...

— וואָס קען איך העלפן. אַזאַ בין איך. פאַראַן זאַכן, אין וועלכע איך גלויב און פאַראַן זאַכן, אין וועלכע איך גלויב פאָרט נישט, ווייל זיי לייגן זיך פשוט נישט אויפן שכל.

מיין שוויגער האָט זיך נאָך מער צערעדט, געפּרוּווט מיר דערווייזן, אַז עס איז נישטאָ קיין גרעסערע קראַפט, ווי כשוף. מיט כישוף קען מען אָפּטון יענעם, אַז ער זאָל דיך ליבן, אָדער פיינט האָבן; מיט כישוף קען מען אָפּ־נעמען מילך ביי די בהמות פון שכן; מיט כישוף קען מען אָפּוועגדן די ערגסטע רוחות און בייזע גייסטער. אַלץ מיט כישוף!

— אין די ביכער שטייט געשריבן, אַז דאָס זענען אַלץ נאַרישקייטן. — האָב איך געלאַכט, אָבער מיין שוויגער האָט זיך ממש אָנגעצונדן פאַר כעס.

— נאַרישקייטן, זאָגסטו? האַ? ריכטיק! ווער ווייסט דאָרט וועלכע נאַרישקייטן אָט די ביכער דיינע שרייבן. ביי מיר איז טאַקע אַ פויערישער

קאָפּ, אָבער שכל, גאָט צו דאַנקען, האָב איך גענוג. אָט הער אויס, וועל איך דיר דערציילן וועגן זאַכן, וואָס איך האָב אַליין דורכגעלעבט און וואָס אַנדערע האָבן דורכגעלעבט צוליב כישוף און כישוף־מאַכערינס און דו וועסט שוין נישט זאָגן, אַז דאָס זענען אַלץ באַבסקע זאַכן, אָדער נאַרישקייטן. ווי דו זאָגסט.

— אדרבא. לאָמיר הערן איך האָב ליב מעשיות וועגן מכשפות...

— אַז דו גלויבסט נישט איז דאָך נישטאָ וואָס צו רעדן מיט דיר.

— אַז אַ מענטשן איז שלעכט נעמט ער גלויבן אין יעדע נאַרישקייט, אַפילו אין זנאַכאַרקעס — האָב איך ווייטער געלאַכט און דערמיט נאָך מער אָנגערעגט מיין שוויגער צו דערציילן מיר פאַרשידענע מעשיות וועגן כישוף־מאַכער און זנאַכערקעס. זי האָט געקוקט אויף מיר מיט אומצוטרוי, אונטער־געכאַפּט בשעת מעשה מיין יעדן בליק און געפאָרשט, אויף ווי ווייט איך גלויב אין דעם, וואָס זי דערציילט.

נישט געקוקט דערויף, וואָס מיין שוויגער האָט שוין געוווסט, אַז איך האַלט נישט פון קיין שום כישוף און באָבסקע רעצעפּטן, איז זי געווען אין זיבעטן הימל, ווען ביי מיר איז געבוירן דאָס צווייטע קינד, איצט אַ ייִנגעלע, וועלכן מיר האָבן אַ נאָמען געגעבן מיקאָלאַי, נאָכן הייליקן מיקאָלאַי. זי האָט זיך ערשט רעכט גענומען צו מיר, אַז דאָס איז דורכאויס אַ דאַנק אירע קאָנטשאַפטן מיט אַ זנאַכערקע, וועלכע זי האָט באַזוכט עטלעכע מאָל, בעת איך בין ווידער אַריין אין שוואַנגערשאַפט.

דאָס ערשטע וואָס זי האָט געטון, אַז דאָס קינד זאָל לעבן און זיין געזונט, איז געווען דאָס אָנטון אים אַ רויט בענדעלע אויף דער רעכטער האַנט און אַ צלימל אויפן האַלדז. דאַן איז זי באַשטאַנען דורכאויס, אַז די עמדעלעך, וואָס ווערן געבייט פאַרן קינד, זאָלן געמאַכט ווערן פון אַן אַלט העמד, וואָס עס האָט געטראָגן אַן אַלטע פויערטע, ביי וועמען עס זענען געבוירן אַ סך קינדער.

איז ווייניק דאָס — האָט זי אָפּגעבאַקן אַ ריזיקן בייגל פון ווייצן־מעל און אויפגעהאָנגען אים אויף אַ בוים קעגנאיבער דער שטוב, אַז פויגל זאָלן אויפעסן דעם בייגל און דערמיט אָוועקנעמען אַלדאָס בייז פון קינד.

עס האָט נישט געהאָלפן מיין געלעכטער. וואָס מער איך האָב מזלזל געווען מיט אָט די כישוף־„פאַרשריפטן” אַלץ מער כעס האָט עס אַרויסגע־רופן ביי מיין שוויגער און זי האָט גענומען אין דער שטיל בורטשען און וואָרטשען. זי איז אַרומגעגאַנגען מיט פאַרשנורעוועטע ברעמען און ליפן און נישט אויסגערעדט קיין וואָרט.

אַז פּאַוועל און אַלעקסיי האָבן זיך דערוווּסט, פּאַרוואָס די שוויגער גייט אַרום אַ ברוגזע, האָבן זיי איר פאַרגעוואָרפן, אַז איר ברוגז האָט קיין גרונט נישט. זיי האָבן מיך כלומרשט געשטיצט, אַז וואָלטן די זגאַכערקעס אַלץ געוווּסט, וואָלטן זיי קודם כל געהאָלפן זיך זעלבסט.

אויך קאַראָל האָט געהאַלטן מיט מיר און אונטערגעשטראָכן, אַז זיי, די זגאַכערקעס, נאַרן בלויז אויס דאָס געלט ביי נאַיווע מענטשן. בלויז אדארקא, סעריאָזשעס ווייב, האָט איינגעשטימט מיט מיין שוויגער און אויך סטעפאַ האָט נישט געלייקנט, אַז אין אייניקע פאַלן, קען מען מיט כישוף פיל אויפטון. זי ווייס עס פון אייגענער דערפאַרונג...

מיין אָנזען און חשיבות ביי מיין שוויגער מאַריאַ איז אָבער גאָר גרויס געוואָרן דאַן ווען עס איז ביי מיר געבוירן געוואָרן מיין צווייטער זון, יורעק, נאָכדעם, ווי פאַר אים איז געשטאָרבן נאָך אַ קינד, אַ מיידעלע אין עלטער פון אנדערהאַלבן יאָר.

נישט געקוקט אויף מיין פריידענקערישקייט, איז נישט איינמאָל מיר אַרויף אויפן זינען, אַז דאָס, וואָס עס זענען געשטאָרבן ביי מיר צוויי קינדער, איז עס אפשר אַ שטראָף פאַר די ליידן, וואָס איך האָב פאַרשאַפן מיינע עלטערן און עס האָט מיך אַפילו אַרומגעכאַפּט אַ חרטה־געפיל. דאָס דאָזיקע געפיל האָב איך אָבער שנעל פאַרטושט דורך דער אַרבעט אין דער ווירט־שאַפט, וואָס האָט ביי מיר אַוועקגענומען מיין גאַנצע צייט. אָפטמאָל אויך דורך לייענען אַ ביכל, וואָס פּאַוועל האָט אויף מיין ביטע, מיר אַמאָל גע־בראַכט פון שטאָט.

מיטן אונטערוואַקסן פון מיינע ביידע זין, מיקאָלאַי און יורעק, בין איך אַלץ מער באַשעפטיקט געוועזן, איצט אויך מיט זייער דערציאונג. ביידע קינ־דער זענען אַ דאַנק דער געזונטער וואַלד־לופט געוואַקסן, ווי אויף הייוון. פּאַוועל איז געווען גליקלעך און זיין גאַנצע ליבע האָט ער איצט אַוועקגע־שענקט זיינע ביידע זין. מיין הייסע ליבע צו פּאַוועלן און פּאַוועלס הייסע ליבע צו מיר איז פון זינט דאָס געבוירן פון מיקאָלאַיען פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ געוווינהייט, אַ טאָג־טעגלעכע דערשיינונג, וואָס רופט מער נישט אַרויס קיין באַזונדערן ברען, אָדער אייפער.

אַז פּאַוועל איז אַריינגעקומען אין שטוב פון וואַלד, איז זיין ערשטע פראַגע געווען: „וואָס מאַכן די קינדער?‟ און הגם ער איז געווען גוט צו מיר, ווי פריער, האָב איך אָבער געפילט, אַז זיין ליבע צו די קינדער איז פיל גרעסער, ווי צו מיר. און כאָטש דאָס האָט געשיינט צו זיין נאַטירלעך,

האָט עס מיר אָבער נישט זעלטן פאַרדראָסן הלמאי ער ווייזט נישט אַרויס צו מיר די זעלבע הייסע געפילן, ווי אַמאָל.

גאַנץ אָפט האָט זיך מיר אויך אויסגעוויזן, אַז ער שענקט צופיל אויפ־מערקזאַמקייט סעריאָזשעס ווייב, אדארקען, אַ געזונטע און פשוטע פויערטע, וואָס האָט כמעט יעדעס יאָר געקינדלט און אַריינקומענדיק צו אונדז אין שטוב, זיך געוויצלט מיט פּאַוועלן און נישט זעלטן געלאָזט אויך פאַלן אַ באַליידיקנדע אַנדייטונג אויף מיין חשבון. דער עיקר האָט עס מיר וויי געטון, ווען זי האָט זיך גענומען באַרימען מיט איר געזונט און אָפּגעלאַכט פון „דעליקאַטנע הענט".

כמעט תמיד האָט זי געפונען עפּעס אַ חסרון אין מיין ווירטשאַפט וועגן וואָס זי האָט גערעדט אָפן, אין דער אַנוועזנהייט פון פּאַוועלן, כדי נושא חן זיין אין זיינע אויגן.

ווען זי איז אַוועק פון שטוב האָב איך זיך אַרומגעקריגט מיט פּאַוועלן הלמאי ער האָט נישט רעאַגירט אויף איר חוצפה און נאָך מער האָט מיר פאַרדראָסן, וואָס ער לאַכט בעת איך בייזער זיך.

— דאַרפסט נישט לייגן קיין אַכט אויף אדארקען — האָט ער גערעדט מיט אַ שמייכל — זי איז אַ פשוטע פויערטע און שוין.

— האָסט באַמערקט ווי זי האָט זיך געהנדלט צו דיר?

— נו, דערויף איז זי אַ פרוי...

— וועלכע חוצפה זי פאַרמאָגט! איך וויל נישט, אַז זי זאָל קומען צו אונדז!

— דאָס וועסטו נישט אויספירן, דוניאַ. סעריאָזשאַ איז מיין גוטער חבר און זי, אדארקאַ, זיין פרוי, העלפט אָפט דער מאַמע אין פעלד. דו ווייסט דאָך, אַז זייערע פעלדער גרענעצן זיך אויף די כוטאָרס.

— איך ווייס. יאָ, אַלץ ווייס איך...

— ווייסט אפשר אַ ביסל צופיל, דוניאַ...

איך האָב פאַרשוויגן. אין משך פון מיין צוזאַמענלעבן מיט פּאַוועלן האָב איך אַנטפּלעקט אין אים אַ וועלט, וועלכע איז געווען ביז איצט פאַר מיר פאַרשלאָסן. איך האָב גוט אויסגעלערנט זיין כאַראַקטער און געוווסט, אַז פונקט ווי ער קען זיין גוט, אַזוי קען ער אויך זיין שלעכט. חלילה אים אַריינפירן אין כעס. אַז ער ווערט אין כעס, איז ער מסוגל אַ זעץ טון אין טיש, פאַרהאַקן די טיר און זיך צוריקקערן אַרום האַלבע נאַכט. שפּעטער האָט ער נישט אויסגערעדט צו מיר קיין וואָרט, ביז איך האָב נישט אָנגעהויבן

רעדן צו אים די ערשטע, גלייך ווי איך און נישט ער, איז געווען שולדיק אין קריגעריי.

קענענדיק גוט דאָס פויערישע לעבן, האָב איך געוווּסט, אַז דער מאַן מוז זיין דער הערשער איבער דער פרוי און אויב זי וויל פירן אַ נאָרמאַל און רואיק לעבן — מוז זי זיין אונטערטעניק און נאָכגיביק.

יאָ, מיט מיין גאַנצן ווע‍זן האָב איך געוואָלט פירן אַ רואיק לעבן, אָבער נישט זיין אונטערטעניק. דאָס לעבן אַליין האָט אויך געוויזן אַנדערש.

# דערציאונג פון קינדער

די ליבשאַפט צו מיינע צוויי זין האָט אין די אומרואיקע מינוטן מיר פאַר־טראָטן אַלץ אין דער וועלט. זיי זענען ביידע ענלעך געווען סיי צו מיר און סיי צו פאַוועלן. ביידע האָבן פאַרמאָגט בלויע אויגן, בלאָנדע האָר, פאַרי־סענע, קורצע נעזער און לויטערע פנימער, אָפּגעברענט פון דער וואַלדיקער לופט און זון. בלויז ביי יורעקן איז דאָס פנים געווען באַשאָטן מיט זומער־שפּרינקעלעך און מיקאַלאַיס אויגן זענען אים טיף געזעסן איינגעגראָבן אונטער צוויי ערנסטע שיין־געפאָרעמטע ברעמען, ווי ער וואָלט געמאַכט אַן אייביקן אָנשטעל פון ברוגז. ער איז פון דער נאַטור אויך געווען מער עק־שנותדיקער פון יורעקן, וואָס איז יונגער געווען פון אים מיט גאַנצע פיר יאָר. ער איז געווען אַ גרויסער כעסן, אַ שווייגער, אין קעגנזאַץ צו יורעקן, וואָס איז געווען נאָכגיביקער און באַרעדעוודיקער. יורעק איז אויך געווען מער צוגעבונדן צו מיר אין דער צייט, ווען מיקאַלאַי איז געווען מער צוגעבונדן צום טאַטן, צו פאַוועלן און איז געווען דער ליבלינג פון אַלעקסייען און מאַריען.

מיט מיין גאַנצן האַרצן האָב איך געוואָלט, אַז מיינע ביידע זין זאָלן זיך אַנטוויקלען נישט נאָר פיזיש, נאָר אויך גייסטיק. איך האָב דעריבער מיט אַלע כוחות זיך באַמיט איינצופלאַנצן אין זיי דעם ווילן צום לערנען. „זאָלן זיי פאַרשטיין און קענען באַגרייפן, אַז מען דאַרף נישט אונטערשיידן פון קריסט ביז ייד בלויז דערפאַר ווייל יעדער גלויבט זיך דאָרט אין אַן אַנדער גאָט, צוליב וואָס איך האָב דאָך אייגנטלעך אַזוי פיל געליטן און צוליב וואָס מיינע עלטערן האָבן זיך אָפּגעזאָגט פון מיר אויף אייביק.

און נישט נאָר איך, נאָר אויך פאַוועל, הגם מיט ווייניקער אינטערעס, איז געווען שטאַרק צופרידן, ווען אין די לאַנגע ווינטער־אָוונטן, בעת מיקאַלאַי

און יורעק האָבן קומענדיק פון דעמידאָווקע, פון דער שול, זיך געזעצט ביים טיש, און איך האָב זיי געהאָלפן צוגרייטן די לעקציעס. ער האָט דאַן געשעפּט פיל נחת נישט נאָר פון מיקאַלאַיען און יורעקן, נאָר אויך פון מיר, הלמאַי איך ווייס זיך אויס אַזוי גוט אין דעם וואָס זיי לערנען און קען זיי אַרויס־העלפן אין די שול־אויפגאַבן.

דערפאַר האָב איך נישט געהאַט קיין פיל נחת פון מיקאַלאַיען, וואָס ווייזט נישט אַרויס קיין מינדעסטן ווילן צום לערנען. ווי נאָר ער קומט אַריין פון שול, טוט ער אַ שליידער די טאָרבע מיט ביכער אין אַ ווינקל, ווי ער וואָלט אַראָפּגעוואָרפן פון זיך אַ שווערע לאַסט, אָדער אַן איבעריקע זאַך, און לויפט גלייך אין הויף צום פערד. ער גלעט אים און קעכלט אים דאָרט ביז שפּעט אין אָוונט, יאָגט זיך אַרום נאָך די קעלבער און קי און טוט יעדע אַנדערע אַרבעט, אַבי זיך אַרויסדרייען פון צוגרייטן די לעקציעס.

נישט איינמאָל נעמט ער פּאַוועלס ביקס, באַטראַכט זי פון אַלע זייטן און נאָכדעם, ווי ער האָט זי שוין גוט אויסשטודירט, אַ דאַנק פּאַוועלס אָנ־ווייזונגען, לויפט ער אין וואַלד אַריין און שיסט אויף ווילדע פויגל, קאַטשקעס און גענדז. נישטאָ קיין גליקלעכערן פון אים, ווען אים געלונגט זיך צוריק־קערן מיט אַ דערשאָסענער ווילדער גאַנדז, אָדער רויב־פויגל. ער פּאַלט אַריין אין שטוב מיט אַ פּאַלאַש און זיין פּנים שטראַלט פאַר פרייד און האָפערדיקייט.

— נאָ, זע, מאַמע, וואָס כ׳האָב געבראַכט!!!

גאַנץ אָפט מיידט ער בכלל אויס צו גיין אין שול. ער זוכט זיך דערביי אויס פאַרשידענע תירוצים און וואָרנט נאָך דערצו יורעקן, אַז חלילה ער זאָל מיר דערציילן וועגן דעם, אָדער פּאַוועלן. אַז יורעק האַלט זיך נישט איין און גיט דאָך אויס דעם סוד, כאַפּט ער גוט אָנגעבראָכן דיביינער פון אים און קומט אַ פּאַרוויינטער אַהיים, מורא האָבנדיק אַפילו צו דערציילן פאַרוואָס מיקאַלאַי האָט אים געשלאָגן.

צוליב דער פאַרנאַכלעסיקונג פון די לעקציעס זיצט מיקאַלאַי כמעט אין יעדן קלאַס צו צוויי יאָר און אַז ער באַקומט צום דריטל פון שול־יאָר אַ שלעכטע צייגעניש, צערייסט ער זי אויפן אָרט, גאַנץ אָפט אין די אויגן פון שול־דירעקטאָר. עס העלפן נישט מיינע געשרייען און די קלעפּ, וואָס ער כאַפּט אַריין פון פּאַוועלן, נאָכדעם ווי איך ווער אַרויסגערופן צום לערער וועגן זיין אָפּגעשטאַנענקייט אין די לימודים.

פּאַוועל מישט זיך זעלטן אין די דאָזיקע אָנגעלעגנהייטן, ווייל ער פאַרלאָזט זיך אין דער הינזיכט אויף מיר. איבעריקנס, איז ער צופרידן, וואָס

מיקאָלאַי איז אַ גרויסער בריה אין דער ווירטשאַפט. ער איז אַ גלעצנדיקער רייטער אויפן פערד נאָך פון גאָר יונגסטן עלטער. קען פּרעכטיק שיסן פון דער ביקס און טרעפן אין ציל, וואָס רופט אַרויס באַוווּנדערונג ביים טאַטן, זיידן און קאַראָלן. אַלע האָבן הנאה. „מיקאָלאַי וועט זיין אין מיליטער אַ גלענצנדיקער אולאַנער". ער קען יעדע סטעזשקע אין וואַלד. לאָז אים אין די גרעסטע זאַוויערוכעס און נאַכט־פינצטערניש, וועט ער טרעפן אַהיים. ער וועט אויך אָן שווערקייטן אויפזוכן אַ פאַרפאַלענע קי, אָדער שאָף — איז וואָס דאַרף מען נאָך? בעסער דערפון קען דאָך שוין נישט זיין. איז ווי קען מען בכלל האָבן תרעומות צו אַזאַ גראָטן יינגל?

די שטערונג פון מיקאָלאַיס אָפּשטיין אין די לימודים, האָב איך טאַקע געזען אין זיינע פעאיקייטן אויף די אויבנדערמאָנטע געביטן, אָבער אַז איך בין אייניקע מאָל אַרויסגערופן געוואָרן צום שול־דירעקטאָר פאַר גאָר שרעק־לעכע מעשים, וואָס מיקאָלאַי טוט אָפּ, בין איך געוויר געוואָרן, אַז זיינע חברים, יינגלעך אין זיין עלטער, וואָס לערנען זיך נישט בעסער פון אים, און באַזונדערס זיין בעסטער חבר, מיכאַל, וואָס קומט צו אים יעדן טאָג, האָבן אַ גרויסן חלק אין זיין מיסדערפאָלג אויפן געביט פון די לימודים. נישט נאָר, וואָס זיי שטערן אים אין אויסהערן וואָס דער לערער לערנט מיט די שילער, נאָר רעדן אים נאָך אָן צו פאַרשידענע מעשים, ווי אַוועקנעמען ביי די שוואַכערע יינגלעך די שול־מכשירים, איינאָרדענען „מלחמות" צווישן איין קלאַס מיטן צווייטן און באַזונדערס שלאָגן די יידישע שילער, וואָס באַזוכן צוזאַמען מיט זיי איין קלאַס.

## פּנים אל פּנים מיט אַ יידישער מאַמע

איין פאַרנאַכט, ווען מיקאָלאַי האָט זיך צוריקגעקערט פון דער שול, איז זיין פּנים געווען אינגאַנצן צעראַצט. איך האָב זיך איבערגעשראָקן, הגם דאָס איז נישט געווען דאָס ערשטע מאָל, וואָס ער איז געקומען אַהיים אַ צעביילטער.

— וואָס איז היינט ווידער געשען מיט דיר, מיקאָלאַי? — בין איך צוגעשטאַנען צו אים. ער האָט נישט געענטפערט. אַנשטאָט דעם האָט יורעק מיר דערלאַנגט אַ צעטעלע פון דירעקטאָר, אַז איך זאָל מאָרגן אומבאַדינגט קומען צו אים אין שול. דער ענין איז אַ דרינגענדיקער.

— יורעק, וואָס איז געשען אין שול? — האָב איך געפרעגט ביי יורעקן, וואָס

האָט נישט אַראָפּגענומען זײַנע בליקן פון מיקאָלאַיען, װעלכער האָט מיט אַ ברוגזן אָנשטעל, װי זײַן שטייגער, אַ װאָרף געטון די ביכער אין אַ װינקל און געזאָגט קאַטעגאָריש, אַז ער גייט נישט מער אין שול און פאַרטיק. זאָגנדיק דאָס, האָט ער פאַרלאָזן די שטוב און אַרויס אין הויף.

— יורעקל, דערצייל װאָס האָט הײַנט װידער פּאַסירט מיט מיקאָלאַיען? װער האָט עס אים אַזוי צעראַצט דאָס פּנים? — בין איך צוגעשטאַנען צו יורעקן.

— מיקאָלאַי האָט זיך געשלאָגן מיט יאַנקעלען, — האָט יורעק דער־ציילט — קענסט דאָך יאַנקעלען, אַ יידיש ייִנגל, װאָס לערנט מיט אים אין קלאַס.

— פאַרװאָס האָבן זיי זיך געשלאָגן?

— מיקאָלאַי האָט ביי אים צוגענומען די בלײַפעדער און נאָך געגעבן דערצו גוטע קלעפּ. יאַנקעל האָט זיך פאַרטיידיקט און אים צעדראַפּעט דאָס פּנים. דער לערער האָט זיי ביידן אַרויסגעװאָרפן פון קלאַס און געהייסן נישט צוריקקערן אין דער שול, ביז דו און יאַנקעלס מוטער װעלן נישט קומען צו אים.

איך בין זיך מודה ומתודה, אַז דאָס טרעפן זיך אין איין צימער ביים שול־דירעקטאָר מיט יאַנקעלס מוטער, װעלכע איך האָב נישט געקענט, און װעלכע האָט נישט געװוּסט װער איך בין, איז געװען פאַר מיר איינע פון די גרעסטע איבערלעבונגען צו יענער צייט, נאָך יאָרן פון פאַרלאָזן מיין יידישע היים און נישט פאַרקערן אין קיין יידישער סביבה.

אַז איך האָב זי אויף צומאָרגנס דערזען אין קאַבינעט פון שול־דירעקטאָר, האָט ביי מיר אַ זעץ געטון דאָס האַרץ פון אינערלעכער געריירטקייט. קודם כל בין איך נישט געװען זיכער צי זי קען מיך נישט. אפשר איז זי גאָר אַ באַקאַנטע פון מיינע עלטערן? האָב איך דאָך טאַקע אַלע יאָרן אויסגעמיטן צו קומען אין באַרירונג מיט יידן. מיין אַלטע היים, דאָס דאָרף רעטשיצע, האָט זיך געפונען אַ מרחק פון אַרום דרייסיק קילאָמעטער פון מיין גאַיװוּקע. איבעריקנס, זענען שוין פאַרלאָפן אַזוי פיל יאָרן, אָבער דאָך. װער װייס?

— אָט דאָס איז מיקאָלאַיס מוטער, די פּאַני ליאַסקאָװיטש! — האָט מיך דער שול־דירעקטאָר פאַרגעשטעלט פאַר יאַנקעלס מוטער, אַ פרוי אין מיין עלטער, מיט שװאַרצע אויגן, שװאַרצע האָר און באַחנטן מאַטן געזיכט מיט ספּעציפיש־יידישן חן — און דאָס װידער איז די פרוי רעבעקאַ עפּשטיין.

— זייער אָנגענעם. — האָב איך געזאָגט מיט פּויליש־געמאַכטן באָן־טאָן. מיין שטים האָט אַ ציטער געטון. איך האָב אויסגעמיטן קוקן אויף איר. איך

ווייס נישט פאַרוואָס. אפשר דערפאַר, ווייל עס האָט מיך אַרומגעכאַפּט אַ געפיל, אַז אירע אויגן, וואָס זענען אַזוי ענלעך צו די אויגן פון מיין מאַמע און גיטעלען, בריען מיך. גליען, ווי אָנגעגליטע אייזערנע ריטער.

— זיצט, ביטע. — האָט אונדז איינגעלאַדן דער שול־דירעקטאָר, אַ מיטל־יאָריקער פּאָליאַק מיט אַן אָפּגעלייגטן „סלאָוואַצקי״־קאָלנער אויף זיין טונקל־שטאָפּיקן רעקל און גלאַט־געקעמטער פריזור אין אַ זייט. — איך האָב אייך דאָ ביידע גערופן אין זייער אַן ערנסטן ענין.

ער האָט זיך אַ גלעט־געטון איבער די צוגעפּלאַטשטע האָר און פאַר־געזעצט מיט געמאַכטער העפלעכקייט:

— ווי געוויינלעך, פּאַסירן צווישן שילער געשלעגן, אָדער קריגערייען. דאָס מאָל אָבער איז דער ענין זייער ערנסט. גאָר ערנסט.

— וואָס איז געשען, הער דירעקטאָר? - האָב איך געפרעגט באַהערשנדיק מיינע געפילן — עפּעס ווידער מיט מיקאָלאַיען?

— צום באַדויערן. ער איז לעצטנס געוואָרן אומדערטרעגלעך. נישט נאָר וואָס ער נעמט אַוועק אַלץ, וואָס יאַנקעל, דער זון פון מאַשקאַ און רעבעקאַ עפּשטיין (דאָ האָט ער געוואָרפן אַ זייטיקן בליק אויף יאַנקלס מוטער), נאָר ער שלאָגט אים נאָך אַן אויפהער. פריער האָב איך געהאַט דעם איינדרוק, אַז אַנדערע שילער רעדן אים אָן דערצו, באַזונדערס מיכאַל קאָניוק און איך האָב זיי פונאַנדערגעזעצט אויף באַזונדערע בענק. אָבער נאָכדעם, ווי איך האָב זיך איבערצייגט, אַז דאָס העלפט נישט, האָב איך באַשלאָסן אָננעמען גאָר דראַסטישע שריט.

די גאַנצע צייט, וואָס דער שול־דירעקטאָר האָט גערעדט, איז יאַנקעלס מוטער געזעסן אַן אויפגערעגטע, אָבער גלייכצייטיק אַ צופרידענע, וואָס דער דירעקטאָר איז אויף איר זייט. אין אירע אויגן האָבן געגלאַנצט טרערן. אירע ליפּן — צוזאַמענגעפּרעסט פאַר פאַרדרוס. עס איז קענטיק געווען, אַז זי באַמיט זיך איינצוהאַלטן איר כעס. יעדע ווײַלע האָט זי מיך צוגעוואָרפן אַ קאָסן בליק און אויס אינערלעכער אויפרעגונג נישט אויפגעהערט צו פאַריכטן זיך די פריזור.

און דער דירעקטאָר האָט פאַרגעזעצט:

— בשייכות דערמיט בין איך טאַקע געקומען צום אויספיר, אַז איך וועל מוזן באַזייטיקן פון דער שול ביידע יינגלעך. סיי מיקאָלאַיען און סיי יאַנקעלן. עס טוט מיר זייער לייד — האָט ער צוגעגעבן גאָר ערנסט — אָבער דאָס וועט זיין אַ מוסר־השכל פאַר אַנדערע שילער און באַזונדערס פאַר די עלטערן, וואָס גיבן זיך נישט אָפּ ווי געהעריק מיט דער דערציאונג פון זייערע קינדער.

איר פאַרשטייט, איך קען נישט דערלאָזן, אַז ביי מיר אין שול זאָלן זיך איבער־חזרן אַזעלכע פאַלן, ווי דאָס איז נעכטן געשען.

— אָבער... אָבער פאַניע דירעקטאָר — האָט יאַנקעלס מוטער גענומען רעדן מיט אַ פאַרהאַקטן אָטעם — פאַרוואָס קומט אויך אַרויסוואַרפן פון דער שול מיין יאַנקעלן? צי דערפאַר, ווייל מיקאָלאַי (דאָ האָט זי מיר ווידער צוגעוואָרפן אַ בייזן בליק), \האָט אַזוי שרעקלעך צעשלאָגן מיין יאַנקעלן, אַז ער ליגט איצט צום בעט אין פיבער?

— איך וויל זיך נישט אַריינלאָזן אין דעם, ווער פון זיי ביידן איז דער גערעכטער! — האָט דער שול־דירעקטאָר געזאָגט גאָר ערנסט — אויב מיקאָלאַי שלאָגט יאַנקעלן אָן אויפהער, זענען דאָך פאַראַן מסתמא געוויסע סיבות דערצו. נישט אַזוי? (דאָ האָט ער מיר צוגעוואָרפן אַ ליבלעכן בליק. כמעט זיך פאַרנויגט) אַנדערש — פאַרוואָס דען וואָלט ער אים געשלאָגן? אויף וויפל איך האָב געהערט פון אים, פון יאַנקעלן, שלאָגן אים אויך אַנדערע שילער.

יאַנקלס מוטער, רבקה עפשטיין האָט ביטער אַ שמייכל געטון. זי האָט זיך נערוועז אַ דריי געטון אויף איר אָרט און געזאָגט מיט איינגעהאַלטע־נעם צאָרן:

— הער דירעקטאָר! איך ווייס ווירקלעך נישט פאַרוואָס אַלע יינגלעך, ווי איר באַהויפטעט, שלאָגן אים. אפשר קענט איר מיר זאָגן פאַרוואָס? וועלכע פאַרברעכנס באַגייט ער אין דער שול? צי דערפאַר, ווייל יעדן טאָג קומט ער אַהיים אַ הונגעריקער, ווייל ער פאַרטיילט זיי אַלץ, וואָס איך גיב אים מיט? צי ווייסט איר כאָטשבי, הער דירעקטאָר, אַז יעדן טאָג גיב איך אים אַ דאָפלטע פאָרציע שפייז און זיסוואַרג, כדי ער זאָל זיך קענען אויסקויפן פון די באַרבאַרישעמעשים, וואָס אייניקע שילער באַגייען איבער אים?

— ביי מיר אין שול קומען נישט פאָר קיין שום באַרבאַרישע מעשים! — איז דער שול־דירעקטאָר אויפגערעגט געוואָרן.

— הער דירעקטאָר — האָט יאַנקעלס מוטער נישט אויפגעהערט זיך בייזערן — איר האָט נישט איינמאָל מיר געזאָגט בעת דער פאַרזאַמלונג פון עלטערן, אַז מיין יאַנקעל איז איינער פון די בעסטע שילער. איז אַ שטיל יינגל. פירט זיך אויף גוט אין קלאַס און באַקומט די בעסטע אָפּצייכענונגען.

— דאָס זענען צוויי באַזונדערע זאַכן, פאַני עפשטיינאָווא! — האָט דער דירעקטאָר איר איבערגעריסן — די סיבות הלמאי אַלע שלאָגן אים דאַרפט איר אַליין זוכן און דאָס געהער נישט צו די קאָמפּעטענצן פון שול־דירעקטאָר.

— איז אפשר דאָ די מוטער פון מיקאָלאַיען שולדיק, וואָס איר זון מיקאָ־לאַי האָט זיך אַזוי אָנגעזעצט אויף מיין קינד? — האָט יאַנקעלס מוטער גערעדט מיט האַס, אויסמיידנדיק איצט קוקן אין מיין ריכטונג — אפשר לערנט זי אים אַזוי און נאָך אַזעלכע מאַמעס ווי זי, אַז זיי זאָלן שלאָגן מיין זון, ווארום איך גלויב נישט, אַז מיקאָלאַיען פעלט עסן אין זיין היים. אויף וויפל מיין זון האָט מיר דערציילט, איז מיקאָלאַי דער זון פון גאַיאַוון און ער הונגערט נישט זיכער, אָבער דאָס וואָס ער שלאָגט אים געהער גראָד יאָ צו די קאָמפּעטענצן סיי פון שול־דירעקטאָר און סיי פון דער דערציאונג, וואָס אַזעלכע שילער באַקומען אין זייערע היימען. ווי זאָגט אַ שפריכוואָרט: קינדער קייען, וואָס גרויסע שפּייען...

די גאַנצע צייט, וואָס יאַנקעלס מוטער האָט גערעדט, בין איך געזעסן, ווי איך וואָלט פאַרשטיינערט געוואָרן. עס האָט מיר באַנומען ביים האַרצן. איך האָב גוט פאַרשטאַנען צו וואָס זי צילט. נישט ווילנדיק זענען מיר אַרויף אויפן זינען יענע טעג, ווען איך, אַלס יידישקע, בין באַפאַלן געוואָרן דורך די פאַסטוכער, פון וועלכע איך האָב זיך געמוזט אויסקויפן מיט אַ פּאָר צו־קערלעך. איך בין געווען צופרידן, וואָס זי ווייס נישט ווער איך בין. אָ, ווען זי וואָלט עס געוווסט, וואָלט זי זיכער אַזוי נישט גערעדט. איך האָב זיך דערניבער מער נישט געקענט באַהערשן און זיך אָפּגערופן:

— ליבע פרוי, גלויבט מיר, אַז איך דערצי נישט מיינע קינדער אין דעם גייסט פון שלאָגן אַנדערע קינדער. אָפטמאָל האָט די אייגענע מוטער, אָדער די עלטערן נישט קיין שליטה איבער זייערע קינדער. עס איז שווער נאָכצוגיין און נאָכצוקאָנטראָלירן, וואָס זיי טוען און ווי אַזוי זיי פירן זיך אויף אויסער דער שטוב. דאָס, וואָס מיקאָלאַי שלאָגט אייער יאַנקעלן איז זיכער פאַראַן עפּעס אַ מיספאַרשטענדעניש. איך זאָג אייך צו, אַז איך וועל עס געבוי אויספאָרשן און ער וועט באַקומען זיין שטראָף, אַזוי, אַז מער וועט זיך אַזעלכעס נישט איבערחזרן.

— דאָס איז שוין נישט דאָס ערשטע מאָל, אַז ער קומט אַ פאַרוויינטער אַהיים. — האָט יאַנקעלס מוטער מיך איבערגעשלאָגן און איר פּנים איז איצט געווען רויט פאַר אויפרעגונג — אָבער קיינמאָל האָט ער נישט געוואָלט דערציילן ווער און פאַרוואָס האָט אים געשלאָגן. איך האָב אים נישט גע־דאַרפט פיל פאָרשן וועגן די סיבות. איך פאַרשטיי זיי גוט און שוין נישט איינמאָל באַשלאָסן צוליב דעם אים אַוועקנעמען פון דער שול, אָבער ווער נאָך ווי דער הער דירעקטאָר ווייס, אַז פאַר נישט שיקן די קינדער אין שול ווערט יעדער באַשטראָפט. אַפילו די יידישע „חדרים" איז נישט דערלויבט

צו לערנען פריי זייערע רעליגיעזע לימודים. און אַז מען רעדט שוין, ווייל איך אויך, אַז דער הער דירעקטאָר זאָל וויסן וויפל חוזק מיין יאַנקעלען קומט אויס אויסצושטיין בעת ער גייט אַרויס פון די לעקציעס פאַר רעליגיע, ווען דער גלח קומט אין שול. נאָך דער לעקציע באַשולדיקן אים די שילער, אַז ער האָט גקרייציקט דעם קריסטלעכן גאָט און אפשר איז עס גאָר טאַקע די סיבה, וואָס מיקאַלאַי און נאָך אַזעלכע ווי ער, האָבן זיך אָנגעזעצט אויף אים.

דער שול־דירעקטאָר האָט איראָניש אַ שמייכל געטון. ער האָט געוואָרפן צו מיר אַ פילזאָגנדיקן בליק און אויפשטייענדיק פון זיין אָרט, געזאָגט:

— גוט. איך וועל נאָך פּרובירן דאָס מאָל איבערלאָזן יאַנקעלן אין דער שול און מיר וועלן זען ווי אַזוי ער וועט קענען אויסקומען מיט די קינדער און באַזונדערס מיטן זון פון דער פּאַני ליסאַקאָוויטש, מיט מיקאַלאַיען. דאָס איז אַלץ!

יאַנקעלס מוטער האָט זיך גלייך אויפגעהויבן פון איר אָרט און צו־וואָרפנדיק דעם שול־דירעקטאָר דאָס געזעגענונגס־וואָרט „דאָווידזעניאַ", איז זי אַוועק. אויך איך האָב זיך אויפגעהויבן און געוואָלט פאַרלאָזן דעם קאַבי־נעט פון שול־דירעקטאָר, אָבער ער האָט צו מיר אויסגעשטרעקט זיין פעטלעכע האַנט און האַלטנדיק מיין האַנט אין זיינער מיט פיל דזשענטעלמענישקייט צוגערירט זיינע ליפּן, לויטן פּוילישן באָן־טאָן. ער האָט זיך דאַן אָפּגערופן מיט אַ וווילינגערישן לאַקריץ־זיסן שמייכעלע:

— איך זאָג אייך פּאַני ליסאַקאָוויטש, אַז מיט די זשידקעס איז גאָר קיין קאַטאָוועס נישט. אַלץ טייטשן זיי גלייך אויס, אַז דאָס איז אַנטיסעמיטיזם. נו, מען קען גאָרנישט מאַכן. אָט דאָס זענען אונדזערע בירגער...

איך האָב אים נישט געענטפערט. עס איז מיר שווער געווען קוקן אין זיינע קליינע ביר־אויגעלעך און קורץ־געשוירענע ווענסעלעך אַ־לאַ טשאַפּלין. איך האָב געוואָלט אַנטלויפן. וואָס שנעלער אַנטלויפן פון זיין קאַבינעט. ער האָט מיך אָבער באַגלייט ביז דער טיר און נישט אויפגעהערט שמייכלען:

— נעמט זיך שטאַרק נישט איבער, פּאַני ליסאַקאָוויטש. וושיסטקאָ בענ־דזיע וו'פּאָזשאָנדקו (אַלץ וועט זיין אין אָרדענונג). אגב... אייער מיקאַלאַי איז איינגאַנצן געראָטן אין אייך. אַ שיינער יינגאַטש...

— אַ דאַנק פאַרן קאָמפּלימענט! — האָב איך אים צוגעוואָרפן און שנעל אַרויס פון זיין קאַבינעט. איך בין נישט געגאַנגען, נאָר געלאָפן אַהיים, ווי אַ פאַרוווּנדעטע. ווי עמיץ וואָלט מיך אויסגעפּאַטשט דאָס פּנים...

# זשיד־באַלאַמיד...

וויפל מוסר־רייד איך האָב נישט אַריינגעלייגט יענעם אָוונט אין מיקאַ־לאַיען, האָט ער עס געהערט מיט שווייגעוודיק־פּאַרעקשנטן אָנשטעל. איך האָב געהאַט דעם איינדרוק, אַז ער הערט מיך בכלל נישט אויס. ער שטייט, ווי זיין שטייגער, מיטן מעסערל אין האַנט און שניצט פון אַ דין יונג בעריאָזע־בוימל, אַ שטעקל צו אַ בייטש. דאָס איז געווען זיין האָבי: אַ לאַנגע בייטש. אַז ער האָט אָנגעבונדן דעם רימען, וואָס ער האָט איבערגעבונדן מיט עט־לעכע קנופּן און פון שטעקל און רימען איז געוואָרן אַ בייטש, האָט ער מיט דער בייטש געגעבן אַזאַ קניאַק אין דער לופטן, אַז דער עכאָ פון וואַלד האָט אַזש אָפּגעקלונגען אין שטוב.

— מיקאַלאַי, האָסט געהערט וואָס איך רעד צו דיר, אָדער נישט? — האָב איך אים געפרעגט אַן אויפגערעגטע, אַרויסנעמענדיק די בייטש פון זיינע הענט.

— אוודאי האָב איך געהערט, וואָס דען? גיב מיר אָפּ די בייטש!

— וועסט זי נישט באַקומען, ביז דו וועסט מיר נישט צוזאָגן, אַז דו וועסט זיך גוט אויפפירן אין דער שול.

— איך פיר זיך דען אויף נישט גוט? — האָט ער מיך אָנגעקוקט מיט זיינע בלוי־גרינע אויגן.

— דו פירסט זיך אויף זייער גוט. זעסט דאָך, אַז איך באַקום יעדעס מאָל צעטעלעך פון שול־דירעקטאָר. איך האָב אים קוים איינגעבעטן, אַז ער זאָל דיך דאָס מאָל איבערלאָזן אין שול.

— האָסט אים נישט געדאַרפט בעטן.

— ווילסט נישט לערנען?

— איך לערן דען נישט?

— זיך שלאָגן, אַוועקנעמען ביי יאַנקלען אַלץ און דערצו אים נאָך געבן קלעפּ. פּאַסט עס פאַר דיר?

— יאַנקעל איז אַ זשיד־באַלאַמיד (פויערישער צונאָמעניש אויף יידישע יינגלעך, בפרט און אויף יידן בכלל).

— נו, איז וואָס, אַז ער איז אַ יידיש יינגל?

מיקאַלאַי האָט זיך שטאַרק צעלאַכט און גענומען דעקלאַמירן:

— זשיד באַלאַמיד קוסטקאַיו וודאַוויוסיאַ, אָוונאָם זאַקוסיוסיאַ!...

— ווו האָסטו געהערט אָט די באַליידיקנדע ווערטער, מיקאַלאַי? — האָב איך גערעדט צו זיין שכל, אָבער אומזיסט. ער האָט נישט אויפגעהערט קייכן

פּאַר געלעכטער און אָנגעשטעקט מיט זיין שקצישן געלעכטער אויך יורעקן.ביידע האָבן איצט געלאַכט אָן אויפהער.

— אַלע יינגלעך רייצן זיך אַזוי מיט יאַנקעלן. — האָט יורעק פּאַרענט־פערט אָנשטאָט מיקאָלאַיען — אַז אין דעמידאָוויקע פּאָרט דורך אַ ייד און מיר גייען פּונקט אַרויס פון שול, לויפן מיר אים נאָך און שרייען אים אַזוי:

— זשיד באַלאַמיד; זשיד באַלאַמיד!

— געננוג!!! — האָב איך זיך צעשריגן אויף ביידן — וואָרט, זאָל נאָר קומען דער טאַטע פון וואַלד וועט איר שוין אַריינכאַפּן וואָס אייך קומט.

— אויך איך? איך בין דאָך אַ גוטער. — האָט זיך יורעק געבעטן, אָבער מיקאָלאַי האָט נישט אויפגעהערט זיך טרייסלען פּאַר געלעכטער. פאַרן אַרויסגיין פון שטוב, ווי תמיד אין אַזעלכע פאַלן, האָט ער זיך נאָך אַ רייץ געטון מיט מיר:

— דער טאַטע וועט מיר סייווי גאָרנישט טון. ער איז דאָך אויך געווען אַ יינגל און פיינט געהאַט זשידעס...

אַז זיי זענען ביידע אַרויס אין הויף, אין וואַלד אַריין, בין איך אַ פאַר־שטיינערטע לאַנג געזעסן און געטראַכט איבער דער דערציאונג פון מיינע קינדער, וועלכע וואַקסן אַלץ מער און ווייסן אַפילו נישט, אַז זייער מוטער איז אַ געוועזענע יידישקע. אָ, ווי וואָלטן זיי רעאַגירט דערויף, ווען זיי וואָלטן זיך עס דערוווסט?! איך קען עס זיי איצט בשום אופן נישט זאָגן. זיי זענען נאָך צו קליין, כדי עס פאַרשטיין, כדי באַגרייפן, אַז זייער פאָטערס ווייב שטאַמט פון אָט די זשידעס באַלאַמידעס. ווען זיי וועלן אַ ביסל עלטער ווערן, וועל איך עס זיי סייווי דערציילן. דערווייל טאָרן זיי דערפון נישט וויסן. ביין.

איך האָב פאַוועלן קיינמאָל נישט דערציילט מיט אַלע פּרטים וואָס דער שול־דירעקטאָר האָט גערעדט מיט מיר. די לעצטע יאָרן האָט זיך אויך פאַוועל געביטן אין זיין באַציאונג צו מיר. דאָס איז נישט געווען דער זעלבער פאַוועל, וואָס אַמאָל. ביים קלענסטן צעווערטלען זיך צווישן אונדז, האָב איך אַרויסגעפילט אַ געוויסע גרינגשעצונג צו מיינע אָנשויאונגען און באַנעמונג. איך האָב געדענקט אַנדערש, ווי ער. מיין איבערצייגונג, אַז דאָס לעבן איז נישט מער ווי אַ פּשרה צווישן מאַן און פרוי בכלל און פון מענטש צו מענטש בפרט, האָט זיך נישט איינמאָל באַשטעטיקט אין אַזעלכע פאַלן.

עס האָט אָבער פּאַסירט אַ פאַל מיט מיקאָלאַיען, אַז איך האָב מער נישט געקענט אויסמיידן, אַז ער, פאַוועל, זאָל נישט וויסן וועגן דעם. די פּאַסירונג איז געווען צו אַ שאַרפע און ערנסטע.

דאָס איז געשען איין ערב־פּרילינג־פאַרנאַכט. אַרום זענען די בוימער גע־שטאַנען אין פּרעכטיקער בליאונג. עס האָט געשמעקט מיט בעז און אַקאַציע. בלויז די יאָדלעס־נאָדלען האָבן אָנגעהאַלטן די זעלבע גרינקייט, ווי אַ גאַנצן ווינטער, נאָכן אַראָפּרינען פון זיי דעם אָנגעהויפטן שניי. דער וואַלד האָט זיך דערוועקט צום לעבן און מיט אים יעדע וואַלד־באַשעפעניש און גרעזל. באַזונדערס האָבן פון דער דאָזיקער צייט הנאה געהאַט מיינע צוויי זין. זיי האָבן גאַנצע טעג פאַרבראַכט אין וואַלד, אין פּאַשען די קי אויפן פריש־אויפגעשפּראָצטן גראָז און „לאָטאָט״ פון אונטערן שניי, אָדער אין די אָוונטן געשפּילט זיך צוזאַמען מיט סעריאָזשעס קינדער אין פאַרשידענע קינדער־שפּילערייען, ווי „צורקע״ און „באַהעלטעניש״.

מיכאַל, מיקאָלאַיס בעסטער חבר, וועלכער האָט געוווינט אויף אַ כוטאָר נאָענט צום דאָרף דעמידאָווקע, וואָס האָט זיך געפונען אַרום דריי קילאָ־מעטער פון מיין גאַיווקע, איז אויך אויף ווייטער פאַרבליבן מיקאָלאַיס בעסטער חבר.

נישט געקוקט דערויף, וואָס איך האָב מיקאָלאַיען געוואָרנט זיך נישט חברן מיט אים, מיט מיכאַלן, ווייל ער, איז אַ פאַרשייט יינגל און פאַרמאָגט אין זיך נישט קיין קליינע פּאַרציע פרעכהייט, איז ער, מיכאַל, דאָך געקומען כמעט יעדן טאָג צו אונדז.

סוף־סוף איז מיר נמאס געוואָרן דאָס צו אָפטע וואָרענען מיקאָלאַיען, אַז ער לערנט זיך אָפּ פון מיכאַלן שלעכטע מעשים און מיכאַל, אַ גוט־אַנט־וויקלטער יינגאַטש, וואָס האָט אויסגעזען פיל עלטער, ווי ער איז עס געווען אין דער ווירקלעכקייט, האָט ווייניק געלייגט אַכט אויף מיין אָפענער אומצופרידנהייט לגבי זיינע באַזוכן.

יענעם פאַרנאַכט, בין איך ווי געוויינלעך געווען אַליין אין שטוב. זיך געהאַלטן אין איין אַרומפּאָרען אין דער ווירטשאַפט און געגרייט וועטשערע פאַר פאַוועלן, וואָס איז נאָך געווען אין וואַלד. אויב מיין זכרון דינט מיר גוט, איז עס דוכט זיך געווען ערב־זונטיק, דעמאָלט ווען צווישן די אָפטע געסט, קומען אויך קאַראָל מיט סטעפען, זיינע צוויי קוזינעס פעליציאַ און יאַדוויגאַ, סעריאָזשאַ מיט זיין יאַדערדיק־געבויטער אַדאַרקען און נאַטירלעך מיינע שוועער און שוויגער אַלעקסיי און מאַריאַ.

שטייענדיק ביים אויוון, ווו איך האָב אונטערגעלייגט טרוקן־בעראָזעווע האָלץ און צוגעשטעלט פאַרשידענע טעפּ מיט געקעכץ, האָב איך פּלוצים דערהערט שטאַרקע געשרייען פון מיקאָלאַיען. ווען איך בין צוגעלאָפן צום פענצטער, האָב איך דערזען, ווי מיקאָלאַי שטייט מיט זיין מעסער אין האַנט

און באַמיט זיך אַריינשטעכן אים אין מיכאַלן. מיכאַל ראַנגלט זיך מיט אים מיט אַלע כוחות און וויל אַרויסרייסן ביי אים דאָס מעסער. ביידע זענען שטאַרק צעבלוטיקט. יורעק שטייט ביי דער זייט און שרייט: „מאַמאָ! מאַמאָ! קום אַרויס גיכער! מיקאָלאַי וועט אים דערשטעכן!"

איך בין שנעל אַרויסגעלאָפן אין דרויסן און זיך געלאָזט צו מיקאָלאַיען, געגומען ביידן פונאַנדערנעמען. דאָס איז מיר נישט אַזוי לייכט אָנגעקומען, איך האָב מיקאָלאַיען קוים אַוועקגעריסן פון מיכאַלן, וועלכער איז געווען צעבלוטיקט און דאָס גאַנצע אָנטון אויף אים צעריסן. איצט זענען ביידע געשטאַנען, ווי צוויי העגער און זיך אָנגעקוקט.

— גיב אַוועק דאָס מעסער! — האָב איך זיך דערנענטערט צו מיקאָלאַיען — אָבער שנעל! דו הערסט?

— איך וועל נישט אַוועקגעבן! — האָט מיקאָלאַי אָפּגעטראָטן פאַר אַ בוים — איך מוז אים היינט דערשטעכן און אַריינוואַרפן אין טייך. קיין לעבעדיקער וועט ער זיך נישט אַרויסדרייען פון מיינע הענט.

— וואָס האָט דען פּאַסירט? — בין איך נייגעריק געוואָרן, שטייענדיק אומבאַהאָלפן.

מיקאָלאַי האָט געשוויגן. ער איז געשטאַנען פאַרן בוים אינגאַנצן אַ צע־יוירטער און געפּאַכעט מיטן מעסער, גרייט זיך ווידער אַ לאָז טון צו מיכאַלן, וועלכער איז נישט אַוועק, נאָר איז געשטאַנען גרייט אויף אַ ווייטער־דיקן קאַמף.

— יורעקל, וואָס איז דאָ געשען? — האָב איך זיך געווענדעט צו יורעקן, וועלכער איז געשטאַנען אין זיין ייִנגלשער פּאָזע און מורא געהאַט אויסזאָגן, פאַרוואָס זיי האָבן זיך אַזוי צעשלאָגן. ענדלעך האָב איך אַרויסבאַקומען ביי אים:

— מיכאַל האָט געזאָגט מיקאָלאַיען זייער אַ מיאוס וואָרט.
— איז צוליב דעם?
— יאָ.

— וואָס פאַראַ מיאוס וואָרט איז עס אַזאַ, אַז צוליב דעם וויל ער אים אַזש שטעכן? — האָב איך זיך געוווּנדערט, אָבער יורעק, וועלכער איז ווי תמיד געווען אויפריכטיק און צוגעלאָזן צו מיר, האָט אַרויסגעפּראַלט:

— ער האָט מיקאָלאַיען געזאָגט „זשיד־באַלאַמיד"...

דאָס גאַנצע בלוט האָט מיר אַ זעץ געטון אין פּנים. איך בין געבליבן שטיין אַ געפּלעפטע. פון וואַנען ווייס מיכאַל אָנצורופן מיקאָלאַיען מיט די דאָזיקע ווערטער? איז עס נישט מער, ווי אַ צופאַל, אָדער... אָדער ער

האָט מסתמא געהערט, אַז זיין מאַמע איז אַ געװעזענע זשידאָװקע. יאָ. קיין ספק נישט, אַז ער, מיכאַל, װײס װער איך בין. װי אַזױ װײס ער עס? דוכט זיך װײט פון מענטשן. איך װױן אין װאַלד. קום זעלטן אין קאָנטאַקט מיט דער אױסערלעכער װעלט. פאָר זעלטן אין שטאָט אַרײן. אין דעמי־דאָװקע װױנט בלױז איין יידישע משפחה. יאַנקעלס עלטערן און אויך אָט די משפחה האָט דוכט זיך אַריינגעצויגן זיך אַהער שוין לאַנג נאָך מיין חתונה מיט פּאַװעלן. הייסט עס, אַז אַפילו דער װאַלד איז נישט מסוגל אױסצו־באַהאַלטן אָט דעם „שרעקלעכן סוד" װעגן מיין אָפּשטאַם?

— גיי, מיכאַל, אַהיים! — האָב איך ענדלעך געזאָגט צו מיכאַלן, װעל־כער איז נאָך אַלץ געשטאַנען און זיך נישט געװאָלט אונטערגעבן — און דו, מיקאָלאַי... זאָלסט מיר תיכף אַריין אין שטוב. האָסט געהערט? איך דאַרף מיט דיר און מיט יורעקן עפּעס רעדן. גאָר אַ װיכטיקע זאַך!...

# קינדערישע קלאָץ־קשיות

שטיל און מיט אַ קוים־הערבאַרער שטים בין איך געזעסן און גערעדט צום שכל פון מיינע ביידע קינדער. דאָס ערשטע מאָל, װאָס איך האָב זיי געװאָרנט איז, אַז דער טאַטע, פּאַװעל, זאָל נישט װיסן װעגן גאַנצן ענין. מיקאָלאַי און יורעק האָבן נישט געקאָנט פאַרשטיין, פאַרװאָס איך װיל נישט דװקא, אַז דער טאַטקאָ, װי זיי האָבן גערופן פּאַװעלן, זאָל װיסן װעגן געשלעג, און דער עיקר פאַרװאָס דאָס דאָזיקע געשלעג איז אױסגעבראָכן.

— דער טאַטקאָ װעט מיר אָפּגעבן גערעכט. — האָט מיקאָלאַי געזאָגט האָפּערדיק, זיצנדיק אַן אָנגעכמורעטער, נאָכדעם, װי איך האָב אים אַרומגע־װאַשן דאָס פּנים פון בלוט — אַז דער טאַטקאָ װעט זיך דערװיסן, װאָס מיכאַל האָט מיר געזאָגט, װעט ער אים אויך אַליין גוט אָנברעכן די ביינער.

— דער טאַטקאָ װעט דיר נישט אָפּגעבן גערעכט, מיקאָלאַי. שלאָג דיר עס אַרױס פון קאָפּ. דער טאַטקאָ װײס, אַז דו האָסט נישט ליב פאַרשװייגן און ביי יעדער קלייניקייט כאַפּסטו זיך שלאָגן.

— װעל איך נאָך מיכאַלן אַליין אַזױ צערעכט מאַכן, אַז ער װעט מיך האָבן צו געדענקען! זאָל איך לאָפּנען (פּלאַצן) אויפן אָרט, אויב איך װעל עס אים שענקען! — האָט מיקאָלאַי געשװוירן און נערװעז גענומען דרייען דאָס צלימל אױף זיין פעסטן האַלדז.

— דאָס מאָל איז טאַקע מיקאָלאַי גערעכט, מאַמאָ. — האָט יורעק פאַר־

טיידיקט זיין עלטערן ברודער — זאָל ער אים נישט רופן מיט אַזעלכע מיאוסע רייד.

— איך ווייס נישט, פאַרוואָס איר מיינט, אַז דאָס זענען אַזעלכע מיאוסע רייד — האָב איך געזאָגט מיט אומצוטרוי צו מיינע אייגענע ווערטער — ווער האָט אייך דען געזאָגט, אַז „זשיד" איז אַזאַ שאַנד־וואָרט?

— ווייל אַלע רופן יאַנקעלן אַזוי. — האָט מיקאָלאַי געזאָגט צופנדיק נערוועז שטיקלעך ברויט פון לאַבן, וואָס איז געלעגן אויפן טיש. — אַלע ווייסן, אַז יאַנקעל האָט געקרייציקט יעזוסן און איז אַ פאַרשאָלטענער, טאַ ווי קומט ער, מיכאַל, מיך אָנרופן אַזוי? האַ?

מיקאָלאַי האָט געקוקט אויף מיר מיט קאָסע בליקן און איך האָב געהאַט דאָס געפיל, אַז ער דערזאָגט נישט עפּעס. טיף אין זיין נשמה טייעט עפּעס אַן אומצופרידנהייט, וואָס איז געקומען צו אַזאַ שאַרפער רעאַקציע בעת מיכאַל האָט אים אָנגערופן „זשיד".

אָנשטאָט דערציילן מיקאָלאַיען ווער איך בין, האָב איך זיך גענומען אַריינלאָזן אין פאַרשידענע אויפקלערונגען, אַז... ביי אַלע פעלקער זענען פאַראַן גוטע און שלעכטע מענטשן, פונקט ווי עס זענען פאַראַן גוטע און שלעכטע ייִנגלעך, וואָס טראָגן זיך אַרום מיט אַ מעסער אין טאַש און זענען גרייט דעם צווייטן דערשטעכן, ווייל ער האָט דאָס געפיל, אַז מען האָט אים באַליידיקט. איך האָב זיי אויפגעקלערט, אויף וויפל איך האָב עס נאָר געקענט, אַז דער אונטערשייד צווישן יידן און קריסטן באַשטייט בלויז אין דעם, וואָס די יידן גלויבן נאָר אין איין גאָט, אין דער צייט, ווען „מיר", די קריסטן, גלויבן אויך אין גאָטס זון, אין דעם פאָן יעזוס און פאַרהייליקן זיין מוטער, די הייליקע מאַריאַ, וואָס האָט געבוירן דעם אויסלייזער דורך גאָטס גייסט...

— מאַמאַ, — האָט יורעק פלוצים אַ פרעג געטון — איז פאַרוואָס טאַקע האָט יאַנקעל געמוטשעט דעם פאָן יעזוס, האַ?

איך האָב זיך נישט געקענט באַהערשן, כדי נישט אויסשיסן אין אַ געלעכטער פון יורעקס פראַגע.

— קינד מיינס, — האָב איך געזאָגט, אַ גלעט טוענדיק אים איבערן קעפל — יאַנקעל איז נאָך דעמאָלט אַפילו אויף דער וועלט נישט געווען. אַפילו אויב זיינע אור־זיידעס וואָלטן עס געטון איז ער, יאַנקעל, דאָך אויך נישט שולדיק אין דעם, בפרט, אַז אויך זיינע אור־זיידעס האָבן עס נישט געטון, נאָר די רוימער. איר פאַרשטייט... אַזאַ פאָלק, וואָס האָבן געהייסן

רוימער.... יעזוס איז נאָך דאַן געווען אַזאַ ייד, ווי אַלע היינטיקע יידן, אָט ווי יאַנקעלס טאַטע, למשל...

ביידע יינגלעך האָבן ברייט געעפנט די אויגן. זיי האָבן זיך איבערגע־קוקט איינאַנדער און נישט געוווסט, צי זאָלן זיי לאַכן, אָדער נעמען ערנסט מיינע ווערטער.

— דו זאָגסט ליגן! ליגן! ליגן! — האָט יורעק זיך צעלאַכט און מיקאָלאַי האָט אים אונטערגעהאָלטן — ווען דער פאַן יעזוס וואָלט געווען אַ ייד וואָלט אים דאָך יאַנקעל נישט געמוטשעט. ער וואָלט זיך געצלמט פונקט ווי מיר, נישט אַרויס פון קלאַס, בעת מיר נעמען זיך צלמען, ווען דער באַטיושקאַ קומט. מיינסט, אַז מיר שלאָגן אים אומזיסט יאַנקעלן? אַפילו אין די „קאַ־לענדעס" זינגען מיר דאָך, אַז די זשידעס האָבן געמוטשעט און פאַרפייניקט ביז צום טויט דעם פאַן יעזוס.

איך בין געווען אין פאַרלעגנהייט, אָבער איך האָב געפילט, אַז איך מוז זיי געבן אויפקלערונגען און אַ פרעג געטון:

— זאָגט מיר, ווו האָט איר געהערט אָט די אַלע זאַכן, האַ? ווער האָט אייך דערציילט אַזעלכע נאַרישקייטן?

— אַלע וויסן וועגן דעם און אויך דו, מאַמאַ, ווייסט גוט וועגן דעם. — האָט מיקאָלאַי געזאָגט מיט פאַרוווּרף און טריאומף — איך פאַרשטיי... דו ווילסט נישט, אַז איך זאָל שלאָגן יאַנקעלן, ווייל דער לערער רופט דיך יעדעס מאָל אַרויס צוליב דעם, דערפאַר טאָקע זאָגסטו עס. זאָג, מאַמאַ, נישט אַזוי?

איך האָב געשוויגן. איך האָב זיך געזען אַ באַזיגטע דורך מיינע צוויי זין, וואָס האָבן פאַרלוירן זייער צוטרוי צו מיר אַלץ מער וואָס איך האָב זיי געגעבן אָט די אויפקלערונגען, וועלכע זיי איז שווער געווען צו באַגרייפן.

— גוט, כ'וועל פרעגן דעם טאַטן, צי האָט טאָקע יאַנקעל נישט געמוטשעט דעם פאַן יעזוס. אַז דער טאַטקאָ וועט מיר זאָגן, וועל איך אים עס גלויבן, און אַז ער וועט זאָגן יאָ — איז מעג יאַנקעל זיך אָפּזאָגן פון זיין לעבן און מיכאַלן וועל איך צעשפּאַלטן דעם בויך, הלמאי ער האָט מיך אַזוי באַליידיקט און פאַרגלייכט צו אים, צו אָט דעם יאַנקעלן. — האָט מיקאָ־לאַי געזאָגט מיט איינגעהאַלטענער רוגזה.

— אַז דו וועסט פרעגן דעם טאַטן, וועסטו ערשט כאַפּן די אמתע קלעפּ, ווייל איך אַליין וועל אים דערציילן ווי אַזוי דו פירסט זיך אויף. — האָב איך געוואָרנט מיקאָלאַיען, אויס מורא נישט אַריינמישן אין דעם גאַנצן ענין פאַוועלן. אָ, ווי איך האָב נישט געוואָלט, אַז ער זאָל וויסן וועגן דעם! איך

האָב נישט געוואָלט און אויסגעמיטן צו הערן, אַז מען רעדט וועגן יידן. נישט גוטס וועגן זיי און נישט שלעכטס. איך בין געווען ווייט פון זיי מיטן וועזן און געוואָלט אויך זיין ווייט פון זיי מאָראַליש. איך האָב „פאַרענדיקט" מיט מיין שטאַם. איך וויל מער נישט טראַכטן וועגן דעם. אויך פּאַוועל האָט נישט ליב רעדן וועגן דעם. איך בין אַ„הונדערט־פּראָצענטיקע קריסטין". צו וואָס זיך סתם ווייטון? אַז עס טרעפט, און מיינע געסט נעמען רעדן אויפן חשבון פון יידן, מאַך איך דעם אָנשטעל, ווי איך וואָלט עס גאָרנישט געהערט. צום אָנהויב, די ערשטע צייט נאָך דער חתונה, האָט עס מיר ווייגעטון, אָבער שפּעטער, האָב איך זיך אַזוי צוגעוווינט צו אָט די רייד, ווי דאָס וואָלט געווען אַ נאַטירלעכע זאַך. אייגנטלעך, איז עס דאָך אויך נישט קיין נייע זאַך. זינט איך געדענק זיך אַלס קינד, האָבן דאָס רוב פּויערים אַ נעגאַטיווע מיינונג וועגן יידן און די יידן וועגן די קריסטן — אויב נישט אַריינרעכענען די אויסנאַמען פון ביידע צדדים. דאָס קומט טאַקע נישט צום אויסדרוק אין טאָג־טעגלעכן לעבן, אָבער דאָך...

וואָס די קינדער זענען מער אונטערגעוואַקסן, אַלץ מער האָבן זיי מיר אָבער דערמאָנט ווער איך בין. נישטאָ קיין אַנטרינונג פון זיך. ווי אַ שאָטן פאַרפאָלג איך זיך זעלבסט און קען נישט פּטור ווערן פון מיין צווייטן איך.

— מאַמאָ, זאָג, מאַמאָ, ווו זענען דיינע עלטערן? — האָט יורעק איינמאָל אַ פרעג געטון אויף זיין ספּעציפיש־נייגעריקן אופן — זעסט, איך האָב אַ באַבע, וואָס מען רופט מאַריאַ און אַ זיידן, דעם טאַטנס טאַטע, אַלעקסיי. פאַראַן אַ טיאָטקע (מומע) סטעפאַ און אַ וויעק (פעטער) קאַראָל, און זיינע קוזינעס פעליציאַ און יאַדוויגאַ. נאָר פון דיין צד קומט קיינמאָל קיינער נישט צו אונדז. פאַרוואָס?

— איך.. איך האָב נישט קיין עלטערן. איך בין אַ יתומה...

— טויט? — האָט יורעק געקוקט מיט באַדויערן און מיטגעפיל מיר אין די אויגן.

— יאָ... מיין זון... טויט... זיי זענען טויט פאַר מיר, אָדער איך פאַר זיי...

— איך פאַרשטיי נישט, מאַמאָ, געשטאָרבן?

— יאָ... געשטאָרבן...

— אויף וועלכער קלאַדבישטשע (בית־עלמין)? ליגן זיי, מאַמאָ, האַ? אין דעמידאָווקע? פאַרוואָס די באָבע מאַריאַ גייט אָפט אויף דער קלאַדבישטשע, כדי אָנצונדן דאָרט אין דער קאַפּליצע ליכט פאַר אירע געשטאָרבענע קינדער און דו נאָך דיינע טאַטע־מאַמע גייסט קיינמאָל נישט, האַ?

— עס איז מיר זייער ווייט צו זיי, מיין זון... האָך ווי ווייט!...

— אפשר הונדערט קילאָמעטער, מאַמאַ?
— און אפשר נאָך מער, מיין זון...
— וועסט קיינמאָל נישט פאָרן דאָרט אויף זייער קלאַדבישטשע, האַ, מאַמאַ?
— איך ווייס נישט, מיין זון, אפשר!...
— און אַז דו וועסט פאָרן, וועסטו מיך מיטנעמען, מאַמאַ?
— מיר וועלן זען, אפשר.

מער האָט ער נישט געפרעגט, אָבער איך האָב זיך געפרעגט טויזנטער פראַגעס, אויף וועלכע איך האָב קיין ענטפער נישט געפונען. אָט די פראַגעס און קינדערישע קלאָץ־קשיות האָבן שפעטער צוגערויבט גאַנצע נעכט דעם שלאָף ביי מיר.

אַז איך בין איינמאָל אַ פאַרנאַכט, ווי תמיד אין אַזעלכע שעהן, געשטאַנען ביים אויוון, געקאָכט וועטשערע און געווען פאַרזונקען אין מיינע געדאַנקען, האָב איך פלוצים דערהערט אַ סקריפּ פון דער טיר. איך בין געווען זיכער, אַז דאָס האָט זיך פּאַוועל צוריקגעקערט פון סעריאָזשען, וווהין ער איז געגאַנגען אין די זונטיק־פאַרנאַכטן, כדי דאָרט כאַפּן אַ שמועס און אויס־טרינקען אַ גלעזל „סאַמאַגאָן" (בראָנפן פון אייגענער פראָדוקציע). אַהין פלעגן זיך אויך אָפט צוזאַמענקומען נאָך פויערים פון די נאָענטע כוטאָרעס און צווישן זיי אַלעקסיי און קאַראָל. זיי האָבן דאָרט אַזוי לאַנג גשמועסט וועגן פאַרשידענע ענינים, ביז אדארקא האָט געגומען דערלאַנגען צום טיש בראָנפן און צובייסעכץ. צוליב דעם פלעגט פּאַוועל קומען שפעט אַהיים, נישט תמיד אָבער איז פּאַוועל פאַרבליבן ביז שפעט, וויסנדיק, אַז איך וואַרט אים אָפּ.

אָנשטאָט פּאַוועלן האָב איך דערזען אַריינקומען יורעקן. ער איז געווען צעפלאָמט און די פיס פאַרשפּריצט פון בלאָטע.

— ווו ביסטו געווען יורעקל? — האָב איך אים געפרעגט, כלאחד היד, איבערשאַרנדיק דעם זשאַר אין אויוון.
— איך... איך קום פון שטאָט, מאַמאַ.
— אַזש פון שטאָט? וואָס עפּעס פלוצים אינמיטן זונטיק אין שטאָט?
— עס זענען געגאַנגען נאָך יינגלעך פון דעמידאָווקע בין איך אויך געגאַנגען.
— איז וואָס האָט איר דאָרט געזען, אין שטאָט?
— גאָרנישט, מאַמאַ. סתם... אַזוי...

אין דעם איז אויך אַריינגעקומען מיקאָלאַי. אַז ער איז געגאַנגען האָב

איך נאָך פאַר דער טיר געוווסט, אַז ער גייט, וואָרום ער איז אָנגעקומען מיט אַ פייף און די טיר האָט ער נישט אויפגעמאַכט, נאָר אויפגעפּראַלט. ער איז נישט אַריינגעקומען, נאָר אַריינגעפאַלן... האַמעטנע, האָפּערדיק, ווי ער וואָלט אַריינגעבראַכט מיט זיך דעם גאַנצן וואַלד, אַ שטורעם...

— ביסט אויך געווען אין שטאָט? — האָב איך געפרעגט מיקאָלאַיען.

— ניין. ביי די מיכניוקעס. הייַנט וועט דאָרט זיין אַ וועטשערניצע. גאַנץ דעמידאָווקע וועט דאָרט זיין. מיט מוזיק און טענץ. עס וועט זיין פריילעך.

— נו־נו, נאָר זע פיר זיך אויף ווי געהעריק. איך זאָל נישט האָבן חרפּת פּנים פון דיר. האָסט געהערט, מיקאָלאַי?

— געהערט, געהערט. איך בין שוין נישט קיין קליינינקער. זע נאָר, מאַמאַ — האָט ער זיך פּלוצים געווענדעט צו מיר — יורעק האָט עפּעס געבראַכט מיט זיך און באַהאַלט עס אונטער דער פּאָלע. וואָס איז עס, האַ? — האָט ער זיך גלייך אַ נעם געטון צו יורעקן.

יורעק איז אַנטלאָפן פון מיקאָלאַיען אין אַ ווינקל און גענומען מיך רופן צו הילף.

— מאַמאַ! זאָל ער אָוועק! זאָל ער זיך נישט טשעפּען צו מיר!

— וואָס איז געשען? וואַרט, מיקאָלאַי, איך וועל אַליין זען, וואָס יורעק האָט געבראַכט מיט זיך. — האָב איך געזאָגט און האָב געהאַט אַ פאַרדאַכט, אַז יורעק האָט אפשר, אונטער דער השפּעה פון זיינע חברים, געבראַכט פון שטאָט עפּעס אַ געגנבעטע זאַך, אָדער עפּעס געקויפט אָן מיין וויסן.

— זאָג וואָס האָסטו דאָרט, יורעק? — האָב איך ווייך געפרעגט, זעענדיק, ווי יורעק טוליעט ווירקלעך עפּעס אין זיין פּאַזוכע. נישט וואַרטנדיק אויף זיין ענטפער האָב איך אַ הויב געטון זיין לייוונטענעם העמדל פון אונטער וועלכער עס איז ארויסגעפאַלן אַ גרויסע מצה, וואָס האָט אַראָפּ־פאַלנדיק, זיך צעקרישלט אויף ברעקלעך.

— הוך, מאַצאַ!!! — האָט מיקאָלאַי אויסגעשריגן מיט שטוינונג — זע, מאַמאַ, וואָס ער האָט גאָר געבראַכט!

יורעק האָט זיך שנעל אַרונטערגעלאָזן אויף דער ערד, גענומען אויפ־קלויבן די ברעקלעך מצה און שטופּן גלייך אין מויל אַריין.

— זעסט, מאַמאַ, ער עסט אָט די מאַצאַ, וואָס איז געבאַקן מיט קריסטלעך בלוט! — האָט מיקאָלאַי געזאָגט מיט צעצונדענע בליקן קוקנדיק, ווי יורעק קייט מיט הנאה די מצה.

— טפש איינער, איך האָב אַליין געזען, ווי נאָך ייִנגלעך האָבן געגעסן אָט די מאַצאַ. — האָט יורעק זיך פאַרטיידיקט נישט אויפהערנדיק צוזאַמענ־

קלויבן די שטיקלעך מצה. — ווען דאָס וואָלט געווען געבאַקן מיט בלוט, וואָלט עס דאָך געווען רויט. אַ יאָ מאַמאַ, די מאַצאַ וואָלט געווען רויט ווען עס איז געבאַקן מיט בלוט?

— ווייל דאָס בלוט איז געמישט מיט וואַסער און דאָס מעל איז ווייס איז עס נישט קענטיק, אַז עס איז אויך געבאַקן מיט בלוט. — האָט מיקאָלאַי געזאָגט האַרב און אָנגעטראָטן אויף אַ שטיק מצה מיטן פוס. יורעק האָט זיך צעשריגן:

— מנווול איינער, אַ כאָליערע אין דיר! זעסט, מאַמאַ, דאָס האָט ער מיר נישט פאַרגינען הלמאי איך גיב אים נישט קיין שטיקל! נאַ נעם! נעם! פרעס!

— ווער דערוואָרגן מיט דער מאַצאַ אינאיינעם! — האָט מיקאָלאַי זיך נאָך מער צעשריגן און צעריבן מיטן פוס די מצה אויסמישנדיק זי איצט מיט דער בלאָטע פון זיינע שיך.ביידע האָבן זיך גענומען ראַנגלען און אַז איך האָב זיי פאַנאַנדערגענומען און באַרואיקט, האָב איך געפרעגט ביי יורעקן:

— זאָג, יורעק, ווו האָסטו גענומען די מצה?

— אין שטאָט. איך מיט נאָך ייִנגלעך זענען פאַרבייגעגאַנגען אַ ייִדישע שטוב ווו מען האָט געבאַקן מצה. נו, האָבן מיר זיך געשטעלט קוקן. אַ ייִד האָט אונדז געבעטן ברענגען אַ פּאָר עמער וואַסער פון ברונעם און דערפאַר אונדז געגעבן יעדן איינעם צו גאַנצע מצות. עס איז אַזוי געשמאַק, האָך!

— אָבער עס איז דאָך געבאַקן מיט קריסטלעך בלוט! — האָט מיקאָלאַי איבערגעחזרט. איצט נאָך מיט מער רוגזה. — פאַרשטייסט, צי נישט? קענסט אַפילו פרעגן דער מאַמע.

— איז עס ריכטיק, מאַמאַ? — האָט יורעק געפרעגט אַריינקוקנדיק מיר אין די צעצונדענע אויגן.

— ווער האָט דיר געזאָגט אַזעלכע נאַרישקייטן? — האָב איך זיך געווענדעט צו מיקאָלאַיען, וועלכער איז גלייך אַנטוישט געוואָרן פון מיין שטעלן זיך אויך דאָס מאָל אויף יורעקס זייט. מיקאָלאַי האָט זיך נישט פאַר־לוירן און געענטפערט דרייסט:

— בעת די וועטשערניצעס ביי די מיכניוקס און אָמעלטשוקס. אַלע ווייסן דאָך, אַז יעדער פּסח כאַפּן די ייִדן אַ קריסטלעך קינד, קוילענען עס און זייַן בלוט באַנוצן זיי צו באַקן מצות. דאָס איז דאָך ביי זיי אַזאַ געזעץ. אַ זאַ־קאָן אַזאַ.

— זאָג די מיכניוקס און די אָמעלטשוקס, אַז זיי זענען בלינדע מענטשן און נישט מער! — האָב איך זיך כמעט צעשריגן אויף מיקאָלאַיען — צי

האָסטו שוין געהערט זינט דו לעבסט דאָ, אַז פון דעמידאָוועקע צי פון ערגעץ אַנדערשוווּ איז פאַרשווּנדן געוואָרן אַ קריסטלעך קינד ערב דעם יידישן פסח?

— האַהאַ! — האָט יורעק זיך אַ רייץ געטון מיט מיקאָלאַיען זייענדיק צופרידן, וואָס איך האַלט מיט אים — דאָס איז דאָך ריכטיק. ווען יידן וואָלטן געקוילעט קריסטלעכע קינדער ערב זייער פאַסכע, וואָלטן דאָך גע־פעלט יעדעס יאָר אפשר טויזנטער קינדער. נישט אַזוי, מאַמאַ?

— זעסט, יורעק איז פיל יונגער פון דיר און דאָך איז ער קליגער פון דיר. — האָב איך אויסגעזידלט מיקאָלאַיען — זינט איך לעב האָט עס נאָך נישט פאַסירט, אַז ערב דעם יידישן פסח זאָלן פעלן קריסטלעכע קינדער.

— ריכטיק! ריכטיק! די מאַמאַ איז גראַמאַטנע און ווייס אַלע זאַכן. — האָט יורעק זיך ווייטער גערייצט מיט מיקאָלאַיען, וועלכער איז איצט געשטאַנען אַן אָפּהענטיקער און נישט געוווּסט, וואָס ער זאָל ווייטער טענהן. נאָכדעם האָט ער זיך אָנגענומען מיט מוט און געזאָגט האַפּערדיק:

— אָבער אַלעקסאַנדער, מיכניוקס זון, איז דאָך אויך אַ גראַמאַטנער און אַז ער זאָגט איז מסתמא ווייס ער וואָס ער זאָגט.

— ער מעג אויך זיין אַ גראַמאַטנער, אָבער אין די ענינים איז ער ווי אַ בלינדער. — האָב איך געזאָגט שטרענג.

— איך פאַרשטיי נאָר נישט — האָט מיקאָלאַי מיר פּלוצים פאַרגע־וואָרפן — פאַרוואָס דו פאַרטיידיקסט אַזוי די יידן. דו בינסט דאָך אַ קריסטין און די קריסטן האָבן דאָך פיינט די יידן.

— נישט אמת. נישט אַלע קריסטן האָבן פיינט די יידן און נישט אַלע יידן האָבן פיינט די קריסטן. אַז איך וועל דיר דערציילן אַ סך ביישפּילן וועגן דעם וועסטו זען, אַז איך זאָג אמת. אויך דער טאַטע ווייס גוט וועגן דעם. אויך דיין זיידע...

מיקאָלאַי איז אַנטשוויגן געוואָרן. ער האָט זיך פאַרטראַכט און מער גאָרנישט געפרעגט. דערפאַר האָט יורעק פּלוצים אַ פרעג געטון:

— אָבער זאָג, מאַמאַ, פאַרוואָס עסן טאַקע די יידן מצות אין זייער פאַסכאַ און פאַרבן נישט קיין אייער ווי מיר. גייען נישט אין צערקווע?

— גוט, אַז איר וועט זיין געהאָרכזאַמע יינגלעך און מיך אויסהערן, וועל איך אייך דערציילן פאַרוואָס. — האָב איך געזאָגט גוטמוטעריש.

— גוט. דערצייל, דערצייל מאַמאַ, דו דערציילסט אונדז טאַקע אָפט אַזעלכע שיינע מעשיות.

— איך האָב פּיינט אָט די מעשׂיות. — האָט מיקאָלאַי אַ מאַך געטון מיט דער האַנט.

— קענסט נישט הערן, אַז דו ווילסט נישט. — האָט יורעק געזאָגט שטרענג און זיך ווידער געווענדעט צו מיר און געבעטן, אַז איך זאָל דער־ציילן עפּעס אַ שיינע מעשׂה.

אין שטוב איז געווען טונקל. בלויז די ברענענדיקע לוטשינע און טרו־קענע האָלץ האָבן אַרויסגעטראָסקעט פון אויוון און געוואָרפן אַ שיין אויף די ביידע זין מיינע, וואָס האָבן זיך פאַנאַנדערגעזעצט נעבן מיר אויף דער באַנק און איך האָב זיי געגומען דערציילן וועגן יציאת מצרים.

איך האָב זיי דערציילט וועגן משהן, וועלכער איז אַלס קליין יינגעלע אויסבאַהאַלטן געוואָרן אין טייך ניִלוס און ווי די טאָכטער פון פּרעה האָט אים געפונען און דערצויגן אין פּרעהס פּאַלאַץ. דאַן וויאַזוי משה איז אויס־געוואַקסן און געוואָרן אַ יידישער פירער און אַז ער האָט אַרויסגעפירט די יידן פון מצרים האָבן זיי נישט געהאַט קיין צייט מיטצונעמען מיט זיך ברויט און געבאַקן אין מדבר מצות אויף דער זון און אָט אַלס זכר פון יענע צייטן באַקן די יידן יעדן מצות ערב פּסח.

וואָס מער איך האָב דערציילט מיינע זין די געשיכטע פון יציאת מצרים, אַלץ מער האָט מיך יורעק באַשאָטן מיט פראַגן, ווי: „פאַרוואָס האָט פּרעה, אָט דער קעניג פון מצרים, געפּייניקט די יידן״? „פאַרוואָס זענען די יידן בכלל געגאַנגען קיין מצרים?״, ווי אויך אַנדערע פראַגן, וועלכע האָבן מיך אָנגערעגט זיך אַריינלאָזן אין פרישע דערציילונגען, אויף וויפל איך האָב געוווסט וועגן דעם. אַנדערש האָט געהאַלטן מיקאָלאַי וועגן אָט די אַלע אויפקלערונגען מיינע.

— און איך זאָג דיר, מאַמאַ, אַז דאָס זענען טאַקע אַלץ שיינע מעשׂיות, אָבער די יידן האָט מען פּיינט ווייל זיי זענען צו־כיטרע. זעסט דאָך שוין אַליין, אַז אויך אָט דער קעניג פון מצרים האָט זיי געפּייניקט — איז דאָך מסתמא נישט אומזיסט, וואָס?

ער האָט אַ צוק געטון מיט די אַקסל, זיך אויסגעצויגן אויף דער באַנק און גאַנץ שנעל האָט זיך דערהערט זיין שווערער כראָפּ, וואָס האָט זיך צעלייגט איבערן שטוב. בלויז יורעק איז נאָך געזעסן און מיט ברייט־אויפגעריסענע אויגעלעך און אָנגעשפּיצטע אויערן אויסגעהערט מיינע וויי־טערדיקע דערציילונגען, ביז עס איז אַריינגעקומען פּאַוועל און איך האָב זיך געכאַפּט, אַז איך האָב נאָך נישט צוגעגרייט קיין וועטשערע.

# בענקשאַפט

קוקנדיק אויף מײַנע בײדע זין, ווי זײ וואַקסן, ווערן עלטער און אַנטוויקלטער, האָב איך נישט אײנמאָל געטראַכט, ווי שנעל עס גײען די טעג טראָץ דער וואַלד־שטילקײט און מאָנאָטאָנקײט, מיט וועלכער איך האָב זיך אַזוי אײַנגעלעבט. יעדער טאָג ציט זיך אויס, דוכט זיך, אַזוי לאַנג, אָבער שנירלט זיך, ווי אַ קרעל צו אַ קרעל און אָט איז מיקאָלאַי אַלט זעכצן יאָר און יורעק העכער עלף יאָר. בײדע גוט אַנטוויקלט פיזיש, אײַנגעטון אין וואַלדיקן לעבן, נאָכדעם ווי זײ האָבן שוין גאַנץ לאַנג פאַרלאָזן דאָס לערנען אין דער פירקלאַסיקער דאָרפס־שול פון דעמידאָווקע, וואָס האָט זײ גאָר ווייניק געגעבן.

יאָ, גאַנצע אַכצן יאָר זענען פאַריבער זינט יענער צײַט, וואָס מיר איז געלונגען אַרויסצוגנבענען זיך בײַנאַכט דורכן פענצטער בײַ מײַן מאַמעס פרײַנדין שרה און איר מאַן זעליק, וווּהין איך בין געבראַכט געוואָרן און צוריק אַנטלאָפן אין דער גאַיווקע צו פּאַוועלן. ווי נעכטן וואָלט עס געווען און דאָך — ווי לאַנג!

אין משך פון אָט דער צײַט האָט ווײַזנטלעך זיך אײגנטלעך גאָרנישט געענדערט אין מײַן לעבן. איך האָב ליב דאָס גערויש פון די בוימער, וואָס קוקן אַרײַן אין מײַנע פענצטער. דוכט זיך אַפילו, אַז איך פאַרשטײ דאָס איבערּרופן זיך פון די נאַכט־פויגלען, קוואַקערײַ פון די זשאַבעס און דאָס וואָיען פון הונגעריקע וועלף, וואָס דערנענטערן זיך אָפט ביז צו דער גאַיווקע און ווערן פאַרטריבן דורך די הינט, וואָס היטן געטרײַ די ווירטשאַפט.

נישט אײנמאָל דערוועקט זיך אַ בענקשאַפט און עס טויכט אויף אַ פראַגע אין האַרצן: וואָס טוען איצט די עלטערן? הערשעלע? גיטעלע? טאַטע־מאַמע זענען שוין זיכער אַלט געוואָרן, אָבער איך בין צופרידן, וואָס איך באַקום כאָטש קאַרגע גרוסן, אַז זײ לעבן נאָך. הערשעלע און גיטעלע זענען שוין אונטערגעוואַקסן, אָבער מסתמא נאָך אַלץ נישט אויפגעהערט שילטן זײער שוועסטער, די משומדתטע, וואָס האָט זײ אַזויפיל חרפת פנים פאַרשאַפט. אַ קלײניקײט — אַ שוועסטער איז אַראָפּ פון גלײַכן וועג!...

נישטווילנדיק דערמאָנט זיך מיר פלוצים אַ פרײַטיקצונאַכטס אין דער עלטערנס שטוב. איך זע פּאַוועלן אַלס ייִנגל אַראָפּנעמען די שבתדיקע לײַכטער פון טיש מיט די טריפנדיקע ליכט און טו ביטער אַ שמײכל צו זיך. אָפטמאָל חלומט זיך אַ פסחדיקער טיש בײַם טאַטן אין שטוב. איך שפּיל אין ניס מיט הערשעלען און גיטעלען. זע דעם טאַטן מאַכן ווײַן פון ראָ־

זשינקעס. איך עס מיט אַזויפיל אַפּעטיט דער מאַמעס „פּאַלירטשיקעס" און קאַרטאָפל־טייגעכצער, אירע געפילטע פעפערדיקע פיש און ווייסע חלה, וואָס האָט געמוזט זיין יעדן שבת, ווי דאָס וואָלט געווען אַ טייל פון יידישן גלויבן.

אַז איך פאַרמאַך די אויגן, הער איך אַפילו דאָס קלאַפּן פון האַמער און קאָוואַדלע, וואָס דערטראָגט זיך אַזוי מאַנאָטאָן ביזן אַלקירל מיינעם און זע די ווינט־מילן אויפן בערגל, וואָס רופן כמעט יעדן טאָג אַרויס ביי מיר אַ וווּנדער, הלמאי איין טאָג זענען די פליגל אויסגעדרייט צו מזרח און אַט אויף מאָרגן — זענען זיי שוין אויסגעדרייט צו אַן אַנדער ריכטונג. אַזאַ מאַכיניע און דאָך דרייט אים אויס איין מענטש — אַמעלקאַ דער מילנער, וואָס שטייט אין דער פרייער צייט אין טירל און שפּילט אויף זיין ווערבע־פייפעלע די שענסטע מעלאָדיעס, די וואַלעכלעך.

אין משך פון אַט די אַלע יאָרן, זינט איך בין אַנטלאָפן פון מיין היים, מייד איך אויס צו פאָרן אין שטאָט. אַפילו אויף יאַרידן נישט, און אַז איך קום — דריי איך זיך אַרום אין מיינע אוקראַיִניש־פּויערישע קליידער איבער די קראָמען און קיינער ווייס אַפילו נישט ווער איך בין. דער עיקר פאָר איך אין דער צווייטער שטאָט ד., וואָס ליגט אַ מהלך פון פופצן קילאָמעטער פון דער שטאָט וו., וווּ איך האָב געלערנט. דאָרט, אין שטעטל ד. בין איך זיכערער מיט זיך. קיינער קען מיך נישט דאָרט, אָבער אין אַ יאַריד־טאָג קומען זיך צונויף אַהין פּויערים און יידן פון דער גאַנצער סביבה און אַפילו מיין טאַטע פירט אַרויס אַהין אַ פאָר וועגענער צום פאַרקויפן. אַזוי איז שוין עפעס איינגעשטעלט, אַז אין דער שטאָט וו. קומען פאָר יאַרידן יעדן דאָנערשטיק, אָבער אין שטעטל ד., וואָס איז פיל קלענער פון דער קרייז־שטאָט וו., קומען פאָר די יאַרידן זעלטענער און דער עיקר ערב עפּעס אַ חגא. אַט אַהין פאָר איך גערנער.

אַז איך האָב פאַוועלן איינמאָל געזאָגט, אַז איך האָב חשק צו באַזוכן מיינע עלטערן, האָט ער זיך אויסגעלאַכט פון מיר.

— דעם וואָלף ציט נאָך אַלץ אין וואַלד אַריין... — האָט ער געזאָגט מיט פאַרשטעלטן כעס — זיי האָבן דיך פאַרטריבן פון זיך. האַסן דיך און דו...

— עס גלוסט זיך מיר אַ קוק טון אויף מיין דאָרף, די היים, ווו איך בין געבוירן געוואָרן. איין קוק און שוין!

— נישטאָ דאָרט וואָס צו זען? — האָט ער זיך צעלאַכט — די זעלבע כאַטעס וואָס געווען. די זעלבע דעכער, קוימענס, ווערבעס, אַלץ.

— אָבער די דעכער זענען עלטער געוואָרן. זיי זענען דאָרט אַנדערע

ווי אין אַלע אַנדערע דערפער... אַפילו די קוימענס. די ווערבעס. אַלץ!...

— פאַרשטייט זיך — איז ער געוואָרן ערנסטער — אויך מיר זענען עלטער געוואָרן.

— מיר דוכט זיך, אַז איך בין נאָך אַ קליין מיידעלע... געדענקסט?...

— יאָ. איך געדענק שוין גוט דיינע פאַרשאָלטענע עלטערן. אַז איך האָב זיך איינמאָל צופעליק געטראָפן מיט דיין נאַרישן טאַטן אין שטאָט האָב איך אַליין געהערט, ווי ער האָט אַרויסגעלאָזט אַ קללה אויף מיר און שפּעטער די אויגן נישט אויפגעהויבן אין מיין זייט. „אַ פּראָקליאַטער גוי!" — האָט ער געזאָגט מיט כעס.

— נו... האָסט ביי אים צוגענומען זיין טאָכטער... פאַרשטייסט...

— איך קען זי אים אָוועקגעבן!...

— צוזאַמען מיט די קינדער?...

— די קינדער זענען מיינע!...

— מיינסט עס ערנסט?

— פאַרשטיי ווי דו ווילסט. אַז דיר קען זיך בענקען צוריק צו דיינע עלטערן די פּראָקליאַטע (פאַרשאָלטענע) — איז דאָך נישט שייך!

— עלטערן אַפילו „פּראָקליאַטע" בלייבן דאָך עלטערן.

— אָט דאָס טאַקע וואָס איך זאָג, אָבער דו ביוסט דאָך פאָרט איצט אַ קריסטין. נישט מער, וואָס אין דיר פליסט נאָך אַלץ זייער יידיש בלוט!...

— פאַרוואָס רעדסטו אַזוי? — בין איך נאָכגיביקער געוואָרן און דערפילט אַ ווייטיק אין האַרצן, וואָס איך האָב זיך באַמיט אַראָפּצושלינגען, ווי אַ ביטערע פּיל.

— ווייל זיי האָסן מיך אַלס גוי — האָס איך זיי אַלס זשידעס.

— אָבער איך בין דאָך פאָרט זייער טאָכטער. אויב אַפילו איצט אַ... קריסטלעכע טאָכטער. און אַז זיי האָבן נישט פאַרשטאַנען און נישט געוואָלט זיך רעכענען מיט מיינע ליבעס־געפילן צו דיר, דאַרף איך לכל הפחות און אויך דו זיי פאַרשטיין און מוחל זיין. אַזאַ איז זייער גלויבן. זייער רעליגיע, פאַר וועלכער זיי זענען גרייט שטאַרבן.

— וויפל קלעפּ זיי כאַפּן פאַר דעם איז נאָך אַלץ ווייניק, זאָג איך דיר.

— און איך האַלט, אַז דאָס איז פּשוט אַ גבורה פון זייער זייט.

— פּוסטיאַקי! נאַרישקייטן! זשידאָווסקיע גבורה און פאַרטיק! נישטאָ קיין גרעסערע פּחדנים, ווי די יידן. בלויז אין די דאָזיקע ענינים זענען זיי שטאַרק און פאַרעקשנט, ווי די נאַטוריסטע פערד! כע־כע!

איך האָב די באַליידיקונגען מער נישט געקענט פאַרטראָגן. וויפל איך האָב זיך נישט באַמיט צו באַהערשן, האָב איך מער נישט געקענט.

— אָבער אויך איך... אויך איך... בין אַ... יידישקע!... דו הערסט?... דו הערסט?... — האָב איך אויסגעשריגן — אויך איך!... אויך!... אויך... איך!!! ...

— דו? דו האָסט מער צו זיי קיין שום שייכות נישט! — האָט ער געזאָגט מיט אַן אַנטשלאָסענער שטים — דו האָסט זיך אויסגעצלימט, חתונה געהאַט מיט מיר ביי אַ גלח, אין צערקווע, אונדזערע קינדער זענען קריסט־לעכע קינדער...

זיינע לעצטע ווערטער האָב איך נישט דערהערט. איך האָב אויפגע־פראַלט האַסטיק די טיר, נאָך האַסטיקער זי פאַרהאַקט נאָך זיך און האָב גענומען לויפן מיט דער סטעזשקע פון וואַלד, ווי עמיץ וואָלט מיך נאָכגעיאָגט. איך האָב זיך אַפילו נישט אומגעקוקט.

עס איז געווען אַ מיטוואָכדיקער פרילינגס־פאַרנאַכט. איינע פון יענע פאַרנאַכטן ווען זעענדיק דאָס אויפלעבן פון דער נאַטור, ווער איך אָנגעפולט מיט אומבאַקאַנטער בענקשאַפט. איך ווייס נישט צי איך בין איצט געטריבן געוואָרן דורכן כוח פון דער דאָזיקער בענקשאַפט, אָדער פון פאַוועלס באַ־ליידיקנדע ווערטער, וואָס זענען געווען איצט שאַרפער, ווי אַן אַנדערש מאָל. וויפל מאָל מיר פלעגט אויסקומען רעדן מיט אים איבער דעם, הגם זייער זעלטן, האָב איך תמיד אונטערגעשטראָכן, אַז איינע פון די גרעסטע גבורות ביי אַ מענטש — דאָס איז צו זיין טאָלעראַנט צו יענעמס ליידן און אומזין. מוחל זיין איז פיל אַ גרעסערע גבורה, ווי נעמען נקמה. איך האָב עס נישט נאָר אַרויסגעלייענט פון די ביכלעך, נאָר איך האָב עס באַנומען מיטן שכל און געפיל. פאַוועל האָט זיך תמיד אויסגעלאַכט דערפון און מיר פאַרגעוואָרפן, אַז איך בין צר־פילבאַר. איך האָב אים פאַרשטאַנען. ער וויל דורך דעם פאַר־גלעטן די אָפטע באַליידיקונגען, וואָס מיר קומט אויס אויסצושטיין ווען מען רעדט אויף יידן, אָדער ווען איך הער עפעס שלעכטס אויף יידן. דאָס מאָל האָב איך אים נישט געקענט מוחל זיין, הגם איך האָב געפילט, אַז אַנדערש קען עס דאָך במילא נישט זיין. מיר האָבן בשותפותדיקע קינדער, אַ ווירט־שאַפט און צווישן אונדז איז נאָך פאַראַן אויב נישט קיין הונדערטפּראָצענ־טיקע אמאָליקע ליבשאַפט, איז דאָך זיכער בשותפותדיקע הייליקע זכרונות וועגן אונדזער יענער ליבע, וואָס קומט צום אויסדרוק אין טאָג־טעגלעכן צו־זאַמענלעבן, באַזונדערס אין די ערנסטע מאָמענטן. אין די נעכט אויפן בשותפותדיקן געלעגער.

איצט האָב איך וועגן דעם מער נישט געוואָלט וויסן און טראַכטן. איך וויל נאָך איינמאָל אין מיין לעבן, אין משך פון אַזויפיל יאָר, זען מיינע עלטערן. אַ קוק טון אויף מיין ברודערל און שוועסטערל. אפשר וועלן זיי מיך איצט פאַרשטיין און מוחל זיין. איך וועל אַריין צו זיי און מיר וועלן זיך פאַלן אויף די העלדזער. איך וועל פּרווון אויפקלערן זיי, אַז עס איז געווען אַ מיספאַרשטענדעניש. זיי האָבן מיך נישט פאַרשטאַנען, פאַרוואָס זאָלן מיר אייביק זיין צעקריגט? זיי וועלן מיך אין דער ערשטער רגע זיכער נישט דערקענען. איך בין עלטער געוואָרן. זע אויס אַנדערש. אַ פּויערטע. אויך זיי האָבן זיך זיכער געענדערט. עלטער געוואָרן. אַלטע. איינגעבראָכענע. און צוליב וואָס? צוליב מיין ליבע צו נישט קיין ייד! וועלכער אומזין!...

איך לויף איבער היימישע סטעזשקעס און וועגן. דער וועג איז אַ בלאָ־טיקער. דורך דעם זעלבן וועג האָב איך מיט פּאַוועלן צוריק מיט קרוב צוויי צענדליק יאָר געפאָרן אויף איין פערד אין דער פאַרקערטער ריכטונג. דאָס זעלבע קלאַפּעדיקע האַרץ. די זעלבע אומבאַוווסטזיניקע שרעק. ציטער.

אָט זעען זיך שוין די גערטנער. די פּויערישע שטאַלן און שייערן, אויף וועלכע עס שטייען די באָטשאַנעס, וואָס האָבן מיטן אָנקומענדיקן פרילינג זיך צוריקגעקערט פון די וואַרעמע לענדער, כדי דאָ ווידער אויפבויען זייערע פאַרלאָזענע נעסטן. בין איך אפשר ענלעך צו אַזאַ באָטשאַן? וווהין לויף איך? צי וועלן זיי מיך וועלן אויפנעמען? צי וועט מיין מוטער נישט חלשן ווען זי וועט מיך דערזען? צי וועט דער טאַטע נישט אַראָפּנעמען דעם פּאַסעק פון די הויזן, ווי אַמאָל? זיכער שוין נישט דער זעלבער פּאַסעק און אפשר גאַרנישט דער זעלבער טאַטע. ווער ווייס?...

וואָס מער איך דערנענטער זיך צום דאָרף, אַלץ מער פיל איך, ווי די פיס ציטערן אונטער מיר. איך זע שוין אַזוי נאָענט די ווינטמילן אויף די בערגלעך און די שפּיצן פון קלויסטער, וואָס האָט מיך אַמאָל אַזוי געשראָקן און זעט מיר איצט אויס אַזוי היימיש. עס טונקלט. די קוימענדלעך פון די כאַטעס רויכערן, ווי אַמאָל. אונטער מיינע פיס טונקלט אויף די הרעבליע, אין וועלכער איך בין נישט איינמאָל אַריינגעקראָכן מיט אַ פּוס, ווייל איך האָב נישט באַמערקט אַ צעבראָכן אָרט, אָדער לאָך. אָדער אפשר טונקלט עס מיר בכלל פאַר די אויגן?

נאָך אַ ביסל און איך בין שוין אין דאָרף. די זעלבע סעדלעך ביי די כאַטעס און ווערבעס. ליפּען־בוימער. די סעדלעך בליען מיט פאַרשידן־פאַר־ביקן צוויט. די ווערבעס האָבן זיך שוין צעפּויקט מיט זייערע „קעצעלעך״. אין דאָס רוב כאַטעס ברענען שוין לאָמפּן. איך זע, ווי אַמאָל די פלאַקערדיקע

לוטשינע דורך די נידעריקע פענצטערלעך. אַ געבילעריי פון הינט מישט זיך צונויף מיט די „וועסניאַנקעס"־לידער פון אַ כאַפּטע שקצים מיט שיקסעס. עמיץ פאַרציט זיך אין אַ „פּאַדגאַלאַסניק". אַ געוויין פון אַ קינד, וואָס רייסט זיך אויף קולי־קולות. אָט איז אַ יידיש הויז. אַ שילדל מיט אַן אויפשריפט: „סקליעפּ ספּאָזשיוויטשי". איז עס דאָס הויז פון שמעון דעם שענקער? צירל! מסתמא שוין לאַנג חתונה געהאַט. אַזוי האָט זיך דאָ גאָרנישט געענדערט פאַר די אַלע יאָרן. דאָס זעלבע דאָרף. די זעלבע לאַנגע און ברייטע איינציקע גאַס.

איך לויף ווייטער. עמיץ פאַרשטעלט מיר דעם וועג. פייפט אונטער ווויליונגעריש און קוקט מיר אַריין אין פנים: „עוואַ?" „ניין, נישט עוואַ". גענוי ווי אַמאָל. די זעלבע שקצים און זייער דרייסטער צוגאַנג צו די שיקסעס. אַלטע קאַנטשאַפּט. אַלטער שטייגער. „כי־כי, נישט עוואַ? איז ווער זשע?" גיי זאָג אים ווער זשע!...

און איך גיי ווייטער. ענדלעך אין דאָרף. אָט טונקלט דעם טאַטנס קרעשניע. זי שטייט איצט געשלאָסן. לעבט נאָך דער טאַטע? און אָט... אָט איז די שטוב. איך בלייב שטיין און קוק זיך איין פונדערווייטנס. דאָס אויסזען פון שטוב האָט זיך דוכט זיך נישט געענדערט. אַכצן יאָר. בלויז אייניקע געהילצן, פון וועלכע דאָס הויז איז געבויט, האָבן זיך עטוואָס אונטערגעגעבן, אַרויסגערוקט זיך. און די לאָדנס. מיין גאָט, די זעלבע לאָדנס, וואָס האַלטן זיך קוים אויף די צעדרייטע זאַוויאַסעס. קיינמאָל האָט דער טאַטע נישט קיין צייט מאַכן נייע זאַוויאַסעס. אַלע פערד פון דאָרף האָט ער צייט אָנצושמידן, אַלע וועגענער און רעדער איבערצוציען, אָבער פאַר זיך זאַוויאַסעס מאַכן, אַז די לאָדנס זאָלן זיך האַלטן — נישט.

איך דערנענטער זיך צום שטוב. מיין האַרץ קלאַפּט אַזוי הויך, אַז עס דוכט מיר, אַז איך הער זיין קלאַפּן, ווי דאָס קלאַפּן פון אַ וואַנט־זייגער. טיק־טאַק! טיק־טאַק! אין אַלע פענצטער טונקל. אייניקע זענען שוין פאַרהאַקט מיט די לאָדנס, אָדער האָט עס דער ווינט זיי צוגעמאַכט? זיי הענגען אַראָפּ ווי צעבראָכענע פליגל פון אַ פויגל אַ פאַרוווּנדעטן. איך מאַך נאָך אַ פּאָר טריט און איצט בין איך שוין נעבן פאַרמאַכטן לאָדן. שאַ־שטיל. וואָס קען עס זיין? צי שלאָפן שוין אַלע? אמת, דער טאַטע פלעגט זיך אַמאָל לייגן שלאָפן זייער פרי „מיט די הינער", ווי די מאַמע פלעגט זאָגן, אָבער אָפּטמאָל איז ער דאָך ביז שפּעט אין דער נאַכט געשטאַנען און אויסגעפּאַרטיקט אַ שטיקל אַרבעט אין קרעשניע. צי האָט ער היינט נישט קיין דרינ־

גענדיקע אַרבעט אויסצוּועגדיקן, אָדער איז ער שוין אַזוי אַלט און קען מער נישט שטיין אין קוזשניע.

פּלוּצים דוכט זיך מיר, אַז איך הער דאָס געקלימפּעריי פון דער מאַמעס אַלטער ניי־מאַשין. איך נעם אַרומקרייזן די שטוב. איך ווייס פון וואַנען עס קומט דאָס קלאַפּן...

אויף שפּיץ־פינגער, ווי אַ קאַץ, שפּרונג איך אַריבער אויף דער צווייטער זייט, ווו דער הינטערשטער צימער קוקט אַרויס, אין הויף אַריין. אַ פּאַס ליכט באַפלעקט אַ שטיק ערד. איך שטעל זיך אין שאָטן ביי דער וואַנט און הער איצט גאָר דייטלעך דאָס געניי פון דער מאַשין. איך וויל אַריינקוקן אינעװייניק, אָבער איך האָב מורא פאַרן פּאַס ליכט. איך קען נאָך באַמערקט ווערן.

איך באַהערש זיך שנעל און נעם אַריינקוקן פון אַ זייט, שאַר זיך, ווי אַ גנב, ביי דער וואַנט און... מיינע אויגן דערזעען מיין מאַמעס געשטאַלט, וואָס זיצט איינגעבויגן צו דער ניי־מאַשין. זי שטעפּט און קוקט זיך איין אין די ניי־שטעך. ביים שיין פון נאַפט־לעמפּל, וואָס הענגט נידעריק אויף דער וואַנט. מאַ־מע! יאָ! זי! זי, מיין יידישע מאַמע! דוכט זיך מיינע ליפּן האָבן אויסגעשריגן הויך, אויף אַ קול: „מאַ־מע! מאַ־מע!" אָבער פאַרוואָס רירט זי זיך נישט? דרייט זיך נישט אויס צום פענצטער? איך וויל זען איר פּנים. צי הערט זי נישט מיין געשריי? מאַ־מע! — שריי איך — דריי זיך אויס צו מיר! גיב אַ קוק! דאָס בין איך! איך... דיין געשמדטע טאָכטער! די־נה! איך! איך! איך!...

ניין. מיין מאַמע האָט נישט דערהערט מיין שטומען געשריי. דאָס געקלימפּעריי פון דער ניי־מאַשין, וואָס זינגט איך געדענק קלאַפּט מיט אַ הייזעריקן געקלימפּעריי נישט געקוקט וויפל מען זאָל זי שמירן מיט אייל, הערט אויך איצט נישט אויף צו קלימפּערן מיטן אַמאָליקן געקלימפּעריי. ווי צוריק מיט אַכצן, צוואַנציק און ווער ווייסט מיט וויפל ירושהדיקע יאָר צוריק, און פאַרטויבט דאָס נישט אַרויסגעשריגענע געשריי פון מיין נשמה.

און אָט האָט דאָס געקלימפּעריי זיך אָפּגעשטעלט. איצט זע איך פון דער זייט דער מאַמעס שאָטן אויף דער וואַנט. דער שאָטן האָט זיך אויפגעהויבן, אויסגעגלייכט זיך, געזאַמט זיך אַ ווײַלע, עפּעס באַטראַכט, זיך צוגעזעצט און ווידער אַ פּאָר שטעפּ־געטון אויף דער מאַשין, ביז זי האָט אינגאַנצן פאַרלאָזן די מאַשין. דאָס פייער פון לאָמפּ האָט זי איינגעדרייט. איך האָב געזען דער מאַמעס שאָטנדיקע האַנט, אירע האָר פון אונטער אַ טיכל

האָט אַ שימעריר געטון און זיך צונויפגעגאָסן מיט דער טונקלקייט. שטיל. שלאָבעריקע טריט. איצט קוק איך דרייסטער אינעווייניק, אָבער איך זע קיינעם נישט. דאָס קלאַפּן פון אַלטן וואַנט־זייגער האַקט אויס ביין מאָל. דער זעלבער אַמאָליקער זייגער מיט די אייזערנע קלעצער אויפן וואַנט אין צווייטן צימער. זיך גאַרנישט געעלטערט. דוכט זיך, בלויז דאָס קלאַפּן הערט זיך הייזעריקער ווי אַמאָל, ווי צוריק מיט יאָרן.

איך וויל שרייען, אָבער עס איז אַזוי שטיל, אַז איך האָב מורא אַרויס־לאָזן דאָס געשריי פון קעל. איך האָב דאָס געפיל, ווי עמיץ ווערגט מיך ביים האַלדז. דאָס ווערג איך זיך זעלבסט אַזוי. איך ווייס עס. פאַרוואָס גיי איך נישט אַריין אין שטוב? איך וויל רעדן מיט דער מאַמע. איך וויל זען דעם טאַטן. גיטעלען, הערשעלען. איך וויל בעטן מחילה ביי זיי פאַר די ליידן, זיך איבערבעטן. פאַרוואָס טו איך עס נישט? פאַרוואָס? צוליב וואָס און נאָך וואָס בין איך געלאָפן אַהער? צוליב וואָס?

איך געדענק נישט ווי לאַנג איך בין געשטאַנען אַזוי הינטערן בלינדן פענצטער פון מיין אַלטער היים. איך געדענק בכלל נישט, וואָס מיט מיר איז ווייטער געשען. איך געדענק נאָר, אַז איך האָב פּלוצים דערהערט אַ הוסט. דעם טאַטנס הוסט. יאָ. איך האָב דערקענט זיין הוסט. אַ קרעכץ פון דער מאַמע. איך האָב דערקענט איר קרעכץ. אין די אויערן האָט זיך צעקלינגען איר שטים: אַ דאָרן זאָל ווערן דיין ליבע! אַ דאָרן! אַ דאָרן! אַ דאָרן! —

איך האָב אָט די ווערטער געהערט אַ גאַנצן וועג ביז צו דער גאַיוווקע, לויפנדיק אין דער ליכטיקער לבנה־נאַכט צוריק צו איר, צו מיין היים. מיין אייגענער היים, ווו עס שלאָפן מיינע קינדער. ווו עס שלאָפט מיין מאַן. פּאַוועל. דער זעלבער פּאַוועל, וואָס האָט דוכט זיך ערשט בעכטן געשטאַנען הינטער מיין פענצטער און מיך אָפּגעוואָרט. „קום אַרויס דוניאַ! קום!" און איך בין אַרויס. אַרויס, כדי קיינמאָל זיך נישט קענען צוריקקערן צו איר, צו דער אַלטער היים, מעג איך ווי בענקען צו איר, און מעג ער, פּאַוועל, ווי האַסן זי.

## מלחמה!... מלחמה!...

— וואַינאַ! וואַינאַ! בודע וואַינאַ! (מלחמה! מלחמה! עס וועט זיין אַ מלחמה!) — אַזוי זאָגט אַלעקסיי, מיין שווער, דער אַמאָליקער סאָלטוס, וואָס געדענקט נאָך גוט די ערשטע מלחמה און קען נישט פאַרגעסן דעם

צאַר ניקאָלאַי, וואָס האָט מלחמה געהאַלטן מיט די נימצעס, די דייטשן.

און אַז אַלעקסיי רעדט אַרויס דאָס וואָרט „וואָינאַ" און ער טוט נאָך דערצו אַ דריי זײַנע בעזעמער־וואָנסעס און טוט אַ רוק זײַן האָזענע קוטשמע אויפֿן שטערן אַרויף, דערפֿילסטו גלײַך, אַז ער זאָגט אמת, אַז אין זײַן אַרויסזאָג איז פֿאַראַן נבואה. אמתע נבואה, און עס נעמען זיך מאָלן פֿאַר דײַנע אויגן טויזנטער הרוגים און קאַליקעס.

פונוואַנען נעמט מײַן מיושבדיקער שווער די דאָזיקע נבואה? — פֿרעג איך זיך אין האַרצן מיט ציטער און אַלעקסיי זיצט בײַם טיש, רויכערט זײַן ליולקע מיט הנאה און פֿאַרענטפֿערט:

— אַ סימן האָב איך, אַז מען שלאָגט ייִדן. טאָמער נאָר האָט דער דייטש זיך גענומען פֿאַרפֿאָלגן און טרײַבן ייִדן, איז קלאָר, אַז עס וועט זײַן אַ מלחמה. אַזוי לאַנג ווי מען טשעפּעט נישט קיין ייִדן איז אַלץ גוט...

מאַריאַ מײַן שוויגער, וואָס האַלט מיט איר מאַן האָט אָבער אַן אַנדער אויסטײַטשונג:

— אַמאָל האָט פֿאַרבלאָנדזשעט אין דאָרף רעטשיצע אַ זנאַכער צו זיי. נאָכדעם ווי זי האָט אים אָנגעקאָרמעט און נאָך מיטגעגעבן אַן אויסגעוועבטע גרויסע „נאָמיטקע" (לײַוונטענער גרויסער האַנטוך פֿון היימישן געוועב), האָט ער פֿאַרן אַוועקגיין אַ זאָג געטון: „שלעכטע צײַטן וועלן נאָך זײַן און מענטשן וועלן פֿאַלן ווי פֿליגן". אויך אַ ציגײַנערטע האָט אַמאָל גענומען איר האַנט און געזאָגט: „איך זע, אַז צו דײַן משפּחה וועט צוקומען אַ מענטש פֿון ווײַבלעכן געשלעכט און איר וועט זײַן צופֿרידן פֿון איר". נו, האָב איך צום אָנהויב טאַקע געמיינט, אַז מסתמא וועל איך געבוירן נאָך אַ מיידל, אָבער אַז מײַן פּאַווליוק האָט זיך פֿאַרליבט אין דיר און מיט דיר חתונה געהאַט, האָב איך גלײַך זיך דערמאָנט אין די רייד פֿון דער „וורוזשקע", דער ציגײַנערטע. איך זאָג אײַך, ווי זי וואָלט אויף דער דלאָניע אַלץ אויס־געמאָלן"... און דעריבער גלויבט זי, וואָס דער זנאַכער האָט געזאָגט.

קאַראָל האָט זיך זײַן פּאָליטישע אויסטײַטשונג:

אין די שטעט גייט אָן אַ שטאַרקע פּראָפּאַגאַנדע נישט צו קויפֿן בײַ קיין ייִדן. די „ענדעקעס" שטעלן פּיקעטן בײַ די ייִדישע געשעפֿטן מיט לאָ־זונגען „סוואָי דאָ סוואָגאָ" — יעדער צו זײַנעם. פֿון דײַטשלאַנד שטראָמען אָן אויפֿהער ייִדישע פּליטים. עס איז אַ שרעק צו קוקן אויף זיי, ווי זיי וואָגלען זיך אַרום מיט די קינדער אויף די אָרעמס. ווייסן נישט ווו זיך אַהינצוטון. שוואַרצן גרענעצן. און פֿאַרשידענע „אָפּרישקעס" (אויסוווּרפֿן) דערלויבן זיך שוין באַצײַטנס צו רויבן און באַגנבֿענען די שוצלאָזע ייִדן.

קאַראָל ווייס אויך צו דערציילן, אַז די דייטשן האָבן פאַרנומען עסטרייך, טשעכאָסלאָוואַקיי און פאַרלאַנגען אַן אויטאָסטראַדע קיין גדאַנסק. פוילן מאָ־ביליזירט אין דער שטיל אירע כוחות. ענגלאַנד און פראַנקרייך וואָרענען דייטשלאַנד. אַ ליאַדע רגע און די וועלט וועט אויפפלאַקערן...

סעריאָזשא און אדארקא פרייען זיך, הגם זיי ווייסן אַליין נישט גענוי פון וואָס. זיי האַלטן, אַז אויב דער דייטש וואָלט געקומען קיין פוילן וואָלט דעם פויער געוואָרן לייכטער דאָס לעבן. מען ווייסט עס פון ראַדיאָ, וואָס אַלעקסאַנדער מיכניוק, דעם סעקרעטאַרס זון פון דער גמינע, האָט אַליין געהערט מיט זיינע אייגענע אויערן. מעגלעך, אַז דער דייטש וועט אויך שאַפן אַן אייגענע זעלבשטענדיקע אוקראַינע.

בלויז סטעפּאַ, פעליציאַ און יאַדוויגאַ זענען גלייכגילטיק צום גאַנצן ענין. פעליציאַ און יאַדוויגאַ קומען זעלטן אין דער גאַיוווקע. זייער פאָטער, היינט אַ פוילישער באַן־אַרבעטער, וואָס איז אויך אַמאָל געווען אַ גאַיאָווער, איז שוין נישט יונג און ער האָט נישט איבעריק ליב די „כלאָפּעס", די פויע־רים. ער האָט בשעתו זיך שטאַרק קעגנגעשטעלט, אַז זיין ברודערס זון קאַראָל, וואָס האָט מיט סטעפען זיך באַקאַנט אויף אַ זאַבאַווע און זיך דאָרט פאַרליבט אין איר, זאָל חתונה האָבן מיט אַ פּראַוואָסלאַוונער אין דער צייט ווען ער איז אַ קאַטאָליק, אָבער קיין גרויסע קעגנערשאַפט האָט ער דאָך נישט אַרויסגעוויזן. מילא, געפעלט אים דעם סאָלטוסעס טאָכטער פון רע־טשיצע — זאָל אים וויל באַקומען. איבעריקנס, איז אַ קאַטאָליק נישט וויט אָפּגערוקט פון אַ פּראַוואָסלאַוונעם. דער זעלבער פּאַן יעזוס און הייליקע מוטער. דער זעלבער גאָט פאַרבינדט זיי סייווי. דער עיקר געפעלט אים נישט דער לעבנסשטייגער פון די „כאָכלעס". אין אונדזער גאַיוווקע קומט ער בכלל נישט.

האָפּערדיקער פון אַלע איז מיין מיקאָלאַי. ער ווערט פאַרפאַלן אויף גאַנצע נעכט. גייט איבער „וועטשערניצעס" קיין דעמידאָווקע און איז גע־וואָרן אַ גאַנצער בחור. ער איז אויף אזוי וויט זעלבשטענדיק, אַז איך, אַלס מאַמע, האָב שוין ווייניק וואָס צו זאָגן וועגן זיין אויפפירונג. איצט העלפן אים קיין שום רייד נישט. ער טוט וואָס ער וויל און גייט וווהין ער וויל. אַז איך פרעג אים עפּעס שווייגט ער לאַנג, ביז איך באַקום אַרויס פון זיין מויל אַ וואָרט.

— ווו ביסטו געווען?

— אויף אַ וועטשערניצע. מען האָט געטאַנצט.

בלויז יורעקל האַלט מיך אין איין באַלאַגערן מיט זיינע פראַגן:

— מאַמאַ, זאָג, עס וועט טאַקע זיין אַ מלחמה?

— איך ווייס נישט, מיין קינד.

— פאַרשטייט זיך, אַז עס וועט זיין. — באַשטעטיקט מיקאַלאַי מיט פאַרבאַרגענער פרייד. — עס וועלן קומען אַהער די דייטשן און מיר מאַכן אַ סאַמאָסטאָינע אוקראַינע. פאַרשטייסט, יורעק?

— איך פאַרשטיי נישט. מיר הערן וואָס די מאַמאַ זאָגט.

— איך פאַרשטיי אויך נישט. — ענטפער איך מיט פאַרבאַרגענעם ציטער אין האַרצן.

— ווער זענען עס די דייטשן? — פרעגט יורעק מיט נייגיר.

מיקאַלאַי שיסט אויס אין אַ געלעכטער און פאַרלאָזט, ווי זיין שטייגער, די שטוב, נאָך איידער ער פאַרענדיקט אויפצודרייען דעם פאַפּיראָס און אים צורויכערן פון אַ זשאַרענע אין אויוון.

— מאַמאַ, איך האָב דאָך דיר עפּעס געפרעגט. — לאָזט נישט נאָך יורעק. ווען מיקאַלאַי גייט אַרויס פון שטוב. ער פילט זיך באַליידיקט הלמאי מיקאַלאַי האָט אים אויסגעלאַכט און ער פאָדערט דורכאויס אַן אויפקעלרונג. נאָכדעם ווי איך קלער אים אויף, אַז די דייטשן זענען אַ פאָלק ווי אַלע פעלקער, נאָר האָבן איצט אַ שלעכטן פירער, נו לאָמיר זאָגן אַזאַ ווי פּרעה, וועגן וועלכן איך האָב אים דערציילט, נעמט ער מיר שטעלן ווייטערדיקע קלאָץ־קשיות:

— און אָט די דייטשן טשעפּען אויך קליינע קינדער?

— קליינע קינדער טשעפּען זיי נישט מסתמא.

— פאַרוואָס ווילן זיין אַ מלחמה?

— יורעקל — זאָג איך צו אים ווייך — שטעל מיר נישט אַזעלכע פראַגן. קיינער ווייס נישט צי עס וועט יאָ זיין אַ מלחמה, אָדער נישט. מען רעדט. מאַלע וואָס מען רעדט. אַזוי איז שוין דער שטייגער פון אונדזערע מענטשן צו רעדן סתם אין דער וועלט אַריין זאַכן וואָס קיינער ווייס נישט.

ווען יורעק גייט אַרויס פון שטוב פרעג איך ביי פאַוועלן, וואָס קומט אַריין אַ שווייגעוודיקער פון וואַלד.

— מיינסטו טאַקע, פאַוועל, אַז עס וועט זיין אַ מלחמה?

— אוי־אוי, עס קען זיך צעפלאַקערן אַ מלחמהלע גאַרנישט אויף קיין קאַטאָוועס, אָבער דו האָסט דאָך נישט וואָס מורא האָבן...

איך פאַרשטיי זיין כוונה און ענטפער מיט געוויסער פאַרביטערונג:

— איך האָב נישט מורא פאַר זיך. איך האָב מורא פאַרן לעבן פון מיינע עלטערן.

— ווילסטו באַוואָרענען די גאַנצע וועלט?
— אין דער ערשטער ריי מיינע עלטערן...
— אָט אַזוי איז עס: דאָס אייגענע העמד איז נאָענטער צום לייב...
— ווייסט נישט ווי זיי טוען מיר באַנק.
— אָבער ווען דו ביסט געלאָפן צו זיי, האָסטו אַפילו נישט געהאַט די מוט אַריינצוקומען צו זיי, וואָרום... וואָרום דו ווייסט, אַז זיי האַסן דיך און דו גייסט זיי בכלל נישט אָן.
— נישט צוליב דעם, פּאַוועל. איך האָב מורא געהאַט, אַז איך וועל אַריינקומען וועט די מאַמע שטאַרבן פאַר גערירטקייט און אויך מיטן טאַטן קען עפּעס פּאַסירן... ער האָט דאָך מיר אָנגעטון אַ זאַק אויפן קאָפּ... איך בין אַנטלאָפן...
— האָסט שוין פאַרגעסן זיינע קלעפּ, האַ?
— דאָס וועל איך קיינמאָל נישט פאַרגעסן, הגם מען זאָגט, אַז אַ פּאַטש פאַרגייט און אַ וואָרט באַשטייט.
— האָסט שוין פאַרגעסן דער מאַמעס קללות, האַ?
— לאָמיר נישט רעדן איבער דעם, דאָס איז געשען אַזוי לאַנג און מיר האָבן שוין פיל גערעדט דעריבער, אָבער דאָס באַדייט נישט, אַז זיי טוען מיר נישט באַנק, אויב זיי וועט עפּעס געשען.
— היינטיקע צייטן איז גלייכער, אַז מען טראַכט נישט אַריין אין צווייטנס לעבן. אַפילו ברודער מיט ברודער לעבן נישט בשלום. אָט האָט מאַקסים סקאָבעלס פון דעמידאָווקע צעממיטט זיין ברודער אויף טויט, ווייל יענער האָט ביי אים פאַראַקערט מער מיט אַ שטיקל פעלד.
— אין דעם באַשטייט טאַקע דאָס אומגליק, וואָס איין ברודער הרגעט דעם צווייטן פאַר אַ שטיקל פעלד...
— דיינע רייד וואָלטן געפּאַסט פאַר די „שטונדיסטן" (סובאָטניקעס), אָדער קאָמוניסטן. איצקאָ מענדעלס פון שטאָט ווי. האָט אויך אַזעלכעס געפּרעדיקט, האָט מען אים אַריינגעהאַקט אַ פינפעראָל און ער זיצט היינט אין קאַרטוז בערעזע. לאָז אָפּ, זאָג איך דיר, מיט דיינע נאַרישע געדאַנקען וועגן דיינע עלטערן און זע בעסער, היט די קינדער און די כאַזייסטווע. מען דאַרף צוגרייטן גענוג ברויט און קאַרטאָפל אויף ווינטער, אַז מען זאָל נישט וויסן קיין הונגער ווען די שלעכטע שעה וועט קומען.
— אַזוי מיינסטו, פּאַוועל?... רעדסט עס ערנסט?...
— זאָל זיין נישט ערנסט. טראַכט ווי דו ווילסט, אָבער איין זאַך ווייס איך, אַז היינט זענען אַזעלכע צייטן, אַז אויב דו וועסט, ברודערקע, נישט

געבן יענעם מיט אַ פּלאַקן איבערן קאָפּ, וועט ער דיר געבן מיט צוויי פּלעקענער און פּאַרטיק. איך ווייס עס פון די פּויערים אין וואַלד. וויפל איך טו זיי נישט קיין טובות, אָבער אַז זיי דערזעען מיך, איז ווי זיי וואָלטן דערזען דעם מלאך המוות.

— דאַרפסט זיי נישט טשעפּען, פּאַוועל, טוען דיר באַנק די פּריצישע וועלדער? זאָלן זיי געניסן די אָרעמע פּויערים.

— אָט אַזוי טו איך טאַקע, אַז איך זע עמיצין אָראָפּשניידן אַ בוים, מאַך איך זיך, ווי איך וואָלט עס נישט געזען, אָבער אַז מען קומט פון דער פּאַר־וואַלטונג כאַפּט קיינער נישט געזידלט, נאָר איך.

— מילא. עס לוינט זיך...

פּאַוועל פּאַרטראַכט זיך. לעצטנס איז ער בכלל זייער פּאַרטראַכט און עס איז אים שווער אַריינצופירן אין געשפּרעך. דאָס רוב צייט פּאַרברענגט ער ביי סעריאָזשען, אָדער ביי קאַראַלן. זעלטן פּאָרט ער אַמאָל אין שטאָט אַריין. דעם לעצטן מאָנטיק בין איך מיט אים מיטגעפאָרן, כדי איינצוקויפן נויטיקע לעבנסאַרטיקלען אין שטאָט ד. עס איז פּונקט געווען אַ יאַריד־טאָג, אָבער אַז איך בין געקומען צוריק, האָט איך נישט געוווּסט צי איך זאָל זיין גליקלעך, אָדער אומגליקלעך. פאַר מיינע אויגן איז נישט אָפּגעטראָטן דאָס בילד פון די פּליטים מיט די קינדערלעך אויף די הענט, וואָס האָבן זיך געוואַלגערט אויף דער באַן־סטאַציע און נעבן הייזער, נישט געפונענדיק קיין דאַך איבערן קאָפּ.

יענעם אָוונט האָב איך לאַנג געקוקט, ווי רואיק עס שלאָפן אויף זייערע בעטן מיינע ביידע זין אויסגעצויגן אין זייער גאַנצער לענג, ווי זיי וואָלטן אַרויסגעוואַקסן פון די וואַרעמע געלעגערס.

## אַזוי האָט זיך עס אָנגעהויבן

צוזאַמען מיט מאַריען און נאָך פּויערים און פּויערטעס בין איך אַרויס אין פּעלד גראָבן קאַרטאָפּל. אין די דאָזיקע האַרבסט־טעג, ווען אַלע אָראָפּ־געשניטענע תבואות ווערן אַריבערגעפירט אין די שייערן, נעמען זיך די פּויערים צו די קאַרטאָפּל, וואָס רעכנט זיך אַלס בעסטער און ווירטיקסטער מאַכל פאַרן פּויערישן גרויסן געזינדל. דאָס רוב אויסגעגראָבענע קאַרטאָפּל ווערט שפּעטער באַגראָבן אין גריבער אַרומגעדעקט מיט שטרוי, אָדער אין קעלערס, ווו דער פראָסט קען זיך נישט אַריינבאַקומען. ווינטער, ווען די שטוב־רעזערוון ווערן אויסגעשעפּט, ווערן די גריבער צוריק אויפגעדעקט

און דאָס וויכטיקסטע מאַכל איז ווידער דאָ צו דער זעט — צום בראָטן און קאָכן, סיי פאַר זיך און סיי פאַר די פּראָסיאַטעס, קאַטשקעס און גענדז.

צום גראָבן די קאַרטאָפל פאַרקלייבן זיך די פּויערטעס נישט נאָר אַלט און יונג, נאָר אַפילו די זויג־קינדער ווערן מיטגענומען, אויב עס איז נישטאָ אין שטוב אויף וועמען זיי איבערצולאָזן. די פּויערטעס־מאַמעס שטעלן פונ־אַנדער זייערע וויגעלעך, וואָס באַשטייען פון שטיקער לייוונט אָנגעהאָנגען אויף קאָזלעס, לייגן אַריין די קינדער און אַליין פאַרטועז זיי זיך אין דער אַרבעט. מען איז אַזוי פאַרזונקען, אַז מען לייגט נישט קיין אַכט אויפן שרייען פון זויגלינגען. אַז עס שטילט זיך עס נישט איין פון זיך זעלבסט, וואַרפט די מוטער אַוועק אויף אַ ווייל די קאָפּאַטשקע, גייט צום וויגל, זויגט עס אָן און קערט זיך גלייך צוריק צום גראָבן די קאַרטאָפל. דאָס איז איצט אַמוויכ־טיקסטן. נישטאָ קיין צייט זיך אָפּגעבן מיט די קינדער — די אַרבעט ברענט...

די פּויערים, וואָס ברענגען די כלים צום גראָבן און די זעק צום אָנשיטן די קאַרטאָפל, שפּאַנען אויס דערווייל זייערע פערד, אָדער אָקסן און לאָזן זיך אַוועק אין וואַלד אָנקלויבן אַ ביסל האָלץ און נאָכן אָנשפּאַנען די פערד, פירן זיי אַריבער די אויסגעגראָבענע קאַרטאָפל אין דאָרף, אָדער צו זייערע כוטאָרעס.

בלויז מיטאָג־צייט ווערט אַ קליינער איבעררייס. אַ פּויערטע, אָדער צוויי, לייגן פונאַנדער אַ פייער און שטעלן צו קאָכן אַ פאַר טעפּ קאַרטאָפל. אַז די קאַרטאָפל ווערן פאַרטיק, ווערט פונאַנדערגעשפּרייט אַ גרויסע לייוונ־טענע טישטוך נעבן אַ וואָגן. דאָס געקאָכטע קאַרטאָפל ווערט אויסגעשאָטן אויפן טישטוך און אַלע זעצן זיך אַרום און עסן מיט גרויס אַפּעטיט. גלייך נאָכדעם גייט מען ווידער צו דער אַרבעט נישט אָפּרוענדיק זיך מער, ביז עס פאַלט צו די נאַכט.

אויך איך, פּונקט ווי אַלע, שטיי נישט אָפּ פון דער אַרבעט, אין וועלכער איך האָב זיך אַזוי גוט איינגעלעבט. אַלע ווייסן, אַז דוניאַ, פאַוועל דעם גאַיאָוועס ווייב, איז זייער אַן אַרבעטזאַמע און פלייסיקע. אין דער אמתן טו איך עס אַלץ אָפּט אַריבער די כוחות, אַפילו אויב איך פיל זיך נישט גוט. איך וויל נישט, אַז מיין שוויגער, אָדער סטעפּאַ זאָלן זאָגן, אַז איך האָב „איידעלע הענט", ווי מאַריאַ האָט זיך אַמאָל אויסגעדריקט.

נישט געקוקט דערויף, וואָס איך בין אַ גאַיאָוועס ווייב, וואָס קען זיך פאַרגינען נעמען עמיצן צו הילף אין דערווירטשאַפט, מייד איך עס אויס צו טון און גיי אַפילו צום טייך פּראַטשען וועש צוגלייך מיט אַנדערע פּויער־טעס. אָפּטמאָל האָב איך דעם איינדרוק, אַז קומענדיק אַ פאַרפלאַמטע פון

פראָסט נאָכן צעוואַשן דאָס וועש ביי דער אָפּאָלאַנקע, פיל איך זיך גראָד בעסער. מיין פּנים בליט און איז פולבלוטיק און אויך דער אַפּעטיט איז אויסערגעוויינלעך גוט.

אויך איצט, בעתן גראָבן די קאַרטאָפל אין פעלד, האָב איך געמאַכט די גרעסטע באַמיאונגען, אַז איך זאָל זיין פון די ערשטע, וואָס פאַרענדיקט אויסצוגראָבן דאָס בייטל און שוין אָנהויבן אַ צווייטע, נאָך איידער מאַריאַ, אָדער סטעפאַ צי אַפילו אדארקא, באַווייזן עס צו טון און מוזן מיך אָניאָגן. מיקאָלאַי און יורעק נעמען אַוועק די געפּלאָכטענע קאָשיקעס פון מיינע בייטן נאָך איידער איך באַווייז זיי פאַרפולן מיט קאַרטאָפל, און שיטן זיי אויס אין די זעק אַריין.

פלוצים האָט זיך דערהערט אַ שטאַרקער מאָטאָר־געריש אין הימל. אַלע האָבן איבערגעריסן די אַרבעט און אויפגעהויבן די אויגן צום וואַלד, פון וואַנען דאָס הודזשען האָט זיך דערטראָגן. באַלד האָבן מיר דערזען עטלעכע עראָפּלאַנען, וואָס האָבן זיך געמיניעט אין זון־שיין. זיי זענען געפלויגן שווער און האַמעטנע אויף מזרח.

— עראָפּלאַנען! עראָפּלאַנען! ערן וואָרט, עראָפּלאַנען! — האָבן די קינדער אין פעלד זיך צעשריגן מיט פרייד, פאַררייסנדיק די קעפּ מיט נייגיר צום הימל. זיי האָבן געשמייכלט און געמאַשעט מיט די הענט, גלייך דאָרט אויבן אין די עראָפּלאַנען וואָלטן געזעסן זייערע באַקאַנטע. זיי האָבן נישט אויפגעהערט געפילדערן און שרייען „היי! היי!".

— וואָס שרייט איר, וואָס, ממזרים איינע? — האָט אַ פויער, וואָס האָט פונקט געהאַלטן אין אויסשיטן אַ קאָרב קאַרטאָפל אין זאַק אַריין, אָנגעשריגן אויף די קינדער. — איר ווייסט כאָטשבי וועמעס עראָפּלאַנען דאָס זענען?

— אָ, הייליקער יעזוס! — האָבן די פויערטעס זיך גענומען צלימען — מסתמא דייטשע!

— אָדער רוסישע! — האָט עמיץ אונטערגעכאַפּט.

— און איך זאָג אייך, אַז נישט קיין רוסישע און נישט קיין דייטשע, נאָר דאָס זענען פוילישע עראָפּלאַנען. — האָט נאָך עמיץ געוואָלט אָפּטרעפן.

דערווייל זענען די עראָפּלאַנען פאַרשווונדן געוואָרן, איבערלאָזנדיק אַ לאַנגן פּאַס רויך נאָך זיך. די אַרבעט איז אויף אַ ווײַלע איבערגעריסן געוואָרן. דאָס רוב פויערים און פויערטעס אין פעלד, און בפרט די קינדער, צווישן זיי אויך מיינעביידע זין, זעען אַן עראָפּלאַן צום ערשטן מאָל. הייסט עס, אַז אָט די שטאָלענע פויגל, וואָס טראָגן מיט זיך טויט, האָבן אויך

אָנגעטראָפֿן אַהער, אין אַט דעם פֿאַרוואָרפֿענעם רואיקן געביט. וואָס וועט זיין? — איז מיר באַפֿאַלן אינסטיקטיוו אַ פּחד — קינדער פֿרייען זיך אַפֿילו אין „אַנבליק" פֿון טויט, אָבער מיר, די עלטערע, פֿאַרשטייען גוט וואָס דאָס באַדייט קריג, אויב ער וועט טאַקע אויסברעכן. דאָס באַווייזן זיך דאָ פֿון די עראָפּלאַנען זאָגן זיכער נישט אָן קיין גוטס.

ווי מיין האַרץ וואָלט עפּעס פֿאַרגעפֿילט, זענען פּלוצים פֿון פֿאַרן וואַלד אַרויסגעשוווּמען נאָך דריי עראָפּלאַנען און זיך דורכגעטראָגן איבער אונדזערע קעפּ אַזוי נידעריק, אַז עס האָט פֿאַררוישט די אויערן. גלייך נאָכדעם האָבן זיי זיך צוריקגעקערט, דאָס מאָל נאָך נידעריקער, אַזוי, אַז איצט האָט מען דייטלעך געזען די האַקנקרייצן אויף זיי און עס האָט זיך דערהערט אַ שיסעריי פֿון אַ קוילנוואַרפֿער.

אין פֿעלד איז אַנטשטאַנען אַ שרעקלעכע בהלה. מיט פֿאַרריסענע ווייד־לען האָבן די פֿערד זיך געלאָזט לויפֿן איבערן פֿעלד. די פֿויערטעס האָבן גענומען שרייען און זיך צלימען. אַנדערע זענען צוגעפֿאַלן צו די מעזשעס אין די בייטן און מורא געהאַט אויפֿצוהייבן די קעפּ. מוטערס זענען צעיאָכ־מערטע געלאָפֿן צו די פֿונאַנדערגעשטעלטע וויגעלעך, פֿונוואַנען עס האָט זיך דערטראָגן דאָס געוויין און געשריי פֿון די זויגלינגען.

איך האָב אַרומגעכאַפּט יורעקן, וועלכער איז פּונקט געשטאַנען נעבן מיר און איך האָב אים שטאַרק צוגעטוליעט צו זיך. מיקאָלאַי איז געשטאַנען נעבן וואָגן און זיך נישט גערירט פֿון אָרט. די עראָפּלאַנען זענען שנעל פֿאַרשוווּנדן געוואָרן און זיך מער נישט צוריקגעקערט.

צום גליק האָט דאָס שיסעריי נישט איבערגעלאָזן נאָך זיך קיין שום שפּורן אויסער שרעק און שטערונג אין דער אַרבעט. אַלע האָבן זיך פֿאַר־זאַמלט איצט אַרום אַן אַלטן גרייז־גרויען פּויער, וואָס האָט די גאַנצע צייט נישט אויפֿגעהערט זיך צלימען און געוועזן אין שרעקלעכער דערוואַרטונג, אַז אָט באַלד וועלן די עראָפּלאַנען ווידער אָנקומען. עס זענען פֿאַרביי מערערע מינוטן און זיי האָבן זיך מער נישט באַוויזן.

— דאָס האָבן זיי אונדז אַזוי געוואָלט אָנשרעקן. באַווייזן זייער כּוח — האָט זיך אָפּגערופֿן אַ מיטליאָריקער פּויער, אַן איינגווינער פֿון אַ נאָענטן כוטאָר —— זיי זענען שטאַרק, אַ טראַסציע אין זייער מאַמען אַריין!

— מיר האָבן זיך נישט וואָס צו שרעקן. — האָט מיין מיקאָלאַי זיך אָפּ־גערופֿן האָפֿערדיק — זיי מיינען נישט אונדז...

— וועמען דען מיינען זיי? דאָ אין פֿעלד זענען דאָך קיין יידן נישטאָ! — האָט אַ צווייטער נידערגעזעצטער פּויער מיט אַ פֿלאַטשיקער באָז זיך אַריינ־

געמישט — איך בין זיי נישט מקנא די זשידקעלעך, אַז די נימצעס וועלן קומען אַהער.

— וואָס פּלוידערט איר דאָרט, הע? — האָט זיך אָפּגערופן דער גרייז־גרויער פּויער, אַ מאַן טוענדיק מיט דער האַנט אויס ביטול — זשידעס נישט זשידעס. זיי וועלן קיינעם נישט שאַנעווען, זאָג איך אייך, אויב זיי וועלן אַהער קומען, זאָל גאָר די שלעכטע שעה נישט זיין. איך קען גוט די נימצעס. בין געוועזן ביי זיי אין פּלען (געפאַנגענשאַפט) בעתן ערשטן קריג און גע־קעמפט מיט זיי „נאַ שטיקי" (אויף די שטיכן). אַ קאַוואַלעריסט בין איך געווען. איר פאַרשטייט? פאַרביסענע זענען זיי. נישטאָ וואָס צו רעדן. און כיטרע אַזעלכע!

ער האָט זיך אַ קראַץ געטון אין דער גרויער פּאַטילניצע און פאַר־געזוצט:

— די פּאָליאַקן האָבן רעקווירירט געגנוג פערד פון די דערפער, אָבער אַז זיי, די נימצעס, וועלן קומען, וועלן זיי אַלץ אַוועקנעמען. אין יענער מלחמה, ברודערל, האָבן זיי פערדישע גבלה געגעסן בעת זיי זענען געלאָפן נאָך דער מפּלה און נישט געהאַט וואָס צו פרעסן. היינט וועט זיין נאָך ערגער, זאָג איך אייך.

— נישט געפּערלעך, נישט געפּערלעך. צום פּויער האָבן זיי גאָרנישט. — האָט אָפּגענירט דער נידערגעזעצטער פּויערל מיט דער פּלאַטשיקער נאָז — מיקאָלאַי איז גערעכט. זיי מיינען נישט אונדז.

— עך, ברודערל, וואָס דו פּלוידערסט דאָרט. — האָט דער גרייז־גרויער נישט נאָכגעגעבן — אָט וועל איך דיר דערציילן ווער דער נימעץ איז און דו וועסט וויסן. דאָס איז געווען אין די געדיכטע וועלדער ביים טייך בוג. מיר האָבן זיך געקליבן מאַכן אַ „נאַסטופּליעניע" (אָנגריף). זיי זענען גע־שטאַנען אין איין זייט טייך און מיר אויף דער צווייטער זייט. פּלוצים זענען דורכגעפלויגן עטלעכע זייערע עראָפּלאַנען און נאָכדעם ווי מיר האָבן זיי באַשאָסן, זענען זיי פאַרשוווּנדן געוואָרן. פאַרנאַכט האָבן מיר שוין געזאָלט אָנהויבן די אַטאַקע דורך אַרומרינגלען זיי און נעמען אין געפאַנגשאַפט, אָבער פּלוצים האָבן אונדזערע סאָלדאַטן דערזען צווישן דיביימער זייגער־לעך. איך זאָג אייך: אמתע זייגערלעך מיט גלאַנציקע דעקלעך. ממש די אויגן האָט געריסן. זיי וואַלגערן זיך אויף דער ערד, אָט ווי קאַרטאָפל. כאַטש בויג זיך אָן און נעם. נו, איך דאַרף אייך נישט דערציילן ווי אַזוי מיר האָבן זיך אַ לאָז געטון צו די זייגערלעך. דער קאָמאַנדיר אונדזערער האָט זיך

געכאַפּט און באַפוילן: „נישט אַנרירן!" אָבער גיי און ריר נישט אָן, אַז די זייגערלעך קמיטיען דיר פאַר די אויגן און לאָקן ממש ווי מיט כישוף. אַ קלייניקייט, אַזעלכע זאַכן וואַלגערן זיך אונטער דיינע פיס. נו, האָבן טאַקע אַ סך פון אונדזערע סאָלדאַטן זיך נישט באַהערשט און גענומען כאַפּן די זייגערלעך פון דער ערד, אָבער ווי נאָר זיי האָבן זיך צוגערירט צו זיי, האָבן די זייגערלעך אויפגעריסן און אונדזערע בידנע סאָלדאַטלעך זענען געפאַלן אויף דער ערד, ווי די פליגן פון מוכאָמאָרעס. אָט האָט איר אייך זייגערלעך און אָט האָט איר אייך וואָס דער נימעץ קען, אַ טראַסציע אין זיין מאַמען אַריין!

לאַנג נאָך איז דער אַלטיטשקער געשטאַנען און דערציילט וועגן דער מלחמה מיט די דייטשן בעת ער איז געווען אַ ניקאָלאַיעווסקער סאָלדאַט. אַלע האָבן אים אויסגעהערט מיט גרויס נייגיר, ביז עס איז געוואָרן טונקל. יעדע ווײַלע האָט עמיץ נאָך געכאַפּט אַ בליק צום הימל און צום וואַלד צי די עראָפּלאַנען קומען ווידער נישט אָן, אָבער נאָכדעם, ווי מען האָט זיך איבערצייגט, אַז זיי קערן זיך מער נישט אום, איז מען ווידער אַוועק צו דער אַרבעט. קיין סך צום אויפטון איז שוין אָבער נישט פאַרבליבן.

יענעם פאַרנאַכט האָבן די פויערטעס זיך נישט געקערט פון פעלד צו זייערע היימען מיט געזאַנג, ווי זיי זענען געווען געוווינט טראָץ דעם שווערן אַרבעטס־טאָג און פראַצע. איך — געוויס נישט.

## איין געשעעניש יאָגט דער צווייטער

פון איצט זענען די מלחמה־געשעענישן געלאָפן איינע נאָך דער אַנדערער, ווי אין אַ פילם. די עראָפּלאַנען זענען געוואָרן אָפטערע געסט איבער אונדזער שטילער גאַיוווקע, ביז איין טאָג האָבן זיי זיך מער נישט געיאָוועט. ווען נישט די „בשורות", וואָס פאַוועל, סעריאָזשאַ, מיקאָלאַי, אָדער עמיץ אַנדערש פון דער פאַמיליע און באַקאַנטע ברענגט, וואָלט מען געקענט מיינען, אַז די גאַנצע וועלט איז איין שטילע גאַיוווקע, איין רוישנדיקער וואַלד מיט פויגל, וואָס זינגען יעדן טאָג די זעלבע זיסע געזאַנגען, אַפילו אונטער דער הודזשעריי פון די שטאָלענע פויגלען אין הימל.

ערגעץ ווייט פון דער גאַיוווקע האָט שוין אָבער די וועלט געברענט און קיינער איז דאָן נישט אומשטאַנד געווען פאַראויסצוזען, וועלכן פאַרנעם אָט די שריפה וועט אָננעמען און וויפל קרבנות זי וועט מיט זיך ברענגען.

מיין פאַוועל און קאַראָל זענען נישט מאָביליזירט געוואָרן בעת דער אַלגע־מיינער מאָביליזאַציע, אַ דאַנק זייערע אַמטן אַלס גאַיאָווע, אָבער די געוויינען פון די פויערטעס, וואָס האָבן באַגלייט זייערע מענער, אָדער זין אויפן פראָנט, זענען דערגאַנגען אַזש ביז מיר און כ׳וועל זיי לאַנג געדענקען.

יעדן טאָג כמעט בין איך איצט געגאַנגען צו די כוטאָרעס, אָדער קיין דעמידאָווקע און אַפילו אין שטאָט אַריין, כדי הערן וואָס עס קומט דאָרט פאָר. עס האָט מיך אויך אינטערעסירט צי די יוגנט פון דער יידישער באַ־פעלקערונג ווערן מאָביליזירט. און אַז איך האָב געזען די פיל יידישע יונגעלייט, וואָס האָבן מיט האַרצרייסנדע געוויינען זיך געזעגנט מיט זייערע מאַמעס, ווייבער און קינדער, האָט עס אַרויסגערופן ביי מיר נישט ווייניק פאַרווּנדערונג. איך האָב געטראַכט: ווי קענען אָט די מענטשן פאַרטיידיקן פוילן, ווען זייערע קלייטן און געשעפטן ווערן פיקעטירט און באָיקאָטירט דורך אַ גרויסן טייל פון דער פוילישער באַפעלקערונג?

כמעט די זעלבע מחשבות האָב איך געהאַט וועגן דער אוקראַינישער באַפעלקערונג, וואָס איז, אויף וויפל איך האָב געוווּסט, פיינטלעך געשטימט צו די פאָליאַקן. אַז אַ פויערישע מאַמע, אָדער פרוי האָט באַגלייט איר זון, אָדער מאַן אַפילו אין דער רואיקער צייט, אין דער אַרמיי, האָט זי אים באַוויינט, ווי אַ טויטן. איצט, אין קריגס־צייט, איז די טראַגעדיע געווען נאָך גרעסער און יעדער איינע פון זיי איז געווען זיכער, אַז די שיידונג איז אַ לעצטע. קיין לעבעדיקע וועלן זיי זיך נישט צוריקקערן.

צוריקקערנדיק זיך צו מיין שטילער גאַיאָווקע, האָבן די יללות פון די פויערטעס לאַנג געעקבערט מיינע אויערן און זייערע פאַרוויינטע פנימער האָבן נישט אָפּגעטראָטן פון מיינע אויגן. „האָך, טייערינקער, מיר וועלן דיך דאָך שוין מער קיינמאָל נישט זעעעען" — האָבן זיי זיך פאַרצויגן אין געיאָמער, נישט אויפהערנדיק צו האַלדזן זיי. זייער יאָמער האָט געהאַט אַ באַזונדערן ניגון־געוויין, וואָס ליפּן פון מענטשן קענען נישט אויסזינגען און אויגן נישט אויסוויינען.

נישט קיין ווונדער, וואָס אייניקע יונגע פויערים זענען לכתחילה נישט געגאַנגען זיך שטעלן צו דער מאָביליזאַציע און אַוועק אין וואַלד זיך אויס־באַהאַלטן. מיין גאַיאָווקע האָט נישט פאַר איינעם פון זיי געדינט אַלס שוץ־פונקט און נישט איינעם פון זיי האָב איך אָנגעקאָרמעט, ווען ער איז געקומען ביינאַכט און אָנגעקלאַפּט אין פענצטער. דעם דאָזיקן חסד האָב איך שפּעטער אין געווּיסע אומשטענדן געהאַט אויף מיין געוויסן...

דער דאָזיקער מצב האָט געדויערט נישט מער, ווי קוים צוויי וואָכן.

איין טאָג זענען קאַראָל און סטעפאַ געקומען שטאַרק איבעראַשטע און איבערגעגעבן מיט אַ טרויעריקער שטים, אַז די פּוילישע רעגירונג איז אַנטלאָפן קיין אויסלאַנד. די אַרמייען זענען צעשלאָגן. די זעלנער, באַזונדערס די אוקראַינער, דעזערטירן. זיי שלעפּן זיך אַרום איבער פעלדער און וועלדער. גראַסירן אויף אַלע וועגן. אָרגאַניזירן זיך אין באַנדעס. אין וואַלד איז אַ מורא זיך באַווייזן. מען געפינט דערהרגעטע יידן און פּאָליאַקן.

אין קאַראָלס שטים האָט זיך געפילט אַ טרער. „נישטאָ מער קיין איטשיזנע, קיין פּאָטערלאַנד. פאַרלוירן״. ער האָט זיך כאָטשבי געטרייסט דערמיט, וואָס אויף וויפל ער האָט געהערט, האַלט זיך נאָך די אַרמיי נעבן דער ווייסל, ביי וואַרשע. מען וואַרט אויף דער הילף פון ענגלאַנד און פון דער פאַרבינדעטער פראַנקרייך. ער ווייטיקט שטאַרק, הלמאי ער האָט זיך נישט באַטייליקט אין קריג. ער וואָלט זיי שוין אַנגעלערנט, די שוואָבעס...

שפּעטער איז געקומען סטריאַזשאַ. ער האָט געבראַכט מיט זיך אַ פלאַש בראָנפן און ארויסגעוויזן שטאַרקע אויפגעלעגטקייט „עס וועט זיין גוט״ — האָט ער געזאָגט מיט אַ פאַרבאָרגענער מינע, אָנגיסנדיק די ביטערע פליסיקייט אין די גלעזער, וואָס איך האָב דערלאַנגט. דאַן האָט ער זיך איבערגעבויגן צו מיין אויער און מיר אינטים און ליבלעך אַריינגעשושקעט אַ גרויסן סוד: „ווייסט, דוניאַ, דאָס דייטשע מיליטער שטייט שוין געבן בריסק ביים סאַמע טייך בוג און פון דער צווייטער זייט — די רוסן. אינגיכן וועלן זיי שוין זיין דאָ. פאַרשטאַנען?...״

איך האָב גאָרנישט פאַרשטאַנען. נישט געוואָלט פאַרשטיין. בלויז דאָס האַרץ האָט עפּעס פאַרגעפילט. אונטערגעזאָגט נישט קיין גוטס. איך ווייס נישט פאַרוואָס. איך האָב זיך פון גאָרנישט געפריידט. און הגם איך האָב זיך באַמיט צו פאַרבאָרגן מיין טרויער פון אַלעמען, בפרט פון סטריאַזשען, האָט ער עס מער פון אַלע באַמערקט מיט זיין באַזונדערן „ביוך״ פון אַ וואַלד־חיה.

אין אַלגעמיין האָט סטריאַזשאַ, אָט דער מיטליאָריקער, געזונט־געבויטער פויער געהאַט אַ כך אָפּשיי פאַר מיר. איך בין אים געפעלן. ער האָט עס געזאָגט אָפן, אָבער אַז ער האָט זיך אָנגעשיכורט, האָט ער גענומען פלירטעווען און זיך ליובקען מיט מיר אויף זיין פשוטן שטייגער. ער האָט מיך געצופּט פאַרן בוזעם און מיט כוח געדריקט צו זיך, אָנרעדנדיק מיר אַ פולן קאָפּ מיט קאָמפּלימענטן. באַזונדערס האָט ער עס געטון, ווען פּאַוועל איז נישט געווען אין שטוב. „איך וואָלט באַצאָלט אַ האַלבן מאַיאָנטעק — האָט ער

גערעדט שלינגענדיק מיך מיט זיינע פאַרגאָסענע אויגן פון סאַמאָגאָן — ווען איך וואָלט זיך געקענט דורכשלאָפן מיט דיר, ערן וואָרט! עך, דאַרפסטו זיין אַ גוטע צום שלאָפן!".

אַז איך האָב אים איינמאָל אָנגעשפּיגן אין די אויגן און געזאָגט שאַרף, אַז אויב ער וועט מיך נישט לאָזן צו רו וועט פאַזועל זיך צערעכענען מיט אים, האָט ער זיך באַרואיקט, אָבער דאָסמאָל, ווען ער האָט געהערט וואָס עס קומט פאָר אויף דער וועלט, איז ער ווידער געוואָרן דרייסט און ווי אַ הפקר־יונג גענומען זיך טשעפּען צו מיר.

— אייגנטלעך, — האָט ער גערעדט מיט אַ ביטערן שמייכל — איז אַלץ אַלצאיינס. יעי באָהו. דער עיקר איז אַ לעב טון און אויסטרינקען אַ ביסל „סאַמאָגאָן". סײַווי דאַרף מען אַמאָל שטאַרבן. נישטאָ וואָס אָנצווירן. נאַרישקייטן אַלץ. פּוסטיאַקי!

און אַז סעריאָזשאַ האָט געטרינקען די „סאַמאָגאָן", איז געווען וואָס צו זען. ער איז געווען אַ קינסטלער צו טרינקען און נישט שיכור ווערן. יעדעס מאָל, ווען ער האָט געדאַרפט איבערקערן דאָס גלעזל אין זיין ברייטן מויל אַריין, האָט ער מיט איין האַנט זיך צוגעהאַלטן הינטן פאַרן פּאַטילניק און מיט דער צווייטער האַנט געגעבן אַזאַ שאָס דאָס גלעזל אין האַלדז אַריין, אַזש דאָס היטל האָט זיך אים אַרונטערגערוקט, אָדער אַראָפּגעפאַלן. זיין רויטער קאַרק איז דערביי נאָך רויטער געוואָרן און די געלבלעכע טשופּריגע נאָך געלער. בלויז די פלעקיקע זומער־שפּרינקלען אויף זיין ברייט פּנים זענען פאַרלוירן געוואָרן אין דער אַלגעמיינער רויטקייט און צעפלאַמטקייט פון זיינע באַקן.

— פאַרקרימסט זיך אַפילו נישט... — האָב איך געלאַכט פון אים — וויפל למשל וואָלסטו געקענט אויסטרינקען און נישט שיכור ווערן, סיער־יאָזשאַ, האַ? — האָב איך אים אַמאָל געפרעגט אין אַ וויציקן טאָן און ער איז געווען שטאַרק צופרידן פון מיין פראַגע:

— טרינקען דאַרף מען קענען — האָט ער געזאָגט — טאָמער קרומט זיך אייבער אויףביים טרינקען איז ער קיין טרינקער נישט. וואָס שטאַרקער דאָס בראָנפן איז — אַלץ ווייניקער קרומט זיך אויף דאָס מויל. בלויז אין האַלדז טוט אַ ביסל אַ סמאַליע און שוין. אַז איך טרעף אָן אויף אַ שוואַכן טרינקער מאַך איך דעם אָנשטעל, אַז איך קרום זיך אויף, כדי יענעם אָנשיכורן, אָבער אין דער אמתן קען איך אַריינגיסן אַ גאַנץ פעסל אין זיך.

— ווו־זשע טוט זיך עס אַהין, סעריאָזשאַ? — האָב איך געלאַכט.

— דער מאָגן ברייטערט זיך אויס. פאַרשטייסט, דוניאַ? איך, אַז איך

טרינק נישט, וועט מיר פאַרדאַרט דער מאָגן, ערן וואָרט... נאָ, נעם פּרוביר און טרינק אויס מיט מיר, וועסטו זען, ווי גוט עס איז.

אין די דאָזיקע טעג האָב איך ווירקלעך נישט אויסגעמיטן צו טרינקען. איך האָב געוואָלט זיין שיכור. באַזונדערס ווען אַלע האָבן זיך פאַרזאַמלט צו מיר און גענומען רעדן וועגן יידן, וואָס „לויפן ווי די צעשראָקענע מייז" און האָבן נישט ווו זיך אַהינצוטון.

אָפּטמאָל האָב איך געמאַכט דעם אָנשטעל, אַז איך קען טרינקען אַפילו בעסער פון פאַוועלן, אָפּגערעדט שוין פון סטעפּען. בלויז אַלעקסיי איז געווען דער צווייטער טרינקער נאָך סערויאָזשען און מיך אַריבערגעשטיגן אין אויסגעהאַלטעוודיקייט.

מיין שווער, אַלעקסיי, איז געווען אַ טשעקאַוועער טרינקער. אַז ער האָט געטרינקען, האָט ער איידער ער האָט איבערגעקערט דאָס גלעזל אין האַלדז אַריין, פריער אַ שמייכל געטון. געקוקט אין גלעזל אַריין, גלייך ווי עמיץ וואָלט אים דאָרט אַריינגעטון אַ פּאָרציע סם. אַז איך האָב אים אַמאָל אַזוי אין אַ געלעכטער געפרעגט וועגן דעם, האָט ער מיר געענטפערט מיט אַ שמייכל:

— פאַרשטייסט, דאָטשקאָ, אַן אמתער טרינקער באַטראַכט פריער, וואָס ער טרינקט.

— צו וואָס?

— פאַראַן אַזעלכע ליצים, וואָס האָבן אונטער די נעגל סם, וואָס באַשטייט פון שטויב פון אויסגעטריקנטע שלאַנגען. אַז זיי ווילן דו זאָלסט קראַנק ווערן נאָכן טרינקען, טראָפּען זיי דיר אַריין אין גלעזל אַ שטויבעלע פון דעם דאָזיקן סם און דו ביסט פאַרטיק שוין ביים ערשטן גלעזל...

ער האָט נאָך ברייטער אַ שמייכל געטון און פון צווישן זיינע וואָנסעס האָבן אַ שימעריר געטון זיינע גרויסע פאַרניקאָטינירטע ציינער. אַלע האָבן מיטגעלאַכט, אָבער מאַריאַ האָט זיך צעבייזערט, אַז עס איז נישטאָ וואָס צו לאַכן, וואָרום דאָס וואָס איר אַלעקסיי דערציילט איז דער ריינער אמת. פאַראַן אַזעלכע שלעכטע מענטשן, וואָס בעתן טרינקען טוען זיי דיר אָפּ די ערגסטע זאַך. נישט איינער איז שוין נאָכן טרינקען אַוועק פון דער וועלט צוליב דעם...

דאָך האָט אַלעקסיי געקענט טרינקען אַ סך. ביים צווייטן גלעזל איז ער שוין געווען, אַזוי צו זאָגן, דרייסטער. ער האָט אָבער דערביי נישט אַראָפּגעלאָזן פון זיינע וואָנסעס דעם אָנשטעל, וואָס איז אים נאָך פאַרבליבן פון די צייטן, ווען ער איז געווען סאָלטוס. יעדע ווילע, אָדער נאָך יעדן גלעזל,

האָט ער זיי אַ וויש געטון און דאָס שמייכל אין זיינע אויגן האָט זיך נישט געענדערט. בלויז די פאַרגעלבטע ראַנדן פון די וואָנסעס, ווו די לולקע איז געווען כסדר ארייַנגעשטעקט, איז עטוואָס פייכטער געוואָרן.

מאָדנע לעכערלעך האָט געטרינקען מיין שוויגער, מאַריאַ. עס האָט דערמאָנט אַ הון וואָס טרינקט וואַסער. מיט איבעררייסן און אַ פאַרוואָרפענעם קאָפּ אַרונטער. ביי יעדער זופּ האָט זי זיך אַ קרום געטון און אַ וויש געטון די ליפּן, גלייך זי וואָלט איינגענומען אַ ביטערן רעצעפּט. דאָס האָט אָבער נישט געשאַדט, אַז אַזוי פּאַוואָלענקע זאָל זי אויסרעצעפּטעווען אַ פּאָר גלעז־לעך, וואָס האָבן אַרויסגערופן טרערן אין אירע אויגן. זי האָט דאַן געלאָזט פאַלן אַן אַ שיער טרערן בעת איר פּנים האָט אין דער אמתן געלאַכט, אין קעגנזאַץ צו אַלעקסייען, אָדער סעריאָזשען, וואָס האָבן שטאַרק ליב געהאַט צו קושן זיך בעת זיי זענען געוואָרן שטאַרק שיכור.

עס איז נאָך כּדאַי צו דערמאָנען קאַראָלן, וועלכער איז געווען דער איינציקער מיושבדיקער טרינקער פון אַלע איבעריקע. אַז ער האָט גע־טרינקען, האָט ער זיך אָנגעקליידט אין אַ שאָטע פון ספּעציעלע פּריצישע מאַניערן, גלייך ער אַליין וואָלט געווען אַ „הראַביאַ" (גראַף). ער איז לאַנג געזעסן איבערן גלעזל און געשוויגן. ערשט שפּעטער, נאָכדעם, ווי ער האָט, אונטערן דרוק פון די איבעריקע, אויסגעטרינקען אַ פּאָר גלעזלעך, האָט ער זיך ערשט רעכט צערעדט. און אַז ער האָט גערעדט, האָט דער שווער אַלעקסיי געהאַט די גרעסטע הנאה.

— מיין איידעם רעדט קולטורעל, אַזוי צו זאָגן, און ווייס באמת אַ סך פּאָליטיק. — האָט ער אים געלויבט אין די אויגן, וואָס האָט שטאַרק גע־שמייכלט קאַראָלן.

דאָס טרינקען און שיכרות אין מיין גאַיוווקע איז ממש געוואָרן אַ טאָג־טעגלעכע זאַך, נאָכדעם ווי סעריאָזשעס „נבואה" איז מקויים געוואָרן און דעם זיבן און צוואַנציקסטן סעפּטעמבער איז אַריין די רויטע אַרמיי אין אונדזער געגענט. דאָ אָבער איז געשען אַ משפּחה־אומגליק. קאַראָל, איז דערהרגעט געוואָרן דורך אַ פייער, וואָס האָט אויף אים געטראָגן האָס, הלמאַי ער, קאַראָל, האָט אים אַמאָל נישט געלאָזט אָראָפּשניידן אַ בוים אין וואַלד. דער טרויער אין דער משפּחה איז געווען גרויס. סטעפאַ און מאַריאַ האָבן נישט אויפגעהערט וויינען. אויך איך האָב מורא געהאַט, אַז מיט פּאַוועלן זאָל נישט געשען דאָס זעלבע. פּאַוועל האָט אונדז באַרואיקט:

— איך האָב קיינעם קיין שלעכטס נישט געטון. פאַרקוקט אַ סך. פאַרזען.

די פויערים ווייסן עס. קיין פריצישער משרת בין איך קיינמאָל נישט געווען. איך בין נישט קיין פּאָליאַק. מען האָט מיך אָנגעשטעלט היטן דעם וואַלד, נו האָב איך געהיט. יעדער אַנדערער אויף מיין אָרט וואָלט געטון דאָס זעלבע. פאַרקערט: איך האָב נאָך פיל טובות געטון אונדזערע פויערים...

מיטן אַריינקומען פון דער רויטער אַרמיי, האָט אין די שטעט און דער־פער זיך פיל געביטן. די אָרטיקע קאָמוניסטן האָבן דאָמינירט. די רייכע פויערים און יידן האָבן דאָקעגן געלעבט אין שרעק. מען וועט מאַכן קאָל־כאָזן. מען וועט פאַרשיקן די רייכע, די גבירים.

אָנשטאָט אַ סאָלטוס אין די דערפער און זייַנע געהילפן, די אַזוי גערופענע „דעסיאַטניקעס", איז איינגעשטעלט געוואָרן אַ ראָט. עס זענען פאָרגעקומען אָפטע פאַרזויילונגען, ווו די רויטע אַרמייער האָבן געטאַנצט מיט יעדן אייגעם אָן אויסנאָם, סיי יידיש מיידל און סיי שיקסעס...

דאָס רוב קרעמערלעך, וואָס האָבן פריער געצויגן זייער בידנע חיונה פון די סטראַגאַנעס און קרעמלעך, זענען געוואָרן אָנגעשטעלטע (איבערהויפּט בוכהאַלטאָרן) אין קאָאָפּעראַטיוון. זייער מורא, אַז זיי וועלן אַלס קרעמער אַרויסגעפירט ווערן אויף סיביר, איז אָפּגעפאַלן. אויך די פויערים, וואָס האָבן מורא געהאַט פאַר קאָלכאָזן, האָבן ביסלעכווייז זיך צוגעוווינט צום געדאַנק, אַז „עס איז נישט אַזוי געפערלעך, ווי מען האָט געמיינט".

מיט דער צייט אָבער זענען די רייכע יידן, די גבירים און אויך די פויערים, וואָס האָבן באַזעסן פיל פעלדער, ווי אויך פאַרכאַפּטע פריצים, אַרויסגעשיקט און פאַרשיקט געוואָרן אַלס „אומגעוווּנטשענער עלעמענט" טיף אין די סיבירער רוסישע רעפּובליקן. עס איז אָנגעגאַנגען אַ שטילע „רייניקונג". פון די ווענט האָט אַראָפּגעשריגן סטאַלינס בילד. אַ נייע וועלט־אָרדענונג וועט זיין. די מענטשהייט וועט באַפרייט ווערן פון אונטערדריקונג און אַלץ אַ דאַנק דעם גרויסן פירער, דעם פאָטער סטאַלין...

אַ סך יידן־פּליטים, וואָס האָבן זיך נישט געהאַט וווהין אַהינצוטון, האָבן זיך רעגיסטרירט קיין רוסלאַנד אויף אַרבעט און אַנדערע ווידער, וואָס האָבן נישט אויפגעהערט בענקען צו זייערע היימען, וועלכע האָבן זיך געפונען איצט אונטער דער דייטשער אָקופּאַציע, האָבן זיך פאַרשריבן פאָרן צוריק און שפּעטער געטיילט זייער גורל צוזאַמען מיט אַלע דאָרט־פאַרבליבענע יידן.

בלויז ביי מיר אין דער גאַיוווקע איז געווען רואיק און שטיל, ווי פריער. אָפּטמאָל האָבן אַהער פאַרבלאָנדזשעט אַ פּאָר פּאָליטרוקעס. געקומען, פריינט־

לעך, זיך פונאַנדערגעפרעגט „וואָס? ווען?" געגעסן, געפּראַוועט אַ פלירט און זענען אַוועק. זייער פריינדלעכקייט האָט איבערגעלאָזט אַ גוטן רושם נישט נאָר אויף מיר, נאָר אויך, אויף פּאַוועלן, אַלעקסייען און אַלע אַן אויסנאַם.

זעסט, — האָט פּאַוועל נישט איינמאָל געזאָגט צו מיר — אַז מען עסט נישט קיין קנאָבל — פּילט זיך נישט פון מויל... איך מיין, אַז אויך דער טאַטע מיינער האָט נישט וואָס מורא האָבן, וואָס ער איז געווען אַ סאָלטוס. ערשטנס איז עס שוין געווען זייער לאַנג, צווייטנס איז עס געווען אין אַן אַנדער דאָרף, ווייט פונדאַנען און קיינער ווייס נישט וועגן דעם, דריטנס — איז ער דאָך נישט קיין „קולאַק" (רייכער פּויער). ער איז אַ פּויער ווי אַלע פּויערים. קיין מאַיאָנטקעס האָט ער נישט און קיין צענדליקער דעסיאַטין פעלד אויך נישט.

אַזוי האָט פּאַוועל גערעדט, אָבער טיף אין האַרצן האָט ער זיך געשראָקן, אַז איין נאַכט זאָל מען אים דאָך נישט אַוועקנעמען, טאַקע צוליב דעם, וואָס ער איז אַ גאַיאָווי. ער האָט זיך פיל געטרייסט, וואָס איך, זיין פרוי, איז אַ געוועזענע יידישקע, דאָס באַווייזט דאָך, אַז קיין „נאַציאָנאַליסט" איז ער אויך נישט, צו קיין שום פּאַרטייען האָט ער קיינמאָל נישט געהערט און געהערט נישט און האָט דעריבער נישט וואָס מורא האָבן. ער איז גוט געווען צו מיר, ווי קיינמאָל נישט און אַפילו געהאַלטן, אַז איצט איז די ריכטיקע צייט, אַז מיר זאָלן זיך טאַקע איבערבעטן מיט מיינע עלטערן, וואָס האָבן געוויס פיל אָנזען ביי די קאָמוניסטן, ווייל מיין פאָטער איז אַן אָרעמער שמיד.

ער האָט אָבער געביטן זיין מיינונג, נאָכדעם ווי דעם צוויי און צוואַנציקסטן יוני, מיט אַנדערהאַלבן יאָר שפּעטער, איז באַקאַנט געוואָרן, אַז די רויטע אַרמיי טרעט פּלוצים אָפּ צוריק. איצט האָבן אַלע גערעדט וועגן אַ ניי־אויסגעבראָכענער מלחמה. די דייטשן האָבן דערקלערט קריג דעם ראַטנפאַרבאַנד. עס איז אַנטשטאַנען אַ גרויסע פּאַניק, וואָס האָט נישט אויסגעמיטן אויך מיין רואיקע גאַיוווקע, ווו פּאַוועל איז אויף ווייטער געבליבן גאַיאָווי און איצט אָפּגעהיט נישט די פּריצישע, נאָר די „נאַראָדנע" וועלדער. אויב זיי האָבן פריער געהערט דער מלוכה, אָדער באַזונדערע פּריצים, האָבן זיי פאַר דער צייט פון דער קורצער הערשאַפט פון דער סאָוויעטישער מאַכט זיך גערעכנט אַלס פאָלקס־אייגנטום און קיין הפקרות אין די וועלדער איז במילא נישט דערלאָזט געוואָרן. דאָס האָט אונדז ווידער באַרויקט און די

דאַזיקע רו איז ווידער געשטערט געוואָרן מיט דער ניי־אויסגעבראָכענער מלחמה.

די ידיעות, וואָס זענען דערגאַנגען צו מיר אין דער גאַיווקע, זענען געווען שרעקלעכע. מען האָט גערעדט וועגן אַ גרויזאַמען קריג. צווישן דער יידישער באַפעלקערונג הערשט אַ געוואַלדיקע פּאַניק אין די שטעט און דערפער. אַ ליאַדער טאָג דאַרפן אַריינקומען די דייטשן, וועלכע גרייפן שטאַרק אָן די רויטע אַרמיי, וואָס האַלט זיך אין איין צוריקציען, ווייל די דייטשן זענען זיי באַפאַלן אומגעריכט.

סעריאָזשאַ האָט געבראַכט כמעט יעדן טאָג אַ נייע ידיעה. די יידן גיבן אָפּ זייערע פאַרמעגנס באַהאַלטן צו די פּויערים און אַנטלויפן אַליין צוזאַמען מיט דער רויטער אַרמיי. עס איז אָבער אוממעגלעך, אַז אַלע יידן זאָלן אַנט־לויפן, ווייל עס פעלן וואַגאָנעס. דאָס האָט טאַקע באַשטעטיקט פעליציאַ און יאַדוויגאַ, וועלכע זענען איצט געווען פאַרהייראַטע פרויען און געוווינט אין אַ ווייטער געגנט. זיי זענען געקומען כאַפּן אַ קוק וואָס מיר מאַכן און דער עיקר זיך טיילן מיטן טרויער נאָכן טויט פון קאַראָלן.

מיין האַרץ איז ווידער געוואָרן אומרואיק. ווען וועט מען שוין אויפהערן צו רעדן וועגן מלחמה און וועגן יידן? ביי יעדן בייטן זיך פון רעזשים ברענגט מיר ידיעות וועגן די ליידן פון די יידן. איך וואָלט געווען גליקלעך, אַז מען זאָל עס מיר נישט דערמאָנען. איך וויל פאַרגעסן ווער איך בין. איך וויל פאַרגעסן ווער זענען מיינע עלטערן. ווער איז אַלעקסיי, מאַריאַ, פּאַ־וועל, סטעפאַ, סעריאָזשאַ, אָדער אדארקא. זאָל מען רעדן וועגן מענטשן. סתם מענטשן און שוין, אָבער מען דערמאָנט עס מיר, ווי אויף צו להכעיס. באַ־זונדערס איצט, ווען מען ריכט זיך אַז אַ ליאַדע טאָג קומען שוין אַריין די דייטשן. איצט אויף זיכער.

די אָפּטע אויפרייסן און הודזשעריי פון די עראָפּלאַנען נעמען אַוועק אונדזער רו. די שטאָט ווערט באַמבירט אומברחמנותדיק. די וועלדער ווימלען פון פאַרשידענע עלעמענטן. פּאַוועל האָט אינגאַנצן אויפגעהערט גיין אין וואַלד, און זיצט מער אין שטוב. בלויז מיקאָלאַי הערט נישט אויף אַרומצו־שמייען, ווי אויף אַ פרעמדער חתונה. ער לויפט אין דאָרף, אָדער אויף די כוטאָרעס און ברענגט אַלעמאָל אָן אַנדער „בשורה״: די דייטשן זענען שוין נאָענט! עס וועט זיין פריילעך!...

— האָך, ווי פריילעך!... — זאָג איך סאַרקאַסטיש און וואָרן אים ער זאָל ווייניקער אַרומלויפן. עס העלפט נישט מיין וואָרענען. ער ווערט זעלב־

שטענדיקער מיט יעדן טאָג, שעה, מינוט. גאַנצע טעג און נעכט ווערט ער פאַרפאַלן מיט זיינע חברים. ווער ווייס וווהין. נישטאָ קיין עצה צו אים.

— לאָז אים! — זאָגט פאַוועל נאַכלעסיק — ער איז שוין גענוג דער־וואַקסן!...

לאָז איך אים, אָבער ווי נאָר ער גייט אַוועק פון שטוב וואַקסט אָן מיין אומרו. עס זאָל מיט אים חלילה עפּעס נישט געשען. אַ האַרץ פון אַ מאַמע. עס נאָגט און זאָרגט.

## צוגערויבטע הייליקייטן

איין פאַרנאַכט אין די דאָזיקע הפקרדיקע טעג, איז אין שטוב אַריינ־געפאַלן מיקאָלאַי שלעפנדיק מיט זיך אויף די פּלייצעס אַ שווערן זאַק. ער איז געווען אינגאַנצן צעיאַכמערט. די טשופּרינע פאַרשוויצט, נאַכלעסיק אַנגעהאָנגען איבער די אויגן. צעהאפערט. ער האָט שנעל אַראָפּגעלאָזן דעם זאַק פון די פּלייצעס, אַ שאַר געטון זיך איבער דער פייכטער טשופּרינע און אַרויסגעפּראַלט מיט פרייד:

— איך זאָג דיר, מאַמאַ, עס איז אַן אמתער יאַריד! מען שלעפּט פון אַלע זייטן! די דייטשן זענען נאָך נישט אַריינגעקומען און ווער עס האָט גאָט אין האַרצן קומט און נעמט וואָס דאָס האַרץ גלוסט...

— ס׳הייסט? — האָב איך געפרעגט מיט אַ קלאַפּנדיק האַרץ, פאַר־שטייענדיק וואָס ער מיינט.

— נו, וואָס פאַרשטייסטו נישט, מאַמאַ? עך, מען קאַלאָטעט די זשידעס אויף וואָס די וועלט שטייט. פּויערים קומען אין שטאָט מיט וועגענער. עס איז לעבעדיק, יעי באָהו!...

— יעי באָהו?...

— יעי באָהו! — פאַרשטייט ער נישט מיין סאַרקאַזם — נאַ זע, אָט האָב איך אויך עפּעס געבראַכט. מיכאַל און סטאַך זענען שותפים...

— איז וואָס אַזעלכעס האָסטו דאָרט געבראַכט מיט זיך, מיין טייער זונדל? — האָב איך געפרעגט מיט איינגעהאַלטענעם ווייטיק און איראָנישן צער. מיקאָלאַי האָט מיין רעדן אָנגענומען פאַר ערנסט, פון וואָס ער איז געווען שטאַרק צופרידן. מיט פיל האָפערדיקייט האָט ער גענומען דערציילן אַ שאַר טוענדיק דערביי יעדע ווילע זיין צעשוויצטע טשופּרינע איבערן

שטערן און אונטערהויבנדיק די הויזן מעשה גבר. זיינע אויגן האָבן גע־גלאַנצט. ביין, געשטראַלט מיט גרענעצלאָזן גליק.

— נאַ, זע, — האָט ער איבערגעחזרט מוטיק פונאַנדערנעמענדיק דעם זאַק — פאַרשידענע זאַכן. פאַראַן דאָ גוטע זאַכן, זאָג איך דיר.

— גוט, מיר וועלן עס שפּעטער באַטראַכטן. דערציייל ווו און ווי אַזוי דו האָסט עס אַוועקגענומען.

— עך מאַמאַ! — האָט מיקאָלאַי אַ מאַך געטון מיט דער האַנט, ווי ער וואָלט מיר פאַרגעוואָרפן, הלמאי איך פאַרשטיי זיך נישט אויף אַזעלכע זאַכן. ער האָט דערביי גערעדט שנעל, שלינגענדיק יעדעס וואָרט פאַר באַגייסטע־רונג און איבערראַשטקייט — פאַרשטייסט... מיר האָבן געזען, אַז אַלע נעמען האָבן מיר, איך, מיכאַל און סטאַך אויך באַשלאָסן עפּעס גענומען דערפון... פאַר־שטייסט... עס איז אַפילו קיין סך דאָרט נישט געווען וואָס צו נעמען... אַקוראַט געטראָפן אויף אַן אָרעמען זשיד... אַז דער זשיד האָט אונדז דערזען, איז ער גלייך אַנטלאָפן, כע־כע. בלויז די אַלטע זשידוווקע איז פאַרבליבן אין שטוב. האָסט געדאַרפט זען, ווי זי האָט זיך עס געבעטן ביי אונדז: „זונעלעך, האָט רחמנות, לאָזט עפּעס איבער!“, אָבער איך האָב זי געגעבן אַזאַ שטויס, אַז זי איז געפאַלן אויף דער ערד און קוים די ביינער צונויפגעקליבן, ערן וואָרט. כאַ־כאַ־כאַ! ווי זי האָט עס געוויינט! אַ שלאַק אַזאַ! הערסט? זי האָט זיך מיר אָנגעטשעפּעט אויפן האַלדז און נישט געלאָזט צוגיין צום שראַנק, אַ כאָליערע אַזאַ!...

אין בין געשטאַנען פאַרשטומט און זיך צוגעהערט צו דער „העלדישקייט“ פון מיין זון. און ער האָט ווייטער דערציילט, זייענדיק דערמוטיקט פון מיין שווייגן און זוכנדיק מיין הסכמה צו זיין בריהשאַפט:

— נו, דערווייל האָט סטאַך מיט מיכאַלן אַלץ גענומען, וואָס עס איז אונטערגעקומען אונטער דער האַנט. אַז די דייטשן וועלן אַריינקומען אָט־אָט וועלן זיי אַלץ במילא אַוועקנעמען און נאָך זיי דערשיסן.

— איר האָט זי געדאַרפט דערשיסן... — האָב איך געזאָגט מיט אַ בייסיקער איראָניע, אויף וועלכער מיין זונדל האָט זיך נישט געכאַפּט.

— מיינסט עס ערנסט, מאַמאַ, האַ? — האָט ער מיר אַריינגעקוקט אין די שטאַרע אויגן אַריין — טאַקע באמת געדאַרפט, אָבער מיר האָבן נישט געהאַט קיין געווער. זי וועט האָבן געענוג אַזוי אויך. אָט אַזוי האָב איך זי אַ שליידער געטון! אָט אַזוי!... — האָט ער געוויזן מיט די הענט ווי אַזוי ער האָט זי אַ שליידער געטון — אויף די זשידעס איז נישטאָ קיין רחמנות,

יעי באַהו, איאַ מאַמאַ, עס איז נישטאָ קיין רחמנות אויף אָט די נישט־געצלמטע?

און נישט פאַרלירנדיק מער קיין צייט, האָט ער שנעל גענומען אַרויסלייגן פון זאַק די אָנגערויבטע זאַכן, רעדנדיק דערביי אַלץ ווייטער מיט גרויס צעיאַכמערטקייט, ווי ער וואָלט נאָר וואָס זיך צוריקגעקערט פון אַ שלאַכט־פעלד, אָדער פון אַ גרויסער „וועסעליע״.

— עך, מאַמאַ, ווען דו זעסט, וואָס עס טוט זיך. די יידן אַנטלויפן, לאָזן איבער אויף הפקר די הייזער. כאַטש גיי אַריין און נעם פון דאָס בעסטע. אַנדערע פאַרשליסן זיך, האָט מען זיי אויפגעריסן די טירן. אייניקע, וואָס האָבן זיך קעגנגעשטעלט, האָט מען טאַקע דערהרגעט. איך האָב אַליין געזען דערהרגעטע יידן זיך וואַלגערן אויפן וועג.

אַז איך האָב דערזען צווישן די זאַכן, וואָס מיקאָלאַי האָט מיט פרייד אַרויסגענומען פון זאַק, אויך אַ פּאָר תפילין און לייכטער, בין איך אַנט־ציטערט געוואָרן. אַ הלשות־געפיל האָט אַרומגעכאַפּט מיין האַרץ. איך האָב קוים באַהערשט איינצוהאַלטן מיין גלייכגעוויכט.

— זעסט, מאַמאַ — האָט מיקאָלאַי געזאָגט — זעסט סאַראַ רימענעס? עס וועט זיין גוט צו די פּאָסטאָלעס. עכטע רימענעס. אַפילו צום כאָמעט פון פערד קען עס טויגן. נישט אַזוי, מאַמאַ?

אין דער רגע איז אַריינגעקומען יורעק פון גאַס. ער איז געווען אין וואַלד ווו ער האָט געפּאַשעט די קי. אַז ער האָט דערזען דעם זאַק מיט די זאַכן, האָט ער אַזש אויסגעשריגן פאַר איבעררעשונג.

— דאָס האָסטו דו, מיקאָלאַיקאַ, געבראַכט, האַ?

— איך! פאַרשטייט זיך, וואָס דען, דו וועסט ברענגען אַזעלכעס?

— אוי, אָט דאָס זענען דאָך „באַגאַמאַליעס״! — האָט ער אויסגערופן מיט שטוינונג, דערזעענדיק די תפילין אין מיקאָלאַיס הענט — איך האָב אַליין געזען, ווי יאַנקעלעס טאַטע האָט זיי געוויקלט אויף אַ האַנט און קאָפּ, ווען איך בין געווען ביי אים אין שטוב.

— דער יידישער גאָט, כי־כי־כי! — האָט מיקאָלאַי זיך צעלאַכט. און נאָך איידער יורעק האָט ווייטער עפּעס באַמערקט, האָט ער אַרויסגעכאַפּט זיין „קאָלאָדאַיטשיק״־מעסער, אויפגעשניטן דעם „של ראש״ און געזאָגט מיט ביטול:

— האַ! לאָמיר נאָר זען וואָס דאָרט געפינט זיך. אפשר האָבן די זשידעס דאָרט פאַרשטעקט זייער גאָלד. הע?

דערזעענדיק, אַז פון „של ראש״ איז אַרויסגעפאַלן אַ שטיקל פּאַרמעט מיט שאַרף־געשפּיצטע אותיות, האָט ער אויסגעשאָסן אין אַ ווילדן געלעכ־טער, באַטראַכט אַ ווײַלע דאָס שטיקל פּאַרמעט און אַוועקשליידערנדיק עס אין אַ ווינקל, אויסגערופן נאָך מיט מער ביטול:

— כי־כי־כי! אָט האָט איר דעם יידישן גאָט! זעט ווי ער זעט אויס, כי־כי־כי! אַבי איך האָב געמיינט, ווער ווייסט וואָס דאָרט איז באַהאַלטן?

איך בין זיך מודה, אַז צום ערשטן מאָל אין מיין לעבן האָב איך אויך ערשט איצט געזען, וואָס עס געפינט זיך אין די דאָזיקע הייליקע „שאַכ־טעלעך״, וואָס דער טאַטע פלעגט אָנטון מיט אַזוי פיל הייליקייט, גאָטספורכט און יראת הכבוד, יעדן אינדערפרי. מיר איז וועגן דעם קיינמאָל נישט איינגעפאַלן צו פרעגן. עס איז אַ נאַטירלעכע זאַך. דאָס זענען הייליקייטן, וואָס אונטערליגן נישט קיין שום שאלות און ספקות. מיין קינדערישע נייגיר איז בלויז באַשטאַנען אין דעם, וואָס איך האָב געקוקט, ווי דער טאַטע וויקלט די רצועות אויף דער לינקער האַנט, ציילט זיי, מורמלט אַ ברכה, טוט אָן דעם „של ראש״ אויפן שטערן, קושט אים, זאָגט ווידער אַ תפילה און נאָכן דאַוונען, אַז ער נעמט אַראָפּ די תפילין און איך שטיי און קוק נאָך אַלץ, גיט ער מיר אָפּטמאָל אַ קוש טון זיי איידער ער לייגט זיי אַריין אין סאַמעטענעם זעקעלע. דאָס זעלבע אויך בעת ער טוט זיך אַ וויקל איין אין טלית, פאַרגייענדיק זיך אין שטילער תפילה. אַלץ דאָס האָט אין די שפּעטערדיקע יאָרן מער נישט אַרויסגערופן ביי מיר קיין שום אינטערעס. פאַנאַטיזם!...

איצט אָבער, ווען איך האָב דערזען אָט דעם דאָזיקן צעשניטענעם סימבאָל פון טאַטנס גלויבן, האָב איך באַקומען דאָס געפיל, ווי מיין האַרץ וואָלט אויפגעשניטן געוואָרן אָן רחמנות.

אַז איך האָב אַ בליק געטון אויף די יידישע לייכטער און די אַנדערע יידישטימלעכע זאַכן, וואָס מיקאַלאַי האָט געהאַלטן אין איין אַרויסציען פון זאַק, האָב איך עס מער נישט געקענט איבערטראָגן. די באַגונג, וואָס האָט אָנגעהאַלטן אַרום האַרצן האָט זיך געקנוילט אַלץ מער און איז שנעל פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אָן אייזערנעם צוואַנג, וואָס האָט פעסט איינגעביסן זיך אין מיין גאַנצן לייב. אָט באַלד וועט זיך מיין ברוסט אויפשפּאַלטן און דאָס האַרץ וועט זיך אויסגיסן, ווי אַ טריפנדיקע ווונד. וואָלט איך כאָטשבי געקענט אַרויסלאָזן אַ געשריי. אַ מעכטיק געשריי, אַז די ווענט זאָלן אומפאַלן, די בוימער זאָלן זיך איבערדרייען מיט די וואָרצלען...

אַזאַ געשריי אַרויסלאָזן, האָבן איך, ליידער, נישט געקענט. ניין! איך פאַרשטייט? — נישט געקענט! פאַרקערט: אין האַלדז איז געוואָרן ענג — דערשטיקט צו ווערן. איך האָב קוים אַרויסגעגאָרגלט:

— גע־נוג! גענוג!! — דאַן עטוואָס העכער — גענוג!!! גענוגגזגגג!!!

מיין אייגענעם קול האָב איך נישט דערקענט. איך בין קוים צו צום טיש. זיך אָנגעכאַפּט ביים ראַנד און אַ פאַל געטון מיטן פּנים צום דעק. אין איין ברוכטייל פון אַ סעקונדע, האָט פאַרבייגעשווינדלט פאַר מיינע אויגן מיין גאַנצע קינדהייט. די אַלטע היים. די פסחדיקע סדרים. דאָס הערן יידן דאַוונען. איך גיי פאַרביי אַ שול אין שטאָט צי אין דאָרף. דאָס האַרץ קלעמט! קלעמט... קלעמט...

מיקאָלאַי און יורעק זענען געשטאַנען דערשראָקענע און נישט פאַר־שטאַנען וואָס מיט מיר איז פּלוצים געשען.

— מאַ־מאַ! מאַמאַ! — האָט יורעק געפרעגט — וואָס איז דיר? איז דיר נישט גוט געוואָרן?

אַז איך האָב אויפגעהויבן מיינע אויגן אויף מיקאָלאַיען, האָב איך געזען, ווי ער האָט געגעבן אַ צי אוגטער זיינע לייוונטענע הויזן, וואָס האָבן פאַר גרויס „האָרעוואַניע" זיך אַראָפּגעגליטשט פון טאַליע און מיך אָנגעקוקט מיט פאַרלעגנהייט.

— אויסוואורף!!! אויסוואורף!!! — האָב איך זיך צעשריגן מיט די לעצטע כוחות — וואָס וועט זיין פון דיר? דו וועסט קיין רוּיבער נישט זיין ביי מיר! ניין! ניין!!! ניין!!!

מיינע ווערטער האָבן אים איבערראַשט.

— אָבער... אָבער, מאַמאַ... דאָס... דאָס זענען דאָך יידישע זאַכן... איך... איך...

— טאָקע דערפאַר! אויסוואורף איינער! דערפאַר... דערפאַר... דערפאַר...

— דערפאַר, מאַמאַ?

— וואָס וואָלט געווען, ווען עמיץ טוט עס דיר אַזוי? — האָב איך ווייטער געדונערט — איך וועל דיך אויסמעקן אַלס מיינעם אַ זון! איך דאַרף נישט קיין זון — אַ רוּיבער! איך דאַרף נישט!!!

— אָבער... פאַרוואָס שרייען נישט אַנדערע מאַמעס, נאָר דו? — איז מיקאָלאַי דרייסטער געוואָרן — אדארקא מיט סעריאָזשען זענען געקומען אין שטאָט מיט אַ וואָגן און געשלעפּט פון אַלדאָס גוטס. אַנדערע מאַמעס שיקן נאָך אַליין זייערע קינדער. סטאַכס מאַמע זאָגט, אַז איצט איז מלחמה־צייט און מען קען זיך צו עפּעס דערשלאָגן...

— וואָס פעלט דיר, וואָס אויסוווּרף איינער? — האָב איך זיך אַ לאָז געטון צו אים — פעלט דיר עסן, אָדער אָנטון? איך וועל דיך ממיתן, דערהרגענען, אָבער קיין רויבער וועסטו נישט זיין! ניין! ניין! ניין!

אַז מיקאָלאַי האָט דערזען, אַז איך האָב געכאַפּט אַ שייט האָלץ און זיך געלאָזט צו אים שלאָגן, האָט ער אויפגעפּראַלט די טיר און איז אַרויס־געלאָפן אין הויף. איך בין אים נאָכגעלאָפן, ווי אַ צעיושעטע חיה. אינדרויסן איז ער געבליבן שטיין און זיך נישט גערירט פון אָרט:

— שלאָג! שלאָג! אויב דו ווילסט! תמיד פּאַרטיידיקסטו אָט די זשי־דעס! איך בין געווען זיכער, אַז דו ביסט שוין געוואָרן אַ ביסל קלוגער!...

איך האָב נישט געהערט זיינע ווערטער. אָבער, אַז איך האָב זיך פאַר־מאָסטן אים דערלאַנגען אַ קלאַפּ מיטן שייט האָלץ, האָט ער אָנגעכאַפּט דעם שייט האָלץ און מיך געגעבן אַזאַ שטויס, אַז איך בין געפאַלן אויף דער ערד און געבליבן ליגן מאַכטלאָז. בלויז אַ רגע האָט עס געדויערט. איך האָב זיך שנעל אויפגעריסן, אים דעריאָגט און גענומען אַראָפּלאָזן דעם שייט האָלץ איבער זיינע פּלייצעס. איך האָב געשלאָגן, ווו איך האָב געטראָפן, אָבער זיין עקשנותדיק פאַרהאַלטן זיך האָט נאָך מער מיך אויפגערייצט. ער האָט צום לעצט אַרויסגעריסן דעם שייט האָלץ פון מיין האַנט, מיך אַ שטויס־געטון און איך בין ווידער געפאַלן. ערשט דאַן איז ער אַנטלאָפן צווישן די ביימער.

— וואַרט, דו ראָזלעך איינער! — האָט אים יורעק געדראָט — אַז דער טאַטע וועט זיך צוריקקערן פון שטאָט וועסטו שוין אַרייַנכאַפּן פון אים. האָסט געשלאָגן די מאַמע.

מיקאָלאַי האָט זיינע ווערטער שוין לאַנג נישט געהערט. יורעק איז צוגעקומען צו מיר און מיר געוואָלט העלפן זיך אויפהויבן. אָבער איך האָב מיט די אייגענע כוחות זיך אויפגעריסן אויף די פיס און גענומען גיין אין שטוב אַריין.

— זאָלסט אים, דעם באַנדיט, אין שטוב נישט אַריינלאָזן. ער איז דאָך געוואָרן אַן אמתער באַנדיט. רויכערט און שיכורט מיט מיכאַלן און סטאַכן גאַנצע טעג און נעכט. איך האָב דיר מורא געהאַט פשוט דערציילן. דאָס איז שוין נישט דאָס ערשטע מאָל, וואָס ער טוט אַזעלכע זאַכן. — האָט יורעק אים פאַרמסרט פאַר מיר — אָבער איך בין אַן אַנדערער. אַיאָ, מאַמאַ, איך בין אַן אַנדערער?

—אַוואַדע ביסטו אַן אַנדערער, מיין זון. נעם אָט דעם זאַק מיט די זאַכן

און טראָג אים אַוועק אין וואַלד. צעלייג אַ פייער און פאַרברען אים. זע זאָג נישט דעם טאַטן וועגן דעם. האָסט געהערט יורעקל?

— גוט, מאַמאַ, אַז דו זאָגסט...

אין דער רגע איז אַריינגעקומען פּאַוועל מיט סעריאָזשען.ביידע זענען געווען שיכורלעך. ביי סעריאָזשען אין טאַש האָט געשטעקט אַ פלאַש בראָנפן, וואָס האָט זיך קוים געהאַלטן נישט אַרויסצופאַלן.

— וואָס איז עס פאַר א זאַק מיט זאַכן? — האָט פּאַוועל געפרעגט ערנסט.

איך האָב געשוויגן.

—יורעק, וואָס איז עס פאַר אַ זאַק מיט זאַכן?

— פרעג דער מאַמע. איך ווייס נישט...

— וועלכע זאַכן זענען עס? — האָט פּאַוועל איבערגעפרעגט מיט נאָך מער ערנסטקייט — האָבן עס מסתמא דיינע צעשראָקענע עלטערן געבראַכט צו דיר באַהאַלטן, האָ? נו, פאַרשטייט זיך... אַ גאַנץ לעבן האָבן זיי דיך נישט געוואָלט קענען און איצט זענען זיי בעסער געוואָרן... פאַרשטייט זיך!...

פּאַוועלס ווערטער זענען געווען אַ צולאָג צו מיין שמערץ און איך האָב אויסגעשריגן:

— דאָס האָט דיין טייערער זונדל אָנגערויבט. פאַרשטייסט שוין?

— ווער, מיקאָלאַי?

— ווער דען, איך?...

— אַ הולטאַי אַזאַ. נישט געטראָפן מיט וואָס זיך פאַרנעמען, נאָר מיט אַזעלכע זאַכן.

סעריאָזשאַ איז צו צום זאַק און גענומען באַטראַכטן די זאַכן. ער האָט עס פּאַוואָליע באַרירט און זיך אָפּגערופן מיט אַ כיטרען שמייכל:

— געמיינט עפּעס רעכטס, אַ טראַסציא אין זייער מאַמען אַריין (וועמעס מאַמע ער האָט געמיינט, איז נישט שווער געווען פעסטצושטעלן...), אַבי געשלעפּט! איך וואָלט פאַר דעם קיין דרייער נישט געגעבן. נו, קומט בעסער צום טיש און לאָמיר נעמען צו „קאַפּעלעך" האָ, דוניאַ? בראָס! לאָז אָפּ מיט די נאַרישקייטן, נעמסט זיך אַוואַדע איבער דערפון, וואָס? נישט כדאי, זאָג איך דיר, און שוין! אָט וואָס!

ער האָט אַ שטופּ געטון דעם זאַק מיטן פוס אונטערן באַנק און זיך ברייט פונאַנדערגעזעצט ביים טיש. מיט איין קלאַפּ האָט ער אַרויסגעשאָסן דעם קאָרעק פון פלאַש און גענומען אָנגיסן די ביטערע פליסיקייט אין די

גלעזער, וואָס ער האָט איצט אַליין אַראָפּגענומען פון דער פּאָליצע אין קיך.

— האָסט אַפילו קיין וועטשערע היינט נישט געקאָכט. — האָט פּאַוועל מיר פאַרגעוואָרפן. — נו, איך פאַרשטיי... דערלאַנג עפּעס קאַלטס צום פאַרבייסן.

— איך זאָג דיר, דונקאַ, —— האָט סעריאָזשאַ זיך געחנפט צו מיר — אַז היינט באַקומען אַזאַ פלאַש בראָנפן איז ממש אַ געווינס. אמתע „זשובּ־רוווקע". זעסט, נאָך מיט אַ גרין גרעזעלע אינעווייניק. שעלמעס אַזעלכע... ממש פון אונטער דער ערד האָב איך עס אַרויסבאַקומען... אַלץ באַהאַלטן זיי דאָך אויס... עה, דער דייטש וועט אָט־אָט אַריין. וועט עס במילא צו־נעמען — איז שוין טאָקע גלייכער, אַז מיר זאָלן דערפון געניסן נישט אַזוי, קומע? (פריינט)? — האָט ער זיך געווענדעט צו פּאַוועלן, וואָס איז געזעסן איצט אַ פאַרטראַכטער ביים טיש.

פּאַוועל האָט נישט געענטפערט. זיין קאָפּ איז געווען אַראָפּגעלאָזן. עס האָט געשיינט, אַז ער איז נישט צופרידן פון עפּעס. איך האָב מער גאָרנישט געפרעגט און נישט גערעדט, נאָר דערלאַנגט צום טיש פאַרבייסעכץ און געמאַכט דעם אָנשטעל, אַז זייער טרינקען גייט מיר בכלל נישט אָן. זאָלן זיי טרינקען אַפילו ביז פאַרטאָג.

— וואָס ביסטו אַזוי פאַראומערט, דוניאַ, האַ? — האָט סעריאָזשאַ זיך אָפּגערופן, זעענדיק, אַז איך גיי אַרום אַ שווייגעוודיקע איבער דער שטוב, — דערלאַנגסט בלויז צום טיש און רופסט זיך נישט אָפּ מיט קיין וואָרט.

איך האָב נישט געענטפערט. סעריאָזשאַ האָט מער גאָרנישט געפרעגט, נאָר פאַרגעזעצט צו טרינקען און צורעדן אויך פּאַוועלן צום טרינקען. פּאַוועל איז נישט אָפּגעשטאַנען און געטרינקען איין גלעזל נאָכן אַנדערן. אַז ער איז מוטיקער געוואָרן און מיט געוואַלד מיך געוואָלט צווינגען אויסצוטרינקען אַ גלעזל בראָנפן, האָב איך געכאַפּט דאָס גלעזל און עס געגעבן אַזאַ שליידער אויף דער פּאָדלאָגע, אַז עס האָט זיך צעבראָכן און דער בראָנפן איז צעשפּריצט געוואָרן אין אַלע זייטן.

— איך קען נישט טרינקען און שיכורן ווען אַזוי פיל טרערן ווערן פאַרגאָסן! — האָב איך אויסגעשריגן מיט האַס — איך קען נישט, פאַר־שטייסט? איך קען נישט!!!

מיין האַנדלונג האָט ביידע מענער איבערראַשט. זיי זענען געבליבן אַ ווײלע געפּלעפט. ווען איך האָב געוואָרפן אַ זייטיקן בליק אויף זיי, האָב איך באַמערקט, ווי סעריאָזשעס וואַסערדיקע אויגעלעך שמייכלען מיט אי־

ראַניע צו פּאַוועלן, מאַכן חוזק פון אים. פּאַוועל איז געזעסן פאַרטיפט אין שווייגן, ווי ער וואָלט זיך אין עפּעס איבערלייגט. איך האָב געהאַט דאָס געפיל, אַז אַלץ אין אים קאָכט און אַ ליאַדע מינוט וועט אַט דער ווולקאַן פון אים אויסברעכן. איך האָב עס געוואָלט אויסמיידן אין נאָמען פון יורעקן, וועלכער איז געשטאַנען אַ צעטומלטער און נישט געאַנט געגוג וואָס דאָ קומט פאָר. ער האָט פאַרשטאַנען, אַז דאָס בין איך אַזוי אויפגעברויזט הלמאי מיקאָלאַי האָט מיך אַ שליידער געטון. אַנדערש, פאַרוואָס בין איך אַזוי אויפגערעגט?...

די שטילקייט אין שטוב איז געווען אַן אָנגעצויגענע, אַ פיינלעכע. איך האָב געוואָלט אַנטלויפן. אַנטלויפן פון זיך זעלבסט. עס האָט מיר פאַרדראָסן און ווי געטון. אַ פאַרנעפּלטער ווייטיק און פאַרדרוס. גלייכער אַוועקגיין איצט פון שטוב אַ ביסל. וווהין?

דערפילנדיק, אַז די שפּאַנונג וואַקסט אָן, האָב איך האַסטיק געעפנט די טיר און אַרויס איך הויף. גלייך נאָך מיר איז אַרויס יורעק.

— מאַמאַ, מאַמאַ, — האָט ער נאָכגערופן — וווהין גייסטו?

— קום, יורעקל, מירן זיך אַ ביסל דורכשפּאַצירן אין וואַלד.

— קום, מאַמאַ, עס איז איצט גוט אינדרויסן.

מיר זענען ביידע אַרומגעגאַנגען איבערן וואַלד, זיך איינגעהערט אין דער רוישנדיקער וואַלד־שטילקייט און געשוויגן. אַזוי זענען מיר צוגעגאַנגען ביזן ראַנד פון וואַלד־אָפּשניט. פאַר אונדזערע אויגן האָט זיך אַנטפּלעקט אַ רויטער הימל.

— זעסט, מאַמאַ, עפּעס אַ דאָרף ברענט! אפשר אַ שריפה?

— יאָ, מיין זון, אַ שריפה! אַ גרויסע שריפה!...

ווען צו אונדזערע אויערן האָבן זיך פּלוצים דערטראָגן ווייטע אָפּהילכן פון שיסערייען, האָט יורעקל צוגעגעבן מיט אַ וואָרנדיקער שטים:

— מאַמאַ! לאָמיר זיך צוריקקערן! הערסט ווי מען שיסט? יעי באָהו, מען שיסט!

איך האָב אַ טראַכט געטון וועגן מיקאָלאַיען. וועמ ווייסט ווו ער איז איצט? עס זאָל, חלילה, גאָרנישט פּאַסירן מיט אים. אין אַזאַ צייט! ווער ווייסט אויף וואָס זיינע חברים קענען אים נאָך אַרויספירן. אייגנטלעך... וואָס איז ער שולדיק?... אַלע, זאָגט ער, נעמען, נו... האָט ער אויך גענר־מען!... ער דערציילט נישט אַלץ. ווער, וואָס, וועלכע נאַרישקייטן ער האָט נאָך אָפּגעטון צוזאַמען מיט זיינע חברים. אוי, אפשר... אפשר האָט ער פאַר־

גוואַלדיקט... גי־טע־לען?!... — איז מיר פּלוצים אַרויף אויפן מוח אַ שוי־דערלעכער געדאַנק — מיין שוועסטערל גיטעלע!... עס איז דאָך אַזאַ הפקרות! אַזאַ איבערקערעניש! און... און אפשר איז גאָר אָט די יידענע, וואָס מיקאַלאַי האָט אַ שליידער געטון, געווען נישט קיין אַנדערע, ווי... מיין אייגענע מאַמע?... אפשר זענען עס אָט די תפילין, גאָר דעם טאַטנס תפילין? דער מאַמעס שבתדיקע לייכטער?... אפשר געפינט זיך נאָך אין זאַק דער מאַמעס חלבנע טישטוך? די זעלבע טישטוך, וואָס פּאַוועל האָט אַמאָל אָפּגעראַטעוועט פון שריפה, בעת די ליכטלעך האָבן זיך צעטריפט! איז ווו איז נאָך דעם טאַטנס קאַפּאָטע? זיין זיידענער גאַרטל? דער מאַמעס שבתדיקער פּיניאַר, וואָס האָט איר אַזוי אַנדערש געמאַכט אין די שבתדיקע טעג? ווו? ווו?...

יעדער ברעקל געדאַנק האָט, ווי אַ שווערער שטיין זיך געלייגט אויף מיין געמיט. די בוימער פון וואַלד זענען אויסגעוואַקסן אין געשפּענסטער. אָט דוכט זיך, גייט עמיץ אין וואַלד... זיי, די געשפּענסטער, גייען עס! טראָגן אָנגערויבטע זעק מיט הייליקייטן אויף זייערע מגושמדיקע פּלייצעס און אין די הענט האַלטן זיי ריזיקע שאַרפע שפּיזן און מעסער. די מעסער זענען פאַרבלוטיקט... אָט באַלד וועלן זיי אַ פיר טון מיט אָט די מעסער איבערן האַלדז פון מיין קינד...

— קום יורעקל. קום אַהיים! גיכער!!! —

אַז מיר האָבן זיך צוריקגעקערט אין שטוב, האָבן מיר געטראָפן די טיר געשלאָסן. פּאַוועל און סעריאָזשאַ זענען שוין נישט געווען. אפשר איז פּאַוועל געגאַנגען מיך זוכן אין וואַלד? און נישט אַזוי מיך, ווי יורעקן?

איך האָב אויפגעמאַכט אַ פענצטער און יורעק איז אַריין אינעווייניק. דאַן האָט ער מיר געעפנט די טיר און אויך איך בין אַריין.

— גיי שלאָפן, יורעקל — האָב איך געזאָגט מיט אַן אויסגעלאָשענער שטים — דער טאַטע וועט זיכער באַלד אָנקומען. איך וועל וואַרטן אויף אים.

— גוט, מאַמאַ. אַ גוטע נאַכט.

נאָך יורעקס איינשלאָפן, האָט אין שטוב אַריינגעהערשט אַן אומהיימ־לעכע שטילקייט. פּאַוועל האָט זיך נישט צוריקגעקערט. אויך נישט מיקאַלאַי. איך האָב אָפּגערוימט פון טיש די אויסגעליידיקטע גלעזלעך און פלאַש און זיך געזעצט פאַרן טיש אין דערוואַרטונג. איז ער אויס כעס אַוועק צו זיינע עלטערן? מעגלעך, אַז איך האָב טאַקע נישט געדאַרפט אַזוי האַנדלען. ער האָט געוואָלט, אַז איך זאָל אויסטרינקען מיט זיי אַ „טשאַרקע" — האָב

איך אפשר טאַקע געדאַרפט נישט אָפזאָגן, אָבער... אָבער צי האָב איך עס געקענט טון דווקא דאָן, ווען אין שטוב ליגט, ווי אַ מת, דער זאַק מיט די אָנגערויבטע „הייליקייטן״?

אַז איך האָב געזוכט אַ פאַרטיידיקונג פאַר זיך, בין איך געקומען צו דער איבערצייגונג, אַז איך האָב אַנדערש נישט געקענט האַנדלען. אויסער דעם: די לעצטע צייט, האַלט ער אין איין שיכורן מיט סערזשאַנטן. גאַרנישט דער זעלבער פאַוועל.

אַז איך באַמערק אים עפּעס, אָדער זאָג אים, אַז מיר לעבן אַ „גוטן טאָג״ אין דער צייט, ווען מענטשן פאַלן ווי פליגן... די וועלט ברענט... — ווערט ער בייז, טוט העפטיק אַ שפּיי און פּראַלט אַרויס מיט כעס:

— איך שפּיי אויף דער וועלט! אַט וואָס!

— שפּייסט אויף דער וועלט?

— וואָס דען? די אייגענע רובאַכע איז נאָענטער צום לייב! פאַר־שטאַ־נען?...

ניין. נישט פאַרשטאַנען. איך פאַרשטיי נישט. איך וואָלט אַזוי געוואָלט זיך קענען צעטיילן מיט אים מיט מיינע מחשבות, אַראָפּרעדן זיך פון האַרצן און לאַנג דערציילן וואָס עס טוט מיר וויי. אַ נעכטיקער טאָג. ער וויל נישט הערן קיין „פּוסטע רייד״. ער וואַרפט מיר נאָך פאַר, אַז... דעם וואָלף צית צוריק אין וואַלד אַריין!... אַוודאי ציט אים! און נאָך ווי אַזוי!... וואָס קען מען העלפן?!...

אויך איצט האָב איך געוואָלט רעדן מיט אים. האָב איך איינגעדרייט דעם קנויט פון לאָמפּ און געוואַרט. אפשר וועט ער דאָך אָנקומען.

די שעהן האָבן זיך גערוקט לאַנגזאַם, ווי פּויזנדיקע שלאַנגען, פול מיט גיפט. איך בין געוואָרן אומגעדולדיק און באַשלאָסן זיך לייגן שלאָפן. איך האָב געמאַכט דאָס געלעגער, אויסגעטון זיך און אַ האַלב־נאַקעטע געבליבן נאָך אייניקע מינוט צו זיצן אויפן ראַנד פון בעט, פאַרטיפט אין מיינע מחשבות. אין דעם האָבן זיך דערהערט פעסטע טריט. די טיר האָט זיך מיטאַמאָל אויפגעמאַכט און ער איז אַריין אין שטוב. לויט זיין אַריינקומען, האָב איך גלייך פעסטגעשטעלט, אַז ער איז שיכור.

ער האָט אַ וואָרף געטון אויף מיר זיין פאַרגאָסענעם בליק און נאָך אַ ווײַלע פון שוויגן, האָט ער אַ פרעג געטון, כמעט מיט אַ בייזער שטים:

— ווו ביסטו געווען, האַ?

— אַ ביסל שפּאַצירט אין וואַלד מיט יורעקן...

— המ... אַבי איך האָב געמיינט...

— וואָס האָסטו געמיינט?

— גאָרנישט האָב איך געמיינט...

עטלעכע מינוט פון פּיינלעכן שטילשווייגן.

— פאַרוואָס רעדסטו גאָרנישט? האַ? — האָט ער בייז אַ בליק געטון אויף מיר. אין זיין בליק איז געלעגן מער איראָניע איידער ערנסט. אפשר פּראָוואָקאַציע.

— מען קען מיט דיר נישט רעדן... האָלסט אין איין שיכורן לעצטנס...

— וואָס דען, איך זאָל וויינען?... — האָט ער קינצלעך אַ שמייכל געטון איינגראָבנדיק זיינע אויגן אין מיין האַלב־נאַקעטקייט.

— איך וואָלט געוואָלט רעדן מיט דיר. רעדן ווי אַמאָל, פּאַוועל.

— גוט. רעד ווי אַמאָל, כע־כע־כע!...

— ניין... איך וויל דו זאָלסט מיך פאַרשטיין...

— נישטאָ וואָס צו פאַרשטיין. מען דאַרף לעבן, ווי עס לאָזט זיך. פון רעדן קומט גאָרנישט אַרויס. קום שלאָפן!...

ער האָט שנעל אַראָפּגעוואָרפן זיין אָנטון פון זיך און בלייבנדיק אין זיינע אונטערוועש, זיך געזעצט נעבן מיר אויפן ראַנד פון בעט. געוואַרט ביז איך וועל זיך פריער אַריינלייגן. איך האָב אָבער קיין חשק נישט געהאַט צום שלאָף. איך האָב געוואָלט רעדן מיט אים. אַפילו זיך קריגן, אַבי זיך אָנטשפּאַנען. איך האָב דעריבער זיך אויפגעהויבן פון בעט־ראַנד און זיך געזעצט קעגנאיבער אויף דעם בעט, גענומען אַלס „אויסרייד" זיך צורעכט מאַכן מיינע האָר.

אַ שווייגעוודיקער איז ער געזעסן אויפן ראַנד פון בעט און געוואַרט. איך האָב געקוקט אויף זיין צערויטלט פּנים און גלאַטער ברוסט, וואָס האָט זיך אַרויסגעזען פון זיין צעכראַסטעטן העמד. דאָס צלימל אויף זיין האַלדז האָט געגלאַנצט אין שוואַכן שיין פון לאָמפּ. די אָנטבלויזטע הענט און פיס — אַזעלכע יאָדערדיקע, פעסטע. ער איז דוכט זיך נאָך קאָרטשאַסטער, נאָך קערנדיקער געוואָרן. אויסער דעם ריח פון בראָנפן טראָגט זיך נאָך אַלץ פון אים די פרישקייט פון וואַלד. דוכט זיך דער גאַנצער וואַלד איז מיט אים, אין אים, גייט אים נאָך פוסטריט — אַפילו אין בעט...

אַלס פרוי האָב איך אין אים ליב אָט די דאָזיקע פעסטקייט. זינט יענעם גורלדיקן טאָג, ווען ער האָט מיך פאַרטיידיקט בעתן אָנפאַל פון די פּאַסטו־כער און ביז צום אַנטלויפן פון מיין יידישער היים, הער איך נישט אויף צו פילן אַ שוץ אין אָט דער געזונטקייט זיינער. אָפט גיט ער מיר די זיכערקייט, אַז אין זיין אָנוועזנהייט קען מיר נישט געשען קיין שום שלעכטס.

אָפּט, אָבער... נישט שטענדיק! עס האָט זיך פיל געביטן אין מײַנע געפילן לגבי אים. און נישט אומזיסט. עס טוט מיר וויי, וואָס ער מאַכט מיר סקאַנדאַלן פאַר יעדע קלײניקײט. לעצטנס אַזוי. גאַנצע טעג און נעכט פאַרברענגט ער בײַ סעריאָזשען און טרײַבט אַ פלירט מיט אַדארקען, וועלכע האַלט זיך נישט אָפּ צו דערנידעריקן מיך אין זײַנע אויגן, אויפן חשבון פון מײַן אָפּשטאַמונג. נו, טוט עס מיר זײער וויי. אַך, ווי עס טוט וויי!

מען קען אָבער נישט זאָגן, אַז איך האָב אים פײַנט. גיכער בין איך אויפגעבראַכט אויף אים און דערפאַר פאַרטראָג איך אויך נישט זײַנע פלור־צימדיקע תאווה־אויסברוכן, באַזונדערס דעמאָלט, ווען ער איז שיכור. צײַטנווײַז בין איך, ווי אַ קינד. אַן אמתדיק קינד. עס בענקט זיך מיר נאָך צערטלעכקײטן. נאָך אַ גוט וואָרט. דאָס גיט מיר פיל מער גענוס, ווי די סעקסועלע באַציאונגען מיט אים. דאַקעגן ער איז אַזוי ווײַט פון צערטלעכ־קײטן. ער זוכט בלויז זײַן אײגענעם גענוס. אַ באַפרידיקונג צו זײַנע מענערישע לײַדנשאַפטן. איך גופא מיט מײַנע געפילן, גײען אים נישט אָן. איך בין אַ חפץ צו שטילן זײַן באַגער. אַ קערפּער פון אַ פרוי...

נישט פון איצט אַזוי. פריִער אָבער בין איך געווען נאַאיוו. געמײנט, אַז אַזוי דאַרף עס זײַן. יעדער באַריר זײַנער צו מײַן לײַב האָט מיך פאַרברענט. הײַנט האָט דער צוויבער־באַריר זיך אויסגעלאָשן און איך האָב געזוכט אַ פאַרבײַטונג דערצו, הגם אין משך פון דער צײַט האָב איך זיך צוגעוווינט צו דעם דאָזיקן שטײַגער פון ליבע מיט אים. געגנוי אַזוי האָב איך זיך דאָך צוגעוווינט צום לעבנסשטײַגער פון וואַלד; צו די ווינטן און זאַוויערוכעס, וואָס ברעכן די בוימער; צו די שנײען, וואָס פאַרטראָגן שטעג און וועג און באַדעקן די צווײַגלעך מיט ווײַסקײט, ווי ריזיקע כאָינקעס אין וויגילײַנער נאַכט.

אָט אַזוי איז עס. איך בין פול מיט בענקשאַפטן. בין אומרואיק. פרעג זיך זעלבסט מיט פאַרדרוס: ווו איז פאַרשוווּנדן מײַן יענער מײדלשער ציטער? איך וויל אַזוי פילן דעם זעלבן ציטער, וואָס דאַן, ווען איך בין מיט אים געגאַנגען אין פעלד, געבראָדזשעט צווישן די הויכע קאָרנס, געזעסן אין די גראָזן אין ראָוו, געשטאַנען הינטערן בוים, געלעגן שפּעטער אין הײ צוזאַמען, געטוליעט אין זײַנע אָרעמס. ווו? ווו איז עס אַלץ אַהינ־געקומען?...

ער, פאַוועל, האָט קײן אַנונג נישט וועגן די דאָזיקע נאַרישע געפילן מײַנע. דערפאַר בין איך נאָך עגאָיסטישער און נישט נאָכגיביק. איך בויטיק זיך אין טרײַסט. איך וויל האָבן מיט אים אַ בשותפותדיקע שפּראַך. איך

וויל זיך צעטיילן מיט אים מיט מיין אומרו און בענקשאַפט. איך וויל! וואָס קומט מיר דערפאַר?...

זיצנדיק אויף דער באַנק און פונאַנדערקעמענדיק כלומרשט מיינע האָר האָב איך זיך געפונען אונטער דער השפעה פון אָט די דאָזיקע געפילן מיינע.

— קום אין בעט אַריין!!! — האָט ער מיך אויפגעוועקט פון מיין איבערגערייפטקייט — האָסט געהערט, אָדער נישט?

— און אַז נישט?...

— וועל איך... סט'געהערט?... — האָט ער איבערגעחזרט מיט דראָאונג.

זיין פּנים איז געוואָרן נאָך רויטער, ווי פריער. די אויגן פאַרלאָפן פאַר כעס. זיין שיכורדיקע נאַקעטקייט האָט מיך אָפּגעשטויסן. ווי מגושמדיק ער זעט איצט אויס!...

ער איז פּלוצים צוגעלאָפן צו מיר, אָנגעכאַפּט מיך מיט כוח ביי די הענט און אַריינגעשליידערט אין בעט. איך בין געקומען צו זיך ערשט ווען ער האָט אַלץ פון מיר אַראָפּגעריסן. דאָס העמד איז אינגאַנצן געווען צעריסן.

— אַ כאַליערע אין דיר אַ גוטע! — האָט ער ווילד געברומט — בינסט אינגאַנצן אַרויס פון די האַלאַבליעס, האַ!...

— וואָס ווילסטו פון מיר?... — האָב איך זיך געווערט מיט אַלע כוחות.

— אַ ווייב דאַרף פאָלגן אַ מאַן... סט'געהערט? האַ? אַז נישט... אַז נישט וועל איך דיר אָנברעכן די ביינער, אַז... אַז דו וועסט מיך געדענקען אַ לאַנגע צייט!...

— פרווו! איך האָב פאַר דיר נישט קיין מורא! איך... איך האָס דיך! איך...

— אַזוי?... העהע! אָט־וואָס!!!

— יאָ! אָט־וואָס! דו בינסט נישט דער זעלבער וואָס אַמאָל! דו בינסט געוואָרן אַ שיכור!...

— איך וועל ביי דיר נישט פרעגן! סט'מיר נישט זאָגן קיין דעות!!!

— וועסטו מיך נישט צווינגען דיך ליבן קעגן מיין ווילן!...

— נו, געבנוג מיט דיינע... יידישע שטיק!... סט'געהערט? דו... זונה איינע, אַ רוח אין...

דאָס איז שוין געווען צופיל. איך האָב מיט אַלע כוחות אים אַראָפּגעלאָזן אַזאַ קלינגענדיקן פּאַטש, אַז ער האָט מיט דער האַנט זיך אַזש אָנגעכאַפּט ביי די באַקן. דאַן האָב איך זיך ווילד אויפגעריסן פון בעט און אַרויסגעלאָפן אין דרויסן. ער איז מיר נאָכגעלאָפן. איך האָב נישט געפּרווט אַנטלויפן פון אים. ער האָט מיך אָנגעכאַפּט ביי די צעפלאָשעטע האָר און עס האָבן זיך

אַ שאָט געטון איבער מיך פעסטע קלעפּ. איך בין געפאַלן אויף דער ערד. דאַן האָט ער מיך אויפגעהויבן אויף זיינע אָרעמס און אַריינגעטראָגן אין שטוב. ער האָט מיך ווידער אַ שליידער געטון אויפן בעט און גענומען אַראָפּרייסן די לעצטע שטיקער העמד...

...יענע נאַכט וועל איך לאַנג געדענקען. איך בין באַרויבט געוואָרן פון מיינע לעצטע הייליקייטן!

# אין נאָמען פון גאָט און זיין זון...

— אָט, פאַרשאָלטענע אַזעלכע! גאָטלאָזע! אַפילו מיט סקאָטינעס, מיט כודאָבע, טוט מען דאָך נישט אַזעלכעס! הא! אַ גוטע טראַסציע אין זייער מאַמען אַריין!... — האָט אַלעקסיי נישט אויפגעהערט רעדן און שילטן, קומענדיק איין פאַרנאַכט אינגאַנצן אַן אויפגערעגטער און צעקאָכטער.

— וואָס איז געשען, באַטע? — האָב איך געפרעגט אַ צעצאָרנטע, זייענדיק אונטערן איינדרוק פון די לעצטע געשעענישן.

— נו... איך מיין טאַקע אָט די נימצעס, די פּאַהאַנע, אַ רוח אין זייערע טאַטנס אַריין! נעמען לעבעדיקע מענטשן און אַרומצוימען מיט שטעכל־דראָטן, הא? ווו איז אַזעלכעס געהערט געוואָרן, ווו? וואָלטן זיי עס געטון מיט די יינגע מענער — קען מען עס נאָך פאַרשטיין... עס לייגט זיך אויפן שכל, אַזוי צו זאָגן!... זיי קענען אָרגאַניזירן אַ ווידערשטאַנד, אָבער קליינע קינדער? אַלטע לייט? שוואַנגערדיקע פרויען? קראַנקע? — ער! זינט מלחמות האָבן זיך געמלחמהט, איז נאָך אַזעלכעס נישט געוועז, ווי גאָט איז מיר ליב!

אַלעקסיי האָט גערעדט מיט אָפענעם האַס, ווי קיינמאָל. ער האָט נערוועז אַרויסגענומען זיין דיקע ליולקע. דורכגעפּוצט מיט אַ דין דרעטעלע דעם ציבוק, אַרויסציענדיק פון דאָרט שטיקער ניקאָטין, אַ צאָמקע געטון צו זיך, אָנגעשטאָפּט די ליולקע מיט טיטיון פון געטריקנטע בלעטער, לאַנג־זאַם אויסגעקרעשעט פייער פון זיין אָגניוואָ און אַרונטערגעלייגט די ברענענ־דיקע „גובקע" אונטערן דעקעלע. דאַן האָט ער, ווי זיין שטייגער, זיך טיף פאַרצויגן מיטן געדיכטן רויך און אַ דריי טוענדיק זיינע פאַרגעלבטע וואָנסעס, פאַרגעזעצט מיט ישוב־הדעת:

— וואָס, למשל, האָב איך צו די יידן, וואָס, הא? אַלע יאָרן געהאַנדלט מיט זיי, געביטן, געטוישט. אמאָל בעסער, אַמאָל ערגער. פאַראַן פון זיי

פאַרשידענע, פונקט ווי צווישן אונדזן קריסטן זענען פאַראַן פאַרשידענע. גוטע און שלעכטע. נאַרישע און קלוגע. פלייסיקע און פויליאַקעס. נו, אַזוי האָט גאָט באַשאַפן די וועלט און פאַרטיק.

איך האָב געשוויגן. פאַרקוועטשט די ליפּן און געשוויגן. אין שטוב איז געווען בין השמשותדיק. דאָס איז געווען איינמיטן מערץ. אָנהויבס פרילינג פון טויזנט ניין הונדערט צוויי און פערציקסטן יאָר. דאָס יאָר און חודש האָט אויף שטענדיק זיך איינגעקריצט אין מיין זכרון און צוזאַמען מיט יענער גורלדיקער דאַטע אויך די ווערטער פון מיין שוועגער אַלעקסיי, וואָס האָבן מיך נישט נאָר איבעראַשט, נאָר מיך געטרייסט.

תמיד האָב איך געהאַלטן, אַז אַלעקסיי איז אַ שטיקל „סאַמאָליובימעץ", אַ מענטש, וואָס האָט זיך ליב מער פון אַלעמען. די דאָזיקע מיינונג האָט זיך ביי מיר אויסקריסטאַליזירט צוליב דעם, ווייל ער איז געווען אַ סאָלטוס און שטאַרק געהאַלטן פון זיינע וואָנסעס... איך האָב אָבער קיינמאָל פון אים נישט געהערט קיין שלעכט וואָרט און אויך נישט אויף מיינע עלטערן. פאַר־קערט: ער האָט מיך אָפּט געלויבט און איך האָב עס אויסגעטייטשט דערמיט, וואָס ער ווייס, אַז איך קען זיך פילן שלעכט הלמאי מיינע עלטערן האָבן זיך אָפּגעזאָגט פון מיר. ער האָט בכלל אויסגעמיטן צו דערמאָנען מיינע עלטערן. קיינמאָל נישט. זינט ער האָט זיך אַריבערגעצויגן אויפן כוטאָר נישט ווייט פון אונדזער גאַיוווקע, האָט ער בכלל אויסגעמיטן רעדן וועגן יידן. און אַז עמיץ האָט גערעדט עפּעס שלעכטס וועגן זיי, האָט ער אָדער געשוויגן, אָדער אַ מאַך געטון מיט דער האַנט און אויסגעשפּיגן. עס איז שווער געווען דערגרונטעווען וואָס זיין אויסשפּיי באַדייט. און אַז איך האָב עס געפּרוווט טון, האָט עס אים אַרויסגעבראַכט פון געדולד. ער האָט נישט ליב, אַז מען פרעגט אים איבער צוויי מאָל די זעלבע פראַגע. שטויסט זיך נישט אָן — דאַרף מען נישט. ביסטו אַ נאַר, במחילה, און נאַראָנים האָט ער פיינט. איצט אָבער איז ער געווען באַרעדעוודיקער ווי תמיד. און נישט אומזיסט. אויך איך האָב שוין געוווסט, אַז דעם דריטן מערץ האָט מען פון דער גאַנצער סביבה, אַפילו פון די דערפער, צוזאַמענגעטריבן די יידן אין דער שטאָט ג., אַרומגעצוימט זיי דאָרט מיט שטעכל־דראָט און אוקראַאינישע פּאָליציי האָט געהיט, אַז קיינער פון זיי זאָל חלילה נישט אַרויס פון געטאָ, ווו עס הערשט הונגער, פּיין און בויט.

אויף וויפל איך בין נישט אָפּגעריסן געווען פון דעם דרויסן, פירנדיק אין אַ געוויסער מאָס אַ רואיק לעבן אין וואַלד, זענען צו מיר דאָך דער־גאַנגען טאָג־טעגלעך ידיעות וועגן דעם, וואָס עס קומט פאָר מיט די יידן

אין געטאָ און ווי זיי ווערן באַהאַנדלט דורך די דייטשע ס.ס.־לייט, ווי אויך דורך די אוקראַינישע מיליציסטן. איך האָב זיך פּשוט נישט פאַרגינט מיין רואיקייט, וואָס ווערט געשיצט דורכן צלם, וועלכן איך טראָג אויפן האַלדז, אָדער דורך די איקאָנעס, וואָס הענגען ביי מיר אין שטוב.

די ערשטע טעג, ווען די דייטשן זענען אַריינגעקומען אין שטאָט, איז אויך מיין גאַיוווקע באַזוכט געוואָרן דורך אַ פּאָר דייטשע סאָלדאַטן, אָדער ס.ס.־לייט, וואָס זענען געפאָרן באַטראַכטן די סביבה און איבערנעמען די מאַכט. איך געדענק מיין שרעק און איבערראַשונג, ווען איך האָב צום ערשטן מאָל דערזען אַ דייטש, אַן ס.ס.־מאַן, זיינע אָפּצייכענונגען און פאַר־ריסנקייט. זיי האָבן גערעדט צו מיר העפלעך און איך האָב, אָנשטאָט ענט־פערן, געשמייכלט, ווי איך וואָלט נישט פאַרשטאַנען זייער שפּראַך. איך האָב זיי דערלאַנגט עסן און זיי האָבן מיר זייער שיין געדאַנקט. אַפילו איבערגעלאָזט אַ שאָקאָלאַד פאַר יורעקן, פון וואָס יורעק האָט זיך שטאַרק געפריידט.

פאַרן אַוועקגיין, האָט איינער צום אַנדערן געזאָגט, אַז איך בין „היפּש און שיין", ממש צוויי שוועסטער, מיט ערנען... איך ווייס נישט צו וועמען זיי האָבן מיך דאָרט פאַרגליכן, אָבער מיין אַרישקייט איז זיי שטאַרק געפעלן. זיי האָבן מיך שיער באַוואונדערט. אויך מיין ווירטשאַפט. וואונדערבאַר, אַן אמתע דייטשקע!...

מיין שרעק פאַר די דייטשן איז נאָך זייער אַוועקגיין צערינען געוואָרן. באמת, זעלנער, ווי אַלע זעלנער. מענטשן. יורעק האָט זיך בכלל אַנטציקט פון זיי. איבערהויפּט פון זייער אוניפאָרם. אַזעלכע שיינע! זיי האָבן נישט פאַרגעסן פאַרן אַרויסגיין פון שטוב, אים אַ גלעט טון איבערן קאָפּ. אַ היפּשער בורש! — האָבן זיי אים צוגעוואָרפן אַ שמייכל.

אַז איך האָב שפּעטער געהערט וואָס זיי טוען מיט דער יידישער באַפעל־קערונג, איז עס מיר ממש שווער געווען צו גלויבן. צי שוין זשע? איז עס נישט איבערגעטריבן? צי האָט די העפלעכע דייטשן זענען גאָר פּעאיק אויף אַזעלכעס? סתם, אָן אַ פאַרוואָס הרגענען אומשולדיקע מענטשן?...

ווען אַלעקסיי איז געקומען און גענומען רעדן איבער דער האַנדלונג פון די דייטשן און זייער באַציאונג, באַזונדערס צו דער יידישער באַפעל־קערונג, איז שוין אויך מיין מיינונג וועגן זיי געווען אַן אַנדערע. איך האָב שוין געוווסט, אַז יידן ווערן דערהרגעט אָן רחמנות. די ס.ס.־לייט פאָדערן פון זיי פאַרשידענע קאָנטריבוציעס און ווען דער „באַפעל" ווערט נישט אויסגעפירט, פאַראָרדנט דער געביטס־קאָמיסאַר, קרעקעל, דערשיסן עטלעכע

יידן מיטאַמאָל, אינמיטן מאַרק, אַלס וואָרנונג, אַז „געהאָרכזאַמקייט מוז זיין״...

— אויך אונדזער ברודער איז נישט בעסער פון זיי, פון די נימצעס — האָט אַלעקסיי אַרויסגעזאָגט זיין מיינונג, רעדנדיק מיט פאַרדרוס וועגן דער אוקראַיִנישער מיליץ — הינט אַזעלכע, אַ טראַסציע אַ גוטע אין זייער מאַמעס מאַמען אַריין! קיין סוואָלאָטע האָט קיינמאָל נישט געפעלט און היינט אַוודאי נישט!

אַז אַלעקסיי איז גערעכט בנוגע דער אוקראַיִנישער מיליץ, וועלכע איז אין פיל פאַלן, ווי איך האָב שוין געהערט, נאָך ערגער פון די דייטשן, האָב איך זיך גאָר שנעל איבערצייגט אויף דער אייגענער הויט. איך האָב געהערט, אַז אייניקע פון זיי פירן דאָך אַ „האַנדל״ מיט די געטאָ־יידן און מען קען זיי איבערקויפן, כדי זיך אַרויסבאַקומען פון געטאָ.

איין טאָג, ווען מיין אומרו און זאָרג פאַר מיינע עלטערן, שוועסטער און ברודער, איז געוואָרן אומדערטרעגלעך, האָב איך באַשלאָסן גיין צום געטאָ. אפשר וועט זיך מיר איינגעבן זיי זען, איבערגעבן אַ פעקעלע שפייז, אָדער אַפילו אַרויסבאַקומען זיי פון דאָרט. אַלס פרוי פון גאַיאָווי, קען מיר אַמאָל געלונגען זיך שטעלן אין פאַרבינדונג מיט זיי און זיי העלפן.

איך האָב באַשלאָסן קיינעם נישט דערציילן וועגן מיין פּלאַן. בפרט נישט פּאַוועלן, וועלכער האָט נאָך יענער נאַכט פון שיכרות און באַליידיקונגען, שוין אויף מאָרגן זיך איבערגעבעטן מיט מיר, גלייך ער וואָלט מיר קיינמאָל קיין שלעכט וואָרט נישט געזאָגט. אָט אַזאַ איז ער. ער האָלט נישט פון ברוגזן און קאַפּריזן...

לעצטנס, אַז איך האָב זיך געוואָלט איבערצייגן אין דעם וואָס עס טוט זיך אין שטאָט, האָב איך אויסגעפונען אַ תירוץ, אַז איך גיי צום ספּאָוויעדן. אַזוי האָב איך געזאָגט פּאַוועלן. צוליב דעם האָב איך אויך דאָס מאָל אויסגעקליבן אַ זונטיקדיקן טאָג, זיך איבערגעטון אין מיינע פויעריש־אויס־געבייטע יום־טוב־קליידער, גענומען אַ פעקעלע מיט שפייז אין האַנט, כלומרשט אַ מתּנה פאַרן „באַטיושקאַ״, און בין אַוועק.

וואָס מער איך האָב זיך דערנענטערט צו דער שטאָט, אַלץ מער האָט מיין האַרץ געקלאַפּט מיט אומרו, אומגעדולד און... מורא. אַ מאָדנער געפיל האָט מיך באַהערשט. צוריק מיט קאָרגע צוויי צענדליק יאָר, האָב איך דאָ געלערנט און קען יעדע גאַס און געסל. שפּעטער... שפּעטער בין איך אַנט־לאָפן פון אָט דער שטאָט פון זעליק און שרהס הויז און האָב מורא געהאַט זיך דאָ מער באַווייזן. שמואל דעם קאָוואַלס משומדתטע! אַ וויסטע חרפּה אָנגעטון! איצט וועל איך דאָ מער קיינעם נישט טרעפן אויף די גאַסן. נישט

שרהן מיט אירע גוטמוטיקע אויגן און נישט זעליקן מיט זיין קאַזע־בערדעלע, וואָס האָט אָפּטמאָל אַרויסגערופן אַ געלעכטער אויף מיינע ליפּן. אַלע זיצן זיי פאַרשפאַרט אין עטלעכע אָפּגעצוימטע געסלעך און וואַרטן אויף גאולה.

בלויז איך, די זינדיקע, די חצופה און אויסוואורף, קען זיך פריי באַוועגן ווו איך וויל. אָ, ווי אומגלויבלעך!...

מיט ציטערדיקע טריט קום איך אַריין אין שטאָט. איך פיל, ווי דער באָדן ברענט אונטער מיינע פיס. איך דערקען כמעט נישט די שטאָט. דוכט זיך די גאַסן זענען דאָ איבערגערוקט געוואָרן. הייזער איבערגעשטעלט געוואָרן. מיליטערישע פּוסטקייט און הרובקייט קוקט אַרויס פון יעדעס הויז. אַלץ קוקט אויף מיר מיט חשד. גאַניקעס וויינען. דעכער זיך איינ־געבויגט. נידעריקער געוואָרן. די אויפגעריסענע פענצטער בליקן צו מיר מיט בעלמעס־אויגן פון אָרעמעלייט. שטרעקן צו מיר זייערע הענט. בעטן זיך אויף שטום־לשון. אָ, ווי גוט איך פאַרשטיי אָט דעם שטום־לשון! רחמים! רחמים! גיב אָט דאָס פּעקעלע! גיב! גיב!...

איך דערפיל, ווי דאָס פּעקעלע שפּייז ברענט אין מיין האַנט. שרפהט. איך לייג עס איבער אין דער צווייטער האַנט. עס קומען מיר אָן אַנטקעגן ס.ס.־לייט. פּויערים און פּויערטעס דרייען זיך אַרום צעשמייעטע. זיי לייגן נישט קיין אַכט אויף מיר. איך וווּנדער זיך. נו, איינע פון זיי. אַן אונדזעריקע. בלויז איך זע זיך אַלס פאַרקליידעטע נשמה, וואָס בלאָנדזשעט איבער די גאַסן פון אַן אָפּגעפרעמדטער שטאָט. זוכט דעם נעכטן און קען אים מער נישט געפונען.

און אָט... אָט איז דאָס געטאָ. דאָס גרויסע אָפענע וווּנד וווהין איך וויל זיך אַריינבאַקומען מיט מיין פּעקעלע שפּייז. אינעווייניק, פאַרן פאַרקאַן, שלייכן שאָטנס, קליינע און גרויסע שאָטנס. שאָטנס־זקנים און שאָטנס־קינדער. שאָטן־מענער און שאָטן־פרויען. צווישן זיי אויך די יעניקע צו וועמען איך בין געקומען. איך זע אָבער קיינעם נישט פון זיי. יעדע הונדערט מעטער בערך שטייט מיט אַ ביקס אויפן אַקסל אַ שאָטן־מיליציאָנער. גאָר אַן אַנדער שאָטן. ער היט, אַז קיינער פון אינעווייניק זאָל זיך נישט אַרויס־באַקומען און קיינער פון דרויסן זאָל זיך נישט אַריינבאַקומען אַהער. יעדער פּרווו אַזאַ — אַ קויל אָן שום וואָרענונג. וועגן דעם ווייס איך שוין פון די פיל ידיעות, מיט וועלכע איך בין אָנגעקאָרמעט די לעצטע צייט. פריער איז דאָ אויך געווען יידישע מיליץ. איך וואַרף זיך פאַר הלמאי איך האָב עס נישט אויסגענוצט...

איך דערנענטער זיך צו איינער פון די אוקראַינישע מיליציאָנערן.

— גוט מאָרגן.

— וואהין? — פאַלט אַ טרוקענע פראַגע אָנשטאָט אַן ענטפער אויף מיין באַגריסונג. די קאַלאַמוטנעקייט אונטער מיין האַרצן צערינט. איך ווער פלוצים פול מיט מוט און דרייסטקייט.

— איך וויל אַריין אין געטאָ.

ער קוקט מיך אָן, ווי אַ בייזוווּנדער.

— ווער ביסטו דען?

— איך בין די פרוי פון פּאַוועל ליאַסקאָוויטש, דער גאַיאָווי אין די זאַרע־טשער וועלדער.

— צי ווייסטו נישט, אַז עס איז פאַרבאָטן אַריינצוקומען אַהער?

— פאַרוואָס טאָר מען עס נישט אַריינקומען אַהער? — מאַך איך זיך תמעוואַטע.

— פרעג ווייניקער און טראָג זיך בעסער אָפּ פון דאַנעט.

— זיי נישט אַזאַ בייזער. — טו איך קאָקעטיש אַ שמייכל צו אים אויף מיין פויעריש־ווייבלעכן שטייגער.

— וואָס ווילסטו דאָרט טון? — ווערט ער עטוואָס ווייכער און וואַרפט אַ בליק אויפן פּעקעלע אין מיין האַנט.

— איך וויל אויסטוישן אַ ביסל שפּייז אויף קליידער.

— האָסט ביז איצט נישט באַוויזן זיך באַזאָרגן דערמיט, הע? — פרעגט ער, ווי דאָס וואָלט געווען אַ גאַטירלעכע זאַך.

— פאַרשטייסט... איך לעב אין וואַלד...

ער שווייגט אַ ווײַלע, באַטראַכט מיך מיט חשד און טוט אַ פרעג כיטרע:

— זאָג בעסער, אַז דו האָסט דאָ באַקאַנטע זשידעס און ווילסט זיי העלפן, הע?

— און אַז יאָ, איז וואָס?...

— דאָס קען דיר קאָסטן זייער טייער...

— נישט טייערער פון מיין לעבן, וואָס? — לאַך איך סאַרקאַסטיש.

— הע?...

— עס איז אַ רחמנות אויף זיי. דאָך לעבעדיקע מענטשן...

— האָסט ליב די זשידעס?

— און דו?...

— זיי נישט אַזוי קלוג. די קלוגע זיצן דאָ פאַר די דראָטן...

— און די נאַראָנים שטייען דאָ און היטן זיי...

ער צעלאַכט זיך מיט אַ נאַרישעוואַטן געלעכטער. מיין דרייסטע פאַר־האַלטונג געפעלט אים.

— ביסט גאָרנישט אַזאַ שלעכטער, ווי דו מיינסט. — ווער איך נאָך דרייסטער.

— די גוטע פרעסן הינט...

— וועלכע הינט?...

— דו ביסט צופיל דרייסט. טראָג זיך שנעל אָפּ פון דאַנען. הערסט???

— אַז דו וועסט שרייען אויף מיר, וועל איך טאַקע נישט אַוועקגיין. וואַרט, וועסט נאָך קומען אין וואַלד צו מיין פּאַוועלן נאָך האַלץ.

— איך? כע־כע־כאַ־כאַ!

— אַז נישט דו איז דיין משפּחה.

ער איז ווידער געוואָרן ערנסט. די ברעמען אָנגעכמורעט. עס איז אונ־טערגעקומען אַ צווייטער מיליציאָנער.

— וואָס וויל זי, סטיאָפּאַ? — האָט ער זיך געווענדעט צום ערשטן מיליציאָנער.

— זי וויל איבערגעבן אַ פּעקעלע שפּייז די זשידעס.

— עהע! נעם זי אויף דער זשאַנדאַרמעריע וועט זיך איר עס אָפּגלוסטן!

נישט טראַכטנדיק לאַנג, איז ער צוגעלאָפן צו מיר, אַרויסגעריסן דאָס פּעקעלע מיט שפּייז פון דער האַנט און אַ באַפעל געטון:

— געגאַנגען מיט מיר! דאָרט וועט מען דיר ווייזן ווי אַזוי רחמנות האָבן אויף די זשידעס!

איך האָב זיך נישט פאַרלוירן. פון דער צווייטער זייט פלויט האָבן אויס־געלאָשענע אויגן זיך צוגעקוקט צו דער סצענע צווישן מיר און די מיליציאָ־נערן. איך האָב אַזוי געוואָלט, אַז עמיץ פון מיין משפּחה זאָל אונטערקומען צום פלויט, כאָטשבי אַ בליק טון אויף זיי. דאָס דאָזיקע געפיל האָט מיך צוגעשמידט צום אָרט און געשאַפן אין מיר רעזיגנאַציע און אָפּוועך־כוח.

— גיב מיר אָפּ דאָס פּעקעלע שפּייז! — האָב איך כמעט אויסגעשריגן צום מיליציאָנער אַן אויפגערעגטע — שעמסט זיך גאָרנישט? קוק וויפל מענטשן דאָ שמאַכטן פאַר הונגער, אַ כאָליערע אויף דיר אַ גוטע! וואָס האָבן זיי דיר שלעכטס געטון, וואָס, האַ? וואָס האָבן זיי ביי דיר צוגע־נומען, וואָס?

דער מיליציאָנער האָט מיינע ווערטער נישט געהערט. ער האָט מיך אַ שטופּ געטון פאַראויס און נאָכמאַכנדיק די ס.ס.־לייט, באַפוילן:

— לאָוס! לאָוס! שייסעקערל!...

בלית ברירה בין איך געגאַנגען פאַראויס. איך האָב פּלוצים פאַרשטאַנען וואָס עס דערוואַרט מיך, ווען איך וועל געבראַכט ווערן אין דער זשאַנדאַר־מעריע. איך בין מיט אַ געזונטן קאָפּ אַריין אין אַ קראַנקער בעט. איך האָב נישט געדאַרפט זיין אַזוי חוצפּהדיק מיט די הינט. עס איז שוין אָבער געווען צו־שפּעט. איצט האָבן מיינע פיס געטראָגן מיך קעגן מיין ווילן. מיין ווידערשטאַנד האָט פון זיך זעלבסט נאָכגעלאָזן. איך בין געוואָרן נאָכגיביק און גענומען פּלאַנירן ווי אַזוי איך זאָל האַנדלען און וואָס זאָל איך טענהן, ווען איך וועל אַריינפאַלן אין די הענט פון די ס.ס.־אויספאָרשער.

אין האַרץ האָט געטליעט אַ שטיקל האָפנונג, אַז פאַוועל וועט געוויר ווערן וועט ער מיך דאָך אַרויסראַטעווען פון זייערע הענט, טראָץ דעם וואָס איך בין געגאַנגען צום געטאָ אָן זיין וויסן און קעגן זיין ווילן.

אַנטקעגן איז אונדז אַנגעקומען אַ מיליציאַנער. זיין פּנים איז מיר אויסגעקומען באַקאַנט. יעדער מיליציאַנער איז מיר דאָ אויסגעקומען צו זיין אַ באַקאַנטער. ערגעץ האָב איך אָט די פּנימער שוין געזען. אויך דער וואָס האָט מיך געפירט איז דאָך מיר אויסגעקומען באַקאַנט. ניין, דאָס מאָל איז עסווירקלעך געווען זייער אַ באַקאַנט פּנים.

— היי, גרישקאָ, וווהין פירסטו זי? — האָט ער פאַרהאַלטן דעם מיליציאַנער, וואָס האָט מיך געפירט אונטער דער ביקס — צי ווייסטו, אַז דאָס איז ליאָסקאָוויטשעס ווייב?

— טראָפים?! — איך האָב זיך שטאַרק דערפרייט. דערפרייט און דער־שראָקן. טראָפים איז געווען מאַריעס אַ וויטן קרובס אַ זון. ער פלעגט כמעט קיינמאָל נישט קומען צו אונדז. געוווינט אין אַ צווייטן דאָרף. איך האָב געהאַט דעם איינדרוק, אַז ער ווייס אָבער וועגן מיין אָפּשטאַם.

דער מיליציאַנער גרישקאָ, האָט אים דערציילט וועגן מיין פּרווו זיך אַריינבאַקומען אין געטאָ און מיין חוצפּהדיקע האַלטונג. טראָפים האָט געוואָרפן צו מיר אַ כיטרען בליק און אַ זאָג געטון צו גרישקען:

— לאָז זי אָפּ, ברודער. זי איז אַלעקסיי דעם סאָלטוסעס נעוויסטקע (שנור). איך קען גוט דעם גאַיאָווי פאַוועל ליאָסקאָוויטש, נישט כדאי...

— גוט. נאָר געדענק — האָט ער זיך געווענדעט צו מיר מעשה הויכער נאַטשאַלניק — דיין פוס זאָל נישט קומען מער אַהער. איצט גלויב איך, ווּעסטו שוין וויסן, ווי אַזוי צו קומען אַהער!...

— יאָ... יאָ... איצט וועל איך שוין וויסן...

און איך האָב נישט דערזאָגט: „וועלכע אומווערדיקע צווייפיסיקע חיה דער מענטש קען זיין!...”

אַז איך בין אָפּגעגאַנגען אַ שטיקל וועג, האָב איך זיך נאָך לאַנג אומגעקוקט. איך האָב אָנגעשטרענגט מיינע בליקן צו דערכאַפּן דעם אויסזען פון געטאָ. עס האָט ווי געטון. איך האָב זיך פאַרגעוואָרפן און נישט געוווסט פאַרוואָס. איך בין אין עפּעס שולדיק און ווייס נישט ווי אַזוי זיך מוחל זיין...

אַ באַליידיקטע און באַשפּיגענע האָב איך דערגרייכט דעם וואַלד. איך בין געגאַנגען צווישן די בוימער אַ צופרידענע, וואָס איך קוק מער נישט אָן קיין פּרצוף פון אַ מענטש.

מיין אַנטוישונג און פאַרביטערונג איז נאָך גרעסער געוואָרן, ווען פאַר מיינע אויגן האָט זיך פּלוצים אַנטדעקט אַ סצענע, וועלכע איז ווי לכתחילה אָפּגעשפּילט געוואָרן פאַר מיר, כדי מיך אינגאַנצן איינברעכן, דערשטיקן מיך.

אַ יאָמערדיק געשריי פון אַ מענטש, וואָס האָט זיך עכאָדיק צעלייגט פּלוצים איבערן וואַלד, האָט אויפגעריסן מיין געהיר. און הגם איך בין געווען גענוג צעטומלט פון די נאַר־וואָס דורכגעלעבטע מינוטן פון צאָרן און שרעק, האָט דאָס יאָמערדיקע געשריי מיך אינגאַנצן געמאַכט אויפציטערן. וואָס קען עס זיין? ווער שרייט עס אַזוי אינמיטן טאָג אין וואַלד?

איך האָב גענומען לויפן אין דער ריכטונג פון וואַנען עס האָט זיך דערטראָגן דאָס געשריי. פאַר מיינע אויגן האָט זיך אַנטפּלעקט אַ שוידערלעך בילד. איך האָב דערזען, ווי אַ מיטליאָריקער פּויער ראַנגלט זיך מיט אַ יונגן בחור, כמעט נאָך אַ יינגל, אין עלטער פון אַ יאָר זעכצן, אָדער זיבעצן. דאָס יינגל איז אינגאַנצן פאַרבלוטיקט. ער ליגט אויסגעצויגן אויף דער ערד און לאָזט זיך נישט אַראָפּציען דורכן צעיושעטן פּויער די שטיוול פון זיינע פיס.

— ― ווערסט זיך נישט אַרויסדרייען פון מיר, דו פאַרשיווער זשידיאַנאָק, דו... בינסט אַנטלאָפן פון געטאָ... איך ווייס... היינטישער זון דו, האַ?...! —

האָט דער פּויער געריטשעט און אַרויסכאַפּנדיק די האַק פון זיין גאַרטל. זיך פאַרמאָסטן איבערן יינגלס קאָפּ. דעם יינגל האָט זיך ווי עס איז איינגעגעבן אָפּצוקוילערן. ער האָט זיך פלינק אַרויסגעריסן און גענומען אַנטלויפן, אָבער ער האָט נאָך נישט באַוויזן אָפּצולויפן אַ פּאָר שריט, ווי ער האָט זיך פאַר־טשעפּעט אין אַ פּיען און איז געפאַלן. דער פּויער איז אים נאָכגעלאָפן נאָך מער צעיושעט. ער האָט זיך איבערגעצלימט און איך האָב דייטלעך געהערט, ווי ער זאָגט: „וואָ אימיע אָטצאַ אי סינאַ אי סוויאַטאָהאָ דוכאַ" (אין נאָמען פון גאָט דעם פאָטער, זיין זון און הייליקן גייסט) און האָט אַראָפּגעלאָזט די האַק איבערן יינגלס קאָפּ מיט אַזאַ גלייכגילטיקייט, ווי ער וואָלט עס געטון איבער אַ שטיק האָלץ. דאָס יינגל האָט קוים באַוויזן אַרויסצולאָזן אַ לעצטן יאָמער־געשריי און איז אַנטשוויגן געוואָרן אויף אייביק.

דאָס אַלץ איז געשען אַזוי שנעל, אַז איך האָב אַפילו נישט באַוויזן זיך דערנענטערן צום פויער. ווען איך בין מיט ציטערדיקע קני צוגעלאָפן צו אים, נישט אויפהערנדיק שרייען (אָדער אפשר האָט זיך מיר געדוכט, אַז איך שריי...), האָט ער שוין געהאַלטן אין אַראָפּציען די שטיוול פון ייִנגלס שטאַרע פיס.

— באָזשע! באָזשע! — האָב איך אויסגעשריגן — וואָס האָסטו געטון? האָסט קיין גאָט נישט אין האַרצן? גאָט מייִנער! גאָט מייִנער!... כמעט נאָך אַ קינד!....

— גיי צו אַלדי רוחות! — האָט דער פויער מיך אָנגעקוקט מיט פאַר־דאַכט — האָסט אפשר רחמנות אויף אים, האַ? אָט אַזוי איז מיט אונדזערע ברידער. אַז די זשידעס האָבן פון אונדז אַראָפּגעשונדן די הויט איז גוט געווען, האַ? עך, פאַרשאָלטענע אַזעלכע וואָס זיי זענען! ביז איינעם וואָלט איך זיי אויסגעמאָרדעט, ווי גאָט און אַלע הייליקע זענען מיר ליב!

ער האָט אויסגעשפּיגן מיט צעיושעטקייט, פאַרקוועטשט די פאַרבלוטיקטע שטיוול אונטער זיין אָרעם און זיך געלאָזט גיין אין וואַלד, ווי עס וואָלט גאָרנישט געשען.

לאַנג נאָך בין איך געשטאַנען, איינגעאַנצן אויפגעטרייסלט פון דעם, וואָס מייִנע אויגן האָבן געזען. עס איז מיר שווער געווען צו קוקן אויפן ייִנגלס פאַרבלוטיקט פּנים און זיינע אַנטבלויזטע פיס. איך האָב זיך איבערגעבויגן צו אים, געמיינט אפשר לעבט ער נאָך. ניין. ער איז געלעגן רואיק. אים איז איצט שוין געווען אַלץ איינס. בלויז איך האָב זיך נישט געקענט רירן פון אָרט, ווי איך וואָלט געליימט געוואָרן.

— הערשעלע!? מיין ברודערל הערשעלע!!! — ניין! ניין, דאָס איז נישט הערשעלע. הערשעלע דאַרף זיין פיל עלטער פון אים. ווער ווייס וועמעס הערשעלע דאָס איז? אך, וועלכער אונטערשייד? וועלכער?... וועל־כער?... וועל־כער??? — — —

## ווער איז מיין גאָט?

ביז דעם דאָזיקן פאַל, האָב איך זיך כמעט קיינמאָל ערנסט נישט פאַרטראַכט איבער דער דאָזיקער פראַגע. ווער איז מיין גאָט? — ווי לעכערלעך אָט די פראַגע קלינגט מיר אין די אויערן זינט איך בין געקומען צו מיין שכל... ווער איז בכלל גאָט? וועלכן אויסזען האָט ער? איז עס

אַ לעבעדיקע באַשעפעניש, מיט אַן אומגעהויערער קראַפט, אָדער איז עס אַ שטיק פייער, אַ פלאַם, וואָס העשעט דאָרט ערגעץ אין די הימלען, פלאַקערט און ברענט און ווערט קיינמאָל נישט פאַרברענט, אָדער... אָדער...

— איך ווייס נישט!!! — — —

אין די גאָר־גאָר קינדערישע יאָרן, האָב איך זיך פאַרגעשטעלט גאָט אַלס אַ שיינעם ייד, מיט אַ הדרתדיק פנים, ענלעך צו אַ רבין, גאָר מיט פייערדיקע אויגן. אַז איך בין עלטער געוואָרן — האָב איך בכלל נישט געטראַכט מער וועגן דעם. איך האָב, ווי איך האָב שוין באַטאָנט, איבעריק נישט געהאַלטן פון וואָס מען מעג און וואָס מען טאָר נישט אויפן געביט פון רעליגיע. איך האָב נישט געגלויבט, אַז גאָט קען שטראָפן, אָדער באַגנעדיקן, ווי מיינע עלטערן האָבן געמיינט. דאָס איז אפשר געווען איינע פון די גרונט־סיבות, וואָס איך האָב זיך נישט אָפּגעשראָקן צו גיין מיט פאַוועלן אין צערקווע און ווערן אַ קריסטין. שפּעטער, אַז איך האָב אָנגעטון דעם צלם און צעהאַנגען איקאָנעס אויף די ווענט, אָדער געגאַנגען צום ספּאָווידז, האָט עס צום אָנהויב אַרויסגערופן אַ שמייכל אויף מיינע ליפּן, דאַן איז עס געוואָרן אַ געוווינהייט, וואָס האָט אין געוויסע מאָמענטן מיך געבראַכט צו דער איבערצייגונג, אַז יעזוס איז ווירקלעך געווען אַ רעוואָ־לוציאָנער...

איך געדענק, ווען אין דער „פּאַוושעכנע” האָט אַ פּויליש מיידל, סטאַסיאַ, גראַד מיינע אַ גוטע חברטע, זיך צעקריגט מיט מיר און אויס כעס מיר פאַרגעוואָרפן, אַז די יידן האָבן דערמאָרדעט דעם פאַן יעזוס. איך האָב דאַן אויסגעשאָסן אין אַ געלעכטער. עס האָט מיר הנאה געטון: וועלכע קראַפט אָט די יידן האָבן עס, אַז זיי זענען אַזש מסוגל צו דערמאָרדן גאָט, אָדער גאָטס זון!... פאַרוואָס האָבן זיי עס אָבער געטון, אויב... אויב, ווי דער קסיאָנדז פּראָבאָשטש טענהט איין מיט די שילער, ער, אָט דער פאַן יעזוס, האָט געוואָלט אויסלייזן די וועלט?...

— דאָס האָב איך דאַן נישט געקענט באַגרייפן! — — —

איצט, ווען איך האָב געזען וואָס איין מענטש טוט אָפּ דעם אַנדערן, וואָס עס ווערט געטון מיט די יידן אין געטאָ, צווישן וועלכע עס געפינען זיך אויך מיינע עלטערן, שוועסטער און ברודער, און דערצו נאָך, אַז אין נאָמען פון... גאָט, זיין זון און הייליקן גייסט ווערט דערהרגעט אַן אומ־שולדיק יינגל, האָט אַלץ אין מיר גוואַלדיק אויפגעקאָכט און איך האָב נישט געפונען קיין רו. אַ פּאָר אַלטע שטיוול האָבן דאָך מער ווערט, ווי

אַ לעבן פון אַ מענטש?!! — גוואַלד! גוואַלד! גוואַלד!!! — אַ, יעזוס קאַכאַני!!! — הייליקע מוטער!! — — —

און ווער איז עס אָט דער יעזוס קאַכאַני? ווער? און די הייליקע מוטער איז ווער? ווער? ווער איז מיין גאָט? ווו איז ער? וועלכע צורה האָט ער? אין וועמען און אין וואָס זאָל איך גלויבן מער? גלויבן, צי געפונען טרייסט, כדי זיך זעלבסט אָפּנאַרן, פאַרוויגן זיך אין טרוים, אַנהאַלטן זיך אין עפּעס, אין די דאָזיקע אומגליקלעכע טעג? פאַוועלן דערקען איך נישט מער! מיט מאַריען און סטעפען איז נישטאָ וואָס צו רעדן. עס איז שווער צו וויסן צי זיי פרייען זיך, אָדער זענען אומעטיק. סטעפאַ ווערט פאַרפאַלן גאַנצע נעכט איבער „וועטשערניצעס" און נאָך דעם, ווי זי האָט אָפּגעטרויערט נאָך קאַראָלס טויט, האָט זי גענומען נאָך מער זיך פּוצן און פלירטעווען מיט פאַרשידענע יונגעלייט, אַפילו קאַראָלס פריערדיקע פריינט. מיקאָלאַי ווערט נאָך מער פאַרפאַלן אויף גאַנצע טעג און נעכט און מיט אים איז בכלל שווער צו רעדן. בלויז מיט יורעקן קען איך שמועסן האַרציק, אָבער ער איז צו יונג מיך פאַרשטיין און ער ווייס עד היום נישט, אַז זיין מאַמע איז אַ געוועזענע „זשידוווקע", אָדער איז זי עס אייגנטלעך נאָך ביזן היינטיקן טאָג. בלויז מיט אים, מיט אַלעקסייען קען איך רעדן און זיך אַ ביסל אַראָפּ־רעדן, אָבער לעצטנס קומט ער אויך זעלטענער צו אונדז.

„אייגנטלעך — האָב איך נישט אויפגעהערט צו טראַכטן — וואָלט איך דאָך זיך געדאַרפט געפונען צוזאַמען מיט אַלע יידן אין געטאָ. און אויב איך בין נישט דאָרט מיט זיי — טאָ ווי אַזוי געפינט מען פאָרט אַ וועג צו העלפן זיי? ווי אַזוי? ווי אַזוי?" — — —

איך האָב יענע נאַכט זיך אַזוי פיל געמאַטערט אויף מיין געלעגער, אַז איך האָב זיך קוים דערוואַרט עס זאָל שוין אָנהויבן שאַריען אויף טאָג און איך זאָל קענען פאַרזונקען אין דער שטוביקער אַרבעט. דאָס איז מיין איינציקע טרייסט. אויף שטום־לשון רעד איך זיך אָדורך מיט די הינער, וואָס איך האָב אַזוי ליב בעת איך קאָרמע זיי אין פרימאָרגן, מיט די גענדז און קאַטשקעס, חזירים און קי. און אַז איך הער מעקען אַ שאָף אין שטאַל דוכט זיך מיר אָפּט מאָל, אַז זי רופט „מאַ־מע! מעעעעע!", און נישט ווילנדיק דערמאָן איך זיך אין מיין מאַמע און אין איר אַמאָליקן באַזוך ביי מיר. דאָס האַרץ נעמט נאָגן און דער אומרו ווערט גרעסער. פאַרוואָס האָב איך זי דעמאָלט דורכגעטריבן?... פאַרוואָס?....

אַ מידע, ווי איך וואָלט אויפגעשטאַנען פון אַ שווערער קרענק, האָב איך יענעם פרימאָרגן זיך אויפגעהויבן פון מיין געלעגער און זיך גענומען

אַרומפּאַרען אין שטוב. אַלע זענען נאָך געשלאָפן. אַלע — מיין איך פּאַוועלן, וועלכער איז נעכטן שפּעט ביינאַכט געקומען האַלב־שיכור און יורעקן, וועלכער איז געשלאָפן מיט אַ רואיק־קינדערישן שלאָף. מיקאַלאַי איז, ווי געוויינלעך, לעצטנס אַפילו נישט געקומען שלאָפן. נישט פּאַוועל און נישט יורעק האָבן אַפילו נישט געאַנט, מיט וועלכע געדאַנקען און געפילן איך האָב זיך געלייגט שלאָפן. פּאַוועל איז געווען צופרידן, וואָס איך בין געגאַנגען, ווי איך האָב אים פאַרזיכערט, צום ספּאַוויעדז. ער האָט נאָך מיין צוריקקער, זיכער אַרויסגעלייענט טרויער אין מיין פּנים, אָבער האָט קיין סך פראַגן נישט געשטעלט.

כדי נאָך מער פאַרטושן מיינע געדאַנקען, האָב איך גענומען ראַמען די פּאָליצעס און די שרענקלעך אויף די ווענט. איך בין געווען צערודערט און נישט געוווּסט וואָס איך טו. איך האָב איינגעהייצט אין אויוון און אַז דאָס האָלץ האָט זיך גוט צעפלאַקערט און איך האָב צוגעשטעלט טעפּ מיט שפּייז צום קאָכן, בין איך אייניקע מינוטן געשטאַנען און געקוקט ווי דאָס פייער כאַפּט אַרום די טרוקענע שייטעס האָלץ. דאַן האָב איך ווידער גענומען ראַמען. סתם, אַבי אויספילן די צייט.

אויף איינער פון די פּאָליצעס האָב איך זיך אָנגעטראָפן אין מיינע פאַרשידענע אַלטע ביכער, וואָס זענען פון לאַנג פאַרשטויבט געוואָרן, ווייל איך האָב נישט קיין צייט זיך קיינמאָל צורירן צו זיי. די שטוב־אַרבעט האָט מיך אַזוי פאַרשלונגען, אַז דער קאָפּ איז די לעצטע יאָרן נישט געווען צו ביכער. אַז מיינע קינדער, מיקאַלאַי און יורעק, זענען נאָך געווען קליין, פלעגט מאַריאַ אָפטמאָל זיי געבן אָט די ביכער צו שפּילן זיך מיט זיי, איינשטילן זיי דערמיט, זיי זאָלן נישט וויינען. די קינדער האָבן אַזוי לאַנג געבלעטערט אין די ביכלעך, ביז זיי האָבן גענומען אַרויסרייסן איין בלעטל נאָכן אַנדערן. אַז איך האָב עס דערזען, בין איך שטאַרק אויפגערעגט געוואָרן:

— דאָס זענען נישט קיין שפּילצייגן. דאָס זענען ביכער צום לייענען!

— נאַרישקייטן! — האָט זיך מאַריאַ פאַרטיידיקט מיט אַ געלעכטער — לאָז, זאָלן די קינדער זיך שפּילן דערמיט!

— מאַמאַ! רעדט נישט אַזוי! — בין איך נאָך מער אויפגעבראַכט געוואָרן — דאָס איז... דאָס איז דאָך זשעראָמסקיס „ערב פרילינג”. און דאָס... דאָס איז „פּאַן טאַדעוש” פון אַדאַם מיצקעוויטש. און דאָס... דאָס — „אַגניעס אי מיעטשעם” פון דעם גרויסן פּוילישן שרייבער סיענקיעוויטש און דאָס...

— גענוג שוין, גענוג מיט דיינע סענקאַוויטשעס און איצקאָוויטשעס! — האָט מאַריאַ געלאַכט תמימותדיק — ווער נעמט עס אַלץ ערנסט, וואָס דאַרט

שטייט געשריבן, האַ? וואָלסט כאָטש דערציילט וועלכע מעשיות זענען דאָרט אָנגעפּלוידערט געוואָרן...

אַן אויפגערעגטע האָב איך אַרויסגעריסן די ביכער פון מאַריעס הענט און זיי אַוועקגעלייגט אויף דער פּאָליצע. „אַז די קינדער וועלן אויס־וואַקסן — האָב איך געזאָגט אַ צעקאָכטע — וועלן זיי לייענען אין זיי". זינט דעמאָלט זענען פיל יאָרן אַוועק. מיינע צוויי זין זענען אויסגעוואַקסן און זיך קיינמאָל נישט צוגערירט צו זיי. בלויז ווען מיקאָלאַיען, אָדער פּאַוועלן האָט אַמאָל אויסגעפעלט ביבולע צו דער מאַכאַרקע, האָבן זיי אַרויסגעריסן אַ פּאָר בלעטער, פעסט צעקנייטשט און אויפגעדרייט פון זיי אַ פּאַפּיראָס, אָבער נאָך דעם ווי זיי האָבן פון מיר אויך באַקומען אַ פּסק, האָבן זיי זיך מער נישט צוגערירט צו זיי. אָט אַזוי זענען די ביכער געבליבן ליגן פאַרשטויבטע אויף אַ פּאָליצע ביז...

ביז יענעם פרימאָרגן, ווען איך האָב זיך נישט געפונען קיין אָרט נאָך דער שלאָפלאָזער נאַכט, איך האָב לאַנג באַטראַכט די געדרוקטע אותיות, וואָס האָבן אויפגעטויכט, ווי פון אַ טיפן אָפּגרונט. איך האָב זיי גענומען איבער־בלעטערן און איבערלייגן איינע נאָכן אַנדערן, ווי עס בלעטערט איבער בריוו אַן אַלט־פאַרזעסענע מיידל נאָך איר אַמאָליקן געליבטן...

מיינע אויגן האָבן זיך אָנגעשטויסן אויף אַ קורץ־פאָרמאַטיקן ביכל מיט שוואַרצע מאָוול און אַן אויסגראַווירטן צלם אין דער מיט. די וואַנגעליע! איך האָב זי, באַלד נאָך דער חתונה, באַקומען אַלס געשאַנק פון „באַטיושקאַ". זייער אָפט האָב איך אַריינגעקוקט אין דער עוואַנגעליע אין מיין פרייער צייט, באַזונדערס אין די זונטיקס. איך האָב אַפילו געלייענט פון איר פּסוקים פאַר פּאַוועלן, מאַריען און אַלעקסייען, און זיי — זיי האָבן פרום זיך איינגעהערט אין מיין לייענען און שטאַרק געווען צופרידן, באַזונדערס אַלעקסיי.

— זעט, ווי זי לייענט אַזוי פלייסיק!

אויך פּאַוועל האָט זיך געפילט שטאָלץ מיט מיין פלייסיקן לייענען און אויפקלערונגען.

— אַן אמתע מנישקע!... אַ נאָנע!... אַ שטונדיסטקע!..

איצט האָב איך געהאַלטן די עוואַנגעליע אין די הענט און געטראַכט וועגן מאַריעס אַמאָליקע באַהויפּטונגען: „ווער נעמט עס אַלץ ערנסט, וואָס דאָרט שטייט געשריבן!" האָך, ווי ריכטיק זי, מיין נישט־גראַמאַטנע שוויגער, האָט עס באַגריפן!

איך געדענק נישט ווי לאַנג איך בין אַזוי געשטאַנען און געטראַכט. איך

געדענק נאָר, אַז עס האָט מיך פּלוצים אַרומגעכאַפּט אַ שרעקלעכער כעס צו דער גאַנצער וועלט און צו זיך. איך האָב אַ כאַפּ געטון די ביכער און זיי געגומען [געגנומען] און וואַרפן אייינס נאָכן אַנדערן אין אויוון אַריין, אויס! געענדיקט! אויס!...

אַ פלאַם פייער און וואָלקן רויך האָט מיסאַמאַל אַרויסגעזעצט דורכן קוימען און אויך גלייך פאַרשפּרייט אַ שטאַרקן פּאַפּיר־געשטאַנק איבער דער שטוב. פּאַוועל האָט זיך אויפגעריסן פון שלאָף אַ דערשראָקענער און איז אַרויסגעלאָפן אין קיך אונטערהאַלטנדיק די לייוונטענע גאַטקעס, וואָס האָבן זיך אים אַראָפּגערוקט פון דער טאַליע.

— אַ שריפה, אָדער וואָס!... די סאַדזע זיך אַנגעצונדן אין קוימען, האַ?...

אַז ער האָט מיך דערזען מיט דער עוואַנגעליע אין די הענט, גרייט אַרייננצוואַרפן אין פייער אַריין, איז ער אַזוי צעטומלט געוואָרן, אַז ער האָט אין דער ערשטער רגע נישט געוווּסט וואָס צו טון, אָבער נאָך איידער איך האָב באַוויזן אַרייננצוואַרפן זי אין אויוון, האָט ער זיך געוואָרפן אויף מיר, אַרויסגעריסן די עוואַנגעליע פון די הענט און אויסגעשריגן מיט אַנגעצונדענעם כעס:

— דוניאַ! ביסט משוגע געוואָרן? פון זינען אַראָפּ? די עוואַנגעליע גאָר?...

— ניין, פּאַוועל, איך בין נישט משוגע! איך בין איצט ביי די קלאָרע געדאַנקען! משוגע איז די גאַנצע וועלט! די גאַנצע וועלט! — האָב איך זיך צעשריגן — איצט פאַרשטיי איך שוין גוט, וועלכע ווערדע דאָס האָט! און ווער מיין גאָט עס איז!...

— טפוי, אַ כאָליערע אַ גוטע אין דיר! — האָט ער מיך אַ שטויס געטון פון אויוון — אַז דו ביסט משוגע געוואָרן מאַ גיי אין אַזיראַ און דערטרינק זיך, צו אַלדי שוואַרצע יאָר! האַ! גאָר די עוואַנגעליע וויל זי פאַרברע־נען, האַ!

— זאָל ברענען! זאָל ברענען די גאַנצע וועלט, פּאַוועל, זאָל ברענען דו הערסט, אויב מען קען אין נאָמען פון גאָט, זיין זון און הייליקן גייסט דערהרגענען אַ מענטש פאַר אַ פאָר שטיוול, מעג אַלץ ברענען! אַלץ! אַלץ! אַלץ!

פּאַוועל האָט מיך אַנגעקוקט מיט שטוינונג. יורעק האָט זיך אויפגעכאַפּט פון שלאָף און איז אויך אַריינגעלאָפן אין קיך, אויף מיינע קולי־קולות.

— טאַטאַ, איך בעט דיך, שלאָג נישט די מאַמע! — האָט ער זיך געבעטן ביי פּאַוועלן, מיינענדיק, אַז מיר קריגן זיך ביידע אַרום, ווי דאָס פּאַסירט לעצטנס.

— אַ משוגעת איז אַנגעפאַלן אויף דיין מאַמע און נישט מער! — האָט פּאַוועל געזאָגט מיט איינגעהאַלטענעם כעס — עך, ווען איך האָב נישט מורא פאַר גאָט, וואָלט איך זי... אָט אַזוי...

יורעק האָט זיך געשטעלט צווישן אונדזביידן און אַריינגעקוקט פּאַוועלן אין די אויגן. ער איז געווען זיכער, אַז ער וועט מיך היינט שלאָגן. אויך איך האָב געהאַט דאָס געפיל, אַז ער וויל זיך פאַרמעסטן אויף מיר מיט אַ קלאַפּ.

— גיי, יורעק, טרייב אַרויס די בהמות אויף פּאַשע אין וואַלד! — האָט פּאַוועל געזאָגט צו יורעקן — נישט דיינע אַ זאַך זיך מישן אין אונדזערע ענינים, הערסט?

יורעק האָט זיך נישט גערירט פון אָרט און אויך איך נישט. איך האָב געוואַרט אויפן קלאַפּ. איך האָב נאָך קיינמאָל נישט געוואָלט אַזוי שטאַרק צו זיין געשלאָגן, ווי איצט... קיינמאָל נישט!... קיינמאָל!...

# אַ בעטלער ביי מיין פּלויט

די שטילקייט אין גאַיוווקע איז נישט איינמאָל בייטאָכט געשטערט געוואָרן דורך די דייטשע מאָטאָציקלען און דזשיפּן, וועלכע זענען אַריינגעפאָרן גלייך אין הויף מיט אַ שטאַרקן אימפּעט און גערויש. כמעט תמיד זענען זיי געקומען אין דער באַגלייטונג פון אוקראַינישע מיליציאָנערן און הינט. זיי האָבן געזוכט אַנטלאָפענע יידן פון געטאָ און פּאַרטיזאַנער, וואָס האָבן זיך לעצטנס געמערט אין די וועלדער.

אַמאָל פאַרנאַכט, ווען איך בין, ווי מיין שטייגער, אַריינגעקומען אין שטאַל מעלקן די קי פאַרן אַרויסטרייבן זיי אויף פּאַשע, האָב איך אין סטאַדאָלע, וווּ איך בין אַריין נעמען אַ ביסל היי פאַר די קעלבער, באַמערקט זיך באַהאַלטן אַ יונגן פאַרפאַלק מיט אַ מיידעלע פון אַ יאָר פינף, אַדער זעקס. דערזעענדיק מיך זענען זיי אַנטציטערט געוואָרן און איך — נאָך מער.

— ווער זענט איר? — האָט זיך אַרויסגעריסן אַ נאַרישע פראַגע פון מיין מויל, אַנשטויסנדיק זיך ווער זיי זענען.

זיי האָבן מיט שרעק זיך אַרויסגעשאַרט פון היי און מיט בעטנדיקע בליקן געזאָגט:

— גוטע פרוי, ראַטעווע אונדז... גאָט וועט דיך באַלוינען... מיר זענען אַנטלאָפן פון געטאָ... מיר זענען שרעקלעך הונגעריק....

זייערע ווערטער האָבן מיך עלעקטריזירט און נאָך איידער איך האָב באַוויזן קומען צו זיך, האָט די פרוי אַראָפּגעכאַפּט דאָס גאָלדענע קידושין־רינגל פון איר פינגער און מיר אים דערלאַנגט, רעדנדיק ווייטער מיט טרערנדיקע ווערטער:

— נעם, גוטע פרוי און גיב אונדז עפּעס צום עסן... מיר האָבן זיך נישט ווי אַהינצוטון... די נעכט זענען הייננט קאַלטע אין וואַלד... מיר... מיר...

— האָט נישט קיין מורא. — האָב איך אַרויסגעשטאַמלט אַ צעחושטע — איך דאַרף נישט פון אייך גאָרנישט. איך וועל אייך באַלד ברענגען עפּעס צום עסן. איר וועט דאָ קענען פאַרבלייבן אַזוי לאַנג ווי מעגלעך. איך וויל אייך בלויז עפּעס פרעגן, אָבער קודם כל וועל איך אייך ברענגען צום עסן.

דער מאַן און די פרוי האָבן געקוקט אויף מיר מיט דאַנקבאַרע בליקן. אין דער פרויס שוואַרצע אויגן האָט געגליט אַ טרער. איך האָב זיך באַהערשט מיט אַלע כוחות נישט אויסשיסן אין אַ געוויין. אַרומכאַפּן זיי און זיך קושן מיט זיי. קושן און וויינען אָן אַ סוף. מיין האַרץ איז פאַרשטיינערט געוואָרן. אַ פעלדז. בלויז אין האַלדז האָט עפּעס געוואָרגן. געשטיקט אָן אויפהער.

נישט זאָגנדיק מער קיין וואָרט, האָב איך זיך געלאָזט צום טויער פון דער סטאַדאָלע. איך האָב דערהערט, ווי די פרוי האָט אַ זאָג געטון צום מאַן שטיל, זייענדיק זיכער, אַז איך פאַרשטיי נישט יידיש:

— אפשר גייט זי אונדז איבערגעבן צו די דייטשן...

— שרעקט זיך נישט! — האָב איך זיי צוגעוואָרפן אין מיין ריין־אוקראַיִנישער שפּראַך — איך וועל אייך נישט טון קיין שלעכטס... איך וועל אייך ברענגען עסן.

— מבין כל דיבור... — האָט דער מאַן אַ זאָג געטון צו זיין פרוי און ביטער אַ שמייכל געטון צו זיך, ווי ער וואָלט זיך פאַרטיידיקט פאַר מיר דורך דעם דאָזיקן פאַרלעגנהייט־שמייכל.

— מסתמא געאַרבעט אַמאָל ביי יידן... — האָט די פרוי באַמערקט מיט אַן אויסדרוק פון פרייד.

איך האָב מער נישט רעאַגירט און גלייך אַרויסגעלאָפן פון דער סטאַדאָלע, צומאַכנדיק פאָרזיכטיק נאָך זיך דעם טויער. אין אייניקע רגעים האָב איך זיך צוריקגעקערט צו זיי מיט ברויט, סמעטענע און אַ קרוג מילך. זיי זענען אַרויפגעפאַלן אויפן עסן און עסנדיק נישט אויפגעהערט מיר דאַנקען און לויבן.

— עס זענען נאָך פאַראַן גוטע קריסטן. — האָט די פרוי געזאָגט מיט אינערלעכער פאַרביטערונג — אַזעלכע וואָס פאַרשטייען אונדזער לאַגע. מיר

דרייען זיך שוין אַרום טעג אין וואַלד און ציטערן פאַר די פויערים מער ווי פאַר די דייטשן. אַז זיי כאַפּן אַן אַנטלאָפענעם ייד פון געטאָ, הרגעט מען אים אָן רחמנות.

— נישט אַלע קריסטן זענען שלעכט... יאָ... יאָ... נישט אַלע... — האָב איך באַמערקט מיט פאַרבאַרגענעם ווייטיק — פאַראַן צווישן זיי פאַרשידענע...

— אָט דאָס וואָס איך זאָג דאָך טאַקע, ליבע פרוי, אָבער ווען די פויערים וואָלטן געוואָלט וואָלטן זיי אונדז געקענט אַ סך העלפן.

— זיי האָבן אויך מורא פאַר זיך, מיינע טייערע... — האָב איך פאַרטיידיקט די פויערים.

— איך מיין אָט די אוקראַינישע מיליץ. ווען איר זעט וואָס זיי טוען צו די יידן, ווען איר זאָלט זען די רויבערייען און מערדערייען!

— איך ווייס... איך ווייס... לאָמיר בעסער נישט רעדן וועגן דעם!... דערציילט וואָס הערט זיך אין געטאָ. ווי לעבן דאָרט די יידן? פון וועלכער שטאָט זענט איר? קענט איר צופעליק אַ ייד פון דאָרף רעטשיצע מיטן נאָמען שמואל וו., אַ שמיד?...

— ניין, ליבע פרוי. מיר קענען נישט אַזעלכן. איז ער אייערער אַ באַקאַנטער?

— יאָ... אַ באַקאַנטער... זייער אַ גוטער באַקאַנטער...

ביז היינטיקן טאָג ווייס איך נישט פאַרוואָס איך האָב אויסבאַהאַלטן מיין יידישקייט פאַר זיי. אויב איך האָב אויסבאַהאַלטן מיין אָפּשטאַם פאַר מיינע קינדער, האָב איך געהאַט אַ טעם דערביי. זאָלן זיי נישט וויסן וועגן דעם. אַז זיי וועלן עלטער ווערן, וועל איך זיי אַלץ דערציילן. זיי וועלן מיך בעסער פאַרשטיין, אָבער פאַר זיי, פאַר אָט די אומגליקלעכע מאַן, פרוי און זייער קינד?

אַז זיי זענען אין עטלעכע טעג אַרום פאַרשוואונדן פון סטאַדאָלע, נאָכדעם, ווי איך האָב זיי געוואָרנט, אַז עס קומען אָפּט ביינאַכט דייטשן זוכן יידן און פאַרטיזאַנער, וואָס עס האָט זיך ליידער באַשטעטיקט, האָב איך זיך זעלבסט פאַרטיידיקט. גלייכער אַזוי. ווען איך זאָג זיי ווער איך בין וואָלט עס פאַרשטאַרקט זייער צוטרוי צו מיר, ביז זיי וואָלטן אַריינגעפאַלן און איך וואָלט זיך קיינמאָל נישט מוחל געווען פאַר דעם. מוחל געווען האָב איך זיך אָבער במילא נישט, וואָרום עס האָט מיר שטאַרק באַנק געטון הלמאי זיי קערן זיך נישט אום. איך האָב פאַר זיי צוגעגרייט קליידער פון אוקראַינער. זיי וואָלטן זיך איבערגעטון און קיינער וואָלט זיי אפשר נישט דערקענט, אַז זיי זענען יידן...

זייער פֿאַרשווונדן פֿון סטאַדאָלע איז ווירקלעך געשען אַזוי אומגעריכט און אין אַזעלכע אומשטענדן, אַז איך בין געווען זיכער, אַז אַנשטאָט מיין טובה איז זיי אַרויסגעקומען אַ רעה. דאָס איז געשען ביינאַכט, ווען אַ שטאַרקער מאַטאָרן־געריש און הינט־בילערייַ האָט מיך אויפגעריסן פֿון שלאָף און אויך פֿאַוועלן און די קינדער. אין הויף זענען מיט אַ ראַפּטאַוונעם גערודער אַריינגעפֿאָרן אַ גרעסערע גרופּע ס.ס.־לייט אין דער באַגלייטונג פֿון דער אוקראַינישער מיליץ, ווי געווייינלעך. זיי האָבן זיך פֿונאַנדערגעשאָטן איבער דער שטוב און די סטאַדאָלעס. געזוכט, געבישטערט אַן אויפהער.

אַז זיי זענען צוגעקומען צו דער סטאַדאָלע בין איך געווען זיכער, אַז דאָס פֿאַרפֿאַלק מיט זייער מיידעלע זענען פֿאַרלוירן און מיר אַלע צוזאַמען מיט זיי. ווי איבערראַשט אָבער איך בין געווען, ווען די ס.ס.־לייט האָבן אין דער סטאַדאָלע קיינעם נישט געפֿונען. דאָס איז אויך פֿאַר מיר געווען אַ רעטעניש. ווו האָבן זיי זיך באַהאַלטן? ערשט אויף מאָרגן, ווען איך האָב לאַנג באַטראַכט די סטאַדאָלע און באַמערקט אַ לאָך אין שטרויענעם דאַך, האָב איך פֿאַרשטאַנען דעם גרויסן נס, וואָס עס איז מיט זיי געשען און אויך מיט מיר. איך האָב פֿאַרשטאַנען, אַז זיי האָבן וואַרשיינלעך דערשנאַפּט דאָס מאָטאָר־געריש נאָך פֿונדערווייטנס און באַוויזן אַרויסצוראַטעווען זיך דורך אויפרייסן אַ פּאָר קוליעס שטרוי אין דאַך און אַנטלאָפֿן.

פֿאַרשטייט זיך, אַז נישט פֿאַוועל, אָדער עמיץ אַנדערש האָט געוווּסט, אַז עמיץ האָט זיך אויסבאַהאַלטן אין אונדזער סטאַדאָלע, פּונקט ווי קיינער האָט נישט געוווּסט נאָך וואָס איך גיי יעדן טאָג אין וואַלד כלומרשט נאָך יאַגעדעס און אין דער אמתן טראָג איך מיט זיך שטיקער ברויט און אַנדער שפּייז, מיט דער האָפֿנונג, אַז איך וועל עמיצן טרעפֿן פֿון די אַנטלאָפֿענע פֿון געטאָ, אָדער פֿאַרטיזאַנער, כדי זיי העלפֿן דערמיט.

אַז איין פֿאַרנאַכט האָב איך אומגעריכט געטראָפֿן פֿאַוועלן אין וואַלד, בין איך שטאַרק איבערגעשראָקן געוואָרן. ער איז אַזוי אומגעריכט אַרויסגעקומען פֿון צווישן די ביימער, אַז דאָס אומגעריכטקייט זעלבסט איז געווען פֿאַר מיר אַן איבעראַשונג, וואָרום איידער ער איז אַרויס פֿון שטוב, האָט ער געזאָגט, אַז ער גייט צו סעריאָזשען און וועט אויך אָפּטרעטן צו זיינע עלטערן אויפן כוטאָר. דערזעענדיק אים בין איך געווען זיכער, אַז ער האָט מיך נאָכגעשפּירט.

— וואָס טוסטו דאָ אין וואַלד איצט? — האָט ער אַ פרעג געטון נישט אויפהויבנדיק זיינע בלוי־גרינע אויגן אויף מיר.

— איך... איך זוך יאַגעדעס אין וואַלד...

— פעלן דיר יאַגעדעס אין שטוב?

— פונדעסטוועגן...

— איצט איז נישט קיין צייט צו קלויבן יאַגעדעס...

— איך מיין... אַ ביסל קאַלינעס אַנצורייסן...

— זאָג דעם אמת, סצערוואָ איינע, — האָט ער אויפגעהויבן זיין שטים — נאָך וואָס לויפסטו יעדן פאַרנאַכט אין וואַלד אַריין, הע?

— ווייל אַזוי וויל איך !!!

ער איז צוגעלאָפן צו מיר ראַפּטום, אַ הויב געטון דעם צודעק פון קאָרב און דערזעענדיק אַ לאַבן ברויט און אַנדער שפּייז, האָט ער מיט איינגע־האַלטענער רואיקייט געפרעגט:

— פאַר וועמען איז עס באַשטימט? זאָג!!!

— פאַר די פויגלען אין וואַלד... — האָב איך געענטפערט מיט אַ שמייכל.

— געדענק וואָס איך זאָג דיר, דוניאַ — האָט ער אַרויסגעברויזט מיט אַנגע־לאָדענעם צאָרן — ועסט ברענגען אַן אומגליק אויף זיך און אויף אונדז אַלע. איצט פאַרשטיי איך, פאַרוואָס ס׳קומען פאַר ביי אונדז כמעט יעדע נאַכט אַבלאַוועס. סעריאָזשא און אדארקא האָבן שוין נישט איינמאָל מיר געוואָרנט, אַז זיי האָבן דיך אָנגעטראָפן זיך אַרומדרייען אין וואַלד....

— זאָג אדארקען, אַז דער קאָפּ זאָל איר פאַר מיר ווייניקער וויי טון. זאָל זי בעסער ווייניקער זיך חנפהנען צו דיר. הערסט?

— גוט. איך וועל איר זאָגן...

— אָט אַזוי!!!

ער האָט מער גאָרנישט גערעדט. אויסגעשפּיגן און מיך איבערגעלאָזט אַליין אין וואַלד.

וויפל איך האָב יענע נאַכט נישט געפּרוּווט אים אויפקלערן, אַז עס איז אַ רחמנות אויף די הונגעריקע מענטשן, וואָס דרייען זיך אַרום איבערן וואַלד, האָט ער מיך נישט געוואָלט פאַרשטיין.

— איך קען נישט באַזאָרגן די גאַנצע וועלט, ווען מיין אייגענע הויט איז אויף מיר ענג. פאַרשטייסט? לעדי סעבע — טאָ בודע ס׳טעבע! (היט בעסער זיך, וועסטו האָבן גענוג!) — האָט ער געענטפערט מיט אַן אוקראַאינישן שפּריכוואָרט. זיינע ווערטער האָבן אָבער נישט געווירקט אויף מיר און איך האָב ביי יעדער געלעגנהייט פאַרגעזעצט צו גיין אין וואַלד. אפשר וועל איך עמיצן טרעפן. אפשר האָט זיך דאָך איינגעגעבן עמיצן פון מיין משפחה, אָדער פון באַקאַנטע אַנטלויפן פון געטאָ. אפשר?

אָבער, אַז איך וועל טרעפן אַ מענטש, וועלכן איך האָב זיך מער נישט

געריכט צו זען אין מיין לעבן — אויף דעם האָב איך זיך גאָרנישט געריכט. יענע באַגעגעניש איז מיט בלוטיקע אותיות אויסטאַטואירט געוואָרן אויף מיין ברוסט און קען נישט אָפּגעווישט ווערן ביזן היינטיקן טאָג. ווי אַ קאַצעט־נומער...

דאָס איז געווען פאַרטאָג. פּאַוועל איז אָפּגעריטן אויפן פערד אין וואַלד אַריין, ווי זיין שטייגער. מיקאָלאַי האָט זיינט יענעם פאַל מיטן אָנגערויבטן זאַק געפּראָוועט מיט מיר ברוגז און נישט פרעגנדיק ביי קיינעם, אָוועק פון שטוב. בלויז יורעק האָט זיך געקליבן אַרויסצוטרייבן די גענדז אויף פּאַשע.

פּלוצים האָב איך דערהערט אַ שטאַרקן געביל פון אונדזער הונט, ראַבטשיק, און גלייכצייטיק דאָס געשריי פון יורעקן: „מאַמאַ! מאַמאַ! קום נאָר אַהער! עפּעס אַ סטאַרעץ, אַ בעטלער געקומען! דער הונט וועט אים צערייסן!".

אַז איך האָב אַ בליק געטון דורכן פענצטער, האָב איך דערזען אַן אַלטן מאַן, אין פויערישע קליידער מיט אַ שטעקן אין דער האַנט. ער איז גע־שטאַנען אָנגעלענט אויפן שטעקן און זיך נישט גערירט פון אָרט. יורעק האָט געהאַלטן דעם הונט פאַרן פּאַסעק ביים האַלדז און געשלעפּט אים צו דער בודע, כדי צובינדן אויף דער קייט.

איך האָב אַ נעם געטון אַ שטיק ברויט און חזיר־שינקע, וואָס איז געבליבן נאָכן פרישטיק אויפן טיש און אַרויסגעלאָפן אינדרויסן. זינט איך געדענקט זיך דאָ, אין דער גאַיוווקע, האָט אַהער קיינמאָל נישט פאַרבלאָנדזשעט קיין בעטלער און דערזעענדיק אים, האָב איך דעריבער געהאַט דאָס געפיל, אַז דאָס איז אפשר אַ פאַרשטעלטער פּאַרטיזאַן, אָדער אַ ייד, וואָס איז אַנטלאָפן פון געטאָ.

איך האָב צוליב דעם נישט געוואָלט, אַז יורעק זאָל אַנוועזנד זיין, בעת זיין געשפּרעך מיט מיר. ווער דאָס זאָל נישט זיין, מוז איך אָבער שפּילן די ראָל, ווי ער וואָלט טאַקע געווען אַ בעטלער, אַ סטאַרעץ.

— גיי, יורעקל, מיט די גענדז. — האָב איך געזאָגט צו יורעקן מיט געמישטע געפילן, דערנענטערנדיק זיך צום פּלויט — איך וועל שוין דעם הונט אַליין צובונדן.

יורעק האָט מיר איבערגעגעבן דעם הונט און אליין זיך אַוועקגעלאָזט נאָך די צעפּלאָשעטע גענדז, וואָס זענען שנעל פאַרשוווּנדן געוואָרן צווישן די בוימער. דערווייל האָב איך צוגעבונדן ראַבטשיקן צום קייט ביי דער בודע און אַליין זיך ווידער געלאָזט צום פּלויט. דער הונט האָט נאָך אַלץ נישט אויפגעהערט זיך רייסן פון דער קייט. איך האָב אים קוים איינגעשטילט. דער

אַלטער איז ווי איינגעגראָבן אונטער זיך, נאָך אַלץ געשטאַנען אויף זיין אָרט און נישט אַראָפּגענומען זיינע אויגן פון מיר.

— פון וואַנען זענט איר, זיידעניו? — האָב איך געפרעגט צוקומענדיק צום פּלויט — איר זענט מסתמא הונגעריק און מיד. איר וועט אפשר אַריין אין שטוב און זיך אָפּרוען?

ער האָט געשוויגן. זיין פּנים איז געווען שטאַר. אָנגעצויגן. די באַקן איינגעפאַלן. דער קאָפּ מיד, אָבער שטאָלץ. אויפגעהויבן. אַ קוים מערקבאַרער שמייכל האָט זיך צעגאָסן איבער זיין געזיכט. גאָט, וועלכער באַקאַנטער שמייכל! ערגעץ־ווו האָב איך שוין געזען עמיצן שמייכלען אַזוי. אַ זעל־טענער שמייכל, וואָס דערמאָנט עפּעס. וואָס? ווען איז עס געווען? ווו? ווער?

— ...טאַ־טע!!!??? טאַטע???

דאָס שטיק ברויט און חזיר־שינקע איז אַרויסגעפאַלן פון מיינע ציטער־דיקע הענט. צי שוין זשע? טאַטע? דו? דוווו???

מיין געשריי האָט געמוזט זיין אַזוי שטאַרק, אַז נאָכדעם ווי איך האָב מער נישט געקענט אַרויסברענגען קיין וואָרט, האָב איך פלוצים דערהערט די טויטע שטילקייט און דאַן דעם עכאָ, וואָס האָט מיר נאָכגעענטפערט: „טעטעטעטעט... עט... עטטט.... טאַ! טאַט! טאַאַאַ! — — —"

— טאַכטער מיינע! דינהלע! — האָב איך דערהערט מיין פאָטערס הייזעריקע שטים — טאַכ־טערל! טאָכ...

מער האָב איך גאָרנישט געהערט און נישט געזען. אַלץ האָט אַ שווינדל געטון פאַר די אויגן, ווי איך וואָלט מיט געוואַלד אַרויפגעשטופּט געוואָרן אויף אַ רייט־וואָגן אין אַ לונאַ־פּאַרק. צוזאַמען מיט מיר האָבן זיך געדרייט אין ווילדן קאַראַהאָד מיינע פאַרלוירענע קינדער־יאָרן און עלטערנס היים. און אַז איך בין געקומען צו זיך, האָב איך זיך דערזען ליגן אין די אָרעמס פון אַלטן בעטלער, מיין אייגענעם טאַטן. דאָס איז נישט געווען קיין וויזיע. מיין אמתער יידישער טאַטע אין קליידער פון אַן אַלטן פויער, אַ בעטלער. מיט אַ טאָרבע אויף די פּלייצעס. יאָ, אַ טאָרבע אויף זיינע איינגעבוי־גענע פּלייצעס.

ער האָט שטיל געשלוכצט. מענעריש. זיין ברוסט האָט זיך געטרייסלט פון שלוכצעריי. דאָס ערשטע מאָל, וואָס איך זע מיין טאַטן וויינען. אַמאָל, ווען איך פלעג אים הערן זאָגן „ברכות" אינדערפרי, האָט זיך מיר אויסגעוויזן, אַז אין זיין שטים הערט זיך געוויין. געוויין אָן טרערן. איצט אָבער... איצט

האָט ער געוויינט. געוויינט מיט אמתע טרערן. אויך איך. און נישט נאָר איך, נאָר... דער גאַנצער וואַלד. די פויגלען אויף די בוימער־שפּיצן. די גרעזלעך און בלעטער. די שטיקער בלויע הימלען פון צווישן די בוימער. אַלץ. אַלץ האָט מיטגעוויינט.

אַז איך האָב זיך באַרואיקט אַ ביסל, האָבן מירביידע זיך ערשט רעכט אָנגעקוקט. לאַנגע מינוטן אַזוי. אָן ווערטער. שווער געווען אַרויסברענגען אַ וואָרט. איך האָב געקוקט אויף אים און נישט געגלויבט. מיין טאַטע? איז עס נישט קיין חלום? אַ מעשהלע, וואָס איך האָב ערגעץ אַרויסגעלייענט פון אַ ביכל? — ניין. דאָס איז נישט געווען געשריבן אין קיין שום בוך. דאָס לעבן אַליין האָט אָט די וויסטע געשעעניש אויספּאַנטאַזירט. בייזוויליק צוגעטראַכט.

נאָכדעם, ווי איך האָב אויפגעזאַמלט מיינע כוחות, האָב איך מיט אַ טרערנדיקן שמייכל אַ פרעג געטון:

— קוקסט מיך אָן, טאַטע, וואָס? אַן אמתע גויע, האַ?...

ער האָט געשוויגן.

— וואָס מאַכט די מאַמע? הערשעלע? גיטעלע?

— זיי לעבן...

— ווי אַזוי האָט זיך דיר איינגעגעבן אַרויס פון געטאָ, טאַטע? פאַרוואָס זענען נישט געקומען די מאַמע, הערשעלע און גיטעלע? אפשר איז מעגלעך, אַז זיי זאָלן אַנטלויפן, זיך אַרויסגנבענען. הערשעלע און גיטעלע וואָלטן זיך געקענט אַנשליסן אין די פּאַרטיזאַנער. זיך אויסבאַהאַלטן ביי מיר.

— עס איז לייכט צו רעדן. הערשעלע איז געקומען פון דער ישיבה, זיצט און לערנט גאַנצע טעג. בעט גאָט פאַר די זינד פון פאָלק ישראל, און גיטעלע... גיטעלע האָט נישט חתונה געהאַט... אָבער איצט... איצט איז שוין אַלצאיינס...

— יאָ... אַלצאיינס, טאַטע. די וועלט ברענט... אָך, ווי דו זעסט אויס!... איך האָב דיך קוים דערקענט!... גאָט, מיין טאַטע — אַ בעטלער!?...

איך האָב נישט געוווּסט פון וואָס אָנהויבן און וועגן וואָס ווייטער רעדן.

די יידישע שפּראַך האָט נאָך העכער אַכצן יאָר זיך קוים געלייגט אויף מיין צונג. אויסגעקומען פרעמד. נישט היימיש. איך האָב געוואָלט פרעגן אַ סך און גאָרנישט...

— קום אַריין אין שטוב, טאַטע. אַפילו אויב עמיץ וואָלט אָנגעקומען, וואָלט דיך אין די דאָזיקע קליידער קיינער נישט דערקענט. וועג... ווען דו

וואָלסט נאָך דערצו אָנגעטון אַ צלם, וואָלסטו געקענט לייכט די מלחמה איבערקומען... איך קען דיר אויך אויסלערנען אַ מאָדליטווע אַזאַ... איך...

ער האָט אויפגעהויבן אויף מיר זיינע גרויע אויגן און זיי גלייך אַראָפּ־געלאָזט צוריק. איך האָב פאַרשטאַנען, אַז מיינע ווערטער זענען נישט בינדיק, אָבער איך האָב געגלויבט אין זיי אויפריכטיק. מיין טאַטע וואָלט געקענט איבערלעבן דעם קריג אין דעם זעלבן אויסזען. ווער וואָלט אים דערקענט? אויך זיי, די מאַמע, הערשעלע און גיטעלע... איך וואָלט זיי איבערגעטון... אויסבאַהאַלטן...

איך האָב געוואַרט אויף טאַטנס הסכמה־ענטפער און דערווייל נישט אויפגעהערט אים באַטראַכטן. יאָ. דער זעלבער טאַטע. נישט מער, וואָס זיינע הענט זענען נישט מאָזאָלירט. נאָך קיינמאָל האָט ער נישט געהאַט אַזעלכע זויבערדיקע הענט...

— ניין, טאָכטער. — האָט ער זיך אָפּגערופן נאָך אַ ווײַלע פון שווייגן. — איך וועל צו דיר אין שטוב נישט אַריין, וואָרום נישט וועגן דעם בין איך געקומען צו דיר. ניין. נישט וועגן דיין הילף פאַר אונדז.

— וואָס דען, טאַטע? וואָס דען?

— איצט... איצט איז די צייט, אַז מיר זאָלן זיך איבערבעטן, טאָכטער. איצט, אָדער קיינמאָל מער!... גאָטס צאָרן האָט זיך אויסגעגאָסן אויף אונדז... מיר קומען אָפּ אונדזער שטראָף...

— וועגן וועלכער שטראָף רעדסטו, טאַטע?

— וואָס מיר קומען אָפּ איצט... פאַר אונדזערע זינד...

— זענען אַלע יידן זינדיק, טאַטע, וואָס אַלע קומען זיי אָפּ? איך פאַרשטיי דאָך, וואָס דו מיינסט, טאַטע. לאָמיר זאָגן, אַז דו האָלטסט, אַז איך בין שולדיק אין דיינע און אין מאַמעס ליידן, אָבער אַלע יידן? אויך די אומשולדיקע?... וועמענס קינדער זענען נישט אַריבער צו קיין אַנדער גלויבן.... די רביים?... די ישיבה־בחורים?... די פאַרזעסענע מיידלעך?... די אָרעמעלייט?...

ער האָט ווידער געשוויגן. די שטילקייט האָט מיך געפּייניקט. זיין שווייגן נאָך מער. זאָל ער מיך איצט אויסזידלען. שרייען, אַפילו שלאָגן. ווי לע־בערלעך! שלאָגן! וואָס וואָלט איך אים דען איצט נישט מוחל געווען?

— ניין, טאָכטער, ניין. — האָט ער ווידער אָנגעהויבן מיט אַ שטילער שטים — איך בין נישט געקומען מאַכן מיט דיר קיין חשבונות, טאָכטערל. איך וויל דיר נאָר עפּעס זאָגן...

— זאָג, טאַטע. זאָג וואָס דו ווילסט. זידל מיך, טאַטע. זידל מיך אויס!...

— ניין, איך בין נישט מער ברוגז אויף דיר, טאָכטער. נישט קיין צייט פאַר ברוגזן. איך האָב לאַנג געטראַכט ביז איך האָב באַשלאָסן איינצושטעלן מיין לעצטע האָפנונג און קומען צו דיר. דערצו אין אַזאַ הילוך. זאָל מיך גאָט נישט שטראָפן פאַר די געגנבעטע קליידער פון אַ פויערישן פלויט, נאָכדעם ווי איך האָב זיך אַרויסבאַקומען ביינאַכט פון געטאָ. דאָס איז מיין ערשטע אומשולדיקע גניבה אין לעבן און אפשר די לעצטע. אָבער... איך וואָלט געוואָלט... יאָ... איך וואָלט געוואָלט, אַז... דו זאָלסט תשובה טון, טאָכטער. עס איז אַ צייט פון תשובה. עס איז באחרית הימים...

— תשובה? וואָס מיינסטו דערמיט, טאַטע?

— איך... איך וואָלט געוואָלט, אַז דו זאָלסט זיך צוריקקערן צו דיין שטאַם, צו דיין פאָלק. געגנוג געזינדיקט... געגנוג!...

— מיינסט, אַז איך זאָל זיך איבערגעבן צו די דייטשן? אַריין אין געטאָ?

— זיך אַריינגנבענען אין געטאָ? יאָ, טאָכטער, אַפילו! צוזאַמען מיט אַלע יידן! די לעצטע תשובה, טאָכטער! די לעצטע!...

— מיינסט עס ערנסט, טאַטע? זאָל איך איצט פאַרלאָזן מיין היים, די קינדער, די מעגלעכקייט אייך העלפן און...

איך האָב נישט געקענט רעדן מער. איך בין געווען דערשטוינט. איך בין דאָך געווען זיכער, אַז ער איז געקומען נאָך הילף, אָבער אַז ער זאָל מיך צורעדן זיך לאָזן אַריינגנבענען אין געטאָ אין אַזאַ צייט גראָד — אָ, דאָס האָט זיך מיר בשום אופן נישט געלייגט אויפן שכל. איך האָב זיך אָנגענומען מיט מוט און געזאָגט:

— טאַטע, אפשר איז גאָר אַזוי באַשערט געווען, אַז איך זאָל ווערן אַ קריסטין, כדי אייך איצט קענען העלפן. צי גיסטו זיך אָפּ אַ רעכנונג וואָס דו לייגסט מיר פאַר, טאַטע? וועט אייך זיין גרינגער צו ברענגען נאָך אַ קרבן אָנשטאָט צו ראַטעווען אייך?

— מיר וועלן זיך שוין קיינמאָל נישט פאַרשטיין, אויב דו רעדסט אַזוי! — האָט ער אַ זאָג־געטון אומגעדולדיק און זיך געלאָזט גיין צוריק אין וואַלד. איך בין אים נאָכגעגאַנגען.

— טאַטע, וואַרט! ווו גייסטו? האָסט אַפילו נישט געגעסן? וואָס איז מיט דיר?...

ער האָט נישט געענטפערט און ווייטער געשפּאַנט מיטן שטעקן אין

האַנט, ווי אַ משולח, וואָס איך האָב אַ מאָל געזען אויף אַן אילוסטראַציע, ווי אַ „זשיד וויעטשני טולאַטש", אייביקער נע־ונד־ייִד, פון דער קריסטלעכער לעגענדע. אַ פאַרשאָלטענער ייִד...

איך האָב זיך מער נישט געקענט באַהערשן און צופאַלנדיק צו אַ שטאַם פון בוים, זיך צעשלוכצט הויך, אויף אַ קול. ער האָט זיך פאַרהאַלטן אויף אַ ווײַלע. איז צו מיר צו און אַ מינוט געשוויגן. אַז איך האָב זיך עטוואָס אײַנגעשטילט, האָט ער געזאָגט:

— פאַרשטייסט, דינה, איך בין געקומען צו דיר, ווײַל איך וויל שטאַרבן מיט אַ רויִקן געוויסן. איך האָב זיך פאַרזינדיקט מסתמא מיט עפּעס און וויל, אַז גאָט זאָל מיר מוחל זײַן, וואָס ער האָט מיך אַזוי באַשטראָפט.

— וועלכער גאָט? וועלכער גאָט? — האָב איך זיך כמעט צעשריגן — ווו איז ער, ווו? זע וואָס ער טוט, אָט דער גאָט דײַנער! זע!

— און וואָס טוט דײַן גאָט, וואָס? עך, טאָכטערל!...

— איך גלויב נישט אין קיין געטער, טאַטע. איך גלויב נישט! פאַר־שטייסט? זיי זענען אויסגעטראַכט געוואָרן דורך מענטשן לויט זייער פאַרלאַנג. דײַן גאָט, אין וועלכן דו גלויבסט, צו וועלכן דו ווילסט תשובה טון פאַר די נישט באַגאַנגענע, אָדער אויסגעטראַכטע זינד, איז אומבאַהאָלפן! אומבאַהאָלפן! — האָב איך געשריגן, וויסנדיק, אַז איך דאַרף נישט רעדן אָט די רייד אין די דאָזיקע מינוטן — די אַנדערע געטער איז באַקוועם צו ברענגען די „ישועה" דורכן שווערד און בלוט. אויב איך האָב אָנגענומען פאַרוועלס גלויבן איז ווײַל אַזוי איז געווען באַקוועמער. אויך איצט ווילסטו עס נישט פאַרשטיין. אויך איצט! אויך איצט!...

מײַן טאַטע האָט מיך שוין לאַנג נישט געהערט. ער האָט ווידער געשפּאַנט צווישן די ביימער און איך בין אים ווידער נאָכגעלאָפן.

— טאַטע! באַדענק זיך! באַדענק זיך! איך קען אײַך ראַטעווען איצט! טאַטע!!!

— איך בין נישט קיין מיוחס, קיין בן יחיד ביים רבונו של עולם. וואָס עס וועט זײַן מיט כלל ישראל — דאָס וועט זײַן מיט מיר! מיט אונדז אַלע!...

דאָס זענען געווען זײַנע לעצטע ווערטער. ער האָט צוגעאײַלט זײַנע טריט און זיך מער נישט אומגעקוקט. לאַנגע מינוטן בין איך געשטאַנען, ווי אַן אײַנגעגראָבענע אונטער זיך. אַלץ האָט געשווינדלט פאַר די אויגן. אין קאָפּ האָט געררוישט. זײַן הויך־אײַנגעבויגענע פיגור איז שוין לאַנג

פאַרשוווּנדן צווישן די בוימער. די לעגענדע האָט זיך פאַרענדיקט. אפשר אויף אייביק! — — —

# דאָס געוויין פון אַ הונט

די צייט אין דער גאַיוווקע שלעפּט זיך איצט, ווי אַ גייענדיקער זייגער אָן ווייזערס. די טעג גייען, אָבער דוכט זיך, אַז זיי שטייען אויף איין און דעם זעלבן אָרט. שטעכעדיק און מאָנאָטאָן־קאָלירעדיק, ווי די יאָדלעס־נאָדלען. אומעטיק רוישט דער ווינט מיט די געלב־אָראָפּגעפאַלענע אלולדיקע בלעטער און שישקעס. קיינער קומט נישט. קיינער גייט נישט אַוועק. אַמאָל גייט אַ רעגן. ניין, ער גייט נישט, נאָר פאַלט. פאַלט אין בלאָטע...

איינער פון מיינע גערן־געזעענע געסט איז אַלעקסיי. איך האָב ליב, אַז ער קומט אַריין. ער באַגריסט זיך פריינדלעך און זעצט זיך פאַרן טיש.

— ווו זענען אַלע?

— נישטאָ אין שטוב.

— אַוועק?

— אַוועק.

— אָט אַזוי איז עס. שלעכטע צייטן! עך, אַ טראַסציע אין זייער מאַמען אַריין, צייטעלעך אָנגעשטאַנען!

— וואָס הערט מען נייעס, באַטקע?

אַלעקסיי שווייגט. ביז ער פאַררויכערט נישט זיין ליולקע און זויגט אַריין דורך דעם ציבוק אַ גוטע פּאַרציע רויך, פאַרבאַרגט ער דאָס, וואָס ער וויל זאָגן. איך ווייס שוין, אַז טאָמער ענטפערט ער נישט גלייך אויף מיין פראַגע איז נישט קיין גוטער סימן. זענען הייסט עס, פאַראַן טרויעריקע נייעס. וואַרט איך מיט אומגעדולד, ביז ער קוועטשט צו מיט זיין פאַרגעלבטן ניקאָ־טין־נאָגל פון גראָבן פינגער דאָס בלעכערנע דעקעלע, פּאַמפּקעט און זויגט דעם ציבוק. זויגט און שווייגט. ענדלעך טוט ער זיך אַ דריי פאַר די לאַנגע וואָנסעס און אויסשפּייענדיק פעסט, ווי זיין שטייגער, נעמט רעדן אָפּנהאַרציק:

— נישט גוט, דוניאַ, נישט גוט, אַזוי צו זאָגן...

— וואָס איז געשען? נעמען ווידער די דייטשן אַוועק דאָס גערעטעניש?...

— דאָס וואָלט נאָך גוט געווען. האָסט דען נישט געהערט?

— ניין. נישט געהערט.

— האָט דיר פּאַוועל נישט דערציילט?

— איך דערקען אים נישט לעצטנס. ער רעדט כמעט נישט צו מיר. קומט אַ שיכורער און גייט גלייך שלאָפֿן.

אַלעקסיי האָט זיך פֿאַרטראַכט אַ ווײַלע.

— אַ היגטישער זון אַזאַ. אַלץ אָט דער סעריאָזשאַ, אַ טראָסציע אין זיין מאַמען אַריין. לעצטנס האָט ער זיך פֿאַרבונדן מיט אָט דער שוועגערין מיט זיינער, אַנישקאַ.

— ווער? פּאַוועל?

— ווער דען. זי איז זיך צעגאַנגען מיט איר מוזשיק, נו האָט זי אים פֿאַרלאָזן און געקומען צו אים, צו סעריאָזשען אין „פּרוטשקעס”. אַ נקבה אַ היגטישע, אַן אמתע סוטשקע, אַזוי צו זאָגן... אַזש פֿון יאָסעניעץ געקר־מען אַהער.

— איך האָב נישט געוווסט וועגן דעם...

— נישט כדאי, דוניאַ, זאָג איך דיר. באמת נישט כדאי. עד! די וועלט איז אַראָפּ פֿון זיגען זאָג איך דיר און שוין. מיין אייגענעם זון דערקען איך אַפֿילו נישט מער. גאָרנישט דער זעלבער פּאַוליוק, וואָס אַמאָל. אָט אַזוי איז עס. דאָטשקאַ. איינער שטעקט זיך אַן פֿון אַנדערן, ווי פֿון אַ זאַראַזע, אַ קרענק.

איך דערלאַנג אים אַ גלעזל בראָנפֿן, איבער וועלכער ער זיצט לאַנג, נישט צורירנדיק זיך צו דעם. ער זעצט פֿאָר צו רעדן און זיך אַראָפּרעדן. ער דערציילט מיר וועמען און פֿאַרוואָס מען האָט דערהרגעט און וואָס עס קומט פֿאָר אין שטאָט. דער סוף איז — זאָגט ער מיושבדיק — אַז די דייטשן וועלן אומברענגען אַלע יידן, אָבער ביז זיי וועלן זיך נעמען צו אונדז וועלן מיר זיך אַליין אויסשעכטן. איינער דעם צווייטן מסרט און באַגראָבט.

— איר האָט מיך געפֿרעגט צי איך האָב נישט געהערט. וואָס האָט איר געמיינט דערמיט, באַטע?

— נו... איך מיין... מען ליקווידירט שוין דעם געטאָ. אָט... אָט.... און נאָך אַלעמען. גאָורילען פֿון דעמידאָווקע, וואָס האָט אויסבאַהאַלטן אַ יידישע משפחה, האָט מען דערשאָסן. דעם זון פֿון נאַהומעץ האָט מען געהאַנגען אינמיטן מאַרק, ווייל מען האָט אים געמסרט, אַז ער שטייט אין פֿאַרבינדונג מיט די פּאַרטיזאַנער. חושך, זאָג איך דיר. עק וועלט. דאָס לעבן פֿון אַ מענטש איז קיין שפּיי מער נישט ווערט, אַזוי צו זאָגן...

איך שווייג און לאָז אים רעדן. זיינע ווערטער זענען פֿאַר מיר אַ געוויסע

טרייסט. איך האָב ליב אָט דעם קלוגן און מיושבדיקן פויער, וואָס איז אַ שטאַרקער קעגנער פון די רציחות איבער אומשולדיקע מענטשן. אַז מען האָט געקוקט אויף אַלעקסייען האָט מען געקענט האָבן דעם איינדרוק, אַז אויך ער וואָלט זיך נישט אָפּגעהאַלטן פון דערהרגענען אַ מענטש, אָבער דאָס איז נאָר אויפן ערשטן בליק. אפשר צוליב זיינע אָנגעכמורעטע ברעמען און האָפּערדיקע וואָנסעס, וואָס זענען זיין שטאָלץ פון די צייטן ווען ער איז געווען אַ סאָלטוס. אין דערווירקלעכקייט האָט ער אַ וואַרעם האַרץ. ער שלאָגט קיינמאָל נישט זיין מאַריען, ווי אַנדערע פויערים. קריגט זיך נישט אַרום מיט קיינעם און דאָך האָבן אַלע אָפּשיי פאַר אים.

אַז ער רעדט זיך אַראָפּ פאַר מיר וואָס ער דענקט אין די דאָזיקע טעג געדויערט פונקט אַזוי לאַנג וויפל ער פאַרענדיקט אויסצוקוויכערן זיין ליולקע. צום סוף טרינקט ער אויס דאָס גלעזל בראַנפן, שפּייט אויס אין אַ זייט און גייט אַוועק צו זיין כוטאָר. ווי נאָר ער גייט אַרויס פון שטוב, דערפיל איך ווידער די אומעטיקייט, וואָס הערשט אין דער גאַיוווקע און איך פאַרנעם לאַנג דאָס געקרויש פון די הויכע סאָסנעס־בוימער, וואָס קוקן אַריין צו מיר אין די פענצטער פון אַלע זייטן.

ביינאַכט דריי איך זיך לאַנג אַרום איבער דער שטוב און וואַרט אויף עפּעס אַזעלכעס, וועמענס באַדייט איך פאַרשטיי אַליין נישט. אָט דאַכט זיך מיר, אַז עמיץ קלאַפּט אין מיין פענצטער. פּאַוועל מיט מיקאָלאַיען זענען נישטאָ אין שטוב. יורעק שלאָפט און איך פּאָרע זיך אַרום און טראַכט. אַלץ וואָס אַ מענטשלעכער מוח ביי מיינע אומשטענדן איז מסוגל צו טראַכטן, האָב איך שוין איבערגעטראַכט. אין הויף וואַיעט דער הונט און וואַרפט אָן נאָך מער אומעט אויף מיר. אפשר וועלף דערנענטערן זיך צו די שטאַלן, אָדער הונגעריקע מענטשן, וואָס לעבן אַ וואָלפישן לעבן. קוק איך אַרויס דורך די שויבן אין דער נאַכט אַריין און אַז איך זע קיינעם נישט פאַרצי איך דאָס פאַרהאַנגל און לייג זיך אין בעט. שלאָפן קען איך במילא נישט — ליג איך מיט אָפענע אויגן און טרוים וועגן... גאָרנישט. ביז איך דערהער אַ סקריפּ פון דער טיר. עס קומט אַריין פּאַוועל, אָדער מיקאָלאַי. זיי לעשן אויס דעם נאַפט־לאָמפּ און לייגן זיך שלאָפן. איך מאַך זיך שלעפערדיק, ביז איך ווער ענדלעך איינגעשלאָפן.

אַזוי טאָג־איין, טאָג־אויס. איך פיל, אַז איך בין נישט אימשטאַנד פאַרצווועצן אַזוי מיין לעבן. איך וועל אַוועק אין וואַלד. זאָל זיין וואָס עס וויל זיך. איך וועל איבערלאָזן אַלץ און אַוועק. איך וועל אויפזוכן אַ גרופּע

פּאַרטיזאַנער און זיך אָנשליסן אין זיי. גענוג!!! מאָרגן וועל איך עס טון. אפשר איבערמאָרגן. כ׳וועל רעדן מיט יורעקן. אים אַלץ דערציילן. אפשר אויך אַלעקסייען, אָדער... אָדער קיינעם גאָרנישט. כ׳וועל פאַרשווונדן ווערן און פּאַרטיק. צוריקקערן זיך וועל איך ביי בעסערע טעג, וואָס מוזן קומען. אַנדערש קען נישט זיין. איך גלויב אין דעם מיט מיין טיפסטער איבער־צייגונג.

מיין באַשלוס איז צערינען געוואָרן אַ סך פריער, ווי איך האָב עס געקענט דערוואַרטן, און אַ סך גרויזאַמער, ווי איך האָב זיך עס געקענט פאַרשטעלן.

דאָס איז געווען אַ טאָג נאָך דעם, ווען איך האָב געהאַט אַ שאַרפן ווערטער־אויסטויש מיט פּאַוועלן, ווען איך האָב אין שפּעטן אָוונט גע־טראָפן מיט אַניושקען ביי סעריאָזשען, ווו אַלע האָבן געשיכורט.

שטייענדיק פאַרטאָג אין הויף מיט אַ שיסעלע קערנער אין האַנט, פון וועלכער איך האָב געקאָרמעט די הינער, האָב איך פּלוצים דערהערט אַ שטאַרקן מאָטאָר־געריש. דער הונט אויף דער קייט האָט זיך שטאַרק צעבילט.

— ס.ס.־לייט!

דער דזשיפּ מיט צוויי ס.ס.־לייט און אַן אוקראַאינישן מיליציאַנער האָט זיך האַסטיק פאַרהאַלטן ביים טויער. זיי זענען אַראָפּגעשפּרונגען פון דזשיפּ און גלייך זיך געלאָזט צו מיר. דאָס האַרץ האָט אַ זעץ געטון. מסתמא ווידער זוכן פּאַרטיזאַנער. קיינער אויסער מיך איז אין דער היים נישטאָ. וואָס זאָל איך זיי זאָגן? ווען וועט נעמען אַ סוף צו דעם? צום טייוול!

— דו בינסט דינה וו.? — האָט געפרעגט איינער פון די ס.ס.־לייט צוקומענדיק צו מיר מיט לאַנגזאַמע טריט. זיינע אויגן האָבן בייז געשמייכלט.

— מיין נאָמען איז דוניאַ ליאַסקאָוויטש...

— מיידלשער נאָמען? — האָט ער געפרעגט אין אַ שלעכטן אוקראַאיניש.

— דינה וו.!

— אַ זשידוווקע?

— יאָ. געווען אַ יידישקע און אָנגענומען דעם קריסטלעכן גלויבן. אַ פּראַוואָסלאַוונע.

— אַך, דאָס איז דאָך לעכערלעך... — האָט ער אַ שמייכל געטון און דער צווייטער ס.ס.־מאַן, וועמענס פּנים עס איז געווען תּליניש שטייף און אָנגעצויגן, איז געשטאַנען און געהיט מיך מיט זיינע שאַרפע בליקן פון

אַ דרעסירטן הונט. דער אוקראַינישער מיליציאַנער איז געשטאַנען ביי זייער זייט מיט אַ חניפהדיקן הכנעה־שמייכל, גרייט אויסצופירן זייער יעדן באַפעל.

— וואָס ווילט איר פון מיר? — האָב איך געפרעגט מיט געמאַכטער תמימות, אָריענטירנדיק זיך גוט אין מיין סיטואַציע.

— געגאַנגען מיט אונדז!... — האָט דער ס.ס.־מאַן באַפוילן, און נאָך איידער איך האָב באַוויזן עפּעס ווידער צו פרעגן, האָט דער צווייטער, מיטן ערנסטן פּרצוף, מיך ברוטאַל אַ שטופּ געטון פאָראויס. דאָס שיסעלע מיט קערנער איז אַרויסגעפאַלן פון מיינע הענט און ווידער צעפּלאָשעט די הינער, וואָס האָבן זיך נאָכאַמאָל פאַרזאַמלט אַרום מיר און גענומען אין געאיילעניש קלויבן די קערנער.

— יורעק! מיקאָלאַי! מיינע קינדער! — האָב איך אַרויסגעמורמלט אַ צעטומלטע — איך האָב זיך דאָך אַפילו נישט געזעגנט מיט זיי. וווּהין נעמט איר מיך?...

— שנעללער! שנעללער!!! — האָבן זיי מיך געשטופּט פאָראויס. און נאָך איידער איך האָב זיך רעכט באַדענקט, בין איך שוין געווען אויסער מיין הויף.

— אַרויפגיין אויפן דזשיפּ! — האָט דער אוקראַינישער מיליציאַנער מיך אונטערגעשטופּט מיט פרעכהייט.

— איך האָב דאָך אַפילו נישט צוגעמאַכט דאָס טירל פון הויף... — האָב איך געזאָגט מיט אַ געמאַכטן שמייכל — וואָס קומט דאָ פאָר?

— האָב נישט מורא, מען וועט שוין צומאַכן — האָט דער מיליציאַנער באַמערקט כיטרע און צוגעגעבן שפּאָטיש — נו, שנעלער אַרויף אויפן דזשיפּ!

דער דזשיפּ האָט זיך שנעל געטראָגן צווישן די בוימער. געטרעסעט זיך אויף די קרומע סטעזשקעס, וואָס האָבן געפירט צום שליאַך אַרויס. איך האָב געהאַט דאָס געפיל, ווי עמיץ וואָלט מיך פּלוצים אַראָפּגעשליידערט פון אַ הויכן בוים און איך בין נישט מסוגל צוזאַמענצונעמען די געדאַנקען וואָס מיט מיר איז געשען. ביסלעכווייז האָב איך באַגריפן מיין אמתע לאַגע. די ס.ס.־לייט, וואָס זענען געזעסן ביי מיין זייט און דער אוקראַינישער מיליציאַנער האָבן עס מיר געגעבן גוט צו פאַרשטיין.

אַז איך האָב זיך ערשט רעכט באַדענקט, האָב איך זיך אָפּגעשטעלט אויף דער פראַגע, פונוואַנען און ווי אַזוי, נאָך אַזוי פיל יאָרן איז מען

געוויר געוואָרן וועגן מיין אָפּשטאַם. האָט מיך עמיץ געמסרט? און בכלל... אַז איך בין אַמאָל געווען אַ יידישקע, איז עס אויך אַ פאַרברעכן? אייגנטלעך האָב איך דאָך שוין מער גאָרנישט צו טון סיי מיט מיין אַרט לעבן און סיי מיט מיין אויפפירונג, מיטן יידנטום!...

יאָ, געלעבט האָב איך אַלס קריסטין, אָבער שטאַרבן וועל איך מוזן אַלס... אַלס יידישקע. אזוי ווי מיין טאַטע האָט געוואָלט: „איך בין נישט קיין מיוחס, אַ בן־יחיד ביים רבונו של עולם״. אוי, ווי לעכערלעך! ווי לעכערלעך!... — האָבן געעקבערט געדאַנקען אין קאָפּ.

מיין לאַגע איז אָבער בכלל נישט געווען קיין לעכערלעכע. איך האָב נישט חשק געהאַט שטאַרבן נישט אַלס יידישקע און נישט אַלס קריסטין. פאַרוואָס זאָל איך שטאַרבן אין סאַמע בלי פון מיינע יאָרן? פאַר וועלכן חטא? ניין! איך מוז לעבן! איך מוז!...

אַ געוואָגטער געדאַנק האָט אַרומגעכאַפּט מיין גאַנצן וועזן. אַנטלויפן! אַז איך וועל האָבן גליק, וועל איך בלייבן לעבן, אַפילו זיי וועלן מיך נאָכשיסן, און טאָמער עס וועט מיך טרעפן זייער קויל — וועט דער טויט נישט זיין אַזוי שרעקלעך און לעכערלעך. אַנווירן איז במילא נישטאָ וואָס. נאָר נישט געפּייניקט ווערן דורך זיי און נישט אויסשטיין זייערע אויס־פאַרשונגען און שפּאָטערייען. ווי זאָגט מיין שוויגער מאַריאַ: דריי מאָל קלינגען די גלעקער נאָך אַ מענטש. דאָס ערשטע מאָל, ווען ער ווערט געבוירן; דאָס צווייטע מאָל, ווען ער האָט חתונה און דאָס דריטע מאָל, ווען ער שטאַרבט. הייסט עס, אַז נאָך מיר וועלן שוין די קלויסטער־גלעקער נישט קלינגען!...

אַזוי בין איך געזעסן צווישן די צוויי ס.ס.־לייט און אוקראַינישן מיליי־ציאָנער אַ פאַרזונקענע אין מיינע געדאַנקען און געפּלאַנט ווי אַזוי איך זאָל אַנטלויפן. וועלכע בעסטע סטראַטעגישע געלעגנהייט איך זאָל האָבן דערצו. עס האָט מיר באַנק געטון הלמאי איך האָב עס נישט געפּרווט נאָך אין וואַלד, צווישן די בוימער, אָבער עס איז שוין געווען צו שפּעט.

איצט איז דער דזשיפּ געפאָרן איבערן אָפענעם שליאַך און עס האָט נישט געקענט זיין מער קיין רייד פון אַנטלויפן. דאָס האַרץ האָט געגאַגט. עס האָט מיר באַנק געטון מיין היים. די קינדער. פּאַוועל. זיי וועלן אפילו נישט וויסן וווהין איך בין פאַרשוווּנדן געוואָרן. אַזוי אומגעריכט. ווער האָט זיך געקענט ריכטן? ווען האָב איך שלעכטס געטון? זאָל עס זיין אַ שטיקל אַרבעט פון אַניושקען? אַדאַרקען, אָדער גאָר פון סעריאָזשען? — יאָ, סעריאָזשאַ! ער האָט דאָך נישט איינמאָל מיך געטראָפן זיך אַרומדרייען

איבערן וואַלד מיט אַ קאָרב. ער האָט מיט זיינע כיטרע, כמעט תמיד פאַר־שיכורטע אויגן מיך לעצטנס אַזוי באַטראַכט. דרייסטער געוואָרן צו מיר און זיינע „פלירטן" מיט מיר זענען געוואָרן חוצפהדיקערע. אַז איך האָב אים איינמאָל אָפּגעשטויסן פון זיך בעת ער איז אַריינגעקומען אין שטוב ווען פּאַוועל איז נישט געווען און מיך פעסט צוגעדריקט צו זיך, גענומען פרעך קנייפּן, האָט ער אויסגעשפּיגן און אַ זאָג־געטון צו מיר מיט כעס: „וועסט מיך נאָך בעטן, אַז איך זאָל זיך דורכשלאָפן מיט דיר!..." און ער איז אַרויס.

נישט איינמאָל האָט ער מיך געטראָפן אין שייער, אָדער הינטער אַ קאָפּע היי און זיך גלייך געוואָרפן אויף מיר. זיינע אויגן האָבן ווילד געלאַכט. ער האָט זיך שנעל אָנגעצונדן און גענומען קנייפּן מיך ביים בוזעם, איך האָב אים אָפּגעשטופּט, אָבער ער איז נאָך פרעכער געוואָרן און מיך אַ שליי־דער געטון אויף דער ערד, צווישן די גראָזן. איך האָב זיך גענומען ראַנגלען מיט אים און אַז איך האָב דערזען, אַז זיין פרעכהייט וואַקסט אָן, האָב איך אים אַזאַ פעסטן שפּיי געטון אין די אויגן, אַז ער איז גלייך אָפּהענטיק געוואָרן. איך האָב אויסגענוצט זיין פאַרלוירנקייט און אַנטלאָפן פון אים, איבערלאָזנדיק אים אַ צעקאָכטן הינטער דער קאָפּע היי. עטלעכע טעג איז ער נאָך דעם פאַל נישט געקומען צו אונדז און ווען ער איז דאָך זונטיק אַריינגעקומען אַ שיכורער, האָט ער זיך געמאַכט ווי צווישן אונדז וואָלט גאָרנישט געשען. גאַנץ נאַטירלעך. זיך נישט איינגעגעבן, איז נישט. ער האָט בלויז אַ זאָג געטון צו מיר „געדענק!..." און זיך ברייט געזעצט פאַרן טיש, ווי זיין שטייגער, צו דער „בוטילקע", צום פלאַש בראָנפן, וואָס ער האָט מיטגעבראַכט מיט זיך און גענומען טרינקען.

איצט האָב איך עס ווירקלעך געדענקט. דערמאָנט זיך וועגן דעם און בין געווען איבערצייגט, אַז ער, סעריאָזשאַ, און נישט עמיץ אַנדערש, האָט זיך עס נוקם געווען אין מיר הלמאי איך האָב אים אָפּגעשטויסן פון זיך.

מיינע געדאַנקען זענען צעשמעטערט געוואָרן, ווען דער דזשיפּ איז אַריינגעפאָרן אין שטאָט. מיינע אויגן האָבן דערזען מחנות יידן. אַלט און יונג, אייניקע מיט פּעקלעך אין די הענט, וואָס זענען געטריבן געוואָרן אויסער דער שטאָט, אין דער ריכטונג צו אַ וועלדל, וואָס האָט זיך געפונען נעבן אַ זאַמדיקן שליאַך. מיין האַרץ האָט גלייך אונטערגעזאָגט: „זייער לעצ־טער וועג".

— לאָזט מיך דאָ אַראָפּ! דאָ זענען אויך מיינע עלטערן! — האָב איך זיך געבעטן, אָבער דער מיליציאַנער האָט מיך „געטרייסט": „וועסט נאָך באַווייזן!..."

איך בין אַנטשוויגן געוואָרן. ביי די זייטן זענען געשטאַנען פויערים און פויערטעס און זיך צוגעקוקט ווי מען טרייבט די יידן. אַנדערע האָבן געלאַכט און אַנדערע האָבן אויסגעדריקט באַדויערן און פחד. דער טומל איז דאָ געווען גרויס. אַ טויט־יאַריד. דער מלאך המוות רייט אויף פערד און צופוס, מיט אויסגעשטרעקטע אויטאָמאַטן און רעוואָלווערס אין די הענט. קינדער וויינען. זקנים זאָגן שטילע תפילות. איך זע בלויז פאַרצאַרנטע פּנימער. איך זוך צווישן זיי היימישע געזיכטער. פאַר גרויס צעטומלטקייט פאַל איך אַריין אין אַ גלייכגילטיקייט. דער דזשיפּ פאָרט נאָך. מיין גאַנץ וועזן רייסט זיך אַראָפּצושפּרינגען פון אים און זיך צוזאַמענמישן מיט אָט דער הילפלאָזער מאַסע. איך קען אָבער נישט רירן מיט קיין אבר. אַלץ אין מיר איז אָפּגע־שטאָרבן, ווילנסלאָז. מאַכטלאָז.

פלוצים... ווי באַהערשט פון אַ משוגעת־אָנפאַל, טו איך זיך אַ ריס פון דזשיפּ. אין איין אויגנבליק מיש איך זיך אויס צווישן די פויערטעס און זייערע קינדער, וואָס שטייען אין די הונדערטער ביים ראַנד־שליאַך. איך דערהער אַ געשריי: „האַלט! האַלט!”. עס אַנטשטייט אַ שטאַרקער טומל. שיסערייען. די פויערטעס פאַלן אַריין אין אַ היסטערישן געשריי. זייער „נייגעריקייט” ווערט צעפלאָשעט. זיי נעמען לויפן. איצט בין איך איינע פון זיי: די זעלבע קליידונג און אויסזען.

אָט זענען די לעצטע הייזער פון דער „גויאישער גאַס”. אַ בלינד געסל. איך לויף אַריין אין געסל. הייפן. פלויטן. איך שפּרונג איבער אַ פלויט. נאָך אַ פלויט. אַ טיר עפנט זיך און פאַרהאַקט זיך. די פּאַניק וואַקסט אָן. די פויערטעס מיט קינדער אויף די הענט באַהאַלטן זיך פון די שיסערייען און געדראַנג, און איך... בין איינע פון זיי... איינע פון זיי... איינע פון זיי...

אין קאָפּ רוישט. די שלייפן האַקן. צי יאָגט מען מיך נאָך? וועלכער כוח טראָגט מיך אין דער פאַרקערטער ריכטונג? פאַרוואָס האָב איך זיך נישט צוזאַמענגעמישט מיט די עלטערן? — איך ווייס נישט! דאָס איז איבערמענטשלעך! איך וויל לעבן! אַנטלויפן! זיך ראַטעווען! איך לויף... איך לעב... איך לעב... זוך אַ שפּאַרע, וויל אַ שפּאַרבער ווערן, אַבי דערהאַלטן דאָס לעבן!...

באַמערקנדיק אַ ציערטע שטרוי אין אַ הויף, גראָב איך זיך שנעל איין אין איר און פאַרטייע דעם אָטעם. צו מיינע אויערן דערגייט דאָס גערויש און געטומל פון דרויסן. איך הער שיסערייען און געשרייען. דאָס געשריי און געטומל מישט זיך צונויף אין איין כאַאָטישן עכאָ, וואָס שלאָגט זיך אָפּ טעמפּ אין מיין צעהיצטן מוח. קאָשמאַר!...

איך רוק פאַרזיכטיק אַרויס דעם קאָפּ. טאָג־פאַרגיי. ווייניקער אַן אייביקייט. ווער ווייס וויפל אַזעלכע אייביקייטן מיר וועט נאָך אויסקומען דורכצומאַכן. דערווייל בין איך געבליבן לעבן. איז עס אַ נס? געוואַגטקייט? רעזיגנאַציע? — איך ווייס: ערשט איצט דאַרף איך אָנהויבן אַ נייַ לעבן. ווער ווייס צי אויף לאַנג, אָבער דערווייל איז אַזוי גוט צו דענקען, אַז עס איז געלונגען צו בלייבן לעבן. יעדע לעבעדיקע מינוט איז טייער. האָך, ווי טייער! פריער האָב איך עס נישט געפילט אַזוי, נישט אָפּגעשאַצט.

פּאַמעלעך בין איך אַרויסגעקראָכן פון דער נאָרע, באַטראַכט דעם אָרום. איך קען גוט די שטאָט, בפרט די „גויאישע גאַס", ווו איך פלעג תמיד פאַרבייגיין איידער איך בין געקומען צום מאַרק, צום יידישן מאַרק, און פון דאָרט אויף פילסודסקיעגאָ־גאַס, ווו איך האָב אַמאָל געלערנט אין דער „פּאָווּשעכנע". וועלכע אויסטערלישע אומשטענדן האָבן מיך אַהער ווידער געבראַכט נאָך אַזוי פיל יאָרן פון אויסמיידן די שטאָט, כדי חלילה דאָ נישט אָנטרעפן עמיצן פון משפחה און באַקאַנטע.

ווי לאַנג בין איך דאָרט אַזוי געלעגן? וואָס האָב איך געטראַכט אין יענע קריטישע רגעים? — איין געדאַנק האָט געעקבערט אין מוח. אַ געדאַנק, וואָס האָט געדויערט אַן אייביקייט אַ גאַנצע: זיי זאָלן מיך נישט געפונען! לעבן! בלייבן לעבן פאַר יעדן פּרייז!

איך ליג און קען קוים כאַפּן דעם אָטעם פון דער שטרוי־טוכלעקייט. עס דוכט זיך מיר, אַז עמיץ גייט אַרום אין הויף. נישטערט. זוכט מיך. אָט ווייזט זיך מיר אויס, אַז עמיץ האָט אַרייַנגעשטאָכן אַ שפּיז אין דער סציערטע און די שפּיז דערגרייכט צו מיר. רירט אָן מיין לייב. אָט וועט די שפּיז דורכעקבערן מיין ברוסט... די אויגן... איך האַלט זיי צוגעמאַכט... שטעכט עס אַזוי דאָס שטרוי?... איך ווייס נישט!... ניין... אַפילו אַ דערשטאָכענע וועל איך לעבן!... כ'וועל לעבן!!!

אַז אַלץ אַרום מיר האָט זיך איינגעשטילט, האָב איך לאַנגזאַם און פאַרזיכטיק אָפּגעשאָרט עטוואָס דאָס שטרוי פון זיך. צו מיינע אויערן זענען דערגאַנגען שטאַרקע יללות און שיסערייען. אַרום מיר האָט געטונקלט. ווייזט אויס נאַכט. יללותדיקע נאַכט. יללות פון די, וועלכע איך האָב געזען גיין זייער לעצטן וועג! איז עס טאַקע געווען דער לעצטער וועג זייערער? אומגלויבלעך! מאַמע! טאַטע! הערשעלע! גיטעלע! נישטאָ מער קיינער פון זיי? ניין! עס קען נישט זיין!!! עס טאָר נישט זיין! עס טאָר נישט!!!

איצט האָבן די שיסערייען זיך איינגעשטילט. איך האָב דאָ געמוזט לאַנג

ליגן. די פינצטערניש פון דרויסן שטיקט מיך אין מיין ענגער נאָרע, אייביקע פינצטערניש!

וווהין אָבער זאָל איך איצט גיין? צו מיין גאַיוווקע טאָר איך נישט קומען איצט. זיי זענען מיך עלול דאָרט אַרומזוכן, אָדער אָפּטשאַטען. איך וועל זיך דערלאַנגען צום כוטאָר, צו אַלעקסייען, און פון דאָרט געבן צו וויסן פּאַוועלן. די קינדער. פּאַוועל וועט זיכער זיך רייצן מיט מיר, אַז ער איז געווען גערעכט, וואָס ער האָט מיך געוואָרנט. מילא.

כדי אָנצוקומען צו מיין גאַיוווקע איז דער וועג געגנוג ווייט און איך מוז פאַרבייגיין דעמידאָווקע. אין דרויסן איז פינצטער. ווער ווייס צי איך וועל טרעפן אַלעקסייס כוטאָר. איך מוז גיין אַ שטיק וועג דורך וואַלד און פעלד. עס מאַכט נישט. כ׳וועל שוין טרעפן. די הויפּט־זאַך איז זיך דערלאַנגען צום וואַלד. דאָס איז דאָך מיין היים, איך קען דאָ אַלע וועגן און שטעגן. איך וועל זיך ווי עס איז דערקלייבן און דערקענען די כוטאָרעס.

איך פאַרלאָז דעם הויף מיט קעציִשע טריט, האָבנדיק דעם איינדרוק, אַז קיינער פון שטוב איז נישט אינדערהיים. אַ חתונה אין שטעטל און אַלע פויערים זענען נאָך נישטאָ פון דער חתונה. אַ וועסעליע! דאַרף מען גיין הערן ווי דער מלאך המות פּויקט אויף דער וועסעליע. געניסן עפּעס קען מען תמיד דערפון אין אַזאַ צייט.

איך לאָז זיך אַראָפּ אין די גערטנער. אומעטום, אַפילו אין שטאָט זענען פאַראַן גערטנער, און דאָס קומט איצט אַזוי צונוץ. פאַראַן מעזשעס. גיי איך מיט די מעזשעס און ווי נאָר איך דערהער אַ גערויש, פאַל איך און בלייב ליגן מיט אַ פאַרטייעטן אָטעם, גלייך ווי דאָס אָטעמען וואָלט געקענט עמיצן ברענגען אויף מיינע שפּורן. גיי אָבער און אָטעם נישט!...

אין אייניקע מינוטן אַרום בין איך שוין אויסער דער שטאָט. ברייטע לאָנקעס. דאָ און דאָרט אַזיערעס. טייכלעך. קוסטעס. איך וואַרף אַראָפּ די שיך, כדי קיינער זאָל נישט הערן מיינע טריט. די ערד איז קיל, אָבער איך פיל נישט די קילקייט. איך בין צעהיצט, הגם רואיק. אין גיכן דערוואַרעמען זיך די פיס פון גאַנג. מיינע אויגן דערזעען די צעלייגטע פייערן פון די „גאַצלעגן" און עס ווערט מיר היימלעכער אויפן האַרצן. דערמאָנונג און בענקשאַפט מישט זיך צונויף אין איין שטיק מוראַדיקן האַס.

איצט גיי איך מיטן שליאַך. דער אַמאָליקער שליאַך, וואָס פירט קיין רעטשיצע. נישטאָ איצט נאָך וואָס מער גיין אַהין. סיידן געבן אַ לעצטן קוק אויפן טאַטנס שטוב, אויף דער קוזשניע. ווי דאָ נישט לאַנג, ווען איך האָב אַפילו נישט געוואַגט אַריינקומען צו זיי אין שטוב, ווייל זיי האָבן

מיך געהאַסט. אפשר ביז דער לעצטער מינוט געהאַסט. אָרעמער טאַטע! פאַרוואָס האָט מען אים אָוועקגעריסן פון זיין קוזשניע? ווען האָט ער אַמאָל שלעכטס געטון? ביי עמיצן צוגענומען עפּעס? אָפּגעהאָרעוועט אַ לעבן, ווי די מאַמע פלעגט זאָגן, און אַפילו קיין ביסל נחת נישט דערלעבט. אָרעמע מאַמע.

איך באַמי זיך נישט טראַכטן וועגן דעם. דער צעלייגטער שייטער באַ־לויכט די סביבה און וואָס מער איך דערנענטער זיך צו אים, אַלץ מער באַלויכט ער די פּנימער פון די פּאַסטוכער. ווי גוט עס וואָלט געווען זיך דערוואָרעמען ביים פייער. איבערשלאָפן דאָ ביז עס וועט ווערן טאָג. דער טאָג, פלעגט קאַראָלס קוזינע, פעליציאַ, זאָגן, — איז תמיד קלוגער פון דעם נעכטן...

אַרום — פּאַשען זיך פערד געמיטלעך אויף דער נאַכטיקער פּאַשע, באַ־דעקטע מיט טוי. די פערד זענען געפּענטעט אויף די פאָדערשטע פיס און האָפּסען פון איין אָרט אין צווייטן, דערשנאַפּנדיק די פעטע גראָזן אין דער פינצטער. איך בין זיי מקנא און אויך די פּאַסטוכער, וואָס ליגן אין זייערע וואָרעמע קאָזשוכעס אַרום פייער. אייניקע פון זיי זיצן און וואַרפן צו צום פייער האַלב־טריקענע צווייגן. דאָס פייער ווערט צוגעלאָשן אַ ווײַלע און באַלד פלאַקערט ווידער אויף מיט מער פלאַמען.

איך האָב מורא זיי זאָלן מיך נישט באַמערקן מער ווי אַמאָל און לאָז זיך מיט די פעלדער, נישט ווויסנדיק געגנט, אין וועלכער ריכטונג איך גיי. איך בין צופרידן ווען איך דערווייטער זיך. איך בין מיד, בלייב זיצן נעבן אַ סטאָג היי. זיץ אַ ווײַלע און לאָז זיך גלייך גיין ווייטער.

איך בין צופרידן ווען די הימלען לויטערן זיך אויס אַ ביסל, די הימל־ראַנדן באַדעקן זיך מיט בלוי־גרוי־העלן פאַרב. עס שאַריעט אויף טאָג. פון דערווייטנס דערזע איך שוין די קלויסטער־שפּיצן פון דעמידאָווקע. איך ווער אומרואיקער. דער קלויסטער וואַקסט אָן אַלץ מער. ער זעט מיר איצט אויס, ווי אַ ברען־פּונקט פון שלעכטס. „דאָס שלעכטס קען מען אויסלייזן בלויז מיט שלעכטס און דעם נצחון בלויז מיטן שווערד..." — גייט איבער אַ שלאַנגען־געדאַנק אין מוח.

איך ווייס נישט פאַרוואָס עס קריכן מיר אין קאָפּ אָט די־נאַרישע געדאַנקען. פאַרוואָס איך בין אַזוי פילאָזאָפיש געשטימט אין דער דאָזיקער קריטישער שעה, אָבער וואָס מער איך טראַכט אַזוי, אַלץ זיכערער ווער איך, אַז איך דאַרף אויסמיידן דעם דאָרף דעמידאָווקע. איך טאָר בייטאָג נישט אָנקומען צו מיין היים און אַפילו נישט צו אַלעקסייען. זיי קענען מיך

דאָרט אָפּוואַרטן, נאָכשפּירן, בפרט אויב עס האָט מיך געמסרט סעריאָזשאַ, וועט ער מיך במילא גלייך אויסגעבן. ער וועט שוין דערגיכען, אַז איך בין דאַ צוריק.

ענדלעך האָב איך דורך אומוועגן דערגרייכט דעם וואַלד. מיין ליבן וואַלד. איך האָב אַ גאַנצן טאָג אַרומגעשלאַנדערט איבער די פּושטשעס און ראַוון. ביי יעדער גערויש זיך פאַרשטעקט פאַר אַ בוים און אויסגעשפּירט צי קיינער קומט נישט אָן. אין האַרצן האָט געטליעט אַן האָפענונג־פונק: אפשר וועל איך דאָך אָנטרעפן ערגעץ פּאַוועלן. וואָלט איך נאָר נישט מורא געהאַט זיך דערנענטערן צו דער גאַיוווקע, וואָלט איך אים זיכער אָנגע־טראָפן. אים, אָדער יורעקן. זיי קוקן מיך זיכער אויס. ווייסן נישט וווהין איך בין פאַרשוווּנדן געוואָרן. אָך, ווי זיי וועלן זיך עס פרייען, ווען זיי וועלן זיך דערוויסן, אַז איך לעב, נאָכדעם, ווי איך וועל זיי דערציילן וואָס מיט מיר איז געשען!

ליגנדיק אונטער אַ קוסט און טראַכטנדיק וועגן פּאַוועלן און מיינע קינדער, האָב איך צייט געהאַט צו טראַכטן אַ סך זאַכן. דער עיקר וועגן פּאַוועלן און אונדזער צוזאַמענלעבן. באַזונדערס די לעצטע צייט. אפשר בין איך טאַקע אַ ביסל שולדיק וואָס איך האָב אים נישט געפאָלגט, וואָס מיר אַרט אַזוי פיל פאַר אַלץ און פאַר אַלעמען? פון דער צווייטער זייט ווידער: ווי האָב איך געקענט בלייבן גלייכגילטיק, ווען מען שעכט מיינע עלטערן, אַזוי פיל אומשולדיקע מענטשן. ניין, אמתע ליבע איז תמיד מוחל און שנאה געפינט תמיד אַן אויסרייד. פּאַוועלס ליבע צו מיר האָט זיך אָפּגעקילט און... אפשר אויך מיין ליבע צו אים. ער איז נישט דער זעלבער. דאָך וועט ער מיך אויסבאַהאַלטן פון די בעסטיעס. איך בין דאָך די מוטער פון אונדזערע קינדער — די פּרוכט פון אונדזער הייסער ליבע!...

איך האָב זיך קוים דערוואַרט, אַז דער „פינצטערער" טאָג זאָל פאַרגיין און די „ליכטיקע" נאַכט זאָל אָנקומען. ענדלעך. ווידער נאַכט. טייערע נאַכט. איך גיי איצט דורך סציערנעדיקע פעלדער. עס שטעכט אין די באָרוועסע פיס. פונדערווייטנס בלענדלען די פייערלעך פון די כוטאָרעס. איך דערקען דעם כוטאָר פון מיין שווער, פון אַלעקסייען, און אייל זיך וואָס שנעלער צו דער כאַטע.

איך דערקלויב זיך שטיל צו דער שטוב און נאָך שטילער צו דער טיר. אפשר זיצט דאָרט עמיץ? סעריאָזשאַ ציִ אָדאַרקאַ — וועל איך אָפּוואַרטן ביז זיי וועלן אַוועק. איך וואַרט אָפּ אַ ווײַלע. דאָס האַרץ זעצט. איך דערהער פּלוצים אַלעקסייס שטים. דוכט זיך, אַז ער קריגט זיך מיט עמיצן. אפשר

מיט מאַריען, אָדער סטעפּען, וועלכע איז נאָך קאַראָלס טויט אַריבער וווינען צו די עלטערן?

— האָסט עס נישט געדאַרפט טון. נישט געדאַרפט און האָדי! גענוג!.. — הער איך אַלעקסייס טיפע שטים ברילט צו עמיצן — נישט געדאַרפט. פאַרשטאַנען? עך!..

איך הער, ווי ער האָט אויסגעשפּיגן שאַרף און אַ ווײַלע איז ווידער געוואָרן שטיל. קיינער רעאַגירט נישט. וואָס קומט דאָ פאָר? אויף וועמען שרייט ער עס אַזוי?

איך שאַר זיך צו פאַרזיכטיק צום פענצטער און קוק אַריין אינעווייניק.

— פאַ־וועל! ? ? ?

ער גאַר? אויף אים שרייט ער עס גאָר אַזוי? פאַרוואָס? וואָס האָט ער עס אַזעלכעס נישט געדאַרפט טון? מיינט ער עס אפשר אַניושקען, מיט וועלכער ער האָט זיך אַזוי אויפגעניוכעט?

איך שפּיץ אָן מײַנע אויערן און הער זיך צו מיט מײַן גאַנצן וועזן.

— אַז אָדאַרקאַ האָט עס דערציילט דער מאַמע, אַזוי, כלומרשט בסוד, האָב איך ממש נישט געגלויבט מײַנע אויערן, אַ טראַסציע אין דײַן מאַמען אַריין. האָ! הינטישער זון אַזעלכער וואָס דו ביסט! זאָג אַליין, איז זי דיר, אַזוי צו זאָגן, געווען אַ שלעכטע ווירטין, וואָס? עך! מײַן זיידע האָט אַזעלכעס נישט געהערט! צײַטן אָנגעשטאַנען! האָ! ערגער פון וועלף זענען די מענטשן געוואָרן הײַנט, ווי גאָט איז מיר ליב! אינגאַנצן פון וועג אַראָפּ, אַזוי צו זאָגן!

איך ציטער אויף, אָבער איך קען זיך נאָך אַלץ נישט קאָנצענטרירן, כדי באַגרײַפן וועמען ער מיינט עס און פאַרוואָס ער זאָגט אַזוי פיל מוסר פּאַוועלן. צי מיינט ער עס מיר? איך פיבער אינגאַנצן און דורך דעם דאָזיקן פיבער, הער איך ווייטער אַ צעחושטע:

— וואָלסט זי שוין בעסער אַליין, מיט די אייגענע הענט דערהרגעט, אויב זי האָט דיר אויפגעהערט געפעלן, ווײַל זי איז אַ יידישקע געווען, אָדער ווײַל דו האָסט זי אויפגעהערט ליבן, אַזוי צו זאָגן! דערהרגעט און נישט איבערגעגעבן אין די הענט פון אָט דער סוואָלאָטע, אַ גוטע טראַסציע אין אָט די הינטישע זין אַריין!

מער האָב איך גאָרנישט געהערט. נישט געווען אימשטאַנד מער צו הערן. אַלץ אין מיר האָט זיך איבערגעדרייט. איך האָב געוואָלט שרײַען. אַרויסלאָזן אַ ווילד געשריי, אַז די ווענט פון דער כאַטע זאָלן אײַנפאַלן, אַז דער הימל זאָל זיך צעשפּאַלטן, די וועלט זאָל חרוב ווערן. די מינוט!

צוזאַמען מיט מיר! הייסט עס... הייסט עס... אַז ער... ער גאָר, פֿאַוועל, האָט עס מיך אויסגעגעבן צו זיי? איז עס מעגלעך? קען עס דען זיין? גאָט! גאָט! קען עס דען זיין? ? ? ?

אַ משוגענע בין איך געלאָפֿן אין פֿעלד. צוריק אין פֿעלד. אַוועקגיין וואָס ווייטער פֿון דאַנען. פֿון אָרט, וווּ מיין מערדער זיצט. איך מוז אויפֿקלויבן די געדאַנקען. באַטראַכטן וואָס זאָל איך טון איצט. וווּ זאָל איך זיך אַהינטון. אַלץ איז איצט פֿאַרלוירן. אַלץ. מיין היים. מיינע קינדער. מיינע עלטערן. שוועסטער און ברודער. וואָס איז איצט ווערט מיין לעבן? וואָס?

נישט רעכענענדיק זיך מיט די רעזולטאַטן וואָס קענען אַרויסקומען דערפֿון, בין איך אַוועקגעלאָפֿן צו דער גאַיוווקע. דאָס איז מיין היים. מיין אייגענער שוועל. דאָ וויל איך שטאַרבן. איך מוז נאָך אָבער פֿאַר מיין טויט זען מיינע קינדער. מיינע הינער. מיינע קי. מיין הונט. מיין פּראַצע: אַלץ איז דאָ מיין. אַלץ! אַלץ! אַלץ! איך וועל עס צוריק חרוב מאַכן. אונטערצינדן! זאָל אַלץ אַוועק מיטן רויך! אש זאָל ווערן פֿון אַלץ. אש. גרודעס אַש! אויך איך בין דאָך נישט מער איצט ווי אַ לעבעדיק פֿלאַם. אַ גרודע לעבעדיקע אַש.

אַז איך האָב אין מיין אויפֿגערעגטקייט דערגרייכט די גאַיוווקע, בין איך געבליבן שטיין, ווי אַן אויסגעלאָשן ליכט. מאַכטלאָז. גסיסהדיק. אין אַ טויטן שלאָף איז דאָ אַלץ געווען פֿאַרזונקען. בלויז דער הונט, מיין ליבער ראַבטשיק, האָט נאָך פֿונדערווייטנס דערשנאַפּט זיין באַלעבאָסטע. ער האָט זיך צעוואָיעט מיט אַ מוראַדיקן געוואָי. זיין וויינען האָט מיך פֿאַראַליזירט. איך האָב געהערט נישט קיין געוואָי פֿון אַ הונט, נאָר געוויין פֿון אַ קינד, אַ פּיצל קינד, וועמענס מוטער איז נאָר וואָס געשטאָרבן אין ווייען פֿון געבורט, אָדער ווידערגעבורט...

## נקמה!... נקמה!...

אויב איך בין אַמאָל געווען איבערצייגט, אַז נעמען נקמה איז נישט מער, ווי אַ מינדערווערטיקייטס-געפֿיל און אונטערשיידט זיך נישט פֿון יעדער אַנדער רציחה, האָט דאָס דאָזיקע געפֿיל צערינען אין מיר, ווען איך זעלבסט האָב אויף מיין אייגענער הויט דערפֿילט די עוולה, וואָס מיר איז אָפּגעטון געוואָרן.

איך האָב איצט בשום אופֿן נישט געקענט משלים זיין מיטן געדאַנק, אַז מוחל זיין הייסט אייגנטלעך צו זיין אַ מענטש; אַז פֿאַרגעבן יענעמס טעותן הייסט טאַקע צו פֿאַרמאָגן מער גבורה, ווי נעמען נקמה. דאָס אַלץ

איז גוט צו לייגנען אין די ביכער, אָבער בשום אופן נישט ביישטיין דעם אייגענעם נסיון. און איך האָב באַשלאָסן: נקמה!!!...

נקמה!!!... — האָט אַלץ געשריגן אין מיר — איך מוז זיך נוקם זיין אין אים, מעג איך דערפאַר באַצאָלן מיט מיין אייגענעם לעבן. במילא שטייט מיר פאַר אַ נייער וועג. אַ וועג פון יסורים, וועלכן איך מוז גיין נאָך מיין איצטיקן ווידערגעבורט, נאָכדעם ווי מיר איז געלונגען צו אַנטלויפן פון די נעגל פון טויט.

איך האָב אויסגעזוכט אין וואַלד אַ שייט סענקאָוואַטן דראַנג, געשטעלט זיך פאַר אַ בוים און אים גענומען אָפּוואַרטן. ער וועט מסתמא זיך באַלד צוריקקערן אַהיים און נאָך איידער ער וועט באַוויזן אַריבערטרעטן דעם שוועל, וועל איך אים שנעל איבערצייגן, אַז איך לעב...

איך שטיי פאַרן בוים און וואַרט. מיינע אויערן זענען אָנגעשפּיצט צו יעדער שמער צווישן די ביימער. די אויגן האָבן זיך אַזוי צוגעווינט צו דער פינצטערניש, אַז איך זע, ווי אַ נאַכט־פויגל, יעדן קעגנשטאַנד. אָבער פון צופיל איינקוקן זיך און שפּאַנונג, וואַקסן פּלוצים אויס די קליינע ביימלעך אין גרויסע אומגעלומפּערטע אַזעלכע און יעדער קוסט באַוועגט זיך, איז לעבעדיק און לויערט אויף מיך...

אָט דוכט זיך איך הער טריט. עמיץ גייט. איך פאַרקוועטש פעסטער דעם דראַנג אין מיינע הענט. ניין, די טריט קומען פון אַן אַנדער ריכטונג, נישט פון כוטאָר, נאָר הינטער מיך. איך קערעווע זיך אויס אין דער ריכטונג פון וואַנען איך הער די טריט. שטיל. קיינער. צי האָט זיך מיר געדוכט?

איך וואַרט ווידער מיט אַ פאַרטאַיעטן אָטעם. אפשר זענען עס ס.ס.־לייט? אוקראַיִנישע מיליץ? — ווער ווייס! איך האָב דאָך בפירוש געהערט טריט. געהערט אַ גערויש צווישן די ביימער. עמיץ טשאַטעט זיכער אויף מיר. זעט מיך און וואַרט אָפּ, ביז...

איצט זע איך צוויי געשטאַלטן זיך דערנענטערן צו דער גאַיִוווקע. אין דער פינצטער קען איך גענוי נישט באַמערקן ווער דאָס איז, אָבער איך בין שוין זיכער, אַז מיינע אויערן האָבן ריכטיק געהערט די טריט, וואָס זענען פּלוצים פאַרשטומט געוואָרן. מיין האַרץ זעצט אָן אויפהער. מיין מוח אַרבעט פיבערהאַפטיק. זאָל איך אַנטלויפן? ווידער אַנטלויפן? — ניין. מעגלעך, אַז זיי זעען מיך נישט.

ביידע געשטאַלטן האָבן זיך ווידער גענומען פאַרגנבענען צו דער גאַיִוווקע. איצט זע איך דייטלעך צוויי מענער. יונגע מענער. זיי האַלטן דרענגער אין די הענט. גייען פאַרזיכטיק און הערן נישט אויף זיך אַרומ־

קוקן. בלייבן שטיין אַ רגע און קוקן זיך ווידער אַרום. רעדן עפּעס שטיל צווישן זיך. איך הער נישט קיין ווערטער. די וואַלד־שטילקייט און בוימער־געררויש פאַרטושן די דייטלעכקייט פון מענטשלעכער שפּראַך.

מיט לאַנגזאַמע טריט נעם איך זיך דערווייטערן פון דער גאַיווּקע. ווער דאָס זאָל נישט זיין, איז זיכערער, אַז זיי זאָלן מיך נישט זען.גלייכער איבערוואַרטן. מיין פּלאַן פון נקמה וועט פריער צי שפּעטער אויסגעפירט ווערן. אפשר טאַקע געגוויער באַטראַכטן ווי אַזוי איך זאָל עס טון. צי וועל איך מיט איין, אָדער מערערע זעץ מיטן דראַנג, אים בייקומען? ער איז צו־פעסט. אַז ער זאָל געטויט ווערן פון מיינע קלעפּ מיטן שייט האָלץ. איך מוז האָבן געוווער דערצו, יאָ, געוווער מוז איך האָבן! דאָס קען מיר אויך נוצן אויף מיין ווייטערדיקן וועג אין וואַלד. אפילו נאָך זיין טויט קען איך דאָך זיך נישט צוריקקערן אַהיים, ווו איך בין נישט זיכער, צי די בעסטיעס וועלן מיך אַ ליאַדע טאָג פּאַקן.

די גאַנצע נאַכט האָב איך ווידער זיך אַרומגעשלעפּט איבערן וואַלד, איצט מיטן דראַנג אין די הענט. מיין איינציק געוווער.

עס איז שווער צו שילדערן מיט ווערטער דאָס געפיל פון נאַכטיקער היימלאָזיקייט אין דער צייט, ווען דו ביסט נעבן דיין היים און האָסט מער נישט קיין רעכט אויף איר. אַז איך האָב כאָטש אויף איין רגע אַ טראַכט געטון, אַז דאָרט אין מיין אייגענער היים שלאָפט רואיק פּאַוועל, נאָך דעם ווי ער האָט מיך אויסגעגעבן צו די בעסטיעס, האָב איך זיך געביסן די נעגל פאַר צאָרן. ליגנדיק איינגענורעט הינטער אַ בוים, אָדער קאָפּע היי אין פעלד, האָב איך נישט געקענט צומאַכן מיט קיין אויג. געפּרוווט זיך איינרעדן, אַז דאָס איז אַ ליגן, אַז דאָס קען נישט זיין! דאָס קען נישט זיין! — — —

איך האָב באַשלאָסן זיך טרעפן מיט יורעקן. ער מוז זיכער אַלץ וויסן איצט. עס האָט מיר באַנג געטון הלמאי איך בין געווען אַזויפיל איבער־געלייגט און איבערגעקלערט, וואָס איך האָב ביז איצט נישט דערציילט מיינע קינדער ווער איך בין. באַזונדערס יורעקן. ער וואָלט זיכער מער זיך צוגעהערט וואָס עס קומט פאַר אין שטוב. ער וואָלט מיר אַ סך געהאָלפן איצט אין נויט. וואָס עס איז פאַרביי איז שווער אויסצוהיילן מיט חרטה. דאָס איינציקע וואָס איך קען נאָך טון איצט איז — צו טון עפּעס ממשותדיקס. וואָס קען איך אַלזאָ טון איצט? — זוכן אַ גרופּע פּאַרטיזאַ־נער און זיך אַנשליסן אין איר! דאָס איז דאָס איינציקע וואָס איך קען

טון איידער איך פיר אויס מיין פלאַן און איידער איך ריזיקיר מיט מיין לעבן, סדי באַקומען דעם געהעריקן אָפּצאָל פאַר דעם.

איך האָב גענומען אַרומזוכן פאַרטיזאַנער אין וואַלד. דאָס איז געווען נישט אַזוי לייכט, היות אין די וועלדער האָבן שוין גראַסירט פאַרשידענע באַנדעס אונטער דער אָנפירונג פון אוקראַיִניש־פאַשיסטישן נאַציאָנאַליסט (ווי די פאַרטיזאַנער האָבן שפּעטער אים באַצייכנט) — באַנדעראַ. עס האָבן אויך גראַסירט באַנדעס, וואָס האָבן זיך אָנגערופן „בולבאָוצעס" (אויפן נאָמען פון אוקראַיִנישן העלד טאַראַס בולבאַ). סיי די באַנדעראָווצעס און סיי די בולבאָווצעס זענען, ווי איך בין שפּעטער געוווּיר געוואָרן, געווען פאַרביסענע שונאים פון די פאַרטיזאַנער, וואָס האָבן זיך גערעכנט אַלס קעגנער פון אַ „סאַמאָסטאַיִנער" (זעלבסטשטענדיקער אוקראַיִנע).

ווי איך האָב עס שפּעטער דערפאַרן אויף מיין אייגענער הויט, וועגן וואָס איך וועל ווייטער דערציילן, זענען די קאַמפן צווישן די פאַרטיזאַנער און די באַנדעראָווצעס און בולבאָווצעס געווען נאָך פאַרביסענער, ווי צווישן די פאַרטיזאַנער און די דייטשן. די דייטשן האָבן אין די דאָזיקע באַנדעס צום אָנהויב געזען אַ דריטן אוממיטלבאַרן כוח צו העלפן באַקעמפן די פאַרטיזאַנער, וואָס האָבן זיך געמערט און אָנגענומען פאָרמען פון אַ רעגו־לערער אַרמיי, מיט געווער און מיליטערישער דיסציפּלין.

אַז די דאָזיקע באַנדעס האָבן געכאַפּט אַ פאַרטיזאַנער און בפרט אַ ייִד, נאָכדעם ווי אים איז געלונגען צו אַנטלויפן פון דער אַקציע, האָבן זיי זיך אַזוי איזדיעקעוועט איבער אים, אַז דער מענטשלעכער שכל קען עס נישט באַגרייפן וויאַזוי איין מענטש קען טון אַזעלכעס דעם צווייטן. זיי האָבן אים צוגעבונדן צו אַ בוים און געשניטן שטיקער פון אים, ביז ער האָט אויסגע־הויכט זיין נשמה.

צוליב דעם האָבן אויך די פאַרטיזאַנער נישט געשוינט אַזאַ באַנדע־ראָווצע, אָדער בולבאָווצע, צי דייטש, ווען ער איז אַריינגעפאַלן צו זיי אין די הענט. די לאָזונג „אויג פאַר אַן אויג און צאָן פאַר אַ צאָן" איז אַ צו מילדער באַגריף, כדי אויסדריקן די נקמה־געפילן. און דאָס וואָרט מלחמה איז צו אַ ראָמאַנטישער באַגריף, כדי צו באַנעמען וועלכע נישטיקע ווערדע אַ מענטש האָט געהאַט אין יענע באַגרייפלאָזע באַדינגונגען.

לעבנדיק מיין רואיקן לעבן אין דער גאַיווקע האָב איך אין אַ גע־וויסער מאָס שוין געוווּסט וואָס עס טוט זיך אָפּ אין די וועלדער. פאַר מיר איז נישט געווען מער קיין בייעס צו טרעפן אַ טויטן אין וואַלד, אבער דער פחד צו טרעפן אַ לעבעדיקן מענטש אין וואַלד איז איצט פיל גרעסער

געוועז. קענסט קיינמאָל נישט וויסן צי דאָס איז אַ פאַרשטעלטער פּאַרטיזאַן, אָדער אַ באַנדעראָוויעץ צי בולבאָוויעץ.

אַז איך בין שפּעטער געוויר געוואָרן, אַז די צוויי געשטאַלטן, וואָס איך האָב יענע נאַכט אַנגעטראָפן זיך פאַרגנבענען צו מיין גאַיוווקע, זענען געווען נישט קיין אַנדערע, ווי אַנטלאָפענע צוויי יונגע בחורים פון אומשלאַג־פּלאַץ, ווו עס זענען אויך אומגעקומען מיינע עלטערן, בין איך שרעקלעך בייז געווען אויף זיך פאַר מיין פחדנות. זיי זענען געווען הונגעריק און אַרומשלייכנדיק איבערן וואַלד, געזוכט דורכפירן אַ גניבה. באַקומען אַ ביסל שפּייז. דאָס האָט זיך זיי טאַקע איינגעגעבן יענע נאַכט אַ דאַנק דעם, וואָס פאַוועל איז נישט געווען אין דער היים.

— לאָמיר זיך האַלטן צוזאַמען — האָט איינער פון זיי מיר פאַרגעלייגט נאָכדעם, ווי אויף מאָרגן האָבן מיר זיך ווידער אָנגעטראָפן. — מיר וועלן אָרגאַניזירן אַ גרופּע יידישע פּאַרטיזאַנער. באַקומען געווער. דו זעסט אויס, ווי אַן עכטע פּויערטע. דערצו ביסטו שיין און קענסט דערמיט פיל אויפטון...

— יאָ... איך קען זייער פיל אויפטון... — האָב איך געזאָגט סתם אין דער וועלט אַריין, שטייענדיק מיט זיי נישט ווייט פון מיין היים — האַך, וויפל איך קען אויפטון !...

זיי האָבן נישט אונטערגעכאַפּט דעם באַדייט פון מיינע ווערטער. זיי האָבן צום אָנהויב נישט געגלויבט, אַז איך בין אַ יידישקע. אַז איך האָב פון אַ בוים־לויערונג, נישט ווייט פון דער גאַיוווקע, זיי ווידער דערזען זיך פאַרגנבענען צו מיין היים און איך האָב זיך אָפּגערופן צו זיי, האָבן זיי זיך גלייך אַ לאָז געטון צו מיר, געפרעגט ווער איך בין...

איך האָב זיי, פאַרשטייט זיך, נישט דערציילט ווער איך בין און וועלכע שייכות איך האָב צו אָט דער גאַיוווקע. דאָס דאַרף בלייבן מיין פערזענלעכער סוד. אייביקע געהיימניש...

שפּעטער האָב איך פאַרבונדן מיין גורל מיט זיי. ווילנדיק נישט ווילנדיק. אפרים און נחום.ביידע אין סאַמע עלטער־בלי. אַ פּאָר און צוואַנציק יאָר. איינער ברונעט. טיפּיש יידיש. דער צווייטער כמעט בלאָנד. מיט אַ קריסטלעכן אויסזען. ביידע האָבן זיך שפּעטער אויסגעצייכנט אין דער פּאַרטיזאַנער־איינהייט פון סערגיי איוואַנאָוויטש, וואָס האָט אָפּערירט אין דער סביבה אונטער דער אָנפירונג פון סאָוויעטישן גענעראַל־פּאַרטיזאַן ב.

דאָס גנבענען שפּייז פון מיין אייגענער היים איז מיר שנעל געוואָרן דערווידער. אפרים און נחום האָבן מיך געלויבט. באַוואונדערט מיי געַ־

וואַגטקייט, אָבער מיין האַרץ האָט אין דער זעלבער צייט געטריפט מיט בלוט. עס איז נישט פון די לייכטע זאַכן צו זיין אַזוי נאָענט פון דער אייגענער היים און גלייכצייטיק אַזוי ווייט. איך האָב געגאַרט צו זען מיינע קינדער. באַזונדערס יורעקן. איך האָב געוואָלט רעדן מיט מיקאַלאַיען. ער האָט מיר איצט אויסגעזען אַזוי גוט און שיין. אימשולדיק. פרימיטיווע אומשולדיקייט. ווען ער וואָלט נאָר נישט אַנגעטראָפן אַזעלכע חברים כולי־גאַנעס און נישט געלעבט אין אַזאַ סביבה! בלויז אים, פאַוועלן, איז מיר שווער מוחל צו זיין.

ליגנדיק, ווי אַ יאַזש איינגענורעט אין זיך אונטער אַ קאַפּע היי, אָדער אין אַ נאָרע, צוגעדעקט מיט צווייגלעך, צוזאַמען מיט די צוויי יונגע בחורים, איז מיין האַס נאָך מער אויסגעוואַקסן צו אים. ביידע יונגע בחורים האָבן זיך געטוליעט צו מיר. געזוכט וואַרעמקייט ביי מיר, טרייסט, און וועלכער איך האָב זיך אַליין געגנויטיקט. איך האָב געבענקט. מיינע קינדער!...

יורעק איז געזעסן אויף אַ שטאַם און געשפּילט אויף זיין ווערבע־פייפעלע, בעת איך האָב אים ענדלעך איין פאַרנאַכט דערזען צווישן די בוימער. דער קאָפּ האָט זיך מיר פאַרדרייט, ווי איך וואָלט ראַפּטום אויס־געטרינקען, אויפן ניכטערן האַרצן, אַ גלאָז שטאַרקן בראַנפן.

—יורעקל! — האָב איך אויסגעשריגן, לויפנדיק אים אַנטקעגן מיט אַלע כוחות. — יורעקל! יור... יור...

ער האָט אופגעהויבן זיינע אויגן און זיך אַרומגעקוקט פון וואַנען דאָס קול קומט. אַז ער האָט מיך דערזען, איז ער, צו מיין גרויס שטוינונג, געבליבן זיצן אויף זיין אָרט און זיך נישט גערירט, ווי איך וואָלט אים נישט אָנגעגאַנגען.

— יו־רע־קל! — בין איך צוגעלאָפן צו אים און אים גענומען הייס קושן — יורעקל! מיין קינד! וואָס... וואָס... דערקענסט מיך נישט?... האָ?::: דערקענסט נישט דיין מאַמע?...

ער האָט געשוויגן. גאָט! וואָס איז געשען מיט מיין קינד! פאַרוואָס שווייגט ער? דוכט זיך, אַז ער האָט אַפילו געמאַכט אַ באַוועגונג זיך באַ־פרייען פון מיינע אָרעמס... אָפּשטויסן מיך פון זיך... אַנטלויפן...

— יורעקל! — האָב איך אַרויסגעשטאַמלט אַ צעטומלטע — מיינסט. אַז איך בין טויט?... געשטאָרבן?... זאָג! רעד! רעד צו מיר עפּעס!... רעדן!!

אַז ער האָט דערזען, ווי שטאַרק איך האָב זיך צעכליפּעט, האָט ער אויפגעהויבן זיינע טיף־בלויע קינדערישע אויגן צו מיר און אַרויסגעזאָגט מיט קווענקלעניש:

— אַלע מיינען אַזוי.
— אויך דער טאַטע?...
— המהמ... — האָט ער אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ, אָן ווערטער, אַלס צושטימונג.
— אויך דו, מיין קינד? אויך דו?...
ער האָט אַראָפּגעלאָזט די אויגן און געשוויגן. זיין שווייגן האָט מיך אויפגעטרייסלט. איך האָב זיך באַמיט האַלטן גלייכגילטיק. איך האָב זיך אָבער נישט געקענט באַהערשן.
— פאַרוואָס מיינען עס אַזוי אַלע און אויך דו, מיין זון? — האָב איך אַרויסגעשטאַמלט דורך טרערן.
— ווייל... ווייל דו ביסט אַ... זשידוווקע... אַ יידישקע...
— ווער... ווער האָט דיר געזאָגט וועגן דעם?
— דער טאַטע. ער האָט געזאָגט, אַז די דייטשן האָבן דיך אַוועקגענומען, ווייל דו ביסט אַ...
— ווי אַזוי האָט דער טאַטע זיך דערוווּסט, אַז די דייטשן האָבן מיך אַוועקגענומען? ווי אַזוי?
— איך ווייס נישט ווי אַזוי... דער טאַטע ווייס אַלץ...
— אַלץ ווייסט ער... יאָ... יאָ... אַלץ... אָבער:::
— אָבער וואָס?... — האָט ער מיר אַריינגעקוקט דרייסטער אין די אויגן.
— ער איז דאָך נישט געווען אין דער היים, ווען... ווען זיי האָבן מיך צוגענומען. נישט דו, נישט מיקאָלאַי און אויך... נישט ער. ווי אזוי, אַלזאָ, האָט ער עס געוווּסט, ווי אַזוי?
— איך ווייס נישט.
— און דו, יורעקל, ווי אַזוי האָסטו זיך דערוווּסט וועגן דעם? ווי אַזוי?
— איך האָב דיר שוין געזאָגט: דער טאַטע האָט דערציילט...
— ווען? ווי אַזוי? דערצייל! זאָג! איך בעט דיך, דערצייל!!!
ער האָט דערזען מיין צעשטרייטקייט און אויסגעמיטן זיך טרעפן מיט מיינע בליקן. איך האָב געפילט, אַז ער וויל מיך עפּעס פרעגן אָבער ער האַלט זיך אָפּ דערפון. עס איז מיר שווער געווען באַגרייפן זיין פרעמדקייט צו מיר. גאַרנישט דאָס זעלבע יינגל, וואָס האָט מיך תמיד אַזוי הייס געליבט און באַשאָטן מיט פראַגן. איך בין געווען זיכער, אַז ער וועט זיך געוואַלדיק דערפרייען מיט מיר, ער וועט מיר אַרומכאַפּן און שטאַרק קושן, דריקן זיך צו מיר, אָבער אַ מאָדנע קאַלטקייט האָט געוויעט פון

אים. איך האָב אים געפּרוווט רעדעוודיק מאַכן. אַרויסבאַקומען פון אים, וואָס מער ווערטער און זיך אַליין אַראָפּרעדן פאַר אים און דערציילן אים אַלץ. אַלץ וואָס איך האָב אים ביז איצט נישט דערציילט און אויפ־קלערן מיין שווידערלעכע לאגע.

— יורעקל, — האָב איך זיך ווידער אָפּגערופן צו אים מיט האַרץ־ווייטיק — זאָג, וואָס טוט מיקאַלאַי? פרעגט ער וועגן מיר? ווייס ער, אַז איך בין טויט?...

— דו ביסט דאָך נישט טויט... — האָט ער אַ שמייכל געטון.

— יאָ. איך לעב, יורעקל. איך לעב. צי ווייסטו ווי אַזוי איך בין גע־בליבן לעבן? ווילסטו איך זאָל דיר דערציילן אַלץ? זאָג, ווילסטו, אָדער...

— דערצייל, אַלץ איינס, דערצייל.

— וואָס אַלץ איינס? וואָס?

— גאָרנישט. דערצייל!

— ווילסט מיך עפּעס פרעגן? זאָג דעם אמת, וואָס ווילסטו מיר פרעגן, האַ?

— גאָרנישט. איך וויל גאָרנישט פרעגן.

— גלויבסטו יורעקל, אַז די דייטשן האָבן מיך צוגענומען, ווייל איך בין אַ... יידישקע? זאָג, גלויבסטו עס?

— אַלע זאָגן דאָס זעלבע. אויך די באַבע מאַריאַ זאָגט, אַז דו ביסט אַ זשידוווקע. זאָג, איז עס טאַקע אַן אמת? — האָט ער געפרעגט איצט דרייסטער.

— עס איז אמת, מיין קינד, אמת. איך האָב עס אייך ביז איצט נישט געקענט דערציילן — האָב איך גענומען רעדן מיט אים אָפנהאַרציק, ווי פאַר אַ דערוואַקסענעם, באַגרייפנדיק ערשט איצט זיין קאַלטקייט צו מיר — יאָ. איך באַהאַלט עס מער נישט אויס פאַר דיר. איך בין געבוירן אַלס יידישקע. איך האָב זיך פאַרליבט אין דיין טאַטן און דיין טאַטע אין מיר. מיר האָבן זיך ביידע געליבט. שטאַרק געליבט...

— אָבער... אָבער דו האָסט דאָך מיר מיט מיקאַלאַיען געלערנט זיך צלמען, געגאַנגען מיט אונדז אין צערקווע אין די חגאות.

— יאָ. יורעקל. איך האָב אָנגענומען דעם קריסטלעכן גלויבן, ווייל אַזוי איז געווען באַקוועמער... לייכטער... מיינע עלטערן האָבן מיר גע־שטערט זיך ליבן מיט דיין טאַטן און איך האָב צוליב דעם זיך מער קיינמאָל נישט געטראָפן מיט זיי.

— זיי האָבן געלעבט? — האָט ער מיך אָנגעקוקט מיט אומצוטרוי.

— יאָ. ביז זיי זענען אומגעקומען צוזאַמען מיט אַלע איבעריקע יידן פון די שטעטלעך און דערפער.

ער איז געזעסן גלייכגילטיק. געשוויגן. פון צייט צו צייט האָט ער בלויז אַ בלענץ געטון צו מיר פון דער זייט מיט זיינע ווייסע און ווייטער געשוויגן. זיינע הענט האָבן נערוועז געדרייט מיטן פייפעלע הין און צוריק און די יונגע פעסט־געבויטע פלייצקעס זיינע האָבן אומגערן אַ צוק געטון פון צייט צו צייט.

— געדענקסט דעם אַלטן סטאַרעץ, דעם בעטלער ביי אונדזער פלויט?

— האָב איך ווייטער געזאָגט, באַהערשנדיק זיך נישט אויסצוברעכן ווידער אין אַ געוויין — דאָס איז געווען מיין טאַטע. דיין זיידע.

— ער? מיין... זיידע?...

— יאָ, דיין זיידע. ער איז געקומען...

— ...בעטן ברויט?

— ניין, יורעקל, נישט בעטן ברויט נאָר, אַז איך זאָל זיך צוריקקערן צו מיין אַלטן גלויבן.

— ווערן צוריק אַ זשידוווקע? — האָט ער מיר געקוקט איצט גלייך אין די אויגן אַריין.

— יאָ, יורעקל. אַזוי האָט ער געוואָלט, אָבער איך... איך האָב אייך נישט געוואָלט איבערלאָזן. איך האָב זיך דאָך במילא מיט גאָרנישט געענדערט צוליב דעם, וואָס איך בין געוואָרן אַ קריסטין. אַ מענטש בייט זיך נישט. ער איז דער זעלבער. אַז ער איז געבוירן אַ שלעכטער — איז ער שלעכט, מעג ער זיין אַפילו נישט קיין ייד. מעג ער זיין אפילו אַ... קריסט.

מיינע גערירטע ווערטער האָבן לאַנגזאַם אָנגעהויבן אַריינדרינגען אין זיין באַוווסטזיין. ער האָט מיך אַלץ מער אויסגעהערט מיט אויפמערקזאַמקייט און אָנטייל גענומען אין מיין לאַגע. ער איז ביסלעכוויז רעדעוודיקער געוואָרן.

— ווייסט — האָט ער געזאָגט איצט דרייסטער אַרומקוקנדיק זיך, גלייך ער וואָלט מיר געוואָלט פאַרטרויען אַ סוד — אַז איך בין געקומען אַהיים פון וואַלד פאַרנאַכט און דיך נישט געטראָפן אין דער היים, בין איך געווען זיכער, אַז דו ביסט אַוועק צום זיידן אַלעקסיי, אָבער אין דער רגע איז געקומען דער טאַטע. ער איז געווען שיכור. איך האָב אים געפרעגט, ווו דו ביסט און ער האָט מיר געזאָגט, אַז די דייטשן האָבן דיך צוגענומען, ווייל דו ביסט אַ יידישקע. איך האָב עס אים נישט געגלויבט. איך האָב אים געזאָגט, אַז דו ביסט דאָך געווען אַזאַ גוטע מאַמע, איך גלויב אים

נישט. דאָס נאַרט ער מיך בכוונה אַזוי, ווייל ער האָט זיך מסתמא צעקריגט מיט דיר און דו ביסט אַוועק פון אים אין „פּרוטשקעס". שפּעטער אָבער איז געקומען די באָבע מעלקן די בהמות און אויך זי האָט מיר געזאָגט דאָס זעלבע. עס איז געקומען דער זיידע, אַלעקסיי. ער איז געווען בייז און גאַרנישט גערעדט. סעריאָזשאַ האָט געבראַכט בראָנפן און אויך אַניושקאַ איז געקומען. זיי האָבן אַלע געטרונקען. אויסער דעם זיידן. ער האָט זיך נישט געוואָלט צורירן צום בראָנפן און איז אַוועק אַ ברוגזער.

— איז אַניושקאַ געווען ביי אונדז נאָך דעם זעלבן אָוונט? — האָב איך געפרעגט מיט פאַרקריצטע צאַרנדיקע ציין.

— יאָ. איצט קומט זי יעדן טאָג. אַ גאַנצע באַלעבאָסטע געוואָרן. איך קען זי נישט פאַרטראָגן. זי לאַכט בלויז און פרעסט פון העם, וואָס דו האָסט צוגעגרייט. מיר גיט זי גאַרנישט. לעקט זיך צום טאַטן, ווי ער וואָלט געווען איר מאַן...

— און מיקאָלאַי? ווו איז מיקאָלאַי? ווייסט ער אויך וועגן מיר?

— פאַרשטייט זיך, אַז ער ווייסט. איצט רייצט ער זיך מיט מיר און זאָגט, אַז ער האָט זיך גלייך אָנגעשטויסן, און אַז נישט אומזיסט האָסטו אַזוי פאַרטיידיקט די זשידעס. ער קומט נישט גאַנצע נעכט. אַ לאָדאַר געוואָרן, זאָג איך דיר. אַ ראַזבאָיניק. גאָט זאָל היטן. רוף איך זיך נאָר אָפּ אַ וואָרט שלאָגט ער מיך צום טויט. ווערט פאַרפאַלן אויף גאַנצע נעכט. ווער ווייס וואָס ער טוט און וווהין ער גייט. ער שיכורט, ווי אַן אמתער „פּיאַניצע" (אַלקאָהאָליקער) און באַרימט זיך פאַר סעריאָזשאַן, אַז ער קען אויסטרינקען פינף און ניינציקער סאַמאָגאָן מער פון אים און אַפילו נישט ווערן שיכור. יעדי באָהו, זאָג איך דיר. איך האָב טאַקע אַליין געזען. ער האָט אַפילו אַ רעוואָלווער אין קעשענע. אַז ער ווערט אין כעס קען ער שיסן אַפילו אַן אייגענעם ברודער, אַ לאָדאַר אַזאַ! אַן אמתער באַנדיט, זאָג איך דיר, געוואָרן! אַ ראַזלעד!...

לאַנג בין איך געזעסן מיט יורעקן און גערעדט מיט אים, ווי מיט אַ דערוואַקסענעם. עס איז מיר לייכטער געוואָרן. איך האָב זיך אַן איבעריק מאָל איבערצייגט, אַז ער, פּאַוועל, האָט מיך אויסגעגעבן צו די ס.ס.־לייט. ער האָט אַזוי אַרום געוואָלט פּטור ווערן פון מיר. עס האָט מיך מער נישט אינטערעסירט, וואָס אים האָט באַוויגן דערצו. דער פאַקט האָט מיר ווייי געטון ביז אין דער טיפעניש פון מיין זעל.

— איך בעט דיר, יורעקל — האָב איך אים געזאָגט פאַרן אַוועקגיין — איך וואָלט נישט געוואָלט, אַז דער טאַטע זאָל וויסן, אַז איך בין געבליבן

לעבן. פאַרשטייסט?

— וועסט זיך נישט צוריקקערן מיט מיר אַהיים, מאַמאַ?

— ניין, מיין קינד. איצט קען איך זיך מער נישט אומקערן אַהיים. די דייטשן וועלן מיך דאָרט ווידער זוכן.

— אפשר וועט דיך אויסבאַהאַלטן דער זיידע אַלעקסיי. ער איז אויף דיין זייט. ער וועט זיך פרייען, וואָס דו ביסט געבליבן לעבן. קום. האָב נישט מורא. און אַז עמיץ וועט דיר וועלן טון שלעכטס, וועל איך זיך איינשטעלן פאַר דיר. יעי באָהו. קום!

איך האָב אים אַרומגענומען און ווידער הייס געדריקט צו זיך.

— אַ דאַנק דיר, מיין העלדישער זון. ניין. איך קען אַהיים מער נישט קומען איצט, נאָך דעם, ווי דער טאַטע האָט זיך אַזוי שנעל פאַרבונדן מיט אַניושקען. און דו... קענסט מיר נאָר העלפן, אויב דו ווילסט.

— זאָג, מאַמאַ, מיט וואָס זאָל איך דיר העלפן? ביסט דאָך מיין מאַמע...

— ברענג מיר מאָרגן, אָט דאָ אויף דעם אָרט, אַ ביסל שפייז. ברויט און אַ שטיקל חזיר־פעטס...

— גוט, מאַמאַ, כ׳וועל ברענגען.

— און חלילה, זאָגן דעם טאַטן אַ וואָרט וועגן מיר. הערסט, יורעקל? איין טאָג וועל איך קומען אַהיים. כ׳וועל קומען און דאָס וועט זיין פאַר אים אַן איבערראַשונג...

— גוט. אַז דו ווילסט נישט איך זאָל עמיצן זאָגן וועגן דעם — וועל איך נישט זאָגן.

— שווער מיר!

— איך שווער דיר, מאַמאַ! — האָט ער געזאָגט פון גאַנצן האַרצן. ער האָט אויפגעקרייצטביידע פינגער אין אַ צלם, ווי בעתן שפילן זיך מיט זיינע חברים און אַ קוש געטון די געקרייציקטע פינגער, כלומרשט דעם צלם — ווי גאָט דער פאָטער און זיין געקרייציקטער זון איז מיר ליב! גלויבסט דאָך אין געקרייציקטן. אַיאָ מאַמאַ, דו גלויבסט?...

— איך גלויב מיין זון... איך גלויב אין געקרייציקטע...

ער האָט אַרויסגענומען פון טאָרבע זיין שטיקל ברויט, וואָס ער האָט געהאַט מיט זיך און עס מיר געוואָלט אָפּגעבן.

— נעם, מאַמאַ, עס. — האָט ער געזאָגט מיט מיטלייד — דו ביסט דאָך זיכער הונגעריק.

— מיר עסן צוזאַמען. גוט?

— איך קען עסן אין שטוב וויפל איך וויל. — האָט ער מיך גע־

טרייסט — איך וועל באַלד צונויפֿשרייבן די סטאַדע און גיין אַהיים. זעסט, די זון גייט שוין אונטער.

ערשט איצט האָב איך זיך געכאַפּט, אַז מיר זענען אַזוי ביידע אָפּגעזעסן כמעט אַ האַלבן טאָג אויפֿן שטאָם. ער האָט מיט שווייגעוודיקע בליקן זיך געזעגנט מיט מיר און זיך געלאָזט צונויפֿנעמען די סטאַדע. פּלוצים האָט ער זיך פֿאַרהאַלטן און אַ פֿרעג געטון מיט פֿאַרוווּנדערונג, ווי ער וואָלט זיך דערמאָנט אין עפּעס:

— און ווו וועסטו שלאָפֿן, מאַמאַ, האַ? קום אין שייער. דאָרט וועט דיך קיינער נישט זען. וועסט איבערנעכטיקן און צוריקגיין אין וואַלד...

— גוט, יורעקל, איך וועל זען. אפֿשר וועל איך קומען ביינאַכט, אָבער וואַרט נישט אויף מיין קומען.

ווי אַ געיאָגטער פֿוקס, בין איך אַ גאַנצן טאָג און נאַכט געלעגן אויף אָפּגעוואַרט יורעקס צוריקקומען. וואָס אַלץ איז נישט אַדורך איבער מיין צעהיצטן מוח אין יענע שעהן פֿון דערוואַרטונג. אַז איך האָב אויף אַ רגע צוגעמאַכט די אויגן, האָב איך בלויז געהערט יורעקס קינדעריש־זיסע שטים „מאַמאַ” און דאָס האָט מיר געגעבן דאָס געפֿיל, אַז איך לעב ווידער מיט מיין היים. איך בין נאָך אַלץ אַ מאַמע. בין נישט אַזוי עלנט. האָב ווער עס זאָל זאָרגן איבער מיר און מיר ברענגען אַ שטיקל ברויט. עס איז מיר איצט בלויז געבליבן אויסצופֿירן מיין נקמה־פּלאַן און דאַן... דאַן וועל איך איינגאַנצן זיין רואיק.

דעם פּלאַן האָב איך אויסגעאַרבעט מיט אַלע איינצלהייטן: איך וועל קודם כל אַרויסגנבענען פּאַוועלס ביקס. איך דאַרף בלויז אָפּשאַצן, ווען ער גייט אַוועק פֿון שטוב אָן דער ביקס און וווּהין ער גייט. דאָס קען מיר אינפֿאָרמירן יורעק. מען קען זיך פֿאַרלאָזן אויף אים. ער וועט מיר נישט פֿאַרראַטן, נאָכדעם, ווי איך האָב אים אַלץ דערציילט און איבערצייגט. בלויז וועגן מיין פּלאַן האָב איך אים נישט דערציילט, ווי אויך נישט ווער עס האָט מיך איבערגעגעבן צו די דייטשן.

ווען ער איז אויף מאָרגן געקומען צום אָפּגערעדטן אָרט מיט אַ לאַבן ברויט און חזיר־פֿעטס, וואָס ער האָט אַרויסגעגנבעט פֿון קעמערל, פֿאַר מיר, איז ער שוין געווען איינגאַנצן אַנדערש צו מיר. צו זיין פֿרייד איז נישט געווען קיין שיעור בעת ער האָט מיך דערזען. איצט האָב איך אים באַשלאָסן צו דערציילן אויך וועגן זיין טאַטנס האַנדלונג. ער איז געווען דערשטוינט. יינגלש דערשטוינט.

— איצט פֿאַרשטיי איך שוין פֿאַרוואָס דער זיידע אַלעקסיי איז מיט אים

ברוגז און פאַרוואָס אָט די אַניושקאָ איז גלייך אויף מאָרגן אַריבער צו אונדז און איז געוואָרן אַ גאַנצע באַלעבאָסטע אין שטוב. אַ כאַליערע אויף איר אַ גוטע! — האָט ער געזאָגט מיט כעס — איך וועל זי נאָך אַרויס־טרייבן, ווי אַ סוקע, אַ הינטיכע. אפשר וועסטו עס נאָך אַליין טון. איאָ, מאַמאַ, דו וועסט זי אַרויסיאָגן פון אונדזער שטוב? זי איז דאָך אַן אויסגעלאַסענע. זי ווייס בלויז לאַכן און שיכורן. לאַכט און שיכורט — שיכורט און לאַכט. אַן אמתע פּרוטשגיצע!

— יעדן טאָג שיכורן זיי, וואָס? — האָב איך געפרעגט מיט ווייטיק.

— כמעט יעדן טאָג. פאַרנאַכט. וואָס דען. אַ בעזסטידניצע איז זי אַזאַ, אַן אומפאַרשעמטע, זאָג איך דיר און שוין!

— און דו, מיין זון, וואָס טוסטו בעת זיי שיכורן?

— וואָס האָב איך דען צו טון, וואָס? איך גיי אַוועק צו דעם זיידן, אויפן כוטאָר. דער זיידע און באָבע האָבן מיך אַוועקגענומען צו זיך. איך שלאָף דאָרט אַפילו.

— גוט, מיין זון. שלאָף ביים זיידן. ער איז אַ גוטער, דער זיידע. ער האָט דיך ליב. בעסער אַזוי...

— ער איז א גוטער, מאַמאַ. — האָט ער איינגעשטימט.

— און וועגן וואָס רעדט ער מיט דיר, דער זיידע?

— גאָרנישט. ער רעדט מיט מיר ווייניק. אויך די באָבע גייט אַרום ווי זי וואָלט געווען ברוגז. איך ווייס נישט. זיי שווייגן און שוין. איך פרעג זיי גאָרנישט.

— גוט, יורעקל, רעד ווייניקער וועגן דעם, אַפילו מיטן זיידן. איך וועל אפשר קומען צו אים, אָבער דערווייל — קיין וואָרט נישט! איך מוז נאָך אָפּוואַרטן אַ ביסל. די דייטשן קענען קומען מיך אַרומזוכן דאָרט. פאַר־שטייסט?

— המהמ... — האָט ער צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ און מיר האָבן זיך ווידער אָפּגערעדט צו טרעפן אויפן זעלבן אָרט אין אַ פּאָר טעג אַרום.

ביי מיין יעדן אָפּשייד פון די צוויי בחורים, אפרים און נחום, האָב איך זיי געמוזט איינרעדן, אַז איך גיי אַרויסבאַקומען אַ ביסל שפּייז פאַר אַלע. בלויז מיר קען זיך עס איינגעבן אַ דאַנק מיין געבענטשטן אויסזען פון אַ פויערטע, אויף וועלכער קיינער וואָרפט נישט קיין חשד. זיי האָבן געזען אין מיר אַ רעטערין און ביידע האָבן גענומען פירן אַ קאָנקורענץ־געטריי־שאַפט צו מיר.

— נאָר זע, גיב אַכטונג אויף זיך. מען זאָל דיך נאָר נישט כאַפּן ביים גנבענען.

— האָט נישט מורא פאַר מיר, זייט רואיק.

זיי זיינען אָבער נישט געווען רואיק. באַגלייט מיך אין דער נאַכט־טונקלקייט אַ שטיק וועג, ביז איך האָב זיי באַפוילן זיך פאַרשטעקן צוריק אין איינעם פון די סטאַגעס היי, וואָס זענען געווען צעשטעלט נעבן וואַלד און טייך.

זייער יעדער פאָרשלאָג גיין מיט מיר האָב איך אָפּגעוואָרפן מיט אַנט־שלאָסענער קאַטעגאָרישקייט. זיי האָבן געמוזט זיך אונטערגעבן מיין ווילן, נישט קענענדיק באַגרייפן פאַרוואָס איך שטעל אַליין איין מיין לעבן און וויל זיי נישט באַטייליקן אין די „גניבות".

מיין אָנזען ביי זיי איז נאָך גרעסער געוואָרן, ווען איך האָב איין טאָג, זונטיק, געבראַכט מיט זיך אַ ביקס, פאַוועלס ביקס, וואָס איך האָב אַרויס־געגנבעט, בעת פאַוועל איז נישט געווען אין שטוב.

— איצט זענען מיר אין גאַנצן געראַטעוועט! — האָבן זיי מיך אַרומ־געכאַפּט מיט פרייד און געקושט — דו ביסט ווירקלעך אַ העלדין, דינה. הלוואי וואָלטן אַ סך אַזעלכע ווי דו זיך געראַטעוועט. מיר וועלן שאַפן אַ פאַרטיזאַנער־גרופּע און נעמען נקמה.

— קענסט שיסן? — האָט נחום, אַ בחור מיט געקרייזלטע שוואַרצע האָר און ברענענדיקע שוואַרצע אויגן, געפרעגט. — אויב נישט, וועל איך דיר אויסלערנען. איך האָב געדינט אין פערצנטן פּאָלק אין וולאָצלאַוועק און געווען פון די בעסטע שיסער. נישט ווי אַנדערע יידישע בחורים, וואָס האָבן געשאָסן גאָט אין פענצטער אַריין...

— גוט. מען וועט זיך שוין אויסלערנען. — האָב איך טרויעריק גע־שמייכלט — הרגענען אַ מענטש איז נישט קיין גרויסע חכמה...

— וואָלסט געהאָט די מוט שיסן אין אַ מענטש? — האָט דער צווייטער, אפרים, אַ בחור מיט פאַרחלומטע אויגן פון אַ „פּאָעט", געפרעגט.

— אַ הונט וואָלט איך נישט געקענט דערשיסן, אָבער אַ מענטש־הונט — יאָ!

— פאַרלאָז זיך אויף איר. — האָט נחום געזאָגט האַפערדיק — מיר וועלן זיך אָנשליסן אין אַ גרעסערן אָטריאַד און זי וועט נאָך ווערן אונדזער קאָמאַנדיר. וועסט זען. — האָט ער פאַרזיכערט זיין חבר, וואָס האָט אויף קיין רגע נישט געצווייפלט דערין.

ווי גרויס איז געווען זייער פרייד, ווען איך האָב איין פאַרנאַכט זיך

צוריקגעקערט מיט אַ רעוואָלווער אין האַנט.

— דאָס איז דאָך ממש אומגלויבלעך! — האָבן זיי מיך באַוווּנדערט — ווו און ווי אַזוי האָסטו עס אַרויסבאַקומען? איצט האָבן מיר שוין באמת נישט וואָס מורא צו האָבן. — זיי האָבן ממש געקושט דעם רעוואָלווער.

איך האָב זיי נישט דערציילט, אַז יורעק האָט מיר אים געבראַכט, נאָך דעם ווי ער האָט אים אַרויסגעגנבעט ביי מיקאָלאַיען. ער האָט עס געטון אויף דער אייגענער האַנט, נישט האָבנדיק קיין אַנונג, אַז ער האָט אין מיינע הענט איבערגעגעבן דאָס לעבן פון זיין פאָטער...

— זעסט מאַמאַ, — האָט ער געזאָגט האָפערדיק, גלייך ער וואָלט מיר געבראַכט די שענסטע מתנה — דאָס האָב איך אַרויסגענומען ביי מיקאָלאַיען פון טאַש. ווען דו ווייסט, — האָט ער גערעדט איבערראַשט און צע־רודערט — וויפל ער האָט אַזעלכע. גאַנצע דריי שטיק, „באַראַבעלן", און אויך ביקסן מיט קוילן. ער האָט זיי באַגראָבן אין וואַלד. נאַ, נעם. עס קען דיר צונוץ קומען. אין וואַלד זענען דאָך פאַראַן וועלף און ווילדע חזירים.

איך האָב אים הייס געקושט און מיר האָבן זיך ווידער צעשיידט, כדי זיך ווידער טרעפן אין דריי טעג אַרום אויפן זעלבן אָרט, וואָס איז געווען באַוואַקסן מיט געדיכטע שטעכעדיקע קוסטעס און אַזשינע־בוימלעך.

אָט אַזוי האָב איך איין רעגנדיקן טאָג, מיטן צופאַלן פון אָוונט, זיך אַוועקגעלאָזן צו דער גאַיוווקע, כדי מיט די אייגענע אויגן און אויערן זען און הערן וואָס דאָרט טוט זיך און אויספירן מיין לאַנג־פאַרטראַכטן נקמה־פּלאַן, וואָס האָט מיר נישט געגעבן קיין רו אויף קיין מינוט.

פאַרזונקען אין נאַכטיקער שטילקייט איז געלעגן די גאַיוווקע, איינגע־הילט אין די שאָטנדיקע בוימער. אַ קרומער פאַס ליכט האָט דורכגעשניטן די צווייגן און באַלויכטן דעם שטח פאַרן פענצטער, וואָס האָט נאָך געליכ־טיקט. אַ דריבנער רעגנדל האָט געטראָפּעט צווישן די בוימער און שטומפּיק אָפּגעקלאַפּט זיך אין די פאַרגעלבטע בלעטער און שישקעס.

מיט טויבע טריט דערנענטער איך זיך צום הויף. איך שפּרינג אַריבער דעם פּלויט. און אָט בין איך שוין נעבן שייער, וואָס וואַרפט איצט אָן אויף מיר אַן אימה און זעט מיר איצט אויס אַזוי פרעמד. נישט ווילנדיק, לויפט אַריבער איבערן מוח אַ געדאַנק וועגן יידישן פּאָרל מיטן מיידעלע וואָס האָבן דאָ ערשט נישט לאַנג זיך באַהאַלטן. איצט בין איך די זעלבע, וואָס זיי. היימלאָז און פול מיט פּחד.

ראַבטשיק דערשנאַפּט מיינע טריט און טוט אַ ביל, אָבער גלייך פאַר־שטומט ער און שפּרינגט מיר צו די פיס, הענט און פּנים. ער פרייט זיך

מיט מיר און הערט נישט אויף מיך קושן. איך ענטפער אים מיט קושן און טוליע אים צו זיך, ווי אַ טייער קינד. איך בין אַזוי איבערגענומען מיט זיין הינטישער פריינדלעכקייט, אַז איך פאַרגעס אויף אַ רגע, ווו איך געפין זיך און וועלכע געפאַר עס לויערט אויף מיר. כדי ער זאָל מיר נישט שטערן, בינד איך אים צו אויף דער קייט. ער איז הכנעהדיק און האַלט איין זיין געוואָי.

איצט פאַרגנבע איך זיך צום פענצטער פון וואַנען עס זעצט דאָס ליכט. דער רעגן פארשטארקט זיך און איך בין כמעט אינגאנצן דורכגעווייקט. אַ נס, וואָס עס זענען פאַראַן אָפּדאַכן ביי דער שטוב. איך שטעל זיך אונטערן אָפּדאַך און בלייב שטיין אומבאַוועגלעך. מיין האַנט פאַרקוועטשט דעם רעוואָלווער מיט אַזאַ קראַפט, אַז איך דערפיל, ווי די פינגער פאַר־קלעמען אויף אים. אַ פרויאיש געלעכטער לעכערט דורך מיין געהיר.

— אַניושקאַ!!!

איך קוק אריין פאַרזיכטיק, פון דער זייט, אינעווייניק. זי זיצט פאַרן טיש און פאַוועל נעבן איר.ביידנס פנימער זענען צעפלאַמט. איר אויסגע־פּאַשעט געזיכט, פאַרריסענע נאַז, הויכער בוזעם און בלאָנדע צעפּ, גע־פלאָכטן אַרום איר קאָפּ, שרייען מיט ווייבלעכער אויסגעלאַסנקייט און צופרידנקייט. איר בוזעם טרייסלט זיך פאַר געלעכטער.

אַנטקעגן איבער זיצט סעריאָזשאַ. ער איז אינגאַנצן צעשיכורט. אויפן טיש שטייט אַ פלאַש בראַנפן און אָנגעשטעלטע גלעזער. דורך די שויבן זעצט דורך דאָס אָנגעפרעגלטע חזיר־פעטס. זיי טרינקען, עסן און לאַכן. לאָזן זיך וווילגיין פון מיין פאַרמעגן. אַלץ אין מיר קאָכט אויף. אין די אויערן רוישט, ווי פון אַ פלוצימדיקן שטאַרקן קלאַפּ.

נאָך איידער איך באַשליס אַריינקומען אינעווייניק מיטן רעוואָלווער אין האַנט, דערהער איך טריט. פייל פון בויגן שפרינג איך אָפּ פון פענצ־טער. איך שטיי איצט צווישן די בוימער און וואַרט אָפּ. פאַרזיכטיקייט שאַדט נישט. דאָס האַרץ זעצט ווי אַ האַמער. דאָס זעצן ווערט קלענער, ווען איך דערזע אַריינקומען אין הויף אַ פרויען־געשטאַלט. איך דערקען אַדאַרקען. זי קומט אַריין אין שטוב און איך בין שוין ווידער ביים פענצטער. מיין דרייסקייט וואַקסט אָן. איך שטיי און הער זיך איין אין דעם, וואָס עס קומט פאָר אינעווייניק.

— וואָס טראכסטו זיך, הא? — דערהער איך אָדארקעס בייזע שטים — האָסט אין גאַנצן פאַרלאָזן די שטוב און שלעפּסט זיך אַרום גאַנצע

נעכט און שיכורסט. האַ? קום שוין אַהיים, קום. עס וועט זיין גענוג, וואַלאַצוגאַ איינער!

— שאַ, שריי נישט אַזוי, באַבאַ! — זאָגט סעריאָזשאַ מיט אַ קוים־באַוועגלעכער צונג — פעלט דיר דען עפּעס ביי מיר, האַ? זאָג? וואָס פעלט דיר, האַ? אַ כאַלעריע אַ גוטע? דוכט זיך, באַזאָרגט דיך מיט די בעסטע זאַכן. גייסט ביי מיר אַנגעטון, ווי אַ פּריצטע, טשאָרט וואָזמי! זאָגט אַליין, קוקט זי אָן — אַן אמתע פּריצטע געוואָרן, כאַ־כאַ־כאַ!

פּאַוועל און אַניושקאַ לאַכן שטאַרק, האַלטן אונטער סעריאָזשען.

— האָך, ליודאָנקי, (מענטשן טייערע) — רופט זיך אָפּ אַניושקאַ מיט אַ געלעכטער — ווי אַזוי אַ ווייב האַלט עס אַ מאַן אויף דער צוים, האַ? נעם בעסער, אַדאַרקאַ און זעץ זיך צום טיש. זעץ זיך און טרינק אויס מיט אונדז אַ „טשאַרקע”. אָט האָסטו אויך מיט וואָס צו פאַרבייסן. ביי פּאַווליוקן פעלט נישט צום עסן און נישט צום טרינקען, וואָס זאָגסטו, פּאַווליוק מייַנער, האַ?

— גענוג געשיכורט! — זאָגט אַדאַרקאַ בייז און זאָגט זיך אָפּ פון דער „טשאַרקע”. — עס איז שוין שפּעט. מאָרגן דאַרף מען אויפשטיין צו דער אַרבעט.

— ווער דאַרף היינט אַרבעטן, ווער, האַ? — שרייט סעריאָזשאַ — מען דאַרף לעבן כל זמן מען לעבט. נישט אַזוי, פּאַוועל, האַ? עך טשאָרט פּאַבערי! היינט געלעבט און מאָרגן — ווער ווייס! אָבער אויסטרינקען דאַרף מען. נישט אַזוי? האַ? — בלעקעט ער ווייטער מיט זיין שיכור־רער צונג.

— לאָז אים! לאָז אים! — רופט זיך איצט אָפּ פּאַוועלס שטים — וואָס ער וועט אויסטרינקען היינט — דאָס איז זיינס און מאָרגן זאָל זיך דער גרויסער גאָט זאָרגן. אָט אַזוי! נאַ־נעם און טרינק טאַקע אויס מיט אונדז! נו, פּאַר אונדזער אַלעמענס געזונט!

אַדאַרקאַ ווערט נאָכגיביק און איצט טרינקען אַלע. טרינקען ווידער, עסן און לאַכן, זייער געלעכטער טוט מיר וויי. שטעכט ווי מיט אַנגעגליטע שפּיזן. עס גלוסט זיך אונטערצוציגדן דאָס הויז. מאַכן א שריפה און נישט אַרויסלאָזן קיין איינס לעבעדיק פון דאַנען. עס טוען בלויז באַנג די שטוב־חיות, די עופות, גענדז, קאַטשקעס, די קי, שאָף און ראַבטשיק, מיין אָרנטלעכער הונט.

ענדלעך האָב איך ווידער דערהערט אַדאַרקעס שטים:

— נו גענוג, גענוג. כ'האָב איבערגעלאָזט די שטוב מיט די קינדער

אַליין. הײנט איז דאָך אַ מורא איבערצולאָזן אַ שטוב. איבערן וואַלד שלעפּן זיך אַרום פּאַרטיזאַנער און יידן. נעכטן ווידער צוגעגנבעט ביי מיר אַ פּאָר עופות. אומריינע גייסטער אַזעלכע!

עס געדויערן נאָך אייניקע מינוטן ביז אַדאַרקאַ שלעפּט ענדלעך אַרויס איר מאַן סעריאָזשאַ פון שטוב.

איצט זע איך, ווי פּאַוועל זיצט אַרומגענומען מיט אַניושקען. ביידע זענען צעפלאַמט. אין שטוב איז אויסער זיי מער קיינער נישטאָ. יורעק איז ביים זיידן, ביי אַלעקסייען. מיקאָלאַי שלעפּט זיך אַרום ווער ווייסט וווּ. געוואָרן אַ שיינער תכלית פון מיין משפּחה־לעבן, אָבער איצט איז מיר אַלצאיינס. עס טוט מער גאָרנישט באַנג. אַפילו דאָס אייגענע לעבן נישט. עס טוט בלויז וויי, ווען איך הער, ווי פּאַוועל רעדט צו אַניושקען. וועלכע איז געוואָרן די באַלעבאָסטע אויף מיין פּראַצע. ער רעדט צו איר, ווי צו להכעיס מיר:

— אַניושקאַ, טייבעלע מיין. נו, געגאַנגען שלאָפן, האַ?

— גוט, פּאַווליוק מיינער, כ'וועל פריער אָפּרוימען פון טיש. אַ ריכטיקע באַלעבאָסטע וועט זיך נישט לייגן שלאָפן איידער זי וועט נישט ברענגען אין אָרדענונג די שטוב. נישט אַזוי, מיין שיינינקער?

זי לאַכט ווידער מיט איר אַרויסרופערישן פּראָוואָצירנדיקן געלעכטער.

— געוויס, געוויס מיין קראַסאַוויציע. מאַך די בעט און איך וועל דערווייל גיין כאַפּן אַ קוק צו די שטאַלן. דוכט זיך גאָר, אַז איך האָב זיי נאָך נישט פאַרשלאָסן. אַ פינצטערע נאַכט היינט. די האָלאָטע קען ווידער קומען עפּעס אַרויסגנבעגען. זיי האָבן דאָך מיין ביקס אַרויסגעגנבעט און אויך צוויי געגנדז מיט ברויט און כמעט דאָס גאַנצע חזיר־פעטס.

— גיי, פּאַווליוק מיינער, גיי!

איך פאַרלויף פאַר די שטאַלן און וואַרט אָפּ. דאָס בלוט זידט אין מיר, ווי אין אַ קעסל. המ... קראַסאַוויצע מיינע! ווי לאַנג, אַז ער האָט מיר געזאָגט די זעלבע זיסע ווערטער! ווי לאַנג! דוכט זיך ערשט נעכטן! נעכטן! נעכטן! און אפשר אַזוי לאַנג... לאַנג... לאַנג...

אַ סקריפּ פון טיר. ער גייט מיט אַן אָנגעצונדענעם באַפּט־לאָמטערן אין האַנט. אָט דער לאָמטערן האָט תמיד געדינט אין די פינצטערע נעכט ווען איך פלעג גיין כאַפּן אַ קוק צו די שטאַלן, זען צי אַלץ איז אין אָרדענונג אין זיי. געבן עסן די בהמות, אָדער אויסמעלקן זיי.

ער גייט און דער פּאַס ליכט באַוועגט זיך פאָרויס. לויט דעם דערקען

איך ווי ער באַוועגט זיך און אין וועלכער ריכטונג. איך זע מער גאָר־נישט נאָר דעם רייף ליכט אַרום אים און לאָז זיך אים אַנטקעגן.

— שטיי!! — מיין שטים טוט אַ ציטער מיט טויזנטער וויבראַציעס, ווי אַ געפּלאַצטע סטרונע. — שטיי!!!

— ווער איז דאָרט, העז? — דערהערט זיך זיין שיכורע שטים.

— דאָס בין איך! איך! דר־ניאַ! דיין געוועזענע יידישע ווייב, וועלכע דו האָסט אויסגעליפערט צו די דייטשן!!!

— דו... דו... דו לעבסט?... לעבסט גאָר?... — שטאַמלט ער אַרויס דערשראָקן.

— יאָ. איך לעב און בין געקומען מאַכן מיט דיר די לעצטע רעכנונג!!!

ער וויל זיך אַ לאָז טון צו מיר. זיין האַנט טוט אַ הויב די לאַמטערן, אָבער מיין אויסגעשטרעקטער רעוואָלווער מאַכט אים פאַרגליווערן אויף זיין אָרט. ער מורמלט אומבינדיק:

— דו... דוניאַ... איך... איך... זיי האָבן געזוכט יידן... איך האָב מורא געהאַט... זיי וועלן דיך געפונען... אַוועקנעמען מיט די קינדער... פאַרשטאַנען?...

— פּחדן!!! — האָב איך אַרויסגעשריגן נישט מיט מיין שטים — נישטאָ קיין באַרעכטיקונג פאַר פּחדנים! האָסט מיך געקענט אויסבאַהאַלטן, אויב דו האָסט מורא געהאַט! איך האָב זיך נישט גערירט, אַז דו... דו וועסט דיין הייס־געליבטער דוניען שענקען אלס קרבן פאַרן וויל פון דיין לעבן...

דער רעוואָלווער האָט אויסגעשאָסן. מיין האַנט האָט לייכט אַ ציטער געטון און נאָך אַמאָל אויסגעשאָסן. ער האָט זיך אַ וואַקל געטון און אַ פאַל געטון אויף דער ערד מיט אַ קרעכץ. די לאַמטערן איז מיט אַ גלאָז־געבראַזג אַרויסגעפאַלן פון זיין האַנט און אויסגעלאָשן געוואָרן צוזאַמען מיט זיין לעבן.

גלייך נאָך דעם האָב איך געהערט, ווי די טיר האָט זיך אויפגעפּראַלט. אַניושקאַ האָט געשריגן: „באָזשע! באָזשע! פּאַווליוק! פּאַוווווו...ליוווק, ווו בייייינסטו? האָך, ראַטעוועט! באַנדיטן! באַנדיטן!! — — —

נאָך לאַנג האָט צו מיר זיך דערטראָגן צווישן די בוימער, צווישן וועלכע איך בין איצט געגאַנגען רואיק, דאָס געשריי פון אַניושקען, וואָס האָט זיך צוזאַמענגעמישט מיטן געביל פון ראַבטשיקן און געפילדער פון די צעשראָקענע נאַכט־פויגל, וועמען דער שאָס האָט אַרויסגעריסן פון זייערע רואיקע נעסטן.

# ווי געטאָגט נישט געגעכטיקט

פון איצט האָט זיך אָנגעהויבן פאַר מיר אַן אמתער וואַנדער־לעבן איבער די געדיכטע וועלדער. ווי געטאָגט — נישט געגעכטיקט. עס האָט זיך דערנענטערט דער ווינטער. עס זענען שוין אַרויסגעפאַלן די ערשטע שנייען, וועלכע זענען שנעל צעגאַנגען און ווידער געפאַלן. אין די פרש־טשעס פון די וועלדער איז געווען וואַרעם, אָבער קאַלט אויף דער נשמה. די נאָרע, אין וועלכער איך בין צוזאַמען מיט די צוויי יידישע בחורים געלעגן, האָט נישט געקענט פאַרטרעטן קיין וואַרעמע היים. די גביבות פון די כוטאָרעס — נישט אָנזעטיקן די הונגעריקע נשמות און מאָגנס.

אַרומטראָגנדיק זיך מיט מיין געהיימעניש אין האַרצן, האָב איך באַשלאָסן אויפטון פיל מער, ווי דאָס וואָס איך האָב אויפגעטון ביז איצט. אין משך פון די וואָגל־טעג און נעכט איבער די וועלדער־פּושטשעס האָבן מיר אָנגעטראָפן נאָך געראַטעוועטע יידן, וואָס האָבן דורך נסים באַוויזן צו אַנטלויפן פון אומשלאַג־פּלאַץ. זיי האָבן דערציילט שווידערלעכע זאַכן וואָס עס האָט זיך אָפּגעטון דאָרט. ווי אַזוי זיי האָבן אויפגעריסן די דראָטן און געגומען אַנטלויפן, נאָך דעם, ווי אַלע יידן זענען געפירט געוואָרן צו די ברידער־קברים. זייערע דערציילונגען און שילדערונגען האָבן אויפ־געקאָכט די געבליטן, אָנגעוויזט אומרו אין דער נשמה, זיך געריסן צו מעשים. גרויסע מעשים, וואָס זאָלן זיין כאָטשבי אַ מינימום־אָפּצאָל פאַרן פאַרגאָסענעם אומשולדיקן בלוט.

אַז קיינער פון מיין משפחה האָט זיך נישט געראַטעוועט בין איך שוין געווען זיכער. אייניקע האָבן מיר איבערגעגעבן, אַז זיי האָבן געזען שמואל דעם שמיד, מיין טאַטן, צו בעטן גאָט ביז דער לעצטער מינוט, אַז ער, דער רבונו־של־עולם, זאָל שיקן די ישועה. דער רבונו־של־עולם האָט די דאָזיקע ישועה נישט געשיקט. געראַטעוועט האָבן זיך בלויז אייגצלנע. די רעזיגנירטע, די יעניקע וועמען דער גורל האָט צופעליק איבערגעלאָזט ביים לעבן, כדי זיין עדות פון דעם וואָס עס איז געשען. אָדער כדי... נעמען נקמה, ווי זיי האָבן געגלויבט.

דאָך איז דאָס אייגענע לעבן געווען געגוג טייער. יעדער האָט גע־וואָלט לעבן און איבערלעבן. דערלעבן די מפלה פון די מערדער. יעדער געראַטעוועטער האָט מיט די לעצטע כוחות זיך געקלאַמערט אין דעם דאָ־זיקן לעבן, ווי שווער עס איז נישט געווען אין די וואַלד־באַדינגונגען. יעדער שאָרך צווישן די ביימער האָט געמאַכט אויפשוידערן. אַז מיר האָבן איינמאָל

אָנגעטראָפן אַ פרוי מיט אַ קינד, וואָס האָט זיך אויסבאַהאַלטן ביי אַ פויער, וועלכער האָט זי מער נישט געוואָלט האַלטן, האָבן אַלע מורא געהאַט, אַז דאָס קינד, אַ מיידעלע פון אַ האַלב יאָר, קען אַלעמען פאַראַטן. אייניקע האָבן געעצהט אומברענגען דאָס קינד, וואָס הערט נישט אויף וויינען. דאָס קען ברענגען די מערדער אויף אונדזערע שפורן. עס האָבן נישט געהאָלפן מיינע איבערצייגונגען. זיי האָבן געטענהט, אַז דאָס קינד וועט במילא נישט איבערלעבן דעם קריג. וועמען זענען דאָ נויטיק קינדער אין וואַלד?...

די פרוי, האָט מער נישט געקענט אַריבערטראָגן די ליידן פון קינד און נאָך מער די קרומע בליקן פון די געראַטעוועטע, און איין טאָג, ווען איך בין אָפּוועזנד געווען פון בונקער און וועלכן מיר האָבן זיך געשיצט, איז זי אַוועק ביינאַכט צו אַ כוטאָר. האָט אונטערגעוואָרפן דאָס מיידעלע ביים שוועל פון פויער און אַליין זיך געהאָנגען אויף אַ שטריק צוגעבונדן צו אַ צווייג פון אַ בוים.

יאָ, דאָס לעבן איז געווען הפקר, אָבער גלייכצייטיק טייער פאַר די וואָס האָבן נאָך געלעבט.

ליגנדיק אין בונקער האָב איך נישט איינמאָל געטראַכט וועגן מיין אייגענעם לעבן. אין מוח איז אַריבער דער עבר, ווי אַ שאָטן, און איבערגעלאָזט ברעקלעך זכרונות, מיט וועלכע איך האָב געלעבט. נישטווילנדיק האָט זיך אַמאָל דערמאָנט די קללה פון דער מאַמע „פאַרשאָלטן זאָלסטו ווערן און אייביק קיין רו נישט געפונען... דיין ליבע מיט פאַוועלן זאָל ווערן אַ דאָרן פאַר דיר... אַ דאָרן... אַ דאָרן...”

דער דאָזיקער דאָרן איז אָבער געווען נישט נאָר פאַר מיר, נאָר פאַר אַלע, וואָס האָבן זיך געראַטעוועט און געטראָגן דעם זעלבן גורל. עס האָט זיך געגלוסט געפונען אַ טרייסט אין עפּעס. זיך קלאַמערן אין אַ געדאַנק. זיך צוטוליען צו אַ שטיין. פילן אַ ביסל וואַרעמקייט, אָדער שעלטן... שעלטן די גאַנצע פאַסקודנע וועלט מיט אירע לעבנס־געזעצן.

דאָס האַרטע לעבן אין וואַלד האָט גאַנץ שנעל אַרויסגעזעצט פון קאָפּ יעדן געפיל פון דין־וחשבון, חרטה, אָדער סענטימענט. נישט געווען קיין צייט צו דעם. די „ויפּאַדן” נאָך אַ ביסל שפּייז, כדי זעטיקן דעם פשרה־לאָזן מאָגן, האָט אַלץ פאַרטושט. דערצו האָט דער פּחד פאַר די באַנדעראָווצעס. בולבאָווצעס און פאַר די אַבלאָוועס פון די דייטשן, אַוועקגענומען די רו און געשטאָלט דעם כאַראַקטער. אויסגעשמידט אים, ווי אַן אָנגעגליט אייזן.

ענדלעך איז געלונגען אונדזער גרופּע, וואָס האָט איבערגעוואַנדערט פון אָרט צו אָרט אין די וועלדער, זיך אָנטרעפן מיט אמתע פּאַרטיזאַנער אונטער דער אָנפירערשאַפט פון דעם קאָמאַנדיר סערגיי איוואַנאָוויטש. די איינהייט איז אויסגעשטאַטעט געווען מיט געווער און ראַדיאָ־זענדערס, ווי אַ רעגולערע אַרמיי. אַזוי האָט עס לכל הפּחות אויסגעזען אין מיינע אויגן אין פאַרגלייך מיט אונדזער קליינער הילפלאָזער גרופּע.

צו מיין פרייד איז נישט געווען קיין שיער. איצט וועל איך קענען עפּעס טון. איך וויל גיין אין פייער. איך וועל אונטעררייסן באַנען מיט דייטשיש געווער. וואָס גייט טאָג און נאַכט אויפן מזרח צום פראָנט מיט די רוסן. דאָס וועט דערשטיקן אין מיר מיין אומרו און נאָך מער — מיין בענקשאַפט נאָך מיינע קינדער, און באַזונדערס נאָך יורעקן, וועלכער קלערט זיכער איבער פאַרוואָס איך בין נישט געקומען אין דריי טעג אַרום אויפן אָפּגע־רעדטן אָרט. ער וואָלט מיר מסתמא דערציילט וועגן טויט פון זיין טאַטן. איך שטעל מיר פאָר זיין לאַגע איצט — אָן אַ מאַמע און אָן אַ... טאַטן. אַ נס, וואָס אַלעקסיי און מאַריאַ. זיי ווינען נישט ווייט און וועלן שיצן די קינדער. אפשר וועל איך נאָך אַמאָל דערלעבן די פרייהייט און זיך טרעפן מיט זיי. כל זמן איך לעב — לעבט אויך אין האַרץ די האָפע־נונג, וואָס איז די טרייסט־מוטער פון אַלע פאַרטיזאַנער און פאַרוואָגלטע.

איך בין שנעל באַליבט געוואָרן אין דער איינהייט, באַזונדערס צוליב מיין אַרישן אויסזען און עכט־אוקראַיִנישן אַקצענט. אַז איך האָב זיצנדיק ביים קאָסטיאָר צוזאַמען מיט אַלע פאַרטיזאַנער זיך פאַרצויגן אין אַ ליד, האָט סערגיי איוואַנאָוויטש אַ פעסט־געבויטער רוסאַק, פון פענזער ראַיאָן אין רוסלאַנד, וועלכער איז איבערגעלאָזט געוואָרן דורך דער אָפּטרעטנדיקער רויטער אַרמיי, כדי אין הינטערגרונט צו אָרגאַניזירן סאַבאָטאַזש־אַקטן קעגן די דייטשן, מיך הייס אַרומגענומען און שטאַרק געדריקט צו זיך.

— אָט אַזאַ דאַרף זיין אַ פאַרטיזאַנקע, ערן וואָרט, זאָג, דוניאַ, פונוואַ־נען קענסטו אַזויפיל שיינע לידער, האַ? — האָט ער מיר אַריינגעקוקט פריינט־לעך אין די אויגן.

— איך בין געבוירן אין אַ דאָרף. איך האָב ליב אָט די לידער. וועל־כע איך האָב געזונגען פון מיין קינדהייט אָן. זיי דערמאָנען מיר אַזוי פיל...

— אַז זי זינגט, קען זי דערוואַרעמען אַ גאַנצע אַזיערע אַ פאַרפרוירענע, יאָלקי־פאַלקי! — האָבן אייניקע מיך דערמוטיקט אָנרעגנדיק מיך ווייטער צום זינגען.

אַ דאַנק מיין מוט און זאַרגלאָזיקייט, וועלכע איז געווען מער גע־קינצלט ווי נאַטירלעך, האָט יעדער פּאַרטיזאַן אָדער פּאַרטיזאַנקע זיך געריסן גיין מיט מיר אויף פאַרשידענע וויפּאַדן און אויפגאַבעס. באַזונדערס האָבן עס געטון די יידישע פּאַרטיזאַנער, וואָס האָבן געוואָלט ווייזן, אַז זיי זענען אומדערשראָקן און העלדיש, און נישט ווי אַנדערע, די נישט־יידישע פּאַר־טיזאַנער מיינען, אַז יידן האָבן „דעליקאַטנע הענטלעך"...

זיי האָבן זיך געגרויסט מיט מיר און אויך אַליין איינגעשטעלט זייער לעבן, כדי נעמען נקמה און נישט נאַר, כדי ווייזן, אַז אויך אַ ייד קען אויספירן די געפערלעכסטע אויפגאַבע.

באַזונדערס האָט זיך צוגעבונדן צו מיר אַ כאַרקאָווער מיידל מיטן נאָמען טאַניא, וועמען עס האָט זיך איינגעגעבן צו אַנטלויפן פון דייטש־לאַנד וווהין זי איז אַרויסגעפירט געוואָרן צוזאַמען מיט נאָך קריסטלעכע מיידלעך אויף ארבעט, נישט וויסנדיק, אַז זי איז אַ יידישקע.

טאַניען האָבן מיר געפונען איין טאָג, ווען אונדזער איינהייט האָט איבערגעוואַנדערט, ווי געוויינלעך פון אָרט צו אָרט נאָך אַ „סטיטשקע" מיט באַנדעראָווצעס און דערוויסנדיק זיך, אַז אין דער געגנט גרייט זיך אַן אַבלאַווע פון דייטשן. זי איז געווען שרעקלעך אויסגעמאַטערט. איר אַנטון פאַרנאַכלעסיקט. אַ שרעק. זי איז אָבער שנעל געקומען צו זיך אין דער קראַנקהייט, הגם קיינער האָט נישט געגלויבט, אַז עס וועט שוין עפּעס זיין פון איר, פּונקט ווי קיינער האָט צום אָנהויב נישט געגלויבט, אַז איר האָט זיך איינגעגעבן צו אַנטלויפן אַזש פון טשענסטאָכאָוו ביז צו די וועלדער אין מערב־אוקראַינע. די איבערראַשונג איז נאָך גרעסער געווען ווען זי האָט איין טאָג זיך מודה געווען, אַז זי איז אַ יידישקע און אין קאָלכאָז ביי כאַרקאָוו איז זי אָנגעקומען פון קיעוו ערב דער דייטשער אָקו־פּאַציע, ווו זי האָט זיך אָנגעגעבן אַלס אוקראַינערין.

אַט אַזעלכע זענען געווען די וועגן צו בלייבן לעבן. איר דערציילונג וויאַזוי איר האָט זיך איינגעגעבן צו אַנטלויפן פון אַמוניציע פאַבריק, ביי טשענסטאָכאָוו, „האַסאַקי פעלדער" האָט איבערגעלאָזט אויף מיר אַ שטאַרקן רושם און איך האָב עס גוט געדענקט, — אַ זאַך וואָס איז מיר אין אַ צייט אַרום שטאַרק צונוץ געקומען ביים דורכפירן אַ לעבנסגעפערלעכע אויפ־גאַבע, וועלכע איז אַרויפגעלייגט געוואָרן אויף מיר דורכן קאָמאַנדיר פון דער איינהייט.

דאָס איז געווען נאָכדעם, ווי טאַניאַ, וועלכע האָט שפּעטער געפירט אַ הייסע ליבע מיט אפרימען, איז אומגעקומען צוזאַמען מיט אים בעת אַן

אַקציע ביים אונטערלייגן מינעס אונטער אַ באַן מיט אַמוניציע, וואָס איז געפאָרן צום דייטשיש־רוסישן פראָנט.

בשייכות מיט מיין אויפגאַבע, וואָס איך האָב דורכגעפירט אויסנוצנדיק טאַניעס נאָמען, איז כדאי צו דערציילן מיט מער איינצלהייטן.

— פאַרשטייסט, דוניא, — האָט געזאָגט צו מיר איין אָוונט דער קאָ־מאַנדיר סערגיי איוואַנאָוויטש, בעת מיר זענען ביידע פאַרבליבן ביים קאָסטיאָר — איך וויל דיר פאַרטרויען אַ גרויסע אויפגאַבע. איך גלויב, אַז דו ביסט קלוג, פאַרשטייסט דייטש, פּויליש, זעסט אויס אַ הונדערטפּראָצענ־טיקע אוקראַינערין און מיט שיינקייט קענסטו אויך קאָנקורירן מיט יעדער שענסטער פרוי. אַלזאָ, בלויז דו וואָלסט עס געקענט מאַכן און מיר וואָלטן אפשר געהאַט אַ שטיקל רו פון די אַפּטע אָבלאַוועס.

— אין וואָס גייט עס? — האָב איך געפרעגט נישט לייגנדיק קיין אכט אויף זיינע קאָמפּלימענטן — רעד גלייך צו־דער זאַך.

— עס האַנדלט זיך וועגן קרוקאָוון. אָט דעם פּראָוואָקאַטאָר, וועמען עס האָט זיך איינגעגעבן אַריינצודרינגען אויף אַ געוויסער צייט אין אונדזערע רייען און אַנטלויפן. איצט מאַכט ער אונדז גוואַלדיקע צרות. ווי דו ווייסט איז טאַניאַ אומגעקומען דורך אים. אויך אפרים, וואצלאוו, טערעשקאָ און נאָך פיל אַנדערע.

— איך ווייס. וואָס האָב איך צו טון?

— ווערן קרוקאָווס געליבטע און אים ברענגען אַ לעבעדיקן אין וואַלד אַריין צו אונדז, פּאַניאַטנאָ?

— אויב עס וועט זיך מיר איינגעבן.

— דרייסטקייט און גלויבן איז אַ האַלבער נצחון. — האָט סערגיי געזאָגט מיט אַ ליבלעכן שמייכל — וועסט פּרובירן. מיר האָבן אומעטום אונדזערע פאַרבינדלער. זיי וועלן דיר העלפן ווען דו וועסט זיין אין נויט.

— גוט. לאָז מיר באַטראַכטן אַליין דעם פּלאַן.

מיר האָבן זיך געזעגנט מיט אַ הייסן בליק און איך בין אַוועק אין מיין קאָיבאַש (געצעלט געמאַכט פון ריטלעך, כדי זיך שיצן ווינטער פון קעלט און זומער פון די קאָמאַרעס).

אַ גאַנצע נאַכט בין איך געלעגן און געטראַכט וועגן מיין בייער אויפ־גאַבע. צו גיין אונטערלייגן אַ מינע אונטער די רעלסן פון אַן אַנפאָרנדיקן צוג איז שוין ביי מיר נישט געווען פון די געפערלעכע אויפגאַבעס. עס איז אויך נישט געווען פאַר מיר קיין שווערקייט אַריינבאַקומען זיך אין אַ

דאָרף אויף אויסשפּיר־אַרבעט, אָדער כּדי פונאַנדערקלעפּן פלוגבלעטלעך אין וועלכע מיר האָבן גערופן די באַפעלקערונג זיך קעגנשטעלן דעם אָקופּאַנט. ווערן אָבער די געליבטע פון קרוקאָוון — דאָס האָט מיר אויסגעזעז אַ ביסל פאַנטאַסטיש און אומגלויבלעך. וויאַזוי מאַכט מען עס? צי וועט עס מיר געלונגען? איך האָב זיך נישט געדענקט פאַר אַזאַ גרויסער העלדין. אפילו נעמען נקמה אין אייגענעם מאָן האָב איך זיך אַזויפיל איבערלייגט און געקווענקלט.

פון דעם קאָמאַנדירס דערציילונג האָב איך שוין גוט געוווסט ווער אָט דער קרוקאָוו איז. אים איז געלונגען זיך אַריינבאַקומען אין דער איינהייט, געשיקט דורך דער געשטאַפּאָ, כּדי לערנען די קאַמפּס־וועגן פון די פאַרטיזאַנער. איך בין נאָך דעמאָלט נישט אָנגעשלאָסן געווען אין דער איינהייט און אפילו נישט געקענט זיין אויסזען. אַריינבאַקומען האָט ער זיך אין דער איינהייט אויף זייער אַן אָריגינעלן אופן.

זייענדיק אַ געוועזענער אָפיציר אין דער רויטער אַרמיי, וואָס האָט דעזערטירט צו די דייטשן, האָט ער דאָרט דורכגעמאַכט אַ שפּיאָנאַזש־קורס, איז באַזאָרגט געוואָרן מיט געהעריקע דאָקומענטן און אַוועקגעלאָזט זיך אין וואַלד אַלס געוויינלעכער פויער, ווו ער האָט נאָך אייניקע טעג פון וואַלד־לעבן, אָנגעטראָפן סערגייס איינהייט.

ווי פאָרזיכטיק די קאָמאַנדירן זענען נישט געווען, איז דאָך שווער געווען זיך אויסהיטן פון „איינגעפלאַנצטע" פּראָוואָקאַטאָרן, וועמען עס האָט זיך איינגעגעבן צו לערנען אַלע וועגן און קאַמפּס־פעאיקייטן פון די פאַרטיזאַנער און שפּעטער אַנטלויפן צוריק, אָדער ברענגען די דייטשן אויף די שפּורן פון דער איינהייט.

אַז סערגייס איינהייט האָט אָנגעטראָפן קרוקאָוון אַרומבלאָנדזשען איבערן וואַלד, האָט קרוקאָוו זיך כּלומרשט מודה געווען, אַז... ער איז געשיקט געוואָרן דורך די דייטשן, כּדי שפּיאָנירן די פאַרטיזאַנער, נאָכדעם ווי ער האָט דורכגעמאַכט אַ שפּיאָנאַזש־קורס אין בערלין. ער האָט איבערגעגעבן מיט פיל איינצלהייטן ווי אַזוי ער איז גענומען געוואָרן אין געפאַנגענשאַפט בעת אַ קאַמף ביי קיעוו, צוזאַמען מיט נאָך הונדערטער זעלנער און אָפיצירן, וואָס זענען ארומגערינגלט געוואָרן. איצט איז ער געשיקט געוואָרן, כּדי זיך אַריינבאַקומען אין די אַטריאַדן פון די פאַרטיזאַנער און דאָ לערנען אַלע זייערע וועגן. ער וויל עס אָבער נישט טון, נאָר פאַרקערט — זיך שטעלן אין דינסט קעגן די פאַשיסטן.

זיין אָריגינעלע דערציילונג האָט געמאַכט אַן איינדרוק אויף אַלעמען און געשיינט צו זיין גלויבנסווירדיק. הייסט עס, אַז ער וויל נישט פאַרראַטן זיין פאָטערלאַנד, הגם ער האָט אין געפאַנגענשאַפט זיך אָנגעגעבן אַלס קעגנער פון סאָוויעטישן רעזשים. זיין גאַנצער חלום איז געווען וויאַזוי זיך אַרויסבאַקומען פון זייערע הענט און דעריבער איז ער געגאַנגען אויף אַלץ. וואָלט ער זיך שוין נאָר אַריינבאַקומען אין די וועלדער וואָלט ער געפייפט אויף אַלע גליקן, וואָס די דייטשן האָבן אים צוגעזאָגט, ווי מאַכן פאַר אַ הויפט־פירער אין דער „סאַמאָסטאַיִנער אוקראַיִנע" און אַנדערע הבטחות.

נישט געקוקט אויף די איבערצייגנדיקע ווערטער און באַווייזן פון קרוקאָוו, האָט סערגיי דאָך באַפוילן אים האַלטן אויפן אויג. עס זענען אוועק טעג און וולאַדימיר קרוקאָוו האָט אויסער זיין ליבע צו שורען, דער פאַרטיזאַנערין, נישט אַרויסגעוויזן קיין שום זאַך, לויט וועלכער ער זאָל קענען פאַרדעכטיקט ווערן אין עפּעס. פאַרקערט, ער האָט געהאַט גרויס דערפאָלג בעת פאַרשיידענע „וויפּאַדן" און נישט איינמאָל איז אים אַפילו געלונגען צו ברענגען אַ פּאָר געפאַנגענע „צינגער" פון די באַנדעראַ־באַנדעס, ביז...

איין טאָג, ווען אַ גרופּע פאַרטיזאַנער זענען געבן דער שטאָט ב. געגאַנגען צוזאַמען מיט קרוקאָוון אונטערלייגן מינעס אונטער אַ צוג מיט דייטשע זעלנער, איז קרוקאָוו פלוצים פאַרשווונדן געוואָרן אָן שפּורן. אַלע האָבן געמיינט, אַז ער איז דערהרגעט געוואָרן, בפרט, אַז נאָך זיין פאַרשווינדן ווערן זענען נישט פאָרגעקומען קיין שום אָבלאַוועס און די פאַרבינדלער אין דער שטאָט ב. זענען ווייטער טעטיק געווען, ווי פריער. דאָס איז געווען דער בעסטער באַווייז, אַז קרוקאָוו איז נישט געווען קיין פאַררעטער. אַנדערש וואָלטן די פאַרבינדלער אַרעסטירט געוואָרן און די פאַרטיזאַנישע אָטריאַדן וואָלטן אָנגעגריפן געוואָרן.

ערשט אין אַ צייט אַרום, ווען די איינהייט האָט גענומען ליידן איין מפּלה נאָך דער אַנדערער און די פאַרבינדלער אין דער שטאָט ב. זענען פאַרשווונדן געוואָרן אָן שום שפּורן, האָט סערגיי באַשלאָסן געוויר ווערן די סיבות דערפון. און ווי איבערראַשט ער איז געוואָרן, ווען ער האָט זיך דערוווּסט, אַז קרוקאָוו לעבט און איז געוואָרן דער נאַטשאַלניק פון דער אוקראַיִנישער מיליץ אין דער דאָזיקער שטאָט. פאַר זיין געלונגענער אַרבעט איז ער אויך אויסגעצייכנט געוואָרן מיט אַן אייזערנעם קרייץ.

צוליב די אָפטע איבערפאַלן און אָבלאַוועס פון די דייטשן פון איין זייט

און די „סטיטשקעס״ (צוזאַמענשטויסן) מיט די באַנדעראָווצעס און בולבאָווצעס פון דער צווייטער זייט, האָט געצוווּנגען אונדזער איינהייט איבערצוּוואַנדערן פון איין אָרט צום אַנדערן, ענדערן די קאַמפּס־מעטאָדן און זעלטענער דורכפירן די סאַבאָטאַזש־אַקטן. אַזוי האָט עס ווייטער נישט געקענט גיין. סערגיי האָט געזוכט אַלע וועגן ווי אַזוי „קאַלט״ מאַכן אָט דעם מנוול, אָדער נאָך מער: ווי אַזוי ברענגען אָט דעם פּראָוואָקאַטאָר אַ לעבעדיקן אין דער איינהייט, וווּ ער וועט געשטעלט ווערן פאַרן פעלד־געריכט.

אָט אויף מיר איז עס אַרויפגעלייגט געוואָרן איצט די אויפגאַבע צו ווערן קרוקאָווס געליבטע און דורך אַלע וועגן און אומוועגן אים ברענגען אין דער איינהייט, כדי איינמאָל אויף שטענדיק אָנלערנען די אויסוווּרפן און אָפּשטעלן די איבערוואַנדערונגען פון ווו געטאָגט נישט גענעכטיקט.

## די געליבטע פון אַ פּראָוואָקאַטאָר

אָנגעטון אין קליידער פון אַ יונגער דאָרפס־פּויערטע, גיי איך מיט לאַנגזאַמע טריט איבער די גאַסן פון דער שטאָט ב. און באַטראַכט מיט נייגעריקייט יעדן פאַרבייגייער. איך האָב דאָס געפיל, ווי צוזאַמען מיט מיר גייט נאָך טאַניעס געשטאַלט וועמענס לעבנסגעשיכטע איך קען אַזוי גוט און פאַר וועמען איך האָב זיך אַזוי פיל פאַרטרויט וועגן מיין אייגענעם לעבן.

איך שטעל זיך אָפּ ביי יעדער שטוב פון דער האַלב־רויִנירטער שטאָט. פאַרהאַקטע קראָמען מיט אַרונטערגעריסענע שילדלעך, — בלינדע עדות, אַז דאָ איז אַמאָל געווען אַ יידיש לעבן. דאָ און דאָרט אַ קאָאָפּעראַטיוו פון דייטשער „וואַרע״, ווו עס גייען אַריין און אַרויס זעלנער פון דער דייטשער ווערמאַכט און ס.ס.־לייט. סאַלוטן און שטיוול־געקלאַפּ. האַנט־געשטרעק און האַרטע פּנימער־שטריכן. און צווישן זיי — פּויערים און פּויערטעס, וואָס שלייכן אַרום ווער פון זיי האַלב־דערשראָקן און ווער מיט פאַריסענע האָפערדיקע נעזער, ביי דער זייט פון אוקראַאינישע מיליציאָנערן.

די ערשטע מינוטן פון מיין אַריינקומען אין שטאָט ביים שיין פון העלן טאָג האָב איך זיך געוווּנדערט, וואָס דאָ געפינען זיך נאָך לעבעדיקע מענטשן. זייענדיק געוווינט מיטן וואַלד־לעבן און דער וואַלד־שטילקייט האָט אין מיין אונטערבאַוווּסטזיין גענעסטעט אַ געפיל, אַז די שטעט זענען פּוסט. בערג מיט טויטע מענטשן וואַלגערן זיך איבער די גאַסן און קיינעם גייט עס נישט

אָן. נישטאָ אַפילו ווער עס זאָל אָט די טויטע קערפּערס באַגראָבן, אָפּרוימען.

ביסלעכווייז האָב איך זיך צוגעוווינט צום געדאַנק און אַפילו מיט הנאה באַטראַכט די האַלב־אַרונטערגעריסענע פּלאַקאַטן, וואָס מיינע חברים־פּאַרטיזאַנער, אָדער פּאַרטיזאַנערינס און אין זעלטענע פּאַלן, אויך איך אַליין, האָבן דאָ פּאַנאַנדערקלעפּט. דאָס געפיל פון אַ פויגל וואָס איז נאָר וואָס אַרויס פון אַ שטייג, איז צערונגען געוואָרן נאָך מערערע מינוטן פון אַרומבלאָנדזשען איבער די גאַסן.

פון צייט צו צייט האָב איך בכוונה זיך אָפּגעשטעלט און כלומרשט געלייענט אָט די פּלאַקאַטן, ווי אויך די פּלאַקאַטן פון דער געסטאַפּאָ, געדרוקט אין אוקראַאיניש און פויליש, וואָס האָבן געוואָרנט נישט מיטאַרבעטן מיט די פּאַרטיזאַנער און אויסבאַהאַלטן יידן. פאַר דעם דאָזיקן „פאַרברעכן" — טויט שטראָף! פאַר איבערגעבן פּאַרטיזאַנער און יידן — פּרעמיעס!

קיינער לייגט נישט קיין אַכט אויף מיר, הגם די באַוועגונג איז דאָ אַ שוואַכע. איך האָב די דאָזיקע שטאָט נישט געקענט פון אַמאָל. זי ליגט העכער הונדערט קילאָמעטער פון מיין גאַיוווקע אויפן באַן־שליאַך צו דער גרויסער שטאָט וו. אַזוי בין איך אינפאָרמירט. מיין איינהייט אָפּערירט אין די וועלדער פון דער דאָזיקער סביבה. די לעצטע טעג איז אונדז קוים געלונגען אָנצובינדן אַ קאָנטאַקט מיט אַן אַלטן פויער, וואָס איז אַ פריינד פון די פּאַרטיזאַנער און פאַרטראָגט נישט די דייטשן. זיין זון אַרבעט פאַרמאַסקירט אין דער אוקראַאינישער מיליץ, אָבער איך טאָר זיך מיט אים נישט טרעפן. ער איז אויך נישט אינפאָרמירט וועגן מיין אויפגאַבע. בלויז אין אַ נויט־פאַל קען איך זיך שטעלן מיט אים אין פאַרבינדונג, נאָך דעם ווי איך זאָג אים דעם פּאַראָל, וואָס איך היט אין מיין מוח נישט צו פאַרגעסן.

איך באַמי זיך צו שאַפן דעם איינדרוק פון אַ פויערטע, וועלכע איז צום ערשטן מאָל געקומען אין אַ גרויסער שטאָט און אַלץ רופט אַרויס ביי איר אַ פאַרוווּנדערונג און חידוש. איך צעפּרעג זיך ווו עס געפינט זיך די מיליץ־געביידע און לאָז זיך אַהין. דאָ, ווייס איך, וועל איך טרעפן דעם, וואָס איך זוך. אז איך דערזע די געביידע און די מיליציאָנערן, ס.ס.־לייט, וואָס קומען אַרויס און גייען אַריין אין איר, טוט דאָס האַרץ אַ ציטער. סוגעסטיוו באַפעל איך מיין האַרץ נישט פלאַטערן. דאָס האַרץ גיט זיך ביסלעכווייז אונטער דעם שכל און איך ווער גלייכגילטיק, ווי איך וואָלט באַקומען אַ באַרויקונגס־איינשפּריץ...

— היי, משוגענע, זעסט נישט ווו דו גייסט? — דערהער איך פּלוצים

אַ געשריי, וואָס קומט פון אַ מיליץ־אויטאָ, וועלכער איז האַסטיק אַרויסגעפאָרן פון טויער און שיעור ארויפגעפאָרן אויף מיר.

— ביסט אַליין משוגע! — ענטפער איך בייז צוריק — מיינסט, אַז איך האָב מורא פאַר דיינע פארריסענע וואַנסעס?...

דער שאָפער, אַ מיליציאָנער, שטעקט אַרויס צו מיר דעם קאָפּ דורכן קאַבינע־פענצטער, האַלט אָפּ אַ ווײַלע דעם אויטאָ און קוקט מיך אָן מיט גלאָציקע אויגן.

— היי, אַ רוח אין דיין מאַמען אַריין, ביסט מיר צו־חוצפה׳דיק. הע?!

— ביסט אליין אַ חוצפה׳ניק! — האַק איך אים אָפּ נאָך מיט מער חוצפה.

— האָסט אַ צו לאַנגע צונג! — זאָגט ער האַרט — איך וועל זי דיר אונטערהאַקן, אַז דו וועסט זיך קליגלען צו־פיל. מיינסט ביסט אויף אַ כוטאָר צי אין וואַלד?

— היי, יאַגאָדאַ, נעם זי צום נאַטשאַלניק, וועט ער מיט איר אַ רעד־טון. — רופט זיך עמיץ אָפּ פון איבעווייניק אויטאָ.

— איר זענט אַזוי קלוג, אַז איר זענט אַזש נאַריש... — טו איך זיי אַ שמיץ אין פנים אַ בייסיקן ענטפער, וואָס רעגט נאָך מער אויף יאַגאָדען, וועלכער שפּרינגט שנעל אַרויס פון דער קאַבינע.

ער טוט מיך אַ שטופּ פאָראויס און אַנכאַפּנדיק פאַר דער האַנט מיט גזלנישער רציחה פירט ער מיך אַריין אין קאָרידאָר פון דער מיליץ־געביידע. אין אַ פּאָר מינוט אַרום בין איך שוין אַריינגעשטופּט אין קאַבינעט פון אַ מאַן, וואָס לויט אַלע שילדערונגען פון מיין קאָמאַנדיר סערגיי איוואַנאָוויטש, דער־קען איך, אַז דאָס איז ער. ער — דער פּאַרעטער און פּראָוואָקאַטאָר וולאַדימיר קרוקאָוו.

— ווער איז די פרוי? — פרעגט קרוקאָוו, אויפהויבנדיק זיינע טיף־איינגעגראָבענע, קאָלירלאָזע אויגן אויף מיר.

— איך האָב זי געטראָפן זיך אַרומדרייען נעבן דער געביידע. זי האַלט זיך חוצפהדיק. אַן אמתער פּיפּערנאָטער פון וואַלד...

— גוט, לאָז זי איבער דאָ.

איך בלייב זאַלבעצווייט מיט קרוקאָוון. עס באַהערשט מיך אַן אויסער־געוויינלעכע רואיקייט. איך ווייס וואָס מיר דערוואַרט דאָ, אָבער איך בין גרייט איצט אויף אַלץ. קיין צוריק־וועג איז נישטאָ. דער פּלאַן ווי אַזוי אַריינצובאַקומען זיך אין קרוקאָווס קאַבינעט איז דורך מיר זעלבסט צוגע־טראַכט געוואָרן. ביז איצט האָט דער בלינדער גורל מיך געפירט כמעט ווי

איך האָב זיך אָנגעצייכנט. הגם איך ווייס, אַז ערשט איצט געפין איך זיך אין די נעגל פון טויט.

איך בין איצט זייער ווייט מיטן געדאַנק, אַז אָט דער מאַן מיטן ברייטן פנים, פאַרריסענער נאָז און ברייטע נעזלעכער, זאָל ווערן מיין געליבטער, אָדער איך זיין געליבטע. באמת, אַ נאַרישער איינפאַל געווען פון קאָמאַנדיר און אויך פון מיר זעלבסט, אָבער ווי זאָגט סערגיי: מוט און גלויבן איז אַ האַלבער נצחון. איך באַמי זיך דעריבער איינצורעדן, אַז איך גלויב... גלויב אין מיין אויפגאַבע, וואָס זעט מיר איצט אויס נאַריש און אומגלויבלעך.

קרוקאָוו לאָזט מיך וואַרטן אייניקע רגעים, ביז ער אָרדנט אויף אייניקע פּאַפּירן, וואָס ליגן אָנגעהויפט אויף זיין טיש, גלייך, ווי ער וואָלט באמת געווען אַ גרויסע שישקע, אָדער ער טוט עס בכוונה, כדי מיך אַרויספירן פון מיין גלייכגילטיקייט.

ענדלעך הויבט ער ווידער אויף זיינע דורכדרינגלעכע אויגן (אזוי לכל הפחות ווער איך באַאיינדרוקט וועגן זיינע אויגן) און טוט אַ פרעג, אזוי, כלאחר יד, מיט אַ שמייכעלע:

— ווער ביסטו און פון וואַנען קומסטו אַהער?

— איך בין אַ באַפרייטע אַרבעטערין, נאָך דעם, ווי איך בין אַרויסגעפירט געוואָרן פון אַ קאָלכאָז ביי כאַרקאָוו.

— ווו האָסטו געאַרבעט?

— אין אַן אַמוניציע־פאַבריק, ביי טשענסטאָכאָוו.

— איז ווי אַזוי האָט מען דיך באַפרייט פון דאָרט?

— איך בין קראַנק געוואָרן פון שווערער אַרבעט און אַ קאָמיסיע האָט אָנערקענט, אַז איך בין מער נישט פעאיק צו אָט דער אַרבעט.

— האָסט דאָקומענטן?

— פאַרשטייט זיך, אז איך האָב. וואָס דען, אָן דאָקומענטן? — באַמי איך זיך רעדן פרימיטיוו און ווייז אים דעם דאָקומענט אויסגעשטעלט אויף טאַניעס נאָמען.

— און וואָס דענקסטו איצט טון? — פרעגט ער כיטרע נישט אָפּגעמענדיק זיינע אויגן פון מיר.

— איך וועל זיך דערלאַנגען צוריק קיין כאַרקאָוו, צו מיין קאָלכאָז. איך וויל, אז איר זאָלט מיר העלפן דעריין, ה׳ נאַטשאַלניק.

— איז דיר אַזוי גוט געווען אין קאָלכאָז? וואָס דיר בענקט זיך צוריק אהין? — פרעגט ער ווייטער מיט פאַרבאָרגענער כיטרעקייט.

— פאַרשטייט זיך, אַז גוט. וואָס דען איך בין דאָרט אויפגעוואַקסן.

— און געוועזן פאַרשקלאַפּט... — האָט ער צוגעשמייכלט מיט זעלבסט־זיכערקייט.

— האָסט אַן אַנדער ברירה? ווו אַ מענטש ווערט געבוירן דאָרט איז אים גוט. איך וויל אַרבעטן און פאַרדינען אָרנטלעך מיין שטיקל ברויט.

— דאָס איז ריכטיק. — האָט ער געזאָגט מיט ישוב הדעת — וואָלסט אפשר געוואָלט דאָ אַרבעטן, הע? דיין קאָלכאָז איז במילא רואינירט. ביסט נאָך יונג...

— איך דאַנק אייך זייער, הער נאַטשאַלניק, — האָב איך געזאָגט מיט קאַטעגאָריע פון אַ יונגער פויערטע, וואָס איז זיכער מיט איר שיינקייט. — אָבער מסתמא האָט איר דאָך אַזאַ איינע, וואָס טוט אָט די אַרבעט, וואָס איר לייגט מיר פאָר.

— פּוסטיאַקי, טאַניאַ. — האָט ער אויסגערופן היימיש — יענע האָט זיך שוין געגנוג איבערגעפרעסן און געוואָרן אַן אמתע פוילעניצע...

איך בין געשטאַנען און געמאַכט דעם אַנשטעל, ווי איך וואָלט זיך איבער־לייגט, אָדער זיך געפונען אין פאַרלעגנהייט. ווען די פּאַרטיזאַנער זעען מיך אין דער פּאָזע, וואָלטן זיי זיכער אויסגעשאָסן אין אַ הילכיקן געלעכטער, האָב איך אַ טראַכט געטון. איך האָב דערביי געפילט, אַז איך שפּיל ריכטיק און נאַטירלעך מיין ראָל. אויב אָט דער פּראָוואָקאַטאָר האָט אפילו וועלכן עס איז פאַרדאַכט כלפּי מיר, וואָלט ער עס דוכט זיך אויך מבטל געמאַכט...

מיין אינסטינקט האָט מיך נישט פאַרפירט. פּלוצים איז ער צוגעגאַנגען צו מיר, ליבלעך אַרויפגעלייגט זיין שווערע האַנט אויף מיין אַקסל און מיר אַריינגעקוקט טיף און דורכדרינגלעך אין די אויגן.

— זעסט — האָט ער געזאָגט גוטברודעריש — אויך איך בין פון רוסלאַנד. אַ לענינגראַדער. פאַרזוכט פון דעם באַטקאַ סטאַלינס ברויט, ביז דאָס ברויט האָט זיך מיר געשטעלט אין האַלדז, אין גאָרגל. אַטאַדאַאַאַה! — האָט ער אַ ווייז געטון מיטן פינגער אויף זיין גאָרגל־גריבעלע — פּאָניאַטנאָ? — פאַרשטאַנען?

— אָבער וואָס האָט עס אַ שייכות צו מיר, הער נאַטשאַלניק, הא? — האָב איך זיך געמאַכט פּאַטריאָטיש — איך וויל אַהיים...

— נאַרישקייטן — האָט ער אַ מאַך געטון מיט דער האַנט — דאָ וועט דיר זיין גוט. פאַרשטייסט? דאַרפסט נאָר זיין אַ געהאָרכזאַמע.

— אַ, איך דאַנק אייך זייער, הער נאַטשאַלניק. איר האָט באמת אַ גוט האַרץ. איך ווייס נישט מיט וואָס האָב איך פאַרדינט אויף אַזעלכעס...

— דו געפעלסט מיר. פאַרשטייסט? פאַרט אַן אונדזעריקע! עך, דאָ זענען

אַפילו די אונדזעריקע עפּעס נישט אַזעלכע ווי עס דאַרף צו זיין. ווייסט קיינמאָל נישט וואָס זיי טראַכטן וועגן דיר. די באַפעלקערונג איז טיילווייז פאַרסמט. פאַראַן אַזעלכע, וואָס שטיצן די פּאַרטיזאַנער, אָבער... ניטשעוואָ! נישט ווייט דער טאָג, ווען מיר וועלן זיי אַרויסקלאַפּן פון קאָפּ דעם באָלשעוויזם. גראַמאָטע פעלט זיי, אָט וואָס! מען דאַרף זיי אַלע אויפמאַכן די אויגן, און אפשר אויך דיר, אַז דער קאָמוניזם איז נישט מער, ווי אַ יידיש שפּיצל צו קענען פאַרשקלאַפן פעלקער.

איך האָב געשוויגן און ער האָט זיך צערעדט, ווי ער וואָלט געהאַלטן אַ רעפעראַט כאָטשבי פאַר אַ טויזנטקעפּיקער מאַסע אידיאָטן. אויף זיין פלאַטשיקן פנים האָט זיך צעגאָסן די טיפע הנאה פון זיין „פראַמאָווע" און איך האָב זיך באַמיט אים געבן דאָס געפיל, אַז ער צייגט מיך איבער.

זיין עכט־רוסיש־אַקצענטיקע שפּראַך און ברייטהאַרציקע האַלטונג, האָט מיר אַזוי דערמאָנט די האַלטונג פון די אָפיצירן און פאָליטרוקעס פון דער רויטער אַרמיי בעת זי איז אַריינגעטראָטן אין מערב־אוקראַינע און מיט וועלכע די פויערים האָבן זיך אַזוי שנעל באַפריינדעט. עס איז מיר דעריבער אויסגעקומען אַזוי אומגלויבלעך, אָדער אויסטערליש, וואָס אָט דער דאָזיקער געוועזענער אָפיציר פון דער רויטער אַרמיי האָט אַזוי שנעל געענדערט זיין געדאַנקען־גאַנג. מסתמא איז ער אַפילו אַ געוועזענער מיטגליד פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי, וואָס האָט פאַרקויפט זיין גאַנצע „אידיי" פאַר אַ שנאַפּס.

דאָך האָב איך אַלץ נאָך נישט געגלויבט צי ער רעדט אויפריכטיק בנוגע מיין פאַרבלייבן אַרבעטן אין דער מיליץ. מסתמא האָט ער דערביי אַ זייטיקע כוונה. אפשר שטויסט ער זיך אַן וועַר איך בין און מאַכט מיר אַ פּולאַפּקע?

עס איז אַריינגעקומען אַ מיליציאַנער און אים איבערגעגעבן אַ בריוו. קרוקאָוו האָט מיך פאַרגעשטעלט פאַר אים:

— אונדזער נייע אויפרוימערין. זי וועט פאַרטרעטן מאַלאַשקען. וועסט מאַלאַשקען אַריבערפירן צו קיך־אַרבעט. פאַרשטאַנען?

— צום באַפעל, הער נאַטשאַלניק. — האָט יענער געענטפערט אַמטלעך.

אָט אַזוי בין אריין אין דער הויט פון אַן אויפרוימערין אין דער אוקראַינישער מיליץ. פון ווערן קרוקאָווס „געליבטע" איז נאָך דער וועג אָבער געוועזן געבוג פאַרנעפּלט און ווייט, הגם דאָס וואָס עס איז שוין ביז איצט געשען, האָט מיר געגעבן די האָפענונג, אַז אויך דאָס וועט מיר געלונגען. אָפט מאָל געשעען דאָך אַזעלכע אומגעריכטע זאַכן. איך דאַרף נאָר וויסן ווי אויסצונוצן די געלעגנהייט און אומשטענדן און זוכן קרוקאָווס פריינדשאַפט. פאַר יעדער פּרייז! דורך אַלע וועגן און אומוועגן!...

פון שורעץ אין דער פּאַרטיזאַנער־איינהייט האָב איך גוט אויסגעלערנט קרוקאָווס כאַראַקטער. ער האָט נישט פיינט קיין שיינע פרויען און אַ גלאָז וואָדקאַ געוויס נישט. דאָס איז אַן אַלטע אייגנשאַפט, וואָס איך דאַרף וויסן ווי אַזוי אויסצונוצן, אויב מיר וועט געלונגען צו שאַפן די אַנטשפּרעכנדיקע אומשטענדן דערצו.

אָ, ווי איך האָב דאַן געוואָלט, אַז מיר זאָל עס געלונגען. עס זאָל מיר געלונגען אויספירן מיין אויפגאַבע, ווי געהעריק. איך האָב דוכט זיך אין די דאָזיקע רגעים מער וועגן גאָרנישט געטראַכט, ווי נאָר וועגן דעם, אַז איך זאָל אָט דעם מאַן פאַרליבן אין זיך. ביז... משוגעת און אים ברענגען א לעבע־דיקן אין די הענט פון די פּאַרטיזאַנער. צי וועט זיך עס מיר אָבער איינגעבן? וועל איך האָבן גענוג כוח און דער עיקר, גענוג מזל דערצו?

אַז איך טראַכט אַמאָל וועגן יענע טעג, שעם איך זיך אָפּט קוקן זיך זעלבסט אין די אויגן. וואָס האָב איך נישט געטון, כדי געווינען חן אין די אויגן פון דעם דאָזיקן שיכור. איך פרעג זיך הייַנט צי דער ציל הייליקט טאַקע יעדעס מיטל. אין יענע טעג — יאָ!!!

ווען קרוקאָוו פלעגט אַריינקומען בעת איך האָב געוואַשן די פּאָדלאָגע אין זיין קאַבינעט, האָב איך מיט אַזוי פיל „אומשולדיקייט" זיך באַמיט צו אַנטבלויזן אייניקע טיילן פון מיין קערפּער, אַז ער האָט נישט געקענט נישט באַמערקן, וועלכע אמתדיקע ווייבלעכע געטאָקטע גלידער איך פאַרמאָג און וויפל נאַטירלעכן רייץ פון אַן אמתער דאָרפס־פּויערטע, וואָס ווייס קיין שום „חכמות" נישט בנוגע אַן עכטן מאַנספערשוין...

אַז ער איז געזעסן פאַרן טיש האָב איך געפילט, אַז ער קוקט נישט אַריין אין די פּאַפּירן, וואָס ליגן אויף זיין טיש, נאָר זיינע בליקן זענען געווענדעט צו מיינע היפטן, די פולע לידקעס פון די פיס און די קני, נאָך דעם, ווי בעתן וואַשן האָב איך די ראַנדן פון מיין ספּודניצע פאַרשטעקט אין גאַרטל ביי דער טאַליע. בכוונה אַזוי!...

דערנענטערנדיק זיך איין מאָל, אין אַזאַ פּאָזע, צו זיין טיש, כדי דאָרט אָפּווישן דעם שטויב, האָב איך פלוצים דערפילט זיינע פעסטע הענט אַרום מיין טאַליע און אַ שטאַרקן בראָנפן־גערוך.

— ווי שיין דו ביסט, טאַניאַ... — האָט ער מיך צוגעדריקט פעסט צו זיך — פאָרט אַן אונדזעריקע!...

איך האָב געלאַכט אַרויסרופעריש און מיט שעלמישע בליקן אים געקוקט אין זיינע האַלב־פאַרגאָסענע אויגן, וואָס האָבן זיך צעצונדן, ווי ביי אַ פאַרציקנדיקער חיה...

— עד, קאַלכאַזניצע דו!... — האָט ער געבלעקעט, אַרויסגענומען פון מיינע הענט די שמאַטע, אַ שליידער געטון צום עמער וואַסער, פון וועלכן איך האָב געוואַשן די פּאַדלאָגע און מיך אַזוי פעסט צוגעטוליעט צו זיך, אַז איך האָב אַרויסגעלאָזט אַ דערשטיקטן קרעכץ. אויף מיינע צעפלאַמטע באַקן האָב איך דערפילט זיין אָטעם און גיריקייט.

— לאָזט מיך אָפּ, הער נאַטשאַלניק. — האָב איך זיך געבעטן — עמיץ קען נאָך אַריינקומען.. איך בעט אייך...

ער האָט נישט געהערט. זיין ליידנשאַפט איז נאָך מער אָנגעוואַקסן. ער איז געוואָרן פּרעכער.

— געפעלסט מיר... פאַרשטייסט... ביסט יאָדערדיק, ווי אַן ארבוז... צום טייוול!...

— מאַכט נישט חוזק, איך בעט אייך!... — האָב איך זיך כלומרשט געוועדט, כדי נאָך מער צעוועקן זיינע היהשע אינסטינקטן.

איך האָב מיט מיין נאַסער האַנט זיך אַרומגעוויקלט אַרום זיין פעסטן האַלדז און געשמייכלט מיט אַרויסרופערישקייט פון אַ דאָרפישער יונגער פויערטע. מיין האַלטונג האָט אים נאָך מער צעחושט. זיין פנים איז געווען רויט און די אויגן פאַרצויגן מיט אַ שיכורן נעפּל. עס האָט מיר שטאַרק הנאה געטון. אין יענע רגעים האָב איך אַן איבעריקן מאָל זיך איבערצייגט, אַז דאָס וואָס אַ ראַפינירטע און בפרט נישט קיין מיאוסע פרוי, איז מסוגל אויפצוטאָן מיט אַ מאַן, קען נישט געמאָסטן ווערן לויט קיין שום לאָגיק...

☆

מיינע פלירטן מיט וולאַדימיר קרוקאָוו האָבן אָנגענומען אַן ערנסטערן כאַראַקטער. זיין ליידנשאַפט איז קיינמאָל נישט געקומען אויף דער פולער באַפרידיקונג. תמיד האָט עמיץ אָנגעקלאַפּט אין טיר און אונדז געשטערט אין אונדזער „ליבע". איך האָב געוווּסט, אַז מען קען אונדז שטערן, אַז דער קאַבינעט פון נאַטשאַלניק קען נישט דינען אַלס אָרט פון לאַנגדויערנדיקע פלירטן, און בין דעריבער געווען זיכער מיט זיך. עס וועט מיר גאָרנישט געשען.

אַז קרוקאָוו זוכט אַלע געלעגנהייטן, כדי פאַרבלייבן זאַלבערצווייט מיט מיר אין קאַבינעט, איז מער פאַר מיר נישט געווען קיין איבעראַשונג. עס איז אָבער נאָך אַלץ ווייט געווען פון מיין אָנגעצייכנטן פּלאַן און איך האָב נישט אויפגעהערט צו טראַכטן ווי אַזוי אים אַרויסצופירן אין פעלד אַריין, אָדער בעסער געזאָגט, אין וואַלד, אין די הענט פון מיין איינהייט.

דערווייל איז מיר געלונגען אַריינצובליקן אין וולאַדימירס פּאַפּירן און הערן וולאַדימירס געשפּרעכן מיט די ס.ס.־לייט וועגן די צוגרייטונגען צו אַבלאַוועס אויף פּאַרטיזאַנער. איך האָב אויך מיט אויפגעקאַכטע געבליטן געהערט די פּייניקונגען און טאָרטורן, וואָס זענען דורך דער אוקראַיִנישער מיליץ, בראָש מיט וולאַדימירן, דורכגעפירט געוואָרן איבער פּאַרדעכטיקטע אין מיטאַרבעטן מיט די פּאַרטיזאַנער, און מיין נקמה געפיל איז נאָך שטאַרקער געוואָרן.

איך האָב געמוזט מאַכן שטאַרקע באַמיאונגען, כדי פאַרבאַרגן מיינע עקל־געפילן צו דעם דאָזיקן פאַררעטער, וועלכער איז אַזוי גוט געווען צו מיר און ליבלעך, און אַזוי ראַפינירט און קאַלטבלוטיק־מערדעריש צו די, וואָס זענען אַריינגעפאַלן אין זיינע הענט. אָפט מאָל האָב איך געטראַכט ווי אַזוי אַ מענטש, אַ געוועזענער רוסישער אָפיציר, אַ קאָמוניסט, האָט זיך אַזוי געקענט בייטן. אומגלויבלעך! גיי און דרינג אַריין אין דער נשמה פון מענטש ...

אָפט מאָל האָב איך געהאַט דאָס געפיל, אַז אין מאָמענט פון אויפרעגונג האָט ער מיך געזוכט, כדי אַנטלויפן פון זיך זעלבסט. אַז ער האָט מיך דערזען, האָט זיין רויט געזיכט זיך ביסלעכווייז אויסגעוועטערט און דער וואָלקן פון כעס איז זיך פונאַנדערגעשוווּמען. דאָך בין איך געווען פּאַרזיכטיק נישט וואַרפן זיך אים צו פיל אין די אויגן, גראַד דעמאָלט, ווען ער איז אויפגעברויזט. דאָס רוב איז ער אין אַזעלכע רגעים געווען שיכור און דאַן האָט ער, ווי אַ צעווילדעוועטער פערד זיך געלאָזט אין שאָדן... עס איז אים שווער געווען צו צוימען...

איין מאָל האָט ער אַ זאָג געטון צו מיר:

— טאַניאַ, וועסט אַריבערגיין ווינען צו מיר.

— איך?... ניין! איך האָב נישט קיין חשק!...

— פאַרוואָס?

— איך בענק אַהיים! איך וויל פאָרן אַהיים!...

— ווו האָסטו איצט אַ היים, הע? — איז ער געוואָרן צודרינגלעך — דער קריג וועט זיך פאַרענדיקן, וועסטו דאַן פאָרן ווו דו וועסט וועלן. אונדזער פאָטערלאַנד וועט אויסזען אַנדערש! נישט זיין פאַרקנעכטעט צו די זשידעס און צום קאָמוניזם! עס וועט שוין לאַנג נישט דויערן!...

איך האָב געשוויגן אַ פאַרטראַכטע.

— איז וואָס זאָגסטו, הע?

— איך זאָג גאָרנישט.

— איך וויל, דו זאָלסט זיין נאָענט צו מיר. פאַרשטאַנען?...

— איר האָט דאָך אַ ווייב און קינד. צו וואָס טויג אייך אַזאַ ווי איך?...

— דאָס זענען צוויי באַזונדערע זאַכן. פון מאָרגן וועסטו אָנהויבן אַרבעטן ביי מיר אין שטוב. גאַליאַ וועט זיך פרייען, וואָס זי האָט הילף אין שטוב. דו ביסט נישט קיין נאַרישע און וועסט וויסן ווי זיך צו האַלטן...

איך האָב גאָרנישט געענטפערט. איך האָב פאַרשטאַנען, אַז עס הויבט זיך אָן פאַר מיר אַ נייע פאַזע אין לעבן. וואָס האָט מיר איצט צוגעגרייט מיין גורל? צי וועט עס מיר פאַרלייכטערן אויסצופירן מיין אומגעדולדיקן פּלאַן? — די טעג וועלן ווייזן! מען מוז זיך ווידער אַנגורטן מיט געדולד! נאָר געדולד!!!

# גאָט לעבט נישט אין וואַלד

ערב ווייַנאַכטן. אין דרויסן פאַלט אַ שניי און דעקט צו די חרובע שטאָט. מאָדנע אומהיימלעך זעען אויס די האַלב־רויִנירטע דעכער און צעוואַלגערטע קוימענס, וואָס סטאַרטשען, ווי דרעמלענדיק־שיכורע איין־פוסיקע אינוואַלידן. ביינאַכט פאַלט צו אַ פראָסט און פאַרקאַוועט די פאַרשוויצטע שויבן מיט בענקענדיקע בלומען־מוסטערס. אין שטוב ביי קרוקאָוון איז וואַרעם און אויפגעלייגט. איך שטיי נעבן אַ פליטע פון דריי פייער־פלאַטעס און קאָך. אויפן האַרצן איז אומהיימלעך. נישט ווילנדיק טראַכט איך וועגן מיין ביי־געשאַפענער לאַגע און פאַרגין זיך פשוט נישט, וואָס איך געפין זיך איצט אין אַ וואַרעם הויז, אין דער צייט, ווען מיינע חברים וואַלגערן זיך אין וואַלד אין די אָפענע קאַיבאַשן. „פאַרוואָס זאָלן מענטשן נישט לעבן בשלום צווישן זיך?" — גייט איבער אַ געדאַנק איבערן מוח. ווי אומגלויבלעך עס זעט מיר איצט אויס הלמאי איין מענטש האָט מורא פאַרן צווייטן און מוז זיך אויסבאַהאַלטן אין וואַלד. פאַרוואָס און צו וואָס אַזוי פיל בלוט? אַזוי פיל רשעות און שלעכטס? אַזוי פיל חרובע הייזער? וועלכער שגעון! וועלכער שגעון!

שטייענדיק ביי דער הייסער פליטע, ווען אין דרויסן איז אַזוי פראָסטיק, איז גוט צו טראַכטן פאַרשידענע געדאַנקען, וואָס זעען אויס נאַריש אין אייגענעם באַוווסטזיין. נאָך נאַרישער זעט מיר אויס, וואָס נישט קרוקאָוו און נישט מיין באַלעבאָסטע, די פאַלקס־דייטשקע גאַליאַ, וואָס באַמיט זיך

אויסצוזען מיט אַלע פּרטים, ווי אַן אמתע דייטשקע, ווייס נישט ווען זיי האָבן אַריינגענומען אַלס דינסט צו זיך.

אין וויגל ליגט זייער קינד, דער האַלב־יאָריקער אַנדרושאַ. איך וואָלט צו יעדער מינוט אים געקענט דערווערגן און אַנטלויפן, אַלס נקמה פאַר אַזוי פיל אומגעקומענע קינדער; אַלס באַפרידיקונג, וואָס איך מוז אַזוי ווייט זיין פון מיין אייגענער היים און קינדער. מינוטנווייז כאַפּט מיך אַרום אַ כעס צו אַלץ און צו אַלעמען. איך וואָלט איצט פּעאיק געווען צו קרייציקן יעזוסן, ווען אַפילו איך וואָלט זיכער געווען, אַז ער איז דער געבוירענער אויסלייזער. איך גלויב מער אין גאָרנישט און אין קיינעם נישט. איך גלויב נישט מער אין קיין אַנשטענדיקער אויסלייזונג. די מענטשן זענען פּאַסקודנע חיות און צווישן חיות קען נישט זיין קיין רייד פון אויסלייזונג. דערשטיק די חיה, איידער זי וואַקסט אויף!... אַנדערש... אַנדערש וועט זי דיך פאַר־צוקן!...

איך בין צופרידן, וואָס אין מיין האַרצן טליען אַזעלכע מוראַדיקע גע־דאַנקען. דאָס איז דער בעסטער סימן, אַז איך לעב. אַז אין מיר איז נישט אָפּגעטעמפּט געוואָרן דאָס געפיל פון האַס און מיין פּלאַן צו ברענגען דעם פּראָוואָקאַטאָר אין סערגייס הענט, איז נישט איינגעשלאָפן.

אין שטוב איז שטיל. מוראַדיק שטיל. גאַליאַ איז אַוועק אין גאַס. וולאַ־דימיר קרוקאָוו איז ביי דער „אַרבעט". ער דאַרף באַלד קומען אויף מיטאָג. ער זוכט נאָך מער יעדע געלעגנהייט צו בלייבן מיט מיר אַליין אין שטוב. ער איז אומגעדולדיק צו מיר, אָבער ער האָט אַ ביסל מורא פאַר גאַליען, וואָס הגם זי איז זיכער מיט איר שיינקייט, איז זי אָבער אייפערזיכטיק צו זיין יעדן בליק.

דעם ערשטן טאָג, אַז איך בין אָנגעקומען אַהער, האָט זי זיך געהאַלטן אין איין פונאַנדערפרעגן ווער איך בין, צי איך האָב אַ מאַן און קינדער און ווי לאַנג איך דענק דאָ פאַרבלייבן. איך האָב איר געלאָזט פילן, אַז איך בין צו ערנסט, אַז איך זאָל האָבן וועלכע עס איז געפילן צו איר מאַן. איך בין אַ פאַרוואָגלטע קאָלכאָזניצע, וואָס האָב אַפילו נישט די דרייסטקייט צו זיצן ביים טיש ווען וולאַדימיר איז פאַראַן אין שטוב. איך בין אַזוי פאַרטון אין רוימען און שייערן און אין אָפּהיטן דאָס קינד, אַז איך האָב אַפילו קיין צייט נישט צו דענקען איבער מיין אייגענעם לעבן.

גאַליען איז געפעלן מיין האַלטונג און פלייסיקייט. מיין תמימות און בענקשאַפט צו מיין היים דאָרט אין קאָלכאָז ביי כאַרקאָוו, וואָס איז „רואַ־נירט"

געוואָרן אין קריג. איר צוטרוי צו מיר איז אָנגעוואַקסן מיט יעדן טאָג פון וואָס נישט אַזוי איך, ווי וואָלאַדימיר איז שטאַרק צופרידן.

איך ווייס נישט ווי אַזוי ער ווערט געוויר ווען גאַליאַ גייט אַוועק פון שטוב. מסתמא אויף איר וועג צו באַקאַנטע, אָדער אין דער פריזערײַ, וווּ זי זיצט אָפּ לאַנגע שעהן, באַזוכט זי אים אין זיין קאַבינעט, וואָרום אין עטלעכע מינוט נאָך איר אַוועקגיין קומט ער גלייך צו גיין און ווי זיין שטייגער — נישט ניכטער.

אַז איך דערזע אים טוט אין מיר עפּעס אַ ציטער. די לעצטע טעג האָב איך גענומען פלאַנירן וועגן דערמאָרדן אים, היות איך זע נישט קיין געלעגנהייט, ווי אַזוי איך זאָל אים פאַרנאַרן אין וואַלד אַריין.

— עכמאַ, אַ פראָסט אין דרויסן. וואָס מאַכט אַנדרושאַ. שלאָפט, הע? — טוט ער אַ פרעג, כמעט תמיד די זעלבע פראַגע, ווי נאָר ער קומט אַריין.

— שלאָפט. — ענטפער איך מיט געמאַכטער קאָקעטעריע, פאַרשטייענדיק זיין כוונה און אויסרייד.

— דאָס איז גוט. זאָל ער שלאָפן. און מיר... זיך דערווייל אָנוואַרעמען, האָ?

ער כאַפּט אַרום מיין קאָפּ אין זיינע ביידע פעסטע הענט און קוקט מיר טיף אין די אויגן אַריין — זעסט אויס פּרעכטיק, טאַניאַ. ווערסט שענער מיט יעדן טאָג...

— דאָס איז פון פייער... די פּליטע איז אָנגעהייצט... — לאָז איך אַרויסרופעריש.

— דאָס איז פון אינעווייניקסטן פייער, טשאָרט פּאַבערי — זאָגט ער האַפּעדיק — פאָרט אַ קאַלכאָזניצע, האָ?...

— געווען אַמאָל. — שמייכל איך ווייטער.

— אויך היינט, טשאָרט וואָזמי! — ער טוליעט צו זיין פּנים צו מיינע באַקן. — ביסט אַזאַ וואַרעמע. טאַניאַ...

— ווי פּאַר וועמען...

ער שמייכלט ווילדיונגעריש, שלעפּט מיך אַוועק אין צווייטן צימער, וווּ ער טוט מיך אַ שליידער אויפן בעט און נעמט אַראָפּרייסן מיינע קליידער פון מיר.

— ניין... ניין... — בעט איך זיך און ווער זיך מיט אַלע כוחות — גאַליאַ וועט מיך אַרויסטרייבן... אַז זי וועט זיך דערוויסן... וועל איך... וווּ וועל איך זיך דעמאָלט אַהינטון?... הער נאַטשאַלניק!... וואָלאָדיאַ!... וואָלאַדימיר!... וואָלאַ...

איך שריי הויך, אויף אַ קול, ביז... מיין געשריי צעוועקט אַנדרושען, וואָס

צעווייגט זיך שטאַרק. איך לאַך. כאַכאַטשע נקבהיש. שטופּ אים אָפּ פון זיך. שפּיל זיך מיט זיין צעהיצטקייט און האָב הנאה פון זיין צעווילדעווע־טער תאווה.

— אין גאָטס מאַמען אַריין! — נעמט ער זידלען אין דער וועלט אַריין אַן אויפגערעגטער פאַר כעס — איך וועל דיך... דו הינטיכע... דו... אויב...

ער פילט זיך פאַרלוירן אין זיין שטאַרקייט און איך פיל זיך שטאַרק אין מיין שוואַכקייט. ער איז בעריש האַמעטנע, אָבער ביז ער קומט אויף זיין באַפרידיקונג ווערט ער אויסגעלאַשן. אַנדרושעס געשריי שטערט אים אויסצופירן זיין שאַנד־טאַט איבער מיר. ער האָט אויך מורא, אַז גאַליאַ זאָל זיך נישט אָנכאַפּן. ער צישעט אַרויס אַ דריי גאָרנדיקע רוסישע זידל־קללה און טוט אַ פעסטן שפּיי. כמעט מיר אין פּנים. איך ווער אויפגערעגט און מייד אויס צו קוקן אויף אים עטלעכע טעג, ביז ער בעט מיך איבער און זוכט ווידער מיין נאָענטקייט, ווי קיינמאָל גאָרנישט.

איין מאָל ווען ער האָט לויט זיין שטייגער זיך גענומען צו מיר און איך האָב, ווי מיין שטייגער, אים אָפּגעשטויסן פון זיך, איז פונקט אַריינ־געקומען גאַליאַ. ער האָט זיך שטאַרק פאַרלוירן. דערזעענדיק ווי איר מאַן „פלירטעוועט" מיט מיר, איז גאַליאַ געוואָרן אויפגעבראַכט. איר אויפרעגונג האָט זי אָבער אויסגעלאָזן צו מיר:

— טאַניאַ, דו הערסט אַפילו נישט ווי אַנדרושאַ רייסט זיך אויפן גאַנצן קול!

— שאַדט נישט. — האָט קרוקאָוו זיך אָפּגערופן באַהערשנדיק זיך — עס איז געזונט אַ ביסל צו וויינען... נישט אַזוי, טאַניאַ?... — האָט ער זיך געווענדעט צו מיר היימיש, וואָס האָט נאָך מער פאַרדראָסן זיין ווייב.

— ביסט היינט זייער אויפגעלייגט, וואָלאָדיאַ. — האָט גאַליאַ אים פאַרגעוואָרפן — און אויך צו־פרי געקומען אויף מיטאָג...

— ווי תמיד, גאַליאַ. — האָט ער זי אַרומגענומען וווילזונגעריש — אָבער היינט קלויב איך זיך אין וועג אַריין.

— וווהין פאָרסטו דען? — האָט גאַליאַ נאָכגעלאָזן אַ ביסל פון איר ברוגז.

— אין דאָרף ק.

— אפשר וואָלסטו פון דאָרט געבראַכט אַ ביסל שפּייז? די שטוב איז ליידיק.

— איך ווייס נישט, אויב איך וועל צייט האָבן זיך פאַרנעמען דערמיט. אפשר... אפשר וואָלט טאַניאַ מיטגעפאָרן מיט מיר, האַ? זי פאַרשטייט זיך

מער אין באַלעבאַטישקייט. נישט אַזוי, טאַניאַ? — איז אים פּלוצים איינ־ געפאַלן.

— איך ווייס נישט. ווי איר ווילט.

גאַליאַ האָט זיך קעגנגעשטעלט, אַז איך זאָל פאָרן, אָבער קרוקאָוו האָט זי דאָך איבערצייגט, אַז ער וועט זיין צו פיל באַשעפטיקט. זאָל איך מיטפאָרן. עס איז ערב ווייַנאַכטן. דער קאָאָפּעראַטיוו איז פּוסט. ביי די פּויערים איז פאַראַן פון אַלדאָס גוטס. אַלץ ווערט אָבער דורך זיי באַהאַלטן. נישקשה, פאַר די פּאַרטיזאַנער האָבן זיי צו געבן. מען דאַרף וויסן בלויז ווי אַזוי אַרויסצובאַקומען פון זיי, וואָס מען באַדאַרף. איך... איך וועל זיך גוט אויסטויגן צו זיי. מען דאַרף קענען רעדן מיט אָט די פּויערים...

איך בין געשטאַנען ביים וויגל פון אַנדרושען און זיך געמאַכט נישט הערנדיק. איך בין אַרויס אין דרויסן, אַרייַנגענומען די פאַרפרוירענע פּיע־ ליושקעס, וואָס איך האָב נאָך פון נעכטן צעוואַשן און זיי גענומען כלומרשט טריקענען ביים פייער.

— וועסט פאָרן מיט מיר, טאַניאַ? — האָט קרוקאָוו זיך געווענדעט צו מיר מיט פאַרבאָרגענע פייערלעך אין די אויגן.

— וווהין? — האָב איך זיך כלומרשט געכאַפּט, פאַרגראָבנדיק מיין פריידיקן ציטער אין האַרצן.

— האָסט נישט געהערט?

— וואָס מיינט דער הער נאַטשאַלניק?

— וועסט פאָרן מיט מיר אין דאָרף ק., כדי זיך אַרומקוקן דאָרט וועגן אַ ביסל שפּייז, דער עיקר וועגן אַ ביסל חזיר־פעטס צו די ווייַנאַכטן. אַז איך וועל צייט האָבן, וועל איך דיר העלפן דערין. גוט?

— וואָס קען איך דען טון דאָרט? וועסט מיט גוואַלד נישט נעמען ביי די פּויערים... — האָב איך זיך געמאַכט, אַז איך וויל כלומרשט נישט פאָרן.

— מ'עט שוין נעמען. דאַרפסט נאָר פריער אָנפרעגן ווו מען קען עפּעס באַקומען. זיי וועלן נישט אויפפאַלנד זיין וועגן דיר... גאַליאַ איז אויך ביי דער מיינונג. מיר וועלן זיך נישט פאַרזאַמען...

איך האָב זיך פאַרטראַכט.

— נאָך היינט? — האָב איך אַ פרעג געטון תמעוואַטע.

— היינט, אָדער מאָרגן פרי. איך פאָר דאָרט אין אָרגאַניזאַציאָנעלע ענינ־ נים. גוט?

— ווי איר וועט הייסן. איך האָב נישט קיין ברירה...

נאָך דעם זעלבן טאָג איז מיר געלונגען איבערצוגעבן דעם פאַרבינדלער

וועגן דער גליקלעכער מינוט, אַז ענדלעך, נאָך עטלעכע חדשים פון פאַר־ברענגען אַלס קרוקאָווס דינסט, אָדער „געליבטע״, וועל איך היינט פאַרנאַכט, אָדער מאָרגן פרי פאָרן אין דער ריכטונג פון דאָרף ק.

יענע נאַכט האָב איך נישט צוגעמאַכט מיט קיין אויג. אַ פיבערדיקע נאַכט איז עס געווען. וואָס אַלץ איך האָב נישט איבערגעפיבערט און איבער־געקלערט. עס איז פאַר מיר קלאָר געווען, אַז קרוקאָוו נעמט מיך גיכער אַלס געלעגנהייט, כדי מיט מיר אַ פאַרברעכנג טון אין זיין אויטאָ, איידער איך זאָל אים העלפן געפונען שפּיין ביי די פויערים. איצט וועלן מיר זאַלבער־צווייט פאָרן אין זיין אויטאָ און אַז איך וועל האָבן גליק, וועל איך אים פאַרפירן אין די ריכטיקע הענט. עס זאָל זיך מיר נאָר איינגעבן! אָך, ווי איך האָב עס געוואָלט! מיט מיין גאַנצן וועזן!...

„און טאָמער... טאָמער וועט זיך מיר עס נישט איינגעבן — האָב איך געטראַכט אַ צעהיצטע אויף מיין געלעגער — וועט ער קיין לעבעדיקער במילא זיך מער נישט צוריקקערן. ווי זאָגן די פּאַרטיזאַנער: „אַז מען קען אים נישט ברענגען קיין לעבעדיקן, מוז מען אים ווי עס איז קאַלט מאַכן״. צי וועל איך עס באַווייזן? ווי אַזוי?...

ווען דער אויטאָ פון קרוקאָוון איז אָפּגעפאָרן פון הויף אויף מאָרגן פרי און איך בין געזעסן אין אים איינגענורעט אין מיינע ווינטערדיקע קליידער, האָב איך שוין געוווסט: מער אַהער וועל איך זיך נישט צוריקקערן!!!

איך בין זיך מודה: אין משך פון דער צייט, האָב איך זיך אַפילו צוגעוווינט דאָ, ווי צו אַן אייגענער היים. עס איז דאָ נישט שלעכט געווען אין פאַרגלייך מיטן לעבן פון מיינע חברים אין וואַלד. באַזונדערס האָב איך זיך צוגעבונדן צו אַנדרושען, וועלכן איך האָב ליב געהאַט ווי אַן אייגן קינד. אויך ער האָט זיך צוגעבונדן צו מיר, מער ווי צו גאַליען, וועלכע איז געווען באַשעפטיקט אין פראַווען אַ פלירט מיט די דייטשן. אַז איך בין אָפּגעטראָטן פון זיין וויגל האָט ער געוויינט און זיך געריסן צו מיינע אָרעמס, אין וועלכע ער האָט זיך גלייך איינגעשטילט. איך האָב אים הייס און אויפריכטיק געקושט אַפילו אין דער אָנוועזנהייט פון קרוקאָוון, ווי איך וואָלט געווען אַנדרושעס מוטער און נישט גאַליאַ. נישט איין מאָל האָב איך געטראַכט ביי זיך אין האַרצן, אַז אַ קינד, אַפילו אַ קינד פון אַ פּראָוואָקאַטאָר, איז דאָך נישט מער ווי אַ קינד!...

פאַרן אָפּפאָר האָב איך זיך נישט געקענט באַהערשן און האָב אים הייס געקושט אין זיין צעפלאַמטן פנימל און ליפּלעך. גאַליען האָב איך נישט געזאָגט אַפילו קיין „זיי געזונט״. איך האָב זי פיינט געהאַט. באַזונדערס,

ווייל זי האָט זיך געהנדלט צו די ס.ס.־לייט און דייטשע סאָלדאַטן. איך בין געווען צופרידן, וואָס איך בין ענדלעך פּטור געוואָרן פון איר, ווי איך האָב געטראַכט, אויף אייביק...

איצט בין איך געזעסן אויפן הינטערשטן געזעס און דער אויטאָ האָט מיט זיין גאַנצער שנעלקייט זיך געטראָגן אין דער ריכטונג פון דאָרף ק., וואָס איז געלעגן אַ פופצן קילאָמעטער פון דער קרייז־שטאָט ב. אָט נאָך אַ ביסל און מיר וועלן אַדורכפאָרן אַ שטיק וועג, וווּ פוןביידע זייטן וואַקסן געדיכטע וועלדער. איצט, אין די פרימאָרגן־שעהן, איז דער שאָסיי באַלעבט פון דייטשע אויטאָס מיט מיליטער, ווי אויך דורך פויערשע פורלעך. קרוקאָוון קען אפילו נישט איינפאַלן, אַז דער דאָזיקער וועג קען ווערן געפערלעך פאַר אים, הגם עס איז טאָג.

אָפּפאָרנדיק עטלעכע קילאָמעטער, האָט ער פּלוצים פאַרהאַלטן דעם אויטאָ. איך האָב זיך געריכט דערויף. ער האָט אַ זאָג געטון צו מיר:

— טאַניאַ, קום אַריבער צו מיר אין דער קאַבינע. ס'וועט זיין וואַרעמער. נישט אַזוי?...

— צו וואָס? — האָב איך אים איבערגעשיקט אַ הייסן שמייכל.

— פרעג נישט קיין סך, נאָר קום שוין אַריבער צו מיר. געהערט?

— האָך, וועלכער מאַן דו ביסט, וואָלאָדיאַ!...

אַז איך בין שוין געזעסן נעבן אים, אין דער קאַבינע, האָט ער אַ זאָג געטון מיט אַ האָפערדיקן שמייכעלע:

— ביסט אַ טייוול נישט קיין פרוי, טאַניאַ. האָסט מיך אינגאַנצן פאַר־פירט, האַ?

— אויך דו... וואָלאָדיאַ... ביסט אַן אמתער מאַן!... — האָב איך געזאָגט מיט אַ שמייכל און געלאָזט זיך דורך אים אַרונטערנעמען אונטער זיין וואַרעמען שעפסענעם פוטער, וואָס ער האָט געטראָגן אויף זיך. איך האָב דערפילט זיין וואַרעמקייט און איך בין זיך מודה, אַז איך האָב אין די דאָזיקע רגעים פאַרגעסן פון וועמען אָט די וואַרעמקייט שטראָמט. איך וואָלט געזאָגט אַ ליגן, אַז אַלס פרוי, האָב איך נישט געבענקט נאָך צערטלעכקייטן פון אַ מאַן. דאָס וואָס דער דאָזיקער מאַן איז איינער פון די, וועמען די פאַר־טיזאַנער האַלטן אַלס געפערלעכן מערדער, וועלכער טוט זיי אָן פיל צרות, האָט אין די דאָזיקע רגעים נישט געהאַט קיין שום באַדייטונג. אַלס מאַן איז ער אימפּאָנירנד און פול מיט לעבן. ער איז מענעריש, גוט געבויט און אויסערגעוויינלעך דרייסט צו אַלץ און צו אַלעמען, וואָס קען אימפּאָנירן אַ פרוי.

איך האָב זיך געלאָזט קושן דורך אים און צערטלען, אָבער ווען איך האָב דערפילט, אַז זיין ליידנשאַפט וואַקסט אָן, האָב איך אַ זאָג געטון צו אים:

— וואָלאָדיאַ, נישט דאָ, אין מיטן שליאַך... לאָמיר אַריינפאָרן אין וואַלד... קיינער וועט אונדז דאָרט נישט שטערן...

איך האָב אים שטאַרק צוגעדריקט צו זיך און געפילט, ווי ער ווערט פאַרברענט פון מיין צוגעלאָזנקייט. ווי אַ לעבעדיקער וואָרעם אין אַן איבער־געצייטיקטן, אויפגעשניטענעם עפל, האָט זיך אין מיר פלוצים אַ וואַקל געטון מיין איינגעדרעמלטער אויף אַ רגע געפיל און ציל פון נקמה. עס האָבן אויפגעטויכט פאַר די אויגן די הונגעריקע מענטשן אין וואַלד, די עלטערן, שוועסטער און ברידער, וואָס זענען אומגעקומען מיט דער הילף פון אַזעלכע קרוקאָווס!

אז דער אויטאָ האָט דערגרייכט דעם וואַלד און מיר זענען אריינגעפאָרן צווישן די בוימער, האָב איך אינגאַנצן גענומען ציטערן. ווו זענען זיי? צי שוין־זשע האָט דער פאַרבינדלער נישט באַוויזן צו מעלדן סערגייען וועגן מיין רייזע?

די מינוטן זענען געלאָפן, ווי אייביקייטן. וואָס זאָל איך טון, אויב סערגיי וויים נישט וועגן מיין רייזע, וועגן דער דאָזיקער גליקלעכער מינוט? (טויטן אַ מענטש איז אָפט מאָל אויך אַ גליק!...) אויף וועלכער איך האָב געוואַרט אַזוי פיל חדשים? וואָס זאָל איך טון? וואָס זאָל איך טון? וואָס זאָל איך טון? צי שוין־זשע וועל איך מוזן זיך צוריקקערן מיט אים און ווערן דער אָביעקט פון זיין תאווה?

טוליענדיק זיך צו אים, האָב איך אָנגעטאַפּט דעם רעוואָלווער אין שיידל ביי זיין זייט, אָבער כדי אים אַרויסנעמען איז נישט מעגלעך, אַז ער זאָל עס נישט פילן, אַפילו אויב ער וואָלט זיך געפינען אין העכסטן עקסטאַז פון ליידנשאַפט. איך וואָלט געדאַרפט אויסזוכן אַ סיבה דערצו. אפשר אים גאָר זאָגן, אַז איך וויל זיך לערנען שיסן אויף פויגל. ניין, דאָס קען נאָר געשען, נאָך דעם, ווי איך וועל זיך אים אָפּגעבן און דאַן דאַן... דאַן ווער ווייס צי ער וועט איינגיין אויף אַזאַ משוגעת פון זיין געליבטער דינסט, אין דער צייט ווען ער אײַלט זיך אין „אָרגאַניזאַציאָנעלע אָנגעלעגנהייטן”?

מיין לאַגע איז געווען אַ שרעקלעכע. איך בין געווען הילפסלאָז. בלויז אַ געדאַנק האָט אָנגעפיקט אין מוח: אויב היינט וועט עס זיך מיר נישט איינגעבן, וועל איך בלית ברירה עס מוזן אָפּלייגן אויף אַ צווייט מאָל. פון איצט וועט מיר אפשר לייכטער זיין אים צורעדן, אַז ער זאָל מיך מיטנעמען

וווהין ער פאָרט, אָדער בכוונה אַרויס מיט אים אויף אַזעלכע שפּאַצירן...

— ציטערסט אינגאַנצן... — האָט ער געזאָגט צו מיר מיט זעלבסטזיכער־קייט, נישט אויפהערנדיק מיך צערטלען.

— איך האָב דיך ליב... טייערער... — האָב איך געמורמלט — אָבער... אָבער לאָמיר אַריינפאָרן טיפער אין וואַלד. דאָרט איז נישט אַזוי קאַלט... צווישן די ביימער איז שטיל און וואַרעם... איך ווער פאַרפרוירן...

— ניטשעוואָ, איך וועל דיך דערוואַרעמען... — האָט ער געלאַכט און נאָך מער מיך איינגעהילט אין זיין קאָזשוך מיטן אָפּגעלייגטן גרויסן קאָלנער, וואָס ער האָט וואַרשיינלעך בכוונה גענומען צום באַשטימטן ליבעס־ציל. דאַן האָט ער אַרויסגענומען אַ פּערטל־ליטערדיקע פלאַש בראָנפן. מיט איין זעץ אַרויסגעקלאַפּט דעם קאָרעק און צוגעטראָגן דאָס העלדזל פון פלאַש צו מיין מויל:

— נעם טרינק, טאַניאַ! ס׳וועט וואַרעמער ווערן!...

— פריער דו, טייערער!...

— גוט, פאַר אונדזער געזונט!

— פאַר אונדזער געגנבעטער ליבע!...

— טייוול דו, ביסט אַ סך קליגער, ווי איך האָב געמיינט!...

— וואָס מיינסטו דערמיט, מיין שייגינקער?...

— נו, כ׳מיין, ווי דו טויגסט זיך אויס!...

— בלויז צו אַזאַ ווי דו!...

— באמת?... — האָט ער געלאַכט פאַרשיכורט.

— באמת... איך ליב דיך... האַך, ווען דו ווייסט, ווי איך ליב דיך! נו, טרינק און גיב אויך מיר אַ ביסל!...

ער האָט גענומען זופּן פון פלאַש און איך האָב געשמייכלט קוקנדיק, ווי ער פאַרגייט זיך אין געטראַנק. וואָס האָב איך געטראַכט אין דער דאָזיקער רגע? — איך געדענק נישט. האָב איך זיך געשעמט פאַר מיין האַנדלונג?

איך ווייס נאָר, אַז איך בין געווען שטאַרק אומגעדולדיק. איך האָב עפּעס פּלאַנירט. טאָמער קומען זיי דאָך נישט? טאָמער טרעפן זיי אונדז נישט? ווי לאַנגזאַם שלעפּט זיך יעדע רגע — אַן אייביקייט אַ גאַנצע! ביז...

— הענט אין דער הויך!!!

אַן עלעקטרישער שטראָם איז אַדורך מיינע אברים. עטלעכע ביקסן און אויטאָמאַטן זענען אויסגעשטרעקט געוואָרן צו אונדז פון אַלע זייטן. אַ מחנה

פּאַרטיזאַנער זענען ווי פון אונטער דער ערד אויסגעוואַקסן נעבן אונדזער אויטאָ. אַ פריידיקער אויסגעשריי האָט זיך אַרויסגעריסן פון מיין קעל. מיט קעציִשער שנעלקייט האָב איך אויפגעפּראַלט דאָס טירל פון דער קאַבינע. קרוקאָוו האָט זיך אַ כאַפּ געטון צום רעוואָלווער, אָבער אַלץ איז געשען אַזוי ראַפּטום, אַז ער האָט אים נישט באַוויזן אַרויסצוציען פון זיין שיידל. עט־לעכע פעסטע הענט האָבן אים אָנגעכאַפּט און אין איין אויגנבליק אַרויסגע־שלעפּט פון אינעווייניק. ער איז געווען צעטומלט און הילפלאָז.

זיין צעטומלטקייט איז נאָך מער אָנגעוואַקסן, ווען ער האָט דערזען, ווי איך בין אַרויפגעפאַלן סערגייען אויפן האַלדז. נישט געקענט באַהערשן מיין פרייד. צעטומלטע פרייד.

— מאַלאַדיעץ! האָסט דיין אויפגאַבע אויסגעפירט ווי געהעריק! — האָט סערגיי געזאָגט צו מיר מיט פּאַרטיזאַנישער האַפערדיקייט און צו קרוקאָוון האָט ער לוסטיק זיך אַ ווענד געטון:

— הייסט עס, מיר זעען זיך ווידער, וואָס?...

ווי אַ געפאַנגענע חיה האָט קרוקאָוו געקוקט אויף די פּאַרטיזאַנער און נאָך מער אויף מיר. ער איז געווען געבונדן די הענט און די פיס. אויף סערגייס באַפעל איז ער, ווי אַ זאַק פּליעווע, אַרויפגעוואָרפן געוואָרן אויף אַ באַזאָטלטן פערד, וואָס האָט שוין געוואַרט אויף אים אין די וואַלד־טיפענישן.

די גאַנצע אַקציע איז צוגעגאַנגען אַזוי שנעל, אַז קומענדיק ערשט אין פּאַרטיזאַנער־לאַגער, האָב איך ביסלעכווייז גענומען באַגרייפן, וואָס עס איז אייגנטלעך געשען. איך האָב זעלבסט נישט געגלויבט, אַז עס האָט זיך מיר דאָך איינגעגעבן אויסצופירן די אויפגאַבע. אַלע פּאַרטיזאַנער האָבן נישט אויפגעהערט מיך לויבן און סערגיי האָט גלייך געמאָלדן אין שטאַב וועגן מיין אויפטו און געפאָדערט פאַר מיר אַן אויסצייכענונג.

יאָ, אַלע פּאַרטיזאַנער האָבן זיך געפרייט. בלויז איך... איך גופא בין נישט געווען צופרידן. איך האָב געהאַט דאָס געפיל, ווי איך וואָלט אויסגע־ליידיקט געוואָרן פון אינהאַלט, פון עפּעס אַ טייערער זאַך, וואָס איך האָב געפלעגט אין האַרצן און עס איז פּלוצים צערינען געוואָרן. עס האָט מיר עפּעס באַנג געטון. איך האָב נישט געוווסט וואָס. איך האָב זיך פאַרגעוואָרפן, אַז עס לעבן אין מיר צוויי דוניעס — איינע, וואָס שילט און די צווייטע, וואָס בענטשט. שטעלט זיך טויזנטער פאַרוואָסן איבער יעדער זאַך און קען קיין תשובה נישט באַקומען.

אַז איך האָב געזען קרוקאָוון אַ צוגעבונדענעם צו אַ בוים, ווו ער איז

שטאַרק געפּייניקט געוואָרן פאַר די צרות, וואָס ער האָט אָנגעטון די פּאַרטי־זאַנער, האָב איך זיך אָנגענומען מיט מוט און בין צוגעגאַנגען צו אים. ער האָט אַ בליק געטון אויף מיר און גלייך אַוועקגענומען זיינע בליקן.

איך האָב דערפילט אַ באַדערפעניש צו רעדן מיט אים. דערגרונטעוועט זיינע געדאַנקען. וואָס טראַכט ער אַצינד וועגן מיר? ווי אַזוי נעמט ער עס אויף?

— אָט אַזוי איז עס, וואָלאָדיאַ! — האָב איך געזאָגט מיט געמאַכטער גלייכגילטיקייט — מען באַצאָלט דיר איצט מיט דער זעלבער מטבע, וואָס עס קומט דיר פון לאַנג. איך האָב בלויז אויסגעפירט מיין אויפגאַבע, פּונקט ווי דו האָסט אויסגעפירט דיין אויפגאַבע. נישט מער, וואָס אונדזערע אויפ־גאַבעס זענען פאַרשידן און האָבן אַן אַנדער ציל...

ער האָט מיינע ווערטער נישט געהערט. ער איז געווען שטאַרק צעבלו־טיקט און געמאַכט דעם איינדרוק, ווי גאַרנישט גייט אים איצט נישט אָן. גלייכגילטיק צום טויט, וואָס דערוואַרט אים. אין אַ ווײַלע אַרום האָט ער אויפגעהויבן זיין קאָפּ.

— דו... דו... זאָלסט עס טון?... זיין פּעאיק דערויף? אויף אַזעלכעס האָב איך זיך נישט געריכט! אַזוי קלוג נישט געווען!

אפשר האָט ער נאָך געגלויבט, אַז איך וועל באַדויערן און אים לאָזן לעבן.

— אַלע זענען מיר נאַראָנים!... — האָב איך געזאָגט דענקעריש — אַלע...

— אָ, באָזשע! גאָט!... — האָט ער אַרויסגעמורמלט — טאַניאַ... דו...

— איך הייס נישט מער טאַניאַ. — האָב איך געזאָגט כמעט מיט אַ דראַ־מאַטישער שטים — מיין אמתער נאָמען איז דינה, אָדער דוניאַ, ווי די פּאַרטיזאַנער רופן מיך. איך בין אַ יידישקע. און גאָט... דו... דער געוועזענער קאָמוניסט דערמאָנסט זיין נאָמען? נישטאָ! ער איז אין ערגעץ נישטאָ! אין די הימלען געוויס נישט! די הימלען זענען ליידיק, פּוסט! ליידיק! לייי־דיק! וואָלט ער דאָרט אפילו געווען, וואָלט ער שוין לאַנג דערשאָסן געוואָרן דורך די קוילן פון פאַרבלוטיקטע הענט! אין וואַלד איז ער אויך נישטאָ. ניין. דאָ געוויס נישט!... גאָט לעבט נישט אין וואַלד!... אין ערגעץ נישט! אין ערגעץ — אויב ער קען נישט געפינען קיין אָרט אין מענטשנס האַרץ!...

ער האָט געשוויגן און אויך איך בין פּלוצים אַנטשוויגן געוואָרן. איך האָב זיך פאַרשעמט פאַר מיינע אייגענע ווערטער און סענטימענטן. צו וואָס רעד איך אַזוי? איז עס אַ געוויסער סאַדיזם פון מיין זייט? צי האָט אָט דער מענטש ערשט צוריק מיט עטלעכע שעה מיך נישט געטוליעט צו זיין ברוסט? נישט גערעדט צו מיר צערטלעכע ווערטער? צי האָב איך... איך גופא

נישט געלאָזט זיך קושן דורך די ליפּן פון אָט דעם מאַן? ליפּן, וואָס זענען איצט פאַרבלוטיקט און לעבנסלאָז? ווער ווייס... אפשר האָב איך אין מיין אונטערבאַוווסטזיין גאָר געליבט אָט דעם מענטש? פאַרוואָס דען האָב איך אים געמוזט פיינט האָבן? וואָס גייט מיר אָן אָט דער משוגענער קריג? אָט דער קעגנזייטיקער האַס פון מענטש צו מענטש?...

נישט זאָגנדיק מער קיין וואָרט, האָב איך זיך געלאָזט גיין צו זיך אין קאַיבאַש. אָפּגייענדיק אָבער אַ פּאָר טריט, האָב איך זיך פאַרהאַלטן און אים צוגעוואָרפן:

— זיי געזונט, וואָלאָדיאַ! אַ שאָד אַנדרושען... אפשר וועט ער זיין אַנדערש פון דיר און פון... מיר! זיי געזונט!...

„זיי געזונט!" — ווי לעכערלעך עס האָבן אָט די ווערטער געקלונגען אין מיינע אייגענע אויערן.

קומענדיק אין קאַיבאַש און זייענדיק אַרומגערינגלט דורך די פּאַרטיזאַנער, האָב איך זיך געפילט שרעקלעך עלנט. הייסט עס, אַז איך וועל ווידער מוזן לעבן אין די דאָזיקע באַדינגונגען, אין הונגער און קעלט? ווער ווייס אויף ווי לאַנג. ווער ווייס צו וואָס, פאַרוואָס, נאָך וואָס. ווער ווייס! — ווער ווייס!!! — — —

## אייגן בלוט

איינגעהילט אין שנייען שטייען צעוואָרפן די קאַיבאַשן, ווי עסקימאָסישע ביידלעך, אַרומגעשטעלט דורך פאַר־פאָסטנס, וואָס היטן זיי אָפּ פון פּלוצימדיקע איבערפאַלן און אַנגריפן, אָדער אָבלאַוועס. מיטן צופאַלן פון אָוונט צעלייגן די פאַרטיזאַנער שייטער־הויפנס, פאַרזאַמלען זיך אַרום פייער און דערציילן זיך זכרונות פון די חרובע היימען. אַז איינער פאַרציט זיך אין אַ בענקענדיק ליד, כאַפּן אַלע איבעריקע פאַרטיזאַנער און פאַרטיזאַנערינס אונטער און זינגען זיך אַראָפּ פון האַרצן די בענקשאַפט. דערוואָרעמען זיך די געבליטן און מען גייט אַפילו אַרויס אין אַ טאַנץ. דער עיקר טאַנצט מען דעם ווייס־רוסישן פאָלקס־טאַנץ די „לעוואָניכאַ", אָדער אַ „האָפּאַק", וואָס מאַכט אין אַלץ פאַרגעסן.

צווישן די פאַרטיזאַנער פירן זיך שטילע ליבעס, וואָס דריקן זיך אויס אין חברשאַפט און נישט אויסגעלעבטע עראָטישע געפילן. אין וואַלד איז פאַרבאָטן זיך ליבן. חלילה עמיץ פון די פאַרטיזאַנערינס זאָלן פאַרשוואַנגערן.

אַנדערע פּרויען וויצלען זיך: „די חיות פון וואַלד איז בעסער פון די פּאַרטיזאַנער. זיי, די חיות, איז כאָטשבי דערלויבט זיך ליבן, פּאָרן און מערן...".

אויך איך האָב מיר מיינע אַדאָראַטאָרן, אַפילו פון צווישן די „טעלמאַנ־טשיקעס", וואָס קענען זיך אַמבעסטן מיט מיר פאַרשטענדיקן. דאָס זענען אַנטלאָפענע דעזערטערן פון דער דייטשער ווערמאַכט, וואָס האָבן אַמאָל געהערט צו דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי אין דייטשלאַנד און זיך אַנגעשלאָסן אין די פּאַרטיזאַנער. נישט אַזוי שנעל האָבן זיי געוווּנען דעם צוטרוי צו זיך, אָבער שפּעטער האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז זיי האָבן ווירקלעך פיינט דעם נאַציסטיש־היטלערישן רעזשים און זיי צייכענען זיך אַפילו אויס אין קאַמפן קעגן זייערע „גענאָסן".

על פּי רוב זענען עס עלטערע מענטשן און פאַרשטייען קוים די רוסישע שפּראַך. זיי זענען דערפאַר זייער געהאָרכזאַם און די איבעריקע פּאַרטיזאַנער דערלויבן זיך טרייבן אַ וויץ אויף זייער חשבון. זיי לאַכן מיט, הגם זיי פאַרשטייען נישט, אַז זיי לאַכן גאַנץ אָפט פון זיך זעלבסט. איך טייטש זיי איבער די ווערטער אויף דייטש מיט אַ צווייטייטיקן פּירוש און זיי זענען שטאַרק צופרידן. זיי לאָזן נישט אָפּ פון מיר און איך ווייס די לעבנס־געשיכטע זייערע, וואָס זיי האָבן שוין פיל מאָל דערציילט פאַר מיר, צוגעבנדיק כסדר, אַז זיי גלויבן באמונה שלימה, אַז היטלער וועט זיין „קאַפּוט" און דייטשלאַנד וועט נאָך אַמאָל זיין קאָמוניסטיש.

אַממערסטן פון אַלע פרעטענדירט צו מיר דער קאָמאַנדיר סערגיי איוואַ־נאָוויטש, וועלכער איז מער דרייסט פון אַלע איבעריקע און באַמיט זיך געווינען מיין ליבע און צוטרוי. סערגיי איז אַ שיינער מאַנספּערשוין פון אַ יאָר עטלעכע און דרייסיק און ער הערט נישט אויף מיר פאַרלייגן, אַז נאָך דער „פּאָביעדע" (זיג) איבערן שונא, וועט ער מיך מיטנעמען קיין רוס־לאַנד, ווו מיר וועלן זיך פאַרבינדן אויף שטענדיק.

אַז ער נעמט רעדן אַזוי, אַנלעגנעדיק זיין פעסטן אָרעם אויף מיין אַקסל, לאַך איך און ער קען קיינמאָל נישט פעסטשטעלן, צי איך בין מסכים דערצו און וועלכע געפילן איך האָב צו אים אין האַרצן. ער קען נישט פאַרשטיין פאַרוואָס איך בין אַזוי צוריקגעהאַלטן און האָב אַפילו מיט קיין וואָרט אים נישט געגעבן אָנצוהערן צי ער געפעלט מיר. נישט ער און נישט עמיץ אנדערש פון די פּאַרטיזאַנער, ווייסן מיין לעבנס־געשיכטע, און וועלכע האָ־פענונגען איך וואַרעם אין מיין האַרץ און נשמה.

ליגנדיק אַליין אין מיין קאיבאש, אָדער צוזאַמען מיט איינער פון די פּאַרטיזאַנערינס, פאַרטיף איך זיך אין אָפּגעשלאָסענעם שווייגן און טראַג זיך אַריבער מיט מיין גאַנצן וועזן צו דער גאַיוווקע, פון וועלכער איך בין איצט ווייט הונדערטער וואַלד־קילאָמעטער, אָדער איך מאַך אַ סך הכל פון מייגע קינדער יאָרן און הער נישט אויף ווייטיקן, הלמאי מיר איז נישט געלונגען צו זען מיינע עלטערן, ווי אויך מיין שוועסטער און ברודער אין זייער לעצטן וועג.

אָפּט מאָל פרעג איך זיך, צו וואָס איך בין געבליבן לעבן און בין פול מיט בייגיר, וואָס דער מאָרגן וועט ברענגען. די אויסערגעוויינלעכע שטרע־בונג צו דערלעבן די פרייהייט און מפלה פון די דייטשן און זיך צוריקקערן צו מיין היים, איז אַזוי גרויס, אַז עס פאַרטושט יעדן פעסימיסטישן געדאַנק און שטופּט אָפּ אין אַ ווינקל פון באַוווסטזיין אַלע „פאַרוואָסן” און בענק־שאַפטן.

אין וואַלד איז פאַראַן פיל צייט צו טראַכטן, הגם דאָס לעבן איז האַרט און מאָנאָטאָן. דער כסדרדיקער פחד איבערצופאַלן ווערן איז אַזוי גרויס, אַז עס האָט זיך, ווי מיר שיינט, אַנטוויקלט אין יעדן איינעם פון אונדז אַ זעקסטער חוש פאַר יעדער געפאַר. דאָס גיין מיט אַן אויפגאַבע אונטער־צולייגן אַ מינע אונטער אַן אַנפאַרנדיקער באַן — איז ממש איינע פון די בעסטע אַטראַקציעס, אין וועלכע יעדער, מיטן אויסנאַם פון אייניקע ווירק־לעכע פחדנים, אָדער בעסער געזאָגט „לעבנס־קלאַמערער”, ווילן אַנטייל צו נעמען.

נאָך דעם ווי איך האָב זיך צוריקגעקערט פון מיין אויפגאַבע, ברענ־גענדיק קרוקאָוון אַ לעבעדיקן אין די הענט פון קאָמאַנדיר סערגיי איוואַ־נאָוויטש, האָבן מיר אַלע געוווסט, אַז איצט וועלן די דייטשן זיכער דורכפירן אַ גרויסע אַבלאַווע אין וואַלד און עס איז דעריבער באַשלאָסן געוואָרן זיך אַריבערצוטראָגן אין אַן אַנדער רעוויר. דער באַשלוס איז אויסגעפירט געוואָרן מיט גרויס פאָרזיכטיקייט און צו דער צייט. צוליב דער ווייטער דיסטאַנץ, זענען מיר געווען געצוווּנגען מאַכן אָפטע „פריוואַלן” (אָפּרוען) און נאָך דעם, ווי די אויסשפּירער האָבן זיך צוריקגעקערט מיט גוטע ידיעות, אַז דער וועג אין וואַלד איז פריי, זענען מיר געפאָרן ווייטער.

אָט אויף דעם דאָזיקן וועג איז מיט מיר געשען אַ זאַך, וואָס האָט איבערגעלאָזט אויף מיר אַן אומפאַרגעסלעך טראַגישן רושם און וואָס בלויז דער בליינדער גורל אַליין איז מסוגל אונטערצוטראָגן. אויף די דאָזיקע גע־

שעעניש מוז איך איבערגעבן מיט מערערע פּרטים. דערציילנדיק עס, האָב איך דעם איינדרוק, ווי איך וואָלט עס ווידער איבערגעלעבט אויפסניי.

דאָס איז געווען פאַרטאָג, נאָך אַ נאַכט פון אַ „פּריוואַל" אין איינער פון די פּושטשעס. פּלוצים האָבן מיר דערהערט אַ שיסעריי פון אַלע זייטן און אין איין מינוט זענען מיר אַלע געווען אויף די פיס. עס איז נישט געווען קיין רייד פון אַנטלויפן, וואָרום דאָס פייער איז געווען אַזוי העפטיק, אַז עס איז אוממעגלעך געווען צו דענקען וועגן עפּעס אַנדערש, ווי נאָר אַריין אין קאַמף מיט די אַנגרייפער. גאַנץ שנעל האָט זיך אַנטוויקלט צווישן אונדז און די איבערפאַלער אַ העפטיקע שיסעריי. עס איז אונדז גלייך קלאָר גע־וואָרן, אַז די אַנגרייפער זענען באַנדעראָווצעס און נישט קיין דייטשן. און הגם מיר האָבן זיי געהאַלטן פאַר ערגערע פיינט ווי די דייטשן גופא, וואָס האָבן צומאָל מורא געהאַט זיך אַריינלאָזן מיט אונדז אין אַ קאַמף אין די וועלדער טיפענישן, איז אָבער אונדזער מורא פאַר זיי געווען אַ קלענערע. מיר האָבן געוווסט, אַז זיי באַזיצן נישט צופיל געווער און זיי קעמפן לעצטנס אויך קעגן די דייטשן.

דער קאַמף איז געווען אַ פאַרביסענער און שווערער צוליב די בוימער, וואָס זענען די בעסטע שיצונג פאַר ביידע קעמפנדיקע צדדים אין אַזעלכע פאַלן. אָט דוכט זיך, שיסטו אין איין ריכטונג און אָט ווידער באַמערקסטו נישט, אַז דער שונא איז הינטער דיך. די דאָזיקע סטראַטעגיע האָבן מיר גוט געקענט און זייענדיק געוווינט צו די וואַלד־באַדינגונגען, אויסגעצייכנט אויסגענוצט.

שווער איז געווען אונדזער מצב צוליב דעם, וואָס די באַנדעראָווצעס איז כמעט נישט מעגלעך געווען אונטערצושיידן פון די פאַרטיזאַנער. זיי האָבן גערעדט אוקראַיניש און זיך אויך נישט אונטערשיידט פיל מיט דער קליי־דונג, אָדער אויסזען.

איך וויל זיך נישט „באַרימען" וויפל לעבנס איך האָב אין דעם דאָזיקן קאַמף איבערגעלאָזט אין וואַלד, אָדער... אויף מיין געוויסן. בעת אַזאַ שיסעריי עקזיסטירט בכלל נישט אַזאַ באַגריף, ווי געוויסן. ערשט היינט, נאָך אַזוי פיל יאָרן פון דענקען און איבערנישטערן דעם עבר, בין איך מסוגל צו מאַכן דעם טרויערדיקן סך הכל און זיך אָפּגעבן אַ רעכענונג, וועלכער אומגעלומפּערטער שגעון דאָס איז געווען צו גאַרן מיטן גאַנצן וועזן דער־הרגענען וואָס מער מענטשן. מעגן עס זיין פיינט, אָבער דאָך מענטשלעכע לעבנס. לעבנס פון מענטשן, וואָס אויך זיי האָבן געזוכט אַוועקצונעמען דיין לעבן אָן שום פילאָזאָפיעס...

אַז איך מאַך צו אויף אַ רגע מײַנע אויגן און טראַג זיך אַריבער צו יענע מטורפדיקע טעג, זע איך אַממערסטן די צעשראָקענע פויגל, וואָס האָבן בעת די שיסערייען זיך געלאָזט אַוועקטראָגן אין די הויכע הימלען אַרײַן און געפלויגן פון איין בוים־שפּיץ צום צווייטן, כדי וואָס ווייטער אַנטלויפן פון מענטשנס שגעון און אומזין.

אין יענע שעהן, האָב איך גאַרנישט געזען אַרום זיך, אויסער ברענענדיקן וואַלד. שאָטנס, וואָס לויפן אַריבער פון איין בוים צום אַנדערן און געהערט פּײַפנדיקע קוילן, קנאַלערייען, וואָס האָבן פאַרהילכט דעם גאַנצן וואַלד און אַרויסגעיאָגט פון צווישן די קוסטעס די צעשראָקענע פוקסן, העזעלעך און אַנדערע חיהלעך, וואָס זענען נעבעך גאָט די נשמה שולדיק געווען. זיי האָבן זיך ווילד געריסן אויף די בוימער־שטאַמען, געזוכט נאָרעס, ווו צו פאַרשטעקן זייערע לעבנס, נישט האָבנדיק קיין מינדסטן אַנונג, וואָס דאָ קומט פאָר, פאַרוואָס וואַלגערן זיך טויטע קערפּער צווישן די בוימער און ווען וועט זיך עס ענדיקן...

אויך איך האָב געהאַט דאָס געפיל אַז דער דאָזיקער מענטשלעכער שגעון וועט זיך קיינמאָל נישט ענדיקן. קיינמאָל. אַזוי לאַנג ווי דער טויט וועט זײַן אַ געוועדקצייג אין אונדזערע הענט.

פּלוצים האָב איך דערפילט אַ „ביס" אין דעם רעכטן פוס. אַ געשטאַלט האָט זיך אויפגעהויבן פון פּאַר אַ קוסט און מיט דער ביקס געלאָפן גלייך אויף מיר. מײַן האַנט האָט אַנגעדריקט אויפן צינגל פון מײַן אויטאָמאַט. אַן ענטפער אויפן שאָס. דאָס געשטאַלט האָט זיך אַ וואַקל געטון און צוזאַמען מיט אים, זײַן ביקס. און איך נעבן ביידן. נאָך אַ לעבן אויסגעלאָשן געוואָרן. עמיצנס לעבן אָנשטאָט מײַן לעבן. איך האָב געהאַט מער מזל...

איך האָב אַלץ מער דערפילט דעם ווייטיק. אַ ריטשקעלע בלוט האָט געצישעט פון פוס און באַפאַרבט דעם איינגעטראָטענעם שניי אַרום מיר. איך האָב דערפילט אַ שווערע מידקייט, געוואָלט זיך אַראָפּלאָזן אויף דער ערד, די קוילן האָבן אָבער נישט אויפגעהערט פּײַפן אַרום מיר מיט איבעררייסן. פּלוצים האָב איך דערהערט:

— העי, דוניאָ! דונקאָ! ביסט פאַרוואונדעט? וואָס?

סאַשקאָ, איינער פון די פאַרטיזאַנער, וואָס האָט מיך צופעליק באַמערקט אָנגעלענט אויף אַ בוים, האָט מיך אַ כאַפּ געטון אויף די אַקסל און גענומען לויפן מיט מיר טיפער אין דער פּושטשע.

— לאָז מיך, סאַשקאָ. — האָב איך זיך געבעטן — איך וועל זיך ווי עס איז אַן עצה געבן. איך מיין, אַז די ווונד איז נישט געפערלעך.

— ניין, איך וועל דיך נישט לאָזן אין אַזאַ צושטאַנד. מען מוז געפינען אַ ביסל וואַסער, אָפּוואַשן דעם פּוס. דאָ נישט ווייט, מוז זיך געפינען אַ קאַנאַווע מיט ריינעם שניי. איך וועל מיט שניי. אָט אַזוי...

ער האָט מיך אַראָפּגעלאָזן אויף אַ שטאָם און גענומען מיט אַ ריינעם הויפן שניי אַרומוואַשן די וווּנד, וואָס האָט צו מיין גליק זיך ווירקלעך אַרויסגעוויזן אַלס גאָר לייכטע. דאַן האָט ער ארויסגעכאַפּט זיין טאַשן־טיכל און איבערגעבונדן דאָס פאַרווונדעטע אָרט.

— האָסט באמת מזל. — האָט מיך סאַשקאַ געטרייסט — בלויז אַ קראַץ פון אַ קויל. נאָך גוט, וואָס זי איז נישט אַריינגעדרונגען אינעווייניק. ני־טשעוואָ! מיר וועלן זיי נאָך אָנלערנען די סוואָלאָטשעס! זיי וועלן טייער באַצאָלן פאַר אונדזער בלוט.

די שיסעריי האָט זיך אין צווישן איינגעשטילט. ווו נישט ווו האָט זיך ווידער דערהערט אַן אָפּגעהאַקטער שאָס, וואָס האָט זיך צעלייגט אין אַ פייפנדיקן עכאָ איבערן וואַלד. אַרום האָט געדרויכערט דער וואַלד. אַ גע־שטאַנק פון דינאַמיט האָט פאַרפולט דעם עטער.

פאַרנאַכט, ביים קאַסטיאָר אין פאַרטיזאַנער־לאַגער, האָט סערגיי, דער קאָמאַנדיר, געמאַכט אַ סך הכל פון די קאַמפן און אָפּגעגעבן אַ באַריכט:

— עטלעכע טויטע באַנדעראָווצעס און צוויי געפאַנגענע. פון אונדז זענען דריי פאַרטיזאַנער און איין פאַרטיזאַנקע פאַרווונדעט געוואָרן. שפּעטער, נאָכן אָוונט־ברויט, זענען זיך אַלע פונאַנדערגעגאַנגען אין די קאָיבאַשן, נאָך דעם, ווי אַרום פראָוויזאָרישן לאַגער זענען פונאַנדערגעשטעלט געוואָרן פאַטרולן.

אין מיין קאָיבאַש איז אַריינגעקומען סערגיי איוואַנאָוויטש. איך בין געלעגן אַ מידע אויפן שטרוי און געפּרווט איינדרימלען. איך האָב טראַץ די קאַמפן געהאַט אַ גוטן געפיל. איך האָב זיך גראַד געפילט שטאָלץ, וואָס איך בין פאַרווונדעט געוואָרן. ווי לעכערלעך דאָס זאָל נישט קלינגען, אָבער דאָס האָט מיר געגעבן אַ באַפרידיקונג. פאַרט אַ מיוחסטע...

— וואָס, דוניא, ביסט באמת פאַרווונדעט?... האָט סערגיי געפרעגט מיט אַ שמייכל — שעמסט זיך גאַרנישט?...

— און נאָך ווי!...

— אַז דו וועסט וועלן, וועל איך דיר צוטיילן דעם „כבוד" זיך אָפּרע־כענען מיט צוויי באַנדעראָווצעס, וואָס מיר האָבן געפאַנגען.

— גערן, סערגיי איוואַנאָוויטש. איך וועל מיט מיינע אייגענע הענט זיי דערשיסן, ווי די הינט! סוואָלאָטשעס אַזעלכע!

איך בין זיך מודה: איך האָב עס אַרויסגערעדט מיט מיין גאַנצן ערנסט. איך האָב געוואָלט האָבן די באַפרידיקונג צו דערשיסן זיי. וויסנדיק וואָס די דאָזיקע באַנדיטן טוען מיט אַ פּאַרטיזאַנער, אָדער מיט אַ ייד, ווען זיי כאַפּן אים, בין איך געווען זיכער, אַז מיין האַנט וועט אַפילו נישט קיין ציטער טון ווען איך וועל צילן אין זיי פון מיין רעוואָלווער. וויפל מאָל האָב איך און מיינע חברים זיך אָנגעטראָפן אויף צעברעקלטע קערפּער פון פּאַר־טיזאַנער און יידן, וואָס זענען דורך זיי צוגעבונדן געוואָרן צו אַ בוים און געפּייניקט געוואָרן אויף אַ בעסטיאַלישן אופן, וואָס קיין שום מענטשלעכע פאַנטאַזיע וואָלט זיך גאָרנישט געקענט פאָרשטעלן. יאָ! איך וויל זיך איצט נוקם זיין אין זיי! טון מיט זיי דאָס זעלבע און אַרויפשרייבן אויף זייערע טויטע קערפּער אַן אויפשריפט:

„צאָן פאַר צאָן, און אויג פאַר אויג!!!״

נאָך דעם ווי סערגיי האָט פאַרלאָזט מיין קאַיבאַש, איז מיר פּלוצים באַפאַלן אַן אומהיימלעכער געפיל: ווי אַזוי וועל איך שיסן אין צוגעבונדענע מענטשן? אַנדערש איז אין קאַמף. דו שיסט דאָן, בעת דער מוח איז אין גאַנצן אָפּגעטעמפּט פון לאָגישן דענקען, אָבער שיסן אין אומבאַהאָלפענע מענטשן, וואָס קענען זיך נישט פאַרטיידיקן? — אָ, דאָס איז בכלל נישט דער זעלבער „האַזאַרד״, טויט־פאַרמעסט!

איך בין שרעקלעך אויפגערעגט געוואָרן אויף זיך, הלמאי אָט די גע־דאַנקען זענען מיר געקומען אין מוח. ווי זלידנע־פליגן האָבן זיי מיך באַפאַלן און איך האָב נישט געקענט זיך אָפּטרייבן פון זיי. איך האָב מיט כוח אַרויפגעבראַכט אין מיין מוח שווידערלעכע סצענעס פון אומגעבראַכטע יידן. מיינע אייגענע עלטערן. שוועסטער און ברודער. זקנים און קינדער. דאָס האָבן דאָך אָט די לאָטרעס גענומען אַן אַקטיוון אָנטייל אין זייער פּיין און טויט. זאָל איך, הייסט עס... איך, זיך ווידער קלאַמערן אין „מענטשלעכקייט״, וואָס איז זיכער נישט מער, ווי אַן אויסדרוק פון שוואַכקייט? אַזאַ באַגריף האָט, ווייזט אויס, קיינמאָל נישט עקזיסטירט און וועט נישט עקזיסטירן כל זמן דאָס רעכט צום לעבן האָט בלויז דער שטאַרקערער. פאַרוואָס האָט מיין מוח אויסגעפאַנטאַזירט אַזאַ באַגריף און איינגענעסט אין מיין וועזן אָט די אומגעלומפּערטע געפילן?...

מיט אַן אָנגעלאָדענעם רעוואָלווער אין האַנט און אונטערהינקענדיק עט־וואָס אויף מיין פוס, האָב איך מאַרשירט אין דער באַגלייטונג פון סערגייען, סאַשקען און נאָך אייניקע פּאַרטיזאַנער און פּאַרטיזאַנערינס, צום „עקזעקוציע״ פּלאַץ, וווּ איך האָב אין אַ פּאָר מינוט אַרום געדאַרפט אַ סוף מאַכן צו צוויי

יונגע לעבנס פון די צוויי געפייניקטע באַנדעראָווצעס.

דעם גאַנצן וועג האָב איך געזען פאַר זיך דאָס געשטאַלט, וואָס האָט זיך אויפגעהויבן צו מיר פון פאַר אַ קוסט, נאָך דעם, ווי ער האָט אויסגע־שאָסן אין מיר און די קויל האָט צו מיין גליק, בלויז געטראָפן אין פוס. זיכער זענען אָט די צוויי באַנדעראָווצעס, וואָס שטייען דאָרט צוגעבונדענע צו די בוימער, שטאַרק ענלעך צו יענעם באַנדיט, וואָס האָט געוואָלט אָוועק־נעמען מיין לעבן, נאָר איך האָב עס באַוויזן צו טון פריער.

און אַז איך האָב אַזוי געשפּינט מיינע געדאַנקען, איז אויך אויס־געוואַקסן פאַר מיינע אויגן פאַוועלס געשטאַלט. צי זענען אָט די אַלע נישט ענלעך איינער צום אַנדערן? פאַוועל און יענער פויער אין וואַלד, מיט דער האַק, וואָס האָט אין נאָמען פון גאָט, זיין גייסט און זיין הייליק־געקריי־ציקטן זון — געקרייציקט דאָס יינגל דאָרט, צוליב אַ פאַר שטיוול? זאָג, דוניאַ, האָסטו נאָך אַלץ נישט קיין גרונט צו פילן זיך באַרעכטיקט צו דעם, וואָס דו גייסט טון?

— וועסט באַלד אָנקוקן די פּרצופים! — זאָגט צו מיר סערגיי, גייענדיק ביי מיין זייט אַ האַפּערדיקער — האָסט אַ גרויסן זכות, דוניאַ, וואָס דיר איז איבערגעגעבן געוואָרן דער דאָזיקער כבוד אָוועקצולייגן זיי, די היני־טישע זין!

איך ענטפער נישט. טו בלויז געקינצלט אַ שמייכל. דאָס שניירל געדאַנ־קען „פאַר" און „קעגן" ווערן איבערגעריסן. „באמת אַ גרויסער זכות!..."

נאָך פון דער ווייטנס האָב איך דערזען אַ מענגע פאַרטיזאַנער, וואָס זענען ביי אַ פונאַנדערגעלייגטן קאָסטיאָר געשטאַנען און הויך, אויף אַ קול, גערעדט צווישן זיך און געלאַכט. דער רויך האָט זיך צעלייגט איבער די פאַר־שנייטע צווייגלעך, וואָס האָבן אידיליש, ווי כאַינקעס אין דער וויגיליע־נאַכט, געדרימלט אין ווייררוך...

— אָט דאָ זענען זיי! — זאָגט צו מיר סערגיי, בעת מיר דערנענטערן זיך צו דעם געווימל פאַרטיזאַנער.

— ראַזאָידיס! סמירנאָ! — אַלע פאַרטיזאַנער באַגריסן מיך פריינדלעך — אָט גייט אונדזער העלדין! דוניאַ! זי וועט באַלד באַווייזן, ווי גוט זי קען צילן!...

מיינע אויגן זענען געווענדעט צו צוויי צוגעבונדענע יונגע מענער. וואָס מאַכן דעם איינדרוק פון געקרייציקטע, פון „קרוצעפיקסן". זייער יונגער עלטער וואַרפט זיך אין די אויגן, הגם זייערע פנימער זענען פאַר־בלוטיקט. די טשופרינעס אַראָפּגעהאָנגען איבער די שטערנס, די רובאַכעס

צעכראסטעט, פון וועלכע עס זעען זיך זייערע גלאטע, כמעט נאָך ייִנגלשע ברוסט. זייערע קעפּ זענען אַראָפּגעלאָזן. דוכט זיך, זיי זענען פאַרחלשט...

איך דערנענטער זיך נאָך אַ פּאָר מעטער און בלייב שטיין. איך דאַרף אפשר עפּעס זאָגן. אַלנפאַלס וואַרטן דערויף די פאַרטיזאַנער. זיי זענען דורשטיק נאָך נקמה. פאַרטיזאַנער בלוט טאָר נישט זיין הפקר!

— זעסט, דוניאַ, זיי שעמען זיך אויפהייבן זייערע אויגן, אָט די סוואָלאָטשעס! — דערהערט זיך סערגייס שטים — אָבער, אַז זיי כאַפּן אַ פּאַרטיזאַנער נעמען זיי אים אַרויס די אויגן, שניידן אָפּ די אויערן און איזדעקעווען זיך איבער אים, ווי ווילדע חיות.

— טפוי, פּאַסקודנע פּאַשיסטן! — טוט עמיץ אַ פעסטן שפּיי אויף זיי. די צוויי צוגעבונדענע איז אַלצאיינס. איך האָב דעם איינדרוק, אַז במילא וועל איך שיסן טויטע, מאַכטלאָזע קערפּער. עס האָט באמת נישט קיין זין און קיין גרויסער זכות קען שוין דאָ געוויס נישט זיין...

אין דער רגע, ווען איך שטרעק אויס דעם רעוואָלווער, הויבט איינער פון זיי אויף זיינע אויגן. פאַרגאָסענע מיט בלוט. זיי פּרעסן זיך איין אין מיר און שפּיזן מיך אַדורך. עס הויבט מיר אָן טונקלען פאַר די אויגן... ווו... ווו האָב איך געזען אָט די דאָזיקע אויגן? דעם דאָזיקן געזיכט? הויכן שטערן? טשופּרינע? איך קען זיך אין דער רגע נישט דערמאָנען. באַלד... באַלד.. צי שוין זשע...

ווי אַ שניט פון אַ חלף, אָדער אַ בליץ וואָלט צעשפּאָלטן פּלוצים מיין מוח. איך נעם פיבערן אויפן גאַנצן קערפּער. די צוויי געקרייציקטע באַקומען משונהדיקע געשטאַלטן. פאַרדאָפּלטע, פאַרדרייפאַכטע פּנימער. עס פאַלט דער הימל אויף מיר. אין קאָפּ רוישט אַ וואַסערפאַל. בערג מיט פּאַרשנייטע בוימער טאַנצן אין אַ קאַראַהאָד. דאָס האַרץ נאָגט. גרויסע אומגעלומפּערטע רעדער דרייען זיך פאַר די אויגן. די פיס זעצן זיך אונטער מיין קערפּער. וואָס קומט פאָר מיט מיר? איז עס אַ האַלוציגאַציע? אַ בייזער חלום? — ניין, ניין. עס איז נישט קיין חלום. עס איז נישט! הלוואי וואָלט עס בעסער געווען אַ חלום! איך ווייס עס! איך פיל עס!...

מיטאַמאָל טוט זיך אַליץ א האַסטיקן דריי פאַר מיינע אויגן. דער רע־וואָלווער פאַלט אַרויס פון מיין האַנט און אויך איך... איך טו אַ פאַל אויף דער ערד און פאַרליר דעם באַוווסטזיין...

ווען איך בין געקומען צו זיך, האָב איך זיך דערזען ליגן נעבן מיין קאָיבאַש און אַרום מיר זענען געשטאַנען די פּאַרטיזאַנער.

— וואָס איז געשען מיט דיר, דוניאַ? — האָט דער קאָמאַנדיר סערגיי איוואַנאָוויטש געפרעגט — איז דיין וווּנד ווירקלעך אַזוי ערנסט?

— יאָ, סערגיי... זייער ערנסט... — האָב איך געזאָגט דורך טרערן.

אַלע פּאַרטיזאַנער און פּאַרטיזאַנערינס האָבן מיך אָנגעקוקט מיט דער־שטוינטע בליקן. זיי זענען נישט געוווינט צו זען טרערן אין די אויגן פון אַ פּאַרטיזאַנער. „מאָסקווע גלייבט נישט אין קיין טרערן", בפרט אין אונ־דזערע באַדינגונגען. די גרעסטע שוואַכלינגען זענען דאָ פאַרוואַנדלט געוואָרן אין העלדן און דאָס לעבן האָט דאָ אַזוי פיל די ווערדע, אויף וויפל דער טויט איז נישט שולט איבער אים. ווער נאָך, ווי איך, די העלדישע דוניאַ, דאַרף עס פאַרשטיין.

— ניין, דוניאַ, דאָ האַנדלט זיך נישט וועגן דיין וווּנד. — האָט סאַשקאַ געזאָגט, זיצנדיק ביי מיין צווייטער זייט — איך ווייס, אַז דיין וווּנד איז נישט אַזוי ערנסט.

— איך האָב נאָך אַ וווּנד — אין האַרצן. — האָב איך געזאָגט אָפּנהאַרציק, וויסנדיק, אַז איך האָב מער נישט קיין אויסוועג, איך זאָל קענען פאַרבאָרגן פאַר די חברים די אמתע סיבות פון מיין אומבאַהאָלפנקייט. די פּאַרטיזאַנער האָבן מיך אָנגעקוקט. זיי האָבן מיך געגנומען באַשיטן מיט פראַגן וועגן באַדייט פון מיינע ווערטער און פאַרוואָס איך וויין.

— חברים! — האָב איך געזאָגט, אָננעמענדיק זיך מיט מוט — איינער פון די באַנדעראָווצעס איז... מיינער אַ זון! מיין אייגענער זון!..

מער האָב איך גאָרנישט געקענט אַרויסברענגען פון מיין קעל, וואָס איז פאַרגאָסן געוואָרן מיט טרערן, וועלכע איך האָב געפּרוווט דערשטיקן.

— דיין... דיין זון? דיין אייגענער זון? — האָבן אַלע פּאַרטיזאַנער אויסגעשריגן כמעט אין כאָר, — ווי אַזוי? וואָס? ווען? מאַכסט אַ שפּאַס פון אונדז? דו־ניאַ!?

— זאָג בעסער גלייך, אַז דו האָסט נישט געהאַט קיין מוט צו דערשיסן זיי! — איז סערגיי צוגעשטאַנען צו מיר — וואָרום... וואָרום ווי קען מען דען אַנדערש פאַרשטיין, אַז דו... דו ביסט דאָך גאָר אַ יידישקע, טאָ ווי קומט צו דיר אַ זון, אַן אוקראַאינער, דערצו נאָך אַ באַנדעראָוויעץ?!

— חברים, אַז איך וועל אייך דערציילן מיין לעבנס־געשיכטע, וועט איר אַליין אורטיילן. איך האָב עס ביז איצט נישט געקענט טון צוליב אַ סך סיבות. איך האָב זיך נישט געריכט, אַז ער, מיין זון, מיקאָלאַי, זאָל ווערן אַ באַנדעראָוויעץ. ניין, אויף אַזעלכעס האָב איך זיך נישט געריכט. אַ, וועלכער אומגליקלעכער צופאַל פון גורל. איצט בעט איך אייך: לאָזט מיך

אַליין! איך וויל אויפקלייבן מיינע געדאַנקען, קומען צו זיך! לאָזט מיך!!!

די פּאַרטיזאַנער האָבן מיך איבערגעלאָזט מיט זיך אַליין און ליגנדיק אין קאַיבאַש, אינגאַנצן אַן איינגעבראָכענע, האָב איך נישט אויפגעהערט טראַכטן וועגן דעם דאָזיקן צופאַל. מיין איינציקער פאַרלאַנג איז איצט געווען צו רעדן מיט אים. און נישט נאָר רעדן, נאָר ראַטעווען אים פון טויט. אפשר וועט מיר געלונגען איבערצוצייגן מיינע חברים, נאָך דעם, ווי איך וועל זיי דערציילן דעם גאַנצן אמת. מיקאָלאַי איז נאָך יונג. ער האָט זיך זיכער געלאָזט איבעררעדן פון זיינע חברים. ער איז אומשולדיק... אומשולדיק... אומשולדיק...

נאָך דעם, ווי איך האָב פאַר די פּאַרטיזאַנער דערציילט וועגן מיין ליבע מיט פאַוועלן און מיין נקמה אין אים, זענען זיי אַלע דערשטוינט געוואָרן.

— אומגלויבלעך — האָט געזאָגט די פּאַרטיזאַנערין זשעניאַ, אַ פרוי פון עטלעכע און צוואַנציק יאָר, וואָס האָט געדינט אין דער איינהייט אַלס „קראַנקן־שוועסטער" — די מאַמע אַ פּאַרטיזאַנערין, אַ העלדין און דער זון — אַ באַנדעראָוויעץ, אַן אויסוואורף!

— אַ פאַשיסט! — האָבן אונטערגעכאַפּט עטלעכע שטימען — וואָס טוט מען מיט אים איצט?

— איבערדערציִען!... — האָט עמיץ פאַרגעלייגט האַלב אין שפּאַס.

— קיין דערציִאונגס־אַנשטאַלטן זענען ביי אונדז נישטאָ אין וואַלד.

— מען קען זיך מיט אַזעלכע דאָ נישט שפּילן און פאַרלאָזן זיך אויף אַזאַ איינעם, קען מען געוויס נישט... — האָט נאָך עמיץ זיך אַריינגעמישט מיט ערנסט.

— אַפילו אויב ער וואָלט געשטאַנען אונטער דער אויפזיכט פון זיין מאַמע, וואָס וואָלט געדאַרפט ווערן זיין ניאַנקע... — האָט זיך אָפּגערופן אַ נידעריק־וווּקסיקער פּאַרטיזאַן, מיט ברייטע פּלייצעס, וועלכן אַלע האָבן גערופן „קאַטשקאַ". (דעם דאָזיקן צונאָמען האָט ער זיך פאַרדינט, ווייל ער איז געווען אַ ספּעציאַליסט צו גנבענען קאַטשקעס פון די כוטאָרעס און זיי ברענגען מיט אָפּגעדרייטע קעפּ, כדי זיי זאָלן נישט שרייען בעתן גנבענען זיי פון די שטאַלן).

— וואָס זאָגסטו, גינטער? — האָבן זיך געווענדעט מיט אַ שמייכל, אייניקע פּאַרטיזאַנער צום טעלמאַנטשיק גינטער שיידמייער.

— קאַפּוט! — האָט גינטער אַ ווייז געטון מיט אַ מעסער־פיר איבערן

האָלדז — אָבער... דוניאַ... זי איז דאָך בראַוו... איר זון?... דאַנבער וועט־טער!... נישט זאָ איינפאַך!...

אַלע האָבן זיך צעלאַכט, ביז סערגיי האָט אויסגערופן האַרט:

— חברים! דער ענין איז צו ערנסט, אַז מיר זאָלן אים פאַרוואַנדלען אין אַ שפּאַס, אָדער נעמען אַזוי לייכטזיניק, ווי איר מיינט. מען וועט דאַרפן זיך באַראַטן וועגן דעם. דאָס איז ווירקלעך אַן אויסטערלישער פאַל.

— חברים! — האָב איך זיך ווידער אָפּגערופן, איצט אַן טרערן, ווי דאָס וואָלט זיך נישט געהאַנדלט וועגן מיינעם אַ זון, — איר ווייסט אַליין דעם אורטייל, וואָס איך האָב אַרויסגעטראָגן, אָבער... דאָס איז דאָך פאָרט מיין זון. אייגן בלוט... איר פאַרשטייט?... איך האָב אים געבוירן, דערצויגן...

— עך, מיט אַזאַ דערציאונג!... — האָט עמיץ אַריינגעזאָגט און פאַר־רויכערט אַ פּאַפּיראָס. — יעדן קומט לויט זיינע מעשים און פאַרטיק!...

— נישט אַזוי פּשוט — האָט זיך אָפּגערופן שורא די „ראַדיסטין” — האָסט נאָך נישט געפּרוווט האָבן געפילן פון אַ מאַמע...

— גוט. מיר וועלן דעם ענין באַהאַנדלען. — האָט סערגיי געזאָגט נאָך ערנסטער — לאָמיר דוניען איצט לאָזן צו רו. אלע האָט איר דאָ אויסגעהערט איר לעבנס־געשיכטע. עס איז נישט אַזוי פּשוט... גאָרנישט פּשוט...

און ווידער בין איך געבליבן אַליין אין מיין קאַיבאַש און הונדערטער און הונדערטער מאָל געטראַכט ווי אַזוי צו ראַטעווען מיקאָלאַיען, מיין זון, מיין פאַרבלאָנדזשעטן זון, וואָס האָט זיך געלאָזט איבעררעדן פון זיינע חברים און וועמענס לעבן ליגט איצט אויפן וואָגשאָל.

איך האָב באַשלאָסן גיין רעדן מיט אים. איך האָב געוואָלט אים שטראָפן, זידלען. נאָ, זע, וואָס עס קומט אַרויס, ווען מען פאָלגט נישט אַ מאַמע, ווען מען האָט נישט קיין שכל, ווען... ווען... איך האָב אַליין נישט געוווסט, וועמען און וואָס זאָל איך באַשולדיקן. איך האָב נאָר געוואָלט רעדן מיט אים. זיך אויספרעגן, וואָס עס הערט זיך אין דער גאַיוווקע. וואָס מאַכט יורעק. דער זיידע אַלעקסיי, מאַריאַ און בכלל... איך האָב געוואָלט אים ברענגען עפּעס עסן, אַרומוואַשן פון בלוט זיין פּנים, ווי דעמאָלט, ווי אַמאָל, ווען ער האָט זיך צעשלאָגן מיט מיכאלן, מיט יאַנקעלן.

— אָרעמער זון מיינער, ווי ווייט דו ביסט אַוועק!... ווי ווייט!...

און ווידער האָב איך דורכגעפיבערט לאַנגע שעהן. נישט געהאַט די מוט גיין צום בוים, ווו ער איז געשטאַנען צוגעבונדן און אָנקוקן זיין שרעקלעכן אויסזען. צי ווייס ער, אַז דאָס בין איך? האָט ער מיך דערקענט? וואָס דענקט ער? ער איז דאָך מסתמא זיכער געווען, אַז איך בין טויט! ווייס ער,

אַז איך האָב דערשאָסן זיין טאַטן? ווער ער עס מיר מוחל זיין? ווער ער אַננעמען מיין ברויט, וואָס איך וועל אים דערלאַנגען? ווער ער זיך איבערצייגן, אַז דער וועג, וואָס ער האָט אויסגעקליבן, איז אַ פאַלשער?

☆

אין דער זעלבער צייט, ווען איך האָב געטראַכט און זיך איבערגעלייגט, האָב איך נישט געוווּסט, אַז די פּאַרטיזאַנער האָבן צווישן זיך אָפּגעהאַלטן באַראַטונגען, וואָס מען זאָל טון מיט אים. סערגיי האָט פאָרגעלייגט אָפּשטימען, ווי עס פירט זיך אין אַ „דעמאָקראַטישן רעזשים", ווי מען איז עס געוווינט אין ראַטנפאַרבאַנד. פאַר דעם איז פאָרגעקומען אַ קורצע דיסקוסיע און אויך איך בין פאַרדעכטיקט געוואָרן אין מעגלעכן פאַראַט, אויב איך האָב ביז איצט נישט מודה געווען, אַז איך האָב אַזאַ זון. די מערהייט שטימען זענען געפאַלן:

— דערשיסן!!!

מיט די לעצטע כוחות האָב איך מיטן שאַריענדיקן פאַרטאָג זיך אַרויסגעלאָזט פון מיין קאַיבאַש אין דער ריכטונג צו די בוימער. איך בין געווען זיכער, אַז קיין שום דעציזיע ווערט בנוגע מיין זון אָן מיין וויסן, נישט אָנגענומען ווערן. אָנשטאָט אַ רעוואָלווער, האָב איך איצט געטראָגן אַ שטיק ברויט. מיין זון איז דאָך הונגעריק. איך וועל באַשטיין דערויף, אַז ער זאָל פונאַנדערגעבונדן ווערן און דערווייל פאַרבלייבן אונטער אַ וואַך. ער זאָל באַהאַנדלט און טראַקטירט ווערן, ווי אַ געפאַנגענער אין אַ רעגולערן קריג, אָבער נישט ווי מען באַגייט זיך מיט די באַנדעראַ־באַנדעס.

פּלוצים האָב איך דערהערט עטלעכע שאָסן און האָב אויפגעציטערט. איך האָב גענומען לויפן מיט אַלע כוחות. איך האָב זיך עטלעכע מאָל פאַרטשעפּעט מיט מיין קראַנקן פוס, געפאַלן, זיך אויפגעהויבן און ווידער געלאָפן.

מיט איבערמענטשלעכע כוחות בין איך דערלאָפן ביז צו די בוימער. אויף דער ערד האָב איך דערזעןביידע יונגע באַנדעראָווצעס באַגאָסענע מיט בלוט.

איך האָב אַרויסגעלאָזט אַ שרעקלעכן געשריי. אַלץ האָט זיך אַ וואַקל געטון אין מיר. איך בין אַ פאַל געטון אויף זיין טויטן קערפּער און ווילד געשריגן:

— מיקאָלאַי! מיקאָלאַי! דאָס איז דאָך מיין אייגן בלוט! מיין אייגן פלייש און בלוט!...

קיינער פון די פּאַרטיזאַנער האָט מיר נישט געענטפערט. בלויז דער עכאָ פון וואַלד האָט ווילד נאָכגעשריגן:

— בלוט! בלוטטט! בלוטטטטטטטט! — — — —

## א מזוזה אויף א פרעמדער טיר

די טעג און נעכט פון וואָגל און קאַמף, פון אומאויפהערלעכן אַריבער־וואַנדערן פון אָרט צו אָרט, כדי זיך נישט אָנטרעפן אויף גרעסערע גרופּעס באַנדעראָוועצעס און דייטשן, האָבן קוים געקענט פאַרווישן אין מיין האַרצן דאָס שוידערלעכע בילד, ווען איך האָב מיט מיינע אייגענע אויגן געזען דעם טויט פון מיין זון, פון מיין מיקאָלאַיען. דעם באַנדעראָוויעץ מיקאָלאַי ליאַסקאָוויטש, דורך וועלכן איך בין פאַרוואונדעט געוואָרן.

איך, איך און נישט קיין אַנדערער האָט דאָך אַרויסגעטראָגן אויף אים דעם טויט־אורטייל! ווי שוידערלעך דאָס איז! איך די מוטער פון מיין עלטסטן זון האָב דאָך אַליין באַפוילן: שיסן ווי אַ הונט!!!

ביינאַכט אויפן שטרוי־געלעגער אין „קאַיבאַש”, אָדער בעתן גיין אויספירן אַן אויפגאַבע, איז פון מיינע אויגן נישט אַפּגעטראָטן דאָס פאַר־בלוטיקטע געזיכט פון מיין זון. איך האָב זיך פאַרגעוואָרפן הלמאי איך האָב אים נישט געראַטעוועט. איך האָב געדאַרפט נאָך יענע נאַכט, נישט געקוקט אויף מיין פאַרוואונדעטן פוס, זיך אַרויסשאַרן פון „קאַיבאַש” און אים באַפרייען פון די שטריק. מיין מוטעריש האַרץ האָט געוויינטאַקט. ווי פאַרהאַרטעוועט עס איז נישט געווען מיין כאַראַקטער פונעם וואַלד־לעבן — האָב איך זיך דאָך נישט געפונען קיין רו און טרייסט.

די צייט איז אָבער נישט געשטאַנען אויף איין אָרט און די גע־שעענישן האָבן נישט אויפגעהערט פאַרלויפן דעם רועג, אַזוי, אַז עס זענען געווען מינוטן ווען איך האָב אַ ווײַלע פאַרגעסן דעם טויט פון מיין זון, אָבער בלויז אויף אַ ווײַלע און די דערמאַנונג האָט זיך ווידער שווער און פּיינלעך געלייגט אויפן געמיט. די פּאַרטיזאַנער און באַזונדערס די פּאַרטיזאַנערינס, האָבן עס פאַרשטאַנען. זיי האָבן נישט איינמאָל מיך גע־פּרווט טרייסטן:

— אַט אַזוי איז עס, דוניאַ. האָסט ריכטיק דאָך אַליין געזאָגט: גאָט לעבט נישט אין וואַלד. דאָס לעבן פון אַ מענטש, מעג עס זיין פון אַן

אייגן קינד, האָט דאָ נישט קיין ווערדע. זעסט אַליין וויפל מענטשן עס פאַלן יעדן טאָג.

יאָ, איך האָב עס געזען. מען האָט עס מיר נישט געדאַרפט אויפקלערן. איך האָב עס גוט פאַרשטאַנען, אָבער דאָס האָט מיך ווייניק געטרייסט. איך האָב אויסגעמיטן רעדן מיטן קאָמאַנדיר סערגיי איוואַנאָוויטש. בלויז פאַר זאשקען, דער קראַנקן־שוועסטער פון דער אייגנהייט האָב איך זיך אָפּט אַראָפּ־געריט פון האַרצן. זאשקע האָט פאַר מיר געהאַט בלויז איין טרייסט־געדאַנק. אַ וויטאָגדיקע טרייסט:

— דוניעטשקאָ, דאָס לעבן איז אכזריותדיק. אָט האָסטו דאָך אַליין דער־ציילט ווי אַזוי דו האָסט דערהרגעט דיין פאַרעטערישן מאַן מיט וועלכן דו האָסט חתונה געהאַט אויס ליבע און אפילו זיך נישט גערעכנט מיט די עלטערן דיינע. דער עיקר וואָלט זיך שוין פאַרענדיקט די מלחמה און מען זאָל אַרויס אויף דער פריי. עך — האָבן זאשקעס אויגן זיך צעבליט — וועט מען עס אַ לעב טאָן, טשארט וואזמי!

— יאָ, ווער עס וועט אַ לעב טאָן און ווער עס וועט...

— דאָך — — — —

יעדער טאָג האָט אָנגעזאָגט, אַז די באַפרייאונג דערנענטערט זיך. די פרייד אין פאַרטיזאַנער־לאַגער איז געווען גרויס .די דייטשע אַרמייען זענען צעשלאָגן און די רויטע אַרמיי דערנענטערט זיך צו די געוועזענע פּוילישע געביטן. די טעראָר־אַקטן קעגן די אָפּטרעטנדיקע דייטשע צעשלאָגענע אַרמייען האָבן זיך פאַרשטאַרקט און די שמחה איז געווען אין לשער.

דער וואַלד האָט זיך צעשמעקט און צעבליט מיט פרילינג. פון אונטער די צעגאַנגענע שנייען האָבן זיך באַוויזן „לאָטאָט״־בלימלעך און בוים און קוסט האָבן זיך צעעפנט מיט בליאונג. אפילו די חיהלעך פון וואַלד זענען דוכט זיך פריילעכער געוואָרן, אויפגעהערט זיך אַזוי שרעקן פאַר די מענטשן, וואָס פירן אויך אַ היהשן שטייגער־לעבן...

שווער צו שילדערן מיט ווערטער יענעם טאָג, ווען די פאַרטיזאַנער האָבן פאַרלאָזט די וועלדער און זענען מאָביליזירט געוואָרן אין דער רעגולערער רוסישער אַרמיי, יאָגנדיק די דייטשן אַלץ פאַרויס און פאָרויס ביז וואַרשע און פון דאָרט אויף בערלין.

איך בין נישט מיטגעגאַנגען, הגם טיף אין מיין האַרץ און נשמה בין איך מיטגעריסן געוואָרן מיט זיי אין הייסן דראַנג צו נעמען נקמה פאַר די פיל ליידן, וואָס די דייטשע בעסטיע האָט גורם געווען צו מיליאָנען אומשול-

דיקע מענטשן און מיר בתוכם. מיך האָט געצויגן צו מיין היים: עס האָט זיך מיר געבענקט צו מיין איינציק-פאַרבליבענעם קינד, צו יורעקן. איך האָב געגאַרט אַ קוק טון אויף דער גאַיוווקע, ווו איך האָב געלעבט אַזויפיל יאָרן און אויסגעבויט אַ רואיקע נעסט פון וועלכער מיין „געליבטער" פּאַוועל האָט מיך אַרויסגעריסן און איבערגעגעבן צו דער געשטאַפּאָ כדי פּטור צו ווערן פון דער „זשידוווקע"...

נאָך מער האָט זיך מיר פאַרבענקט צו זען מיין טאַטנס היים, די שטוב, ווו איך בין געבוירן געוואָרן. דאָס דאָרף רעטשיצע, ווו איך האָב מיין קינד-הייט פאַרבראַכט, ווידער באַטרעטן די זעלבע סטעזשקעס און וועגן דורך וועלכע איך בין געגאַנגען צו דער שטאָט ג., כדי זיך לערנען — צו וואָס מיך האָט אַזוי געצויגן.

נישט געקוקט דערויף, וואָס איך האָב כמעט מיט די אייגענע אויגן געזען און נאָך מער געפילט דעם טויט פון מיין מאַמע-טאַטע, שוועסטער און ברודער, האָב איך דאָך טיף אין האַרצן זיך געטרייסט, אַז אפשר איז עמיץ פון זיי געבליבן לעבן. אפשר דורך אַ נס זיך געראַטעוועט, פּונקט ווי איך. נאָר דער גורל האָט אונדז נישט געקענט צוזאַמענפירן.

איך האָב אויף קיין רגע נישט געוואָלט גלויבן, אַז איך האָב נישט מער צו וועמען צו גיין. ניין, דאָס קען נישט זיין! די מלחמה האָט זיך פאַרענדיקט! אָט בין איך דאָך געבליבן לעבן! איך לעב! טאָ פאַרוואָס לעבן נישט אויך מיינע עלטערן? מיין שוועסטערל גיטעלע? מיין ברודערל הערשעלע? — היינט וועלן זיי מיר זיכער מוחל זיין אַלע זינד. מיר, דער געשמדטער טאָכטער און שוועסטער, וועלכע האָט זיי דעמאָלט פאַרשאַפט אַזוי פיל חרפּת פּנים...

ווען איך בין יענעם טאָג אַרויס פון וואַלד אין מיינע אָפּגעטראָגענע וואַלד-קליידער און דערזען די צעגרינטע לאַנקעס, האָט מיין האַרץ אַזוי שטאַרק אַ זעץ געטאָן, אַז איך האָב געמוזט זיך אָוועקזעצן, כדי איבערכאַפּן דעם אָטעם. איך בין געווען צערודערט. איך האָב זיך זעלבסט נישט גע-גלויבט. איך בין געווען שיכור. איז עס ריכטיק, בין איך ווידער פריי? קען איצט ווירקלעך גיין ווו איך וויל? אָן מורא און פּחד? קאָן עס זיין? דאַרף איך זיך מער נישט שרעקן פאַר אָן אָפּעגעם פעלד? גאָט, ווי שיין די וועלט איז! וועלכע ברייט-אומענדלעכע לאַנקעס און פעלדער! וועלכע וואַרעמע זונען-שטראַלן?! — — —

עס האָט זיך געגלוסט אַרומנעמען די גאַנצע וועלט און פריידיק וויינען. אָט דאָרט אויפן האָריזאָנט סילואירן זיך ישובים און עס פּאַשען זיך

טשערעדעס. דער גאַנצער שטח איז באַדעקט מיט אַ גרינעם טעפּיך און בלימלעך — געלע, בלויע, ווינקענדיקע אַזעלכע, אַז עס צעשפּאַרט אַזש די ברוסט. אַזוי פיל גליק צו וועלכן איך האָב נישט געהאַט קיין שליטה!... אַזוי פיל צוויטן, גרינס, בליאונג, וואָס איך האָב אַזוי ליב געהאַט פון מיין קינדוויַיז אָן!...

איך האָב זיך אויפגעהויבן פון צעגרינטן בערגל אויף וועלכן איך בין געבליבן זיצן און נישט געוווסט ווו זיך ווייטער צו קערן. אַלץ זעט אויס אַזוי פרעמד און היימיש גלייכצייטיק. אַפשרעקנדיק און אומעטיק, פול מיט נישט אויסגעלעבטער בענקשאַפט, האַרץ-נאַגונג. אומרו און אומגלויבלעכ-קייט!

איך האָב גענומען גיין נישט אַפּגעבנדיק זיך נאָך אַלץ קיין רעכענונג. וווהין איך זאָל גיין. איך האָב זיך אַפילו שוואַך אָריענטירט ווו איך געפין זיך. צוליב די איבערוואַנדערונגען בין איך איצט ווייט געוועזן פון מיין אייגענער היים. איך מוז עמיצן אַנטרעפן, אפשר אַ פּאַסטוכל, כדי פרעגן ווו איך געפין זיך און אין וועלכער ריכטונג איך זאָל גיין, כדי אָנקומען צו מיין אַלטער היים, צו מיין טאַטנס שטוב. דאָרט אַהין האָט מיך געצויגן איצט מיט טויזנטער כישוף-שטריק. אַהין, צו דער אַלטער מאַמע, צום אומשולדיקן טאַטן, צו מיין פאַרזעסענער שוועסטערל גיטעלע און צום גמרא-לערנער הערשעלע. אַהין... אַהין צו זיי! צו זיי!...

איך בין געשטאַנען אויף פרשת דרכים און זיך איינגעקוקט אין דער וויַיטקייט. די זון איז נאָך געווען הויך. נישט ווייט האָט זיך געשפּרייט אַ שליאַך און פויערישע פורלעך האָבן געצויגן אין אַן אומבאַקאַנטער ריכטונג. ווי אַמאָל בעת די יאַריד-טעג... תבואות האָבן געבליט און אַ מילד פרילינג-ווינטל האָט געשפּילט איבער די אומצייטיקע זאַנגען, ווי איבער גרינע האַרפּעס...

שטייענדיק אַזוי אין מיין צעטומלטער אומבאַהאָלפנקייט האָב איך באַ-מערקט אַ פּאַסטוכל טרייבן קי. אַ שיקסל מיט אַ ריטל אין האַנט האָט גע-טריבן געל־פּעדערדיקע גענדזעלעך — ערשט נישט לאַנג אויסגעפּיקטע פון די איי-שאָלן. אין אומענדלעכן רחבות האָט אַ שגץ זיך געיאָגט אין געצוואָל אויף אַ צעפּוזשעטן פערד. שאָף און חזירים האָבן צעשפּרייטע איבער די לאָנקעס געזוכט די גרין-אַפּגעוואַקסענע פּאַשע. און איבער אַלעם אַ צע-שטראַלטע זון, וואָס האָט ווי ס׳וואָלט גאַרנישט געשען — געשיקט אירע שטראַלן, געקושט זיך מיטן ליבן פרילינג. מיט דער אויפגעלעבטער נאַטור.

דערנענטערנדיק זיך צום שטעטל וו. וווהין איך בין אָנגעקומען מיט אַ פּויעריש פורל און אויך צופוס, האָט דאָס האַרץ אין מיר געגומען זעצן אַלץ האַסטיקער. איך האָב דערפילט, ווי די פיס זעצן זיך אונטער מיר, ווי איך וואָלט פלוצים אויפגעשטאַנען פון אַ קרענק...

אָט זענען שוין די ערשטע הייזער פון שטאָט. איך האָב דאָ געקענט כמעט יעדע גאַס. אַ, גאָט, ווי פאַרענדערט זעען איצט אויס די אַמאָליק־אידילישע גאַס־און־געסלעך! ווי אויסטערליש פרעמד. פרעמד און ווייטאָקדיק־היימיש.

מיט געברענטע טריט בין איך אַרויף אויפן ברייטן מאַרק. יידישער מאַרק. דאָ זענען אַמאָל פאָרגעקומען רוישיקע יארידן. דאָ זענען געשטאַנען יידישע סטאַראגאנעס פון וועלכע די יידן האָבן געצויגן זייער אָרעמע חיונה, געזאמלט גראָשן צו גראָשן — נדן פאַר טעכטער און פאַר דערציאונג פון קינדער אין יידישקייט.

פּוסט און אָפּגעלאָזן איז געלעגן דער ברייטער מאַרק. אַן אָפענער בית־הקברות. גרויע מויערן און הייזקעס מיט פאַרהאַקטע טיר און פענצטער. אַרויסגעריסענע זיילן צוזאמען מיט די מזוזות. צעברעקלטע שויבן דורך וועלכע עס האָבן געבעלמעט דער נאַקעטער ליים־איינגעווייד.

פאַר מיר זענען עס געוועזן טויט־לעבעדיקע שקעלעטן, וואָס האָבן אַרומגעקלאמערט מיין גאַנץ וועזן, ווי מיט אַנגעגליטע צוואַנגען. אָט דאָ... אָט דאָ האָט געוווינט אַ ייד! און דאָ נאָך אַ ייד!... און נאָך יידן — אָרעמע און רייכע. אַמאָל. ערשט דאָ נישט לאַנג. אָט דאָרט, פון דעם רויט־ציגלדיקן מויער האָט אַמאָל אַרויסגעשטראַלט יידישע פרייד. געווען דאָ איבער די פענצטער פרעכטיקע גארדינען פאַרפאַרהאַנגט מיט יידיש־טימלעכע צופרידנהייט און באַגנוגנונג. גאָטליב דער וואַלד־סוחר. איך ווייס. ווי הויך־מוטיק האָבן זיינע טעכטערלעך געטראָגן די קעפּ. און דאָ... און דאָ... אַ, דאָס איז דאָך שטיינמאַנס אַפּטייק. אַ קלייניקייט שטיינמאַנס אַפּטייק. זיין בן־יחיד, מיעטעק, האָט שטודירט אין דער „גרויסער וועלט". געוואָלט זיין אַ דאָקטאָר, היילן יידן און גויים פון דער קראַנקער וועלט..

אזוי טראַכט איך שטייענדיק א פאַרצווייפלטע אין מיטן מאַרק. איך ווייס נישט צי איך טראַכט בכלל. עס טראָגט מיך ווייטער. וווהין? — איך ווייס נישט. עס קומט מיר אנטקעגן אַן אויסטערלישע געביידע — די גרויסע שול. איך האָב קיינמאָל נישט געהאַט צו טון מיט איר. איך און די שול!... אַמאָל ווען מיר פלעגט אויסקומען צו פאַרבייגיין די שול פלעגן מיך דורכשפּיזן בליקן פון בלייכע און באַבערדיקטע פּנימער. באַטליתטע

געשטאַלטן. נאָך פון דערווייטנס האָבן מיך באַגלייט אַרויסגעשריגענע תפילות פאַר אויסגעטראַכטע „ועל הטא׳ס״, וואָס האָבן זיך צעלייגט העט ווייט איבער גאַס־און־געסל. דאָס איז געווען דעמלט, אין יענע טעג, ווען אונטער מיינע פויעריש־גויאישע קליידער האָט געשלאָגן דאָס יידישע האַרץ, וואָס קיינמאָל־קיינמאָל איז נישט פאַרענדערט געוואָרן...

ווו זענען יענע שפּיזיקע בליקן? יענע בלייכע פּנימער? איך בין איצט אַזוי נאָענט צו זיי, ווי קיינמאָל נישט! ווו זענען זיי? ווּעמען זענען זיי געווען עפּעס שולדיק? כ׳וואָלט איצט געוואָלט אַזוי הערן אַ קללה פון אַ יידישער מאַמע אויף מיין חשבון — אויפן חשבון פון דער משומדתטע. איך וואָלט אַזוי ווידער געוואָלט הערן די אויסגעשריגענע תפילות, אַנפּילן דאָס האַרץ מיט זייער פאַרצויגענעם ניגון. מיט הערשעלעס גמרא־ניגון און טאַטנס „שלא עשני גוי און שלא עשני אשה״ — ברכות פון אינדערפרי...

אָ, ווו זענען יענע טייערע מיידלעך און בחורים, מיט זייערע אייביק־פאַרבענקטע, נישט אויסגעלעבטע חלומות! מיט זייערע שטרעבונגען צו אַ וועלט פון אידעען, פון מענטש און סאָציאַליזם! און אויך איך... וואָס דען האָב איך געוואָלט? וואָס האָב איך פאַרלאַנגט? — ליבע! טאָלעראַנץ! קעגנזייטיקע פאַרשטענדעניש! ווּעמען האָבן אָט די יידישע איינוווינער פון אָט דעם שטעטל נישט טאָלערירט? ווּעמען? וויפל „זשיד״־זידלערייען און באַשפּיגענע חיונה! וואָס האָבן זיי נישט געטון כדי לעבן בשלום און אָפּטרעטן דעם וועג יעדן שיכור־גוי, גענבי ווי איך האָב אָפּגעטראָטן דעם וועג סעריאָזשען, וועלכער האָט טראָץ מיין גויאישקייט געזען אין מיר תמיד די זשידיווקע. ער און זיין אדארקא. קאַראָל און מאַריע. מאַריא און סטעפּאַ. און ווער נישט! ווער נישט?! אָ, הימלען! פינצטערע הימלען!!! —

אַ פאַריתומטע בין איך געשטאַנען איצט אינמיטן מאַרק מיט נישט דערוויינטע טרערן אין די אויגן און געזוכט דעם נעכטן, וואָס איז אַוועק אין דער פאַרפאַלגקייט און וועט מער קיינמאָל נישט קומען צוריק. זיך נישט אומקערן, ווי עס איז נישט מעגלעך צוריקקערן די יוגנט. מיינע בליקן האָבן געבלאָנדזשעט איבער דעם וויסטן אָרום. ביי הילצערנע געשטעלן פון ברעטער זענען געשטאַנען עטלעכע פויערטעס און געגנישטערט אין די אָנגעהויפטע שמאַטעס און אַ ביסל גרינצייג צום פאַרקויפן. רויט־אָרמייער מיט זאָרגלאָזע פּנימער, בלאָנד־האָריק הויך־אונטערגעשוירענע, האָבן נאָכלעסיק זיך אַרומגעדרייט, אַ נישטער־געטאָן אין דעם „באַראַכלאָ״ און געגאַנגען ווייטער.

איך בין צו צו איינעם פון די געשטעלן, צוגעקומען און געבליבן שטיין געפלעפט. מיין אויפמערקזאמקייט האָט געצויגן אַ שאַל אין פרענדזן. מיין מאַמעס שאַל! אַזוי ענלעך! אַלט־אָפּגעבליאַקעוועט. אָפּגעטראָגן. אַ ציטער איז אַדורך איבער מיינע אברים. רעשטלעך יידיש־אַנגערויבטע זאַכן, וואָס האָבן געשריגן מיט בלוט און קרעכץ. מאַמיש געקרעכץ: „דינה, קער זיך אום! קער זיך אום!" האָבן זיך צעקלינגען מאַמעס ווערטער אין מיינע אויערן. יאָ, מאַמע, איך האָב זיך אומגעקערט. דאַרפסט מיך מער נישט בעטן. איך האָב זיך צוריקגעקערט כדי... כדי מער קיינמאָל נישט אַוועק פון דיר. בלויז דו... דו וועסט מער קיינמאָל נישט קומען צו מיר. נישט קומען און נישט שעלטן מיין געביין, אַז איך זאָל אייביק קיי רו נישט געפינען... אייביק נישט!...

פאַר די אויגן האָט זיך דורכגעטראָגן דער מאַמעס געשטאַלט, דעם טאַטנס פעסט־געבויטע פיגור, לויטערער שטערן פון אן ערב־שבת. הערשעלעס ישיבה־בחורדיקע לומדות־אויגן. גיטעלעס פאַרשנורעוועטע באַטירלעך־רויטע ליפּעלעך, זיסער שמייכל. קינדעריש באַמאַלט מיט ספּעציפיש־יידישן חן. און אין דעם — מיקאַלאיס האָפּערדיקייט. יורעקס קינדיש־נאַיווער אַנשטעל און... און...

אַלץ האָט געטאַנצט פאַר מיינע אויגן אין אַ ווילסטן מכשפה־קאַראַהאָד. זיך געדרייט צוזאַמען מיט מיר אין אַ ווירבער, וואָס האָט מיך געטראָגן אויף פליגל פון דמיון און גרויער ווירקלעכקייט, ביז... ביז חלשות. איך האָב געוואָלט אַנטלויפן און נישט געקענט. פאַרוואָס קען איך נישט אַנטלויפן פון מאַרק, פאַרוואָס? ווי גאַר איך שטעל אַ טריט דערזע איך זיי מיטגיין מיט מיר, די באַבערדיקטע יידן און ווייבער. זיי האָבן זיך אַרומגעדרייט דאָ, צווישן די פויערישע וועגענער. געטאַפּט אין זיי, געזוכט עפּעס צו פאַרהאַנדלען. אַ ביסל חזיר־האָר. אַ ביסל תבואה. יאַגדעס, גריבעס, עופות און גענדז. וואָס עס זאָל נישט זיין — אַבי חיונה. חיונה...

איצט דאַרפן זיי גאָרנישט. אויך איך נישט. עס שטעכן בלויז די אויגן אָט די אָנגעהויפטע זאַכן, וואָס שמידן מיך צו, האַלטן געקאָוועט צום געשטעל ביי וועלכן עס שטייען די פויערטעס־סוחרטעס מיט די אָנגערויבטע רעשטלעך יידיש האָב און גוטס. פאַרשמאָלצענע מיט חלב־טישטוכער. געבלימלטע צודעקן. אָפּגעטראָגענע טכוירן־פוטערס מיט אַרונטערגעריסענע קאָלנערס. אַלט־צעריסענע אונטער־וועש. טשיפּיקעס באַבישע און ברילן מיט אַן אָפּגעבראָכן אויערל. גאָט! ווי קען איך זיך שיידן איצט מיט דעם? ווי! ווי! איך וואָלט געשריגן. געוויינט. ווער קען שרייען. ווער

קען וויינען. דאָס האַרץ איז פאַרשטיינערט. פאַרקלעמט. נישטאָ קיין טרערן אין די אויגן. אויסגעטריקנט.

איך גיי ווייטער. זוך דעם נעכטיקן טאָג און קען אים נישט געפינען. אך, ווי עס טוט באַנג! ווי עס נאָגט דאָס האַרץ. עס גלוסט זיך רעדן. פרעגן עמיצן צי זענען נאָך דאָ געבליבן יידן. עס גלוסט זיך הערן די יידישע שפּראַך. די שפּראַך, וואָס איז מער נישט געוווינט אויף מיין צונג, נאָר טריפט אין האַרצן, ווי אַן אָפענע וווּנד.

אין די אויערן רוישן אָפּגעבראָכענע קלאַנגען פון אַ ווייטער פאַרגאַנגענ־הייט, וואָס איז געוואָרן אַזוי נאָענט. ווי טענער פון אַ צעבראָכן פידל ביים פאַלן אויף אַ האַרטן שטיין. אַנטקעגן קומען מיר אַן פויערטעס אין ניי־שטאָפיקע קליידער. איבערגעניצעוועטע כלה־קליידער. גאָר נישט די זעלבע פויערטעס. נישט די זעלבע פויערים. פאַרקאָוועטע אין טיפן שווייגן. שווייגן, וואָס טייעט אָנגעהויפּטן סם, מורא פאַר אַ האַנט פון נקמה. טאָמער איז נאָך געבליבן אַ רעשטל פון אַ ייד, וואָס וועט קומען אויפמאָנען די אָפּגעגעבענע באַהאַלטענע זאַכן, אָדער דאָס צוגערויבטע האָב און גוטס. האָבן זיי דאָך מסתמא געהערט, אַז עס זענען נאָך געבליבן אַ פּאָר יידן, וואָס האָבן זיך אויסבאַהאַלטן אין וואַלד און בונקערס. זיי קענען נאָך חלילה קומען מאָנען פאַרן פאַרגאָסענעם בלוט. גאָט פון אברהם, יצחק און יעקב! גאָט פון נקמה! שטראָף זיי אָט די מערדער, וואָס האָבן פאַר אַ קילאָ צוקער פאַרקויפט אַ יידישן נפש צום שטן־דייטש! שטראָף זיי מיט גרימצאָרן! פאַרברען זייער האָב און גוטס! פאַרברען זיי צוזאַמען מיט דער פאַסקודנער, טריפהנער, רוצחישער וועלט! פאַרברען! פאַרברען! פאַרברען!!!...

מער האָב איך נישט געקענט אַרויסברענגען אויף מיינע ליפּן. דוכט זיך, אַז איך האָב אָט די ווערטער אויסגעשאָלטן הויך אויף אַ קול און אַ פאַרשעמטע פאַר זיך און פאַר מיין קללה געגאַנגען ווייטער. געגאַנגען און געזוכט. געזוכט אַ ייד, וואָס זאָל חשק האָבן אויסזידלען די משומדתטע און נישט אויסשפּייען דריי מאָל „שקץ תשקצנו כי תועבה היא"...

אנשטאָט אַזאַ ייד האָב איך אָנגעטראָפן אויסגעפּאַשעטע פּנימער. אויגן, וואָס האָבן מיך געשטאָכן. זיי זענען מיר אויסגעקומען רוצחיש. זייערע הענט פאַרבלוטיקט. די פיס, ווי חזיר־טלאָען. און אויף זיי, אויף אָט די פיס — יענעם ייגגלס שטיוול. איך וווּנדער זיך:

נישטאָ דאָ מער קיין פויערים אין פאַסטאַלעס. זיי זענען אַנדערש געוואָרן

אָט די פויערים און פויערטעס. זייער פויערישער האַריזאַנט — ברייטער... פאַרשטענדיקער... זיי באַוועגן זיך פויל איבער די איבערגעדרייטע גאַסן און געסלעך. די סטראַגאַנעס רואינירטע. ווי פאַרגעסענע קברים. און איך... בלויז איך איינע בין געקומען אַהער אויף קבר אבות... צו וועמען ?...

איך נעם זיך אָן מיט מוט און פאַרהאַלט אַ פויערטע:

— זענען דאָ נאָך פאַראַן ערגעץ יידן ?

— יידן ? — קוקט מיך אָן די פויערטע, באַטראַכטנדיק מיין הילוך — דוכט זיך, אז... יאָ, דאָרט... דאָרט אין איינעם פון די הייזער וווינען אַ פּאָר יידן.

מיט אַ קלאַפּנדיק האַרץ האָב איך זיך געלאָזט אין דער ריכטונג, וואָס די פויערטע האָט מיר אָנגעוויזן. איך בין געגאַנגען איבער חורבות, צעוואַלגערטע הייזער, שטיקער טינק און ליים, וואָס האָבן פאַרשאָטן דעם אַמאָליקן ברוק, שאָסיי און גאָס. ניין, דאָס זענען מער נישט געווען קיין גאַסן. אַלץ האָט אויסגעזען, ווי נאָך אַן ערדציטערניש. אויף שריט און טריט שפּורן פון דעם צעבאָמבירטן שטעטל, וואָס איז אַריבער פון האַנט צו האַנט בעת די קאַמפן, אָדער ווייל די דייטשע בעסטיעס האָבן עס חרוב געמאַכט פאַרן לעצטן צוריק־טריט.

שאָף, בהמות, הינט, ציגן און הינער האָבן אַרומגעשלאַנדרעט איבער די שרייענדיקע חורבות, געמיטלעך געשפּרייזט איבער די פרייע דורכגענג און געזוכט אַ דערנערונג. אַ פויערטע האָט נאָכגעיאָגט אַ קו פון צווישן די חורבות מיט אַ שטעקן אין האַנט. באַמערקנדיק מיך, האָט זי מיר צוגעוואָרפן אַ חידושדיקן בליק און ווייטער געטריבן די קו.

— היי — האָב איך אַ רוף געטאָן צו איר — ווייסטו אפשר וווּ וווינען דאָ יידן ? וואָס פאַר אַ גאַס איז עס געווען דאָ אַמאָל ?

די פויערטע איז געבליבן שטיין און נאָך מיט מער חידוש מיך אָנגעקוקט. אז זי האָט זיך דערנענטערט צו מיר האָט זי מיך באַטראַכט מיט בייזלעכע בליקן:

— עפּעס נישט קיין באַקאַנטע. ווער ביסטו אַזעלכע ?...

— איך בין אַ יידישקע! — האָב איך בכוונה אַקצענטירט דאָס וואָרט יידישקע.

— פון די וועלדער ? האַ ! ?...

— יאָ. פון די וועלדער !...

— האָך, טייערינקע... ביסט געבליבן לעבן הייסט עס... גוט, וואָס דו האָסט זיך געראַטעוועט... — איז די פויערטע גלייך ווייכער געוואָרן.

— יאָ, זייער גוט...

— מען האָט דאָך אַלע אַרויסגעפירט און דערשאָסן, בייזע גייסטער אַ־זעלכע... אַזויפיל צרות אָנגעמאַכט, אַזויפיל צרות — אַ שרעק!...

— אָבער דו לעבסט! — האָב איך אַ וואָרף געטאָן בייסיק — די הויפּט זאַך, אַז דו, דיין מאַן, דיינע קינדער און אַלע סוואַטעס, קומעס און קומאַשקעס דיינע לעבן!

די פּויערטע האָט אַראָפּגעלאָזן די אויגן. זי האָט פאַרשנורעוועט די ליפּן און געשוויגן. קענטיק, געוואָלט עפּעס זאָגן, אָבער באַשלאָסן בעסער זיך נישט אַריינלאָזן אין קיין געשפּרעך מיט אַזאַ איינער, ווי איך... צום סוף האָט זי צוגעגעבן:

— ביסט גאָרנישט ענלעך צו קיין זשידוווקע, ערן וואָרט... אַן אמתע פּויערטע, אַן אונדזעריקע, ערן וואָרט...

— יאָ, אַן אונדזעריקע!... — האָב איך געזאָגט מיט ווייטאָק און נישט ווילנדיק זענען איבער מיין מוח אַדורכגעלאָפן די ווערטער פון מאַריען, סטעפען, אַלעקסייען, קאַראָלן און סעריאָזשען: „אַן אונדזעריקע... אַן אונ־דזעריקע..."

ווי שרעקלעך ווײ-געטון האָבן מיר איצט די דאָזיקע ווערטער! ווי דער ברי פון שפּיזיק-אַנגעגליטע ריטער אין אַ וווּנד...

איך בין געגאַנגען ווייטער. דאָס האַרץ איז געווען פאַרקלעמט. איך בין געווען הונגעריק און מיד. כ׳בין קוים געגאַנגען אויף מיינע פיס. עס האָט מיך בלויז געטראָגן דער האַס און כעס. האַס, וואָס האָט זיך אָנגע-זאַמלט אין מיין האַרץ במשך פון די וואָגל־יאָרן. אַלץ אין מיר איז געווען אויסגעברענט. מיין גלויבן אין מענטש, אין טאָלעראַנץ, אין קעגנזייטיקער פאַרשטענדעניש, פריינטשאַפט און ליבע — איז געלעגן, ווי אַ צעבראָכענער גאָט-בילד, אַ געטש, אַן אָפּגאָט ביי מיינע טריט. בלויז איין געדאַנק האָט גע-עגבערט מיין מוח: נישטאָ מער קיין יידן! נישטאָ מער, נישטאָ קיין יידן אין דעם דאָזיקן שטעטל, וווּ עס האָט אַמאָל אַזוי געברויזט מיט יידיש לעבן, מעג זיין, אַז איך בין געווען אַנדערש — אָדער געוואָלט אַזוי זיין. און אפשר נישט אַזוי געוואָלט, ווי דער גורל, וואָס האָט מיך פאַרענדערט אַזוי...

אומגלויבלעך ווי אַזוי איך האָב אַזויפיל יאָרן געקענט לעבן אָן יידן! — האָב איך זיך געפרעגט גייענדיק — וויאַזוי?... וויאַזוי?... איצט בלאָנדזשע איך אַרום איבער חורבות, וואָס זענען דאָ נישט לאַנג יידישע שטיבער געווען און זוך אַ שאָטן פון אַ ייד — אַ שאָטן פון די, פון וועמען איך

בין אַנטלאָפן, נישט געוואָלט זיך מער באַקענען צו זיי און אפילו אויס-געמיטן זיך טרעפן אויג אויף אויג. אה, הימלען, ווי אומבאַקאַנט-פאַרבאָרגן און פול מיט איבערראַשונגען איז דעם מענטשנס לעבן!...

איך געדענק נישט ווי לאַנג איך בין אַזוי געגאַנגען און געשפּינט מיינע קודעליע-געדאַנקען. ווען איך בין געקומען צו זיך, האָב איך זיך דערזען שטיין צוגעשמידט מיט די בליקן ביים ברעג פון אַ האַלב-חרובער גאַס. ניין, דאָס איז מער נישט געווען קיין גאַס. אָנגעהויפטע ציגל און ליים פון רואינירטע הייזער און שטיקער געהילצן מיט באַטשוועקעטע שטיקער-ברעטער, וואָס האָט עדות געזאָגט, אַז דאָ זענען אַמאָל געשטאַנען הייזער. יידישע הייזער. אָט אַהער האָט עס מיר די פויערטע אָנגעוויזן צו גיין. פון צווישן די חורבות האָב איך באַמערקט, ווי אַרויסגעוואַקסן, אַ הייזקע. אָט דאָ אין דער דאָזיקער הייזקע האָבן עס געזאָלט זיך אויפהאַלטן יידן.

מיט ציטערדיקע טריט האָב איך זיך דערנענטערט צו דער הייזקע. דאָס האַרץ האָט ווידער אַ פּלאַטער געטון. צי שוין זשע? צי שוין זשע וועל איך דאָ באַלד עמיצן טרעפן פון די צו וועמען עס ציט מיך, ווי מיט כישוף-שטריק? און אפשר! יאָ, אפשר... אפשר גאָר אַ באַקאַנטן! אפשר! אפשר!...

איך געדענק נישט ווי אַזוי און ווען מיין האַנט האָט זיך אָנגעקלאַמערט אין דער שאַקלדיקער קליאַמקע פון טיר. איך געדענק נאָר, אַז צוקומענדיק צו דער הייזקע בין איך געבליבן שטיין. אַזוי בלייבט שטיין אַן אָבל פאַר דער מצבה פון אַ טייערן מענטש, וואָס איז ערשט נישט לאַנג געבראַכט געוואָרן צו קבורה. אַזוי בלייבט שטיין אַ גאַסט פון דער פרעמד, וואָס איז געקומען אויף קבר אבות און דערקענט נישט דעם קבר פון זיין אייגענעם פאָטער, מוטער, אָדער זיידע-באָבע.

איך האָב זיך איינגעהערט צו דער מצבה-טיר. געפינט זיך דאָ עמיץ ווירקלעך? יאָ, מיינע אויערן האָבן אויפגעכאַפּט אַ געשפּרעך. אַ יידיש געשפּרעך. יידיש לשון. נאָך קיינמאָל בין איך אַזוי גערירט נישט געווען ווען איך האָב דערהערט די יידישע שפּראַך, וואָס איז אַרויסגעקומען צו מיר פון אינווייניק. מיין האַנט, וועלכע איז פאַרקלעמט געווען אויף דער קליאַמקע האָט ראַפּטום געגעבן אַ דריק אַן און... די טיר האָט זיך אויפגעמאַכט.

עס איז לייכט זיך פאַרצושטעלן מיין געפיל. אַ ווייִלע האָט אַלץ אַ טונקל געטון פאַר מיינע אויגן. איך האָב געהאַט דעם איינדרוק, ווי איך וואָלט אַריינגעפאַלן אין אַ פעלד-שפּיטאָל. פאַנאַנדערגעשטעלטע בעטלעך ביי די ווענט. אַ טיש. אַ באַנק. אַ פּאָר טאַבורעטן און אַ שענקל. ביים טיש און אויף

אַ בעטל זענען געזעסן אָנגעלענט דריי מענער און צוויי פרויען. דערזעענדיק מיך האָבן אייניקע זיך אויפגעריסן פון זייערע ערטער מיר אַנטקעגן. נייגע־ריקע בליקן האָבן מיך אַ פרעג געטון:

— האָסט געבראַכט עפּעס צום פאַרקויפן ?...

איך האָב געשוויגן. זיי מיינען, אַז איך בין אַ פּויערטע, וואָס האָט געבראַכט עפּעס צום פאַרקויפן. ווי איך בין שפּעטער געוווּיר געוואָרן, זע־נען טאַקע אָפט געקומען אַהער פּויערטעס, אָדער פּויערים, וואָס האָבן זיך איינגעלעבט מיטן מצב און ווידער געהאַט וועמען צו פאַרקויפן די אַנגע־רויבטע זאַכן. די עטלעכע געראַטעוועטע יידן האָבן עס אָפּגעקויפט, דער־קענענדיק אָפּטמאָל צו וועמען דאָס האָט געהערט. בעסער זאָל עס ווידער קומען אין יידישע הענט...

מיך האָט די פראַגע פון דער יידישער פרוי, אין עלטער פון אַ יאָר דרייסיק, וועלכע איז מסתמא איבערגעקומען דעם קריג אויסבאַהאַלטנדיק זיך אין אַ בונקער ביי אַ „גוטן פּויער", אַ שטאָך געטון, ווי מיט אַן אַנגע־גליטן שפּיז. גאָט, וועלכן שטאַרקן גייסט עס האָט דער ייד. דער געראַ־טעוועטער. אָט ערשט נעכטן דורכגעמאַכט אַזויפיל צרות. געקוקט דעם טויט אין די אויגן. אַלץ און אַלעמען פאַרלוירן, אָבער דאָס לעבן איז שטאַרקער פון אַלץ. אויף צו להכעיס דעם פאַרטיליקער. אויף צו להכעיס די רוצחים!... אויף צו להכעיס זיך זעלבסט!... דעם גורל!...

— יאָ, — האָב איך שטיל געענטפערט — איך האָב געבראַכט מיין געביין, זיך אַליין... מיין יידיש האַרץ און נשמה... אַלץ אויסער דעם — שוין אויספאַרקויפט... אַלץ! אלץ! אַלץ!...

און אויף וויפל איך האָב זיך געוואָלט באַהערשן האָב איך מער נישט געקענט און אויסגעשאָסן אין אַ הילכיקן געוויין. איך בין צוגעפאַלן צו אַ בעטל און געוויינט, געוויינט אָן אויפהער. איך האָב נישט געזען וואָס אַרום מיר טוט זיך. איך האָב מורא געהאַט אויפהויבן דעם קאָפּ. נישט געוואָלט זיך טרעפן מיט די בליקן פון די געראַטעוועטע דאָ. ווי איך וואָלט זיי גע־ווען עפּעס שולדיק...

איך געדענק נישט ווי לאַנג איך בין אַזוי געלעגן און געכליפּעט. ווען איך האָב זיך אויפגעהויבן פון מיין פייכט-געוואָרענעם קישעלע צוקאָפּנס האָב איך דערזען אַרום זיך שטיין די צוויי פרויען און די דריי מענער. זיי האָבן מיך געפּרוווט טרייסטן.

— נישטאָ וואָס צו וויינען, טייערע. — האָט געזאָגט איינע פון זיי,

וועמענס אויסזען איז אזוי ענלעך געווען צו אַ פויערטע פון דאָרף. — שוין גענוג געוויינט. אַזויפיל טרערן. ווי נעמט מען שוין גאָר אַזויפיל טרערן צום וויינען. אויף צו להכעיס די מערדער. זאָלן זיי עס מער נישט דערלעבן. נאָך אַ יידיש קינד געבליבן לעבן. גאָט צו דאַנקען!...

— גאָט צו דאַנקען!... נאָך אַ יידיש קינד!... אַ משומדתטע!...

— ביסט זיכער הונגעריק. — האָט געזאָגט די צווייטע פרוי, נאָך גאָר אין יונגן עלטער — מיר וועלן רעדן שפּעטער. דערווייל קום עסן...

— באַלד, באַלד... — האָב איך געזאָגט אין יידיש, אין מיין כמעט פאַרגעסענער שפּראַך, וואָס האָט זיך נישט געוואָלט פאַרגעסן — באַלד... באַלד... כ'וועל זיך אַ ביסל אָפּרוען... באַלד... באַלד...

אין שטוב האָט אַריינגעהערשט אַ טויטע שטילקייט. איינע פון די פרויען האָט גענומען גרייטן עסן פאַר מיר. זיי האָבן מיך באַטראַכט און זיך געפרייט.

— עס וועלן זיך נאָך אָפּזוכן יידן. נישקשה. דעם ימח־שמוניק האָט זיך דאָך נישט איינגעגעבן אַלעמען אומברענגען. אויך די גויאישע גזלנים נישט.

— וואָס דען, עס איז ענדע וועלט? עס וועלן נאָך זיין יידן! עס וועט נאָך ווידער זיין א יידישע וועלט!... — האָט זיך אָפּגערופן איינער פון די מענער.

גאָט, אַזויפיל גלויבן! אַזויפיל יידישע אמונה! דוכט זיך, ווי איך וואָלט אויפסניי געבוירן געוואָרן. אויפסניי!

די מענער האָבן זיך גענומען פונאַנדערפרעגן ביי מיר וויאַזוי איך האָב זיך געראַטעוועט און פונוואַנען איך שטאַם. איך האָב נישט געהאַט קיין חשק צו רעדן, אָדער דערציילן מיין לעבנסגעשיכטע. אַנשטאָט דעם האָב איך גענומען פונאַנדערפרעגן זיך ביי זיי צי זיי האָבן נישט אַנגעטראָפן צומאָל עמיצן פון מיין דאָרף רעטשיצע. איינע פון די פרויען וואָס האָט געשטאַמט פון אַ נאָענטן דאָרף, האָט געהערט איבער מיר. „דינה דעם שמידס משומדתטע״. איצט האָט אַלעמען פאַראייניקט דערזעלבער יידישער גורל.

נאָכדעם, ווי איך האָב געגעסן צוזאַמען מיט זיי אָוונטברויט און אָפּגערוט, האָבן מיר זיך ערשט רעכט פונאַנדערגערעדט. איצט האָב איך נישט געלייקנט מיין פאַרגאַנגענהייט און באַשלאָסן, אז איך קען נישט דאָ פאַרבלייבן מיט זיי. איך מוז גיין צו זיך אַהיים, צו דער גאַיוווקע. צו מיין „היים״, צו מיין קינד. איך וויל אויך באַזוכן מיין געבורטס-דאָרף. נאָך איין

מאָל אין לעבן אַ קוק טון אויף מיין טאַטנס שטוב, ווידער באַטראַכטן די אַלטע סטעזשקע. כאַפּן אַ בליק אויף דער קוזניע...

אויך זיי, אַט די פּאָר יידן, האָבן זיך געראַטעוועט בעת דער אַקציע. זיי האָבן דערציילט וויאַזוי עס איז זיי געלונגען צו בלייבן לעבן, וויאַזוי עס איז זיי נאָך לאַנגע נעכט פון וואָגל געלונגען זיך אַנשליסן אין פּאַר-טיזאַנער-אָטריאַדן און אַלץ וואָס עס איז זיי אויסגעקומען אויסצושטיין שוין נאָכן צוריקקער אַהער.

— מיר האָבן געמיינט, אַז מיר וועלן נעמען נקמה. — האָט זיך אָפּגע־רופן איינע פון די געראַטעוועטע — געמיינט, אַז צוריקקערנדיק אַהיים וועלן מיר אַלע אוקראַינישע רוצחים, וואָס האָבן געהאָלפן די דייטשע בעסטיעס, אויסקוילענען מיט די אייגענע הענט, אָבער די סאָוויעטישע מאַכט-אָרגאַנען פירן זיך אויף מיט זיי, ווי מיט גלייכע...

— אַט קען איך איינעם פון די באַנדיטן — האָט זיך אָפּגערופן איי-נער פון די יונגעלייט — וואָס האָט געמאָרדעט יידן און איצט איז ער אויף דער פריי. איך בין אוועק צו דער נ.ק.וו.ד. און געמאָלדן, אַז וואַסקאַ, דער געוועזענער דייטשישער אונטערלעקער האָט איבערגעגעבן פיל יידן צו דער געשטאַפּאָ, נו, איז וואָס מיינט איר האָט מען אים געטון? מען האָט אים גערופן, אויסגעפאָרשט. מיך גערופן אַלס עדות און... גאָרנישט. איצט האָב איך מורא, אַז אַ ליאַדע טאָג וועט ער מיט נאָך אַזעלכע באַנדיטן ווי ער קומען און מיך דערשיסן.

— זיי זענען אַלע פאַרסמט און איך האָב דעם איינדרוק, אַז די סאָ-וויעטן אַליין האָבן נאָך מורא פאַר זיי. איבער די וועלדער דרייען זיך נאָך אַרום גענוג באַנדעראַוועצעס און טאָמער האָט זיך יאָ עמיץ געראַטעוועט, דערשיסן זיי אים שוין איצט נאָך דער באַפרייאונג. — האָט געזאָגט נאָך איינער פון די געראַטעוועטע און אויס נערוועזיטעט פאַרויכערט אַ פּאַ-פּיראָס.

אַט אַזוי זענען מיר געזעסן אַ גאַנצע נאַכט און אַרומגערעדט דעם גרויסן אומגליק, וואָס האָט געטראָפן די יידישע קהילות אין די פּויליש-אוקראַינישע דערפער און שטעט און געצאַרנט הלמאי שוין נאָך דער פריי-הייט איז די נקמה נישט געקומען. די רוצחים גייען אַרום פריי. דער חורבן אין גרויס. דאָס לעבן איז נאָך אַלץ הפקר. צו וואָס געוואָרן די מאַטערניש? קיינער האָט נישט ליב דעם שוואַכן. אפילו אין די פּאַרטיזאַנער זענען

געוועז אַזעלכע, וואָס האָבן שלעכט געקוקט אויף יידן און נישט איין ייד איז אומגעקומען דורך די הענט פון זייערע אייגענע „קאַלעגן"-קעמפּער.

— איז וואָס דענקט איר איצט טון? — האָב איך געפרעגט אומבאַהאָלפן, קוקנדיק אויף די אומעטיקע פּנימער פון הייפל געראַטעוועטע יידן.

— אַוועקפאָרן. וואָס שנעלער אַוועק פונדאַנען. דאָ איז די ערד אָנגעזאַפּט מיטן בלוט פון די נאָענטסטע און ליבסטע. דאָ נישט ווייט, אין פאַרשטאָט ביים בערעזע־ווּעלדל, אויף ברייטע זאַמדן-שטחים, געפינען זיך די קברים פון די אומגעקומענע. מען דאַרף זיי שטעלן אַ מצבה. ארומצאַמען עס, אַז עס זאָל נישט פאַרווישט ווערן מיט דער צייט. אָבער ווו נעמט מען אַזאַ מצבה? אַלע מצבות פון יידישן בית-עלמין דינען איצט אַלס טראָטואַרן. כאָטשבי אַ באַרג-שטיינער אַרויפשטעלן אַלס עדות, אַז דאָ איז אַמאָל געוועז יידיש לעבן און דאָן... דאַן אַוועק פונדאַנען. אַוועק אין דער וועלט ווו עס זענען נאָך פאַראַן יידן, ווו עס שלאָגט נאָך אַ וואַרעם יידיש האַרץ...

איך האָב אויסגעהערט און געשוויגן. צופיל אומעט און צער האָט געפּרעסט אויף מיין געמיט. איך האָב געהאַט דאָס געפיל, אַז איך טראָג מיט זיך אַ טייל שולד פאַר אַט דעם גרויסן אומגליק... ווען איך וואָלט געקענט וואָלט איך זיך געשטעלט זאָגן עפּעס אַ תפילה, אָבער אויסער „אָטשע נאַש" און אַנדערע אוקראַיניש-אָרטאָדאָקסישע געבעטן האָב איך נישט געקענט. אַמאָל וואָלט איך זיך געצלמט און וואָלט געקניט פאַר דער „הייליקער מוטער", כדי לייכטער מאַכן דאָס האַרץ און געמיט. איצט בין איך אַליין אַזאַ „מוטער"... אַ ברעקל פון קרייץ...

מיטן פרימאָרגן האָב איך זיך אויפגעהויבן און זיך געגרייט אין וועג. אַהין, צו מיין זון, צו יורעקן וועלכן איך האָב נישט געזען אַזאַ לאַנגע צייט. לעבט ער נאָך? איז ער געזונט? — אומזעבאַרע פעדים האָבן מיך געהאַלטן צוגעבונדן צו יענער פויערישער היים, צו דער גאַיוווקע, ווו איך האָב איבערגעלאָזט אַזויפיל יונגע יאָרן און זכרונות. יאָ, און דער עיקר... דער עיקר זען דעם טאַטנס שטוב, באַזוכן די קברים פאַרן אַוועקגיין פון דער שטאָט.

מיט אַ פאַרקלעמט האַרץ האָב איך זיך געזעגנט מיט די רעשטלעך געדעכעניש און בין אַוועק. אַוועק אַ דערלייכטערטע אַ ביסל, וואָס כאָטשבי איינצלנע יידן האָבן זיך געראַטעוועט. איך האָב געפילט אַ געוויסע דערלייכטערונג, וואָס נאָך אַזויפיל יאָרן האָב איך איצט געהאַט אַ מעגלעכקייט

ווידער רעדן אויף דערזעלבער שפּראַך אויף וועלכער עס האָט גערעדט צו מיר מיין מאַמע, דער טאַטע, און הערשעלע און גיטעלע. די ערשטע ווער־טער האָבן זיך קוים געלייגט אויף מיין צונג, אָבער נאָכדעם האָט עס פון מיינע רמ״ח אברים אַ שטראָם געטון, ווי פון אַ פאַרשלאָסענעם קוואַל מיט לעבע־דיק וואַסער.

אינגיכן האָב איך זיך געפונען אויפן וועג, וואָס האָט געפירט צו מיין היים־דאָרף, צי מיין געבורטס־דאָרף, צום טאַטנס שטוב, ווו איך האָב זיך דערצויגן און שפּעטער פאַרלאָזן, כדי איצט ווידער קומען אַהער אַלס אַ דערפאַרענע איבערגערייפטע פרוי.

איך בין געווען דערשעפּט און מיד. נישט אַזוי פון גאַנג, ווי פון די פאַרשידענע מחשבות, וואָס האָבן געפרעסט אויף מיין געמיט און זיך איינגעזויגן אין מיין מוח, ווי פּיאַווקעס. יעדע ווילע האָב איך זיך אומגע־קוקט אין אַלע זייטן, גלייך, ווי איך וואָלט אינסטינקטיוו געפילט, אַז עמיץ יאָגט מיך נאָך, פאַרפאָלגט מיין יעדן שריט. איך בין ענלעך געווען צו אַ שאָטן, וואָס קען נישט אַנטלויפן פון זיך זעלבסט. גייט מיך נאָך, אָדער פאַרלויפט דעם וועג אין אן אויסגעצויגענעם מענטשן־פלעק...

עס איז געווען פאַרטאָג. איינער פון די פּרעכטיקע מאַי־פאַרטאָגן אין אוקראַינע. אַרום האָבן געגרינט פעלדער. געלב־קעפּיקע בלימלעך האָבן זיך אַרויסגעריסן צווישן דער גרינקייט און צוגעגעבן אַ פאַרכאַפּנדיקן קאָלאָ־ריט דער צעבליטער נאַטור. דער טייך האָט נאָכן באַפרייען זיך פון די שטיקער אייז, געשטראָמט אַזוי סודותדיק. קיין שום וואַלד־סוד איז נישט געווען פאַרבאָרגן איצט פאַר מיר. איך האָב פאַרבראַכט אין זיינע אינגע־ווייִדן מוראדיקע יאָרן. דאָך איז ער מיר, ווי תמיד, געווען אויך איצט ליב און דאָס צוויטשעריי פון די פויגעלעך האָט אָנגעפילט מיט אומעטיקער בענקשאַפט מיין גאַנצן וועזן.

די הימלען זענען געווען בלוי. ווייס־גרויע קלאַטשע־וואָלקנדלעך האָבן זיך געצויגן איבער זייער אומענדלעכקייט. ווו־נישט־ווו האָבן זיך געפּאַשעט טשערעדעס און פויערים האָבן געאַרבעט אויף די פעלדער. ווי אַמאָל, גאָר־נישט האָט זיך דאָ נישט געענדערט. דאָס פויערישע לעבן פליסט לויטן אַלטן שטייגער. געגנוי ווי אַמאָל. בלויז איך — איך בין נישט מער די זעלבע. איך בין פול מיט טרויער. ווו נעמט מען כוח, וואָס זאָל אָט דעם טרויער־שלייער קענען צערייסן. אָט בין איך אַנטלאָפן פון דער טויטער שטאָט. איר בילד וויל נישט אָפּטרעטן פון די אויגן. גייט מיר נאָך, באַגלייט

מיך אין מיין וועג. פאַרלויפט, ווי דער מוראַדיקער שאָטן מיינער און איך גיי אים נאָך אָט דעם שאָטן מיינעם פוסטריט. וואוהין גיי איך? וואוהין פירט מיך מיין שאָטן? וואוהין?

הא, איך גיי אויף קבר אבות, דאָרט, צו מיין טאַטנס שטוב. און פון דאָרט? פון דאָרט צו מיין אייגענער היים, צו יורעקן, צו מיין איינציק־פאַרבליבענעם קינד, פון וועלכן איך בין אַוועקגעריסן געוואָרן.

אכזריותדיקער גורל! גורל פון א יידישער פרוי!...

די דאָזיקע געדאַנקען האָבן אַזוי שווער געפּרעסט אויף מיין געמיט, אַז איך בין נישט מסוגל געווען ווייטער צו גיין. באַמערקט אַ בוים פון ווילדע באַרעלעך — בין איך געבליבן זיצן אין שאָטן פון בוים. זיצנדיק אַזוי, געוואונדערט מיט די בליקן אין די ווייטע פליינען, האָב איך זיך ווידער דערזען אַלס קליין קינד, שפּעטער אַלס שילערין אויף מיין וועג אין שטאָט אין בענקשאַפט נאָך וויסן. דאַן איז אויסגעוואַקסן פּאַוועל. דער שגץ פּאַוועל איך זיין גאַנצער ייִנגליש־שקצישער הויך. אָט באַלד וועט ער אַרויס פון טאָל אַנטקעגן און וועט פרעגן: נו, דיגה, ווען ענדיקסטו שוין דיינע לימודים? גענוג געלערנט, יעי באָהו! גענוג! ווּעמען טויג אַזויפיל צו לערנען?...

טאַקע, וועמען טויג אָט דאָס לערנען ווען...

— די נעכרישטשאַנע! די נישט־געצלימטע! קוסי, בורי, קוסי! בייס די יידישקע! אָט די נישט־געצלימטע!... בייס! אָט מיט אַזאַ איינער וואָלט איך חתונה געהאַט, יעי באָהו! זע סאַראַ צעפּ זי פאַרמאָגט, אָט די זשידוווקע!... גאָרנישט ענלעך צו קיין יידישקע!... גאָרנישט ענלעך, יעי באָהו!... שלעפּט זי אַהער... אָט דאָ... אין טאָל... אין טאָל!...

ווי סטייעס פויגל אין האַרבסט זענען פאַרבייגעשוווּמען יענע טעג ווען איך האָב זיך פאַרפירט מיט פּאַוועלן, וועלכער האָט מיך דאָ נישט איינמאָל אָפּגעוואַרט, אַנגעריסן באַרעלעך. נעם עס, דוניא, ביסט דאָך מסתמא הונגעריק... זע, צולעגערטע אַזעלכע. אפשר ווילסטו אַ שטיקל ברויט מיט חזיר־פעטס. נא, נעם... נעם! איך פאַרשטיי נישט, יעי באָהו, פאַרוואָס אָט די יידן עסן קיין חזיר־פעטס, עס איז דאָך אַזוי געשמאַק... איך, אַז איך עס נישט קיין חזיר־פעטס.. עדן!...

— נעם, פּאַוועל די לייכטער און טראָג זיי אַריין אין קיך... אָט דאָ... אָט דאָ... נאָר זע, אַז זיי זאָלן זיך נישט אויסלעשן...

—ניין, מאַמע, די ליכט האָבן זיך נישט אויסגעלאָשן... נישט אויסגעלאָשן!...

איך האָב געהאַט דעם איינדרוק ווי איך רעד צו עמיצן... אַט זע איך אַזוי קלאָר מיין מאַמע. זי שטייט און בענטשט ליכט. די ליכט צעשמעלצן זיך, טריפן אָן אויפהער אויף דעם טישטוך. יענע טישטוך, וואָס איז אַוועק־געריבט געוואָרן צוזאַמען מיט איר לעבן. און פּאַוועל שטייט און עסט די שטיק חלה מיטן געפילטן פיש, וואָס זי האָט אים געגעבן פאַר דער טרחה פון אַוועקטראָגן די לייכטער אין קיך. „עס, פּאַוועל, פּאַווליוק מיי־נער! עס, נאָר זע קוק נישט אויף מיר אַזוי... איך וויל נישט, אַז מיינע עלטערן זאָלן עס באַמערקן. פאַרשטייסטו?" „ניין, איך פאַרשטיי נישט!... אַפילו קוקן אויך נישט? האַ?"...

איך האָב אַרויסגעלאָזט אַ טיפן קרעכץ און זיך דורכגעקוועט פון מיינע גע־דאַנקען־זכרונות, אָדער דרעמל, וואָס האָט זיך אַראָפּגעלאָזט אויף מיינע אויגן־לעפלעך. איך האָב זיך אויפגעריסן אויף מיינע מידע פיס און ווי באַ־הערשט דורך אַ נייעם כּוח, גענומען גיין. אַהין, צו מיין טאַטנס שטוב. צו די זכרונות. דאָרט וועלן זיי ווידער אויפלעבן. נאָר מיט מער קראַפט. דאַן... דאַן וועל איך טון אַ בליק און ווי אַן אונטערגעשאָסן פויגל אַ פלאַטער טון מיין לעצטן פלאַטער... מיטנעמען מיט זיך — אויב דער כּוח וועט טראָגן — דעם לעצטן אָנדענק אויף מיין ניי־געבוירענעם אומבאַ־קאַנטן שליאַך.

דערנענטערנדיק זיך צום דאָרף רעטשיצע האָב איך זיך געכאַפּט, אַז אייגנטלעך בין איך דאָ ערשט נעכטן אָדער גאָר אַזוי לאַנג געלאָפן אויף אַט דעם היימישן וועג, כּדי... אַ בליק טון אויף מיינע עלטערן, נאָכדעם ווי איך האָב זיך צעקריגט מיט פּאַוועלן. געוועזן דאַן אַזאַ פרילינגדיקער פאַרנאַכט. אַן ערב־פּסח־אָוונט. ווען בענקשאַפט כאַפּט אַרום דאָס גאַנצע וועזן צו עפּעס אומפאַרשטענדלעכעס. צו עפּעס אַזעלכעס, וואָס מען קען נישט אויסדריקן מיט ווערטער.

דאַן... דאַן האָב איך נישט געוואָגט אַריינקומען אין שטוב. די מאַמע וועט מיך דערזען און חלשן. מיטן טאַטן קען עפּעס געשען, ער וועט מיך פאַריאָגן, ווי אַ הינטיכע. „ניין, מיין שוועל וועט מער נישט איבערטרעטן די משומדתטע! ניין! נישט איבערטרעטן!"

איצט... איצט מאַמע וועסטו זיכער נישט חלשן ווען דו וועסט מיך דער־זען... און דער טאַטע וועט מיך מער נישט שלאָגן און נישט אַרויסטרייבן, נישט פאַריאָגן פון זיין שוועל. נישט מער!... אויף זיכער!...

אך, ווי טרויעריק, וואָס דאָס קען מער נישט געשען! שלאָג מיך

טאַטע! שלאָג וויפל דו ווילסט, אָבי לאָז מיך איבערטרעטן דיין שוועל!... צום לעצטן מאָל!...

אַט זע איך שוין פונדערווייטנס די שפּיצן פון קלויסטער. ווי אַמאָל. די זעלבע קלויסטער־שפּיצן. איך שוידער אויף. ווי דעמאָלט, ווען אַלס קליין מיידעלע, האָט מיך געשראָקן אַט דער קלויסטער מיט זיינע שפּיצן, מיטן צלם, וועלכער איז געוואָרן, ווי איך האָב געמיינט (הגם נישט אויסן געוועזן) מיין שוץ און קללה...

עס כאַפּט מיך אַרום אַ גרויל. נישט ווייל איך שרעק זיך פאַר דעם קלויסטער, נאָר ווייל ער דערמאָנט מיר ווידער אַזויפיל באַגראָבענע זכ־רונות, וואָס שטייען אויף לעבעדיק פון מיין געדעכעניש. עס לעבט אויף פאַר מיינע אויגן מיין שמד. אַט שטיי איך ווידער פאַר דער אַמבאָנע... איך זע דעם באַטיושקאָ מיטן קאַדילאַ אין האַנט און ווייַרויך, וואָס „היילי־קט" מיך אַלס קריסטין. ביי מיין זייט שטייט פּאַוועל. מיין צוקונפטיקער לעבנס־באַגלייטער וועמען איך ליב אַזוי שטאַרק און ער מיך נאָך מער... איך זע די וועסעליע. אַלץ רוישט אַרום מיר. פאַר די אויגן וואַקסט אויס אַ ריזיקער „קאַראַוואַי", וואָס איז געבאַקן געוואָרן לכבוד אַריינפירן מיך אין אַן אַנדער וועלט..." אַן איידעם אַ פּאָליאַק און אַ שנור אַ זש... אַזוי צו זאָגן... „צעקלינגען זיך אַלעקסייס ווערטער אין מיינע אויערן. דוכט זיך, אַז איך קוק אים אין די אויגן אין די צעשיכורטע. מאַריאַ לאָזט נישט אַלעק־סייען רעדן. פאַרשטעלט אים דאָס מויל מיט איר מאָזאָלירטער האַנט. אַרום מיר דרייען זיך קומעס און קומושקעס. דרושקעס. זינגען לידער. „וויקאַטשאַלי באַטשקו אי זאַבראַלי דאַטשקו... סטאַיט מאַטי ו'פאַראַזי אי זאַליוואַיע סליאַזי... — אַרויסגעקוילערט די פּאַס און צוגעגומען די טאָכ־טער, שטייט די מאַמע ביים שוועל און פאַרגיסט טרערן אויף טאָכטערס זעל... „ביין! ביין! די מאַמע מיינע שטייט נישט מער אויפן שוועל און פאַר־גיסט נישט מער קיין טרערן. זי רופט מיך אויך נישט זיך צוריקקערן. איך האָב זיך אַליין צוריקגעקערט. דער גורל האָט מיך צוריקגעקערט. אַט באַלד וועל איך בלייבן שטיין הינטערן פענצטער, ווי דעמאָלט ווי אין יענעם גורלדיקן פאַרנאַכט, און זיך איינהערן צום געניי פון דער אלטער מאַשין, צום זייגער־טיק־טאַק, צום טאַטנס הוסט... אַט באַלד! אַט באַלד!...

מיינע פאַרטערטע אויגן באַמערקן פונדערווייטנס מנשהס מיל. שטייט נאָך אַלץ די מיל אויפן בערגל. נישטאָ מער מנשה, אָבער זיין מיל איז פאַר־

בליבן. זייך מיל און דער בלינדער אמעלקא דער מילנער, וואָס באַלעבאַטעוועט אין אים. ווי אַמאָל. ווי נעכטן. ווי נעכטן...

און אָט איז דער טייך מיטן טשערעט ביי זיינע ברעגעס. מיט די „אוסאטשקעס" און „בולאַווקעס". מיט די „קאַפּעליושן" און „לאַטאַט", וואָס פאַרבלענדט די אויגן. שווימט דער טייך זיין אַלטן געשווים. לויפן די וואַסערן מיטן שטראָם אָן... פּאַוועל שווימט איבער די וואַסערן צום צווייטן ברעג צו מיר. ער רייט אויף זיין בולאַנעם פערד. פּאַוועל, וועסט זיך חלילה דערטרינקען... פּאַוו... פּאַוו...

און עס ענטפערט דער עכאָ פון וואַלד: פּאַוו... פּאַוו...

די געדאַנקען מישן זיך אָן אויפהער. אַלץ דערמאָנט עפּעס. יעדעס גרעזל. יעדעס שטעגל. יעדער אַנבליק. אפילו די „קובלאַס", די נעסטן פון די באָטשאַנעס, וואָס שטייען און קוקן מיך אויס, ווי איך גיי... לויף אַהיים... צו דער אַלטער היים...

און אָט בין איך שוין ביי די גערטנער. מיינע פיס באַטרעטן די הרע־בליע. נאָך אַלץ די זעלבע צעבראָכענע הרעבליע, ווי אַמאָל. ווי אַמאָל אויפן וועג צו מיין היים. איצט מיין חרובע היים. פאַרלוירענע היים. אומ־היימלעכע, היימלאָזע היים!...

איך בין געבליבן שטיין. איינגעזאַפּט אין זיך די פרישע ריחות, וואָס האָבן זיך דערטראָגן צו מיינע נאָזלעכער. פון אייניקע קוימענדלעך אויף די דעכער פון די כאַטעס האָט געזעצט אַ בלוילעכער רויך און עס האָט געשמעקט מיט געקעכצן. ווי תמיד. ווי אַמאָל. שוין אַזוי פיל יאָרן, ווי איך האָב אָט די ריחות נישט געפילט. אַ באַזונדערן טעם האָבן געהאַט איצט אָט די ריחות אין מיינע נאָזלעכער. אַמאָל, ווען איך פלעג זיך דערנענטערן גייענדיק פון שטאָט צו מיין היים אין דאָרף, צו די גערטנער און דערפילט אָט די ריחות, פלעגט מיר ווערן היימלעכער אויפן האַרצן. באַלד וועל איך זיין אין שטוב, ווו עס וואַרטן מיך אַפּ טאַטע־מאַמע, שוועסטער און ברי־דער. און איצט... ווער וואַרט מיך אָפּ? ווער וועט מיך אויפנעמען? באַגריסן נאָך אַזויפיל יאָרן פון נע־וגד, פון אָפּגעפרעמדקייט און פייערן־טבילות?...

שטיל איז געלעגן די ברייטע גאַס פון דאָרף. דוכט זיך, אַז די כאַ־טעס זענען דאָ נאָך נידעריקער געוואָרן. קברימדיקע כאַטעס. פאַרגעסענע. ווי דאָס וואָלט גאָר מיין היים־דאָרף נישט געווען. מאָדנע, אומהיימלעך, פרעמד. פרעמד און נאָענט. דאָ מיין קינדהייט פאַרבראַכט. איצט ליגט די קינדהייט טויט, באַגראָבן אונטער אַ באַרג אש־זכרונות.

איך וויל זיך עפעס דערמאָנען. פאַרוואָס וויל איך זיך דערמאָנען? אין וואָס? איך ווייס אַליין נישט. אַ סך זכרונות זענען פאַרבונדן דאָ מיט יעדער סטעזשקע, מיט יעדער כאַטע. נישט איינמאָל האָב איך אין די כאַטעס אַריינגעבליקט דורך די נידעריקע פענצטערלעך און זיך צוגע־קוקט, ווי די פויערטעס שפינען זייערע קודעליעס. נישט איינמאָל בין איך געשטאַנען הינטער די פענצטער בעת וועסעליעס און טאַנצולקעס. ווו איז יאַווכימקאָ מיט זיין פידעלע? ווו איז וואַסילקאָ מיט זיין באַמבאַליטאַ? ווער ווייס וועלכן אַנטייל זיי האָבן גענומען אין די מערדערייען איבער די שוצלאָזע יידן. לעבט נאָך עפּעס אַ ייד אין דאָרף? צירל? ווו איז צירל? ווו איז... ווו איז...

די געדאַנקען פּרעסן, ווי שווערע שטיינער אויפן געמיט. איך קוק אויף די באָרוועסע קינדערלעך, וואָס שפּילן אַרום אין גאַס. די קינדערלעך לייגן נישט קיין אכט אויף מיר. איך בין דאָך פּויעריש געקליידעט, הגם אַ ביסל פאַרענדערט.

איך טרעף אָן אייניקע פויערים און פויערטעס. זיי לייגן נישט קיין אַכט אויף מיר. שוין אַזוי פיל יאָרן, ווי איך בין אַוועק פון דאַנען. קיי־נער דערקענט מיך נישט.. און אויך איך... איך זע פאַר זיך קיינעם נישט. ביסלעכווייז קערט זיך אום צוריק צו מיר די אַמאָליקע נאָענטקייט. אָט דאָס זענען דאָך אַלץ באַקאַנטע הייף. פויערישע הייף. הייף מיט הינט. הייף מיט אָנגעהויפטע, אָפּגעהאַקטע שטיקער האָלץ, צוגעגרייטע אויף ווינ־טער. הייף מיט שמעקעדיקער לוטשינע און רואיק־ליגנדיקע גענדז, קאַטש־קעס און הינער.

אָט... נאָך אַ ביסל... נאָך אַ ביסל. באַלד וועל איך דערזען אויך דעם היי־מישן הויף, דעם טאַטנס הויז. אָט איז שוין אַנדרייס כאַטע. נישט איינמאָל האָט מיך אנדריי געפירט פון שטאָט. אַנדריי! וואָס גייט ער מיר איצט אָן? איך וויל זען דעם טאַטנס הויז. דאָס הויז ווו איך האָב מיינע קינדער־יאָרן פאַרבראַכט, דאָס הויז, וואָס איז פאַרבונדן מיט מיר מיט מיליאָן־מיליאָסן פעדים. דאָס הויז פון וועלכן איך בין אַוועק, כדי זיך מער קיינ־מאָל נישט צוריקקערן, אָבער וווהין דער גורל, דער יידישער גורל האָט מיך ווידער אַהער געבראַכט, געטראָגן אויף פליגל פון אַן אונטערגע־שאָסן פויגל...

איך פאַל צו צום פּלויט ביים טאַטנס שטוב און בלייב אַזוי לאַנג ליגן אין אָנמאַכט. איך שטאַרק זיך, כדי נישט פאַלן אין חלשות. גאָט!

ווי נידעריק עס זעט איצט אויס דעם טאַטנס שטוב! דוכט זיך, אַז דער פונדאַמענט האָט זיך געזעצט. איינגעזונקען טיפער אין דער ערד. בלויז די זעלבע לאָדנס און פענצטער. דערזעלבער בוים ווו איך בין מיט פּאַוועלן געשטאַנען אַרויסגעבענענדיק זיך דורכן פענצטער ווען גיטעלע איז גע־שלאָפן. דערזעלבער, שינדל־געדעקטער דאַך. דערזעלבער הויף. דערזעל־בער סעדעלע מיט די עטלעכע ווײַנשל־בוימער, וואָס האָבן זיך איצט צע־בליט און דאָ...

מײַנע אויפגעהויבענע אויגן האָבן דערזען די קוזשניע. דעם טאַטנס קוזשניע! זי שטייט איצט אַ שווײַגנדיקע. שטומט. עס הערט זיך נישט מער דאָס קלאַפּן פון האַמער און קאַוואַדלע. אַ וויסטע שווײַגעניש און קעלט ווייען פון דאָרט. אַמאָל, אַז איך פלעג זיך צוריקקערן פון שטאָט האָב איך נאָך פון דער ווײַטנס דערהערט דעם טאַטנס קלאַפּן אין קוזשניע און דערזען דעם צע־זשאַריעטן זשאַר אונטערן בלאַזאַק, וואָס האָט מיך אַזוי פרײַלעך געמאַכט. דאָס האָט אויסגעזען אַזוי נאַטירלעך, און איצט... גאָט! גאָט! איז עס מעגלעך? איז עס מעגלעך? טאַטע! טאַטע! אַרעמער טאַטע! האָט זיך עמעץ געקענט ריכטן, אַז אָט די קוזשניע וועט מער נישט אַפּהילכן ביים צוקומען צו דײַן שטוב?...

איך האָב זיך מער נישט באַהערשט און זיך שטיל צעוויינט. שנעל אָבער האָב איך זיך אויסגעווישט די אויגן און מײַן האַנט האָט זיך אײַנגעקלאַמערט אין טירל פון הויף. נישט איינמאָל האָב איך אָט די קליאַמקע אַראָפּגעלאָזט, אָדער אויפגעהויבן שטיל שטיל, אַז קיינער אין שטוב זאָל נישט דערהערן מײַן אַרויסגעבענען זיך. איצט וועט מײַן צוריקקער קיינער במילא נישט דערהערן. קיינער פון די, צו וועמען איך בין צוריקגעקומען. קיינער!

איך קוק אַרײַן אין אַ פענצטער, באַטראַכט די לאָדנס, וואָס הענגען, ווי אַמאָל, אָבער אויף נײַע זאַוויאַסעס. עס גלוסט זיך נישט גלויבן. מסתמא וועט באַלד אַרויסקוקן אַ היימישער פּנים. אָט באַלד וועל איך דערזען מײַן מאַמען... ניין, פריער... פריער וועל איך דערהערן דאָס געטראַסקעריי פון דער אַלטער ניי־מאַשין. אפשר גיטעלע? הערשעלע? קיינער? קיינער? — טאַקע?... אומ־מעגלעך!!!...

עס שטיקט מיך אין האַלדז. איך וויל אַרויסלאָזן אַ געשריי. איך וויל שרייען, רופן, אָבער מײַן מויל איז פאַרשטומט. דאָס האַרץ נאַגט. אַ שטיין איז עס — נישט קיין האַרץ, אויב... אויב עס פּלאַצט נישט אין מיר! אויב עס קען אויס־האַלטן אָט די שטומקייט! קיין שום נויט און הונגער אין די וועלדער האָבן

נישט געווירקט אַזוי אויף מיר, ווי אָט די שטומקייט און נישט דערהערטע שטימען פון די צו וועמען איך בין געקומען נאָך אַזוי פיל יאָרן.

איך האָב זיך אַראָפּגעלאָזט אויף דער באַנק, וואָס איז געשטאַנען ביי דער שטוב. עטלעכע האַלב־נאַקעטע און באָרוועסע קינדערלעך זענען ווער ווייסט פון וואַנען און ווען צוגעקומען צו מיר. אַרומגערינגלט מיך און באַטראַכט מיט שטוינענדיקע בליקן. ווער איז אָט די פרעמדע? איך האָב פאַרנומען די באַנק אויף וועלכער זיי האָבן זיך געשפּילט...

— מאַמאַ? — רופט איינער פון זיי אין דער טיר אַריין — עפּעס איינע געקומען און פאַרנומען די באַנק. לאָזט נישט זיך שפּילן...

— יאָ... עפּעס איינע געקומען! — — —

אַ יונגע פרויערטע איז אַרויס און געבליבן שטיין אין טיר. דערזעענדיק מיך אַ מידע זיצן אויפן באַנק, איז זי צוגעקומען צו מיר און אָנגעקוקט מיט שטוינונג. זעענדיק, אַז איך שווייג און האָב פאַרוויינטע אויגן, האָט זי אַ פרעג געטאָן מיט פאַרדעכטיקטע בליקן:

— ווער ביסטו און צו וועמען דאַרפסטו?

— ווער ביסטו? — האָב איך זיך אָנגענומען מיט מוט און געפרעגט מיט איינגעהאַלטענעם צאָרן — וואָס טוסטו דאָ?... דאָ, דאָ, אין... מיין...

איך האָב נישט געהאַט גענוג כוח צו פאַרענדיקן די ווערטער.

די פרויערטע איז בלייך געוואָרן. זי האָט זיך אָבער נאָך אַלץ נישט געכאַפּט מיט וועמען זי האָט צו טאָן. זי האָט זיך נענטער איינגעקוקט אין מיר און איבערגעפרעגט:

— דו ביסט... דו ביסט...

— יאָ, איך בין שמואל דעם שמידס טאָכטער!

— שמוליק דעם שמידס טאָכ־טער? — האָט די פרויערטע אויסגעגלאָצט אירע אויגן — וויאַזוי?... וויאַזוי?... גיטאָ?... גי...

— ניין, נישט גיטעלע — איר שוועסטער! דוניא!

די פרויערטע האָט געשטוינט.

— וווּנדערסט זיך, וואָס איך בין געבליבן לעבן, וואָס? יאָ! איך... איך בין דוניא... — האָב איך איבערגעחזרט מיט אַ ציטערדיקער שטים. — אויך איך וווּנדער זיך... אויך איך...

— האָ, טייערינקע... — האָט די פרויערטע אַראָפּגעלאָזט פון איר ערנסטן טאָן — עפּעס טאַקע געהערט וועגן דיר... דו... דו ביסט, הייסט עס, דעם שמידס טאָכטער... ביסט, הייסט עס, געבליבן לעבן. נו, גאָט צו דאַנקען... אַבי דו האָסט זיך אויסגעדרייט פון זיי...

איך האָב זיך איינגעקוקט אין דער פויערטעס געזיכט. זי האָט געשיינט צו זיין פון אַ יאָר זעקס, אָדער זיבן און צוואַנציק. ווען איך בין הייסט עס אַוועק פון טאַטנס היים האָט אָט די פויערטע נאָך געמוזט זיין גאָר אַ קליין מיידעלע און זי קען מיך נישט דעריבער. אויך איך זי — קען נישט.

— קום אַריין אין שטוב. — האָט די יונגע פויערטע מיר פאַרגעלייגט — קום אַריין. ביסט זיכער הונגעריק... קום!..

נישט אַרויסרעדנדיק מער קיין וואָרט בין איך אַריין אין שטוב. איך האָב די שטוב קוים דערקענט. אַלץ האָט דאָ אויסגעזען פאַרפויערישט און פרעמד. אויף די ווענט זענען צעהאָנגען געווען איקאָנעס, ווי דער פויערישער שטייגער איז, מיט קאָלירטע פאַפּירלעך. די מזוזה אויפן טיר־אושאַק אָראָפּגעריסן און בלויז אַ צייכן אין האָלץ איז פאַרבליבן, אַז דאָ איז אַמאָל געווען אַ יידישע שטוב.

אויף דעם זעלבן אָרט איז נאָך בלויז געשטאַנען דער אַלטער דעמבענער טיש, ווי אַמאָל. איצט איז ער געווען איבערגעדעקט מיט אַ לייוונטענעם טיש־טוך. די פּאָליטשקע, וווּ ס׳זענען אַמאָל געלעגן דעם טאַטנס הייליקע ספרים, טלית און תפילין, איז איצט פאַרוואָרפן און אָנגעהויפט געווען מיט פאַר־שידענע פויערישע שמאָכטעס.

איך בין געשטאַנען ווי אַ געפּלעפטע און אַלץ באַטראַכט. עס איז שווער געווען אַלץ אַרומצוכאַפּן מיט מיין אויסגעלאָשענעם בליק. פאַר מיינע אויגן האָבן געווירבלט דערמאָנונגס־געשטאַלטן און קעגנשטאַנדן. איך האָב נישט געקענט אַרויסברענגען איצט קיין וואָרט פון מויל. די פויערטע איז אויס פאַרלעגנהייט צו צום וויגל, וואָס איז געהאָנגען אין אַ ווינקל פון צימער, אַרויסגענומען פון פאַזוכע איר יאָדערדיקע ברוסט און גענומען אָנזויגן דאָס קינד, וואָס איז אין דעם געלעגן. זי האָט נאָכגעפּאָלגט מיין יעדע באַוועגונג און אויך געשוויגן. בלויז יעדע ווילע מיך צוגעשענקט אַ ברוגזן בליק, ווי איך — דער אומגעבעטענער גאַסט — וואָלט איר געווען עפּעס שולדיק...

איך בין אַריין אין צווייטן צימער. אָט דאָ אין דעם דאָזיקן צימער האָב איך פיל יאָרן פאַרבראַכט ביי אַ בוך, אָדער ביים העלפן דער מאַמען נייען די פויערישע קאַפּטאַנעס. מיינע בליקן זענען געפאַלן אויף דער אַלטער ניי־מאַשין, וואָס איז פאַריתומט געשטאַנען אין אַ ווינקל. דאָס אַלטע פאַרניר־דעקל איז, ווי אַמאָל, איבערגעדעקט געווען איבער דער ניי־מאַשין, גלייך ווי די מאַמע וואָלט עס נאָר וואָס צוגעדעקט, ווייל... דער ליבער שבת קודש קומט אָן. איך האָב באַרירט די מאַשין מיט דער האַנט, ווי איך וואָלט דורך אָט דעם באַריר געוואָלט באַרירן יענע צייט און דערזען דאָס געשטאַלט

פון מיין מוטער, וואָס פלעגט זיצן לאַנגע טעג און נעכט אייַנגעבויגן איבער איר.

אינסטינקטיוו האָב איך אַ הויב־געטאָן דאָס געלעכערטע פאַרניר־דעקל. דער „קאָפּ" פון דער מאַשין איז נישט געווען. בלויז דער „סטאַיאַן", די ניי־פוס איז געבליבן. עס האָט מיך אַ צופּ־געטאָן ביים האַרצן. אַן אומגערע־דיקע טרער האָט זיך ווידער באַוויזן אין מיינע אויגן.

— דעם „קאָפּ" האָט עמיץ צוגענומען נאָך איידער איך בין אַריין וויינען אַהער. — האָט די פויערטע, איבערלייגנדיק דאָס קינד פון איין אָרעם אויפן צווייטן, געזאָגט, ווי זי וואָלט זיך פאַרטיידיקט — ביי מיר וואָלט עס געשטאַנען גאַנץ. איך קען במילא נישט נייען. אויב דו ווילסט, קענסטו עס אַוועקנעמען. מיר איז עס נישט נייטיק..

— יאָ, נישט נייטיק... נישט נייטיק.. — האָב איך שטיל, ווי פאַר זיך, אַ מורמל געטאָן. און די יונגע פויערטע האָט פאַרגעזעצט נישט אַראָפּנעמענ־דיק אירע בליקן פון מיין בלייכן פנים.

— האָך, האָך, טייערינקע — איז זי פלוצים ווייכער געוואָרן — ווער האָט געדאַרפט אָט די מלחמה, ווער?.. אָט די פאַרשאָלטענע דייטשן האָבן אָנגעמאַכט אַזוי פיל צרות, אַזוי פיל בלוט פאַרגאָסן, אַזוי פיל טרערן.. עס איז דאָך גאָרנישט אַזוי שלעכט געווען מיט די יידן... עס איז אַלץ געווען... האָסט ביי זיי אַלץ געקענט קריגן.. אַלץ... צובאָרגן. און היינט... נישטאָ מער קיין יידן און נישטאָ ביי וועמען עפּעס צו באָרגן... אונדזערע מוזשיקעס קענען נישט האַנדלען... אַפילו באַרעכנען עפּעס קענען זיי דאָך נישט...

די פויערטע האָט לייכט אַ שמייכל געטאָן און געוואַרט, אַז איך זאָל עפּעס זאָגן. איך האָב זיך אָפּגערופן:

— איז קיינער נישט פאַרבליבן פון די יידן אין רעטשיצע, קיינער?

— קיינער, קיינער, טייערינקע. אַ גוטע כאָליערע אויף זיי אויף אָט די מערדער! —האָט זי געענטפערט מיט כלומרשטע מיטלייד־געפילן — אויך פון אונדזערע זענען געפאַלן אַ סך. זיי האָבן דאָך שפּעטער נישט געמאַכט קיין אונטערשייד און געשאָסן פאַר יעדע נאַרישקייט.

איך האָב איר אויסגעהערט אָן באַזונדערער אויפמערקזאַמקייט. מיינע אויגן זענען געווען צוגעשמידט צו דער אַלט־צעבראָכענער ניי־מאַשין.

מיט אַ געבויגענעם קאָפּ בין איך געשטאַנען ביי דער ניי־מאַשין און נאָך אַלץ נישט געקענט אָפּטרעטן פון איר ווי פון אַ געשענדעטער מצבה. אויף מיינע ליפּן איז געלעגן אַ שטומע תפילה אָן ווערטער, וואָס איז ערגעץ טיף אין גאַנצן וועזן מיינעם אויסגעשרפּעט געוואָרן.

דאָן בין איך אריין אין שלאָף־צימער. דאָ זענען נאָך געשטאַנען מיינע עלטערנס אַלטע בעטן. צעשטעלט ביי בײדע זייטן פון די ווענט. אָט דאָ אויף די בעטן האָבן גערוט מיינע טאַטע־מאַמע נאָכן שווערן טאָג פון פּראַצע. אַמאָל זענען אָט די בעטן געווען פאַרשפּרייט מיט צווייי געבלימלטע קאָפּעס. נישט איינמאָל האָב איך אַליין, מיט מיינע אייגענע הענט פאַרבעט די בעטן, כדי צוגעבן דעם צימער אַ יום־טובדיקע שטימונג. איצט זענען אָט די בעטן געווען איבערגעדעקט מיט אַ לייוונטענער רעדנע. אַמאָל פלעגט די מאַמע אויסשמירן די ווינקלען פון די בעטן מיט נאַפט, אַז זיי זאָלן נישט סקריפּען. אַ שטיקל צייט האָבן די סקריפּענדיקע בעטן זיך איינגעשטילט און דאַן האָבן די אַלט־גראַווירטע קאָפּ־ווענטלעך זיך ווידער צעשאָקלט און אַרויס־געלאָזט אַ כריפּענדיקן קרעכץ, וואָס האָט זיך צוזאַמענגעמישט נישט איין מאָל מיטן קרעכץ פון מיין מאַמען, אָדער טאַטנס אונטערהוסטן.

איך בין געשטאַנען, ווי איינגעבראָכן אונטער זיך. דער ווייטאָג אין האַרץ איז פּלוצים פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ שטיינערדיקער פאַרקלעמע־נישט. ניין, נישט די מאַמע און נישט דער טאַטע וועלן דאָ נאָך אַ מאָל רוען. זייער רו איז איצט אַן אייביקע...

— נשמתם עדן! — — —

אַריינקומענדיק אין קיך האָבן אין מיינע נעזלעכער אַ זעץ געטון די פּויערישע פּאַטראַוועס. נישט צו דערקענען די קיך פון מיינע עלטערן. דאָ זענען איצט אָנגעלייגט געווען אויף דער באַנק פאַרשידענע טעפּ און שיסלען. די ריחות פון די פּאַטראַוועס האָבן גערייצט מיינע נעזלעכער. איך בין געווען הונגעריק, אָבער עס איז מיר נישט געווען צום עסן. די פּויערטע האָט ווי אָפּגעטראָפן מיינע געדאַנקען.

— אפשר ביסטו הונגעריק? — האָט זי אַ פרעג געטון מיט געמאַכטער פריינטשאַפט.

— ניין, איך וויל גאָרנישט... גאָרנישט... אַביסל וואַסער! — האָב איך געזאָגט פאַרמאַטערט.

—נו... מען קען צו דעם גאָרנישט העלפן... — האָט די יונגע פּויערטע געוואָלט מיך כלומרשט טרייסטן — ביסט דאָך געקומען פון אַ ווייטן וועג...

— אַ דאַנק.... גיב מיר אַביסל וואַסער...

ווען די פּויערטע האָט מיר דערלאַנגט אַ גרויסע קופּערנע קוואָרט מיט וואַסער, האָב איך ווידער אויפגעשווידערט. אונדזער אַלטע קוואָרט.

מיט ציטערדיקע הענט האָב איך גענומען די קוואָרט מיט די צווײ גרויסע „אויערן" און צוגעטראָגן צו מײַנע ליפּן. פון דער דאָזיקער קוואָרט האָט געטרונקען מײַן מאַמע, טאַטע, הערשעלע און גיטעלע. איך האָב אין דער וואַסער־אָפּשפּיגלונג געזען די געזיכטער פון מײַן גאַנצער משפּחה. דער טאַטע, די מאַמע, גיטעלע און הערשעלע... אָט, זע איך זײ... אומעטיקע אַזעלכע... פאַרטרויערטע... זעט! די משומדתטע! אונדזער דינה!... סוף־סוף — געקומען... זיך צוריקגעקערט, צום זעלבן וואַסער.

אַמאָל, דאָס איז געווען אַזוי לאַנג, אָדער אפשר נעכטן, האָב איך נישט אײנמאָל מיט מײַנע אײגענע הענט אויסגעשײערט אָט די קוואָרט מיט רויטע יאַגעדעס, אָדער מיט קרײד, צוזאַמען מיט די לײַכטער, אַז זײ האָבן אַזש געגלאַנצט. די לײַכטער זענען מער נישטאָ. אָוועקגערויבט געוואָרן, אָדער... אָדער אפשר האָט עס זײ פאַרוועל דעמאָלט בעתן אוועקנעמען פון טיש, כדי נישט אַנמאַכן אַ שריפה, אָוועקגענומען ערגעצוווּ אויף אײביק, און בלויז די קוואָרט... אָט די אַלטע קופּערנע קוואָרט, וואָס ווערט קײנמאָל נישט אַלט, איז פאַרגעסן געוואָרן!...

באַרירנדיק די קוואָרט מיט די ליפּן האָב איך געוואָלט פילן דעם טעם פון די אַלע ליפּן, וואָס האָבן זי אַמאָל באַרירט. איך האָב געוואָלט האָבן דעם געפיל, ווי איך וואָלט דורך אַ קוש מיט יענע ליפּן זיך איבער־געבעטן פאַר די לײַדן, וואָס איך האָב זײ פאַרשאַפט. איצט נאָך אַזויפיל יאָרן פון צעשײדונג.

דורשטיק האָב איך אַ שלוק געטון פונעם וואַסער און געבליבן זיצן מיט דער קוואָרט אין האַנט מיט וועלכער איך האָב זיך נישט געקענט שײדן.

איך געדענק נישט, ווי לאַנג איך בין אַזוי געזעסן מיט דער קוואָרט אין האַנט. מײַנע בליקן האָבן זיך פלוצים פאַרהאַלטן אויף אַ קופּערנעם פאַן. דער מאַמעס פאַן אין וועלכער זי פלעגט קאָכן די שבתדיקע פיש איצט איז די פאַן געווען אָנגעפילט מיט „פאַילאַ" פאַר די פּראָסיאַטעס די חזירימלעך, וואָס האָבן דורך דער הינטערשטער טיר זיך געריסן אין שטוב אַרײַן און נישט אויפגעהערט קוויטשען.

— ווען מײַן טאַטע, אָדער מאַמע וואָלטן עס געזען... — איז אַדורכגע לאָפן אַ שוידערלעכער געדאַנק איבערן מוח. חזירימלעך אין טאַטנס שטוב חזירים אין אַ יידישער שטוב! איז עס מעגלעך? איז עס וואָר? איז עס נישט קײן ווילדער חלום?

אין ווינקל ביים אויוון זענען געשטאַנען די אַלטע קאַטשערע און „ווידלע". דערנעבן אַ לאָפּאַטע, דער מאַמעס לאָפּאַטע מיט אַן אָפּגעברענטן עק פון צופיל נוצן אין פייער בעתן באַקן ברויט. שווער געווען אַראָפּצונעמען די אויגן פון דער לאָפּאַטע. דער מאַמעס ברויט־לאָפּאַטע. און... קעגנאיבער אויף אַ פּאָליטשקע דאָס מעשענע שטויסל און אַן אייזערן דריי־רעדיק פּיסל אויף וועלכן די מאַמע האָט געשטעלט די הייסע טשוגון־טעפּ...

אַ, גאָט! ווי האַלט מען עס אויס! וויז! וויאזוי?! — — —

— אַזוי איז עס דאָ אַלץ געווען ווען איך האָב זיך אַריינגעצויגן אַהער. האָט די פּויערטע געזאָגט באַמערקנדיק, ווי איך זיץ אַ געפּלעפּטע און הער נישט אויף צו באַטראַכטן מיט אַזויפיל אויפמערקזאַמקייט יעדן קעגנשטאַנד — קענסט נעמען וואָס דו ווילסט... איך האָב טאַקע אַנדערש נישט גע־טראַכט... אויב עמיץ וועט זיך אָפּזוכן — איז ביטע!... גאָט זאָל מיך נישט שטראָפן... איך האָב קיינעם נישט געטשעפּעט... נישט צוגענומען... געווען אַזעלכע, אָבער איך... נישט איך!... איך וויל נישט קיין פרעמדס:: זאָלן מיך אַלע הייליקע באַשיצן... פרעמדע טרערן!...

איך האָב געוואָרפן אַ בליק אויף די איקאָנעס און א גרימאַסע־שמייכל האָט זיך צעלייגט אויף מיינע ליפּן. יאָ, ווען מיין טאַטע און מאַמע וואָלטן עס געזען! — האָט ווידער דורכגעשווידערט אַ שרעקלעכער געדאַנק איבער מיין מוח — איקאָנעס אין זייער יידישער שטוב. בין איך דינה, זייער טאָכטער, דאָך פאַרשאָלטן געוואָרן דורך מיין מוטער בעת זי איז געקומען צו מיר אויף אַ באַזוך און באַמערקט די איקאָנעס אויף מיינע ווענט. איז דאָך מיין טאַטע אַנטציטערט געוואָרן ווען ער האָט געזען אויף מיין האַלדז דעם צלימל. ווי שווידערלעך דער גורל האָט זיך אָנגעחוזקט!...

איך האָב קוים אויפגעכאַפּט די רייד פון דער פּויערטע, וועלכע האָט געוווסט, וועמענס טאָכטער איך בין. יאָ. אויך איך האָב געוווסט וועמענס טאָכטער זי איז. איך האָב דאָך גוט געקענט איר פאָטער. דאַנילאַ סטעפּאַ־ניעץ. נישט קיין שלעכטער פּויער געווען. פלעגט אָפט ברענגען האָניק, אָדער פיש צום פאַרקויפן.

— וויאַזוי קומסטו אַהער, אין שטוב פון מיינע עלטערן? — האָב איך אַ פרעג געטון ערנסט — ווער האָט דיר עס איבערגעגעבן?

— מיינע עלטערן זענען געשטאָרבן. עס איז געווען נאָך אַ שריפה. די דייטשן האָבן אונטערגעצונדן דעם דאָרף. אַלס שטראָף פאַר העלפן פאַרטיזאַנער. — האָט געענטפערט די פּויערטע. — נישט אַלע, טייערינקע, האָבן

מיטגעאַרבעט מיט זיי. געווען אויך אַזעלכע, וואָס האָבן רחמנות געהאַט אויף יידן; געפּרוווט אויסבאַהאַלטן זיי. ווייניק געווען אַזעלכע, אָבער דאָך געווען איינצלנע. נישט אַלע מענטשן זענען אַזעלכע שלעכטע... ניין, טייערינקע. נו, האָב איך נישט געהאַט זיך ווו אַהינצוטון. מיין מאַן, טראָפּים, האָט דאָן באַשלאָסן, אַז מיר זאָלן זיך אַריינציען אַהער. ווער ווייס, אפשר וועט זיך נאָך אָפּזוכן שמואליק דער קאַוואַל, דאָך... נישט אַלע זענען אומגעקומען... מיר האָבן געוווסט, אַז עס באַהאַלטן זיך יידן אין די וועלדער, געוווסט, טייערינקע. און... אויב דו ווילסט קענסטו דאָ מיט אונדז פאַרבלייבן. קענסט וווינען מיט אונדז. מיין טראָפּים איז נישט קיין שלעכטער. ער איז איצט אין פעלד. ער וועט זיך פרייען ווען ער וועט זיך דערוויסן, אַז דו ביסט געבליבן לעבן. מיר האָבן נישט ווו צו גיין... אַ צעמישעניש אַזאַ... גאָט זאָל זיי שטראָפן, די מערדער! אַזויפיל אומזיסט בלוט פאַרגאָסן!... דער צווייטער עק דאָרף אין גאַנצן פאַרברענט.

איך האָב געשוויגן. ניין, איך וועל דאָ נישט פאַרבלייבן. איך קען דאָ מער נישט פאַרבלייבן, הגם איך בין צוגעבונדן צו אָט דעם אָרט מיט מיין גאַנצן וועזן. איך וויל נישט שטאַרבן יעדן טאָג, יעדע מינוט, כדי לעבן דאָ מיט דערמאָנונג, מיט די געשטאַלטן פון שוידערלעכן עבר. ווי וועל איך קענען לעבן דאָ? ווי? ווי? ווי?...

איך בין געשטאַנען און געקוקט אין אויוון, ווו עס האָט געטליעט זשאַר און עס זענען געשטאַנען פאַרשידן־אָנגעשטעלטע טעפּ. אַמאָל... איז ביי אָט דעם אויוון, הייסט עס, געשטאַנען מיין מאַמע. דאָס פּנים פון דער מאַמע איז אַזוי צעפלאַמט און מאַמיש־געמיטלעך. עס איז פאַרשטעלט מיט יידישע געקעכצן. פרייטיקצונאַכטס איז דער אויוון געווען פאַרשמירט מיט אַ „זאַסלאָנקע” און עס האָט געשמעקט מיט מאַרגנדיקן טשאָלנט, מיט צוגעברוינטער ציקאָריע, מיט געפילטע פיש. קיינמאָל, קיינמאָל וועט שוין דאָ נישט שטיין מיין מאַמע און עס וועט מער נישט שמעקן מיט שבתדיקער ציקאָריע. עס האָט זיך איצט אַזוי פאַרבענקט נאָך דעם אַלעם. איך האָב דאָך אַזויפיל יאָרן געלעבט אין דער פויערישער וועלט, געווען ווייט דערפון, אָבער גראָד איצט, קומענדיק אַהער אויף קבר אבות, האָט עס מיך ווידער אַ צי געטון צו דעם אַלעם. עס האָט אין מיר אויפגעטויכט די בענקשאַפט נאָך יענע מיידלשע יאָרן, נאָך די יאָרן אין טאַטנס שטוב, ווען איך פלעג יעדן פרימאָרגן הערן זיינע תפילות, זיינע פרימאָרגן־ברכות, מיטן „שלא עשני גוי” און „שלא עשני אישה”, וואָס נישט איינמאָל האָט זיך מיר אויסגעדאַכט בשעת מיין ליבע מיט פּאַוועלן, אַז אָט די ברכות זענען געווענדעט קעגן מיר מיט אים.

אומרואיק בין איך אריין פון קיך צוריק אין עס־צימער, אדער איז „זאל״, ווי מיין מאמע פלעגט עס רופן אמאל. מיינע בליקן זענען געפאלן אויף דער הרובע, ווו איך פלעג אין די ווינטער־נעכט שטיין און זיך וואַרעמען. ביזן היינטיקן טאג האט דער אָרט, ווו איך בין געשטאנען און זיך געוואַרעמט ביי דער הרובע, געגלאנצט פון אויסגעריבנקייט. פאַרקאָוועטע פענצטער און זאוויערוכעס זענען ווי לעבעדיק אויפגעשטאנען פאַר די אויגן. אין דרויסן איז פראסטיק. דער ווינט פייפט אריין אין קומען מיט א וואָל־פישן געוואָי און איך... איך שטיי ביי דער הרובע און וואַרעם זיך, מיט א ביכל אין האנט. עס איז אזוי גוט צו שטיין ביי דער הרובע, פילן די וואַרעמקייט און קוקן, ווי די שנייען־פעדערלעך דרייען זיך פאַרן פאַר־קאָוועטן פענצטער, מיט די אנגעהנאגענע אייז־ליכט. בלויז אייניקע שויבן זענען אפגעלאזן פון דער אינעווייניקסטער וואַרעמקייט. היימישע געמיטלעכע וואַרעמקייט. איצט ווייעט א קעלט פון דער הרובע. אומעט גרילצט אריין פון די שייבלעך. נישט איינמאל האב איך דורך אט די שייבלעך אַרויסגע־קוקט אין אומעטיקן דרויסן און געוואַרט... געוואַרט... געוואַרט...

אויף וואס האב איך דעמאלט געוואַרט. — בענקשאַפטן אַזעלכע מיידל־שע געוועז.

באַמערקט א שרענקל הענגען איבערן וואנט אין מזרח־זייט, בין איך צוגעגאנגען און געבליבן שטיין, ווי פאַר א סייף, ווו עס ליגן פאַרשלאסן א באַרג מיט אוצרות, גיטער־זכרונות. נישט איינמאל האב איך דא אריינ־געשטעלט דער מאמעס זילבערנע לייכטער נאכן אויספוצן זיי. דא זענען אויך געלעגן מחזורים, סידורים און דער מאמעס תחינה. דאס שרענקל האט נישט געהאַט קיין הילצערנע טירלעך, נאר אן אלט פאַרהאנגל איז געהאנגען איבער דעם. דאס פאַרהאנגל איז געווען „צעפינטלט״ פון פליגן־שמוץ און אפגעבלייכט פאַר אלטקייט.

איך האב א הויב געטאן אינסטינקטיוו דאס פאַרהאנגל, וואס איז נאך דא געהאנגען זייט איך געדענק און גענומען נישטערן דאָרט, געזוכט יענע מחזורים און סידורים, וואס זענען מיר איצט אזוי נאענט און טייער געוואָרן צום האַרצן. ליידער, נישט געווען דא מער קיין ספרים, קיין סידורים, קיין מחזורים. מיין האנט האט אנגעטאפט א שטיקל פאפיר. איך האב עס אַרויס־געצויגן. אן אַלטע שמה פון א סידור, מיט גרויס געדרוקטע ווערטער. אן עק פון דער שמה אפגעריסן, אבער פון די איבעריק־פאַרבליבענע אותיות האט אַרויסגעשריגן: שמע ישראל ה׳ אלוקינו ה׳ אחד״...

שטייענדיק מיט דער שמה אין האַנט האָב איך צום ווייפלסטן מאָל געלייענט און געלייענט אָט די ווערטער וועגן אייניציקן יידישן גאָט, וואָס האָט איבערגעלאָזט נאָך זיך אַ זכר אין דער חרוב־יידישער שטוב. אין מיינע אויערן האָט זיך צעקלונגען דעם טאַטנס טיפע שטים, צוזאַמענגעמישט מיט דער שטים פון טויזנטער אַזעלכע ווי ער, וואָס האָבן אויסגעהויכט זייער לעצטן אָטעם מיט אָט די ווערטער אויף זייערע ליפּן.

— שמע ישראל, ה׳ אלוקינו, ה׳ אחד!...

איך האָב פאַרזיכטיק צוזאַמענגעלייגט די שמה און זי אַריינגעלייגט אין בוזעם. זאָל עס בלייבן אַ זכר. דאָס אייניציקע וואָס איך קען פונדאַנען מיטנעמען מיט זיך. „ה׳ אלוקינו ה׳ אחד״...

די פּויערטע האָט באַמערקט די הייסע טרערן אין מיינע אויגן און אָפּגעקערעוועט איר פּנים אין אַ זייט, צו איר קינד.

איך געדענק נישט ווי לאַנג איך בין אַזוי געזעסן געפלעפּט. אַ פרעמדע אין מיין טאַטנס שטוב. ווייל איך האָב נישט געוואָלט זיך אויפהויבן און אַנטלויפן פונדאַנען — און נישט געקענט. אין מיינע אויערן האָבן געראַוישט דעם טאַטנס תפילות. הערשעלעס גמרא־ניגון און מאַמעס ליכט־בענטשן. גיטעלעס לערנען די שירים פון „עולם הילדים״. אָט באַלד וועל איך דערהערן דעם טאַטנס טריט. דאָס קלאַפּן פון האַמער און קאָוואַדלע אין קוזשניע. אָט באַלד!...

מיט די לעצטע כוחות האָב איך זיך אויפגעריסן פון מיין אָרט און אַרויס אינדרויסן. די קוזשניע איז געשטאַנען שטום. מנשהס מיל־לאָפּאַטעס האָבן זיך געדרייט לאַנגזאַם־לאַנגזאַם און די קלויסטער־שפּיצן האָבן געגלאַנצט אין פאַרגייענדיקע זון־שטראַלן.

גאָט! ווי טראָגט מען עס אַלץ אַריבער! זע וואָס דו האָסט אויפגעטון פון דיינע גלויביקע און אומגלויביקע איינינעם! נישט געמאַכט קיין אונטערשיד. פאַרוואָס?

מיט דער דאָזיקער ברענענדיקער פראַגע אויף די ליפּן האָב איך זיך געלאָזט פאַרויס. געגאַנגען און זיך ווידער אָפּגעשטעלט. מיט וויינענדיקע בליקן זיך געזעגנט מיט די באַגראָבענע און אויף אַ ווײַלע ווידער־אויפגעלעבטע זכרונות פון קינדער־יאָרן, פון עלטערנס היים.

— אַדיע טאַטנס שטוב! פאַרבלייב אומשטערבלעך קוזשניע פון אויס־געלאָשענע פונקען! אַדיע געבורטס־דאָרף מיט די טרויעריק־שטומע זכרונות! אייביק וועט איר לעבן אין האַרץ כל זמן אָט דאָס האַרץ וועט שלאָגן! זאָלן

בייזע שטורעמס צעטראָגן מיין קללה צו די אַלע, וואָס האָבן פאַרוואַנדלט דעם טאַטנס היים אין אַ פרעמדער, אין אַ מזוזה אויף אַ פרעמדער טיר! אַש זאָל ווערן! אַש... אַש... אַש:.

ווען איך האָב זיך אומגעקערט, כדי אַ לעצטן מאָל אַ בליק טון אויף טאַטנס היים האָב איך באַמערקט, ווי די פויערטע שטייט אין טיר, איבער־לייגנדיק איר קינד אויפן צווייטן אָרעם. זי איז געשטאַנען און מיך נאָכ־געקוקט, ווי מען קוקט נאָך איינע וועלכע איז פלוצים אַראָפּ פון זינען, אַ וואַנזיניקע, וואָס לויפט איבער פרעמדע גאַסן און זוכט דעם נעכטיקן טאָג...

## אין ווילדן וואַלד אַליין

איצט בין איך געגאַנגען צו מיין גאַיוווקע. אַהין — צו מיין איינציק פאַרבליבענע קינד צו יורעקן. ווי ער וועט עס זיך פרייען מיט מיר. וויאַזוי זעט איצט אויס מיין אייגענע היים פון וועלכער איך בין אַזוי אומברחמנותדיק אַרויסגעריסן געוואָרן — אין אַלץ איז פאַראַן אַזויפיל נייגיר.

איך גיי נישט, נאָר ווער געטראָגן ווי אויף פליגל. מיינע פיס זאָגן זיך אָפּ צו גיין גיך, אָבער מיין ווילן האָט נאָך אַלץ איבער זיי די שליטה און איך גיי. שטעל זיך אָפּ אַ ווײַלע כדי איבערכאַפּן דעם אָטעם און גיי ווייטער.

אָט איז שוין דעמידאַווקע. דאָ בין איך געפירט געוואָרן צום שמד. דאָס דאָרף האָט זיך גאָרנישט געענדערט. אויך דער קלויסטער נישט. די פויערים קומען מיר אויס זאַטע אַזעלכע, אָבער איך לייג נישט קיין אַכט אויף קיינעם און גאַנץ שנעל בין איך אויסערן דאָרף.

און אָט איז שוין דער וואַלד.

וואלד און פרילינגס־ווינטל.

שטייט דער וואלד אזוי געהיימנישפול, אזוי פרילינגדיק שטיל. שאָקלען זיך די ביימער־שפיצן און פויגעלעך טרילן איבער זיי. ערגעץ קלאַפּט אַ פּי־פערנאַטער אין שטאַם פון א בוים. שנאַבלט אָן אויפהער און זשאַבעס קוואַ־קען אין דעם נישט ווייטן סטאַוו. קוואַקען ווי אַמאָל. ערב אַ רעגן, אָדער אויס פרילינגדיקער פרייד, בלויז פאַר מיר איז דער פרילינג אַריינגעטראָטן אין האַרבסט. פרילינגדיקער האַרבסט.

איצט בין איך אין וואַלד. ווידער היימישער וואַלד, וואָס איך האָב אַזוי ליב געהאַט. באַזונדערס אין די דאַזיקע טעג ווען אַלץ צעבליט זיך אויפ־

סניי. ווידער היימישע שטעגן. אָט דאָ פלעג איך גיין קלויבן יאַגדעס און שוואָמען און ...דאָ האָב איך געטראָפן מיין טאַטן, וואָס איז געקומען איינ־שטעלנדיק זיין לעבן, כדי מיך צוריקקערן צו זיין שטאָם. דוכט זיך איך זע אים דאָ מיט דער טאָרבע אויף די פּלייצעס און שטעקן אין האַנט. „נעם טאַטע טו אָן דעם צלימל און איך וועל דיר אויסלערנען אַ מאַדליטווע. מיט אַזאַ אויסזען קענסטו זיכער איבערקומען דעם קריג”. „ניין, טאַכטערל, נישט צוליב דעם בין איך געקומען צו דיר. נישט צוליב דעם. איך וויל דו זאָלסט זיך צוריקקערן. די העכסטע צייט פון תשובה. „גוואַלד, טאַטע, וואָס רעדסטו? איך קען אייך ראַטעווען! איך”... „ניין, טאַכטערל. ניין, איך בין נישט קיין בן יחיד ביים רבונו של עולם... וואָס מיט כלל ישראל, דאָס וועט זיין מיט מיר. מיר וועלן זיך שוין קיינמאָל נישט פאַרשטיין. קיינמאָל!”...

אָה, ווי איך האָב דיך נישט פאַרשטאַנען, טאַטע. ווי דו האָסט אויך מיך נישט פאַרשטאַנען. איצט פאַרשטיי איך דיך אַזוי גוט. צו־גוט!...

איך שפּאַן דורכן וואַלד צו מיין גאַיוווקע און עס דוכט זיך מיר, אַז מיין טאַטע שפּאַנט צוזאַמען מיט מיר. גייט מיך נאָך. רעדט עפּעס צו מיר, נאָר איך פאַרשטיי נאָך אַלץ נישט זיין שפּראַך. בשום אופן נישט!...

איך האָב זיך באַזינט ווען איך בין געבליבן שטיין ביים פּלויט פון דער גאַיוווקע. דאָס איז מער נישט געווען דערזועלבער פּלויט. בלויז אַ סימן פון יענעם שטאַכעטן־צאַם, וואָס איז אַמאָל באַוואַקסן געווען מיט פאַרשידנ־קאָלירעדיקע בלומען. דאָס גערטנדל פּוסט. בלויז די בוימער בליען אין זייער פרילינגדיקן געבלי, ווי זיי וואָלטן געוואַרט עמיץ זאָל זיך אָנזעטיקן מיט זייערע צוויטן. בוימער געפלאָנצטע דורך מיינע הענט.

נאָך אַ פּאָר טריט און איך בין ביים טירל צום הויף. דאָס טירל הענגט אויף איין זאַוויאַסע, ווי אַ הינקענדיקע גאַנדז. טרייסלט זיך פון ווינטל און לאָזט אַרויס אַ שטומפּיקן סקריפּ. מיין האַרץ שלאָגט אָן אויפהער. קלאָר, קיינער וווינט דאָ נישט מער. איך גיי צו צו דער טיר פון הויז. אַ שלאָס הענגט איבער איר. טויט אַרום. שטיל. פאַרנאַכלעסיקט־אָפּגעלאָזן אַלץ. שטייט דאָס הויז, ווי אַ פאַרלאָזענער שלאָס און זיינע פענצטער קוקן אַזוי כמורנע אין שטילן הויף אַריין. אַזוי מוראדיק קוקן די פענצטער. געהיימ־נישפּול. אייניקע שויבן צעבראָכן און עס בלאָזט אַריין אין זיי דער ווינט.

א פּחד האָט מיך אַרומגענומען צו מיין אַלטער היים. צו מיין אייגענעם שוועל. ווו איז יורעק? מסתמא ביים זיידן. ביי אַלעקסייען. איך בין זיכער אין

דעם. דאָ איז אַלץ טויט. איך מאַך אויף א פענצטער און קום אַריין אינווייניק. דאס הארץ זעצט אָן אויפהער. איך מאַך באַמיאונגען זיך באַהערשן. יעדער שמער פון ווינט יאָגט אָן אויף מיר א מורא. דוכט זיך עמיץ גייט ארום איבער די צימערן. דא איז אלץ פארלאזן און פארנאכלעסיקט. א פאָר צעבראָכענע בענקלעך און אַלטע געשיר, וואָס קען מער צו גאָרנישט נוצן. אנגעהויפטע מיסט, וואס די ווינטן האבן אריינגעטראגן.

אָט דאָ, אין דעם צימער, בין איך געשלאפן מיט פּאוועלן. פאַרבראַכט נעכט פון ליבע. און דא... דאָ זענען געשלאפן די קינדער. איצט איז פּאוועל טויט. מיקאלאי איז טויט. בלויז יורעק לעבט נאָך. ער מוז לעבן. וואָס דען? בין איך שוין טאַקע עלנט ווי אַ שטיין. אין ווילדן וואלד אליין?...

שווער צו גלויבן.

איך בין ווידער אין הויף. וואָס זוך איך נאָך דאָ? — ווי אזוי שיידט מען זיך מיט מיין הויף? דאָס איז דאָך אַלץ אייגנס. אזויפיל פּראַצע און אזויפיל זכרונות. נישטאָ דוכט זיך קיין גרעסערער האַרץ־ווייטאָק ווי דערמאנונגען, זכרונות. — גוטע צי שלעכטע — וואָס מען קען זיי מער נישט אויפלעבן. אך, ווי עס טוט באַנג! ווי עס טוט באַנג, וואָס די בעסטע יארן זענען אַוועק דאָ אין ווינטער־זאַוויערוכעס און זומערדיקע רעגנס. אַלץ האָט דאָ אויפגע־לעבט צוריק. בלויז זיי, די זכרונות קענען מער נישט אויפגעלעבט ווערן.

איך שפּאציר ארום איבערן הויף און קען נאָך אלץ נישט אוועק פונדאַנען. אָט דאָ אין דעם איצט פארלאזענעם שייער האָב איך געפּרווט דערלאַנגען הילף א פארוואָגלטער יידישער משפחה, וואָס האָט זיך געראַטעוועט דורכן דאַך. אָט דאָ אין די שטאלן האב איך זיך געגריסט מיט מיינע קי, שאָף און חזירימלעך...

און דא... דאָ האָב איך געשאָסן אין אים. אָט דאָ אויף אָט דעם אָרט איז ער געפאַלן און אויסגעלאָשן געוואָרן צוזאַמען מיט דער לאמטערן. דוכט זיך, עס קלינגען אָפּ אין מיינע אויערן מיינע אייגענע ווערטער. „יאָ, איך לעב... איך לעב און בין געקומען נעמען נקמה, מאַכן אַ לעצטן חשבון מיט דיר". דוכט זיך, אז איך הער נאָך אניושקעס געשרייען: „האָך ליודאנקי, ראַטעוועט! באַנדיטן! פאַרטיזאנער! פאווליוק! פאווליוק מיינער!"... ווי לעכערליך! פאווליוק מיינער! קראסאוויצע מיינע!... וווּ איז זי ערגעץ די קראסאוויצע? ווו?...

אַ צעבראָכן לעבן! צעבראָכן, ווי די קאריטא ביים ברונעם פון וועלכן איך האָב געשעפּט טאָג איין טאָג אויס די עמער וואַסער. צעבראָכן, ווי די בודע

פון מיין ליבן הונט בורעק, וואָס שטייט איינגעוואָלגערט אונטער זיך. בורעק! ווו איז בורעק? מיין ליבער הונט, מיין פריינד בורעק? מיין מענטשלעכער הונט!...

איך קוק אריין אין ברונעם. אנגעהויפט מיט שטיקער שפענער, שטעקנס און שטרויאפפאל. א פליעסניע שטייט איבערן וואסער פון וועלכן איך האָב אזויפיל געטרינקען. איך וויל נישט גלויבן, אז דא איז מער קיינער נישטאָ. איך גיי נאָך אמאל צו דער בודע און זוך. ניין, דער הונט איז דא מער נישטאָ. בלויז די קייט הענגט האלב־אָפּגעריסן. די קייט און די בלעכערנע גריק־עמייל־שיסעלע, צעלעכערט.

עס ווערט לעבעדיק יענער פרימארגן ווען איך האָב געצערט די הינער און בין פון דאַנען אוועקגעריסן געוואָרן, איבערגעגעבן דורך אים, דורך מיין „געליבטן״ פּאווּעל!

„האך, דוניעטשקא, ווי איך ליב דיך! די גאנצע וועלט בין איך גרייט אונטערצוגדן!... זאָל נאָר עמיץ פּרובירן דיך באַרירן... אפילו דיין אייגענעם טאַטן, דיין באַטקאַ!״... צעקלינגען זיך ווערטער־גלעקער.

פאַרוואָס קלינגען אזוי אין מיינע אויערן אָט די אפגעהאקטע ברעקלעך געדאַנקען־ווערטער? איז עס דער ווינט, וואָס רוישט צווישן די ביימער אין וואלד און ברענגט מיר אָט די ווערטער אין די אויערן?

ניין, איך האָב אויך דאָ נישט וואָס צו טאָן. דעם עבר וועל איך מער נישט אויפלעבן. ווער ווייס צי איך וויל אים בכלל אויפלעבן מער. ער לעבט במילא אין מיר. אין מיין גאַנצן וועזן. וואָס גיכער אַוועק פון דאַנען! מען דאַרף אַוועק. אויף אייביק. אַזוי ווי איך בין אַוועק פון מיין טאַטנס היים. איך האָב מער נישט קיין היים. פאַרברענט. פאַרטריקנט. פאַרוואָקסן מיט שימל, ווי אָט דאָס וואָסער אין ברונעם. פוסט, ווי דאָס הויז, ווי אָט דער הויף, וואָס איז מיר היימיש־פרעמד אַזוי איצט.

מיט ווייטיקדיקע טריט לאָז איך זיך גיין צוריק פון מיין אַמאָליקער היים, פון דער גאַיעווקע. עס שרעקט דאָ אַלץ. ווי טויזנטער רוחות וואָלטן דאָ אָנגעיאָגט געוואָרן פון די וואַלד־טיפעניש. איך בין ווידער ביים פלויט. יאָ, נישטאָ דאָ מער וואָס צו טאָן. אומזיסט זוך איך דאָ נאָך עפּעס וואָס אַזעלכעס, וואָס קען מער נישט זיין, וואָס קען מער נישט אויפגע־לעבט ווערן.

ענדלעך האָב איך זיך אָפּגעריסן פון פלויט, פון מיין היים און געלאָזט זיך גיין איבער וואַלד און פעלד צו מיין אַמאָליקן שווער, צו אַלעקסייען. דאָרט וועל איך זיכער טרעפן מיין איינציק־פאַרבליבענעם זון, יורעקן.

ווי אַ ווילדער האָב איך זיך געטראָגן אַהין און קוים דערגרייכט אַלעקסייס כוטאָר. איך בין געבליבן שטיין אַ צעטומלטע ביים כוטאָר. איך גלויב נישט מיינע אויגן. איך שטיי און קוק זיך איין:

הינטערן שייער אַ קאַסטיאָר אויפגעלייגטע האָלץ און דערנעבן — אַ קלאָץ אין וועלכן עס שטעקט אַריינגעשניטן אַ זעג. הינטער דער סטריכע אָנגעלייגטע בעראָזע־געהילצער און „קאָזלעס". ביי דער פריזבע פון כאַטע — קליינע חזירימלעך און איבערן הויף אַ הון מיט פריש־אויסגעפירטע הינדלעך. די הון גראָבלט זיך אין מיסט, הערט נישט אויף צו קוואַטשקען און היטן ווי אַן אויג אין קאָפּ אירע קינדערלעך. ווי נאָר זי געפינט אַ קערנדל אַזוי נעמט זי רופן צו זיך די הינדעלעך, וואָס טומלען זיך אַרום איר גליקלעכע...

אַ שפּאַצירנדיקער האָן מיט אַ רויטן קאָם איז פּלוצים אַרויפגעשפּרונגען אויפן פּלויט און זיך בענקענדיק צעקרייט מיט אַ לאַנג־אויסגעצויגענעם געקריי. דערזעענדיק אַ פרעמדן ביים הויף האָט אַ קליין הינטל פון ערגעץ פאַרן שייער, אָדער שטאַל אַרויסגעלאָפן און זיך הילכיק צעבילט אויף מיר.

— סווי, אַן אייגענער!... אַן אייגענע!... — האָב איך אַרויסגעמורמלט צום הינטל. געגנוי אַזוי האָט דאָך מיין מאַמע אַמאָל געקומען צו אַלעקסייען מיך אַרומזוכן און אַלעקסייס הונט ראַבטשיק האָט זי שיער צעריסן.

דאָס הינטל האָט נישט אויפגעהערט בילן, גאָט, פאַרוואָס זעט מען קיינעם נישט? איז עס אפשר נישט אַלעקסייס כוטאָר? ניין, עס איז די כאַטע פון אַלעקסייען. וויפל מאָל בין איך אַהער געגאַנגען זוכן פּאַוועלן. דאָ נישט ווייט וווינט סעריאָזקאַ. פּאַוועלס חבר. צי לעבט ער נאָך? און זי, אדארקא? איך וואָלט אַזוי נישט געוואָלט עמיצן פון זיי דאָ אָנטרעפן. געגנוג געהאַט זיי פאַר זיך. געגנוג.

אַ פענצטער האָט זיך אויפגעפּראַלט. אַ הייזעריקע שטים האָט גערעדט צום הינטל:

— וואָס בילסטו אַזוי, ראַבטשיק? (אַנדערע ראַבטשיקעס!...) באַזשע! איך בין אַזוי קראַנק. ווער איז דאָרטן, האַ? געמיינט, אַז ער בילט סתם אַזוי אין דער וועלט אַריין...

— דאָס בין איך. איך... — האָב איך אַרויסגעשטאַמלט — מאַריאַ! איך!...

מאריא האָט זיך איינגעקוקט אין מיר. נישט דערקענט. אויך איך האָב זי קוים דערקענט. פאַר דער צייט איז זי אַלט געוואָרן. דאָס פּנים געקנייטשט. בלייך.

— דאָס בין איך... דוניא! איך!... — האָב איך איבערגעחזרט מיט אַ

ציטערדיקער שטים — איר דערקענט מיך נישט? — האָב איך זי אָנגע־קוקט שטייענדיק ביים פענצטער און נישט ווינסדיק ווי זי אָנצורופן — אויפן נאָמען אָדער...

— דו... דוניאַ?! — האָט זי כמעט אויסגעשריגן — דו?... דוניאַ! דו לעבסט? דו ביסט געבליבן לעבן? באַזשעו! ביסט נישט טויט?!...

— ניין, מאַריאַ, איך בין נישט טויט, איך לעב. ווי דו זעסט. וווּ איז יורעק?

מאַריאַ איז ווי געליימט געוואָרן. זי האָט נישט געקענט אַרויסברענגען קיין וואָרט פון מויל. אָנגעקוקט מיך מיט שרעק און אומצוטרוי, ווי איך וואָלט געווען אַ גייסט, אַ געשפּענסט, אָדער איינע, וואָס איז נאָר וואָס אויפ־געשטאַנען תחית המתים, ווי איר יעזוס ווען מען האָט אים געקרייציקט...

זי האָט זיך איבערגעצלמט און, דוכט זיך, געוואָלט שנעל צוקלאַפּן דעם פענצטער אויס מורא, אַז איך בין נישט קיין לעבעדיקער מענטש נאָר אַ גייסט פון יענער וועלט. איך האָב עס פאַרשטאַנען און נישט ווילנדיק זיך צעשמייכלט.

— האָב נישט מורא, מאַריאַ, מאַ... איך לעב. איך בין נאָר וואָס אַרויס פון די וועלדער. יורעק ווייס, אַז איך לעב. יאָ, ער האָט געוווּסט וועגן דעם. וווּ איז ער? וווּ איז אַלעקסיי?

ערשט איצט איז די אַלטע געקומען צו זיך. זי האָט זיך שטאַרק צע־וויינט און אַרויסגעלאָזט אַ טיפן קרעכץ, וואָס האָט מיך אומרואיק געמאַכט. אפשר חלילה עפּעס געשען מיט יורעקן. מיין איינציקע טרייסט צוליב וואָס איך בין דאָך געקומען.

— ער איז אין פעלד, טייערינקע. — האָט זי אַרויסגעשטאַמלט — הייסט עס, אַז דו ביסט געבליבן לעבן. זיך אויסבאַהאַלטן. דער אויסלייזער אַליין האָט דיך געראַטעוועט. אַלע הייליקע. קום אַריין אין שטוב, טייערינקע. מסתמא ווילן זיי באַלד אָנקומען. ביסט זיכער הונגעריק. האָך... האָך... האָך, אַזוי פיל צרות. אַזוי פיל צרות וואָלט עס זיך פּאַווליוק געפרייט האָך, ווי ער וואָלט עס זיך געפרייט! — איז זי ווידער אַרויס מיט אַ יאָמערדיקן געוויין, ווי זי וואָלט באַגלייט אַ טויטן.

— יאָ, אַלע הייליקע... דער אויסלייזער אַליין... — האָב איך געזאָגט מיט אַ קוים הערבאַרער שטים און אַריין אינעווייניק. מאַריאַ האָט נישט אויפגעהערט וויינען. אין כאַטע איז געווען דושנע און עס האָט געשמעקט מיט טרוקענע יאַגדעס. אויף אַ האַק אין אַ ווינקל זענען געהאַנגען בינטלעך

רויטע „קאַלינעס". פאַרשימלטע איקאָנעס און וואַנט־גרויקייט. מיר איז איצט מער גאָרנישט אָנגעגאַנגען. איך האָב געוואָלט וואָס שנעלער זען מיין קינד, מיין יורעקן.

— ווי זעט ער אויס? — האָב איך אַ פרעג געטאָן מיט אַ ציטער אין האַרצן.

— וויאַזוי... אך, טייערינקע — האָט זי גערעדט ווי פאַר זיך און זיך גלייך געלאָזט מיר דערלאַנגען עפּעס עסן צום טיש — אַ גאַנצער זשעניך געוואָרן, אַ חתן־בחור. בלויז מיקאַלאַי האָט ביזן היינטיקן טאָג זיך נאָך נישט אָפּגעזוכט. ווער ווייס ווו ער איז אַהינגעקומען, טייערינקע. פאַרפאַלן געוואָרן אָן שפּורן. אַנדערע זאָגן, אַז מען האָט אים געזען אין די וועלדער. ווער ווייס. שלעכטע חברים, טייערינקע. באָזשע, באָזשע, וואָס עס האָט זיך אויפגעטון. אַ וועלט־איבערקערעניש. נאָך גוט וואָס דו ביסט כאָטש געבליבן לעבן... נאָך גוט...

— זייער גוט...

— גאָט זאָל זיי שטראָפן די מערדער פאַר מיין זונס פאַרגאָסענעם בלוט — האָט די אַלטע מיט איבעררייסן געוויינט — וואָס האָט ער עמעצן שלעכטס געטון, וואָס? פאַרוואָס האָבן זיי אים דערהרגעט, פאַרוואָס?

— ווער האָט אים דערהרגעט? — האָב איך געפרעגט גלייכגילטיק — ווער און פאַרוואָס?...

— פאַרטיזאַנער! באַנדיטן! ווער דען? ער האָט דאָך קיינעם קיין שלעכטס נישט געטון. פאַרזען ווער עס האָט אַ בוים אָראָפּגעהאַקט. זיך נישט געקריגט מיט קיינעם.

אירע ווערטער האָבן מיך געשטאָכן ווי מיט נאָדלען. צי ווייסט זי דען נישט וואָס ער האָט געטון צו איר יידישער שנור, וועלכע זיצט איצט ביי איר אין שטוב? האָט זי נישט געהערט ווען אלעקסיי האָט אים געשטראָפט הלמאי ער האָט מיך אויסגעגעבן צו די ס. ס.־לייט?

אין שטוב איז געוועזן שטיל און מאַריאַ האָט ווייטער גערעדט. אָראָפּגערעדט זיך פון האַרצן זייענדיק זיכער, אַז איך ווייס פון גאָרנישט. אירע ווערטער האָבן זיך געצויגן, ווי קאָלירטע סטענגעס פון מויל ביי אַ האָקוס־פּאָקוסניק...

— ער (ס'הייסט פּאַוועל) האָט דאָך נישט אויפגעהערט רעדן איבער דיר. ווי ער האָט עס געבענקט! ווי ער האָט עס דיך אַרומגעזוכט בעת די דייטשן האָבן דיך אַוועקגענומען. אַ גאַנצן טאָג און נאַכט האָט ער פאַר

גרויס צרות געשיכורט. נישט געקענט איבערטראָגן דעם ווייטאָק... האך... האך...

— ער האָט מיך לאַנג געזוכט? — האָב איך אַ פרעג געטון אָן פאַר־דרוס — בין איך אים געווען אַ שאָד? דאָך אַ יידישקע...

— האך טייערינקע... — האָט די אַלטע זיך אויסגעווישט די טרערן פון די אויגן — ער האָט דאָך דיך אַזוי געליבט. און נישט נאָר ער — נאָר מיר אַלע. דו ביסט דאָך פּאָרט געווען, ווי אַן אונדזעריקע... אַ באַלעבאָסטע... האך, פּאַווליוק! זון מיינער! פאַרוואָס איז דיר געקומען אומקומען פאַר דער צייט, פאַרוואָס? פאַרוואָס?...

מאַריעס ווערטער האָבן זיך אָפּגעשלאָגן אין מיינע אויערן, ווי טעמ־פּער גלעקער־געקלאַנג. עס האָט מיך אויפגערעגט און פאַרדראָסן. אָ, ווי איך וואָלט געוואָלט אויסשרייען, זאָגן איר, דערציילן וועגן אַלץ, אָבער ניין, עס איז נישט קיין צייט דערצו. דאָס וועט מיין לאַגע נישט ענדערן. איבעריקנס, וואָס גייט זי מיר אָן מער? מיר אינטערעסירט דאָ איצט בלויז איין נפש — מיין קינד. מיין יורעק.

יעדע ווײַלע האָב איך געבליקט אין פענצטער צי ער קומט שוין אָן מיט אַלעקסייען פון פעלד. איך וואָלט געלאָפן צו אים אין פעלד, נאָר איך בין שרעקלעך מיד. דערצו האָב איך מורא טאָמער וועלן מיר זיך אויסמיידן. איך האָב כמעט נישט געהערט מער וואָס מאַריאַ רעדט צו מיר. אירע רייד זענען מיר איצט מער נישט אָנגעגאַנגען. בלויז וועגן זי האָט יעדע ווײַלע דערמאָנט מיקאַלייען, וואָס איז פאַרלוירן געגאַנגען אָן שפורן, האָב איך דערפילט אַ שטאָך אין האַרצן. מיין מויל איז געווען פאַרשטומט. אַ מידקייט איז אויסגעגאָסן געווען אויף מיין גאַנצן וועזן. איך וואָלט אַזוי אַ פאַל געטון און איינגעשלאָפן, כדי אויפזאַמלען פרישע כו־חות בעת דער באַגעגעניש מיט מיין איינציק־פאַרבליבענער טרייסט — מיין זון.

ענדלעך האָב איך דערהערט אַ סקריפּ פון רעדער און האָב אויפגע־ציטערט. איך בין צוגעלאָפן צום פענצטער, וואָס האָט אַרויסגעקוקט אין הויף און דערזען אַ וואָגן געשפּאַנט אין אָקסן. אויפן וואָגן איז געזעסן אַן אַלטער פויער נעבן אים אַ יונגער בחורעץ. ער האָט געהאַלטן פאַר די לייצעס־שטריק און גלייכגילטיק זיך געשאָקלט צום געטרייסל פון וואָגן.

— יורעק!!! — האָב איך אויסגעשריגן — מיין קינד יורעק!!! מיין...

איך האָב דערפילט אַ וואַרעמקייט אַרום מיין האַרצן. די אויגן זע־נען א ווײלע פאַרנעפּלט געוואָרן. גלייך איך וואָלט אויסגעטרונקען ראַפּ־טאָוגע אַ גלאָז שטאַרקן וויין. איך האָב דערפילט אַ היץ אין קערפּער. מיט מיין גאַנצן אימפּעט בין איך אים געלאָפן אַנטקעגן.

— מאַ־מאַ! מא... דו לעבסט?... האַך!...

איך האָב אים אַרומגעכאַפּט אין מיינע אָרעמס און הייס צוגעדריקט צו מיין האַרצן. איך האָב אים געקושט און געוויינט. ער האָט געשמייכלט אין פאַרלעגנהייט.

— מאַמאַ! מאַ־מאַ!־...

— זון מיין טייערער! — האָב איך נישט אויפגעהערט אים האַלדזן און קושן. עס האָט געזעצט פון אים מיט פעלד־ריח און פאַשע. ער האָט מיר אויסגעזען ברייטפּליציק און שטאַרק אַרויסגעוואַקסן פון זיינע לייוונ־טענע הויזן און קורטאַשל. די לייוונטענע העמד צעכראַסטעט. די בלאָנדע טשופּרינע אָפּערגעשאָרט אין א זייט און דאָס יינגלשע פּנים נאָך מער צעשפּרינקלט מיט שקצישע זומער־שפּרינקעלעך.

אַלעקסיי איז געשטאַנען אין אַ זייט אַ צעטומלטער. ווער איז די פּרוי, וואָס לאָזט נישט אָפּ אַזוי פון יורעקן? דאַן איז ער צוגעגאַנגען צו מיר און מיר אויסגעשטרעקט די האַנט מיט געוויסער צוריקגעצויגנקייט:

— אומגלויבלעך! אומגלויבלעך! לעבסט הייסט עס? האַך, דאַטשקאַ, טאָכטער...

אין זיינע אויגן האָבן זיך באַוויזן טרערן. זיינע גרויסע וואָנסעס האָבן געציטערט פון אינערלעכער געריידטקייט. די זעלבע פאַרגעלבטע מיט ניקאָטין — וואָנסעס און אַנגעכמורעטע ברעמען, וואָס זענען נאָך גרויער געוואָרן. ער האָט מיך באַטראַכט און נישט געגלויבט. און אויך איך — איך האָב נישט געגלויבט, אַז ענדלעך האָט מיך דער גורל ווידער גע־בראַכט אַהער. אפשר צום לעצטן מאָל...

מאַריא, וועלכע איז גלייך אַרויס נאָך מיר אין הויף, איז געשטאַ־נען און מיטגעוויינט קוקנדיק, ווי איך הער נישט אויף צו באַגיסן זיך מיט טרערן.

— וואָס ווייגסטו, באַבושקאַ, האַ? — האָט יורעק געזאָגט צו מאַריען

— נו, זיי צופרידן. ענדלעך האָט מיין מאַמאַ דיך אָפּגעזוכט.

מאַריאַ האָט געשאָקלט מיטן קאָפּ און נישט אויפגעהערט זיך ווישן די טרערן פון די אויגן. אַלעקסיי איז נאָך אַלץ געווען שטאַרק גערירט פון דער אומגעריכטער באַגעגעניש.. ער האָט געהאַלטן זיין אַראָפּגענומענע קוטשמע אין האַנט און יעדע ווילע זיך אַ שאַר געטאָן איבער זיינע פאַרשוויצטע גרוילעכע האָר און פאַרגעלבטע וואָנסעס. עס האָט געמאַכט דעם איינדרוק, ווי ער וואָלט נאָר וואָס געקומען אין אַ צערקווע און גרייט געווען זיך מאָדליען איבער דער אָנטפּלעקטער הייליקער מאַדאָנע...

— עך צייטעלעך, צייטעלעך אַנגעשטאַנען... — האָט ער געזאָגט אַ קראַץ טונדיק זיך אין פּאַטילניק — געמאַכט אַ סך הכל אָט דער פּראַקליאַטער נימעץ, אַ רוח אין זיין טאַטע און מאַמע אַריין. עך, ווען אונדזער מאַזעל וואָלט געלעבט.. אַזאַ ריז. אַ גוטע טראַסציע אין זיי... אומגליקלעך געמאַכט די וועלט, אַזוי צו זאָגן!...

אַ רגע איז אין הויף געוואָרן שטיל. אַ פּלוצימדיקע שטילקייט. אַלע האָבן געשוויגן, פאַרשטומט געוואָרן, ווי מען וואָלט זיך נאָר וואָס צוריקגעקערט פון אַ לוויה.

— נו, געננג דיעדושקא (זיידע). — האָט יורעק געזאָגט איבעררייסנדיק די שטילקייט — אבי די מאַמע איז כאָטש געבליבן לעבן.

— יאָ, איך מיין... אַזוי צו זאָגן... — האָט דער אַלטער אַלעקסיי געזאָגט נישט געפינענדיק מער קיין ווערטער — אָט איז מיקאַליי פאַרפאַלן געוואָרן אָן שום שפּורן... עך־עך!... אַ מלחמהלע גאַרנישט אויף קיין קאַטאָוועס געווען. גאָטס שטראָף אויף די מענטשן. — האָט ער זיך ווידער איבערגעצלעמט.

איך האָב געשוויגן, נישט אויפגעהערט קושן מיין זון און אים טוליען צו זיך.

גייענדיק אין שטוב, האָט יורעק אַ זאָג געטאָן צו מיר שטיל:

— עך מאַמאַ, געמיינט אַז דו לעבסט שוין נישט... ווו ביסטו דעמאָלט פאַרשוווּנדן געוואָרן. האַ? איך האָב אויף דיר געוואַרט, יעדי באַהו, איך האָב דיר דעמאָלט אַרויסגעטראָגן גאַנצע צוויי לאַבנס ברויט. אַ פּאָר מאָל בין איך אַרויס און דיך אָפּגעוואַרט, אָבער איך האָב דיך מער נישט געטראָפן. איז ווו זשע ביסטו געווען מאַמאַ, האַ? איך האָב געמיינט, אַז אפשר האָבן דיך די וועלף אויפגעפרעסן. דאָך אַזוי פיל חיות אין וואַלד...

— די חיות האָבן מורא געהאַט פאַר מיר... — האָב איך געשמייכלט

דורך טרערן — האָסט געוואָרט, מיין זון, וואָס? איך האָב געוווסט, אַז דו וועסט וואַרטן. ביסט ביי מיר אַ גוט קינד, יורעק... ווי אַמאָל...

אַריינקומענדיק אין שטוב האָט אַלעקסיי אויסגעטאָן פון זיך זיין גראָבן קורטאַש, אויפגעהאַנגען אויפן האָק און גענומען פאַרויכערן זיין ליולקע מיטן בלעכענעם דעקעלע. דיזעלבע ליולקע. די ליולקע האָט זיך נישט געענדערט. דער ציבוק בלויז אַ ביסל מער פאַרגעלבט ביי די ליפּן. ער האָט אויפן זעלבן שטייגער אויסגעקרעשעט פּייער פון זיין „אַגניוואָ" און „גובקע", געזויכערט, געשפיגן און נאָכן אָוועקזעצן זיך פאַרן טיש, גערעדט מיט אָפּגעהאַקטע ווערטער:

— ביסט אַ העלדין, דוניאַ, יעי באָהו, אַ העלדין, אויב דו האָסט זיך געקענט אַרויסראַטעווען פון דיערע הענט. קיינער, קיינער פון די יידן האָט זיך נישט געראַטעוועט. אויך אַ סך פּויערים זענען דערשאָסן געוואָרן. אַ צעמישעניש זאָג איך דיר, אַזוי צו זאָגן. אַ צעמישעניש און שוין...

איך האָב געשוויגן. אַלעקסייס ווערטער האָבן זיך נישט געקלעפּט צו מיינע אויערן. איך האָב זיך געזעצט נעבן יורעקן און נישט אויפגעהערט אים גלעטן איבער די האָר, אַריינגעקוקט אין די לויטערע אויגן, געוואָלט אַרויסלייענען פון זיי זיינע געפילן צו מיר. איז ער נישט פאַרפרעמדט געוואָרן, ווי דאָן, ווי דאָן אין וואַלד, ווען ער האָט צום ערשטן מאָל מיך דערזען בעת ער האָט געפּאַשעט די קי און אויסגעמיטן רעדן מיט מיר?

— איז וויאַזוי זשע איז דיר דאָ, יורעקל? — האָב איך געפרעגט נישט אָפּלאָזנדיק אים פון זיך — איז דיר גוט?

— יאָ, מאַמאַ, עס איז מיר גוט. עס פעלט מיר גאָרנישט.

— גייסט אַמאָל אין דער גאַיוווקע? — האָב איך זיך דערקונדיקט, נישט וויסנדיק אַליין פאַרוואָס אָט די ווערטער האָבן זיך אַרויסגעריסן פון מיין מויל.

— ניין, מאַמאַ, איך גיי נישט מער אַהין. נישטאָ נאָך וואָס. אַלץ דאָרט רואינירט. אַניושקא האָט אַ סך זאַכן צוגענומען נאָכן טאַטנס טויט און איז אַוועק. ווער ווייסט וווהין. אַ שלעכטע אזא. זאָל זי די כאָליערע כאַפּן. נו, נישטאָ פון וועמען צו רעדן.

— ביסט גערעכט מיין קינד. נישט כדאי...

— מיר איז דאָ גוט ביים דיעדושקא, — האָט ער איבערגעחזרט — איז וואָס וועלן מיר איצט טאָן מאַמאַ, האַ? וועסט בלייבן דאָ מיט אונדז. וואָס? נישט

אַזוי? אפשר וועט זיך מיקאָלאַי אָפּזוכן. מען זאָגט, אַז די דייטשן האָבן אים פאַרשלעפּט, אָדער דערהרגעט, ווייל ער איז דאָך... ווייל דו ביסט דאָך אַ... אַ יידישע... זיי די ניעמצעס פלעגן דאָך אָפט קומען אַהער זוכן דיך... און אָט אַזוי — דעם דערהרגעט און יענעם צוגענומען. אַ גוטע כאָלעריע אויף זיי. וואָס? נישט אַזוי?

— יאָ, מיין זון... אַ גוטע כאָליערע אויף זיי!...

— איז ווען ווע׳סטו פאַרבלייבן דאָ, מאַמאַ, וואָס? — האָט ער זיך דער־קונדיקט — דער דיעדושקאַ און באַבושקאַ זענען גוט צו מיר. עס איז מיר גוט ביי זיי.

— ניין, מיין קינד, איך וועל דאָ נישט פאַרבלייבן מער, וואָס וועל איך דאָ טון, וואָס? — האָב איך געזאָגט רעזיגנירט.

— איז וווּ זשע וועסטו גיין? ווּהין? מאַמאַ! די גאַיוווקע איז דאָך שוין נישט אונדזערע מער.

— מיר וועלן זען, מיין זון... מיר וועלן זען... מיר וועלן אַוועק פון דאַ־נען... אַוועק אין דער גרויסער וועלט...

— צו וואָס? — האָט ער זיך שטיל אָפּגערופן, — צו וואָס? דאָ וועט אונדז גוט זיין, מאַמאַ, קיין דייטשן זענען דאָך שוין מער נישטאָ. האָסט נישט מער פאַר ווער מען מורא צו האָבן, מאַמאַ.

— פאַר זיך אַליין, מיין זון, פאַר זיך אַליין...

ער האָט נישט פאַרשטאַנען. געגומען זיך צעפרעגן ביי מיר ווי אַזוי איך האָב געלעבט אין וואַלד און איבערגעקומען די מלחמה. ער האָט מיר דערציילט ווי אַזוי די יידישע הייזער זענען אין דעמידאָווקע און אין שטאָט באַזעצט געוואָרן, אָדער רואינירט. אפילו קיין יארידן קומען איצט מער נישט פאַר און עס איז נאָך שווער מיט שפּייז.

איך האָב אים אויסגעהערט און געשוויגן. מאַריאַ האָט גענומען גרייטן וועטשערע. אַרומגעשלעפּט זיך איבערן שטוב און געמורמלט עפּעס פאַר זיך. אַלעקסיי האָט נישט אויפגעהערט פּאַמפּקען זיין ליולקע און געזעסן אַ פּאַרטראַכטער פאַרן טיש קוקנדיק ווי איך זיץ מיט יורעקן און רעדן צווישן זיך שטיל. עס האָט געמאַכט דעם איינדרוק ווי ער וואָלט זיך אַריבער־געטראָגן אין אַ שווייגעוודיקער וועלט. יעדע ווײַלע האָב איך געכאַפּט אַ בליק צו אים און אים באַטראַכט ווי אַזוי ער זעט אויס. ער האָט זיך גע־ענדערט פאַר דער צייט, גאַרנישט דערזעלבער אלעקסיי. גרויער געוואָרן.

זיצנדיק אַזוי מיט יורעקן, פאַרטיפט אין אָפּגעהאַקטן געשפּרעך, אָדער

שווייגן, האָט זיך מיר אַזוי געגלוסט וויסן צי אין שטוב שטויסט מען זיך אָן ווער עס האָט דערהרגעט פּאַוועלן. איך האָב די גאַנצע צייט געהאַט דעם געפיל, אַז אין אַלעקסייס בליקן און מאַריעס מורמלען פאַר זיך, אָדער שווייגן, ליגט פאַרבאָרגן אַן אומצופרידנהייט. יורעק האָט נישט אויפגע־הערט זיך פונאַנדערפרעגן וויאַזוי איך בין איבערגעקומען דעם וואַלד ווען ער האָט מיר נישט געבראַכט קיין עסן. איך האָב אויסגעמיטן פיל צו רעדן איבער דעם. שפּעטער זענען מיר אַלע געגאַנגען צום טיש עסן. דאָס עסן איז צוגעגאַנגען אין אַ שפּאַנענדיקן שווייגן. איך בין געווען צופרידן ווען איך האָב זיך געקענט אויפהויבן און אַוועק פון טיש. יורעק איז מיר נאָכגעגאַנגען. איך בין געווען אומרואיק, אָבער זיך באַמיט צו פאַרבאָרגן מיין אומרו. וואָלט גיכער אַוועק פונדאַנען. יעדע מינוט איז מיר דאָ אַן אייביקייט. איך האָב נישט אויפגעהערט אַלץ באַטראַכטן, ווי איך וואָלט דאָ אַפּוועזנד געווען שוין יאָרן.

פּלוצים האָב איך באַמערקט אין אַ ווינקל אַ סאַמאָוואַר, וואָס איז געווען טיילווייז איבערגעדעקט מיט אַ שמאַטע, מיין האַרץ האָט אַ פּלאַטער געטון. דער סאַמאָוואַר איז מיר אויסגעקומען אַזוי קענטיק.

— וואָס פאַראַ סאַמאָוואַר איז עס? — האָב איך אַ פרעג געטון יורעקן, וואָס איז נישט אַפּגעטראָטן פון מיר.

— אַנו טרעף מאַמא! — האָט ער געזאָגט מיט צעשטראַלטע בליקן.

— גאָט! דאָס איז דאָך... דאָס איז דאָך...

— האָסט דערקענט, יעי באָהו! — האָט יורעק געזאָגט פריידיק — זאָג, מאַמא, וויאַזוי האָסטו עס דערקענט. טאַקע, אייער סאַמאָוואַר. מיר האָבן אים געבראַכט פון רעטשיצע.

איך בין אַנטציטערט געוואָרן. איך האָב זיך איבערגעבויגן און אַראָפּ־גענומענדיק די שמאַטע גלייך דערקענט דעם סאַמאָוואַר פון מיין טאַטנס היים. אַט דאָ אין איין עק איינגעבויגן אַביסל. איך האָב אים אַלס דרייצן יעריק מיידל איינמאָל געפּוצט מיט רויטע יאַגעדעס און ער איז אַ פאַל געטון פון מיינע הענט. זיך איינגעבויגן און זינט דעמאָלט... גאָט! מיין מאַמעס סאַמאָוואַר! מיין...

עס האָט מיר אָנגעהויבן שטיקן אין האַלדז. יורעק איז געשטאַנען נעבן מיר און מיר דערציילט:

— איינמאָל האָט אַ זאָג געטון די באַבושקע צו אונדז, צו מיר מיט מיקאָלאַיען: „קינדער, גייט זיך דורך קיין רעטשיצע און טוט אַ קוק אויף

אייער זיידנס שטוב. זיכער זענען דאָך דאָרט געבליבן אייניקע זאַכן. אַ שאָד... נו, בין איך און מיקאָלאַי אַוועק אַהין. עס איז שוין מער גאָרנישט געווען, אַלץ האָט מען צעראַבירט. בלויז אָט דער סאַמאָוואַר איז נאָך געווען און מיקאָלאַי האָט אים אַוועקגענומען. שפּעטער בין איך קיין רעטשיצע שוין אַליין געגאַנגען, אָבער אַז איך בין געקומען האָט מען שוין מיר נישט אַריינגעלאָזן. עמיץ האָט שוין דאָרט געוווינט. עס האָט מיר באַנק געטון. דאָך מיין זיידנס שטוב... טאַקע אַ זשיד, אָבער פּאַרט מיין מאַמעס טאַטע!... נו, כאָטש אָט דער סאַמאָוואַר געבליבן, אָבער מיר באַנוצן זיך סיידוי נישט מיט אים. ער איז צעבראָכן.

איך בין נאָך אַלץ געגשטאַנען אַ פּאַרשטומטע, ווי די ערד וואָלט זיך געעפנט אונטער מיר. וויפל זכרונות האָט מיר דערמאָנט אָט דער סאַמאָוואַר. יעדן פרייטיק פלעג איך אים פּוצן צוזאַמען מיט די מעשענע לייכטער, שטויסל, פאַן־פיש און קווארט. איך האָב זיך דערמאָנט וויאַזוי מיין טאַטע שמואל דער שמיד, פלעגט מאַכן דעם סאַמאָוואַר אין די פרימאָרגנס. ער פלעגט אָנוואַרפן הייסע קוילן אין קוימענדל פון סאַמאָוואַר, האָט אַראָפּגענומען פון פוס דעם שטיוול און גענומען מיט דער ברייטער כאַליעווע קלאַפּן אַזוי ווי מיט אַ בלאָזאַק, ביז די קוילן האָבן זיך צעזשאַריעט און דורך די הינטערשטע לעכעלעך איז אַרויסגעפאַלן דאָס אַש. דער סאַמאָוואַר האָט גלייך גענומען זינגען מיט אַזאַ מאָדנעם געזאַנג ביזן פאַרזידן. דאַן האָט די מאַמע אַוועקגעשטעלט אַ טשייניק מיט טיי אויפן דעקל, כדי דער טיי זאָל זיך אָנציען. שפּעטער אַרויפגעשטעלט דעם סאַמאָוואַר אויף אַ בלעכענעם טאַץ, דערלאַנגט צום טיש און גענומען אָנגיסן דעם זודיקן טיי אין די גלעזער. דאַן האָט זי צוגעטראָגן געבאַקענע קיכלעך באַשאָטן מיט צימרינג און צוקער, וואָס האָבן געהאַט אַזאַ אומפּאַרגעסלעכן גוטן געשמאַק. אין שטוב האָט געהערשט אַ יום־טובדיקע אידיליע.

פרייטיק. איך האָב נישט לאַנג זיך געקערט פון שטאָט. דער טאַטע זיצט פאַרן טיש אין זיין ווייסער העמד מיט די מוטערפּערלנע קנעפּעלעך און קאַפּאָטע און גרייט זיך גיין אין שול אַריין צום דאַרפס־מנין. אה, וויפל וואָסערן זענען אַריבער פון דאַן, וויפל וואַסערן!..

דערוויסנדיק זיך, אַז איך בין געבליבן לעבן און געפינען זיך ביי אַלעקסייען, האָבן די ארומיקע באַקאַנטע פויערים פון די כוטאָרעס געקומען מיך באַטראַכטן. אַ וווּנדער וויאַזוי דוניא, די געוועזענע זשידוווקע, איז

געבליבן לעבן, האָבן דאָך שוין אַלע געוווסט, אַז די געשטאַפּאָ האָט מיך אַוועקגענומען נישט געקוקט דערויף, וואָס איך בין שוין לאַנג אַוועק פון מיין גלויבן.

צווישן אַנדערן איז אויך געקומען אַדאַרקאַ, סעריאָזשעס ווייב. אַז זי האָט מיך דערזען האָט זי זיך באַגריסט מיט מיר זייער קאַלט. זי האָט מיך אָנגעקוקט, ווי מען קוקט אָן אַ בייזווונדער. דאַן האָט זי פאַרקוועטשט די ליפּן און געשוויגן. אויף מיינע פראַגן האָט אַדאַרקאַ מיט טרערן אין די אויגן דערציילט, אַז די סאָוויעטן האָבן אַוועקגענומען סעריאָזשען, ווייל ער איז פאַרדעכטיקט געוואָרן אין מיטאַרבעטן מיט די דייטשן. ווער ווייסט ווו ער איז — האָט אַדאַרקאַ געקרעכצט און געהאַכקעט — ווײ איז איר און ווינד. געבליבן מיט די קינדער אַליין. איצט האָט זי מורא, אַז ער וועט זיך שוין קיינמאָל נישט צוריקקערן. מען זאָגט, אַז ער איז פאַרשיקט געוואָרן אין סיביר. קיין שום ידיעה פון אים ביז איצט נישט דער־האַלטן.

איך האָב געשוויגן. איך בין געווען צופרידן, וואָס איך דאַרף איצט נישט אָנקוקן סעריאָזשעס אָפּשטויסנדיקן פּנים. סעריאָזשאַ, וועלכער האָט די לעצטע צייט געפּרוּווט זיך טשעפּען צו מיר, צושטיין, אַז איך זאָל זיך אים אָפּגעבן, ווייל... עס זענען געקומען אַנדערע צייטן. וויפל מאָל האָט ער מיר געגעבן אָנצוהערן מיין יידישקייט און זיך דערלויבט אויף זיינע גראָב־פּויערישע „פלירטן"? — איצט, נישטאָ אויך סעריאָזשאַ. זאָל אויך אַדאַרקאַ פאַרזוכן דעם טעם פון עלנטקייט. נייַן, זי איז אָבער נישט עלנט. זי לעבט צוזאַמען מיט אירע קינדער אויפן זעלבן כוטאָר, באַאַרבעט דעם זעלבן פעלד מיט אירע קינדער. זי האָט זיך נישט באַהאַלטן אין וואַלד אַזוי ווי איך און אירע אַלע קרובים איז גאָרנישט געשען. פאַרוואָס? נאָר גיי און פרעג שאלות די וועגנט, די וועלדער, די וויסטעניש, די מענטשלעכע חיות? גיי פרעג!...

איך האָב אויף אַדאַרקעס רייד נישט רעאַגירט כמעט, געוואָלט, אַז זי זאָל שוין וואָס שנעלער אַוועק און איך זאָל ווידער בלייבן מיט זיך אַליין, מיט זיך און מיט מיין יורעקן. אַ, ווי איך וואָלט שוין געוואָלט אַוועק פונדאַנען. וואָס שנעלער אַוועק. איך האָב דאָ מער גאָרנישט וואָס צו טון. אַלץ איז מיר איצט פרעמד. דערווידער. אומהיימלעך. איך האָב זיך אָבער נישט פאַרגעשטעלט מיט וויפל שוועריקייטן עס וועט מיר אָנקומען דאָס אַוועקגיין פונדאַנען...

אויף מאָרגן, ווען איך בין געקומען אַביסל צו זיך און מיר זענען געזעסן ביי דער וועטשערע, האָב איך אַ זאָג געטון:

— וואָס וועט זיין דער סוף פון דיר, יורעקל? ווי אַזוי קען מען דאָ לעבן אויף דעם כוטאָר, אָן חברים, אָן אַ שול...

— וואָסי דען, מאַמאָ? — האָט יורעק אָנגעשטעלט זיינע בלויע אויגן אויף מיר.

— איך מיין... — האָב איך געזאָגט, פּרווונדיק דערמיט צוגרייטן יורעקן און אַלעקסייען מיט מאַריען צום געדאַנק, אַז איך וויל אים אָוועקנעמען פונדאַנען — אַז עס איז נישט קיין תכלית דאָ אַטאַזוי...

— ער וועט חתונה האָבן... די מיידלעך פון דעמידאָווקע און פון די כוטאָרעס לויפן שוין איצט אים נאָך. ער וועט באַאַרבעטן די פעלדער, פירן די כאַזייסטווע, נו, ווער דען? ער איז דאָך דער איינציקער. עס איז אַלץ פאַר אים. דער איינציקער יורש... נישט אַזוי?... — האָט געזאָגט אַלעקסיי גוטמוטיק.

„אָט דאָס וואָס איך האָב געטראַכט. זיי וועלן זיך נישט וועלן שיידן מיט אים...״ — איז מיר אַדורכגעלאָפן אַ ציטערדיקער געדאַנק.

— חתונה האָבן? — האָב איך געזאָגט מיט שטוינונג — ער איז דאָך נאָך אַ קינד. וואָס ווייסט ער?

— הם... — האָט אַלעקסיי אַ מרוקע געטון פאַר זיך און אַ דריי טוענדיק זיך פאַר די לאַנגע וואָנסעס מער גאָרנישט געזאָגט, נאָר פאַרגעזעצט עסן אַ שווייגעוודיקער. מאַריאַ האָט זיך אָפּגערופן:

— ער ווייסט שוין גענוג. וואָס דען דאַרף ער קענען? ער קען אַלץ. ער קען אַקערן, זייען, אפילו בעסער פון דעם זיידן. נישט אַזוי יורעקל?

יורעק האָט געשוויגן. ער האָט בלויז געוואָרפן זיינע בליקן צו מיר, דאַן צו דער באַבושקא און פאַרגעזעצט צו עסן.

— און איך... איך וווּ וועל איך זיך אהינטון? — האָב איך געפרעגט ערנסט.

— ווי דו ווילסט... — האָט מאַריאַ געזאָגט ברוגזדיק — נישט אונדזערע אַ זאַך. וועסט זיין מיט אונדז, אָדער...

— אָדער וואָס?

— איך ווייס?... ווי דו ווילסט!...

— ניין, — האָב איך געזאָגט האַרט — ער וועט דאָ נישט פאַר־בלייבן...

— נישט פאַרבלייבן? וואָס דען מיינסטו? — איז מאַריאַ אַרויס מיט לשון נישט געקוקט דערויף, וואָס ערשט מיט אַ פּאָר שעה צוריק איז זי ווי איר שטייגער אַראָפּ פון אויוון און נישט אויפגעהערט קרעכצן, אַז זי איז קראַנק.

— דאָרט וווּ איך וועל זיין. — האָב איך געזאָגט אַנטשלאָסן.

— וואָס מיינסטו דערמיט? — האָט מאַריאַ געפרעגט ערנסט — ווילסט גיין צוריק אין דער גאַיעווקע?

— אין דער גאַיעווקע? נאָך וואָס? וואָס וועלן מיר דאָרט טון?

— וואָסי דען? עס איז גוט געווען פאַר זיין טאַטן וועט דאָרט גוט זיין פאַר אים, פאַר יורעקן. — האָט מאַריאַ גערעדט מיט אַנצוהערע־נישן.

— איר פאַרגעסט אינגאַנצן, אַז יענע צייטן וועלן זיך מער נישט צוריקקערן, מאַריאַ — האָב איך געזאָגט אַנרופנדיק צום ערשטן מאָל מיין שוויגער ביים נאָמען — היינט זענען אַנדערע צייטן. די וועלדער גע־הערן נישט מער צו קיין פריצים, נאָר צו אַן אַנדער מאַכט. יורעק וועט קיינמאָל נישט קענען זיין מער קיין גאַיאָווער. און איך... איך וועל קיינמאָל נישט זיין מער אַ מוטער פון אַ גאַיאָוון, פּונקט ווי איך וועל מער קיינמאָל נישט זיין קיין פרוי פון אַ גאַיאָוון. יורעק וועט זיין דאָרט וווּ איך וועל זיין... אַזוי לאַנג ווי איך לעב וועט ער זיין מיט זיין מאַמע צוזאַמען... מיט מיר!...

אַלעקסיי איז געזעסן און זיך נאָך אַלץ נישט אָפּגערופן מיט קיין וואָרט. ער האָט פאַרענדיקט דאָס עסן, האָט זיך אָפּגעווישט דעם שווייס פון שטערן און מיט לאַנגזאַמע באַוועגונגען, ווי זיין שטייגער איז, גע־נומען אַנשטאָפּן מיט טיטיון זיין קרומע ליולקע. ער האָט לאַנגזאַם אויס־געקרעשעט פייער פון זיינע „מכשירים" און זעצנדיק זיך אויף דער „פּולקע" געמאַכט זיך, ווי ער וואָלט נישט געהערט וואָס איך רעד מיט מאַריען.

יורעק איז נאָך אַלץ געזעסן ביים טיש און אויך געשוויגן איצט. אויך ער האָט געהאַלטן ביים פאַרענדיקן דאָס עסן. זיין יונג־צעבליטער פּנים האָט געפלאַמט. ווען ער האָט זיך געוואָלט עפּעס אָפּרופן, האָט מאַריאַ אים אָפּגעהאַלטן דערפון: „דו שוויג, לאָז מיר רעדן...".

מאַריא איז געווען צעטומלט פון מיין אַנטשלאָסנקייט. עס האָט זיך איר גאָרנישט געוואָלט לייגן אויפן זינען, אַז איך וועל אַוועקנעמען יורעקן, הגם זי האָט זיך אפשר געריכט דערויף.

— יעי באָהו, מאַמאַ — האָט יורעק זיך אָפּגערופן צו מיר — די באַבושקאַ איז גערעכט. מיר איז דאָ גוט. דיר וועט דאָ אויך זיין גוט. וועסט אַרבעטן צוזאַמען מיט אונדז און שוין.

נאָך לאַנגן שווייגן און פּאַמפּקען זיין ליולקע האָט אַלעקסיי זיך אויך אָפּגערופן:

— ריכטיק, פּראַווילנאַ, אַזוי צו זאָגן. יורעק איז גערעכט. קיינער, דוניא, טרייבט דיך נישט פונדאַנען. ביסט געבליבן לעבן — אַ דאַנק גאָט. האָסט אַ זכות. עס וועט דיר דאָ גאָרנישט פעלן. ביסט דאָך נאָך אַלץ אונדזער שנור. יורעק איז דיין זון, אָבער ער איז אויך אונדזער אייניקל, אַזוי צו זאָגן. דער איינציקער יורש געבליבן. אַן אים בין איך ווי אָן דער רעכטער האַנט. איך בין שוין אויך נישט אַזוי יונג. וואָס דען, קיינער איז נישט שולדיק, וואָס גאָט האָט אויסגעטראַכט אַ מלחמה אויף דער וועלט. עס וואָלט דאָך אַלץ געווען גוט ווען נישט אָט די פּראָקליאַטע נימצעס...

— אַלעקסיי! — האָב איך אויסגערופן אַנרופנדיק אים אויך ביים נאָמען — נאָך פּאַוועלס טויט קערן מיר זיך מער גאָרנישט אָן. איך בין איצט ווי־דער דינה שמואליק דעם קאָוואַלס טאָכטער. שמואליק דער קאָוואַל, דער אומשולדיקער שמיד, וואָס איז דערשאָסן געוואָרן צוזאַמען מיט אָט די אַלע צו וועלכע איך געהער און בלויז דערפאַר, ווייל זיי זענען יידן. יורעק איז מיין זון און בלויז איך האָב אויף אים די רעכט. ער וועט גיין מיט מיר!

— איז וווּ וועסטו גיין, אַז קיין יידן זענען דאָך שוין במילא מער נישטאָ. — האָט אַלעקסיי גערעדט בנעימותדיק, אויסשפּייענדיק יעדע ווײַלע אויף דער פּאָדלאָגע מיט אַ גרינעם טיטיון - שפּיי — ביסט די איינציקע, וואָס ביסט געבליבן לעבן און אפשר אויך אַ דאַנק דעם, וואָס דו ביסט אַזוי צו זאָגן אַ קריסטין...

— איך בין נישט מער קיין קריסטין! — האָב איך כמעט אויסגעשריגן

— איך בין אַ יידישקע! ווען איך וואָלט געווען אַ קריסטין וואָלט... וואָלט מען מיך נישט צוגענומען... נישט אויסגעגעבן...

— ווער האָט דיך אויסגעגעבן? ווער? — האָט מאַריאַ געפרעגט מיט

דערשראָקענע בליקן — איך פאַרשטיי נישט וואָס דו רעדסט, דוניא. וואָס מיינסטו דערמיט?...

— איך מיין גאָרנישט! גאָרנישט מיין איך נישט!... איך וויל נישט רעדן איבער דעם!... גישט כדאי צו רעדן איבער דעם, אָבער פּרוּווט מיך נישט איינרעדן, אַז יורעק וועט פאַבלייבן מיט אייך!...

— הערט אַ חוצפּה! — האָט מאַריאַ זיך אָפּגערופן ברוגזדיק — איך... מיר... מיר האָבן יורעקן געהאָדעוועט, דערצויגן און זי איז געקומען צום גרייטן, האַ? וואָס זאָגסטו, אַלעקסיי?

— לאָז איר, נאַרישע, באַבאַ, לאָז איר רעדן! זי איז דאָך סוף־סוף זיין מאַמע, צי דו ווילסט צי דו ווילסט נישט.

— איך בין געווען אינגאַנצן אויפגעבראַכט. אַלץ אין מיר האָט געקאָכט. איך האָב אַ נעם געטאָן יורעקן פאַר דער האַנט און געזאָגט מיט האַרץ:

— קום! קום יורעק!!!

יורעק האָט זיך נישט קעגנגעשטעלט. מיר זענען ביידע ארויס אין הויף און פון דאָרט אין פעלד. עס איז געווען אַ מאַי־אָוונט. ארום האָט געשמעקט מיט גראָז און צוויט. אַ שטילער ווינטל האָט געבלאָזן פון פעלד און געגלעט דאָס פּנים. מיר זענען ביידע געגאַנגען שווייגענדיקע. די נאַכט האָט אויסגעשפּרייט אירע שאָטנס אַרום. יורעק איז געגאַנגען פאַרטראַכט אין זיך. ווען מיר האָבן זיך צוריקגעקערט און דערנענטערט צום שטוב, האָב איך דערהערט מאַריעס ווערטער צו אַלעקסייען:

— ווער דאַרף זי דאָ האָבן? זי איז געבליבן לעבן, אַ גוטע כאָליערע אויף איר! זי האָט געקענט בלייבן דאָרט ווו אַלע זשידעס. האַך, האַך, ווען אונדזער פּאַוולויק זאָל דאָך געווען חתונה האָבן מיט אַן אונדזערי־קער, מיט אַ קריסטין, וואָלטן מיר איצט נישט געהאַט אַזעלכע צרות. אָט אַזוי איז עס! דעם וואָלף ציט טאָקע צוריק אין וואַלד אַריין. פריער איז זי אַנטלאָפן פון זיי און איצט וויל זי צוריק גיין צו זיי. וווהין וועט זי גיין, וווהין? זי האָט דאָך זיי אַליין געהאַסט! וויל זי הייסט עס אויך אונדזער יורעקן אָוועקנעמען? ניין! ניין! איך וועל עס נישט דערלאָזן. יורעק איז אונדזערער!...

אַלעקסיי האָט געשוויגן. און מאַריאַ האָט פאַרגעזעצט:

— פאַרוואָס שווייגסטו, אַלעקסיי? וואָס זאָגסטו! האַ?

— איך ווייס נישט וואָס איך זאָל זאָגן — האָט אַלעקסיי געענטפערט אָפּהענטיק.

און נאָך אַ ווײַלע שווייגן זיך ווידער אָפּגערופן:

— איך האָב שוין אַלץ געזאָגט. זי איז דאָך פאָרט זיין מוטער. קענסט דען זי צווינגען, אַז זי זאָל לעבן מיט דיר, אַזוי צוזאָגן? פאַרגעס דערפון מאַריאַ. זי איז נישט מער דיין שנור און דו ביסט נישט מער איר שוויגער. זעסט דאָך, אַז זי רופט אונדז שוין אַז ביים נאָמען און נישט ווי אַמאָל „מאַמאַ" און „טאַטאַ".

מאַריאַ האָט געשוויגן און אַלעקסיי האָט פאַרגעזעצט:

— נו, וואָס קען מען מאַכן, זי מוז דאָך אַמאָל ווידער חתונה האָבן, אַזוי צוזאָגן, און ווידער אָנהויבן אַ ניי לעבן. מיט וועמען וועט זי דאָ איצט חתונה האָבן? מיט וועמען? וועמען וועט זי דאָ געפינען אויפן כו־טאָר?

— זאָל זי חתונה האָבן מיט וועמען זי וויל. וואָס גייט מיר אָן, אָבער יורעק... יורעק איז אונדזערער. איבעריקנס, מיט וועמען קען זי דען חתונה האָבן מיט וועמען? ווער וועט נעמען אַזאַ איינע?...

— עס זענען נאָך מסתמא געבליבן ערגעץ יידן, וואָס האָבן זיך באַהאַלטן אין די וועלדער אַזוי ווי זי. — האָט אַלעקסיי זיך אָפּגערופן מיט ישוב הדעת — נו, זאָל זי איצט גיין צו איר גלויבן. וואָס גייט עס אונדז אָן, מאַריאַ, וואָס, האַ?

— יידן, זאָגסטו? ווו האָסטו דאָ יידן? עס זענען דאָך נישט געבליבן מער קיין יידן. מען האָט זיי אַלע אויסגעהרגעט. — האָט מאַריאַ גע־זאָגט מיט איבערלעכן האַס — אַז זי וויל זאָל זי גיין! זאָל זי גיין! ווער דאַרף זי דאָ האָבן! נישטאָ מיין זון! נישטאָ! טאָ זאָל זי אויך גיין! דאַרף איך זי דאָ נישט מער, אָבער יורעק... יורעקן וועל איך איר נישט געבן! נישט געבן!... ער איז אונדזער פּאַווליוקס זון! ער איז אַ קריסט! ער איז מיין זונס אַ קינד! מיין קינד...

זי איז אַנטשוויגן געוואָרן אַ ווײַלע און דאַן פאַרגעזעצט:

— וואָס וועסטו טון אָן יורעקן, וואָס, האַ? כאָטש גיי אין טייך און דערטרינק זיך! די גאַנצע כאַזייסטווע וועט דאָך גיין צום גרונט.

איך בין געשטאַנען, ווי אַ געליימטע און זיך נישט גערירט פון אָרט.

אויך יורעק האָט מיט אָנגעכמורעטע ברעמען זיך צוגעהערט צו זייער געשפּרעך. אַרום איז געווען טונקל. איך בין געשטאַנען ביי דער טיר, גרייט אריפּצופאַלן צו זי און אַריין אינעווייניק, אָבער איך בין געבליבן שטיין און זיך צוגעהערט צום געשפּרעך... ווען נישט ער. אונדזער פּאַווליוק וואָלט איצט אפשר די לאַגע געווען גאָר אַן אַנדערע... — האָט אַלעקסיי גערעדט

רואיק — מען קען נישט זאָגן, אַז ער... נו, וועגן טויטע איז שוין נישטאָ וואָס צו רעדן, אָבער... ווער אויב נישט ער, אונדזער זון, איז דאָך שול־דיק אין אַלעם...

— שווייג! — האָט מאַריאַ זיך צעשריגן אויף אים — זאָלסט קיין וואָרט נישט רעדן! הערסט? זי זאָל נישט געווען זיין קיין זשידוווקע וואָלט גאָרנישט געשען. מיר האָבן לכתחילה נישט געטאָרט דערלאָזן, פּאַוווליוק זאָל חתונה האָבן מיט אַ נעכרישטשאַנער!

— זי האָט זיך דאָך אויסגעצלימט, געגאַנגען אָפּטמאָל אין קאָסציאָל, אויפגעפירט זיך ווי אַ קריסטין... — האָט אַלעקסיי לויט זיין תמימותדיקער טבע מיך פאַרטיידיקט.

— גענוג, אַלעקסיי! — האָט מאַריאַ נישט נאָכגעגעבן — הינטיש בלוט! ווערסט, זאָג איך דיר, פון אַ זשידוווקע קיינמאָל קיין קריסטין נישט מאַכן. אָט זעסטו דאָך אַליין דעם סוף! אפשר איז גאָטס שטראָף געווען אויף אונדזער פּאַוווליוקן צוליב דעם וואָס ער האָט גענומען אַ זשי־דוווקע! מעגלעך, אַז ער וואָלט נאָך אפשר היינט געלעבט. אפשר האָבן אפילו אירע חברים אַליין, די פּאַרטיזאַנער אים דערהרגעט. אפשר שטויסט זי זיך אָן עפּעס טאַקע. זעסט דאָך, אַז זי האָט אפילו קיין טרער נישט אַרויסגעלאָזט. ווען זי האָט זיך דערוווסט, אַז פּאַוועל לעבט נישט מער. אפילו מיט קיין וואָרט טרויערט זי נישט נאָך אים. היינט פּאַרוואָס האָט זי זיך נישט צוריקגעקערט צו אים בעת זי האָט זיך באַהאַלטן אין די וועלדער, האַ? זאָג, בין איך גערעכט, אַלעקסיי, אָדער נישט?

אַלעקסיי האָט זיך צעבייזערט:

— צוריקגעקערט?... ווי אַזוי? זי האָט מורא געהאַט, אַז מען זאָל איר דאָ נישט קומען זוכן. האָסט דאָך געהערט וואָס יורעק פּלעגט דער־ציילן, אַז זי האָט מורא זיך באַווייזן צו אונדז, אָדער אין דער גאַיוווקע, ווייל די דייטשן קענען איר דאָרט טרעפן. זי האָט אפילו מורא געהאַט, אַז פּאַוועל זאָל וויסן וועגן דעם אַז זי לעבט. אפשר האָט זי זיך דערוווסט, אַז ער האָט זי אויסגעגעבן...

— רעד נישט קיין נאַרישקייטן, אַלעקסיי — האָט מאַריאַ געזאָגט באַטראַכט — פונוואַנען האָט זי געקענט וויסן, אַז פּאַוועל איז זי מער נישט געגרן, האַ? אַז מען האָט זי צוגענומען איז דאָך אפילו קיינער נישט געווען אין שטוב. איך גלויב נאָך ביזן היינטיקן טאָג נישט צי ער,

סעריאָזשאַ איז נישט שולדיק אין אַלעמען. ער, האָט דיר דערציילט אַט די נאַרישקייטן און דו האָסט געגלויבט...

— ניין, ניין, מאַריאַ — האָט אַלעקסיי גערעדט האַרט — נישט קיין נאַרישקייטן. די לעצטע צייט איז ער דאָך אינגאַנצן אַראָפּ פון וועג. פּלעגט שיכורן... אַלץ טאַקע אָט דער הינטישער זון, אָט דער סעריאָזשאַ האָט אים קאַליע געמאַכט. און שפּעטער אָט די אַניושקאַ, די סוקע (הינטיכע). וועד ווייסט מיט וועמען זי האָט געהאַט פאַרבינדונגען. די נקבה. זי איז דאָך פאַרלוירן געגאַנגען ווי אין וואַסער. זיך אַוועקגעשלעפּט מיט וועמען דו ווילסט, פריער מיט אים, שפּעטער מיט די דייטשן און איצט... עד, עד, אַ תכלית געוואָרן! אַן אומגליק האָבן זיי געבראַכט אָט די בימצעס און שוין! אַן אומגליק!

ביידע זענען אַנטשוויגן געוואָרן. אין דעם האָב איך אויפגעפּראַלט די טיר און בין אריין אין שטוב. יורעק איז אריין נאָך מיר. אין שטוב איז שוין געווען טונקל, אָבער נישט מאַריאַ און נישט אַלעקסיי האָבן אָנגעצונדן די „סוועטילקע".

יורעק איז צוגעגאַנגען צו אַלעקסייען, וואָס איז געזעסן אין דער טונקל און געדרויכערט, און אַ פרעג געטון:

— וואָסי, דיעדושקאַ, וואָס זיצסטו אַזוי אומעטיק? און דו באַבושקאַ? וואָס זענט איר אַזוי אומעטיק? האָ? עס וועט זיין גוט. וואָס אַזוי פאַרזאָרגט? האָ?

— די באַבושקאַ איז פאַרזאָרגט הלמאי דו ווילסט אונדז פאַרלאָזן.

— האָט אַלעקסיי געזאָגט שטיל און אין זיינע אויגן האָט אַ גלאַנץ געטון אַ טרער.

— ניע באָיס (האָב נישט קיין מורא) דיעדושקאַ, איך וועל אייך נישט פאַרלאָזן. — האָט יורעק טרויעריק אַ שמייכל געטון.

— נו, די מאַמע דיינע. — האָט מאַריאַ געזאָגט אויסמיידנדיק צו קוקן אין מיין זייט.

יורעק האָט מעשה באַלעבאָס געמאַכט פייער און געפּרוווט טרייסטן זיין באָבע און זיידן:

— די מאַמע מיינע וויל נאָר, אַז איך זאָל זיך נאָך לערנען. איך זאָל מיט איר גיין וווינען אין שטאָט. דאָ איז, זאָגט זי, אַזוי אומעטיק געוואָרן און זי קען מער נישט פאַרבלייבן דאָ נאָך אַזאַ חורבן.

איך בין געזעסן און זיך צוגעהערט צו מיין זונס מיושבדיקן רעדן און געקוקט, ווי זיין יינגלשער פּנים איז צעגליט. ער איז פּלוצים צוגעגאַנגען צו דער אַלטער מאַריען, זיך צוגעזעצט צו איר און געזאָגט אַרומנעמענדיק איר פּאַר דער פּלייצע:

— יעי באָהו, באַבושקאַ — האָט ער זיך אַ קלאַפּ געטון מיטן פויסט אין האַרצן — כרעסט מענע פּאַבעי (דער צלם זאָל מיך באַשטראָפן), אויב איך וועל נישט קומען צו אייך יעדן טאָג. די מאַמע זאָגט, אַז אויב מיר וועט נישט געפעלן צו וווינען אין שטאָט וועל איך קענען קומען צוריק צו אייך...

— זונעלע מיינער, יורעקל — האָט מאַריאַ אים צוגעטוליעט צו זיך און אַ קוש געטון אין קאָפּ — איך האָב געמיינט, אַז דו וועסט מער קיינמאָל פון אונדז נישט אַוועק. געמיינט, וועסט חתונה האָבן און אַריינ־נעמען אַ טאָכטער אין שטוב און זיין אַ באַלעבאָס, ווי דיין טאַטע איז געווען, אָבער איצט, ווען דו וועסט אַוועק... צו ווען וועלן מיר זיך אָפּרופן מיט אַ וואָרט? זאָג אַליין. מיר ווערן אַלט. פאַר ווען וועט עס אַלץ בלייבן? וועסט אַוועק וועסטו פאַרגעסן אין אונדז. איך ווייס עס... מיין האַרץ זאָגט עס מיר...

— פאַרוואָס מיינסטו אַזוי, באַבושקאַ? — האָט יורעק געפרעגט האַ־פּערדיק.

— נו... דיין מאַמע וויל דאָך, אַז דו זאָלסט גאָר ווערן אַ גראַמאַטנער, אַט ווי זי... וועסטו שוין זיכער פאַרגעסן אָן אונדז... מיר זענען דאָך שוין, וואָס עס וועלט פון די גראַמאַטנע און צו וואָס אַט די גראַמאַטע פירט...

— גערעכט, מאַריאַ. — האָט אַלעקסיי זיך אָפּגערופן — וואָלט געווען ווייניקער גראַמאַטנע אויף דער וועלט וואָלטן אַזוי פיל צרות נישט גע־ווען... עך! עך!...

— דאָס איז ריכטיק. — האָב איך זיך שוין אויך אָפּגערופן. — עס איז אָבער אַנבאַלאַנגט אויף וואָס מען פאַרנוצט אַט די גראַמאַטע. דער מענטש איז שלעכט. די חיות אין וואַלד זענען מיר ליבערשט געווען, ווי די מענטשן. איך בין אַנטוישט אין אַלץ און אין אַלעמען. איך וויל איר זאָלט מיך פאַרשטיין. איר האָט מיר פריער פאַרגעלייגט, אַז איך זאָל דאָ פאַרבלייבן מיט אייך. איך פאַרשטיי אייער געמיט, אָבער איר מוזט אויך מיך פאַרשטיין. צי קען איך דאָ מער פאַרבלייבן? צי קען איך נאָך דאָ באַטרעטן די זעלבע סטעזשקע, וווּ יעדער טראָט דערמאָנט אַזוי־

פיל ליידן און פּיינלעכע זכרונות? ניין, איך האָב צו אייך גאָרנישט. איך ווייס, אַז מיין קינד איז אייך טייער. איך גיי אייך נישט אָן, נאָר מיין קינד און דאָס איז פאַרשטענדלעך. איך בין אַ יידישקע, געווען אַמאָל אייער שנור און יורעק, יורעק איז, לויט אייער מיינונג, אייער קינד. אייער זונס קינד. איר האָט אים דערצויגן, געכאָוועט, ער העלפט אייך אין דער כאַזייסטווע, אָבער פאַרגעסט נישט, אַז איך האָב אים געטראָגן אונטער מיין האַרץ. ער איז מיין קינד. סטעפּא און פּאַוועל זענען געווען קודם כל די קינדער פון זייער מוטער...

איך האָב זיך באַמיט רעדן שטיל און רואיק און נישט דערצערנען זיי נאָך דעם ווי איך האָב געהערט זייער געשפּרעך הינטערן טיר.

— פאַרשטייסט דוניא — האָט אַלעקסיי זיך ווידער אָפּגערופן — מיר האָבן צו דיר גאָרנישט, אַזוי צו זאָגן. דו האָסט חלילה אונדזער זון נישט געהרגעט. בינסט געווען ביי מיר אַ גוטע שנור, פאַרשטייט זיך, אַז דו מוזט דיין לעבן בויען ווייטער. דו ביסט נאָך יונג. אונדז אָבער איז זייער נישט גוט, אפשר ערגער פון דיר. יורעק איז אונדזער אויג אין קאָפּ. מיר קענען זיך אָן אים נישט באַגיין. מיר זענען אַזוי גע־ווינט צו אים...

— יאָ, איך פאַרשטיי אייך זייער גוט — האָב איך גערעדט ווייך — איך פיל אייך מיט, אָבער איך קען דערצו נישט העלפן. איך בין דאָך אַ מאַ־מע. איך זאָג אייך צו, אַז אויב נאָר עס וועט זיין מעגלעך וועל איך שטיין מיט אייך אין קאָנטאַקט. איך וויל זיין די דערציערין פון מיין קינד און נישט עמיץ אַנדערש. איך און נאָר איך האָבן די רעכט דערצו.

יורעק איז אומעטיק געוואָרן. ער איז געזעסן אויף דער באַנק נעבן מאַריען און געשוויגן. זיינע אויגן זענען געווען פאַרטראַכט. קענטיק גע־ווען, אַז אויך ער האָט עס איבערגעלעבט. דאָך איז ער נאָך געווען אונטערן איינדרוק פון מיינע רייד אין פעלד, בעת איך האָב אים ענדלעך איבערצייגט, אַז ער זאָל מיטפאָרן מיט מיר. נישט לייכט איז עס מיר אָנגעקומען. ער האָט צום אָנהייב נישט געוואָלט הערן דערפון. ניין, ניין, ער וועט נישט פאַרלאָזן דעם דיעדושקאַ און די באַבושקאַ. ער וועט נישט אַוועק פון כוטאָר. אים איז דאָ גוט און שוין. איך האָב לאַנג גערעדט צו אים, אים צוגעזאָגט קומען צוריק אַהער, ווי נאָר עס וועט זיין מעגלעך. ער וועט פאָרן מיט מיר. אַז איך וועל זען, אַז עס איז

אין ערגעץ נישט גוט אויסער דאָ אויפן כוטאָר וועל איך זיך אַליין אויך צוריקקערן אַהער.

מײַנע צוזאָגן האָבן אים איבערצײַגט. ער האָט אויך קיין רגע זיך נישט געקענט פאָרשטעלן, גייענדיק מיט מיר איבערן פעלד פאַרטיפט אין גע־שפּרעך וועהין דער גורל, וועט אים, דעם „שגץ״ יורעק ליאסקאָוויטש, מיין זון יורעק, שפּעטער פאַרפירן און וואָס פון אים וועט שפּעטער ווערן...

— ✶ —

אין שטוב האָט געהערשט אַ טויטע שטילקייט ווען מיטן פרימאָרגן איז געקומען די שעה פון שיידונג. נאָכדעם ווי אין משך פון דער פאַריקער נאַכט האָב איך נאָך לאַנג אײַנגעטענהט מיט מײַנע געוועזענע שווער און שוויגער, אַז זיי זאָלן אײַנשטימען ענדלעך לאָזן יורעקן פאָרן מיט מיר. נישט לײַכט איז עס מיר אָנגעקומען. געניג רייד און טרערן זענען אָוועקגעלייגט געוואָרן.

— געדענק, זונעלע, זאָלסט נישט פאַרגעסן דיין אַלטן געטרייען זיידן — האָט אַלעקסיי אַרומגענומען יורעקן און אים געדריקט צו זיך — נו, וואָס קען מען מאַכן. מסתמא האָט דער הייליקער יעזוס אַזוי געוואָלט. מיר... מיר האָבן פאַרזינדיקט, וואָס גאָט האָט געמאַכט אַזאַ צעמישעניש אויף דער וועלט.

אַז יורעק איז צוגעגאַנגען צו מאַריען זיך געזעגענען מיט איר, האָט מאַריאַ זיך פאַרצויגן מיט אַ הויכן כליפּ־געוויין, ווי זי וואָלט באַגלייט אַ טויטן אויף יענער וועלט:

— האָך, טייערינקער, וועהין גייסטו אוועק? אויף וועמען לאָזטו אונדז איבער, אויף וועעמען?

איך האָב זיך געשטיקט מיט מײַנע אייגענע טרערן. דאָס איז געווען פאַר מיר אַן איבערלעבונג. בעת איך בין געווען אין וואַלד, איז מיין כאַ־ראַקטער געווען פאַרהאַרטעוועט. קיין געוויין האָט נישט געווירקט אויף מיר און נישט קיין טויט. איצט אָבער, נאָך דער באַפרייאונג, בין איך ווידער געוואָרן די אַמאָליקע דינה, מיט געפיל און סענטימענט. אייגנטלעך האָב איך דאָך גאָרנישט צו אָט די מענטשן און די שיידונג איז מיר אויך אָנגעקומען שווער.

מיט אַ פאַרוויינטן פּנים האָט מאַריאַ גענומען צוגרייטן יורעקס אָפּפאָר.

זי האָט אַריינגעטראָגן פון קעמערל אַ פּאָלניצע ברויט, אַ שטיק חזיר־פּעטס. אַרויסגענומען פון קופערל אַ פּאָר לייוונטענע הויזן, אַ העמד און אַ פּאָר פּאַסטאָלעס, וואָס אַלעקסיי האָט געפלאָכטן ספּעציעל פאַר אים.

— נאַ, נעם, — האָט אַלעקסיי געזאָגט באַטראַכטנדיק די פּאַסטאָלעס צי זיי זענען פון זעלבן גרויס, וואָס יורעק טראָגט — איך האָב דאָך אָט די פּאַסטאָלעס ספּעציעל געפלאָכטן פאַר דיר. וועסט גיין וועסטו זיך דער־מאָנען אין זיידן.

יורעק האָט אַלץ אַריינגעלייגט אין טאָרבע און איז געווען צעטומלט. ער האָט געשמייכלט דורך טרערן. ווען ער איז געווען גרייט צום אַוועקגיין, האָט מאַריאַ געזאָגט צו אים:

— יורעקל, גיי צו צו דער איקאָנע, צו דער „הייליקער מוטער” און צום הייליקן קריסטוס און הייליקן מיקאָליי און צלם זיך איבער. דו לאָזט זיך דאָך אין וועג אַריין.

יורעקל האָט לאַנג נישט געטראַכט. ער האָט בלויז אַ בליק געטאָן צו מיר, האָט זיך אַראָפּגעלאָזט אויף די קני פאַר די קרוציפיקסן און איקאָנעס און גענומען זיך צלמען. אויך מאַריאַ און אַלעקסיי האָבן נישט אויפגעהערט זיך צלימען.

איך האָב זיך אָפּגעקערעוועט אין אַ זייט און דערשטיקט אין זיך אַן אומהיימלעכן געפיל. איך האָב שוין געוואָלט זיין אויסער דעם כוטאָר. יו־רעקס האַנדלונג איז מיר אויסגעקומען לעכערלעך. ניין, ניין, איך וועל זיך מער נישט צלימען און נישט קניען פאַר די יעניקע געטער אין וועמענס נאָמען עס איז געקרייציקט געוואָרן מיין טאַטע, מאַמע, שוועסטער און ברידער און מיליאָנען אומשולדיקע יידן. אָ, ווי נאַריש עס איז געווען וואָס איך האָב אַמאָל זיך געשיצט אונטער די דאָזיקע איקאָנעס!...

ענדלעך האָב איך און יורעק פאַרלאָזן אַלעקסייס כאַטע. מאַריאַ און אַלעקסיי זענען אונדז נאָכגעגאַנגען. מאַריאַ האָט נישט אויפגעהערט כלי־פּען. אַלעקסיי איז געגאַנגען מיט פאַרטראַכטע טריט. פון צופיל גערירטקייט איז אים דאָס גיין אָנגעקומען שווער. ווי שטאַלץ און האַרטנעקיק ער איז נישט געווען האָט ער אויסגעזען צו זיין איינגעבראָכן פון דעם אָפּשייד.

צוקומענדיק צום ראַנד פון שליאַך, וואָס האָט געפירט קיין דעמידאָווקע, האָט אַלעקסיי זיך פלוצים דערמאָנט:

— האָך, אינגאַנצן פאַרגעסן. דאָך געקענט אייך אָפּפירן ביז דעמידאָווקע מיט די אָקסן.

— ניין, ניין, נישט נויטיק. — האָב איך געזאָגט — מיר וועלן טרעפן אַ פורל אויפן וועג. עס איז נישט ווייט. גייט צוריק. קערט זיך אום.

יורעק האָט געשוויגן אין זיינע אויגן זענען געשטאַנען טרערן. זיין פּנים איז געווען בלייך. קענטיק געווען אין זיין זשענירונג, אַז ער גייט אָן חשק, עס איז אים שווער, זיך שיידן מיט זיין אַלטן דיעדושקאַ און באַבושקאַ. ער איז אָבער זיכער, אַז ער וועט זיך צוריקקערן אַהער. צוזאַמען מיט מיר, מיט זיין מוטער, וועט ער נאָך דאָ קומען. ווי קען דען זיין אַנדערש?

— גייט און גאָט זאָל זיין מיט אייך! — האָט אַלעקסיי געזאָגט ערנסט — נו, מען קען נישט העלפן. אָט דאָס איז עס, אַזוי צו זאָגן!...

ער האָט מיר אויסגעשטרעקט זיין פעסטע פּויערישע האַנט און געזעגנט מיט אַ געוויסער קאַלטבלוטיקייט און באַדויער. דאַן איז ער געבליבן שטיין און זיך מער נישט גערירט פון אָרט. בלויז מאַריאַ איז נישט אָפּגעטראָטן און פּלוצים אַרויפגעפאַלן יורעקן אויפן האַלדז און נישט אָפּגעלאָזן פון אים. יורעק האָט זיך קוים באַפרייט פון אירע אָרעמס. זיין פּנים איז נאַס געווען פון אירע טרערן.

— נישט זאָרג, נישט זאָרג, באַבושקאַ. — האָט יורעק אַרויסגעשטאַמלט מאַכנדיק זיך האַפערדיק. דאַן האָט ער זיך אויך אַרומגעאַרעמט מיט אַלעקסייען. אַלעקסיי האָט אים געקושט אין שטערן און זיך שרעקלעך צעוויינט. צום ערשטן מאָל, אַז איך זע אַלעקסייען אַזוי וויינען. גרויסע טריבע טרערן זענען געפאַלן פון זיינע אויגן.

מאַריאַ איז נאָכגעגאַנגען נאָך אונדז עטלעכע טריט און געבליבן שטיין פאַרציטערנדיק זיך אין אַ לאַנג יאָמערדיק געוויין, ווי אין אַ לוויה. זי און אַלעקסיי זענען לאַנג נאָך געשטאַנען און אונדז נאָכבאַגלייט מיט די וויינענדיקע בליקן, ביז מיר זענען פאַרשוואונדן געוואָרן פון זייערע אויגן. פאַרשוואונדן געוואָרן אויף שטענדיק.

דעם גאַנצן וועג האָט זיך מיר אויסגעדוכט, אַז איך הער נאָך דעם פאַרצויגענעם געוויין פון מאַריען. איר געוויין האָט — איך ווייס נישט פאַרוואָס — זיך צונויפגעמישט אין מיינע אויערן מיטן געוויין פון מיין מאַמע בעת איר אָוועקגיין מיט יאַרן צוריק פון מיין גאַיוווקע. „גיי! גיי! גיי!" — האָבן נישט אויפגעהערט קלינגען מיינע ווערטער אין מיינע אייגענע אויערן. „באַדענק זיך, דינה, באַדענק זיך! געדענק! געדענק! געדענק! קער זיך אום! קער זיך אום! קער זיך אום!..."

יאָ, איך האָב זיך מער נישט געדאַרפט באַדענקען. איך האָב פעסט אָנגענומען יורעקן ביי זיין וואַרעמער האַנט און זיך איינגעקלאַמערט מיט מיינע פינגער אין איר.

— קום יורעקל, קום! קום! קום! — גיכער! קומממם! —

## נישט פאַרענדיקטער סך־הכל

טייערע שוועסטער מיינע! דאָס איז א טייל פון מיין לעבנסגעשיכטע. דער סך הכל איז נישט קיין פאַרענדיקטער. איך האָב נאָך אַזויפיל אויף מיין הארצן. נישט אַלץ קען מען דערציילן. פאַראַן זאַכן, וואָס מען קען נישט אַנקליידן אין ווערטער. דאָס זענען שטומע געפילן, וואָס קענען נישט אויסגעדריקט ווערן אויף פאַפיר, אָבער נאָכן באַקענען זיך וועסטו זיי פאַרשטיין.

איצט אורטייל מיך, אָדער באַדויער. ווען דו וועסט מיך טרעפן אין גאַס, (אַמאָל אויך אין קינאָ, טעאַטער, אָדער אויף אַ פאַרוויילונג), שעם זיך נישט און קום צו צו מיר. שטעל מיך אָפּ און פרעג וואָס דו האָסט צו פרעגן. איך דאַנק דיר, וואָס דו האָסט געהאַט געדולד מיך אויסצו־הערן ביז צום סוף. ווי גוט עס איז ווען עמיץ וויל דיך אויסהערן. עס ווערט לייכטער דאָס געמיט. אַ מענטש איז דאָך דערפאַר אַ געזעלשאַפטלעכע חיה. קען זיך אויסרעדן דאָס הארץ. אויך דו, ווי איך, טייערע אומבאַקאַנטע שוועסטער מיינע, האָסט זיכער וואָס צו דערציילן. אויך דו, ווי איך, לעבסט מיט אַ פאַרשטעלטן פנים. גייסט אין גאַס און קיינער ווייסט נישט וועלכע פאַרשלאָסענע וועלט דו טראָגסט מיט זיך. וואָלט עמיץ גע־ווּסט וואָלט ער דיך געליבט, ווי איך ליב דיך ביי אונדזער באַקענונג. קעגנזייטיקע פאַרשטענדעניש, מיטגעפיל און טאָלעראַנץ. — דאָס איז אַלץ!...

זאָל מיין ווידוי זיין אַ סימבאָל פאַר דיר, ווי עס איז געווען פאַר מיר, אז גאָט קען נישט לעבן אין וואַלד, אין קיין דזשונגל, אז גאָט איז — אָט דאָס מענטש־געפיל און מיטגעפיל אָן שום צערעמאָניעס. אָבער כדי דאָס פאַרשטיין מוז מען פריער געטובלט ווערן אין פלאַקער און פייער — ווי איך בין געטובלט געוואָרן, ווי איך! — — —

### ס ו ף

# שאַפונגען פון העלען בורקאַ:

1. **די טאָכטער פון ירושלים**
(געדרוקט אויך אין „טאָג־מאָרגן־זשורנאַל")

2. **רעייתו של חייל** (עברית, דערשינען אין מערערע אויפלאַגעס)

3. **אַ חתונה** (טאַשן־פאָרמאַט)

4. **הגיבור האחרון של אל־פתח**
(עברית, דערשיינט אויך אין ענגליש און אַראַביש)

5. **טעכטער פון ישראל**
(געדרוקט אויך אין „טאָג־מאָרגן־זשורנאַל")

6. **גאָט לעבט נישט אין וואַלד**
(צוויי ווערסיעס. דערשינען אויך אין דייטש און געדרוקט געוואָרן אין „קענעדער אדלער" א.נ. „ליבע און גלויבן")

דערשיינט בקרוב:

7. **אויפן שיידוועג** (אויך אין עברית)

8. **יורעק דער ישיבה-בחור**